This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

1

1973

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

עלפטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע

1 יאַנוואַר

1973

אינהאַלט

זײַט

פּובליציסטיק

אונדזער היימלאנד — דער סאָוועטנפאַרבאַנד (בריוו, אויס־צוגן פון ארטיקלען און רעפּאָרטאַזשן) . . . . 4 — 24

מענדל ליפשיץ. אווטאָביאָגראַפישע פּאָעמע . . . 25
כאַים מעלאמוד. קאַלטס און ווארעמס (ראָמאַן). צייכענונגען פון ג. קראַווצאָוו 32
איטשע באָרוכאָוויטש. הויכע שײַטערס (לידער) . 91
שמועל פּערסאָוו. וועגן־אומוועגן (פּיעסע) 96
הירש רעלעס. דערמאָנונגען (לידער) 130
כאַיםביידער. מיט פרישקײַט פול — א נײַער טאָג (לידער) 132
אַלעג טומאַנאָוו. דרײַ נאָוועלן 134
כאַנע ווײַנערמאַן. פון די פאָלקס־קוואלן (מיניאַטיור־לידער) 146
הערש רעמעניק. כאַנע ווײַנערמאַן 148
בער האלפּערן. מײַן ייִכעס 150
מאקס פּאָליאַנאָווסקי. באגעגענישן מיט אינטערע־סאַנטע מענטשן 155
דאָס וואָרט פון אונדזערע ארגענטינער פרײַנט. צאַלעל בליץ. אין יענע טעג און אין די איצטיקע; יאָסל גאָלדבערג. דער שטראַל, וואָס ליכטיקט אין מײַן הארץ (ליד); מ. זאָקין. פערציק יאָר „איפּט" 166—175

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

ארן ראַסקין. כ.־נ. ביאַליק אין זײַנע בריוו און גע־שפּרעכן 176
פאַרשיידנס 186
כראָניק 133, 175, 185
נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 188
מענדל גאָלדמאַן. א וועטעראַן פון דער ייִדישער סאָוועטישער בינע 190

מוישע שאַפּירא. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . 191

הויפּט־רעדאַקטאָר
א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,
ט. גען, נ. לוריע, מ. לעוו,
כ. מאַלטינסקי, ב. מילער,
כ. מעלאמוד, ס. פרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר
י. טשיטשעלניצקי


1973
מיר ווינטשן אײַך
א גליקלעך
און שעפעדיק יאָר!

אונדזער היימלאַנד — דער סאָוועטנפאַרבאַנד

די צ׳יעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע רופט די סאָוועטישע ייִדן, זיי זאָלן פאַרלאָזן די היים פון זייערע עלטערן און אורעלטערן, די ערד, אַף וועלכער זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, זיי זאָלן פאַרלאָזן זייער באַליבטע אַרבעט, זייערע דירעס, אַלץ, וואָס איז זיי אייגן און טײַער, ווײַל — „דאָס איז גאָלעס“. זי רופט, זיי זאָלן פאָרן קיין ייִסראָעל, אין לאַנד פון די פאַרצײַטיקע אָוועס, ווו עס וואַרט אַף זיי דער גאַניידן־האַטאַכטן (דער גאַניידן אַף דער־וועלט). לויט אָט דער פּראָפּאַגאַנדע באַקומט זיך שיִר ניט אַ נײַער וואַריאַנט פון דער לעגענדע: פונקט ווי מיט דרײַ טויזנט יאָר צוריק, ווען די אוראַלטע ייִדן האָבן געוואַנדערט אין דער מידבער, פאַלט דאָרט אויך איצט מאָן פון הימל און דער מאָן האָט אַלע טאַמען, איינער געשמאַקער פונעם אַנדערן. קום צו פאָרן און קלײַב אויס, וועלכן טאַם דו ווילסט.

פאַראַן אַזעלכע, וועלכע האָבן, צום באַדויערן, זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער צ׳יעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אָבער ווי נאָר זיי זײַנען אַרופגעטראָטן אַף דער ערד פון ייִסראָעל, האָבן זיי באַלד דערפילט דעם עמעסן טאַם פונעם מאָן, דערזען די עמעסע גליקן פונעם גאַניידן־האַטאַכטן. די סאָוועטישע געזאַנדשאַפטן אין פאַרשיידענע לענדער, דאָס סאָוועטישע אויסערן־מיניסטעריום, דער אויבער־סאָוועט פון פססר ווערן פאַרפלייצט פון בריוו און מעלדונגען פון געוועזענע סאָוועטישע בירגער מיט דער האַרצרײַסנדיקער ביטע: דערלויבט אונדז זיך אומקערן אין אונדזער היים, קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס איז שוין פונקט דער הייפעך פון די געשרייען „שלח את עמי“. זיי בעטן שוין ניט אַרויסלאָזן, נאָר אַרײַנלאָזן זיי. אין פּילצאָליקע בריוו און מעלדונגען ווערן אַף אַ פאַרשיידענעם אויפן מאָטיווירט די סיבעס, פאַרוואָס די אַרויסגעוואַנדערטע ווילן ניט בלײַבן אין ייִסראָעל. נאָר דער הויפּט־מאָטיוו, וועלכער ווערט איבערגעכאַזערט אין אַלע בריוו און מעלדונגען, איז אײַנקורצן אַזאַ:

— אַ מענטש, וואָס איז צוגעוווינט צום סאָוועטישן לעבנס־אויפן, פילט זיך דערדריקט, ווען ער פאַלט אַרײַן אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און מיליטאַריסטישן טשאַד, אין אַ סוויווע פון רעליגיִעזן און ראַסעווון פאַנאַטיזם, אין אַן אַטמאָספער, ווו איין מענטש איז דעם צווייטן אַ וואָלף. אַזעלכע באַדינגונגען און אַזאַ סוויווע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר ייִסראָעל.

אין דעם איבערזיכט, וואָס מיר דרוקן דאָ, ווערן געבראַכט די ווײ־געשרייען אין בריוו פון געוועזענע סאָוועטישע בירגער, וועלכע זײַנען זיך מישטאַדל, מע זאָל זיי דערלויבן אומקערן זיך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי אויך די ביטערע דערמאָנונגען פון אַזעלכע, וועלכע האָבן שוין אַזאַ דערלויבעניש, צו זייער גליק, באַקומען און זיך אומגעקערט; עס ווערן געבראַכט אויסצוגן פון אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן פון קאָרעספּאָנדענטן פון דער אויסלענדישער פּרעסע, וועלכע האָבן באַזוכט ייִסראָעל און זיך באַקאַנט מיט דער ווירקלעכער לאַגע פון די געוועזענע סאָוועטישע בירגער, אויסצוגן פון רעפּאָרטאַזשן אין דער סאָוועטישער פּרעסע.

ווײַאַזוי מע איז מעקאַבל־פּאָנעם די אוילים פון סאָוועטנפאַרבאַנד

„אליאַ" באַטײַט אין איווריט „אַרופשטײַגן" (געמיינט: אפן באַרג ציִען). פונדאַנען שטאַמט דער נאָמען „אוילים", ווי מע רופט אין ייִסראָעל די אימיגראַנטן, — אַרופשטײַגנדיקע. אָבער די הײַנטיקע ייִדן, וועלכע פאָרן קיין ייִסראָעל, טראַכטן אפילע ניט וועגן דעם באַרג ציִען. עס אינטערעסירט זיי מער פּראַקטישע זאַכן. ווי נאָר זיי באַקאַנען זיך נעענטער מיט דער מעדינע, ווערן זיי אַנטוישט.

די אַנטוישונג הייבט זיך אָן שוין דעמלט, ווען דער אַעראָפּלאַן פון דער קאָמפּאַניע „על־אל" קומט צו פליִען אין טעל־אוויווער אַעראָפּאָרט לוד.

סאַכאַקל עטלעכע מינוט געדויערט דאָס באַגריסן זיך מיט די קרויווים, און באַלד פאַלן די אוילים אַרײַן אין די קאַלטע הענט פון טשינאָווניקעס פונעם מיניסטעריום פאַר אופנעמען די אימיגראַנטן. זיי באַגעגענען זיך מיט פאָרשטייער פון דער ייִדישער אַגענץ, מע פירט זיי אַרײַן אין אַ קליין צימערל, ווו זיי דאַרפן דורכמאַכן די ביז גאָר ניט אָנגענעמע פּראָצעדור פון באַקומען פאַר זיך אַ שטענדיק וווין־אָרט. די אימיגראַנטן, וועלכע פאַרמאָגן אַ הויכע קוואַליפיקאַציע און הויכבילדונג, שיקט מען אַוועק אין די צײַטווײַליקע אופנעם־צענטערס (בייט־אולפּאָנים), ווו מע האַלט זיי פינף כאַדאָשים, ביז זיי וועלן באַהערשן די שפּראַך איווריט. די איבעריקע שיקט מען גלײַך אָפּ אין זייערע וווין־ערטער, וועלכע ווערן פאָרויס באַשטימט מיצאַד די טשינאָווניקעס. די וווין־ערטער געפינען זיך אין ערשט ניט לאַנג צוריק אויסגעבויטע ייִשווים, ווײַט פון די צענטראַלע ראַיאָנען פון לאַנד. די נײַע דירעס, וואָס די אימיגראַנטן באַקומען, רופן אַרויס קינע און אופרעגונג בא די טוישווים פון ייִסראָעל, וועלכע לעבן אין שווערע וווינונגס־באַדינגונגען, און די אופרעגונג גייט אַריבער אין סינע: אַ טוישעוו פון ייִסראָעל האָט פײַנט דעם אימיגראַנט.

פאַר די ייִדן, וואָס אימיגרירן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָן דער ווילקירלעכער באַשלוס פונעם רעגירונגס־טשינאָווניק וועגן דעם שטענדיקן וווין־אָרט און וועגן דער אַרבעט פונעם אוילע ברענגען צו גאָר שווערע פאָלגן. אָפּטער פון אַלץ ווערט דער אוילע פאַרוקט אין איינעם פון די פּראָווינציעלע ייִשווים, ווו ער קאָן ניט געפינען קיין אַרבעט לויט זײַן פאַך. און די רעגירונג גיט אים ניט קיין מעגלעכקײַט צו אַריבערקלײַבן זיך ערגעץ אַנדערש.

די נײַע הײַזער, אין וועלכע מע באַזעצט די אימיגראַנטן, זײַנען אויסגעבויט אין אײַלעניש און מאַכן אַ דערדריקנדיקן אײַנדרוק. מיט שולן פאַר די קינדער און מיט געזעלשאַפטלעכער באַדינונג האַלט דאָ גאַנץ שמאָל.

(פונעם זשורנאַל „ניו־יאָרק טײַמס מעגעזין")

אַראַד — אַ שטעטל אין נעגעוו

אין איינעם פון די זונטיק־נומערן פון דער ייִסראָעל־צײַטונג „דזשערוזאַלעם־פּאָסט" ווערט דערציילט וועגן אַ „שמועס אַרום רונדן טיש" מיט אימיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע וווינען איצט אין שטעטל אַראַד.

ווען עסטער פישמאַן איז אַהער געקומען, האָט זי דערזען טרוקענע ערד, אַן עמעסע לעוואָנע־לאַנדשאַפט. עסטער און איר מאַן וולאַדימיר האָבן געקראָגן אַרבעט סאַכאַקל אָף... דרײַ טעג. אפן פערטן טאָג האָט זיך פאַר זיי געשטעלט די פראַגע — פון וואָס לעבן ווײַטער? זיי האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן זוכן אַרבעט אין טעל־אוויוו, נאָר מע האָט זיי אָפּגעזאָגט, ווײַל אין פישמאַנס דאָקומענטן שטייט דער שטאַמפּ „אַראַד".

וויינט איצט עסטער פישמאַן: וואָס זאָל איך שרײַבן קיין אָדעס? אַז קיין אַרבעט איז ניטאָ? אַז פון וואָס צו לעבן איז ניטאָ? אַז קיינער וויל אונדז ניט אויסהערן?

די אימיגראַציע־אָרגאַנען פון ייִסראָעל האָבן געשיקט קיין אַראַד אויך יעווגעני גאָראָדעצקין פון קיִעוו. מע האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט דאָרט אומבאַדינגט קריגן אַרבעט. נאָר עס איז שוין אַן אַלטער קלאַל: צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט. גאָראָדעצקי איז אַ שאָפער, און אין אַראַד דאַרף מען קיין שאָפערס מער ניט האָבן. קיין אַנדער אַרבעט איז ניטאָ. גאָראָדעצקיס פרוי נאַטאַליע, וועלכע צייכנט פּראָיעקטן, האָט זיך קוים מיט צאָרעס אײַנגעאָרדנט אין אַ שול אַלס אַן אופּראַמערן. אָף נאַטאַליעס אַרבעטלוין לעבט די גאַנצע מישפּאָכע (מאַן און ווײַב און אַ קינד פון צוויי יאָר).

דאָס פאָרפאָלק פון ווילנע לעאָניד און סאָניע שישוטסקי, וואָס וווינט אויך אין אַראַד און זיצט אויך אָן אַרבעט, האָט געבעטן, מע זאָל זיי דערלויבן אַוועקפאָרן פון אַראַד. אויך זיי האָט מען אָפּגעזאָגט.

לעאָנידן האָט מען געגעבן צו וויסן, אַז מע וועט אים עפּשער אײַנגיכן באַזאָרגן מיט אַרבעט אַלס אַ שלאָסער, און דעם שלאָסער ייִצכאָק שערמאַן (ער איז געקומען פון קירגיזיע), ווויִין ער זאָל זיך ניט האָבן געווענדט נאָך אַרבעט, האָט מען געענטפערט — אָדער, אַז מע דאַרף פריִער אויסלערנען זיך איווריט, אָדער

אַז ער איז שוין צו אַלט (ס׳איז אים שוין געוואָרן 50 יאָר). צווייטמאָל איז ער געקומען קיין טעל־אָוויוו כלאָפּאָטשען וועגן פּענסיע, נאָר ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ טויבער וואַנט. נאָך לאַנגע מאַטערנישן האָט יִיצכאָק שערמאַנען פאָרט אָפּגעגליקט, ער האָט געפונען אַ בעקאָוועדיקע אַרבעט — ער קערט די גאַסן אין אַראַד.

מאַרק קרולאָוויטש איז געקומען קיין יִיסראָעל מיט זײַנע קרויווים. אין טשערנאָוויץ, וווּ ער האָט פריִער געוווינט, האָט ער געאַרבעט אַלס אַ טעכניקער און אין די אָוונטן געלערנט אױפֿן היסטאָרישן פאַקולטעט. אין יִיסראָעל האָט מען אים באַזעצט אין אַראַד. ער האָט אָבער זײַן אָפּטימיזם ניט פאַרלאָרן — געטרוימט, אַז אינגיכן וועט ער אָנקומען לערנען אין יערושאָלאַיִמער אוניווערסיטעט.

אין אוניווערסיטעט האָט מען אים ניט אָנגענומען, קיין אַרבעט האָט ער ניט געקראָגן. אַפּילע אויסלערנען זיך איוורית האָט ער ניט קיין מעגלעכקײַט: מע דאַרף דערפאַר צאָלן 30 פונט אַ כוידעש — וווּ זאָל ער נעמען אַזויפיל געלט? מיט איראָניע דערמאָנט „דזשערוזאַלעם־פּאָסט״ די ווערטער, וועלכע מאַרק קרולאָוויטש האָט געזאָגט אירע קאָרעספּאָנדענטן, ווען ער איז געקומען קיין אַראַד: „נאָר דורך אַזעלכע מענטשן, ווי מיר, וועלן די טשערנאָוויצער יִידן זיך דערוויסן דעם עמעס וועגן יִיסראָעל. מיר וועלן זיי גלייבן און איך וועל זיי אָנשרײַבן״. יאָ, ער וועט שוין שרײַבן...

די יִיסראָעל־פּראָפּאַגאַנדע דערקלערט די צאָרעס פון די אוילים דערמיט, וואָס עס פעלט זיי אויס פערזענלעכע איניציִאַטיוו. די סאָוועטישע מענטשן, טײַנעט זי, זײַנען געוווינט צו פאַרלאָזן זיך אין אַלץ אויף דער מעלוכע. הערשקע גוטמאַן, אויך פון טשערנאָוויץ, האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן פאַר אַ מענטשן מיט איניציִאַטיוו — נאָך אויפֿן לודער אַעראָפּאָרט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן קיין אַראַד. קענענדיק פיר אויסלענדישע שפּראַכן, האָט ער באַשלאָסן צו אײַנאָרדענען זיך אַליין, אָן דער הילף פון די אימיגראַציע־אָרגאַנען. און אינגיכן האָט ער זיך טאַקע אײַנגעאָרדנט — ער האָט געמוזט מאַסקים זײַן אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון איינעם פון די יערושאָלאַיִמער באַלעבאַטים צו אַרבעטן בײַ אַ בענזין־קאָלאָנקע און גאַנצע טעג פּאָמפּען בענזין אין פרעמדע אויטאָמאָבילן. זײַנע פילאָלאָגישע קענטענישן האָבן, ווי ער אַליין טײַנעט, באַקומען אַ פײַנעם טיקן, וואָס שמעקט מיט בענזין. דערפאַר האָט ער אָבער ניט קיין דירע: ווילסט אַ דירע, פאָר קיין אַראַד, זאָגט מען אים.

פאַרוואָס מוזן אָט די מענטשן זיך באַזעצן דאַפקע אין אַראַד? ווײַל שוין דעמלט, ווען זיי קומען אינעם טעל־אָוויווער אַעראָפּאָרט לוד, גיט מען זיי אונטערשרײַבן אַ פּאַפּיר, וווּ עס שטייט אַ שטאַמפּ מיטן נאָמען פון דער שטאָט, וווּ זיי וועלן דאַרפן וווינען. קיינער האָט בײַ זיי ניט געפרעגט, צי זיי ווילן פאָרן אין אָט דער שטאָט, צי ניט.

דער געוועזענער ריגער אײַנוווינער גערשן ריבאַק האָט אין דער שטאָט כאַלאָן אַן אַלטע מאַמע פון 80 יאָר. ווען ער האָט אינעם לודער אַעראָפּאָרט זיך דערוווּסט, אַז מע שיקט אים קיין אַראַד, האָט ער געבעטן בײַ דער אימיגראַציע־מאַכט, מע זאָל אים דערלויבן וווינען צוזאַמען מיט דער אַלטער מאַמע. מע האָט אים אָפּגעזאָגט, נאָר באַרויִקט דערמיט, אַז ער וועט קאָנען פאָרן צו דער מאַמען צוגאַסט, ווען ער וועט וועלן. אָט אַזוי האָט גערשן ריבאַק „זיך פאַראייניקט״ מיט זײַן מאַמען אין יִיסראָעל.

באַם „קײַלעכדיקן טיש״ פון דער רעדאַקציע „דזשערוזאַלעם־פּאָסט״ איז אַוועק אַ רייד וועגן יענע, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין די בייט־אולפּאַנים. אָט וואָס עס האָט דערציילט איינער פון זיי: „די דאָזיקע צענטערס זײַנען אויסגערעכנט דערויף, אַז די אוילים זאָלן פאַר פינף כאָדאָשים באַהערשן איוורית. נאָר דאָס איז אַ ריינע אילוזיע. פאַר די צוויי כאָדאָשים, וואָס מיר זײַנען דאָרט געווען, האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז ניט די יִידישע אַגענץ, ניט די אָנגעשטעלטע פונעם אימיגראַציע־מיניסטעריום טוען גאָרנישט אויף צו באַזאָרגן אונדז מיט אַרבעט און לייזן אונדזערע פּראָבלעמען. מיר האָבן געמוזט זוכן אַרבעט אַליין. וווּ זשע האָבן מיר געזאָלט נעמען צײַט אויף דערלערנען די שפּראַך?״

די צײַטונג דערציילט וועגן די אימיגראַנטן, וועלכע אָרדענען זיך אײַן אויף אַרבעט אין קליינע פּריוואַטע אונטערנעמונגען. „מענטשן אַרבעטן דאָרט, — האָט באַמערקט איינער פון די אָנטיילנעמער פונעם „קײַלעכדיקן טיש״, — ווערנדיק אָן ראַכמאָנעס עקספּלואַטירט, ניט האָבנדיק קיין סאָציִאַלע רעכט און פאַרדינענדיק פּרוטעס״.

אַ צו טײַערע פּרײַז

...אין מינסק האָט געלעבט אַ יונגער אינזשענער אַרקאַדי לעווין. ער האָט געהאַט אַ פרײַנט כאַיִם קליטשעווסקי. ווען עס האָט זיך צעהוליעט די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז יִידן, ביפּראַט סאָוועטישע, דאַרפן פאַרלאָזן די „גאָלעס״־לענדער און פאָרן אינעם לאַנד, וווּ עס רינט מילך און האָניק, האָט כאַיִם קליטשעווסקי אײַנגערעדט אַרקאַדי לעווינען, ער זאָל פאָרן קיין יִיסראָעל, וווּ עס לעבט זײַן, קליטשעווס־

קיס, רײַכע מומע. זי געפינט זיך, די מומע, אין דער שטאָט כײַפע און זי וועט אים אופנעמען מיט צעשפרייטע אָרעמס. ער וועט בא איר לעבן, ווי אף א קוראָרט. לעווין האָט געגלייבט אין די רייד פון זײַן כאַווער און איז אוועקגע־פאָרן. אינגיכן באַקומט פון אים קליטשעווסקי אזא בריוו:

„איך האָב גאָרניט געריכט זיך, אז דײַן מומע איז אן אָרעמע יענטע, און די שטאָט, וווּ זי וווינט, איז גאָרניט אזא שיינע און רײַכע, ווי דו האָסט זי גע־מאָלט. דאָס איז א שטאָט, ווי אלע שטעט, האגאם זי געפינט זיך באם ברעג יאַם. די נעגידים לעבן דאָ, פונקט ווי אין אנדערע ערטער, אין ווילטיק. די קאַפּצאָנים, אזעלכע ווי דײַן מומע, כאַימקע, לעבן פון האַנט צום מויל. פאַראַן אין דער מעדינע נאָך אָרע־מערע שטעט, ווו אָרעמע מענטשן לעבן נאָך ערגער. פּונוויטין זעט אלץ אויס גאָר אנדערש. פון ייסראָעל אוועקפאָרן איז ניט לײַכט, נאָר מע פאָרט און מע פאָרט.

דער גאַניידן, וועלכן מע האָט געמאָלט, דער מאָן פון הימל, די מילך און האָניק אף דער ערד, איז, לאָזט זיך אויס, א גאַנץ ביליקע טעאַטראַלע דעקאָ־ראַציע. איך קאָן דיר ניט גאַראַנטירן, אז אויב דו וועסט אהער קומען, וועסטו זײַן באַזאָרגט מיט אַר־בעט און מיט פאַרנאָסע. איך גאַראַנטיר דיר אָבער, אז ווי נאָר דו וועסט קומען, וועט מען דיך רופן „אין באַד ארײַן“ (געמיינט אין דער ארמיי. — רעד.).

און טאַקע אינדערעמעסן, צוליב וואָס פּויקן די ציוניסטן אין אלע פּויקן, אז סאָוועטישע יידן זאָלן פאַרלאָזן דעם „גאָלעס“ און קומען אין לאַנד פון די אָוועס? עס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג, אז זיי רופן אהער דערפאַר, ווײַל זיי דאַרפן האָבן ביליק האַרמאַטן־פלייש. ווען אזא יונגערמאַן, ווי דו, — יונג, געזונט, מיט אלע ציין אין מויל — קומט אהער, רופט מען אים קוידעמקאָל אין דער ארמיי און מע שיקט אים צו די אראַבישע גרענעצן, אף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. קום צו פאָרן, וועסטו זען, אז איך זאָג דיר דעם עמעס. איך רוף דיך ניט צו א רײַכער מומע, ווי דו האָסט מיך צו איר געשיקט...“

דאָ איז גראָד צום אָרט צו ציטירן א נאָטיץ פון דער ענגלישער בורזשואזער צײַטונג „גאַר־דיאַן“: „עס איז אין אומגאַנג אזא מיינונג, אז רוסלאַנד איז דער לעצטער רעזערוואַר פון פּאָטענציעלע עמיגראַנטן קיין ייסראָעל. די יידן פון די קעהילעס אין פשאַ האָבן פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו פאָרן קיין ייסראָעל, זיי ווילן ניט האַקן די שטיינער אין מידבער נעגעוו לעשעם דעם ציעניזם“.

...אין איינער פון די מינסקער ניי־פּאַרייני־קונגען האָט געאַרבעט דער שנײַדער ל. ראַ־וויטש. געוווינט האָט ער אין א דירע פון דרײַ צימערן. זײַן פרוי איז געווען א לערערן, איין טאָכטער — א סטודענטקע פון א הויכשול, די צווייטע — א מעדיצינישע שוועסטער. די דריט־טע — א דערציִערן אין א קינדער־גאָרטן. צו זעכציק יאָר איז ראַוויטש אוועק אף פּענסיע, וועלכע האָט באַטראָפן 100 רובל א כוידעש. אָנגעהערט זיך פון דער ייסראָעל־ראַדיאָ וועגן די גליקן אין יענער מעדינע, איז ער אויך אהין אוועקגעפאָרן. אָט וואָס ער שרײַבט איצט צו זײַנעם א באַקאַנטן אין מינסק:

„פּענסיע וועל איך דאָ קריגן ערשט אין דרײַ יאָר ארום, אין עלטער פון 65 יאָר. און צי וועט די פּענסיע קלעקן כאָטש אף אן אָרעם לעבן — ווער ווייסט? מענטשן כאַפּן זיך דאָ פאַרן קאָפּ — ווי אזוי און פון וואָס לעבט מען? איך ווינטש אײַך, איר זאָלט ניט אָפּטאָן אזא נאַרישקײַט, ווי איך. ווינט אײַך געזונטערהייט מיט אײַערע קינדער בא זיך אין דער היים“.

די מיטאַרבעטערן פון א פּראָיעקט־אינסטיטוט אין מינסק ט. גאַלאַנט דערציילט וועגן דעם טראַגישן גורל פון איר ברודער, וואָס איז מיט א קורצער צײַט צוריק אוועקגעפאָרן קיין ייס־ראָעל. פיל יאָרן האָט ער געאַרבעט אינעם זאַ־וואָד פון אויטאָמאַטישע ליניעס. ער איז גע־וואָרן א הויכקוואַליפיצירטער שלאָסער, פאַרדינט בא די 200 רובל א כוידעש. געוווינט אין א זייער גוטער דירע. זײַן פרוי האָט פאַרענדיקט א מוזיק־שול און געאַרבעט אין א קינדער־גאָרטן. ווען ער האָט זיך געקליבן פאָרן קיין ייסראָעל, האָבן זײַנע קרוויים אים אָפּגערעדט דערפון. איצט שרײַבט ער, ווי שווער עס לעבט זיך אים. זײַנע פאַרדינסטן קלעקן אים בלויז אף וואַסער צו דער קאַשע. „דאָ איז גאָר אן אנדער וועלט, שרײַבט ער, איך בין ניט גע־וווינט צו אזא וועלט און קאָן זיך אין איר ניט אײַנלעבן“.

יאַ. רודערמאַן האָט ביז זײַן עמיגרירן קיין ייסראָעל געלעבט אין ווילנע. אין ייסראָעל האָט מען פון אים געפאָדערט, ער זאָל ארײַנטרעטן אין אן אנטיסאָוועטישער אָרגאַניזאַציע. נאָר רודערמאַן האָט דערקלערט, אז ער וויל ניט טרײַבן קיין רעכילעס אף זײַן געוועזענעם היימלאַנד. אים טוט אפילע ווי דאָס האַרץ, וואָס ער האָט פאַרלאָזן זײַן היים. ווען מע לאָזט אים ארײַן צוריק, וואָלט ער געפלויגן אף פליגל! דערהערט פון אים אזעלכע רייד, האָט מען אים ארויסגעטריבן פון דער אַרבעט. זײַן געזינד איז פאַרבליבן אָן א דאַך איבערן קאָפּ, געמוזט נעכטיקן אונטערן פרײַען הימל. איצט געפינט זיך רודערמאַן אין עסטרײַך אלס אן אויסלענדישער אַרבעטער. יעדן טאָג קאָן מען אים ארויסשיקן פון לאַנד.

(לויט מאַטעריאַלן אין דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ בעלאָרוסיאַ“)

די טראַגעדיע פון האדאסע דאַנילאָווא

האדאסע דאַנילאָווא האָט פיל יאָרן געוווינט אין דערבענט (אַ ראַיאָנער צענטער פון דער דאַגעסטאַנער אויטאָנאָמער סאָוועטן־רעפּובליק). איר פּאָנעם איז צעאַקערט פון קנייטשן, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן פון לאַנגיאָריקער ער־לעכער פּראַצע. זי איז שוין אַ מענטש פונעם פּענסיע־עלטער, און אין מעשעך פון איר לעבן האָט זי אויך געהאַט ניט וויניק פרייד און נאַכעס. עס איז אָבער אויסגעבראָכן די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע, אַף וועלכער זי האָט אוועקגעשיקט אירע צוויי זין, און די זין האָבן זיך ניט אומגעקערט. דאָס היימלאַנד פּאַרגעסט ניט די מוטערס, וועמעס קינדער עס האָבן ניט געשאָנעוועט די לעבנס לעשעם דער גליקלע־כער צוקונפט: האדאסע דאַנילאָווא האָט נאָך ביז דעם פּענסיע־עלטער באַקומען רעגולערע שטיצע פון דער מעלוכע, דערנאָך האָט דער קאָלווירט מיט גרויס קאָוועד און ליבע באַגלייט זי אַף פּענסיע. איז אָבער האדאסען באַשערט געווען אַ נײַער אומגליק: איר באַליבטע טאָכ־טער רײַע איז אומגעקומען.

נאָך ניט באַוויזן קומען צו־זיך, האָט האדאסע דאַנילאָווא אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון איר מוטער, וואָס וווינט אין יִיסראָעל און וויל, אַז אויך זי זאָל אַהין אַריבערפּאָרן. „ענדלעך, — שרײַבט צו איר די מאַמע, — וועלן מיר קאָנען זײַן צוזאַמען נאָך אַזויפיל יאָרן צעשיידונג. טראַכט ניט לאַנג, דו ווערסט קיין כאַראָטע ניט האָבן: דו פּאָרסט דאָך קיין יִיסראָעל, וואָס איז דײַן היים, דו פּאָרסט צו דײַן לײַבלעכער מאַ־מע, צו דײַנע אייגענע ברידער און צו דײַן שוועסטער. מיר האָבן שוין באַצײַטנס גע־טראַכט, וויאַזוי צו אופנעמען דיך, און דו ווערסט אַהער קומען אַף אַלעם גרייטן".

קעדיי דערשלאָגן זיך האדאסעס האסקאָמע, האָט די מאַמע ניט געשעמט זיך צו לעסטערן דעם אָנדענק פון איר אייניקל, האדאסעס מוי־טער־ליבע צו איר זון: „דײַן זון מאַלדע איז ניט אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, ווי דו מיינסט, ער לעבט און געפינט זיך אין יִיס־ראָעל". ווי גלייבט מען ניט אַן אייגענער מאַ־מע? האָט האדאסע געגנומען און איז אוועקגע־פּאָרן קיין יִיסראָעל.

זעקס יאָר איז האדאסע אָפּגעווען אין דער מעדינע, און אָט איז זי ווידער אין דערבענט. ווי נאָר זי איז אַראָפּ פון צוג, איז זי געפּאַלן אַף די קני און גענומען קושן די ערד. פון די אויגן זײַנען געראָנען טרערן.

זי האָט דערציילט:

— אַ סאַך קרויווים האָבן מיר געוויצעט, איך זאָל ניט אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקײַט, — מאַלע וואָס מע שרײַבט דיר, מע דאַרף פריער איבערצײַגן זיך, אַז מע נאַרט דיך ניט אָפּ. איך האָב אָבער קיינעם ניט געהערט. איך האָב זיך געריסן קיין יִיסראָעל — צו דער מאַמען, צו די ברידער, צו די שוועסטער און דעריקער — צום זון. ווען איך בין אַרויסגעשטיגן פונעם אַעראָפּלאַן אַפּן לודער אַעראָדראָם, האָט מיך איבעראַשט די פּרעמדקײַט און די קאַלטקײַט פונעם קאַבאָלאָס־פּאָנעם. אייגנטלעך, איז קיין קאַבאָלאָס־פּאָנעם גאָר ניט געווען, קיינער פון מײַנע קרויווים איז ניט געקומען מיך באַגעגענען.

...ווער האָט זי גערופן, האדאסען? די מאַ־מע, די ברידער צי די שוועסטער? — דאָס ווייסט זי אַליין ניט. גיכער פון אַלץ איז דאָס אַ פּראָוואָקאַטאָריש שפּיצל פון די ציִוניסטן. וואָרעם וויאַזוי האָבן אירע קרויווים געקאָנט זי רופן, אַז זיי לעבן אַליין אין דאַכקעס און נויט! איין ברודער האַנדלט מיט היִנער, דער צווייטער — מיט היִנערשער צויע (אַף מיסטיקן די גערטנער), די שוועסטער איז אַ ניאַנקע בײַ פּרעמדע קינדער. וויאַזוי האָבן פונדעסטוועגן די מאַמע, די ברידער און די שוועסטער גע־שריבן איר אַזעלכע בריוו? דערויף ענטפערט האדאסע: „דער, וואָס איז וויפל־ניט־איז באַ־קאַנט מיט דער אַטמאָספער אין יִיסראָעל, וועט גלײַך אַליין פאַרשטיין, בײַ סאָוועטישע מענטשן קלינגט ווילד אַזאַ זאַך, ווי אָפּנאַרן אַנדערע, ביפּראַט אַן אייגענע טאָכטער, אַן אייגענע שוועסטער! אָבער דאָרט האָט מען זיי געהייסן שרײַבן און געגעבן דערפאַר אַ פּאָר פּונט, האָבן זיי געשריבן!

— איר ווילט דאָך מיסטאָמע וויסן, צי האָב איך טאַקע געפונען מײַן זון אַ לעבעדיקן? — פרעגט האדאסע. — ניין, פאַרשטייט זיך, קיין טכיִאַס־האַמייסים שטייט מען ניט אויף. איך קאָן זיך ביז איצט ניט מויכל זײַן, וואָס איך האָב געגלייבט אין אַזאַ מײַסן און אָפּנעם ליגן. מײַן זון איז דאָך אומגעקומען אין קאַמף קעגן דעם פאַשיזם, קעגן דעם זעלבן פאַשיזם, וואָס האָט געברענט יִידן אין די גאַז־קאַמערן פון אָשווענטשים, טרעבלינקע, סאָביבאָר אאַ. קומען איצט די ציִוניסטן און שעמען זיך ניט צו מאַכן מיסכער פון אַ מאַמעס צאַר!

ווײַטער דערציילט האדאסע דאַנילאָווא, ווי זי איז סאָפּקאָלסאָף אוועק פון דער שטוב פון אירע אייגענע. זינט דעמלט האָט זי מער ניט געזען קיין געדעקטן טיש, זעלטן ווען זי פלעגט עסן אַ לעפל וואַרעם געקעכץ, זי האָט געמוזט בעטן נעדאָוועס. געוווינט האָט זי אין אַ היִנער־שטעלכל און געצאָלט דערפאַר 10 ליר אַ כוי־דעש, און אָפט, ווען זי האָט די 10 ליר ניט געהאַט, האָט זי גענעכטיקט אַפן בעסוילעם.

סאָפּקאָלסאָף האָט האדאסע דאַנילאָווא באַ־שלאָסן אָנשרײַבן קיין מאָסקווע, בעטן בײַ דער סאָוועטנמאַכט, מע זאָל איר מויכל זײַן און

דערלויבן אומקערן זיך אהיים, קיין דערבענט. די סאָוועטנמאכט האָט געגומען אין אכט איר ערלעכע מי ביזן פענסיע־עלטער און האָט איר ביטע באַפרידיקט. „איך בעט אײַך, — זאָגט האַדאסע, — דערמאָנט מיר מער ניט די שענדלעכע צײַט אין מײַן לעבן, עס איז מיר א כאַרפּע און א בושע. ס׳איז גאָר אומעגלעך צו דערציילן מײַן פרייד, ווען איך האָב זיך ווידער דערזען אף דער סאָוועטישער ערד. אז איך בין געקומען קיין מאָסקווע, האָט מען מיך באַגעגנט פרײַנטלעך, געגעבן א צימער אין א האָטעל, ווו איך בין נאָך אזויפיל יאָרן געשלאָפן אף א פריש, ריין געלעגער. א הארציקן דאנק דער סאָוועטנמאכט!״

(„דאגעסטאנסקאיא פראוודא״)

פאר ווען א גאנײדן, פאר ווען א געהענעם

עס האָט מיך טיף דערשיטערט די טראַגעדיע פון האדאסע דאנילאָווא, וועגן וועלכער ס׳האָט געשריבן די צײַטונג „דאגעסטאנסקאיא פראוודא״.

איך דערמאָן זיך איצט אין א שמועס, וואָס איך האָב מיט עלף יאָר צוריק געהאט מיטן געזאנדטן פון יִשׂראל אין סאָוועטנפארבאנד (דער שמועס איז פאָרגעקומען לויט זײַן באַקאָשע). ער האָט מיך און דעם שוין איצט פארשטאָרבענעם באוווסטן טאטישן שרײַבער מישע בארשיעוו געבעטן, מיר זאָלן אים דערציילן וועגן דעם לעבן פון די טאטן אין דאגעסטאן.

מיר האָבן אים געזאָגט, אז די טאטן (בארג־ייִדן) געהערן לויט דער קאָנסטיטוציע פון אונדזער רעפּובליק צו די גרונט־פעלקער פון דאגעסטאן, זיי לעבן אין אן איינהײַטלעכער האָרעפּאשנער מישפּאָכע מיט די אנדערע פעלקער. אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן זיי מוטיק זיך געשלאָגן פארן סאָוועטישן היימלאנד. פאר זייערע העלדנטאטן זײַנען זיי באלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאלן. צוויי טאטן זײַנען העלדן פונעם סאָוועטנפארבאנד, זיבן — העלדן פון סאָציאַליסטישער מי. ניט געקוקט דערוף, וואָס די טאטן זײַנען איינס פון די קלענסטע פעלקער פון דאגעסטאן — זייער באפעלקערונג ציילט סאכאקל 25—30 טויזנט מענטשן, — ווערן אף זייער שפּראך ארויסגעגעבן ראָמאנען, דערציילונגען, פּאָעמעס. מיר האָבן באוויזן אונדזערע ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין טאטיש און אין רוסיש.

צוזאמען מיטן געזאנדטן איז געווען זײַן טאָכטער, א מיידל פון א יאָר צוואנציק. דער געזאנדטער האָט געזאָגט, אז זי האָט מיט א קורצער צײַט צוריק פארענדיקט די מיליטער־דינסט אין דער יִשׂראל־ארמיי און איז געקומען צוגאסט קיין מאָסקווע. די טאָכטער האָט א פרעג געטאָן בא איר פאָטער, וועגן וואָס מיר ריידן.

— אנטשולדיקט, הער געזאנדטער, אף וועלכער שפּראך רעדט איר מיט אײַער טאָכטער? — האָב איך געפרעגט.

— אף ייִדיש.

— מיסטאמע אף איווריט, — האָב איך פארפינקטלעכט און צוגעגעבן: — נו, ס׳איז נאטירלעך, וואָס א געבוירענע אין יִשׂראל, א סאברע, רעדט אף העברעיִש.

דער געזאנדטער האָט געענטפערט מיט אומצופרידנקײַט:

— די עמעסע ייִדישע שפּראך איז גראָד די, וועלכע איר רופט העברעיִש.

לעשעם דער „עמעסער שפּראך״ — אגעוו, זי איז פרעמד און אומבאקאנט אלע (מיט א קליינעם אויסנאם) טאטן — טוען די הערשער פון יִשׂראל אלץ, וואָס מעגלעך, אז די ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען אין דער מעדינע פון פארשיידענע לענדער פון דער וועלט, זאָלן פארגעסן זייער מאמעלאָשן, זייער קולטור, וואָס איז געשאפן געוואָרן דורך די דוירעסדיקע פאָלקס־טראדיציעס. אין יִשׂראל האלט מען פאר געזעצמעסיק און נייטיק, אז א ייִד פון אן אראביש לאנד זאָל פארגעסן זײַן מוטערשפּראך — אראַביש, א ייִד פון אביסיניע — אביסיניש, א טאט — די טאטישע שפּראך און קולטור אאוו. דער געזאנדטער, אן אָפּשטאמיקער פון אייראָפּע, האָט זיך באצויגן מיט ביטל צום מאמע־לאָשן פון מיליאָנען אייראָפּעיִשע ייִדן — ייִדיש, צום לאָשן, אף וועלכן עס זײַנען געשאפן אזויפיל גײַסטיקע ווערטן, אף וועלכן עס האָט געשריבן זײַנע ווערק דער קלאסיקער פון דער וועלט־ליטעראטור שאָלעם־אלייכעם.

איך האָב דאפקע יאָ ליב מײַן מוטערשפּראך — טאטיש. די דאָזיקע ליבע שטערט מיר לאכלוטן ניט צו ליב האָבן די רוסישע שפּראך, וועלכע איז פאר מיר, ווי פאר פיל פון מײַנע לאנדסלײַט דאגעסטאנער, די צווייטע מוטערשפּראך. זאָל זײַן, אז די טאטישע שפּראך איז ניט אזוי רײַך, ווי די שפּראכן פון די גרויסע פעלקער, זי איז אָבער מײַן שפּראך, אף וועלכער די מאמע האָט מיר קינדווײַז געזונגען איר וויגליד, די שפּראך, וואָס מיט איר הילף האָב איך זיך באקענט מיט דער ארומיקער וועלט, די שפּראך, אף וועלכער איך האָב אָנגעשריבן די ערשטע לידער מײַנע און איך שרײַב מײַנע ווערק איצט. כוץ דעם, איז פאר מיר א פארגעניגן צו וויסן, אז די טאטישע שפּראך איז א דיִאלעקט פון דער פארסידישער

שפּראַך, פון דער זעלבער, אויף וועלכער עס האָבן געשאַפן זייערע שעדעווערן די גאונים פון דער וועלט־ליטעראַטור פירדאַוסי, סאַאַדי, ניזאַמי, אָמאַר כאַיאַם. איך בין ווי א געטרײַער זון דאַנקבאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און דער רעגירונג פונעם לאַנד, וואָס ניט בלויז זיי צווינגען מיך ניט צו פאַרגעסן מײַן מאַמע־לשון, נאָר, פאַרקערט, זיי העלפן מיר צו פובליקירן אין טאַטיש קינסטלערישע ווערק. ווי א סאָוועטישער טאַטישער שרײַבער, האַלט איך טײַער מײַן מוטערשפּראַך און קאָן זי ניט פאַרבײַטן אויף קיין שום אַנדער לשון.

די כאַווײַרים, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן אויף די שפּאַלטן פון „דאַגעסטאַנסקאַיאַ פּראַוודאַ" מיט אָפּקלאַנגען אויפן אַרטיקל „די טראַגעדיע פון האַדאַסע דאַנילאָוואַ", האָבן גאַנץ ריכטיק אָפּגעמערקט, אַז אין יִשׂראל קאָן וועגן גלײַכהייט און ברידערשאַפט צווישן די ייִדן גאָר קיין רייד ניט זײַן, ווײַל דער קאַפּיטאַליסט דער ייִד עקספּלואַטירט אומדערבאַרעמדיק דעם ייִדן דעם אַרבעטער, ווײַל די „ווײַסע" (אייראָפּעיִשע) ייִדן האָבן גרעסערע פּאַרצוגן און פּריווילעגיעס אין פאַרגלײַך מיט די „שוואַרצע" (אַזיִאַטישע), וועלכע באַטרעפן שוין באַלד א העלפט פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד, נאָר מע רופט זיי „ווייניק־אַנטוויקלטע", „ניט גענוג פּולווערטיקע". אין דער ביבל ווערט א נעגער אָנגערופן מיטן וואָרט „קושי" („כושי"). אין יִשׂראל רופט מען אָן מיטן וואָרט „קושי" די „שוואַרצע". און דאָס דאָזיקע וואָרט איז אָנגעזאַפּט מיט ביטל און דערנידעריקונג, ווי דאָס וואָרט „ניגער" אין אַמעריקע.

די ציִעניסטן סטאַרען זיך צו פאַרמאַסקירן זייער ענג פאַרטייִשע פּאָליטיק אויף צו פאַרהיטן אין יִשׂראל, אין די אינטערעסן פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע, א געזעלשאַפט, וווּ עס עקזיסטירט א גאַניידן פאַר די רײַכע און א געהענעם פאַר די אָרעמע, — און דאָס איז זי טאַקע, די געזעלשאַפט, פון וועלכער עס האָט נאָך אַזויפיל לײַדן און צאָרעס זיך אַרויסגעריסן האַדאַסע דאַנילאָוואַ.

ריזגיל אוושאַלומאָוו,
שרײַבער, לאַורעאַט פון דער רעפּובליקאַנישער פּרעמיע אויפן נאָמען פון סולייַמאַן סטאַלסקי. „דאַגעסטאַנסקאַיאַ פּראַוודאַ"

דער סאָף פון א פאַרעטער

ווען דער פּאַרזיצער פון דער דערבענטער ייִדישער קעהילע נאַטאַן סאַבאַיעוו איז געקומען קיין יִשׂראל, האָט ער גענומען שיקן פון דאָרט בריוו צו זײַנע לאַנדסלײַט, זיי זאָלן נאָכטאָן דעם בײַשפּיל און גלײַך קומען אין דער מעדינע, וווּ עס וואַרט אויף זיי א גאַניידן. פאַר אָט דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט, פאַר ווערבירן נײַע אוילים, האָט מען אים געגעבן א דירע אין טעל־אַוויוו און באַשטימט אים א פּענסיע.

אָבער די דערבענטער ייִדן, וואָס פלעגן זיך אויפמערקזאַם צוהערן צו סאַבאַיעווס דראָשעס, ווען ער איז געווען פאָרזיצער פון דער דאָרטיקער קעהילע, האָבן זיך אָפּגעקערט פון סאַבאַיעוון דעם ציִעניסטישן אַגיטאַטאָר. זיי האָבן אים פּראָסט־פּאָשעט אויסגעזידלט אין אן אָפענעם בריוו, דערמאָנט אים זאַכן, וועלכע ער ווייסט אַליין אויך זייער גוט.

„מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן, — שרײַבן זיי אינעם בריוו, — קיין בעסער לעבן, קיין מער פרײַ לעבן, איידער בײַ אונדז, אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אונדזער מוטערשפּראַך איז טאַטיש, אויף אָט דער שפּראַך ריידן סאַכאַקל דרײַסיק טויזנט מענטשן, און דאָך ווערן אויף טאַטיש אַרויסגעגעבן ראָמאַנען, דערציילונגען, פּאָעמעס. מיר האָבן אייגענע שרײַבער, קאָמפּאָזיטאָרן, פּאָעטן, קונסט־טוער. אין דער זעלבער צײַט שטערט אונדז קיינער ניט, ווען מיר פאַרלאַנגען אָפּריכטן אונדזערע רעליגיעזע ריטואַלן, גיין אין בעסמעדרעש דאַוונען".

ווען נאַטאַן סאַבאַיעווס זון שימען, וועלכער וווינט אין דערבענט, האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם טאַטנס בריוו, האָט ער עפנטלעך דערקלערט: „מיט קיינע פאַלשע רופן וועט מען אונדז ניט אָפּנאַרן! אין דערבענט וווינען א סך באַרג־ייִדן, וואָס זײַנען באַשעפטיקט אויף פאַרשיידענע אַרבעטן — פון א פּאָשעטן אַרבעטער ביז א דירעקטאָר פון א זאַוואָד, א פאָרזיצער פון א קאָאָפּעראַטיוו, א פאָרזיצער פון שטאָטסאָוועט. מיט וואָס איז אונדז דאָ שלעכט?"

דער אַרבעטער סאַפּאַניאַ אימאַנויִלאָוו האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט סאַבאַיעווס בריוו געשריבן: מײַן פעטער מיכאיִל בען־שעם, וואָס וווינט איצט אין טעל־אַוויוו, פאַרנעמט זיך מיטן זעלבן, וואָס נאַטאַן סאַבאַיעוו: ער אַגיטירט אויך די דערבענטער ייִדן, זיי זאָלן עמיגרירן קיין יִשׂראל. ער איז ניט קיין נאַר, ער זשעבערעוועט פון דעם אייסעק ניט ווייניק געלט: יעדן קאָרעוו זײַנעם, וואָס פאַלט אַרײַן אין זײַן נעץ, הייסט ער ברענגען מיט זיך ווערטפולע כפייצים, באַזונדערס דאַגעסטאַנער טעפּיכער.

איינע פון זײַנע קאָרבאָנעס איז געווען מײַן מומע נאַרגיז סעמענדויעוואַ. אין 1956 איז זי אַרויסגעפאָרן קיין יִשׂראל. די ערשטע פראַגע, וועלכע בען־שעם האָט געשטעלט דער שוועסטער, ווען זי איז געקומען אויפן לודער אַעראָדראָם, איז געווען: טעפּיכער האָסטו געבראַכט?

דערוווּסט זיך, אַז זי האָט ניט באַ זיך קיינע ווערטפולע כפייצים, האָט ער זי ניט אַרײַנגע־לאָזט צו זיך אין שטוב. די מומע, אַן אַלטע, קראַנקע פרוי, איז געבליבן אַף דער גאַס צווישן פרעמדע אומבאַקאַנטע מענטשן. לעסאָף איז זי אין גאַס געשטאָרבן.

דער צווייטער קאָרבן פון בען־שעם וואָלט געוואָרן מײַן מאַמע, אויך אַן אַלטע, קראַנקע פרוי. בען־שעם האָט זיך געווענדט מיט בריוו אין פאַרשיידענע סאָוועטישע אָרגאַנען, מע זאָל געבן אַ מעגלעכקײַט מײַן מאַמען אַרויסצופאָרן קיין ייִסראָעל. דערבײַ האָט ער זי געוואָרנט, אַז ווען דער אייניקל וועט ווערן דערליידיקט, זאָל זי ברענגען מיט זיך אַזערבײַדזשאַנער און דאַגעסטאַנער טעפּיכער. מײַן מאַמע האָט אָבער ניט נאָכגעטאָן דעם בײַשפּיל פון דער מומע נאַרגיז״.

...האַדאַסע דאַנילאָווא, וועלכע האָט ניט לאַנג זיך אומגעקערט פון ייִסראָעל צוריק אַהיים און האָט גוט געקענט נאַטאַן סאַבאַיעוו, דערציילט וועגן סאַבאַיעווס סאָף:

„ווען די מאַכטהאָבער פון ייִסראָעל האָבן דערזען, אַז נאַטאַן סאַבאַיעוו קאָן מער ניט ווירקן אַף די דערבענטער ייִדן, זיי זאָלן אויס־וואַנדערן קיין ייִסראָעל, האָבן זיי אופגעהערט צו געבן אים מאַטעריעלע שטיצע. זיי האָבן אים אַרויסגעזעצט פון דער דירע און ער איז געשטאָרבן עלנט און אָרעם. אַף זײַן לעווײַע זײַנען געקומען סאַכאַקל צוויי מענטשן״.

ווי זאָגט אין אַזאַ פאַל דאָס באַוווּסטע ווערטל: „כן יאבדו״ (קיין יויוודו) — אַזאַ סאָף דערוואַרט אַלע פאַרעטער.

(„קאָמסאָמאַלסקאיא פראוודא״)

אָן אַ היים

די אַמעריקאַנער צײַטונג „וואַשינגטאָן־פּאָסט״ שרײַבט:

„די אימיגראַנטן פון רוסלאַנד איז שווער צופאַסן זיך צו די באַדינגונגען פון דער ייִסראָעל־געזעל־שאַפט, ווו די לעבנס־נאָרמעס זײַנען אינגאַנצן אַנ־דערע, איידער די לעבנס־נאָרמעס אין פססר... זיי געפעלט ניט די קאַפּיטאַליסטישע פּראַקטיק פון אײַנ־אָרדענען זיך אַף אַרבעט, זיי געפעלט ניט די פּראַקטיק פון אונטערשרײַבן קאָנטראַקטן אַף אַ דירע אאוו. אדג.״

איבערגעלייענט די דאָזיקע שורעס און אַנ־דערע מיטיילונגען פון דער אויסלענדישער פּרעסע, האָב איך באַשלאָסן אַ שמועס טאָן מיט אייניקע אײַנוווינער פון די טראַנסקאַרפּאַטן, וועלכע שרײַבן זיך דורך מיט זייערע באַקאַנטע אין ייִסראָעל.

...אין אָנהייב פון דער איוואַן־פראַנקאָ־גאַס אין טיאַטשעוו שטייט דאָס הויז פונעם מיטאַר־בעטער פון דער פאַרגרייטונגס־קאָנטאָר פון דער ראַיאָנער געברויך־קאָאָפּעראַציע וואַסילי סאַווטשוק. בישכיינעס מיט אים האָט נאָך פאַר־איאָרן געוווינט זײַן קאָלעגע לויט דער אַרבעט דאַוויד איצקאָוויטש.

— איך קען גוט איצקאָוויטשן. ער האָט ניט מוירע פאַר קיין שום אַרבעט, — דערציילט וואַ־סילי סאַווטשוק, — איך הייב ניט אָן צו פאַר־שטיין, וואָס עס איז געשען מיט אים. אַ מענטש אָן עלנטער. זײַן מישפּאָכע איז מילכאָמע־צײַט אומגעקומען אין אַ קאָנצלאַגער. מאַטעריעל איז ער געווען גוט באַזאָרגט, ער האָט זיך אין גאָרנישט ניט געניייטיקט. עפּעס ווײַטע קרוי־ווים האָבן אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, און ער איז אַוועקגעפאָרן. ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צײַט, און איך האָב אָנגעהויבן באַקומען פון איצקאָ־וויטשן בריוו. אָט איז אייגער פון זיי:

„אַ גוט־מאָרגן, כאַשעווער פרײַנט וואַסילי וואַסי־ליעוויטש! עס שרײַבט אײַך אײַער געוועזענער שאָכן דאַוויד... איך קאָן אײַך גאָר ניט איבערגעבן, ווי ווײַט איך באַדויער, וואָס איך האָב פאַרלאָזן מײַן היים, ווו איך בין געבוירן געוואָרן. איך האָב גע־מיינט, אַז אין ייִסראָעל וועל איך טרעפן אַ גאַניידן, נאָר געפונען האָב איך דאָ אָן עמעסן געהענעם. דאָ איז זייער שווער צו פאַרדינען געלט, פאַרדינען עפּעס קאָן מען סײַדן אַף די בויונגען. נאָר אַז מע האָרע־וועט אַף אַ באַלעבאָס, איז די האָרעוואַניע שטענדיק אַרויסגעוואָרפן: וויפל דער באַלעבאָס וויל, אַזויפיל צאָלט ער. געפעלט דיר ניט, איז נעם ניט די אַרבעט. איצט לעב איך מיט איין טרוים: אומקערן זיך אין מײַן היים־קאַנט. איך בין ניט דער איינציקער, וועל־כער האָט כאַראָטע, וואָס ער איז אַהער געקומען.

איך בעט אײַך, וואַסילי וואַסיליעוויטש, אָנשרײַבן קיין מאָסקווע אַ מעלדונג, אַז מע זאָל מיר דערלויבן אומקערן זיך אַהיים. שרײַבט מיר אָן אַן ענטפער. דאַוויד״.

פאַר אַ מענטשן, וואָס איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז אין ייִסראָעל אַלץ פרעמד. דאָס איז באַזונדערס דײַטלעך צו זען פונעם בריוו פון מאַרק הויפּט, אַ געוועזענעם אײַנוווינער פון מוקאַטשעוו. ער שרײַבט קיין וועליקיע לוטשקי, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס זייגערמאַכער.

„אַ גרוס דיר, טײַערע לענאָטשקע! נעכטן האָב איך דערהאַלטן דײַן צווייטן בריוו. געעפנט דעם קאָנ־ווערט און ניט געקאָנט רויִק לייענען. ווײַל טרערן האָבן מיך געשטיקט. ניין, דו קענסט זיך ניט פאָר־שטעלן מײַן איצטיקן מאָראַלישן צושטאַנד; דאָס קאָן מען ביכלאַל מיט ווערטער ניט איבערגעבן... דו שרײַבסט, אַז דו האָסט מיר אַ סאַך מאָל געזאָגט, איך זאָל ניט טאָן קיין נאַרישקײַטן. איצט איז פאַר מיר קלאָר, אַז איך האָב אָפּגעטאָן שוין גאָר אַ

גרויסע נאַרישקייַט. מיט מייַן אוועקפאָרן האָב איך פאַרלאָרן אַזוינס, וואָס מע קאָן פאַר קיין געלט ניט קויפן. איך בין געפאָרן אַהער ניט צוליב דעם, קעדיי ווערן רייַך. ניין, איך האָב געוואָלט אויספּרוּוון אין לעבן נאָך עפּעס, נאָר ליידער האָט זיך דאָס ניט באַקומען. דאָ ווייסט מען איינס: אַרבעט און געלט, געלט און אַרבעט, מער גאָרנישט.

ווען איך דערמאָן זיך אַלץ, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען, ווילט זיך ניט לעבן. אין אַ בריוו קאָן מען דאָס אַלץ ניט שרייַבן, נאָר מיר וועלן זיך נאָך זען, ווייַל איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איך קען, קעדיי אומקערן זיך אַהיים, קיין מוקאַטשעוו.

איינגיכן ווערט דרייַ כאָדאָשים, זינט מיר זייַנען דאָ. איך קאָן זיך אָבער ניט צוגעוווינען צו אַזאַ לעבן. איך קאָן ניט שאָלעם מאַכן מיט דעם, וואָס איך האָב פאַרלאָרן. די טעג האָט מען אין ראַדיאָ איבערגעגעבן אַ ליד פון מאָסקווע „אַליאָשקעס ליבע". איך האָב געוויינט, ווי אַ קליין קינד, כאָטש מיר גייט שוין דאָס 24־טע יאָר. אַזויפיל גוטע רעגעס האָט מיר דערמאָנט די דאָזיקע ליד. איצט, ווען איך שרייַב דיר, הער איך אויך אַ מוזיקאַלע טראַנסליאַציע פון מאָסקווע.

צומאָל דוכט זיך מיר, אַז פאַר מיר איז שוין דאָס לעבן געענדיקט. מיך אינטערעסירט איצט בוכשטעבלעך גאָרניט, די שטימונג איז אַ פּאַסקודנע, עס ווילט זיך זייַן אַליין מיט זיך און טראַכטן וועגן דער פאַרגאַנגענהייַט... גיב איבער גרוסן יעלענען, וואַסיען, יאַשקען, פּאַוולינען, דעם גאַנצן קאָלעקטיוו פונעם וואַרשטאַט.

זייַ געזונט. מאַרק"

די אויטאָרן פון ביידע בריוו פאַרייניקט די גרויסע כאַראַטע, דער גרויסער פאַרדראָס פאַרן שווערן פעלער, די בענקשאַפט נאָך דער היימערד, ווו זיי זייַנען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, די בענקשאַפט נאָכן היימלאַנד.

וו. קאַנדעל
(קאָרעספּאָנדענט פון „זאַקאַרפּאַטסקאַיאַ פּראַוודאַ")

נאָך פיר בריוו

ציליע מאָסקאָוויטש האָט סאַכאַקל מיט עטלעכע יאָר צוריק געלעבט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָ איז זי געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, דאָ האָט זי אויסגעהאָדעוועט אַ זון. זי האָט געלעבט אייַנגעפונדעוועט, ווי מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן. מיסטאָמע וואָלט זי געקאָנט פילן זיך אַזוי נאַטירלעך צווישן קרויווים און פרייַנט ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן, ניט וויסנדיק פון קיינע צאָרעס און שלעק.

נאָר געשען איז אַזוי, אַז זי האָט מיטאַמאָל געוואָרפן אַן אומכיין אויפן סאָוועטישן לאַנד. זי האָט געהערט די ראַדיאָ־טראַנסליאַציעס פון ייִסראָעל, די דראָשעס פון די ציִעניסטן, אַז אַלע ייִדן זייַנען גלייַך, אָרעם און רייַך, און זי האָט דאָס אַלץ אָנגענומען פאַרן ריינעם עמעס.

אירע אייגענע און פרייַנט האָבן געפּרוּווט אָפּהאַלטן זי פון פאָרן קיין ייִסראָעל, נאָר זי האָט גענומען קוקן אויף זיי מיט גייַווע, אָנגערופן זיי „קליינשטעטלדיקע כניאָקעס". און ווען איר זון האָט געוואָלט אָפּהיטן זי פון מאַכן אַ פאַלשן טראָט אין לעבן, האָט זי זיך צעקריגט מיט אים און געשריִען: „דו ביסט מיר ניט קיין זון! קיינער וועט מיר ניט שטערן צו טאָן אַזוי, ווי איך וויל".

אין איינעם אַ געוויינלעכן טאָג איז ציליע מאָסקאָוויטש איינע אַליין אוועק צום אַעראָפּאָרט, קעדיי פליִען קיין ייִסראָעל.

אין אַ קורצער צייַט אַרום האָבן אין יעווראָפּאַטאָריע, ווו עס וווינען אירע קרויווים, אָנגעהויבן אָנקומען בריוו.

„אַ גוט־מאָרגן אייַך, טייַערע ליובע, איזי מיט די קינדער. עס שרייַבט אייַך ציליע. אַז איך בין געפאָרן אַהין און בין שוין דאָרט געווען (געמיינט אין ייִסראָעל. — רעד.), ווייסט איר דאָך. דאָרט האָב איך דערזען מיט די אייגענע אויגן, אַז אַלץ, וואָס די ייִסראָעל־ראַדיאָ האָט גערעדט, איז געווען הוילער שעקער. אַ סאַך מענטשן זייַנען אַזוי פאַרפירט געוואָרן, ווי איך. איך געפין זיך איצט אין ווין, צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע ייִדן, וואָס האָבן פריִער געוווינט אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד, איצט לויפן זיי צוזאַמען מיט מיר פון ייִסראָעל. פאַראַן צווישן אונדז אויך אַ געוועזענע אייַנוווינערין פון יעווּפּאַטאָריע אַניאַ גאָרקינאַ. זי האָט געאַרבעט אין דער פּאָליקליניק פונעם קוראָרט, אין רענטגען־קאַבינעט, געוווינט אויף דער גאַס פּראָלעטאַרסקאַיאַ, הויז 5. זי איז דאָ מיט אירער אַ פּלעמעניצע און מיט אַ קינד. מייַן זון מישע וווינט איצט אין ריגע און ער זאָגט זיך אָפּ אויף צוצושרייַבן מיך אויף זייַן וווין־פּלאַץ. ער זאָגט, אַז ער האָט מער ניט קיין מאַמע און וועט ניט גיין פאַר מיר כלאָפּאָטשען. איר פאַרשטייט, ווי ביטער און פינצטער מיר איז. איך בין איינע אַליין אין ווין. צוריק קיין ייִסראָעל וועל איך שוין ניט פאָרן. העלפט מיר, טייַערע ליובע און איזי, אַרויסרייַסן זיך פונדאַנען, איך וועל אייַך קיין באַלכויוו ניט בלייַבן. אויב איר ווילט מיר העלפן, בעט איך אייַך זייער מישטאַדל זייַן זיך פאַר מיר, אָנשרייַבן אַהער, קיין ווין, אויפן נאָמען פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט, אַז איר גיט מיר וווינפּלאַץ, דערנאָך וועל איך זיך שוין אייַנאָרדענען. איך וויל לעבן בלויז אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין וועלכער שטאָט עס זאָל ניט זייַן, אין וועלכער רעפּובליק מע וועט מיר דערלויבן, אַבי אין מייַן היימלאַנד".

א וויכטיקער באַשלוס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנסטן טראָט אין לעבן, קומט קיינמאָל ניט אָן לייַכט. אַפילע אַריבערפאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער איז גאַנץ שווער: מע דאַרף זיך צעשיידן מיט כאַווייריִם, פרייַנט, דאָ זייַנען אויסגעוואַקסן די קינדער... כאָטש די נייַע שטאָט איז אויך אַ סאָוועטישע, מענטשן זייַנען דאָרט אויך סאָוועטישע. וועט ניט גע־

פעלן ווערן, וועסטו זיך אומקערן צוריק אפן אלטן אָרט.

און ווען אומקערן זיך צוריק קאָן מען שוין ניט, די ארבעט לאָזט ניט? וואָלט איר דעמלט מאסקים געווען צו בײַטן דאָס וווין־אָרט? מיסטאמע ניט. און דאָך געפינען זיך אזעלכע לײַט, וואָס אפילע דאָס הייליקע וואָרט „היימלאנד" האָט בא זיי דעם באטרעף פון א הענטשקע — אָנגעטאָן און אוועקגעפאָרן. צי קאָן מען אזעלכע מענטשן גלייבן, ווען זיי טײַנען, אז זיי האָבן כאראַטע?

פאראן אזא טערמין „נאָסטאלגיע", וואָס באטײַט בענקשאפט נאָך דער היים, נאָכן היימלאנד. דאָס איז א שרעקלעכע קרענק, וואָס דערפירט אמאָל א מענטשן ביז אומקום. אז מע בײַט דאָס היימלאנד, דאָס לאנד, ווו מע איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן, גייט עס ניט אראָפ גלאַט.

פאר מײַנע אויגן ליגט א מעלדונג, וואָס איז אָנגעקומען אין דער פארוואלטונג פון אינערן־איניאָנים פון קרימער געגנט. געשריבן די מעלדונג האָט די געוועזענע אײַנוווינערן פון סימפעראָפּאָל לייע וואָלאָדארסקאיא. איך ציטיר זי:

„דעם 15 נאָיאבער 1969 זײַנען מיר, לויטן ווילן פון מײַן מאן, אריבערגעפאָרן קיין יִשׂראָעל צו מײַנע קרויווים. דער מאן מײַנער האָט באלד דערזען, וווהין מיר זײַנען ארײַנגעפאלן, און ער האָט דאָס ניט געקאָנט אריבערטראָגן. דעם 15 אפּרעל 1971 איז ער געשטאָרבן. מיר זײַנען איצט אין ווין. ווי שווער עס איז, סארא בענקשאפט און ביטערניש עס פילט אָן דאָס הארץ, ווען מע איז ווײַט פונעם באליבטן היימלאנד. בלויז מיט געטרײַער מי וועל איך קאָנען פאריכטן מײַן פעלער און ווידער דינען מײַן באליבטן היימלאנד און דעם גאנצן סאָוועטישן פאָלק".

אָט וואָס עס שרײַבן זעקס מישפּאָכעס צו איינער אן אײַנוווינערן פון סימפעראָפּאָל, בעטנדיק זי מישטאדל צו זײַן זיך, מע זאָל זיי דערלויבן אומקערן זיך אהיים, קיין סאָוועטנפארבאנד.

„מיר בעטן אײַך, טײַערע, אונדז העלפן אומקערן זיך אין לאנד פון סאָציאליזם, ווו מיר זײַנען געבוירן געוואָרן, ווו מיר האָבן געלעבט, געארבעט און פארטיידיקט אונדזער באליבט היימלאנד.

אין מײַ 1971 זײַנען מיר געקומען קיין יִשׂראָעל. עס איז ניט אדורך קיין כוידעש, ווי מיר האָבן זיך געווענדט אין דער פינישער געזאנדשאפט, זי זאָל אונדז העלפן אומקערן זיך אהיים, קיין סאָוועטנפארבאנד.

מיר זײַנען בירגער פונעם סאָוועטנפארבאנד און וועלן קיינמאָל קיין אנדערע ניט קאָנען ווערן. די בירגערשאפט פון יִשׂראָעל האָבן מיר ניט אָנגענומען און וועלן ניט אָנעמען, ווײַל מיר זײַנען און וועלן זײַן בלויז בירגער פונעם גרויסן היימלאנד פון די סאָוועטן, פון פססר.

מיר אלע קניִען פאר אײַך און בעטן, איר זאָלט זיך מישטאדל זײַן פאר דער סאָוועטן־רעגירונג, זי זאָל מויכל זײַן אונדזער פעלער, וועלכן מיר זײַנען באגאנגען".

די געוועזענע אײַנוווינערן פון קיִעוו סימע לוקאשעווסקאיא שרײַבט צו איר קרויווע קיין סימפעראָפּאָל:

„ווי דו זעסט, האָב איך, סאָפּקאָלסאָף, זיך ארויסגעריסן פונעם אײַזערנעם זאק. איך בין איצט אין ווין. הינטער א פארקן וועל איך שטארבן, פון הונגער וועל איך געשוואָלן ווערן, נאָר דאָ וועל איך פארבלײַבן, ביז מע וועט מיר ניט דערלויבן ארײַנפאָרן קיין סאָוועטנפארבאנד.

שאצט די ווערט פונעם היימלאנד, פונעם לײַבלעךאייגענעם סאָוועטנפארבאנד, דאנקט גאָט, וואָס איר לעבט אין דעם גליקלעכן, פרײַען, פריידיקן לאנד פון די סאָוועטן..."

פיר בריוו, פיר פון טויזנטער.

ג. סאָקאָלאָוו („קרימסקאיא פראוודא")

„סאָוועטישע דיפּלאָמען זײַנען בא אונדז ניט גילטיק"

„דזשערוזאלעם־פּאָסט" דערציילט וועגן דער קאטאסטראָפאלער לאגע פון די געוועזענע סאָוועטישע דאָקטוירים, וועלכע זײַנען געקומען קיין יִשׂראָעל אלס „אוילים".

י. נודעלמאן האָט פיל יאָרן געארבעט אין לענינגראד אלס כירורג. געקומען קיין יִשׂראָעל, האָט ער געבעטן א דערלויבעניש צו ארבעטן ווײַטער לויט זײַן פאך, נאָר מע האָט אים אָפּגעזאָגט. „סאָוועטישע דיפּלאָמען זײַנען בא אונדז ניט גילטיק", — האָט מען אים געמאָלדן.

פּראקטיש איז צווישן די אימיגראנטן־מעדיקער ניטאָ קיין איינער, וואָס זאָל זײַן צופרידן מיט זײַן לאגע אין יִשׂראָעל. אין די אימיגראציע־צענטערס, וווהין מע שיקט זיי, הערשט א טויהו־וואָוויהו, קיינער פון די באאמטע ווייסט ניט, וויאזוי צו באציִען זיך, לויט די געזעצן, וועלכע עקזיסטירן אין לאנד, צו די מעדיצינישע דיפּלאָמען און קוואליפיקאציעס פון די אימיגראנטן פון סאָוועטנפארבאנד. ווען מע זאָגט אָפּ דעם אימיגראנט אין א דערלויבעניש צו פּראקטיצירן לויט זײַן פאך, בלײַבט ער אָן מיטלען צום לעבן און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן. באזונדערס שווער איז די לאגע פון די סטאָמאטאָלאָגן.

יאנקעלזאָן־אָזערניקאָוו איז געקומען קיין יִשׂראָעל פון דער שטאָט קאלינין, ווו ער האָט אָפּגעארבעט אלס ציין־דאָקטער ארום דרײַ צענדליק יאָר. אין 1941 האָט ער פארענדיקט א סטאָמאטאָלאָגישן טעכניקום, דערנאָך זיבן יאָר אָנגעפירט מיט דער סטאָמאטאָלאָגישער אָפּטיילונג פון א מיליטערישן שפּי־

טאָל. פונעם מיליטערישן שפּיטאָל האָט מען אים געשיקט לערנען אין אוניווערסיטעט, ווו ער האָט באַקומען א דיפּלאָם פון א סטאָמאַטאָלאָג. אין ייִס־ראָעל האָט ער זײַנע דאָקומענטן צוגעשטעלט אינעם געזונט־מיניסטעריום, בעטנדיק א דערלויבעניש צו אַרבעטן לויט זײַן פאַך. מע האָט אים געענטפערט, אַז זײַן קוואַליפיקאַציע איז צו א נידעריקע, מע זאָל אים קאָנען עס דערלויבן.

ער האָט זיך געווענדט צו גאָלדע מעיִר. זי האָט אים געענטפערט, אַז די מיינונג פון די טוער פון מיניסטעריום איז א ריכטיקע. „אָבער גראָד פאַר מײַן אָפּפאָר קיין ייִסראָעל האָב איך געהערט א טראַנס־ליאַציע פון דער ראַדיאָ „קול ישראל" אין דער רוסישער שפּראַך, אַז ייִסראָעל אָנערקענט די סאָוועטישע סטאָמאַטאָלאָגישע דיפּלאָמען", האָט יאַנקעל־זאָן־אַזורניקאָוו געטײַנעט אין מיניסטעריום. דערויף האָט מען אים געענטפערט, אַז „ביז פּעוורואַל הײַנ־טיקס יאָר איז טאַקע אַזוי געווען, נאָר דערנאָך האָבן זיך די קלאָלים געענדערט".

אין א געוויסער צײַט אַרום האָט מען דעם אַלטן סטאָמאַטאָלאָג צו וויסן געגעבן, אַז מע נעמט אים אָן אָף קורסן „צו פאַרענדיקן די מעדיצינישע ביל־דונג". „ווי געפעלט דאָס אײַך, — שמייכלט ער מיט ביטערער גאַל, — צו 59 יאָר, פאַרמאָגנדיק א 30־יאָריקן אַרבעטס־סטאַזש פון א ציין־דאָקטער, זאָל איך גיין לערנען אָף קורסן!"

אַנאַ מיכאַיִלסאָן איז אין ריגע געווען א פירנדי־קער ספּעציאַליסט פון פיזיאָטעראַפּיע. איר פאַך איז געווען — הײלן האַרץ־קראַנק. איר אַרבעטס־סטאַזש — 15 יאָר. זי איז אַן אוטאָר פון עטלעכע ווערק וועגן מעדיצין. האָט געלייענט לעקציעס אין אוניווערסי־טעט, פינף יאָר אָנגעפירט מיט א טעראַפּעוטישער קליניק. אין ייִסראָעל אַנערקענט מען זי ניט פאַר א ספּעציאַליסט. אויך איר האָט מען פאָרגעלייגט לערנען זיך אָף קורסן. סאָפקאָלסאָף האָט מען איר געגעבן אַרבעט אַלס אַנעסטעזיאָלאָג. „דערויף האָב איך געדאַרפט שענקען אַזויפיל יאָרן פון מײַן לעבן?" — פרעגט מיכאַיִלסאָן מיט ביטערניש.

דער געוועזענער קיִעווער פּאַטאָלאָג א. גרישקאָן אַרבעט ניט אין ייִסראָעל לויטן פאַך. אין זײַן בריוו רעדט ער מיט גרויס צאַרן וועגן דעם אומצוטרוי צו די סאָוועטישע דאָקטוירים, וועלכע זײַנען פאַק־טיש פיל גרעסערע ספּעציאַליסטן, איידער די מײַ־רעוו־דאָקטוירים.

די דאָקטוירים, וועלכע זײַנען געקומען קיין ייִסראָעל פון סאָוועטנפאַרבאַנד, שטייען פאַר ערנסטע שוועריקייטן אויך צוליב דעם, וואָס אין ייִסראָעל פאַרנעמען זיך דאָקטוירים מיט פּריוואַטער פּראַקטיק, און די אימיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען צו אַזאַ פּראַקטיק ניט געווינט און ניט צוגעגרייט.

איליוזאָרישע טרוימען און די ווירקלעכקײַט

„אין ייִסראָעל האָט מען ליב די אַליע, נאָר מע האָט ניט ליב די אוילים", — האָט באַמערקט איינער פון די פירנדיקע טעל־אַוויווער זשור־נאַליסטן. דאָס זײַנען ציניש ווערטער, נאָר זיי אַנטשפּרעכן פולשטענדיק דער ווירקלעכער לאַ־גע, און שײַעך זײַנען זיי קוידעמקאָל צו די אימיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין פּרינציפּ האָבן אַלע אוילים, פונוואַנען זיי זאָלן ניט קומען, — פון די פאַרייניקטע שטאַטן, פון לאַטײַן־אַמעריקע, צי פון אייראָ־פּע, — איינע און די זעלבע רעכט אין פּראַט פון באַקומען האַלוואָעס און דירעס. אין דער פּראַקטיק אָבער באַגעגענען זיך די עמיגראַנטן פון פססר מיט פיל גרעסערע שוועריקײַטן.

איינע פון די סיבעס פון דער אומצופרידנ־קײַט פון די אוילים איז די איבערגעטריבענע ביוראָקראַטיע און צענטראַליזאַציע. די שווערסטע פּראָבלעמען זײַנען — דירעס און אַרבעט. די דירעס, וועלכע מע גיט די אימי־גראַנטן, זײַנען ווײַט פון די צענטראַלע ראַיאָנען. און קיין אַרבעט קאָן מען דאָרט ניט קריגן. די רעגירונג טוט עס בעקיוון, ווײַל זי איז פאַרינטערעסירט צו אַנטוויקלען די אָפּגעשטאַ־נענע געגנטן.

ווי ווײַט באַדאַכט דער עמיגראַנט זאָל זיך ניט האָבן צוגעגרייט צו דער באַגעגעניש מיטן נײַעם לאַנד, טרעפט ער אָבער אין דער ווירק־לעכקײַט אין אַלע פאַלן א גאַנץ אַנדער לאַגע, איידער ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. באַזונדערס איז דאָס שײַעך צו די געוועזענע סאָוועטישע בירגער. איינער א געקומענער פון מאָסקווע, וואָס האָט בערערך א יאָר צײַט געווינט אין ייִסראָעל, האָט אַזוי רעזומירט זײַנע אײַנדרוקן: „מיר האָבן דערוואַרט, אַז מע וועט אונדז באַ־געגענען מיט צעשפּרייטע אָרעמס, און באַגאַנ־גען איז מען זיך מיט אונדז, ווי מיט אָרעמע קרובים. די טוישווים פון ייִסראָעל באַציִען זיך צו אונדז פונקט אַזוי אומפרײַנטלעך, ווי זיי באַציִען זיך איינער צום צווייטן. מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין א טיפּיש בורזשואַזער געזעל־שאַפט. מיר האָבן אידעאַליסטיש געמאָלט פאַר זיך אָן „אָרדענונג פון דעמאָקראַטיע", און געטראָפן האָבן מיר די מעמשאָלע פון ביוראָ־קראַטיע. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר פאָרן אין א מעלוכע, ווו עס לעבן נאָר ייִדן, און דערזען האָבן מיר לאַגערן פאַר די אַראַבישע פּליטים. וואָס מער ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד עס קומען אָן קיין ייִסראָעל, אַלץ קאָמפּליצירטער ווערט דאָס בילד פון זייער לאַגע".

ד. סטיל (פון דער צײַטונג „גאַרדיאַן", מאַנטשעסטער)

„ווּ איז דער טאַטע?“

...זי האָט אוועקגעלייגט אַף מײַן טיש א פּעקל בריוו. עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע פאַרביקע מאַרקעס, און די קאָנווערטן אליין מיט די רויטע קאַנטן האָבן אויסגעזען רײַך. אין אַזעלכע שיינע קאָנווערטן, האָט זיך געדוכט, קאָן מען שיקן בלויז פריי־דיקע ידיעות. אָבער די בייגעלעך פּאַפּיר, וועל־כע זײַנען אין זיי געלעגן, זײַנען געווען פול מיט טרויער און ייִעש.

— איך בעט אײַך נאָר, אויב איר וועט דאָס דרוקן, רופט ניט אָן מײַן פאַמיליע, איך וועל ניט קאָנען קוקן מענטשן אין די אויגן. א סאך פון מײַנע באַקאַנטע ווייסן גאָר דערפון ניט...

איך נעם אַרויס א בייגעלע פּאַפּיר פון איי־נעם פון די קאָנווערטן. עס ציִען צו מײַן אויפ־מערקזאַמקײַט די אונטערגעשטראָכענע ווער־טער: „טויזנט מאָל בעט“, „שרײַב נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז איך האָב שטאַרק כאַראָטע“, „איך וויל זייער צו די קינדער“, „איך בעט ראַכמים, זײַ מיר מויכל פאַר אַלץ, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן“, „מיט די ציִעניסטן האָב איך קיין שום מאַגע־מאַסע ניט“.

בריגיטא יאַנאָווּנא (אַזוי רופט מען מײַן מיטשמועסערן) דערלאַנגט מיר איין קאָנווערט נאָכן אַנדערן, דערנאָך זאָגט זי מיט צוטרוי:

— איך פאַרשטיי ניט אָט די מענטשן — ווּ איז אַהינגעקומען זייער סייכל? מע טײַנעט מיט זיי: ווּהין טראָגט דאָס אײַך, וואָס זוכט איר אינדערפרעמד? זיי פאָלגן קיינעם ניט. זיי רע־כענען זיך אַפילע ניט מיט זייער געזינד, מיט די קינדער. דערנאָך שרײַבן זיי: „איך בעט ראַכמים, איך האָב כאַראָטע“.

בריגיטא יאַנאָווּנא און באָריס ר. האָבן כאַ־סענע געהאַט מיט צוועלף יאָר צוריק. ער האָט דעמלט געאַרבעט אַלס עקספּעדיטאָר אין דער פירמע „ריגאַס אָפּגערבס“. דאָס יונגע פּאָר־פאָלק האָט באַקומען א גוטע דירע. זיי האָבן געהאָדעוועט צוויי קינדער. דער טאָכטער איז איצט 11 יאָר, דעם זונעלע — 5.

באָריס איז געווען א גוטער פאַמיליען־מענטש. ער האָט ליב געהאַט די קינדער, גע־זאָרגט זיך וועגן זיי.

פאַראַיאָרן זומער האָט באָריס געזאָגט, אַז ער וויל פאָרן קיין ייִסראָעל. צו יענער צײַט האָבן דאָרט שוין געלעבט זײַן מאַמע און די שוועסטער מיט איר מאַן. זיי האָבן געשריבן באָריסן: „קום צו פאָרן, מיר האָבן זיך דאָ גוט אײַנגעאָרדנט, אַלץ גייט גוט“.

נאָר בריגיטא יאַנאָווּנא האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, זי האָט גע־בעטן אויך איר מאַן, ער זאָל דאָס ניט טאָן. נאָך לאַנגע שטרײַטן און קריגערײַען האָט דאָס פאָרפאָלק זיך געגעט. דאָס געזינד איז זיך צעפאַלן.

פאַר בריגיטא יאַנאָווּנא איז דאָס געווען א שווערער קלאַפּ. זי איז געבליבן אליין מיט צוויי קינדער. זי האָט געוויינט איבער די נעכט און די גרויסע נערוון־אָנשטרענגונג איז ניט אַדורך פאַר איר גלאַט. זי איז קראַנק געוואָרן און אַף לאַנג געווען צוגעשמידט צום בעט. אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנ־קומען בריוו, איינער טרויעריקער פונעם צווייטן. באָריס האָט געשריבן, אַז די מאַמע און די שוועסטער האָבן אים מײַעס אָפּגענאַרט. זיי אליין לעבט זיך אויך שווער אין ייִסראָעל, נאָר מע האָט זיי געהייסן שרײַבן, אַז עס לעבט זיך זיי גוט.

„יעדער מענטש, — האָט געשריבן באָריס, — האָט איין היימלאַנד, ווּ ער איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן. אין דעם האָב איך זיך נאָכאַמאָל איבערצײַגט איצט, אינדערפרעמד“.

דערנאָך האָט באָריס זיך מודיע געווען פאַר זײַן געוועזענער פרוי, אַז אויב אַפילע זי וואָלט מיט אים געפאָרן, וואָלטן זיי דאָ אויך ניט געקאָנט לעבן. געמישטע כאַסענעס זײַנען אין דעם לאַנד פאַרבאָטן. און אויב אַזעלכע כאַסע־נעס האָבן געהאַט אָן אָרט ביז קומען קיין ייִסראָעל, ווערן זיי דאָ באָטל. די קינדער פון אַזעלכע מישפּאָכעס דערקלערט מען פאַר מאַמ־זיירים, און וואָס עס באַטײַט אין ייִסראָעל א מאַמזער, איז דאָך פאַרשפּאַרט צו ריידן.

פון איר געוועזענעם מאַנס בריוו האָט ברי־גיטא יאַנאָווּנא זיך דערוווּסט, אַז אַפילע אַטעיִסטן מוזן אין ייִסראָעל כאַסענע האָבן אין דער אָנוועזנהײַט פונעם ראַוו און אונטער א כופּע. לויטן געזעץ, וואָס איז אָנגענומען גע־וואָרן אין פרילינג 1970, ווערט אַלס פולבאַ־רעכטיקטער בירגער פון ייִסראָעל פאַרעכנט בלויז דער, בא וועמען די מאַמע איז א ייִדישע און האַלט זיך בא דער ייִדישער עמונע.

און די דאָזיקע עמונע איז אַזוי שטאַרק, אַז ווען א מענטש צינדט אָן שאַבעס א שוועבעלע, איז ער אָן אַפּיקוירעס, א שענדער פונעם ייִדישן גלויבן.

אַף איינעם פון די בייגעלעך פּאַפּיר האָב איך דערזען דעם קאָנטור פון א האַנט־דלאָניע, אַרומ־געריִנגלט מיט טינט־שטריכן. צווישן די פינגער זײַנען אָנגעמאָלט בלומען.

— דאָס שיקט באָריס א גרוס די קינדער, — האָט בריגיטא יאַנאָווּנא שווער אָפּגעאָטעמט. — די קינדער פרעגן שטענדיק: „ווּ איז דער טאַטע?“ איך ענטפער, אַז ער איז אוועקגעפאָרן צוגאַסט צו דער באָבע. „פאַרוואָס זשע איז ער געפאָרן אָן אונדז?“ — באַרויִקן זיי זיך ניט. וואָס זאָל איך זיי ענטפערן? איך זאָג — ער קלײַבט געלט אַף צוריקוועגס.

וו. מאַניעוויטש („גאַלאָס ריגי“)

גוויִעס־איידעס פון א בורזשואזן זשורנאליסט

„מאָנרעאל סטאר" איז איינע פון די גרעסטע קאַנאדער צייַטונגען. זי באציט זיך ניט איבעריקס פרייַנטלעך צום סאָוועטנפארבאנד, גיכער סימפאטיזירט זי ייִסראָעל, וואָס איז פונקט אזא קאפּיטאליסטיש לאנד, ווי קאנאדע.

דער ספעציִעלער קאָרעספּאָנדענט פון אָט דער צייַטונג דעוויד לעווי איז מיט א שליכעס פון זייַן רעדאקציע געפאָרן קיין טעל־אוויוו און דערנאָך אָפּגעדרוקט א סעריע ארטיקלען וועגן דעם לעבן אין ייִסראָעל פון די געוועזענע סאָוועטישע בירגער. מיר ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן פון לעוויס ארטיקלען.

א גרויסער טייל פון די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין ייִסראָעל, באַדויערט אָט די האנדלונג זייערע. זיי האָבן אין ייִסראָעל זיך באגעגנט מיט אזויפיל פּראָבלעמען, אז דאָס יאָר 1972 איז פאר זיי געוואָרן א קאָשמאר־יאָר. פיל פון זיי זייַנען געצוווּנגען צו מאסקים זייַן נעמען אזא ארבעט, פון וועלכער זיי קאָנען קוים פארדינען אפן טרוקענעם שטיקל ברויט, כאָטש זיי זייַנען מענטשן פון הויכער קוואליפיקאציע.

די סאמע ערנסטע פּראָבלעם, וועלכע שטעלט זיך פאר די אימיגראנטן פון סאָוועטנפארבאנד, איז די פּראָבלעם פון אסימיליאציע און פון אייַנאָרדענען זיך אַף ארבעט לויטן פאך. און עס איז קעדיַ צו דערמאָנען, אז א גרויסער פּראָצענט פון אָט די אימיגראנטן האָט מיטעלע און העכערע בילדונג. די שפּראך־שוועריקייַטן (צווישן די סאָוועטישע אוילים זייַנען פאראן ווייניק אזעלכע, וואָס קענען איווריט), די נייטיקייַט צו איבערקוואליפיצירן זיך און אָן א שיר אנדערע פּראָבלעמען פון אזא כאראקטער זייַנען פאר די אוילים אָן עמעסע קאטאסטראָפע. אין זייערע בריוו צו די פרייַנט און קרוייווים אין סאָוועטנפארבאנד האלטן זיי אין איין קלאָגן זיך אַף די לעבנס־באדינגונגען אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, וועלכע איז פאר זיי לאכלוטן פרעמד און זיי קאָנען זיך צו איר ניט צוגעוווינען.

אין פססר, ווו די ייִדן קלאָגן זיך ניט אַף זייער מאטעריעלער לאגע, זייַנען זיי צוגעוווינט, אז די מאכט־אָרגאנען גאראנטירן זיי באשטימטע רעכט. און גראָד דאָס פעלט מער פון אלץ די אוילים. די געוועזענע סאָוועטישע בירגער, וואָס קומען קיין ייִסראָעל, איבערצייַגן זיך גאָר גיך, אז די מערהייַט סכוירעס, וועלכע מע קאָן דאָרט קויפן, זייַנען ניט פאר זייערע קעשענעס. און וואָס אָנבאלאנגט די יורידישע רעכט פון בירגער אין ייִסראָעל, רעכנט זיך מיט זיי קיינער ניט, ווייַל אין דעם דאָזיקן לאנד הערשט דער קלאל: „ווער עס האָט די מייע, יענער האָט די דייע". די אוילים פונעם סאָוועטנפארבאנד האָבן זיך קיינמאָל ניט געריכט, אז די סאברים זאָלן האָבן אזוינע ווולגארע זיטן, זיי זאָלן זייַן אזוי ניט־דערצויגן. די אוילים האָבן אלע יאָרן געלעבט מיט סאָוועטישע טראדיציעס. זיי האָבן געוווּסט דעם קלאל, אז די קעגנזייַטיקע באציִונגען צווישן מענטשן דארפן זייַן אָרנטלעכע, פייַנע, איידעלע. יעדער סאָוועטישער מענטש דארף קאָנען מיט סייכל לייזן די פּראָבלעמען, וועלכע שטעלן זיך פאר אים אַף דער ארבעט, אין דער היים, אין א געזעלשאפטלעכער צונויפקומעניש. אָט די מאנירן האָבן זיי געבראכט מיט זיך אויך קיין ייִסראָעל. און ווי גרויס איז זייער איבעראשונג, ווען זיי איבערצייַגן זיך, אז גראָד אזעלכע זיטן זייַנען אין ייִסראָעל א שווערע לאסט.

דעוויד לעווי דערציילט, וויִאזוי ער האָט אין יערושאָלאיִם זיך באקאנט מיט אן אינזשעניער, וואָס האָט עמיגרירט פון סאָוועטנפארבאנד. דער אינזשעניער האָט א פרוי מיט קליינע קינדער. זעקס כאָדאָשים נאָכאנאנד איז ער ארומגעגאנגען אָן ארבעט, ביז ער האָט זיך קוים מיט צאָרעס אייַנגעאָרדנט אין א סטאנציע, וואָס באזאָרגט אווטאָמאָבילן מיט בענזין. „פון דער גראָבקייַט, מיט וועלכער די סאברים באציִען זיך צו אונדז, סאָוועטישע אוילים, — האָט דער אינזשעניער זיך געקלאָגט, — איז פּאָשעט ניט אויסצוהאלטן. און די ביוראָקראטישע וואָלאָקיטע ווייסט דאָ ניט קיין גרענעץ".

צוויי מאָל אָפּגענארט

די טומלדיקע קאמפּאניע פון די ציִעניסטן פאר „ראטעווען די סאָוועטישע ייִדן" האָט געפּלאצט ווי א זייפנבלאָז. דאָס אנערקענט איצט אפילע די בורזשואזע פּרעסע פון ייִסראָעל. פון סאמע אָנהייב אָן איז די קאמפּאניע ארויסגערופן ניט דורך דער זאָרג וועגן די סאָוועטישע ייִדן. דער ציל איז געווען — אָפּווענדן די עפנטלעכע מיינונג פון ייִסראָעל און פון גאָר דער וועלט פונעם דורכפאל פון דער אויסערן־ און אינערן־פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, וועלכע איז, ווי דאָס איז איצט קלאָר פאר אלעמען, אוואנטוריסטיש אין אלע הינזיכטן.

דער שעקער פון די ציִעניסטישע אנטיסאָוועטשיקעס איז געוואָרן קלאָר, און דאָס לאָזט זיי ניט רוען. פארשווייַגן דעם עמעס ווערט אומעגלעך צוליב צוויי סיבעס: ערשטנס, די גרעסטע מערהייַט סאָוועטישע ייִדן פארלאנגט קלאל ניט, מע זאָל זיי „ראטעווען". זיי זייַנען באוווּסטזיניקע סאָוועטישע בירגער, וועלכע

באטייליקן זיך אין דער סאָוועטישער בוויגנג האנט בא האנט מיט די פאָרשטייער פון די אנדערע נאציאָנאליטעטן פונעם סאָוועטנפארבאנד. צווייטנס, איז ייִסראָעל ניט אימשטאנד צו געבן אפילו די וויניקע אימיגראנטן דאָס, וואָס זיי האָבן געהאט אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט, ווי, אשטייגער, גוטע דירעס, א פּרעכטיקע סיסטעם פון בילדונג און געזונט־פארהיטונג.

קומענדיק קיין ייִסראָעל, באגעגענען זיך אָט די מענטשן מיט דער קאפּיטאליסטישער ווירקלעכקײַט, וועלכע שיידט זיך אונטער ווי טאָג פון נאכט פון די שיינע בילדער, וועלכע עס האָט פאר זיי געמאָלט די ליגנערישע ציִוניסטישע פּראָפּאגאנדע.

און אָט דערוויסן מיר זיך וועגן דעם פארלאנג פון א סאך אוילים צו פארלאָזן ייִסראָעל און אומקערן זיך צוריק קיין סאָוועטנפארבאנד. ברענגען פּינקטלעכע ציפערן וועגן דער צאָל ייִדן, וואָס ווילן פארלאָזן ייִסראָעל, איז שווער, עס איז אָבער באוווּסט, אז די דאָזיקע צאָל באטרעפט טויזנטער...

אין ייִסראָעל פּרוּווט מען דערקלערן דעם פארלאנג פון א סאך אימיגראנטן צו אומקערן זיך קיין סאָוועטנפארבאנד דערמיט, וואָס עס באפרידיקט זיי ניט, וואָס אין ייִסראָעל זײַנען פאראן ווייניק באָטעמעדראָשים. אייניקע אימיגראנטן דערציילן, ווי צו זיי זײַנען געקומען ראבאָנים און צוגעזאָגט געבן זיי דירעס און גוטע ארבעט, אויב... זיי וועלן אופהערן צו טראכטן וועגן עמיגרירן פון ייִסראָעל. אָבער די אימיגראנטן האָבן געענטפערט, אז מע האָט זיי שוין איין מאָל אָפּגענארט. אינעם געפּילדער, וואָס די ציִוניסטישע פּראָפּאגאנדע האָט אופגעהויבן, האָבן די ראבאָנים גאָר פארגעסן, אז ערשט נעכטן האָבן זיי געקערט וועלטן ארום דעם, לעמײַ אין סאָוועטנפארבאנד פעלן באָטעמעדראָשים. איצט האָט זיך באקומען אזוי, אז אין פססר זײַנען באָטעמעדראָשים פאראן גענוג, זיי פעלן אויס גראָד אין ייִסראָעל.

א סאך פון די איצטיקע אימיגראנטן האָבן בעשײַטע באקומען בריוו פון זייערע קרויווים אין ייִסראָעל. אייניקע פון זיי האָבן פריער גאָר ניט כוישעד געווען, אז זיי האָבן אין ייִסראָעל קרויווים. אין די בריוו האָבן די ייִסראָעל־קרויווים באשריבן דעם „גאניידן", אין וועלכן זיי לעבן, און מיט וויפל אומגעדולד זיי ווארטן, אז פון סאָוועטנפארבאנד זאָלן שוין קומען זייערע נאָענטע. פארלויפנדיק פאָרויס, וועלן מיר זאָגן, אז א גרויסער טייל פון אָט די בריוו זײַנען געווען פאלשע און א סאך פון די „קרויווים" לעבן שוין אין „גאניידן אָף יענער־וועלט".

עס איז געוואָרן באוווּסט, אז אין כײַפע עקזיסטירט א ספּעציִעלער קאָמיטעט, וואָס ספּעציִאליזירט זיך אָף פאלסיפיצירן בריוו און אריבערשיקן זיי קיין פססר. דער דאָזיקער פאקט איז אופגעדעקט געוואָרן אָף א פּרעסע־קאָנפערענץ אין ווין, ווען א פרוי פון אוקראיִנע האָט דערציילט וועגן אזא פאלשיווקע, וואָס זי האָט באקומען.

זי איז געקומען קיין ייִסראָעל, קעדיי לעבן צוזאמען מיט איר שוועסטער, נאָר עס איז קלאָר געוואָרן, אז איר שוועסטער איז גאָר געשטאָרבן און דער בריוו איז געווען א פאלשער. עס האָט אים פארפאסט דער קאָמיטעט אין כײַפע.

אין כאָלאָן וווינט אן עמיגראנט פון קיִעוו ניקאָלײַ פּעטראָוו (א ייִד לויט דער נאציאָנאליטעט). ער איז איינער פון יענע גליקלעכע, וועלכע ארבעטן לויט זייער פאך. פּעטראָוו איז א מעטאל־שלײַפער אין א מאשינבוי־זאוואָד. אין קיִעוו האָט ער אויך געארבעט אין א זאוואָד.

פּעטראָוו האָט טײַנעס, א סאך טײַנעס: מע נארט אָפּ מענטשן, ער אליין איז אויך א קאָרבן פון אזא גענארערײַ. ער איז אומצופרידן מיטן לעבנס־סיידער אין ייִסראָעל. מע האָט אנומלטן געפרעגט בא פּעטראָוון, פארוואָס איז ער געפאָרן קיין ייִסראָעל, אויב אין דער היים האָט זיך אים געלעבט אזוי גוט? פּעטראָוו האָט געענטפערט: איך האָב אמאָל געלייענט וועגן עפּעס א באָכערל, וועלכער האָט אײַנגענומען א צו גרויסע דאָזע נארקאָטיק און ס'האָט זיך אים געדוכט, אז ער קאָן פליִען, ווי א פויגל. ער איז אראָפּגעפאלן פונעם פערטן שטאָק און פארבליבן אן אינוואליד. דאָס זעלבע איז געשען מיט מיר. איך האָב צופיל זיך אָנגעהערט די שקאָרים, מיט וועלכע עס זײַנען פול די טראנסליאציעס פון „קול ישראל". האָט דאָס אָף מיר געווירקט, ווי יענער נארקאָטיק..."

די אימיגראנטן, ווען זיי קומען קיין ייִסראָעל, טרעפן זיך אָן אָף נאָך איינער אן „אומגעריכטער" פּראָבלעם — עס האנדלט זיך וועגן די פּילצאָליקע שטײַערן. אין סאָוועטנפארבאנד זײַנען זיי געוווינט געווען צו צאָלן האכנאָסע־שטײַער פון זייער ארבעטלוין, דערצו א סאך א קלענערן, איידער מע נעמט אין ייִסראָעל. און דערמיט פלעגן זיך די שטײַערן ענדיקן. זיי האָבן קיין באגריף ניט געהאט, וואָס עס באטײַטן מוניציפּאלע שטײַערן, זיי האָבן ניט געוווּסט, וואָס עס הייסט אזוינס א שטײַער אָף פארווײַלונגען, וואָס עס באטײַט א לאנדשוץ־שטײַער, א שטײַער אפן אייגנטום און פארשיידענע אנדערע דירעקטע און אומדירעקטע שטײַערן. זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט, וואָס עס הייסט פארלייגן א מאשקן פארן הויז, באקומען א כעזשבן פאר ווארעמען דאָס וואסער. אין פססר האָבן זיי זיך באנוצט מיט קאָמונא־

לער באדינונג פאר א ריין סימבאָלישער פּרײַז, באקומענדיק אָבער אלץ, וועגן וואָס א בירגער פון ייִסראָעל קען איצט בלויז טרוימען, דערבײַ ניט אין דער פאָרם פון א נעדאָווע, נאָר ווי אזוינס, וואָס קומט לויטן געזעץ.

...די ארבעטער פון ייִסראָעל קאָנען עפּעס לערנען פון זייערע באגעגענישן מיט די אימיגראנטן פון פססר, כאָטשבי דערפאר, ווײַל זיי וועלן זיך דערוויסן, אף וועלכע רעכט זיי קאָנען פּרעטענדירן. באזונדערס איז וויכטיק דאָס, וואָס זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן דעם, וואָס עס גיט די ארבעטער די סאָציאליסטישע ארדענונג.

אָבער די אימיגראנטן פון פססר קאָנען אויך עפּעס לערנען פון דער ייִסראָעל-ווירקלעכקייַט, פון זייערע באגעגענישן מיט דער וועלט, וווּ עס באלעבאָטעוועט דער קאפּיטאל, מיטן רעזשים, וואָס איז געבויט אף עקספּלואטאציע פון מענטש דורך מענטש, אף מיליטאריזם און שאָוויניזם.

(פון „זו האדערעך", אָרגאן פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון ייִסראָעל)

א בריוו פונעם דעפּוטאט פון קאלינינער ראיאָנסאָוועט פון דער טאשקענטער געגנט לייב ריינבוים

„כאָשעווע רעדאקציע! איך בעט אײַך אָפּדרוקן דעם בריוו, קעדיי די ברייטע געזעלשאפטלעכקייט זאָל זיך מיט אים באקאָנען. מענטשן דארפן וויסן די נידעריקע מעטאָדן, וועלכע עס נוצן אויס אין זייער פּראָפּאגאנדע די ציוניסטישע פײַן-שמירער.

די טעג האָב איך אומגעריכט באקומען אן אומגעלומפּערטע אײַנלאדונג ארויסצופאָרן קיין ייִסראָעל. אן אומגעלומפּערטע דערפאר, ווײַל קיין קרוווים אין ייִסראָעל האָב איך ניט, וועגן פארלאָזן דעם סאָוועטנפארבאנד האָב איך קיינמאָל ניט געטראכט אפילע. ווער זשע זאָרגט זיך עס וועגן מײַנע „גליקן" און וויל מיך „פארייניקן" מיט אויסגעטראכטע קרוווים? עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אז די דאָזיקע אײַנלאדונג איז ניט מער ווי א פּארעטעריש שפּיצל פון די ציוניסטישע ווערבירער, וועלכע האָבן אָבער אין דעם פאל געטראָפן מיט א פינגער אין הימל אָדער ווי א בלינד פערד אין גרוב ארײַן.

איך בין געבוירן געוואָרן אין סאָוועטנפארבאנד. דאָ בין איך אויסגעוואקסן, באקומען בילדונג און שייד זיך אין מײַן אידייען-וועלט ניט אונטער פון אלע בירגער פונעם סאָציאליסטישן לאנד. אין 1941 בין איך פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט, קעדיי באשיצן דאָס טײַערסטע, וואָס מיר פארמאָגן, — דאָס היימלאנד. אפן פראָנט איז אוועק אויך מײַן טאטע, כאָטש ער איז שוין געווען א באיאָרטער מענטש. מיר האָבן זיך געשלאָגן קעגן דעם פאשיזם, און מיר ווייסן גוט די פּרײַז פונעם בלוט, וואָס אלע סאָוועטישע פעלקער האָבן פארגאָסן לעשעם דער גליקלעכער צוקונפט פון אונדזער לאנד, פון אונדזערע קינדער. איז וויאזוי האָבן דאָס קיין בושע ניט יענע, וועלכע פּרוּוון מיך ארײַנבערנארן, — מיך, דעם געוועזענעם פראָנטאָוויק, — אין א מעלוכע, פון וועלכער עס טראָגט זיך א העסלעכע רעכילעסדיקע פּראָפּאגאנדע קעגן מײַן באליבטן היימלאנד?!

איך שטעל זיך אָפּט די פראגע: וועמען דינען אָט די נעפּאשעס, ווען זיי גיבן זיך אָן אלס די פארטיידיקער פון די סאָוועטישע ייִדן? און איך קום צום אויספיר: זיי דינען דער רעאקציע, וועלכע טוט אלץ, קעדיי ארײַנטראָגן קריגערײַען און רײַסערײַען צווישן מעלוכעס און פעלקער, פארסאמען די צווישנפעלקערלעכע אטמאָספער. די ציוניסטן קערן וועלטן, אז אין סאָוועטנפארבאנד רודעפט מען ייִדן. נאָר דאָס הייסט דאָך ניט אנדערש, ווי ווארפן פון א קראנקן קאָפּ אף א געזונטן! ווער ווייסט דאָס ניט, אז גראָד די רעגירער פון ייִסראָעל פירן בענעגייע אן אנדער פאָלק — די אראבער — א פּאָליטיק פון דיסקרימינאציע און גענאָציד, די ייִדן גופע טיילן זיי אף ווײַסע און שווארצע. אין סאָוועטנפארבאנד אָבער איז ניטאָ קיין שום כילעק צווישן מענטשן לויטן נאציאָנאלן סימען. בא אונדז איז דער איינציקער סימען — געוויסנהאפטיקע ארבעט, טרײַהייט דעם היימלאנד און דעם פאָלק.

מײַן זיידע איז געווען א שוסטער און געארבעט בא א באלעבאָס. זײַן פּארנאָסע האָט ניט שטענדיק געקלעקט אפילע אפן שטיקל ברויט. זײַנע אורייניקלעך, מײַנע טעכטער, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן שוין אין דער סאָוועטישער צײַט, האָבן דערגרייכט דאָס, וועגן וואָס ער האָט אפילע טרוימען ניט געוואגט: איינע איז א קאנדידאט פון מעדיצינישע וויסנשאפטן, די צווייטע לערנט אין אינסטיטוט. און דאָס איז דאָך טיפּיש פארן גאנצן סאָוועטישן לעבן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מיך געטראָפן א שווערע קרענק, איך בין געשטאנען פאר דער סאקאָנע, מע זאָל אמפּוטירן ביידע מײַנע פיס. אדאנק דער קונסט פון די דאָקטוירים בין איך געראטעוועט געוואָרן, און איך בין איצט ווידער געזונט. איך האָב זיך געהיילט אין די בעסטע קליניקעס פון לאנד, און ס'האָט מיך קיין קאָפּעקע ניט געקאָסט. בא אונדז, אין סאָוועטנפארבאנד, איז דאָס א וואָכעדיקע זאך,

אָבער אין ייִסראָעל? — דאָרט קאָן אַן ערנסטע קרענק בעדאַלעס שטעלן אַ מענטשן.

די פּראָוואָקאַציעס פון די ציִעניסטן האָבן ניט בלויז מיך אופגעבראַכט, נאָר אויך די פּרײַנט מײַנע, צווישן וועלכע עס געפינען זיך פאָרשטייער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און מיט וועלכע איך לעב צוזאַמען, ווי מיטגלידער פון איין פרײַנטלעכער מישפּאָכע. מיר פאַרשטייען זייער גוט דעם מיין פון אַזעלכע אײַנלאַדונגען: עמעצער וועט זיך דאָך געוויס לאָזן אָפּנאַרן, און ער וועט גיין אין דער פּאַסטקע. די הערן ציִעניסטן נייטיקן זיך אין אונדזערע קעפּ, אין אונדזער בילדונג, וועלכע מיר האָבן באַקומען אין די סאָוועטישע הויכשולן, אין אונדזער דערפאַרונג, וועלכע מיר האָבן דעראָבערט אין די סאָוועטישע אונטערנעמונגען, אין אונדזערע קינדער, וועלכע זיי ווילן אויסנוצן אַלס האַרמאַטן־פלייש פאַר זייערע עקספּאַנסיאָניסטישע צילן.

פון אָט די פּלענער אײַערע, הערן ציִעניסטן, וועט זיך אָבער אויסלאָזן אַ טײַך! איר מיינט דען ערנסט, אַז די סאָוועטישע ייִדן נייטיקן זיך אין אײַער פאַרטיידיקונג! ניין, איר זײַט ניט די פאַרטיידיקער פון ייִדן, נאָר זייערע סאָנים".

(„פּראַוודאַ וואָסטאָקאַ")

צי בויט ייִסראָעל דעם סאָציאַליזם?

די פּראַגע איז, פאַרשטייט זיך, אַ נאַיווע: ווי קאָן מען ריידן וועגן סאָציאַליזם אין אַ לאַנד, ווו עס הערשט הונדערטפּראָצענטיקער קאַפּיטאַליזם? די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אָבער, וואָס קאַרגט ניט קיין קויכעס צו פאַרנאַרן קיין ייִסראָעל וואָס מער ייִדן, איבערהויפּט סאָוועטישע, ווייסט, אַז די ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד שטעלן זיך פאַקטיש ניט פאָר, וויאַזוי מע קאָן לעבן אין אַן אַנדער געזעלשאַפט, ניט אין אַ סאָציאַליסטישער, דעריבער טרומייטערט זי, אַז ייִסראָעל בויט אויך סאָציאַליזם. אויב דאָס זעט אײַך אויס אומגלייבלעך, איז לייענט די פּאָליטישע פּראָגראַמעס פון די פּאַרטייען, וועלכע שטייען איצט באַם רעגירונגס־רודער אין ייִסראָעל, און איר וועט דאָרט געפינען, אַז זיי שטעלן זיך, קלוימערשט, די הויפּט־אויפגאַבע צו „שאַפן אַ קלאַסנלאָזע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט" (אין דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי „מאַפּאַם"), צו „ריכטן די באַוועגונג פונעם ייִדישן אַרבעטער־קלאַס פאַרויס, צו דער נײַער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט" (פּאַרטיי „מאַפּאַי"). ציטאַטעס פון דעם מין קאָן מען ברענגען ניט ווייניק.

ווען מע פאַרגלײַכט אָבער אָט די פּראָגראַמעס מיט דער לעבעדיקער ווירקלעכקײַט, איבערצײַגט מען זיך, אַז דאָס זײַנען ניט מער ווי אומפאַרשעמטע ספּעקולאַציעס אויף דער גוואַלדיקער צוציִונגס־קראַפט פון די סאָציאַליסטישע אידייען. אַזאַ ספּעקולאַנטישער מעטאָד איז ניט נײַ. נאָך אין 1913 האָט וו. אי. לענין געשריבן: „די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע איז אַזאַ, אַז דער טעאָרעטישער זיג פונעם סאָציאַליזם צווינגט זײַנע סאָנים צו איבערטאָן זיך אַלס מאַרקסיסטן".

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטערעס די ציפערן וועגן דער ראָליע, וואָס דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל שפּילט אין דער עקאָנאָמיק פונעם „סאָציאַליסטישן" ייִסראָעל. אין דער מײַרעוו־דײַטשישער אויסגאַבע „ווירטשאַפטסוואָך" לייענען מיר, אַז דער ריינער קאַפּיטאַל־אימפּאָרט קיין ייִסראָעל אין די יאָרן 1948 — 1969 האָט באַטראָפן 10 מיליאָן דאָלער. די פּאָזיציעס פונעם אויסלענדישן, באַזונדערס פונעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל זײַנען באַזונדערס שטאַרק אין דער ראַדיאָטעכניק, כעמיע, אויטאָמאָבילן־אינדוסטריע און אין אייניקע אַנדערע צווײַגן פון דער עקאָנאָמיק. נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָט וועגן דער פּראַגע געשריבן די צײַטונג „פײַנענשל טײַמס":

„קימאַט אַלע גרעסטע ייִסראָעל־אונטערנעמונגען פון דער ראַדיאָטעכנישער אינדוסטריע אַרבעטן פאַריינס מיט די גוט באַקאַנטע אַמעריקאַנער פירמעס, וואָס אַ טייל פון זיי שאַפט נאָך, כוץ דעם, אייגענע טעכטער־אונטערנעמונגען אין ייִסראָעל, שוין אָפּגערעדט פון די צענדליקער פאַרשטענדיקונגען וועגן טעכנישער מיטאַרבעט".

עס איז, לעמאָשל, באַקאַנט, אַז די אַמעריקאַנער פירמע „דזשענעראַל טעלעפאָן" האָט זיך אײַנגעשאַפן אַ גרויסן פּאַקעט אַקציעס פונעם אײַנפלוסרײַכן ראַדיאָטעכנישן קאָנצערן „טאַדיראַן". די אַמעריקאַנער קאָמפּאַניע, וועלכע לאָזט אַרויס עלעקטראָנישע אויסרעכענונגס־מאַשינעס, „קאָנטראָל־דייטאַ", פאַרשפּרייט איר האַשפּאָע אויף דער ייִסראָעל־פירמע „עלביט", די פירמע „אַמעריקען עלעקטראָניק לאַבאָראַטאָריז" האָט אין ייִסראָעל אַ טאָכטער־אונטערנעמונג. אַ העלפט אַקציעס פונעם נײַעם זאַוואָד אין ייִסראָעל, ווו עס ווערן פּראָדוצירט רעאַקטיווע אַוויאַציע־מאָטאָרן, געהערט דער אַמעריקאַנער קאָמפּאַניע „האָומעט קאָרפּאָריישן".

אָבער ניט בלויז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל באַלעבאָטעוועט אין דער עקאָנאָמיק פון דער „סאָציאַליסטישער" מעלוכע. אין דער „בויונג פונעם סאָציאַליזם אין ייִסראָעל" מאַכן אײַנוועסטיציעס די מײַרעוו־דײַטשישע באַנקירן און אַזעלכע גרויסע אינדוסטריע־פירמעס פון דער

דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, ווי „פאָלקסוואַגען", „קרופּ", „טיסען" אאַ. די אַלגעמיינע סומע אינוועסטיציעס אין ייִסראָעל פון די מײַרעוו־דײַטשישע קאָנצערנען דערגרייכט שוין ביז 200 מיליאָן מײַרעוו־דײַטשישע מאַרקן.

א סאַך ענגלישע פירמעס, באַנקיר־הײַזער פון פראַנקרײַך, אינדוסטריִעלע קאָמפּאַניעס פון איטאַליע, האָלאַנד, נאָרוועגיע, דענעמאַרק זײַנען ענג פאַרבונדן מיט די ביזנעסמענער פון ייִסראָעל, אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן אין די שוין פאַראַנענע אונטערנעמונגען און בויען נײַע. לויט אייניקע ידיִעס באַטרעפט די צאָל פון אַזעלכע פירמעס מער פון אַכט טויזנט.

די ציִעניסטישע פּאָליטיקער טוען אַלץ אַף צו פלאַנצן אין לאַנד קאַפּיטאַליסטישע פּאָראַנדקעס. אַדאַנק די ציִעניסטן איז ייִסראָעל געוואָרן א גאַניידן פאַרן אויסלענדישן קאַפּיטאַל. די פּראָפיט־נאָרמע דערגרייכט דאָ 20 — 30 פּראָצענט. אָבער אַפן כעזשבן פון וואָס ווערט דערגרייכט אַזאַ הויכער פּראָפיט־ניוואָ? אַפן כעזשבן פון דער פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע, אַפן כעזשבן פון האַלטן אַף א נידעריקן ניוואָ דעם אַרבעטסלוין. אין ייִסראָעל עקזיסטירן די העכסטע אין דער וועלט שטײַערן, די סאָציִאַלע רעכט פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זײַנען דאָ די נידעריקסטע אין דער וועלט, עס ווערט וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער דער פּאָליציייִשער רעזשים.

דער אָנגריף אַף די לעבנס־רעכט פונעם פאָלק שטויסט זיך אָבער אָן אַף אַן אַלץ וואַקסנדיקן ווידערשטאַנד. לויטן וווּקס פון דער שטרײַק־באַוועגונג פאַרנעמט ייִסראָעל איינס פון די ערשטע ערטער אין דער וועלט. פאַר די לעצטע צען יאָר איז דאָרט די צאָל שטרײַקן אויסגעוואַקסן: אין דער אינדוסטריע — אין צען מאָל, אין דער לאַנדווירטשאַפט — אין פינף מאָל, אין דער באַדינונגס־ספער — אין צוויי מאָל.

לאָמיר אונטערפירן א סאַכאַקל: סאָציאַליזם, ניט ליקווידירנדיק די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, ניט אָפּשאַפנדיק פּריוואַט־אייגנטום אַף די פּראָדוציר־מיטלען, סאָציִאַליזם, ווען עס הערשט דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל אין דער עקאָנאָמיק, — אַזוי זעט אויס דער נײַסטער בײַטראָג פון די ציִעניסטישע „רעוואָליוציִאָנערן" אין דער טעאָריע! איז דאָס דען ניט דער רעקאָרד פון סאָציִאַלער דעמאַגאָגיע?

אומדערבאַרעמדיקע עקספּלואַטאַציע שטייט אויס אין ייִסראָעל ניט בלויז דער אַרבעטער־קלאַס. ניט ווייניקער שווער איז די לאַגע פון דער אינטעליגענץ. ניט לאַנג צוריק איז אין דער רעדאַקציע פון „גאָלאָס ריגי" אָנגעקומען א בריוו פון א געוועזענער אײַנוווינערן פון דער שטאָט, א דאָקטער. איצט אַרבעט זי אין איינער פון די פּאָליקליניקעס פון טעל־אַוויוו. דער מענטש, וואָס האָט געבראַכט דעם בריוו, האָט געבעטן, מיר זאָלן ניט אָנרופן איר פאַמיליע. מיר ברענגען דאָ עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שורעס פון דעם בריוו: „די אַרבעט אין דער פּאָליקליניק איז זייער א שווערע, פאַר אַכט אַרבעטס־שאָ מוז מען אויפנעמען ביז 100 — 120 כאַלאָים. אַהיים קום איך אָן אויסגעשעפּטע און פאַל פון די פיס"...

אין געזונט־מיניסטעריום פון דער לעטלענדישער סאָוועטן־רעפּובליק האָט מען אונדז מיטגעטיילט, אַז פאַר איין אַרבעטס־טאָג קאָן א דאָקטער אויפנעמען דורכשניטלעך דרײַסיק כאַלאָים.

קעדיי א דאָקטער זאָל אין ייִסראָעל קאָנען פאַרנעמען זיך מיט מעדיצינישער פּראַקטיק, איז ווייניק, ער זאָל האָבן די געהעריקע קענטענישן און דערפאַרונג. ער דאַרף נאָך, ווערט געזאָגט אינעם בריוו, „זײַן א פרומער ייִד, דאַוונען אַלע טאָג, און אויב ער וויל ניט דאַוונען, זײַנען פאַר אים פאַרמאַכט די טירן אין אַלע שפּיטאָלן, אין אַלע פּאָליקליניקעס".

און אָט איז דער סאָף פונעם בריוו: „איך האָב שוין קיין קויעך ניט צו שרײַבן, צו דערקלערן און דערווײַזן מיט פאַקטן דעם גאַנצן אַבסורד פונעם אידיִאָטישן אַזשיִאָטאַזש אַרום דעם פאָרן קיין ייִסראָעל. ערלעכע מענטשן רײַסן זיך די האָר פון קאָפּ, שרײַבן דעם עמעס צו זייערע קרויווים און פרײַנט, קעדיי אויסהיטן זיי פונעם אומגליק... עס זײַנען אָבער פאַראַן פאַלשע פרײַנט, וועלכע מאָלן אַלץ אין א ראָזעווער שײַן, טראַכטן אויס ניט־געשטויגענע — ניט־געפלויגענע מײַסעס. זיי דענקען אַזוי: אויב איך בין אַרײַנגעפאַלן אין גרוב, פאַרוואָס זאָלן אַנדערע ניט אַרײַנפאַלן?"

די צײַט אַרבעט אָבער קעגן דעם ציִעניזם. וואָס ווײַטער, דעמאַסקירט ער זיך אַלץ מער.

וו. פּראָסט („גאָלאָס ריגי")

אַזוי ווי מע קלײַבט ניט אויס קיין מאַמע, אַזוי קלײַבט מען ניט אויס קיין היימלאַנד

איך בין א ייִדישע פרוי, געבוירן געוואָרן אין קיראָוואָגראַד. מײַן מאַמע איז פרי געשטאָרבן. דער טאַטע, א מעטופּל מיט קינדער, האָט מיך אָפּגעגעבן אין א קינדערהיים. ווען די פאַשיסטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן קיין קיראָוואָגראַד, האָבן זיי קוידעמקאָל זיך גענומען צו די ייִדן. בײַ איינער אַן אָבלאַווע האָבן זיי מיך געכאַפּט אין

גאַס און צוזאַמען מיט אַנדערע אַוועקגעפירט הינטערן שטאָט צו די צוגעגרייטע גריבער. ווי נאָר מע האָט אָנגעהויבן שיסן, האָב איך פאַרלאָרן דאָס באַוווּסטזײַן און בין אַרײַנגעפאַלן אין גרוב. שפּעט באַנאַכט בין איך געקומען צו־זיך און דערפילט, ווי עס שטיקט מיך די לאַסט פון טויטע קערפּערס. קוים אַרויסגעקראָכן פון אונטער זיי, בין איך אַוועק צו אַן אוקראַיִנער — מײַן טאַטנס אַ פרײַנט. כאָטש אין שטאָט איז געהאַנגען דער באַפעל פון די פאַשיסטן, אַז פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייִדן קומט טויט־שטראָף, האָט דעם טאַטנס פרײַנט מיך אויסבאַהאַלטן אין מעשעך פון צוויי כאָדאָשים, ביז איינער אַן אָרטיקער פּאָליציי האָט מיך דערקענט און געמאַסערט.

ווידער טרייסל איך זיך אין אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס איז פול מיט אַף טויט דערשראָקענע ייִדן, מע פירט אונדז צום שיסן. איך דערקען אַפילע דעם וועג, מיט וועלכן מע האָט מיך פריִער געפירט צו די גריבער. אַלץ כאָזערט זיך איבער אַפּסניי. אַז מע האָט אונדז געבראַכט צו די גריבער, האָב איך ניט געוואַרט, די פאַשיסטן זאָלן אָנהייבן שיסן, — איך בין גלײַך אַ פאַל געטאָן אַף דער ערד און געלעגן ביז מע האָט שוין אָנגעהויבן פאַרשיטן די גריבער. אויך דאָס מאָל בין איך געבליבן לעבן. בײַ׳ס אַ ווײַטערדיקער אַבלאַווע האָט מען מיך ווידער געכאַפּט אין גאַס און צוזאַמען מיט אַ גרויסער פּאַרטיע מענטשן פאַרטריבן אַף אַ פאַשיסטישער קאַטאָרגע קיין דײַטשלאַנד. פון דער קאַטאָרגע האָבן מיך אויסגעלייזט די העלדישע סאָלדאַטן פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

די אַנטיסאָוועטישע אונטערהעצער ווילן, אַז דאָס פאָלק זאָל פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהײַט. איך וועל אָבער דאָס גאַנצע לעבן ניט פאַרגעסן, ווי איך בין צוויי מאָל געלעגן אין די גריבער, צוגעדעקט מיט הארוגים. איך וויל ניט, אַז דאָס זאָל זיך איבערכאַזערן. איך וויל אויך ניט מאַטערן זיך נאָכאַמאָל אַף פאַשיסטישער קאַטאָרגע.

שוין 25 יאָר, ווי איך אַרבעט אינעם ריגער פאַניער־זאַוואָד „ליגנומס". איך האָב שוין דערגרייכט דעם פּענסיע־עלטער. נאָר אָט דערוויס איך זיך, אַז דער בוכהאַלטער פונעם זאַוואָד ל. קאַגאַן האָט פאַרלאָזן זײַן אַרבעט און איז אַוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל זוכן אַ נײַ היימלאַנד.

ווען מײַן מאַמע איז געשטאָרבן, האָב איך קיין אַנדער מאַמע ניט געזוכט און וויל ניט זוכן. זי איז בײַ מיר געוואָרן איינע און זי וועט בלײַבן מײַן מאַמע. קיין מאַמע קויפט מען ניט און קיין מאַמע קלײַבט מען ניט אויס. איך האָב איין היימלאַנד — דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די סאָוועטישע אַרמיי האָט מיך באַפרײַט פון דער פאַשיסטישער קאַטאָרגע, ווי זי האָט באַפרײַט פיל פעלקער פון דער וועלט פון דעם פאַשיסטישן געהענעם, ווי זי האָט באַפרײַט דאָס ייִדישע פאָלק פון זיכערן טאָטאַלן אומקום. קיין נײַע מאַמע זוכט מען ניט, פאַראַן נאָר איין מאַמע. קיין נײַ היימלאַנד זוכט מען ניט — פאַראַן נאָר איין היימלאַנד. אין דעם סאָוועטישן היימלאַנד פיל איך זיך גליקלעך און וועל עס ניט פאַרלאָזן ביז מײַן לעצטן אָטעמצוג.

מ. פּראַלאָווע („גאָלאָס ריגי")

מענטשן מיט אַ היים און מענטשן אָן אַ היים

אַלס שרײַבער, פאָר איך אַ סאַך אַרום, האָב אָפטע באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע מענטשן. אָבער די מערהײַט צופעליקע רייזע־באַגעגנישן צעגייען זיך ווי אַ רויך, פאַרגעסן זיך. עס טרעפט אַמאָל, דו קוקסט אַרײַן אין נאָטיץ־ביכל, געפינסט אַ באַקאַנטן נאָמען און סטאַרעסט זיך אופשטעלן אין זיקאָרן די פּראַטים, פאַרוואָס אָט דער מענטש האָט אַרויסגערופן בא דיר אַן אינטערעס, נאָר... אומזיסט די מי. די באַגעגעניש, וועגן וועלכער איך וויל איצט דערציילן, האָט זיך אָבער פעסט פאַרקריצט אין מײַן זיקאָרן. צען יאָר זײַנען שוין אַוועק, און דאָך זע איך נאָך ביז איצט אָט דעם באַיאָרטן דאָרלעכן מענטשן מיט טיף אײַנגעפאַלענע אויגן אַפן אַסקעטישן פּאָנעם.

דאָס איז געווען אין דער הויפּטשטאָט פון עסטרײַך, אין ווין. ער איז צוגעגאַנגען צו אונדזער גרופּע און זיך באַגריסט. גערעדט האָט ער מיט אַן אַקצענט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אײַנוווינער פון דאָרעם. רײַך געקליידט, קאָסטבאַרע רינגען אַף די הענט. נאָר אַף זײַן גאַנצן אויסזען איז געלעגן עפּעס אַ כויסעם פון דערשלאָגנקײַט: אַ קרענקלעכער גלאַנץ אין די אויגן, אומרויִקע באַוועגונגען, דעם מיטשמועסער דרינגט ער דורך מיט אַ פּיבערדיקן בליק. ער האָט געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן זיך אַף טאַגאַנראָג, וואָס איז, ווי ער האָט געזאָגט, זײַן געבורטסשטאָט.

דער באַיאָרטער מאַן האָט, ווײַזט אויס, געזוכט צווישן די סאָוועטישע טוריסטן זײַנע לאַנדסלײַט. מיך האָט ער דעם ערשטן אָנגענומען אַלס זײַנעם אַ בען־איר. כאָטש אַליין בין איך גאָר אַ ראָסטאָווער און ראָסטאָוו ליגט באַ 100 קילאָמעטער ווײַט פון טאַגאַנראָג, נאָר אין טאַגאַנראָג בין איך געווען ניט איין מאָל. ווי עס איז קלאָר געוואָרן פון דעם לאַנדסמאַנס

רייד, האָבן די פאַשיסטן פאַרטריבן אים פון זײַן היים אַף אַרבעט אין רורער געביט.

גאָט מײַנער, וואָס מיט אָט דעם באַיאָרטן מאַן האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ערשט ניט לאַנג בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די טאַגאַנראָגער גאַסן, געעטעמט מיט טאַגאַנראָגער לופט, געטראָטן אַף דער טאַגאַנראָגער ערד! איך האָב געמיינט, אַז אָט פאַלט ער אין חלשות: ער האָט הילפלאָז א שמייכל געטאָן, געבעטן מיך צוזעצן זיך מיט אים אַף דער באַנק, א כאַפּ געטאָן מיך פאַר דער האַנט און שווײַגנדיק געקוקט אַף מיר, ווי אַף מײַן פּאָנעם וואָלט זיך פאַרקריצט דאָס בילד פון זײַן שטאָט, ווו יעדער שטיין איז אים אַזוי טײַער און אײַנגעבאַקן אין האַרצן.

ער האָט געוואָלט וויסן וועגן טאַגאַנראָג אַלץ. און ווי ווײַט איך האָב געקאָנט, האָב איך זיך באַמיט צו באַפרידיקן זײַן נײַגער. איך האָב בא אים צום סאָף געפרעגט:

— איר בענקט?

— ס'איז ניט דאָס פּאַסיקע וואָרט, זעמליאַק, — דער באַיאָרטער מאַן האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן קאָפּ און א געדיכטער טרויער האָט באַדעקט זײַן פּאָנעם. — מיר איז אומעטיק, שרעקלעך אומעטיק... דאָרט איז מײַן היים. איך בין זייער מעקאַנע יענע, וואָס קאָנען זיצן באַם אַזאָווער ים. איך בין אומבאַהאָלפן. דאָס איז דאָך מײַן היים, דאָס איז... — ניט געפינענדיק קיין ווערטער, האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן מיט די הענט פאַרן קאָפּ. — ניין, זעמליאַק, דו וועסט דאָס ניט פאַרשטיין. גלײַך נאָך דער מלחמה האָב איך זיך א ריס געטאָן אַהיים. עס האָט זיך אָבער גאָרנישט ניט באַקומען. דו ווייסט מיסטאָם אַליין, וויפל שטרויכלשטיינער אונדזערע ליבהאַרציקע „פאַרבינדעטע" האָבן אויסגעשפּרייט אַפן וועג פון יענע, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין זייער זאָנע און געוואָלט זיך אומקערן אַהיים. איצט איז שוין שפּעט. איך בין געפּענטעט פון קאָפּ ביז די פיס: א שטוב, א ווײַב, קינדער, א גאָרדעראָב בגדים... עס איז איבער די קויכעס! — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט א קרעכץ. ער האָט מיר א שטעק געטאָן זײַן האַנט און איז שנעל אַוועק.

איך בין געבליבן זיצן אַף דער באַנק א פאַרכושטער פון די ליידן פון א פרעמדן מענטשן, וועלכע זײַנען מיר, לעמײַ זאָל איך לייקענען, געווען טאַקע אומפאַרשטענדלעך. און איך מעג זאָגן, אַז צום ערשטן מאָל נאָך די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן האָב איך מיט דער גאַנצער שאַרפקײַט דערפילט, סאַראַ גרויס גליק עס איז צו האָבן א היימלאַנד, און ווי אומגליקלעך און אָרעם עס איז אָט דער באַיאָרטער מאַן, וואָס איז געזעסן לעבן מיר אין זײַן טײַערן אָנצוג, מיט בריליאַנטענע סיגנעטן אַף די פינגער.

דעמלט, אין ווין, האָב איך דערזען מיט דער גאַנצער בוילעטקײַט, כאָטש טאָפּ אָן מיט די הענט, די גרויסע פײַערלעכקײַט און דערהויבנקײַט פון די ווערטער, וועלכע איך האָב מיט פיל יאָרן צוריק אַרויסגערעדט מיט מײַנע ליפּן באַם אָנעמען די מיליטערישע שבועה. „איך בין א בירגער פונעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן..." אָט די ווערטער, וועלכע פאַרווישן לאַכלוטן ניט די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקײַט פון דעם, ווער עס רעדט זיי אַרויס, און פאַרמינערן ניט אין דער מינדסטער מאָס די ווירדע פון יעדן באַזונדערן מענטשן, פון יעדן אינדיווידווּם, שפּיגלען אָפּ מיט זעלטענער פּינקטלעכקײַט און פולקײַט די וואָרע ווירקלעכקײַט, ווען מענטשן זײַנען אייניק סײַ אין זייערע מעשׂים, סײַ אין זייערע צילן.

איך האָב געפּרוּווט א טראַכט טאָן, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ גראָד דעמלט, ווען איך לעב איבער אַן אויסשליסלעכע סיטואַציע? און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל פון מײַן געבוירן־טאָג אָן האָט מײַן היימלאַנד קיינמאָל ניט געגעבן מיר די געלעגנהײַט צו שטעלן אונטער א סאָפעק זײַן מוטערלעכע באַציִונג צו מיר. און מוטער־ליבע, ווי באַוווּסט, נעמט מען אויף ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, צומאָל אַפילו עגאָיִסטיש. אַלץ, וואָס עס האָט מיך אַרומגערינגלט און רינגלט מיך אַרום פון די קינדער־יאָרן אָן, — איז פאַר מיר און צוליב מיר: איך האָב געלעבט און איך לעב, איך פיל זיך אַלס פּערזענלעכקײַט, וואָס אַף איר לייגט דאָס היימלאַנד גרויסע האָפענונגען; אין יעדן אָרט פון מײַן גרויס לאַנד פיל איך זיך אין דער היים, אומאָפּהענגיק דערפון, צו וועלכער נאַציע עס געהערן די ברידער און שוועסטער, וועלכע רינגלען מיך אַרום.

דאָס אַלץ איז אָרגאַניש, דאָס אַלץ איז אײַנגעזאַפּט אין די בלוטן ניט בלויז בא מיר, נאָר בא יעדן בירגער פון אונדזער לאַנד. און דערפאַר טראַכסטו ניט וועגן דעם, נאָר דו נעמסט עס אָן, ווי א זאַך, וואָס עס קומט דיר, ווי אַזוינס, וואָס געהערט דיר פון געבוירן אָן.

דאָס לעבן גייט, פאַרשטייט זיך, מיט זײַן וועג, און צומאָל טרעפן אַזעלכע אומשטענדן, וועלכע טרעטן אַריבער די גרענעצן פון אונדזערע נאָרמעס און באַגריפן. נאָר דאָס געהערט שוין צום געביט פון פּאַטאָלאָגיע, און כאָטש דאָס איז א קרענק, אָבער דאָך א פאַרקריפּלטער יויצע־מין־האקלאל. קראַנק דערויף זײַנען בלויז מענטשן באַגרענעצטע, וועלכע באַמיִען זיך צו פאַרדעקן זייער גײַסטיקן דאַלעס, זייער פּוסט־

קײַט, מיט דער פאַרשימלטער שירמע פון „אויסשליסלעכן נאַציאָנאַלן ייִכעס".

מילכאָמע־צײַט האָב איך אפן פראָנט זיך איינמאָל געטראָפן מיט אזא מין פאוולין[1]. א געלער יאט, געזונט ווי א לייב. ער האָט געדינט אין דער שטורעם־אוויִאציע אלס מעכאניקער. זײַן מעלאָכע האָט ער געקענט גלענצנדיק, נאָר מענטשלעכקײַט האָט ער ניט פאַרמאָגט אפילע אפן שפּיץ מעסער.

זומער 1944 האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט שווערע שלאכטן, בייס וועלכע קימאַט אלע לופט־שיסער פון אונדזער פאָלק זײַנען אומגעקומען. די קאָמאנדשאפט פון פאָלק האָט זיך געווענדט צו די טעכניקער און מעכאניקער, זיי זאָלן פאַרבײַטן די געפאַלענע לופט־שיסער. אף דער ווענדונג האָבן זיך א סאַך אָפּגערופן, אָבער אָט דער געלער יאט האָט זיך פון זײַן אָרט ניט גערירט. ער האָט דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס ער קאָן ניט געפינען פאר זיך קיין פאַרבײַט. מיר האָבן אָבער געוווּסט, אז ער איז א פּאַשעטער פּאַכדן, ער האָט מוירע, אז ער וועט אין דער לופט זיך באַגעגענען מיטן טויט...

נאָך זעקס שלאכט־פלוגן אין מעשעך פון איין טאָג האָב איך שוין קיין קויעך ניט געהאַט ארויסצופּלאָנטערן זיך פון די פאַראשוט־רימענס און בין געבליבן ליגן א פאַרכאַלעשטער באַם שטורעם־עראָפּלאַן, וואָס איז געווען דורכגעלעכערט פון שפּליטערס. לעבן מיר האָבן זיך אין פונקט אזא צושטאנד געפונען מײַנע כאַווײרים, אזעלכע פאַרכאַלעשטע, ווי איך, צו־זיך זײַנען מיר געקומען לאנגזאם. מיט מאַטערניש. פלוצעם דערהער איך א שטים: „וואָס איז געשען? די קני זײַנען בא דיר אָפּגעשוואַכט געוואָרן? דאָ איז דיר ניט טאַשקענט, ווו מע פאַרברוינט זיך אף דער זון, כאַ־כאַ־כאַ!" איך גיב א קוק, איבער מיר שטייט דער געלער מעכאניקער און קוקט כיטרע אין אלע זײַטן. אין יענעם אויגנבליק האָב איך ווי פאַרלאָרן די פייִקײַט צו פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך ארום מיר. און ווען איך בין געקומען צו־זיך, בין איך שוין געגאנגען מיט די כאַווײרים צום קאָמאנדע־פונקט פונעם פאָלק. הינטער מיר האָט, פאַרדעקנדיק מיט די הענט זײַן צענעריקט פּאָנעם און כניקענדיק, זיך געשלעפּט דער געלער מעכאניקער.

איך האָב זיך טאַקע ניט דערוווּסט, ווער עס האָט אים אזוי ארײַנגעטיילט, נאָר פון דעם מאָמענט אָן האָט ער ווי אופגעהערט פאר מיר און פאר מײַנע כאַווײרים צו עקזיסטירן. דער פליער, וועמעס עראָפּלאַן ער האָט באַדינט, האָט מער ניט געוואָלט אָנעמען זײַן הילף. מיט אים האָט זיך קיינער ניט געגריסט. מע האָט אים פּאָשעט אופגעהערט צו באמערקן... דאָס איז געווען א שרעקלעכער אורטייל, און דער באָכער האָט געמוזט אוועקגיין פון אונדזער פּאָלק...

מיר זײַנען אוועק אין אָנגריף. איך האָב שטאָלצירט מיט מײַנע כאַווײרים. ניט אזוי מיט זייער דרייסטקײַט און מוט, וויפל, וואָלט איך זאָגן, מיט זייער ציטעריקער ליבע צו די מענטשן, וועלכע מיר האָבן באפרײַט און געראַטעוועט פון די גאזלאָנישע הענט. יעדער איינער פון אונדז איז געווען א טייל פון זײַן היימלאַנד, דעריבער איז ער זיך באַגאנגען מיט אנדערע אזוי, ווי דאָס היימלאַנד איז זיך באַגאנגען מיט אונדז: מיט אכטונג, מיט ווירדע, הומאַניש. טויזנטער און טויזנטער מענטשן, באפרײַטע פון פאַשיסטישער קנעכטשאַפט, זײַנען דורכגעגאנגען פאר מײַנע אויגן: רוסן, פראַנצויזן, בעלגיער, פּאָליאַקן, ליטווינער, ייִדן, ענגלענדער, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן. און מיר האָבן זיי אפסנײַ געשענקט דאָס רעכט אף מענטשלעכער עקזיסטענץ, אף מענטשלעכער ווירדע. ניט לאנג צוריק, זײַענדיק אין קאָוונע און באַזוכנדיק דעם אָרדענטרעגערישן זײַדע־קאָמבינאַט אף פּ. זיבערטאַסעס נאָמען, האָב איך זיך דערמאָנט א געשעעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען אינגיכן נאָך דער באפרײַונג פון דער שטאָט, אף דעם זעלבן אָרט, ווו איצט זײַנען אויסגעוואַקסן די נײַע צעכן פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

בייס דער באפרײַונג פון קאָוונע האָבן אף דעם אָרט זיך געראַנגלט די כורוועס פון דער געטאָ. מיר, די סאָוועטישע קריגסלײַט, האָבן זיך געהיט אפילע צו טרעטן אף אָט דער ערד, אף וועלכער עס זײַנען באַגאנגען געוואָרן אזויפיל שוידערהאַפטע פאַרברעכנס. נאָר אין איינעם א טאָג איז אהער זיך צונויפגעלאָפן אונדזער גאנצער פּאָלק... פון א קעלער אין א כאָרעווו הויז איז ארויסגעקראָכן א זאָקן מיט א קליין ייִנגעלע. ער האָט געוווּסט, דער זאָקן, אז ער גייט אף א זיכערן טויט, דאָך אָבער איז ער ארויס אף דער פרײַער לופט, ווײַל אים האָט געטריבן דער הונגער. א דאַרער, א קוואָרער, אן אויסגעטריקנטער סקעלעט, איז ער געשטאנען צווישן די כורוועס און צוגעדריקט דאָס קינד צו דער ברוסט, זײַענדיק גרייט צו קאָלערליי פּײַנען. זײַנע אויגן, אָפּגעוווינטע פון זון־שײַן, האָבן ניט געזען, ווער עס זײַנען די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אים שווײַגנדיק ארומגערינגלט. און די דאָזיקע סאָלדאַטן האָבן פלוצעם גענומען שרײַען „הוראַ"! זיי האָבן פאַרזיכטיק גענומען אף די הענט דעם זאָקן און דאָס קינד און, ווי אן אייגענעם זיידן, און ווי

[1] פאוולין — א פויגל מיט פילפאַרביקע פעדערן און מיט אן עק, וואָס צעשפּרייט זיך ווי א פעכער.

אַן אייגענעם זון, אוועקגעטראָגן זיי אין שפּיטאָל אַרײַן...

איך קוק זיך נאָכאמאָל און ווידעראמאָל אײַן אין מײַן לעבן, איצט שוין דורך דער פּריזמע פון יאָרן און, פאַרשטייט זיך, פון דערפאַרונג, ווען מע קאָן און מע האָט דאָס רעכט צו פאַרגלײַכן און קעגנשטעלן, ווען עס איז געקומען די צײַט פון אָפּשאַצונגען. אָבער מיך אינטערעסירן ניט קיין פּראָטים, ניט קיין איינצלנע פאַלן און געשיכטעס, נאָר דער גרויסער צײַט־אָפּשניט, וואָס האָט אין זיך אַרײַנגענומען אַזוי פיל פרייד און טרויער, גליק און ביטערניש. צי האָט זיך מיר דאָס לעבן אײַנגעגעבן? צי האָב איך אויפגעטאָן אַלץ, אַף וואָס איך בין פייִק? צי זײַנען מעקוייעם געוואָרן מײַנע יוגנט־טרוימען? צי האָבן געבראַכט באַפרידיקונג די פאַרלאָפענע יאָרן?

אויפן גורל פון מײַן דאָר איז אויסגעפאַלן ניט קיין לײַכטע צײַט. נאָר מיר זײַנען דורכגעגאַנגען די דאָזיקע צײַט מיט ווירדע און קאָוועד. און הײַנט שטאָלצירן מיר מיט די רעזולטאַטן פון אונדזער מי. איבעריקנס, די כעסרוינעס, וועלכע מיר נעמען אויף אַזוי שאַרף, זײַנען אויך „רעזולטאַטן” און אויך אונדזערע: מיר האָבן אַמאָל עפּעס דורכגעלאָזט, פאַרזען, ניט אויסגעפילט אין אַרבעט ביזן סאָף... איך האָב געהאַט און האָב אויך איצט גלײַכע מעגלעכקײַטן מיט אַלע אַנדערע. און עס איז בלויז מײַן שולד, ניט קיינעמס, אויב איך האָב ניט פאַרשטאַנען צו אויסנוצן זיי פאַר די אינטערעסן פון מײַן היימלאַנד. איך טראָג די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט בענעגייע מײַן היים־ערד, איך באַטאָן נאָכאַמאָל: מײַן היים־ערד, ווײַל אין מיר פליסן אַלע אירע זאַפטן, די ריינקײַט און גרויסקײַט פון אירע פעלנער, די שיינקײַט און איידלמוטיקײַט פון אירע אויפטוען.

נאָר אָט הער איך: איייניקע ייִדן פאָרן אַרויס קיין ייִסראָעל. מע זאָגט, אַז זיי פאָרן, קלויִמערשט, אַהיים... נאָר צי קאָן מען האַלטן פאַר אַ היים אַ לאַנד, וווּ אַלץ איז ניט בלויז פרעמד, נאָר דזשאַמעטראַל דער היפּעך פון דעם, וואָס דו האָסט אײַנגעזאַפּט אין דײַנע בלוטן און מיט וואָס דו האָסט אַזויפיל יאָרן געלעבט? לאָמיר זאָגן דעם עמעס — באַגרענעצטקײַט און טעמפּקײַט, פּונקט ווי אומדאַנקבאַרקײַט, האָבן ניט קיין נאַציאָנאַלן אַדרעס. און איך וועל זיך קיין האָר ניט כידעשן, אויב אין אַ שטיקל צײַט אַרום וועלן די מענטשן, וואָס פאַרלאָזן איצט זייער עמעסע היים, זיך פילן ווי יענער באַיאָרטער מאַן, וועמען איך האָב געטראָפן אין ווין. אין זייער לעבן וועט אויספעלן דאָס וויכטיקסטע. אָן אַ היים פאַרלירט אַ מענטש זײַן מענטשלעך פּאָנעם...

ל. ווײַסבערג („סאָוועטסקאַיאַ ליטוואַ”)

מענדל ליפשיץ

אווטאָביאָגראַפֿישע פּאָעמע

1

מיט וועלכן דאנק דערפּרייסטו די פּאָעטן? —
מיט דעם, וואָס דורשטיק וואַרטסט אַף זייער וואָרט.
נאָר מיך האָט זינגען קיינער ניט געבעטן,
און אויב מײַן פּערז עס רײַסט אַרויס זיך פֿאָרט,

איז עס דערפֿאַר, ווײַל ס'האָט די צײַט באַפֿוילן,
מײַן ליד זאָל אָנצינדן די שײַן פֿון טעג,
כ'זאָל אויסהאַקן, ווי שווערע פֿלאַסטן קוילן,
די שטיינערנע מעכיצעס אַף דײַן וועג.

ווער בין איך, ווער? — אַ דורשטנדיקער דיכטער,
וואָס נעמט אַף זיך אַזאַ מין שווערן אָל.
איך וויל, אין וועלדער טונקעלע, געדיכטע
אַרויסרײַסן די שטומקײַט זאָל מײַן קאָל.

פֿונוואַנען קום איך אין דעם קאַנט צו גיין? —
פֿון פּראָסטן פֿאָלק, מײַן ברודער — דעם האַמוין.

2

יאָרטויזנטער מע ציילט אָפּסנײַ די דאַטעס,
וואָס בלוטיקע מילכאָמעס מערקן אָפּ.
עס האָט מײַן טאַטע, ווי אַפֿולע טאַטעס,
געדאַרפֿט צושטײַער געבן אויך זײַן קאָפּ.

ס'האָט קיינער ניט געגעבן אים קיין אייצעס —
געקומען איצטער איז אין קאָן דײַן ריי,
די צײַט זאָל דורכפֿאָרן אַף דײַנע פּלייצעס,
איז גיי, זײַ מויכל, אונטערשטעלן זיי.

און ער אַוועק אינדרײַען איז געבויגן,
פֿאַר ניקאָלײַען, אַפֿן פֿעלד, אין שלאַכט,
ער האָט נאָר אַ ציגאַר טוטין פֿאַרצויגן,
און ס'איז פֿאַרגאַן דאָס רויכל אין דער נאַכט.

געגליכן איז ער צו אָט דעם ציגאַ'ר, —
אַ פֿונק עס טליִעט אונטער קאַלטן זשאַר.

3

גערופן „בארסן" מ'האָט די קרויווים מײַנע,
די פּעטערס און די מומעס — יונג און אַלט.
און קרעפּטיק, ווי די סאָסנעס, אַלע זײַנען,
וואָס מיט די וואָרצלען שמידט זיי אויס דער וואַלד.

פונוואַנען נעמען זיך אַהער די בארסן
געדענקט ניט קיינער, ווער זשע זאָגן קאָן?
מיט שוואַרצע האָר, מיט אויגן — רײַפע קאַרשן,
עס דוכט, זיי זײַנען דאָ פון אייביק אָן.

סטאָליאַרעס, פליטניקעס, וואַזאַקעס, בויער
און סאָכרים — אַרענדאַרן דאָ און דאָרט.
פאַרבונדן מיטן דאָרף און מיטן פויער
דורך פריידן און דורך ליידן און דורך זאָרג.

נאָר איצט איז פריש דער אומגליק, רוי די לייד, —
דער יִינגסטער בארס מילכאָמע האַלטן גייט.

4

דער סאַמער יִינגסטער בארס, — מײַן טאַטע שימען,
האָט זיך פון אַלע בארסן אונטערשיידט;
דער זעלבער שלאַנקער וווּקס, די זעלבע ברייט,
נאָר ס'איז געווען אים קנאַפּ דער היגער הימל.

פון יאָר צו יאָר, אין וועלדער פון פּאָלעסיע,
האָט ער אום שאַבעס און שאַבייסענאַכט
אי מענדעלען, אי פּערעצן געלעזן
און מיט שאָלעם־אַלייכעמען פאַרבראַכט.

א מענטש ביסטו דאָך ניט, ווײַל עסט און טרינקסט נאָר,
און גלייבסט ניט קיינעם, ווי דער וואָלף אין באָר...
און כאָטש ער איז געווען דער סאַמע יִינגסטער,
די ברידער הערן אים, פּונקט ווי דעם בכאָר.

די וועלט געפעלט אים גראָד, די מענטשן אויך,
ס'איז דאָ בלויז ווייניק ווינט און צופיל רויך...

5

אין גוף געזונט, אין גײַסט געוואַגט און קרעפּטיק,
א וואָרט איז האַרט בא בארסן, ווי א שטיין,
און ווען מיט עפּעס זײַנען זיי באַשעפטיקט,
מע קען מיט זיי זיך לאָזן רויק גיין.

נאָר אָט דער מיטלסטער פון ברידער — נאָטע —
פון מאָל צו מאָל א טרייסל טוט זײַן שטאַם.
קיין רעגע רו. א וואָרט איז בא אים בלאָטע,
ער וואַרפט זיך גלײַך אַרײַן אין פײַער־פלאַם!..

א בוידעם מיט א פּאָליצע פאַרבינדט ער
און שעמט זיך ניט פאַר יונג און אויך פאַר אַלט,
אַף זומער וועט ער זאָגן, אַז ס'איז ווינטער,
און שיס אין אים, זאָגט ער — א האָגל פאַלט.

א סוּיכער, מעקלער און אַן אַרענדאַר.
ווי אַלע באַרסן, איז ער ניט קיין נאַר.

6

דער עלטסטער פון די ברידער — בערל ביישע —
האָט ניט געקלאָגט זיך נאָך אַף זײַן געזונט,
און ס׳וואָלט זײַן קאָפּ אויך פרײַ געווען פון שניי־שוים,
ווען ניט געהאַט אין האַרץ ער וואָלט א וווּנד.

זײַן האָפענונג און שטאָלץ, זײַן באָכער שלוימע,
וואָס האָט געדאַרפט דער קאַדעש זײַנער זײַן, —
מיט באָלשעוויקעס איז אַוועק אינײַנעם
און אים גאָר פיל פאַרשאַפן ווייַ און פּײַן.

ס׳האָט ניט געהאָלפן, — ניט דער מאַמעס ציטער
און ניט דעם טאַטנס רייד. אין זײַן געדראַנג
פאַרהיט ער, ווי א שוועל, דעם געדאַנק,
אַז ס׳גייט די פאַלשע וועלט בלויז צו דער מיטע.

און ער — ער מוז מעקאַבער זײַן דעם מעס,
כאָטש יענער זויפט דערווײַלע נאָך און פרעסט...

7

עס גייט דער קריג, ס׳לייגט שימען באַרס די פיס צו,
שרײַבט בריוו אַהיים פון שלאַכטפעלד און פון מאַרש;
עס גייט דער קריג, און פון סיביר עס גריסט זיך
מיט פרײַנט און טאַטע־מאַמע שלוימע באַרס.

עס גייט דער קריג, און פונעם דאָרף די פּרוויזן,
אין האַרץ דעם טרויער זיי פאַרקלעמען טיף,
מיט זיי — מײַן מאַמע. ביז דעם אָוונט גרויזן
צוזאַמען שרײַבן זיי די מאַנצבלען בריוו.

עס גייט דער קריג. ניט פּוסגייער, ניט רײַטער,
אין דאָרף אַהער פון וועג פאַרקער׳ווען ניט,
און שלוימע באַרס און די סיבירער ווײַטן
מיט אָפטע בריוו זײַן היים אין האַרצן היט.

מיט אים איז דאָרט זײַן פרײַנט פון וועלדער־וויג,
דער לערער פונעם דאָרף, און ס׳גייט דער קריג...

8

צו גאָט האָט בערל ביישע ניט קיין טײַנעס:
געזונט פאַראַן, פּאַרנאָסע ווי־ניט־איז,
און ס׳שמעקט די לופט מיט בערעלעך־הוישײַנעס,
מיט שוואָמען, מיט קאַרטאָפל און מיט ניס.

עס וואָלט די וועלט געווען דאָך גאָר נישקאָשע,
און לעבן אַף דער וועלט וואָלט זײַן ניט שלעכט,
נאָר אָט, עס קומט א ראָשע נאָך א ראָשע
און מאַכט דאָס לעבן פינצטער, ווי די נעכט.

עס איז אף דער מילכאָמע איצט דער ברודער,
דער זון פארשיקט איז ערגעץ קיין סיביר.
ס׳איז נאכט, די ערד זעט אויס פארלאָזט און ברודיק.
ס׳איז שטיל, און ס׳טוט דער וואלד זיך ניט קיין ריר.

עס גייט דאָס פערד. ניט גוטס עס ווייסט, ניט שלעכטס,
און פלוצלינג... ס׳האָט דערטראָגן זיך א קרעכץ...

9

א קרעכץ א מענטשישער. טפּרו, טפּרו, פערדײַלע!
ס׳קריכט בערל ביישע גיך אראָפּ אף דר׳ערד,
הערט אײַן זיך, שרעקט זיך, טראכט א קליינע ווײַלע,
און צו אביימל בינדט ער צו דאָס פערד.

ער גייט, ער אײַלט. דער קרעכץ איז ווי א שפּליטער,
וואָס טרעפט אין אים, מאכט אײַליק זײַנע טריט.
צי וויל דער טײַוול זיך מיט אים א שפּיל טאָן?
ניין, ניין, אין קיין ניטגוטע גלייבט ער ניט.

אין האנט — א סוק. א מעסער — בא דעם גארטל,
און פעסט זײַן טראָט, און פאָרזיכטיק דער שפּאַן.
און ס׳איז די ערד א פינצטערע, א הארטע,
און אינעם וואלד געדיכט איז דער טומאַן.

ווער ווייסט — באנאכט, אין וואלד, וואָס קען ארויס?
קענסט בלײַבן אָן א פערד. און דאָך — פאָרויס!

10

און אָט — א זומפּ, די ערד מיט שליים פארצויגן,
און בא א וואָגן היי עס שטייט פּראָקאָפּ,
ער שלעפּט דאָס היי, דעם רוקן שווער געבויגן,
נאָר פונעם וואָגן טרעט דער זומפּ ניט אָפּ.

— וואָס טוסטו דאָ, פּראָקאָפּ, אין זומפּ אין וויסטן?
— אײַ, בערקא, טי? אײַ, בערקא, דאָס ביסטו?
פון גאָט אליין דאָך א שעליעד ביסטו...
און בערל ביישע גייט צום שאָכן צו.

אין זײַנע הענט ער נעמט אָן די האָלאָבליעס,
— אנו־קא, ווו איז ער, מײַן יוגנט־זשאר?
און אלץ דערפאר נאָר, ווײַל דו עסט קיין באָב נישט,
וואָלסט עסן באָב, דאן וואָלסטו זײַן א גוואר...

ער פירט ארויס פּראָקאָפּן אפן שליאך
און זעגנט זיך מיט אים — א גוטע נאכט!

11

אין הוסליטש, לאַמאָוויטש און דרעסקאָיע
די פעטערס מײַנע לעבן, ווערן אלט;
אף פייסעך, שוועס, אף יאָמים־נוראָים
מע פאָרט צונויף זיך פונעם גאנצן וואלד.

און אין נעסטאַנאָוויטש עס איז דאַן פריילעך,
מע שליסט שידוכים און מע נעמט צו קאפּ...
נאָר דאָסמאָל אויך דער יאָמטעוו פרייד ברענגט קנאַפּ,
מע פרייט זיך ניט אַפילע סימכעסטוירע.

דאָס דריטע יאָר, ווי ס'ציט זיך די מילכאָמע,
און גאַזע איז מיט גאָלד, ניטאָ קיין טשוועק,
אין שטוב איז הונגעריק און קאַלט, ניטאָ מער
קיין קויכעס. ווען וועט נעמען שוין אַן עק?

ניטאָ קיין קויכעס אויסהאַלטן שוין מער —
עס ווילט זיך פרייד, אַ טראָפּן כאָטש, אַ טרער...

12

יאָ, דאָס, וואָס קינדער זעקס אין שטוב, קיין בייז איז
ביז איצטער ניט געווען, — עס איז קיין בראָך.
ביז ס'איז דער טאַטע דאָ, די פולע דייזשעס
מײַן מאַמע האָט געגעבן יעדע וואָך.

נאָר איצט דער טאַטע איז מיט קריג פאַרנומען,
און ס'ליגט אים ניט אין קאָפּ קיין ברויט, קיין זאַלץ,
ער איז מיט דײַטשלאַנד ניט אַדורכגעקומען
און קען מיט אים זיך ניט צעטיילן אַלץ.

און ס'קומט דערווײַל מײַן מאַמען אויס צו לײַדן,
ווײַל ווי־ניט־ווי אָן ברויט איז לעבן שווער.
און ס'גייט מײַן שוועסטער אַרבעטן צו לײַטן,
כאָטש הייסן ס'הייסט — זי פאָרט אין געסט, ניט מער.

אין געסט צום פעטער נאָטען אָפּט זי פאָרט,
און טרערן גיסט זי אויס אַ גאַנצע קוואָרט...

13

און אויף דער ערד סײַווי עס לעבן מענטשן,
דער אָסיען ברענגט דערווײַל זײַן האַרבע
קעלט.
אין שול דעם קייסער יעדן שאַבעס
בענטשט מען,
אין דרויסן אים אַ גאַנצע וואָך מע שעלט.

מײַן שוועסטער בענקט, מײַן שוועסטער
בעט אַהיים זיך,
און מײַנע פעטערס ראַנגלען זיך מיט נויט.
און ווער פון קאַליקעס ס'קערט אום אַליין זיך,
און וועמען מ'האָט צוריק צום שלאַכט באַגלייט.

און די מילכאָמע גייט אויף אַלע כוואַליעס,
און קאַליקעס זיך לאָזן אויפן טראַקט,
און ס'קומען בעטלער צו, און ס'וואַקסט
דער דאַלעס, —
אין פויערישע הענט דערוואַכט אַ האַק.

און ס'טרייסלט זיך די דאַמבע אויפן טײַך,
דער ווילדער שטראָם אַ פלייץ געבן וועט
גלײַך...

. . . .

און פלוצלינג האָבן הענדלער,
וואָס אַלע נײַס זיי ווייסן,
געבראַכט פון שטעטל פאַריטש
אַ שפּאָגל נײַס אַפּסנײַ,

פון מויל צו מויל בישטיקע:
„ניטאָ איז מער קיין קייסער,
ראָמאַנאָווס גאַנץ דינאַסטיע
פאַרענדיקט ניקאָלײַ..."

דער ווינט איז ווילד ביז רעווען,
דער פראָסט איז הייס ביז זידן,
און ס'זאָגט דער פעטער ביישע:
— אַ גליק איז דאָ דערײַן...

ווײַזט אויס, ס'איז אַ יעשועַ
איצט יאָ פאַראַן אויף ייִדן.
און דאָך... אַליין אַ קוק טאָן
מע דאַרף... עס קאָן ניט זײַן...

דערווײַלע אײַלט ער טײַקעף
דאָס פערד אין וואָגן שפּאַנען,
ער וועט אין הוסליטש פֿאָרן,
אין דזשערדזש און לאַמאַוויטש.

פֿאַר דעם וועט ער אַ לאַף טאָן,
און אָנזאָגן סטעפּאַנען —
דעם טאַטן פֿון דעם לערער,
וואָס איז מיט שלוימען איצט.

און צו סטעפּאַנען אײַלט ער,
און אויפֿן פערד ער זעצט זיך,
און איבער וועלדער יאָגט ער, —
ווער זאָגט, אַז ער איז אַלט?

איר נאָענטע, איר טרײַע,
איר פֿרײַנט איר הויכגעשעצטע,
ס'וועט שימען און ס'וועט שלוימע
זײַן אין דער היים שוין באַלד.

היי, היי, סטעפּאַן, דו סטעפּאַניוק,
דו לאָז נאָר טאָן אויף דיר אַ קוק,
דײַן זון, מײַן זון — עס האָבן ביידן
ווײַט פֿון דער היים פֿאַרטריבן שיידים.

זיי וועלן קומען איצט צוריק!
דו נעם זיך, נעם זיך און דערקוויק!
נעשאַמע מײַנס, נעם נאָך אַ טראָפּן,
מיר וועלן שוין די זין דאָ האָבן.

אין סימכע איז דער מענטש דער איקער,
נו, זאָגט מיר, זאָגט, בין איך דען
שיקער?

זאָל זײַן געגנוג צו טרויערן,
קום, טאַנץ מיט מיר, פּאַראַסקאַ.

און אַלע: „קאַלי לאַסקאַ!"
אָך, ווי עס לאַכן פּויערים,
ווי ס'פֿרייען זיך די פּויערטעס,
ווי פּלאַץ אין גאַס ווערט קנאַפּ.

— זאָגט, וועלכער וווּנדער דויערט עס?
זאָגט, וועלכער בייזער דויערט עס? —
מיט קאַעס קריכט אַסטאַפּ
אַראָפּ אויף דר'ערד פֿון וואָגן.

— היי, זשידי פּאַרכאַטיע!
היי, זשידי קאַסטאַטיע!
מע האָט אײַך קנאַפּ געשלאָגן.
איר מיינט, עס איז ניטאָ מער

קיין צאַר, איז אײַך שוין גוט?
ס'וועט נאָך אַרויס מיט יאָמער
אײַך אָט די פֿרייד, מיט בלוט!

14

און צו די פּויערים אַזוי ער ווענדט זיך:
— איר, פּראַוואָסלאַוונע, בעסער גייט אַהיים,
ניט איר הייבט אָן, ניט איר האָט עס געענדיקט,
און זאָל דער ייִד זיך ווערגן דאָ אַליין.

אַ רעגע שטיל ווערט, פּונקט ווי פֿאַר אַ
שטורעם,
ס'ברומט יעדערער אין זיך — אַזאַ געהײַ!
די זאַך איז פֿאַר פּראַקאָפּן שוין ניט נײַ:
— אַנו־קאַ, ברידערלעך, גיט גלײַך די פֿור אים.

אַנו־קאַ, וואַנציקער אַסטאַפּ, פּונדאַנען
פֿאַרנעם זיך גיכער, אויב דו ווילסט אָן
קלעפּ... —
די אויגן פֿלאַמען און די פֿינגער פֿלאַמען,
און ס'וווּרט אַרום דער אוילעם אויפֿגעלעבט.

דער וואַנציקער פֿאַרשטייט: ס'איז בייז פּראַקאָפּ.
דאָס דאַרף איז בייז צו אים — ער טראָגט
זיך אָפּ.

15

מײַן טאַטע איז אין האַרבסט אַהיים געקומען,
פֿאַרנאַכט אום פֿרײַטיק, ערעוו זון־פֿאַרגאַנג,
און ס'האָט דאַן אַלע אייגענע און פֿרײַנט
אין שטוב דער שאַבעס ניט אַרײַנגענומען.

די פּויערים — געקומען זיך דערוויסן,
וואָס הערט זיך און ווי האַלט עס מיט
דער וועלט?
געקומען קרויווים זײַנען — זיך צו גריסן
און פֿרייען זיך — געזונט זיך אָפּגעשטעלט.

געקומען זײַנען קינדער, מוטערס, פֿאָטערס:
צי האָט ער זייִריקע ניט געזען?
געקומען איז אַפֿילע פּעטער נאָטע,
כאָטש ס'איז די רעוואָליוציע אים פֿרעמד.

און מיטאַמאָל: אויך שימען אויף אַ פֿערד! —
געקומען פֿון סיבירי! דאָס דאַרף אים הערט:

16

— די זעלנער קערן אום זיך פֿון די פֿראָנטן,
נאָר קורץ דער יאָמטעוו איז — אַ טאָג, צי צוויי.
עס פֿעלט אויס שפּײַז, ניטאָ איז וואָס צו אָנטאָן,
קיין קו, קיין פֿערד, אַרום איז ווינד־און־וויי.
און בײַ דעם פּאָרעץ זײַנען שפּײַכלערס פֿולע,
ער האָט ניט ווו וואוהינצוטאָן דאָס גוטס.
נאָר וואָס איז, ברידער, אונדז פֿון דעם די פֿולע?
וואָס ברענגט עס אונדז אין לעבן פֿאַר אַ נוץ?

דער אוילעם הערט, און מיט די קעפּ ער
שאָקלט,
דער וואַנציקער איז אויך דאָ, אויך צעברויזט,
ער האַלט זיך אײַן, קוקט אַרום זיך דערשראָקן,

2*

ביז ס'פלאַצט ניט זײַן געדולד, און ער
שרײַט אויס:

— איר מיינט עס ערנסט, אָדער נאָר איר
לאַכט?

באַ האַליטבאַ איז ווען געווען די מאַכט?

17

— אויב ניט געווען, זײַן וועט זי מוזן
איצטער! —

טוט האסטיק זיך פּראַקאַפּ א הייב פון אָרט
אַן אויסגעוואַקסענער און א צעהיצטער, —
נאָר דיר האָט ווער געגעבן דאָ א וואָרט?
„האַדפּאַנאַק"! דיר האָט ווער דערלויבט
צו ריידן
און ווער האָט אײַנגעלאַדן דיך אהער?

ער בייגט דעם קאָפּ אָן ווי אַן אָקס אנטשיידן:
— אַז טייקעף זאָל דײַן פוס ניט זײַן דאָ מער!
אַסטאַפּ האָט אַף א רעגע זיך פאַרלאָרן.
דער אוילעם — שטום, דעם אָטעם ער פאַרהאַלט.

נאָר ס'גלײַכט דער וואָנציקער זיך אויס
דאָך באַלד:
— ווי לאַנג, זאָג, ביסטו עס א מענטש געוואָרן?
— צי לאַנג, צי קורץ, נאָר ס'בלאָזט א
שטורעמווינט! —
אין קאַמף פּראַקאַפּ דאָס צווייטע מאָל געווינט.

18

ס'וויל מער דאָס פאָלק ניט זײַן קיין
נאַוועגאַדניק,
עס הייבט זיך אויף און פונעם שלאָף דערוואַכט.
ניטאָ קיין סטאַראָסטע און קיין אוריאַדניק.
אין הענט אין אייגענע עס נעמט דאָס דאָרף
די מאַכט.

עס וויל ניט מער דער אָרעמאַן, דער פויער
זײַן אָרעם, אַז דער פּאָרעץ זײַן זאָל רײַך,
און זאָל מען אים קיין קוקעלעך ניט סטראָיען,
ניט טײַנען, אַז אלציינס — מ'איז אלע גלײַך.

אין דאָרף נעסטאַנאָוויטש אזוי באַשליסן
די אלע, וואָס אָן ערד זײַנען, אָן פערד, —
אַז דאָס וועט זײַן דער כיוו פון דײַן געוויסן,
אויב נעמען וועסטו דאָס, וואָס דיר געהערט.

עקספּראָפּריִירן מ'דאַרף — ביז ס'איז ניט שפּעט,
און אויסקלײַבן מע דאַרף א קאָמיטעט.

19

ווען מענטשן לאָזן זיך אין ראַנגל־שטראָמען,
איין רוף מוז פירן זיי, ווען עס איז שווער,
באַ אונדז איז כ א וו ע ר — אָט דער גרויסער
נאָמען,
און ל ע נ י ן אים פאַרקערפּערט אַף דער ערד.

באַ פויערים פאַראַן עס איז א פראַגע.
יאָ, איינס זאָל מען זיי געבן צו פאַרשטיין:
צי קען א ליאַדער פויער, א סערמיאַגע,
אים רופן „כאַוווער"? לענינען אליין!

— ווער ס'איז פאַר לענינען, פאַר גליק און
פרידן, —
זאָגט שימען, — יענער שטייט ניט אָן א זײַט.
דער ארבעטער און פויער זײַנען ברידער,
און גיין צוזאַמען גייען זיי אין שטרײַט...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

20

מיט וועלכן דאַנק דערפרייסטו די פּאָעטן? —
מיט דעם, וואָס דורשטיק וואַרטסט אַף זייער
וואָרט.
נאָר מיך האָט זינגען קיינער ניט געבעטן,
און אויב מײַן פערז עס רײַסט ארויס זיך פאָרט,

איז עס דערפאַר, ווײַל ס'האָט די צײַט באַפוילן,
מײַן ליד זאָל אָנצינדן די שײַן פון טעג,
כ'זאָל אויסהאַקן, ווי שווערע פלאַסטן קוילן,
די שטיינערנע מעכיצעס אַף דײַן וועג.

ווער בין איך, ווער? — א דורשטנדיקער
דיכטער,
וואָס נעמט אַף זיך אזא מין שווערן אָל.
איך וויל, אין וועלדער טונקעלע, געדיכטע
ארויסרײַסן די שטומקײַט זאָל מײַן קאָל.

פונוואַנען קום איך אין דעם קאַנט צו גיין? —
פון פראָסטן פאָלק, מײַן ברודער — דעם
האַמוין.

כאַיִם מעלאַמוד

קאַלטס און וואַרעמס



(ראָמאַן)

מײַן פרוי ריווען — געווידמעט

1

דרײַ מעסלעס נאָכאַנאַנד האָט אין סטעפּ געבושעוועט א זאַווערוכע. זי האָט אָפּגעווישט די גרענעצן צווישן טאָג און נאַכט, צווישן הימל און ערד, צונויפגעגאָסן און איבערגעמישט אַלץ אין איין דורכויסיקער צעיושעטקײַט, אין איין ווײַסער פאַרפּלייצונג. שוין אין דער ערשטער שאָ זײַנען פאַרשאָטן געוואָרן אַלע וועגן און שטעגן, אַלע פּלויטן און סטאַדאָלעס, עס זײַנען אָפּגעשניטן געוואָרן איין ייִשעוו פונעם צווייטן, איין שטוב פון דער אַנדערער און איבערגעלאָזט יעדערן פאַר זיך אַליין, מיט זײַן שרעק און פאַרצווייפלונג אַף גאָטס באַראָט.

קיינער האָט ניט געוווּסט, ווען דאָס האָט זיך אָנגעהויבן: צי אינמיטן דער נאַכט, צי באַגינען. קיין באַגינען איז ניט געווען, און דער טאָג האָט אינגאַנצן ניט געוואָלט קומען. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אינמיטן וועג און פאַרבליבן ערגעץ זייער ווײַט פונדאַנען. צוערשט האָבן אייניקע געפּרוּווט אויסגראָבן זיך אַליין פון די אַלץ וואַקסנדיקע קוטשעהורעס, דורכגראָבן א סטעזשקעלע צו דער סקירדע שטרוי, צו דעם שאָכן, נאָר אינגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אומזיסטע טירכע, די זאַווערוכע וועסטו ניט איבערשפּיצן און דעם שנײי וועסטו ניט איבערגראָבן. איז מען געבליבן זיצן ווער בא וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, און בא אַלעמען איז געווען איין טפילע: אַז גאָט זאָל ניט דערלאָזן, אַז די זאַווערוכע זאָל פאַרשיטן די קוימענס, ס'זאָל כאָטש זײַן דורכוואַנען א רויך אַרויסצולאָזן.

פון מאָל צו מאָל האָט עס ערגעץ צעריסן אַ וואָלקן, צעשפּאָלטן אָפּצווייען און דורך דעם שמאָלן שפּאַרונקעלע האָט אַף אַ ווײַלע אַ בליאַסקע געטאָן אַ שטיקל רייַנער הימל. אַמאָל איז ער געווען שרעקעוודיק־שוואַרץ, ווי אַ פּלוצלינג זיך צעעפנטער שוואַרצער אָפּ־גרונט, פון וועלכן ס׳האָט אַ פינקל געטאָן אַ דערטרונקענער שטערן; אַמאָל איז ער געווען מילדלעך־בלוי, און אַף אַ ווײַלע האָט אַ שײַן געטאָן אַן איבערגעפרוירענע זון. איז דאָס אויך געווען אַ שטיקל טרייסט. הייסט עס, אַז די וועלט איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען און דער הימל איז נאָך ניטאָ בײַ דער ערד. פאַראַן נאָך, הייסט עס, אַף דער וועלט אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ערגעץ שײַנט נאָך די זון, ערגעץ פינטלען נאָך שטערן. אָבער אַזעלכע האָפענונגספּולע זעונ־גען האָבן זיך באַוויזן זייער זעלטן און גערויערט געציילטע מינוטן. און דערנאָך ווידער יענער פּרעסנדיקער ייִעש, יענע שיטנדיקע און שלײַדערנדיקע, יענע דונערנדיקע און פּײַפנדיקע, אַלץ אײַנשלינגענדיקע ווײַסע פאַרפּלייצונג.

ווי צעבייזערט זיך אַפן הימל, וואָס ער פּאַטערט אים די שפּיל, האָט דער שטורעמווינט מיט עפּעס אַ טײַוולאָנישער פאַרביסנקײַט געריסן פון דער ערד גאַנצע הויפנס שניי און געשלײַדערט זיי אַרויף, צום הימל, ווי פּרוּוונדיק אַפּגיך פאַרלאָטען די צעריסענע וואָלקנס, פאַרשטעקן אַלע שפּאַלטן און שפּאַרונקעלעך. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דער שטורעמווינט איז איצט דער איינציקער הערשער אַף דער גאַנצער וועלט און ער קאָן טאָן מיט איר וואָס ער וויל.

אפילע די אַלטע טוישווים, וואָס זײַנען שוין יאָרנלאַנג באַקאַנט מיטן סטעפּ, געוווינט און צוגעגרייט צו אַלע זײַנע קונצן און שפּיצלעך, צו אַלע זײַנע גוסרעגנס, געוויטערס און זאַווייען, האָט די איצטיקע אומגעווייַנלעכע זאַווערוכע פאַרכאַפּט אומדערוואַרט און אָנגעטאָן ניט ווייניק שאָדן. פאַר דעם יונגן איבערוואַנדערישן יִשעוו, וואָס האָט קוים באַוויזן צודעקן די דעכער, אָנגלאָזן די פענצטער און ווי־ניט־איז אופהענגען די טירן, האָט די דאָזיקע זאַ־ווערוכע זיך געמאָלט, ווי אַן אַלץ פאַרניכטנדיקער מאַבל, אַ מין ערדציטערניש.

דרײַ מעסלעס נאָכאַנאַנד האָט געבושעוועט די זאַווערוכע און דער שטורעמווינט האָט ניט אופגעהערט אויסצושפּילן עפּעס אַ לאַנגאָניקן ניגן, וואָס איז אים פאַרבליבן אין זיקאָרן פון די ביז גאָר אוראַלטע צײַטן. אָט האָט ער זיך צעברומט מיט אַ מעכטיקן, פאַרטויבנדיקן געברום, און מענטשן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין סטעפּ זײַנען אַרויס אַף אַ כאַסענע אַלע לייבן און העלפאַנדן און אַ סאַך אַזעלכע ברִיעס, וואָס זײַנען שוין לאַנג פאַרשוווּנדן פון דער ערד. אָט האָט ער אינמיטנדערינען זיך צעפּײַפּט מיט הונדערטער פּײַפעלעך און מע האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס פּישטשען מײַז, עס סוויוויטשען וועווריקלעך און ס׳זײַנען אינ־מיטן ווינטער אַרויס פון זייערע נאָרעס אַלע סוסליקעס. נאָר מערער פון אַלעמען האָט געענ־מען פאַרן האַרצן, געקלעמט און געפּרעסט ביז כאַלאָשעס דער מעשונעדיקער געוואָי. אַזאַ לאַנגער, פאַרצויגענער געוואָי פון הונדערטער, טויזנטער איבערגעפרוירענע און אויסגעהונ־גערטע הינט. אַ געוואָי פול מיט געוויין, מיט געבעט און — ווי בײַ די מענטשן אַליין — פול מיט פאַרצווייפלונג. אָנגעהויבן האָט ער זיך שטיל, זייער שטיל, גלײַך בײַ אַלע קלאָגער און וויינער זײַנען אויסגעגאַנגען די קויכעס, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן הערן זיך קלאָרער און שטאַרקער, גלײַך ס׳זײַנען צוגעקומען פיל נײַע, פרישע שטימען. יעדערער האָט געוואָיעט, געוויינט און געקלאָגט אַף זײַן אויפן. ווער מיט אַ שטיל, דין, קינדערש קעלעכל, ווער ס׳האָט געיאָמערט ביז פאַרכלינעט צו ווערן, און ווער ס׳האָט זיך געריסן אַפן פולן קאָל. אַזוי האָט געדויערט, ביז ס׳האָט ווידער אַ ברום געטאָן עמעצער פון די שוין לאַנג פאַרשוווּנדענע ברִיעס און די הינטישע שטימען, ווי דערשראָקן זיך, זײַנען גלײַך פאַרשוויגן געוואָרן. און ווער האָט אין יענעם פאַרטויבנדיקן ברומען און האַרצרײַסנדיקן געוואָי געקאָנט דערהערן, ווי עס הירזשעט ערגעץ אַ הונגעריק פערד, ווי עס מרוקעט אַ ניט אויסגעמאָלקענע קו, צי ווי עס וויינט אַן איבערגעשראָקן קינד, וואָס קאָן בעשום־אופן ניט אײַנשלאָפן?

די ניט לאַנג צוגעקלאַפּטע און ערטערווײַז שוואַך פאַרפעסטיקטע בלעכענע דעכער האָבן ווי אָנגעדונגען זיך פאַר פּויקער דעם צעהוליעטן ווינט. זיי האָבן זיך געבויגן, געקנייטשט און אָנגעבלאָזן, זיך געריסן פון זייערע שוואַכע נעסטן און געהאַלטן אין איין אונטערדרינד־זשען, טראַסקען און קלאַפּן.

אָנגעוווירן די פאַרשטעלונג וועגן טאָג און נאַכט, האָט יעדערער אַף זײַן אויפן געטיילט דעם מעסלעס אַף שטיקלעך און געטאָן בלויז דאָס, וואָס האָט זיך געלאָזט טאָן. דאָס, וואָס עס האָבן געמוזט טאָן די איבערגעפרוירענע, פאַרטרפּעטע הענט אַף אונטערהאַלטן די נעשאָמע בײַ זיך אַליין און בײַ דעם פּי. מע האָט געדאַרפט אַלעמאָל אויסגראָבן זיך אַליין פונעם שנייִקן קייווער, ניט דערלאָזן, עס זאָל פאַרשאָטן ווערן דער קוימען, דערנאָך ווי־

ניט־אין דערקלײַבן זיך צו דער פּאַרשנייטער סקירדע, אָנציפּען א ביסל שטרוי, אָנהייצן די הרובע און אָנהאָדעווען די אויסגעהונגערטע סקאָטינע.

צום אַרטעזיִאַנישן ברונעם, דעם איינציקן ברונעם אַפן יישעווו, איז דערקלײַבן זיך געווען אומעגלעך. איין זאַך האָט די זאַווערוכע ניט פאַרויסגעזען. די זאַווערוכע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען כּאַרעוו מאַכן דעם יישעוו, האָט אַלעמען באַזאָרגט מיט שניי, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואַסער. די וואַסער איז, עמעס, געווען זייער מוטנע, קוויטיקלעך און פאַרמאַקט עפּעס א טונקל־ברוינעם קאָליר. נאָר ווער האָט דאַן געהאַט אין זינען דעם קאָליר? אַבי ס'איז געווען מיט וואָס דערוואַרעמען זיך, מיט וואָס דאָס פּי אָנפּאַיען. און דאָ האָט שוין די זאַווערוכע גאָרנישט ניט געקאָנט אופּטאָן.

בלויז אַרום די באַראַקעס, וואָס זײַנען נאָך אין פריִען האַרבסט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַלווירטישע שטאַלן, האָבן די אַלע דרײַ מעסלעס ניט אופגעהערט ברענען עטלעכע לאַמ־טערנדלעך. די שײַן איז געווען א שפּאַט־נישטיקע קעגן דעם כאַשכעס, וואָס האָט אײַנגעשלונ־גען דעם גאַנצן אַרום. נאָר דאַך איז אין דעם געווען עפּעס דערמונטערנדיקס, צוציִענדיקס און אַפּילע אַרויסרופּעריש. אין אָט דער כאַשכעסדיקער אומענדלעכקײַט האָט דער שוואַך באַלויכטענער קרײַז אויסגעזען ערעוובאַגינענדיק־גרוילעך, און אין אָט דער פאַרווייטער ערעוובאַגינענדיקײַט האָבן געהאַלטן אין איין אַרומיאָגן פאַרשנייטע מענטשעלעך. ווער מיט עמער אין די הענט, ווער מיט ווילעס און לאָפּעטעס און ווער מיט פולע סאַפּעטקעס שטרוי. שטימען פאַרקילטע און הייזעריקע האָבן ניט אופגעהערט שרײַען און איבערופן זיך. אַמאָל איבערגעוואָרפן זיך מיט א פּאָר געציילטע ווערטער, אַמאָל פּאָשעט אָנגערופן איינער דעם אַנדערן באַם נאָמען און אַמאָל געשריגן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, אַף אונטערמונטערן זיך אַליין און אַף געבן צו וויסן דעם צווייטן, אַז מע לעבט, מע דעכעט און מע טוט יעדערער דאָס, וואָס מע דאַרף.

וואָס וואָלט איצט געווען מיט די שיטערע ווענטלעך פון די באַראַקעס, מיט די דינינקע שינדלעך, וואָס האָבן אַזוי, לעפּאָנעם, צוגעדעקט דעם פּלאַטשיקן דאַך, ווען אַנשל זאָל באַ־צײַטנס ניט געווען אָנהייבן גוואַלדעווען, אַז מע מוז, אום יעדן פּרײַז, אַרומלייגן די באַראַקעס פון אונטן ביז אַרוף מיט פאַרשיידענע באַדילעס, מיט קורײַ, מיט שטרוי און פאַרדעקן, צו־פּלעטשן דאָס אַלץ מיט שטאַל־מיסט. דאַן איז מען געווען שטאַרק אופגעטראָגן אַף אַנשלען פּאַר זײַנע באַלעגאָלישע שטיק, דערפאַר, וואָס ער קאָן ניט לײַדן, אַז עמעצער האָט א פּרײַע שאָ. איצט האָט מען געקוקט אַף אים מיט אָפּשײַ, מיט דאַנקבאַרקײַט און שווײַגנדיק אויס־געפּילט אַלע זײַנע פאַראָרדענונגען און באַפעלן. פאַר די עטלעכע כאַדאָשים, זינט ער האָט פאַרביטן נאָכעמען און איז געוואָרן פאַרזיצער פון קאָלווירט, האָט דער אוילעם ערשט איצט, בייס דער זאַווערוכע, פאַרשטאַנען, ווער אַנשל איז, און אָנערקענט פּאַר אים די רעכט פון אַן עכטן באַלעבאָס. אַפּילע אָרציע, וואָס איז בייסן זומערדיקן גוסרעגן דער ערשטער געקו־מען צו־זיך און אָוועקגעפירט די מענטשן צו דער פאַרפלייצטער באַלקע, האָט איצט זיך אויך פאַרלוירן, ניט געוווּסט, פּאַר וואָס פריִער זיך נעמען, און אַלע מאָל געכאַפּט א קוק אַף אַנשלען, וואָס וועט ער זאָגן.

צום אַרטעזיִאַנישן ברונעם איז געווען ניט ווײַט, און דעם וועג אַהין און צוריק האָט מען ניט אופגעהערט אײַנטרעטן. קעדיי באַם ברונעם זאָלן ניט פאַרפרוירן ווערן זײַנע אײַ־זערנע גלידער, עס זאָל, כאַלילע, עפּעס ניט פאַרשטאָפּט און ניט פאַרקלאַפּט ווערן, האָט א פּאָר פערדלעך א קײַלעכיקן מעסלעס ניט אופגעהערט דרייען דעם פּריוואָד. און כאָטש דאָס וואַסער איז וואָס אַמאָל געגאַנגען שלאַבעריקער, דער שטראָם איז געוואָרן וואָס אַמאָל דינער, האָט געסטײַעט סײַ פּאַר די קאָלווירטישע שטאַלן, סײַ פּאַר די נאָענטע הײַזער.

אין די באַראַקעס איז געווען מעכײַעדיק וואַרעם, און אין פאַרגלײַך מיטן צעבושעוועטן דרויסן איז דאָ געווען גאַנץ געמיטלעך. די וואַרעמקײַט האָט געשמעקט א ביסל זויערלעך און א ביסל בראָנפנדיק, און אַלע די, וואָס זײַנען געקומען אַהער צום אָנהייב פון דער זאַווערוכע, האָט זיך שוין ניט געגלוסט אוועק פונדאַנען. איז מען געזעסן יעדע פרײַע שאָ אין די שטאַלן, ווער אַף א קלעצל, ווער אַף א קופּע שטרוי און טאַקע דאָ געכאַפּט אַפּילע א קורצן דרעמל.

פישל שוסטער, וואָס איז די גאַנצע צײַט א ביסל באַרויגעז אַף אַנשלען, וואָס ער גיט אָפּ זײַן בולאַנעם ווייניק קאָוועד, האָט איצט אויך געקוקט אַף אים מיט גאָר אַנדערע אויגן, אים מויכל געווען זײַנע א ביסל גראָבלעכע וויצן און זײַן האַרבע מאַכאַרקע. אָפּטרײַבנדיק מיט די הענט דעם שטיקנדיקן רויך, האָט פישל געפּרווט אָנהייבן דערציילן א געשיכטע, וואָס איז נאָך באַ אים אַליין געווען ניט אינגאַנצן פּאַרטיק:

— ניט הײַנט געדאַכט, ווען סאַמע אין ברען פון שניט איז מײַן בולאַנע נעלעם געוואָרן... מיט דער געשיכטע, וואָס האָט ערשט געדאַרפט געבוירן ווערן, האָט פישל געמיינט צוויי זאַכן: פאַרטרײַבן דעם שלאָף, וואָס דאָקוטשעט אים ניט ווייניקער פונעם מאַכאָרקע־רויך, און געבן אָנצוהערן אַנשלען, אַז כאָטש דער בולאַנער שטייט אין דער קאָלווירטישער שטאַל, זײַנען זיי דאָך פאַרבליבן שטיקלעך קרוווים. און אַז ער, אַנשל, קער זיך אויך אָן מיטן בולאַנעם מעכוטאָנעשאַפט. דאָס האָט דאָך ער, אַנשל, פון הונדערטער פערד אָף הולײַפּאָלער מאַרק אים אויסגעשאַדכנט אָט דאָס קלוגע פערדעלע. נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס די געשיכטע איז פאַר פישלען אַליין געווען ניט אינגאַנצן קלאָר, האָט זי זיך באַקומען צעצויגן און אַ ביסל לאַנגווײַליק. האָט אורציע אים איבערגעשלאָגן אינמיטנדערינען:

— און מײַן לייע... שוין דעם צווייטן מעסלעס אַליין אין שטוב, און ווער ווייסט... זי איז באַ מיר...

ער האָט בעפײַרעש געוואָלט אַ באַרים טאָן זיך, אַז זײַן לייע איז שוין אָף דער צײַט, עפשער אין זעקסטן צי אין זיבעטן כוידעש, נאָר, ערשטנס, האָט ער זיך געשעמט און, צווייטנס, אַ ביסל מוירע געהאַט פאַר אַ גוט־אויג. ווײַל אַ פרוי, וואָס פאַרגייט אין טראָגן, איז שטענדיק אין אַ געפאַר. האָט זיך באַקומען אַזוי: פישלען האָט ער איבערגעשלאָגן און אַליין וואָס צו דערציילן ניט געהאַט. און זיצן אַזוי און שווײַגן טאָר מען אויך ניט, מע קאָן טייקעף אַנשלאָפן ווערן. האָט אַנשל געמוזט דערמאָנען זיך אין זײַנע אייגענע פּאַסירונגען. ווי־אַזוי ער איז אַמאָל אין אַזאַ זאַווערוכע אַראָפּ פונעם וועג און אַרומגעבלאָנדזשעט מיט זײַנע פערד אַ גאַנצע נאַכט. ווי־אַזוי ס'האָט אים פאַרפירט אין עפעס אַ וואַלד, און ער, האָט ניט געוווּסט, ווו ער איז אין דער וועלט, ווײַל צווישן בערעזעס און כאַשטשעוואַטע זײַנען קיין וועלדער ניטאָ. צוערשט זיך געקליבן דערציילן די געשיכטע גאַנץ גענוי, נאָר ווײַל ער איז שטאַרק הייזעריק געוואָרן פאַר די טעג, איז אים שווער געווען אַרויסברענגען אַ וואָרט, האָט ער גלײַך אַרויסגעזיפּצט:

— יאָ, איך בין ניט מעקאַנע די באַלעגאָלעס, ווען די זאַווערוכע האָט געטראָפן אין וועג. דרײַ מעסלעס האָט געבושעוועט די זאַווערוכע, און די אַלע דרײַ מעסלעס האָבן כאַים־בער און זײַן גרויער אָגער זיך ניט געקאָנט אַרויסרײַסן פון זייער הונגעריקן שלאָף און מאַכן אַ סאָף צו זייערע זיסע כאַלוימעס. זיי זײַנען ביידע געווען קראַנק, ביידע עלנט, זיי האָט ביידע געהריזעט אַן אומדערטערגלעכע בענקעניש, און זיי האָבן ביידע אַרויסגעקוקט אָף עפעס אַ נעס. קראַנק געוואָרן זײַנען זיי אויך אין איין טאָג. אין יענעם טאָג נאָכן גוסרעגן, ווען צירל, כאַים־בערס ווײַב, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, ער זאָל זי שוין אָפּפירן צו דער סטאַנציע. כאַים־בער איז געווען שטאַרק פאַראומערט פון דער פלוצלינגדיקער, אומגעריכטער צעשיידונג מיט זײַן צירלען, ס'האָט אים געשניטן אינווייניק פון דער באַרויגעזלעכער גע־זעגעניש לעבן צוג, דעם ערשטן רויגעז אָף זײַן לעבן, און ער האָט גאָר פאַרגעסן, ווי מע דאַרף זיך נויהעג זײַן מיט אַ פערד. אָנגעפּאַיעט דעם אָגער, ווען ער איז נאָך געווען היפּש איבערגעוואַרעמט פונעם וועג. כאַים־בער האָט גלײַך באַמערקט, אַז מיטן אָגער האַלט שלעכט, און איז אָוועקגעלאָפן צו אַנשלען. יענער האָט אַ טאַפּ געטאָן דאָס פערד באַ די אויערן, אַ קוק געטאָן דעם אין די פאַרנעפּלטע אויגן, אַ בייג געטאָן די פיס, און איידער עפעס־איז גענומען שעלטן כאַים־בערן מיט אַלע ערגסטע באַלעגאָלישע קלאָלעס, געשאָלטן, געזידלט און בייסמײַסע געוואָרנט, אַז אויב ער, כאַים־בער, וויל, אַז פונעם אָגער זאָל נאָך זײַן אַ שטיקל פערד, זאָל ער שוין אַוועק מיט אים צום סטאַוואָק און האַלטן אים אין וואַסער ביז די קני כאָטש אַ טעג דרײַ.

זײַנען זיי געשטאַנען אַ צען שפּאַן איינער פונעם אַנדערן, פאַראײַניקט מיט אַ לאַנגן שטריק. איין עק באַ כאַים־בערן אין דער האַנט און דער אַנדערער באַם אָגער אָפן האַלדז. איז אויסגעקומען באַ כאַים־בערן, אַז ניט ער האַלט דעם אָגער, נאָר דער אָגער האַלט אים. איז ער געשטאַנען, כאַים־בער, אָדער געזעסן באַם ברעג פונעם סטאַוואָק און ניט אופגעהערט קוקן אָפן אָגער, אַרײַנקוקן אין זײַנע גרויסע, פאַרטראַכטע און פאַרכמורעטע אויגן, אין וועלכע ער האָט באַמערקט גאָר ניט קיין פערדישן, נאָר עכט מענטשלעכן ווייטעק. דאָס איז נאָך געווען צו פאַרשטיין, נאָר ווי קאָנען עס פערדישע אויגן אויסדריקן אַזאַ אומעט און אַזאַ בענקעניש?..

פאַרן גאַנצן זומער האָט כאַים־בער אַזוי פיל ניט איבערגעטראַכט און אַזוי פיל זיך ניט אָנגעזען, ווי פאַר די דרײַ טעג באַם כוטאָרישן סטאַוואָק, אַרײַנקוקנדיק אינעם אָגערס פאַר־כמורעטע אויגן. אַלע מאָל האָט ער געזען אין זיי עפעס אַנדערש: אַ קליין שטיבעלע אונטער אַ שטרויענעם דאַך מיט פיצינקע פענצטערלעך... אַ סטויגעלע היי מיט אַ הראַבליע צוגע־שפּאַרט. אַן אַלטע, איינזאַמע ווערבע, וואָס האָט שטיל זיך געשאָקלט באַם ברעג פונעם סטאַ־

וואַק און די פלאַטערנדיקע בלעטעלעך האָבן געהאַלטן אין איין שמײַסן איינס דאָס אַנדערע... אַלץ, אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען דאָ אַרום, האָבן אַרײַנגענומען אין זיך און אָפּגעשפּיגלט די פערדישע אויגן. אַ פורל, וואָס האָט דורכגעיאָגט ערגעץ ניט ווײַט, אַ מענטשעלע, וואָס האָט דורכגעשפּאַנט פאַרבײַ... אַמאָל האָבן די אויגן אַרײַנגענומען אויך אַ שטיקל הימל. דער הימל איז אויך אין זיי געבליבן בלוי און די וואָלקנדלעך ווײַס, און די פויגלען... יאָ, אויך די פויגלען האָבן די אויגן ניט דורכגעלאָזט, די פויגלען, וואָס זײַנען געפלויגן ערגעץ הויך אין הימל. אָפּטמאָל האָט כאַים־בער געזען אין די פערדישע אויגן זיך אַליין, און ניט איינעם, נאָר צוויי מיטאַמאָל. צוויי כאַים־בערעלעך, אַזעלכע קלייניקע, נעבעכדיקע. ביידע פול מיט גרימעניש, ביידע פול מיט בענקעניש. איז עפּשער ניט דעם אָגערס, נאָר זײַן אייגענער אומעט קוקט אַרויס פון די צוויי גרויסע פערדישע אויגן?

— ווי געפעלט עס דיר? — האָט ער זיך דורכגעשמועסט מיטן אָגער. — אַ שיינע וועלט. אַ שיינע און גרויסע וועלט! נאָר איך מיט דיר...

ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז אין אָט דער שיינער וועלט זײַנען נאָר זיי, ער מיטן אָגער, אומגליקלעך, שלים־שלימאַזל, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אַרויסברענגען אַזעלכע ווערטער, ווײַל — אַל טיפטאַך פּע לעסאָטן, מע זאָל ניט פאַרזינדיקן פאַר גאָט. האָט ער זיך געסטאַרעט טראַכטן און רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

— איז וואָס זשע וועלן מיר איצט טאָן? וואָס פאַר אַ ווערט האָבן מיר ביידע, איך מיט דיר, אָן אונדזער צירלען? עך, צירל, צירל...

איז בײַ אים אויסגעקומען, אַז אין אַלץ איז שולדיק זײַן צירל. אין דעם, וואָס בײַם אָגער זײַנען קאַליע געוואָרן די פיס, און אין דעם, וואָס זיי זײַנען ביידע אַזעלכע עלנטע, פאַרוואַרלאָזטע, ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל פאַר זיי אַ ביסל וואַסער אָנוואַרעמען, און זיי מוזן איצט ביידע אָפּקומען מיט אַ טרוקענעם ביסן. און אין דעם איז אויך שולדיק צירל, אין דעם, וואָס זיי וועלן אַרײַן אין ווינטער מיט געלע ווענט, מיט ניט קיין אָנגעגלאָזטע פענצטער, מיט ניט קיין איבערגעריבענער פּאָלאָווע, און וואָס זיי וועלן דאַרפן אָפּהונגערן, אָפּפרירן און אָפּבענקען אַ לאַנגן און שווערן ווינטער.

אין דרײַ טעג אַרום, ווען אַנשל האָט נאָכאַמאָל באַקוקט דאָס פערד, האָט ער לאַנג געסמאָצקעט מיט די ליפּן, געקראַצט מיטן לאַנגן פינגער זײַן געדיכטע געקרײַזלטע באָרד און ווידער זיך געזידלט. נאָר די זידלערײַען זײַנען געווען שוין פון גאָר אַן אַנדער מין. ער האָט געזידלט ניט אַזוי כאַים־בערן, ווי די וועלט ביכלאַל, גלײַך אַף אַזאַ אויפן זיך מעיאַשעוו געווען, איידער אַרויסטראָגן דעם פּסאַק. און דער פּסאַק איז געווען אַזאַ: אַ שטיקל פערד וועט פון אים נאָך זײַן, פאַרשטייט זיך, שוין ניט דאָס, וואָס געווען, נאָר מע דאַרף אים שטאַרק אָפּהיטן, פילנעווען דאַרף מען אים.

— נו, און מיך אַליין? — האָט כאַים־בער געטײַנעט, גלײַך אַנשל איז מיט עפּעס שולדיק אין דעם, וואָס ס׳איז געשען.

נאָר אַף מענטשן איז אַנשל געווען אַ קנאַפּער מייוון און ניט געקאָנט ענטפערן אַף אַזעלכע קלאָצקאַשעס.

אָט אַזוי, אַמאָל זאַט, אַמאָל הונגעריק, אַמאָל אָנגעפּאָיעט, אַמאָל ניט, האָבן זיי ביידע זיך אָפּגעמוטשעט ביז דער זאַווערוכע, און דאַן זײַנען כאַים־בערן אויסגעגאַנגען די קויכעס.

אָן אויסגעהונגערטער און אָן איבערגעפרוירענער האָט דער אָגער ניט אויפגעהערט אַרויסקוקן אַף דעם שוואַך צוגעמאַכטן טירל, וואָס פירט פון דער שטאַל אין קיכל אַרײַן, דעם איינציקן צימערל מיט אָן אָנגעגלאָזט פענצטער, מיט אָן אייוועלע, וואָס האָט זיך געהייצט זייער זעלטן. אַרויסגעקוקט און געוואַרט, אַז דער באַלעבאָס זאָל אַראָפּקריכן פונעם געלעגער, אַרײַנברענגען אַ ביסעלע שטרוי מיט שניי געמישט, געוואַרט, געוואַרט און זיך ניט געקענט דערוואַרטן. איז ער געשטאַנען מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן און ניט געקאָנט שטילן דעם ווייטעק, דאָס פּריקרע אונטערציטערן פון די קראַנקע, פאַרקילטע פיס. פון מאָל צו מאָל האָט ער אַ הריזע געטאָן די ליידיקע קאָרעטע און ס׳האָט זיך אים אָנגעהויבן דוכטן, אַז ער קײַט עפּעס זייער געשמאַקס.

כאַים־בער האָט דאַפקע ניט איין מאָל זיך געריסן אַראָפּ פונעם געלעגער און געבן דעם אָגער עפּעס איבערקײַען, נאָר ער האָט ניט געקאָנט פויעלן בײַ זיך אַרויסקריכן פון אונטער דעם איבערבעט און אַרויס אַפן פראָסט. דאָס קליינע קיך־פענצטערל איז געווען אײַנגאַנצן פאַרשאָטן מיט שניי, און אַלעמאָל, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם שווערן שלאָף, האָט ער ניט געוווּסט, ווי האַלט עס מיטן מעסלעס, צי ס׳איז איצט טאָג, צי נאַכט. די געלע ווענט האָבן די גאַנצע צײַט אַלציינס געצוויטעט און אַרויסגעבלישטשעט מיט אַ זילבערנעם גלאַנץ, פון וועלכן ס׳איז ניט געוואָרן ניט ליכטיקער און ניט וואַרעמער. און מערער פון אַלץ האָט

זיך אים ניט געוואָלט איבערבײַסן דעם זיסן, געשמאַקן כאַלעם. געכאַלעמט האָט זיך אים, אַז זײַן צירל שטייט באַם אויוון. איר פּאָנעם איז ערעוואַבעסדיק פאַרפּלאָמט, און אַלעמאָל שלעפּט זי אַרויס אַ בעקעלע הייסע, הרעטשענע לאַטקעס און גיט זיי שמײַדיק אַ וואָרף אַרײַן צו אים אין טעלער אַרײַן. די לאַטקעס גלאַנצן אַרויס מיט אַ טונקל־ברוינעם גלאַנץ און שמעקן איבער דער גאַנצער שטוב מיט אַלע בעסטע רייכעס. ער עסט און עסט און קאָן אַלץ ניט שטילן דעם הונגער. קײַט ער נאָך גיכער, ברײט אָפּ דעם גומען, דעם צונג, און ס'העלפט אַפילו ניט דאָס, וואָס ער האַלט אין איין בלאָזן אָף זיי. צירל קוועלט אָן אָף זײַן צעשפּילטן אַפּעטיט. זי איז ביז גאָר צופרידן, וואָס די לאַטקעס זײַנען אים אַזוי געפעלן, נאָר באַ יעדער נײַ בעקעלע זאָגט זי אים אַ ביסל מוסער:

— כאַפּ ניט אַזוי, דו, פרעסער איינער.

דער ערשטער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זײַנע כאַלוימעס דער אָגער. ניט דערוואַרט זיך אָפּן באַלעבאָס, ניט דערוואַרט זיך אָף קיין סימען פון זאַטקײַט פונעם הריזען די ליידיקע קאָרעטע, האָט ער בייז זיך אַ קערעווע געטאָן צו דער דרויסנדיקער טיר און אָן שום איבער־ריקער מי איבערגעריסן דאָס איבערגעפוילטע שטריקל, וואָס האָט אים געהאַלטן צוגעבונדן צו דער פוסטער קאָרעטע. דאָס דרויסנדיקע טירל איז די גאַנצע צײַט געווען צוגעמאַכט ניט איבעריק פעסט און עפענען דאָס איז אויך געווען ניט שווער. אַ שפּאַן געטאָן אינעם צעבער־שעוועטן דרויסן, איז דער אָגער אַוועק, וווהין דער ווינט האָט אים געטראָגן.

דרײַ מעסלעס האָט געבושעוועט די זאַווערוכע. דערפילט, אַז זי האָט רעכט אָנגעשקאָ־דיעט, האָט זי אײַנמיטן דער נאַכט ניט געסטײַעט, קיינער האָט ניט געוווּסט ווען, וויאַזוי און וווהין זי איז אַהינגעקומען.

באַגינען איז דעם סטעפּ געווען ניט צו דערקענען. ער איז געלעגן אײַנגאַנצן אַ פאַרענ־דערטער, מיטאַמאָל אָנגעוווירן זײַן געווײנלעכע פלאַכקײַט. ערטערווײַז זײַנען די שניי־בערג געווען העכער פון די הײַזער, פון די סקירדעס שטרוי, און ערטערווײַז איז דער סטעפּ געלעגן אײַנגאַנצן אַ נאַקעטער. גרויסע שוואַרצע פלעקן, ווי יאַטערענדיקע ווונדן, פון וועלכע מע האָט אַראָפּגעשונדן די לעבעדיקע הויט, האָבן מאַמעש געבעטן זיך, מע זאָל זיי מיט עפּעס וואָס אײַנדעקן, מיט עפּעס וואָס איבערבינדן. אַ גרינג, וואַרעם ווינטעלע האָט אַרויסגעיאָגט פון די הײַזער קליין און גרויס, און דער גרעסטער ווונדער איז פאַר אַלעמען געווען דאָס, וואָס נאָך אַלעמען לעבט מען נאָך און מע קאָן נאָך אויסריידן אַ וואָרט.

— הינדע, איר לעבט נאָך? מאַזלטאָוו אײַך!

— מיט מאַזל זאָלט איר לעבן, אַזאַ מאַזל אָף אונדזערע סאָנים.

— הערשל, רעב הערשל, עפּשער האָט איר אָן איבעריקע לאָפּעטע?

— יאַנקעוו־לייזער, וואָס זאָגט עפּעס אײַער לועך, יאַנקעוו־לייזער?

— ווי מיינט איר, מע דאַרף בענטשן גוימל?

— לייבעש, וועלכע סעדרע האָבן מיר הײַנטיקע וואָך, הא, לייבעש?

קליין און גרויס האָט געאַרבעט מיט לאָפּעטעס, מיט ווילעס אָדער מיט אַ פּאַשעטער ברעט, און דער שניי איז געפלויגן פון אַלע זײַטן, געפלויגן, גערייכערט זיך, פאַרפּאָראָשעט די פּענעמער, וואָס ניט געקוקט אָף דעם אַלעמען, זײַנען זיי געווען פריילעך־אופגעלעבט. אַלע זײַנען געווען ביז גאָר באַריידעוודיק, גערעדט און ניט געקאָנט אָנריידן זיך, גלײַך מע האָט ניט געזען אײנער דעם אַנדערן ווער ווייסט וויפל צײַט.

און גראָד דאָס האָט קיינעם ניט געווונדערט, ווען אײַנמיטן דער גאַס האָט זיך באַוויזן אַ פאַרבלאָנדזשעטע דראָכווע. צוערשט האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז אַ גאַנדז, נאָר לויט איר גאַנג, לויט די פליגל און לויטן אומגעווײנלעכן שנאָבל, האָט מען זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז ניט קיין גאַנדז, נאָר אַן אַנדער בריה — אַ ריין סטעפּישע, אַ ווילדע, אַזאַ, וואָס מע האָט ביז איצט נאָך ניט געזען.

— אַ דראָכווע, אַ דראָכווע! — האָבן אויסגעשריִען עטלעכע כעוורעניקעס, און גלײַך איז די נײַס אַוועק פון הויף צו הויף.

— אַ דראָכווע, אַ דראָכווע!

אַלע זײַנען געוואָרן דערפון אַזוי אַנציקט, אַזוי פאַרכאַפּט, גלײַך דאָס האָט געקענט כאַטש מיט עפּעס דעקן דאָס, וואָס אַלעמען איז אויסגעקומען איבערלעבן פאַר די דרײַ שרעקלעכע מעסלעסן.

די איבערגעפרוירענע, שטאַרק פאַרשמאַכטע דראָכווע האָט געשפּאַנט שווער, ביז גאָר לאַנגזאַם, קוים געשלעפּט די פיס. פון מאָל צו מאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אַ רודעווע געטאָן מיט אירע גרויסע פליגל, ווי פּרוּוונדיק, צי וועט זי קאָנען אַ פלי טאָן, נאָר איר האָט געסטײַעט קויעך בלויז אָף אַ פאַכע טאָן מיט זיי. נאָך דעם האָט

זי ווידער געמוזט אָפּשטעלן זיך, ווי פאַרדעכעט זיך פונעם שווערן שטיקל אַרבעט. און עפּשער האָט זי שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרלוירן איר דראַכווישן באַוווסטזיין און אַליין ניט געוווסט, אַף וועלכער וועלט זי איז, אַרומגעבלאָנדזשעט. ווי אין אַ כאָלעם און איר האָט זיך געוואָלט נאָר איין זאַך — אָפּזוכן עפּעס אַ זאַטישנע ווינקעלע, צוטוליען זיך צו עפּעס וואָרעמס און שטילן דעם הונגער מיט עטלעכע קערנער. זי האָט אַפילע פאַרלוירן דאָס געפיל פון שרעק. דערזען באַ לייבעשן אָפּן הויף אַ כאַפּטע געגנדז, האָט זי זיי אַנגענומען פאַר ווײַטע קרויווים. צוגעקומען, זיך אַרײַנגערוקט צווישן זיי און אַנגעהויבן פּיקן די קערנער, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אַרויסגעשטעלט אין אַ הילצערנער מולטער.

דאָס גרינגע ווינטעלע האָט זיך גראָד אַרויסגעוויזן פאַר אַ בעריע. ס'האָט אָפּגיך פאַנאַנדערגעריסן די וואָלקנס אַף שטיקלעך, אָוועקגעיאָגט איבערן הימל איין ווײַטע טשערעדע נאָך דער צווייטער, און ס'האָט אַנגעהויבן אופּקומען יענע וווּנדערבאַרע אויסלײַטערונג, ווען אַלץ אַרום זעט אויס, ווי נײַ געבוירן, ווען די לופט ווערט זויבער און דורכזיכטיק און עס עטעמט זיך מעכײַעדיק גרינג, ווען דו שלינגסט און שלינגסט די זויבערע לופט און פילסט אין איר דעם בעסטן טאַם. הייבן מענטשן אָן אַרומקוקן זיך, סטאַרען זיך פאַרכאַפּן מיטן אויג וואָס מערער און ווײַטער, אַף איבערצײַגן זיך, אז נאָך אַלעמען איז די וועלט געבליבן אַ וועלט. דאַן האָבן אַ סאַך באַמערקט אָפּן בערגל, וואָס אונטערן דאָרף, אַ מאָדנע קוטשעהורע, ענלעך אַף אַ פערד. צוערשט האָט מען אַף דעם קיין אַכט ניט געלייגט. קוטשעהורעס, ענלעך אַף פערדה, לייבן, העלפאַנדן און אַנדערע בריִעס, זײַנען אַרום און אַרום געווען ניט וויניק, נאָר אַזאַ ענלעכקײַט, אַ פערד מיט אַלע פּישטשעווקעס, איז פאַר אַלעמען געווען אַ ווונדער.

— וואָס אַ זאַווערוכע קאָן זיך פאַרגינען, — האָט פישל זיך אַנגערופן, — ווי מיט די הענט אויסגעקנאָטן.

פישל, וואָס איז שטענדיק אַ באַלן אַף פאַרשיידענע כאַריפעסן, האָט שוין געמוזט צוקומען אַ ביסל נעענטער, ער זאָל דערקונדיקן זיך, ווי האָט די זאַווערוכע געקאָנט אַזוינס אופּטאָן, צוגעקומען און אַ דערשראָקענער אָוועקגעלאָפן צוריק.

— ייִדן, — האָט ער געשריגן, יאָגנדיק איבערן דאָרף, — כאָים-בערס אָגער!

האָבן אַלע פאַרגעסן אין דער דראַכווע און אָוועקגעלאָפן צום בערגל אונטערן דאָרף.

דער אָגער איז געשטאַנען אויסגעצויגן דעם האַלדז, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און אײַנגעגראָבן די ציין אינעם שניי, מיסטאָמע האָט ער אויך געזען אַ שיינעם כאָלעם, דעם לעצטן כאָלעם זײַנעם: ווי ער פּאַשעט זיך אַף אַ גרינער לאָנקע און דאָס פרישע זאַפטיקע גראָז שמעקט מיט אַלע בעסטע רייכעס, צעגייט זיך אין מויל און דערקוויקט אַלע זײַנע גלידער. עמעצער האָט אים אַ טאַרקע געטאָן, געפּרווּוט, צי ער זשיפּעט נאָך. נאָר דער אָגער איז געווען היפּש פאַרדעמבעוועט, פעסט צוגעפרוירן צו דער ערד און פאַרשאָטן מיט שניי ביז די קנעכלעך.

— שאַ, און כאָים-בער?..

— יאָ, טאַקע, און כאָים-בער אַליין?

די דאָזיקע פראַגע האָט געמוזט קומען נאָך דעם, ווי דער אוילעם האָט זיך אַנגעכידעשט מיטן פאַרגליווערטן פערד, אַרומגעקלאַפּט אים פון אַלע זײַטן, ווי מע קלאַפּט אין אַ פויק, געריסן און ניט געקאָנט אָפּרײַסן אים פון זײַן אויסגעכאַלעמטער פּאָשע. האָט מען געלאָזט שטעקן דעם אָגער אָפּן בערגל און אָוועקגעלאָפן צוריק אין דאָרף אַרײַן, צו דעם איינציקן שטיבל, וואָס איז אַרײַן אין ווינטער מיט געלע ווענט.

כאָים-בער האָט נאָך געזיפּעט. ער איז געלעגן אײַנגעוויקלט ביזן האַלדז אין אַן אַלטער, געלאַטעטער קאָלדרע, אַף וועלכער דער פראָסט האָט באַוויזן אָנמאָלן עטלעכע זילבערנע קווייטעלעך. דאָס קליינע בערדעלע, וואָס איז זומער געווען גאַנץ פײַן אונטערגעשוירן און צוגעגעבן כאָים-בערן אַ ביסל כיין, האָט איצט אויסגעזען קרום-קײַלעכיק, זיך צעוואַקסן ווי ווילדגראָז און אַ ביסל פאַרדעקט די טיף אײַנגעפאַלענע באַקן. נאָר מערער פאַר אַלעמען האָבן אים געמאַכט ניט צו דערקענען די אויגן. אָן די ברילן, האַלב אָפּן, האַלב צוגעמאַכט, האָבן זיי אויסגעזען נעבעכדיק-קליין און ביז גאָר אומבאַהאָלפן. זיי האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט מיט זייער שוואַכן, קוים לעבעדיקן בליק איבער די צעצוויטעטע ווענט, איבער דער ניט גלאַטער סטעליע און אַליין ניט געוווּסט, וואָס און ווען זיי זען פאַר זיך.

— שוין אַ האַלבער באַרמינען, — האָט זיך אַנגערופן יאַנקעוו-לייזער און אַ נעם געטאָן זיך פאַר זײַן לאַנגער, ווײַסער באָרד.

— ער זשיפּעט! — האָט אַנשל אויסגעשריגן, ווי אָנגעשריגן אַף יאַנקעוו-לייזערן פאַר זײַן בייזער נעוויִע.

דאָס קיכל איז מיטאַמאָל פאַרפולט געוואָרן מיט מענער און פרויען, גלײַך ס'איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די דורכגעפּרווירענע דראַכווע און דער פאַרגליווערטער אָגער זײַנען גאָרניט קעגן דעם, וואָס זיי קאָנען איצט זען אינעם ענגן קיכל. יעדערער האָט געפּרוווט דורכשטופּן זיך וואָס נעענטער צו כאַים־בערן און יעדערער האָט געפילט, אַז ער מוז עפּעס זאָגן.

— אָט אַזוי נעמט אַ מענטש און ווערט פאַרפרוירן.

— יאָ, ער האָט געקאָנט אינגאַנצן פאַרפרוירן ווערן.

— עס פעלט שוין טאַקע ניט קיין סאַך.

— גאַנץ פּאָשעט, מע ווערט אָנשלאָפן און מע כאַפּט זיך מערער ניט אויף.

— פאַראַיאָרן ווינטער, לאָמיך אַזוי לעבן, מײַן מומע האָט עס אַליין דערציילט...

— אין אַנשלען האָט, אַפּאָנעם, אַלץ געקאָכט, ווײַל שוין לאַנג האָט זײַן שטים ניט געברומט אַזוי בייז:

— גענוג ווײַבערשע מײַסעס. מע דאַרף אים ערגעץ אַריבערטראָגן!

זײַנען אַלע גלײַך מאַסקים געווען:

— יאָ, יאָ, אין אַ וואַרעמער שטוב.

— הייסן אָקרעפּ דאַרף מען אים געבן.

— און אַ ביסעלע בראָנפן.

— יאָ, כאָטש איין קעלישעקל.

נאָר מערער קיין באַלאָנים אַף אַרויסזאָגן זיך איז ניט געווען. אין קיכל איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. מע האָט ערשט געדאַרפט באַטראַכטן: וווּ נעמט מען הייסן אָקרעפּ, וווּ נעמט מען אַ ביסעלע בראָנפן, און סאַמע דאָס וויכטיקסטע — וווּהין טראָגט מען אים אַריבער. די שטילקייט האָט פאַרצויגן זיך, און דערפון איז אַלעמען געוואָרן אַ ביסל פּריקרע. מעגלעך דערפאַר, וואָס יעדערער האָט געטראַכט, אַז כאַים־בערן וואָלט באַם שאָכן געווען בעסער, ווי באַ אים.

— טראָגט אים אַריבער צו מיר. באַ מיר אין שטוב איז ריין, וואַרעם און אינגאַנצן פרײַ.

האָט מען ערשט איצט באַמערקט, אַז צווישן אוילעם מענער און ווײַבער, וואָס האָט געדיכט אָנגעשטאָפּט דאָס קיכל, איז פאַראַן אויך יענטל. מע האָט זי באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, גלײַך נאָך דעם אַלעמען איז יענטל אַליין דער גרעסטער וווּנדער. ווײַל ס'איז שווער געווען פאַרשטיין, וויאַזוי האָט עס יענטל, וואָס האָט די אַלע מעסלעסן געטאָגט און גענעכטיקט באַ אירע טעלעצעס, באַוויזן אונטערהאַלטן די ריינקייט און וואַרעמקייט באַ זיך אין דער פּוסטער שטוב. און באַזונדערס, ווי נעמט מען זיך עס אונטער אַזאַ זאַך, אַזאַ שווער שטיקל אַרבעט...

און ווײַל קיין אַנדערע באַלאָנים זײַנען ניט געווען, און ווײַל ס'האָט זיך אַלעמען אָנגעגעהיבן לייגן אַפן זינען, אַז בעסער ווי יענטל וועט עס קיינער ניט קאָנען, איז אַלץ אָפּגעטאָן געוואָרן אין איין אויגנבליק. אורציע האָט גלײַך דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט עס אַ כאַפּ טאָן אַ באַרמינען, ווי אַ רועך אַ מעלאַמעד, און כאַים־בער איז דאָך געווען סײַ דאָס, סײַ יענץ, אַ נעבעכיקער מעלאַמעד און אַ האַלבער מעס, האָט ער אים אַ נעם געטאָן אַף די הענט אײַנײַנעם מיט דער קאָלדרע און זיך אָנגערופן:

— קום גיכער, יענטל.

— דאָס קישן, דאָס קישן מיטן איבערבעט! — האָט עמעצער אויסגעשריגן.

האָט איינער אַ כאַפּ געטאָן דאָס קישן, אַ צווייטער דאָס איבערבעט, און מע איז אַוועק.

כאַים־בערס שטוב איז געשטאַנען קימאַט אַקעגן יענטלס, נאָר צווישן די הײַזער איז אויסגעוואַקסן אַ הויכער באַרג מיט שניי און מע האָט אים געמוזט אַרומגיין. אורציע איז געגאַנגען פאָרויס מיט כאַים־בערן אַף די הענט. נאָך אים — די, וואָס האָבן געטראָגן דאָס בעטגעוואַנט, און נאָך זיי — דער גאַנצער ייִשעוו.

— עפּעס גאָר ווי אַ לעווײַע, ראַכמאָנע־ליצלאָן, — האָט זיך אָנגערופן יאַנקעוו־לייזער, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט לייגן שטיינער אַפן האַרצן.

— וואָס פאַר אַ לעווײַע? — האָט פישל פאַרכאַפּט פאַר אַנשלען. — אַ כאַסענע, אַן עמעס־דיקע כאַסענע.

— נו, יאָ, אַ כאַסענע אָן קלעזמער.

— און אַז אָן קלעזמער, איז וואָס? — האָט שטיל, ווי צו זיך אַליין, זיך אָנגערופן לייבעש דער האַרבאַטע. — סײַווי, מיר דאַרפן הײַנט אַלע בענטשן גוימל.

די גאַנצע צײַט, סײַ ווען מע האָט געטראָגן כאַים־בערן צווישן די קוטשעהורעס, סײַ ווען מע האָט אים אײַנגעמאַסטעט אַף זײַן נײַעם געלעגער, איז ניט געווען צו זען, אַז ער זאָל וויסן, אָנשטויסן זיך, וואָס מיט אים קומט פאָר. די האַלב צוגעמאַכטע אויגן האָבן, ווי פריִער,

ארומגעבלאָנדזשעט איבער דעם ארום, ווי עפּעס געזוכט, און די ליפּן האָבן א ביסל אונטער־געציטערט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך באוויזן די צונג. זי האָט א פּיר געטאָן איבער די פּארטריקנטע, צעטראסקעטע ליפּן און ווידער ניט געסטשעט. ערשט נאָך דעם, ווען אורציע מיט אנשלען האָבן אים גוט אָנגעריבן די הענט מיט די פיס און גענומען זיך צו זײַן היפּש אײַנגעפּאלענער ברוסט, נאָך דעם, ווי מע האָט אים אָנגעפּאָיעט מיט א גלאָז הייסן אָקרעפּ, האָט ער געעפנט די אויגן און אָנגעהויבן ארומקוקן זיך.

— צירל, ווו בין איך?

פון דעם הייסן אָקרעפּ, פון דער ווארעמקייט, וואָס האָט אָנגעהויבן אים דורכנעמען, האָבן די אויגן אָנגעהויבן א ביסל אונטערגלאנצן און פון זיי האָט פּאמעלעך גענומען ארויסרינען א טרער נאָך א טרער. די טרערן האָט ער, אפּאָנעם, ניט געפילט. די אויגן זײַנען, ווי פריער, געווען האלב־בלינד און ער האָט נאָך אלץ ניט געוווּסט, ווו ער איז אין דער וועלט.

— צירל, פּארוואָס זע איך דיך ניט? אוי, די ברילן, די ברילן, ווו זײַנען מײַנע ברילן?

ער האָט אָנגעהויבן שארן מיט די הענט ארום זיך, אונטערן קישן, זײַענדיק זיכער, אז ווי נאָר ער טוט אָן די ברילן, דערזעט ער גלײַך זײַן צירלען.

— זע, ניטאָ די ברילן. און מײַן צירל... הרעטשענע לאטקעס... אזעלכע געשמאקע הרעטשענע לאטקעס מיט געגנדזענער שמאלץ...

ער האָט ניט געוואָלט צי עפּשער ניט געקאָנט געזעגענען זיך מיטן כאָלעם, וואָס האָט אים דערהאלטן באַם לעבן די אלע מעסלעסן. ער האָט גענומען באקוקן דעם אוילעם מענער און פרויען, וואָס פּארען זיך ארום אים, און גראָד דאָס האָט אים אויסגעזען ווי א כאָלעם, פון וועלכן מע דארף זיך ארויסרײַסן.

— צירל, וועק מיך אויף, — האָט ער אָנגעהויבן ריידן א ביסל העכער, — און דערלאנג מיר נאָך א בעקעלע לאטקעס.

אנשל האָט ווידער אָנגעגאָסן א פולע גלאָז הייסן אָקרעפּ און זי דערלאנגט אים אזוי, ער זאָל זיך א ביסל אָפּבריִען די הענט און דעם גומען. וועט ער גיכער ארויס פונעם שלאָף און קומען צו די געדאנקען. אנשל איז, אפּאָנעם, געווען א בעריע אף אזעלכע זאכן. כאַים־בער האָט זיך טאקע אָפּגעבריט, סאמע צו דער מאָס, און גענומען רײַבן די אָנגעטרערטע אויגן.

— נו, גענוג „צירל, ווו בין איך", — אנשל האָט אָנגעווווירן דאָס געפּיל פון ראכמאָנעס און איז געוואָרן זאכלעך־שטרענג. — דו זאָג בעסער, דײַן אָגער איז עפּעס לײַטיש פּארסטרא־כירט?

אנשלען איז דאן אפילע אפן זינען ניט געקומען, אז דאָס האָט ער אײַנגעהאנדלט פּאר כאַים־בערן זייער א פײַנעם צונאָמען, און כאָטש ער איז א ביסל צו א לאנגער, וואָלט ער זיך געוווען געהאלטן באַ אים א סאך יאָרן, ס'זאָל גאָר אינגיכן ניט געווען צוקלעפּן זיך צו אים א מערער פּאסיקער און קירצערער. כאַים־בער האָט באקוקט אנשלען אומגעווײַנלעך לאנג, ווי וועלנדיק דערגריבלען זיך, וואָס פלוצעם פרעגט ער וועגן דעם אָגערס סטרא־כאָווקע.

— וואָס הייסט? מײַן אָגער? — און ווידער גענומען רײַבן די אויגן. — וואָסי שײַעך?

— יאָ, דײַן אָגער... ער זאָל האָבן א ליכטיקן גאניידן. ניפטער געוואָרן!

אנשל האָט ניט געקענט אײַנהאלטן זײַן קאָס אף כאַים־בערן, איבער וועמען ס'איז אומ־געקומען אזא גאָלדענער פּערדאטש, און אים האָט זיך געדוכט, אז מיט אזא זידלוואָרט, ווי „ניפטער געוואָרן" שטילט ער א ביסל זײַן צאָרן.

— אָט, זאָלסט געווען באצײַטנס ארײַן אין קאָלווירט, וואָלט ער געלעבט, דײַן אָגער.

דאָס האָט ענדלעך ארויסגעריסן כאַים־בערן פון זײַנע כאלוימעס. ער האָט זיך א הייב געטאָן, אפּסנײַ גענומען באקוקן, וואָס ארום אים טוט זיך, און נאָך אלץ מיינענדיק, אז דאָס ליגט ער אף זײַן אייגענעם געלעגער באַ זיך אין קיכל, האָט ער, מײַסע באלעבאָס, אָנגעהויבן זידלען אנשלען און די גאנצע וועלט:

— וואָס הייסט מײַן אָגער? וואָס הייסט סטראכאָווקע? זאָלן זיי נאָר פּרוּוון! איך וועל אָנשרײַבן!..

ס'איז שווער געווען פּארשטיין, צי האָט ער די יעדיִע וועגן אָגער ניט פּארשטאַנען, צי ס'האָט אים ווייניק געקימערט. דערפאַר איז געווען קלאָר, אז פּאר דער סטראכאָווקע וועט ער זיך שלאָגן ביז בלוט. אזא גלײַכגילטיקײַט צו אָן אייגן פערד איז פּאר אנשלען געווען דער גרעסטער כילעלהאשעם.

— א מעלאמעד בלײַבט א מעלאמעד, — האָט אנשל בייז ארויסגערעדט און פּארמאכט מיט דער האנט דאָס מויל, עס זאָל זיך ניט ארויסרײַסן עפּעס ערגערס.

— א מעלאמעד, — האָט כאַיִם־בער איבערגעכאַזערט פאַר זיך אַליין, — נו, יאָ, אַוואַדע... א געוועזענער מעלאַמעד... א געוועזענער!

— איז אָט וואָס, — האָט אַנשל אָפּגעהאַקט, — וועסט באַקומען די סטראַכאַוּוקע, אַרײַנ־טראָגן אין קאַלווירט, וועלן מיר קויפן אַן אַנדער פערד.

די אָנגעריבענע הענט און פיס, דער הייסער אָקרעפּ האָבן אַרויסגערופן בא כאַיִם־בערן עטלעכע זאַכן מיטאַמאָל. איינינעם מיט דער וואַרעמקײַט האָבן איבערן גאַנצן לײַב זיך צע־טאַנצט און צעשפּרונגען א קאַלטער גרויל, ריכטיקער, טויזנטער דריבנע גרוילעכלעך, און ס'האָט אים אָנגעהויבן אונטערוואַרפן איינינעם מיט דער קאָלדרע. די וואַרעמקײַט האָט געהאַלטן אין איין אַרויסטרײַבן די קעלט, נאָר די קעלט האָט ניט געוואָלט אַוועק. האָבן זיי געהאַלטן אין איין שלאָגן זיך, בוצקען זיך אינווייניק, און כאַיִם־בערן האָט זיך געדוכט, אַז ביז עפּעס וואָס, וועלן זיי אים אַליין איבערברעכן די ביינער און אַויסזעצן די ציין. און שטאַרקער פון אַלעמען, פון די אַלע גרוילן, שטעכענישן און בוצקענישן האָט געגעבן צו וויסן וועגן זיך דער הונגער. ס'האָט זיך אים זייער פאַרוואָלט אויב ניט קיין הרעטשענע לאַטקעס, איז כאָטש א פּאַשעט שטיקל ברויט. יענטל האָט אָפּגעשניטן און דערלאַנגט אים א היפּש ריפטל. נאָר ער האָט עס ניט געקאָנט אײַנהאַלטן אין די ציטערנדיקע הענט. און נאָך שווערער איז אים געווען אײַנבײַסן דאָס מיט די טאַנצנדיקע ציין. מערער פון אַלעמען איז אים געוואָרן ביז כאַלאַשעס פריקרע פון זײַן אומבאַהאָלפנקײַט, פון זײַן מוירעדיקער אָפּגע־שוואַכטקײַט. דערנאָך איז געקומען אַזוינס, וואָס אים אַליין איז שווער געווען פאַרשטיין. ער האָט זיך דערפילט ווי שולדיק פאַר די אַלע, וואָס פאָרען זיך אַרום אים. מעגלעך דערפאַר, האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט אַנשלען גאָר אָף אַן אַנדער אויפן. ס'האָט א שמעק געטאָן מיט כניפע.

— גוט, גוט, רעב אַנשל, זאָל זײַן אַזוי, ווי איר זאָגט. איך וועל באַקומען די סטראַ־כאַוּוקע, טראָג איך גלײַך אַרײַן דאָס געלט אין קאַלווירט, און נעמט מיך שוין אויך אַרײַן, און קויפט וואָס איר אַליין ווילט: א פערד, א לאָשעק צי אַן אָקס. נאָר איין זאַך בעט איך אײַך, לאָזט מיר איבער א דרײַערל. הא, רעב אַנשל? איין דרײַערל. אָף א פונט צוקער און א פּעקל ציקאָריע. אָן ציקאָריע בין איך אויס מענטש. פרעגט בא מײַן צירלען.

דערמאָנט זיך אין צירלען, האָט ער קוים געגומען אָפּטיילן דעם כאַלעם פון דער וואָר, און ס'איז אים ערשט איצט געקומען אָפן געדאַנק, אַז די הרעטשענע לאַטקעס האָבן אים, אָפּאָ־נעם, זיך בלויז געכאַלעמט. נאָר ער האָט ניט געוואָלט אונטערגעבן זיך:

— א, מײַן צירל... — האָט ער זיך א בארים געטאָן, — איר זאָלט כאָטש איין מאָל געווען פאַרזוכן אירע לאַטקעס.

עס האָבן געמוזט דורך נאָך עטלעכע מינוט, ער זאָל אינגאַנצן קומען צו־זיך און זײַנע האַלב בלינדע אויגן זאָלן אויך אָן די ברילן באַמערקן, אַז אַרום איז עפּעס ניט ווי געווייג־לעך. ער האָט נאָך גאָר אַזוינס ניט באַמערקט, נאָר ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווהין איז אהינגעקומען דער וואַנטזייגער. ער האָט דאָך אַליין אים צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט איבערן געלעגער און עטלעכע מאָל אַפילע געפּרווט אים אָנציִען. קיין איבעריקן נאַכעס פּו־נעם זייגער האָט ער ניט געהאַט. נאָך יעדער אונטערציִונג האָט ער אָפּגעאַרבעט א שאָ אָנדערהאַלבן. דערנאָך געגעבן עטלעכע שטאַרקע קלעפּ און ווידער געבליבן שטיין. נאָר בא כאַיִם־בערן איז אויסגעקומען, אַז פאַר אַזא שיוורע־קיילע איז דאָס אויך א יעשע.

— זע, און דער וואַנטזייגער? — האָט ער געפרעגט בא זיך אַליין. — עפּעס זע איך ניט דעם וואַנטזייגער...

— וואָס נאָך זעט איר ניט? — דאָס האָט שוין פישל זיך דערלויבט א שפּאַס טאָן.

האָט ער אָפּסנײַ געגומען אַרומקוקן זיך און דערזען אַזוינס, וואָס איז בא אים אין קיכל קיינמאָל ניט געווען. ער האָט ווידער דערפילט, ווי די וואַרעמקײַט מיט דער קעלט האָבן אָנגעהויבן בוצקען זיך בא אים אינווייניק, און ס'האָט אים נאָך שטאַרקער געגומען אונטער־וואַרפן.

— צירל, ווו בין איך? — האָט ער ווידער אויסגעשריגן די ווערטער, וואָס זײַנען געוואָרן זײַן צונאָמען.

ער האָט א ריס געטאָן פון זיך די קאָלדרע, ווי געקליבן זיך אַראָפּשפּרינגען פונעם בעט, נאָר פאַר אַזא אופּטו האָבן אים קיין קויכעס ניט געסטײַעט. פאַרקרימט זיך, ווי א קינד, וואָס האַלט באַם וויינען, איז ער צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום קישן און צוגעמאַכט די אויגן.

— יידן, וואָס טוט זיך מיט מיר? זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווו בין איך?

— באַרויִקט זיך, כאַיִם־בער, מיר האָבן אײַך אַריבערגעטראָגן, — האָט זיך אָנגערופן

אורציע און א שפּריץ געטאָן אים איבערן פּאָנעם א ביסל וואסער. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כאַים־בער כאַלעשט.

— ווען האָט איר מיך אריבערגעטראָגן און צו ווּעמען?

— צו יענטלען.

— פאַרוואָס אריבערגעטראָגן? פאַרוואָס צו יענטלען?

— ווײַל איר האָט געהאַלטן באַם פאַרפרוירן ווערן, און בא יענטלען איז א פּרײַע און וואַרעמע שטוב.

כאַים־בער האָט ראַשיק זיך אופגעזעצט, ברייט צעעפנט די אויגן און גענומען רײַבן איין פינגער אין אנדערן. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס רײַבט ער די גלעזלעך פון זײַנע ברילן.

— ייִדן, זײַט איידעס, אַז ניט מיט מײַן ווילן...— יעדער וואָרט האָט ער ארויסגערעדט פּאַמעלעך, צעצויגן, מיט א קלאָגעדיקן ניגן.— זײַט איידעס, אַז מע האָט מיך אריבערגעטראָגן, ווען איך בין ניט געווען באַם זינען.

דערנאָך שוין א ביסל פריילעכער, ווי אָפּשפּעטנדיק פון זיך אליין:

— אוי, כ'האָב מוירע... מײַן צירל וועט זיך דערוויסן... ייִדן, זײַט איידעס...

און כאַטש מיט א גרויסער פאַרשפּעטיקונג, נאָר דאָך זיך דערמאָנט אינעם אָגער, מיט וועמען ער האָט איינגעפּאַקט אזויפיל זיך אָנגעהונגערט, אָנגעפרוירן, און אין וועמענס אויגן ער האָט געזען פאַר זיך די גאַנצע וועלט און זיך אליין.

— וווּ זשע איז מײַן אָגער? — האָט ער א פרעג געטאָן, און זײַן שטים איז ווידער גע־וואָרן א קלאָגנדיקע.

דער אָגער איז נאָך א גאַנצן טאָג געשטאַנען אפן בערגל אונטערן דאָרף, געשטאַנען אויסגעצויגן דעם האַלדז און אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און ניט געלייגט קיין שום אַכט ניט אָף די כעוורעניקעס, וואָס האָבן געטאַנצט ארום אים, ניט אָף די הינט, וואָס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן אהער פונעם שכיינעסדיקן כוטאָר, זיי האָבן אַלץ ארומגעשמעקט אים, גע־האַווקעט, געוואָיעט, געביסן איינער דעם אנדערן און ניט געקאָנט פעסטשטעלן, צי איז דאָס טאַקע אַן עמעסע פּעגירע, פאַר וועלכער מע קאָן זיך שוין נעמען. ס'האָט ווידער א צי געטאָן א פראָסט און ניט דערלאָזט, אַז אין סטעפּ זאָלן זיך אָנהייבן פילן שלעכטע רייכעס...

2

אַלע דרײַ זאַווערוכעדיקע מעסלעסן, בייס וועלכע יענטל האָט ניט צוגעמאַכט קיין אויג און ניט אָפּגעטראָטן פון אירע טעלעצעס, האָט זי ניט אופגעהערט טראַכטן וועגן יאַנקלען: וווּ איז ער ערגעץ, ווו טראָגט עס אים ארום, פאַרוואָס גיט ער ניט צו וויסן וועגן זיך? כײַ וואָלט ער כאָטש א צעטעלע איבערגעגעבן אָדער א גרוס, א לעבעדיקן גרוס. אָנגעהערט זיך מיט אַן א שיער שרעקלעכע געשיכטעס וועגן פאַרבלאָנדזשעטע און פאַרפרוירענע אין אַזעלכע זאַווערוכעס, האָט זי אַלעמאָל געזען פאַר זיך איר יאַנקלען, ווי ער בלאָנדזשעט ארום איבערן סטעפּ א הונגעריקער און א דערפרוירענער, ווי דער צעבושעוועטער ווינט יאָגט אים ארום, דרייט אים אַלעמאָל אויס אין אַן אנדער זײַט. און עפּשער ליגט ער שוין גאָר א פאַרפרוי־רענער, א פאַרשאָטענער מיט שניי. זי האָט ניט אופגעהערט אײַנהערן זיך אינעם מעשונעדיקן געוואָי פונעם ווינט, און איר האָט זיך אַלעמאָל געדוכט, אַז זי הערט יאַנקלס רופנדיקע, וואָיענדיקע, פאַרצווייפלטע שטים. איז זי זיכער געווען, אַז דאָס פּרוווט ער דורכשלאָגן זיך אהיים, רײַסט זיך אהער, צו איר, דורך דער זאַווערוכע און הערט ניט אוף צו שרײַען: יענטל, יענטל, דו הערסט מיך, יענטל?

דאָס טאַקע האָט זי אַלעמאָל א יאָג געטאָן אהיים אָנהייצן די הרובע, אָנהאָדעווען און אויסמעלקן די קו און איבערלאָזן אינעם הייסן אויוון א קריגל מילך און א טעפּל מיט אָקרעפּ. אַז ווען יאַנקל וועט זיך דערקלײַבן אהיים, זאָל ער האָבן מיט וואָס די נעשאָמע דערוואַרעמען.

פון די באַראַקעס צו איר שטוב איז געווען ניט נאָענט, און די אַלץ וואַקסנדיקע קוטשע־הורעס האָבן געמאַכט דעם וועג נאָך ווײַטער. דערצו איז דער וועג אהיים געווען די גאַנצע צײַט קעגן ווינט. צופרידן דערמיט, וואָס ער האָט מיט וועמען א שפּיל צו טאָן, האָט ער ניט אופגעהערט דרייען מיט איר, געוואָרפן איר אין פּאָנעם גאַנצע הויפנס שניי, אָדער גאָר זי אומגעוואַלגערט און געצוווּנגען זי גראַבן מיט די נעגל דעם שניי. צו זיך אין שטוב איז זי שטענדיק ארײַנגעפאַלן א פאַרמאַטערטע און קוים געריַרט מיט די פאַרקלייאַקנעטע פינגער. און דאָך געפילט, ווי איר איז געוואָרן א ביסל גרינגער אפן הארצן פון דעם, וואָס זי האָט

א שטיקל צײַט ארומגעבלאָנדזשעט אינײנעם מיט יאַנקלען. עפּשער איז אים דערפֿון אויך געוואָרן א ביסל גרינגער.

— וואָס יאַגסטו ארום הין און צוריק? — האָט אורציע זי געמוסערט. — עס קאָן דיך אַזוי פֿאַרטראָגן ערגעץ.

— עס וועט מיך אין ערגעץ ניט פֿאַרטראָגן, — האָט זי אים בארויִקט.

און געטראַכט האָט זי, אז ס'וואָלט געווען זײער גוט, ווען עס פֿאַרטראָגט זי אַזוי ווײַט, ווײַט... זאָל זי ארומבלאָנדזשען איבערן סטעפּ, אומפּאַלן און זיך שוין ניט קאָנען אופֿהײבן. בלײַבט זי ליגן, הײבט אָן פֿאַרפֿרוירן ווערן, נאָר דאַן קומט אונטער יאַנקל און הײבט אָן טרייסלען מיט איר: יענטל, שטיי אוף, יענטל!

דערפֿאַר האָט זי אַזוי א ציטער געטאָן, ווען זי האָט דערזען כאַיִם-בערן קימאַט א פֿאַרפֿרוירענעם. דערפֿאַר האָט זי אַזוי געפּאַדערט, מע זאָל אים אוועקטראָגן צו איר. זי האָט דאָך די גאַנצע צײַט געהייצט די הרובע, געהאַלטן גרייט הייסע מילך, וואַרטנדיק אף א דערפֿרוירענעם...

די גאַנצע צײַט, ווען מע האָט זיך געפּאַרעט ארום כאַיִם-בערן, ווען די שטוב איז געווען פֿול מיט מענטשן און יעדערער האָט געגעבן אָן א שיר אייצעס, איז יענטל געווען ווי אין א כאָלעם. זי איז געשטאַנען און צוגעקוקט, ווי מע רײַבט אים אָן די הענט מיט די פֿיס, געהערט, ווי אנשל טוט עפּעס א זאָג און דער אוילעם שיסט אויס א געלעכטער, און איר האָט זיך געדוכט, אז דאָס קומט פֿאַר ניט בא איר אין שטוב, נאָר ערגעץ אַנדערש. אַלעמאָל האָט זי אַזוי, שטייענדיק, צוגעמאַכט די אויגן און געזען עפּעס א מאָדנע, פֿאַרפּלאָנטערטן כאָלעם. אַלץ איז פֿאָרגעקומען טאַקע בא איר אין שטוב, נאָר אַלץ איז פֿאָרגעקומען פּונקט קאַפּויר. מענטשן זײַנען ארומגעגאַנגען מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פֿיס ארוף, און אונטערן בעט, צוגעדעקט מיט א רויטן טישטעך, איז געלעגן איר יאַנקל. קוים ארויסגעריסן זיך פֿון אָט דעם צעדולטן כאָלעם, זיך דערמאָנט אין אירע טעלעצעס און א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— אוי, כ'האָב גאָר פֿאַרגעסן! שוין צײַט אונטערוואַרפֿן זיי א ביסל שטרוי.

איבערגעלאָזט א פֿולע שטוב מיט מענטשן, האַלב-אָפֿענע טירן, דורך וועלכע ס'האָט גע־זשעצט א געדיכטע פּאַרע, און איז אוועק.

א קוק טאָן אף יענטלען, וועט קײנער ניט זאָגן, אז עס הריזען זי אַזעלכע אומרויִקע געדאַנקען, אז זי קאָן ניט בײַקומען אָדער כאָטש א ביסעלע שטילן דעם כאַראַטע-געפֿיל, אז זי פֿילט זיך אַזוי אײנזאַם אין איר שטענדיק רײנער, געמיטלעך-וואַרעמער שטוב, אז עס ווילט זיך איר ניט איין מאָל אוועקלויפֿן אין דער וועלט ארײַן, שרײַען און רופֿן אָדער גלאַט אַזוי גוט אויסווײנען זיך. דאָס פּאָנעם — ווי מע האָט דאָס אפּסנײַ איבערגעקנאָטן, געמאַכט דאָס שטײַפֿער, קײַלעכיקער און צוגעניטעט עס אף א פֿריילעך פֿײַער. זי געפֿעלט זיך אַליין, ווען זי שפּאַנט איבערן ייִשעוו מיט א מענערישן שפּאַן, קלאַפּט מיט די שטיוול איבער דער פֿאַרפֿרוירענער ערד און פֿילט די גוורע פֿון איר יונגן און שטאַרקן קערפּער.

הײַנט זײַנען די פֿיס געווען ווי קלעצער און זי האָט זיי קוים געשלעפּט. איז זי געגאַנגען זײער לאַנגזאַם און געהאַט ווען צו באַקוקן דעם פֿאַרענדערטן סטעפּ. זי איז, אייגנטלעך, ניט געגאַנגען, נאָר ארומגעבלאָנדזשעט צווישן די שניי-בערג און אַליין ניט געוווּסט, ווו זי איז אין דער וועלט. ניט קײן ייִשעוו, ניט קײן הײַזער, ניט קײן גאַס, בלויז פּריש-אויסגעטראָ־טענע, קרומע סטעזשקעלעך צווישן בערג. עס דוכט זיך איר, אז מיט די סטעזשקעלעך וועט זי אין ערגעץ ניט קומען. פּרוּווט זי זיך אופֿהײבן אף א באַרג און פֿאַרטשעפּעט זיך אַלעמאָל פֿאַר עפּעס אַנדערש. זי ווייסט אפֿילע ניט, אז אין איין פֿאַל איז דאָס א דרענגל פֿון עפּעס א פּלויט, אין א צווייטן — א פּאָשעטער קוימען. גייט זי ארוף אפֿן באַרג, לאָזט זיך ווידער אראָפּ און פֿאַרשטייט ניט פֿאַרוואָס איז הײַנט אַזוי ווײַט צו די באַראַקעס. און ס'איז איר נאָך שווערער צו פֿאַרשטײן, ווי'אַזוי האָט זי עס בייס דער זאַווערוכע געטראָפֿן אַהיים און צוריק, וואָס פֿאַר א גוטער מאַלעך האָט זי געפֿירט בא דער האַנט און ניט דערלאָזט, זי זאָל אפּאַ־נעמעסן פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן.

— מאַזלטאָוו דיר, יענטל, מיטן נײַעם שידעך!

פֿאַרשטייט זי ניט, ווי קומט אַהער פּעסיע. פֿונוואַנען האָט זי זיך גענומען און פֿונוואַנען איז זי ארויסגעקראָכן. פֿאַרן גאַנצן ווינטער האָט זי קײן איין מאָל זיך ניט באַגעגנט מיט איר. פּעסיעס שטוב איז פֿון יענער זײַט באַראַקעס, פֿון יענער זײַט ברונעם, און זי האָט דאָרטן ניט געהאַט וואָס צו טאָן. זאָל זײַן, אז דאָס האָט זי פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן די שניי-בערג? און פּעסיע... אין עפּעס א פּליושן סקעלע מיט א שטריקל אונטערגעבונדן און מיט א גרויִ־סער וואָלענער שאַל איבערן קאָפּ. באַקוקט זי פּעסיען און פֿאַרשטייט ניט, וואָס איז מיט איר

געשען פארן ווינטער. עפּעס ניט די פּעסיע. דער גוידער איז אינגאנצן אויסגעלייזדיקט און הענגט אראָפּ, ווי א דין טאַרבעלע. דאָס פּאָנעם איז אויך ניט צו דערקענען: איַינגעפאלן און צוגעסמאליעט. און די אויגן — נאָך בייזער, ווי געווען.

— וואָס באקוקסטו מיך אזוי, דערקענסט מיך ניט?

— איך... איך האָב איַיך לאַנג ניט געזען. איר זיַיט געווען קראַנק?

— קרענקען זאָלן מיַינע סאָנים. ווי געפעלט עס דיר? פארוואָס דארף איך עפּעס קרענקען?

— איך זאָג ניט, אז איר דארפט...

— און פארוואָס דאנקסטו מיר ניט אָפּ פארן מאזלטאָוו?

ערשט איצט האָט יענטל באמערקט, אז זי שטייט טאקע לעבן איַיזיקס שטוב. האָט זי ראַשיק זיך אויסגעדרייט און אוועק צוריק. נאָר פּעסיע האָט זי א כאַפּ געטאָן פארן אַרבל:

— טוט נאָר א קוק אָף איר, עס שטייט איר. שוין ניט אָן צו רעדן מיט מיר! א זומער ציַיט זי אָף קעסט געהאלטן, מיטן ביסן זיך געטיילט. איצט איז זי געוואָרן א גאנצע באַלע־באָסטע. און איין יאנקל איז דיר שוין ווייניק?

— לאָזט אָפּ, — האָט יענטל א ריס געטאָן די האַנט. — די טעלעצעס...

— גיי, גיי דיר צו דיַינע טעלעצעס, און איך וועל דיר ברענגען א ביסל איַינגעמאכטס פון מאלינעס. די בעסטע רעפּוע פון א צוקילעכץ.

— מע דארף ניט איַיער ווארעניע. און איר זאָלט ניט דערוועגן!..

וואָס פּעסיע האָט איר אָפּגעענטפערט, האָט יענטל שוין ניט געהערט. עפּעס האָט זי נאָך לאַנג געשריגן, פּעסיע, געקוויטשעט, געזידלט זיך, נאָר יענטל איז שוין געווען פון יענער זיַיט שניי־בארג. זי האָט פארקערעוועט צוריק צו די באראקעס, אהין, וווהין ס׳האָבן איינער נאָכן אנדערן אָנגעהויבן צוקומען די קאָלווירטניקעס.

די זון האָט אָפּגעזוכט פאר זיך א ריין שטיקל אָרט אפן הימל פונקט איבער די באראקעס, דער אוילעם זאָל קאָנען ווי געהעריק ארומקוקן זיך, זען און באנעמען, וואָס די זאווערוכע האָט דאָ אָפּגעטאָן. זען איז, אייגנטלעך, ניט געווען וואָס. דאָס גאנצע ביסל אינווענטאַר, די פלוגן, בוקערס, ווי אויך די עטלעכע הארבעס און וועגענער זיַינען געווען אונטערן שניי. בא דער ליכטיקער שיַין האָט מען געקאָנט באמערקן, אז קיין באראקעס זיַינען אויך ניטאָ. פּאָשעט איין גרויסער שניי־בארג מיט צוויי נאָרעס, אין וועלכע עס שטייען די פערד מיט די טעלעצעס. די נאָרעס זיַינען פארוואלגערט מיט מיסט, וויַיל דריַי טעג האָט מען די שטאלן ניט גערייניקט, און די פערד מיט די טעלעצעס שטייען ביז די קני אין קויט. איז פאר זיי אויך געווען א גרויסער יאָמטעוו, ווען מע האָט זיי ארויסגעפירט אין דרויסן, צוגעבונדן צו די נאָרוואָס אויסגעגראָבענע וועגענער, פלוגן און בוקערס און איבער זייערע ביינערדיקע רוקנס און פארקויטיקטע בײַכער האָבן אָנגעהויבן ארומשפּאצירן די איַיזערנע קאמען. פון פארגעניגן האָבן זיי אונטערגעטאנצט, געוואָרפן מיט די קליבעס, אויסגעצויגן די העלדזער און זיך צעהירזשעט, צעמעקעט מיט אזא עכט־קעלבערישער פרייד, גליַיך ס׳האָט אפּאנעמעסן א שמעק געטאָן מיט פרילינג.

יאָמטעוו איז יאָמטעוו. היַינט האָט קיינער קיינעם ניט פאָרגעוואָרפן, וואָס יעדערער האָט גענומען ארומבערשטלען און ארומקעמען גראָד זיַין פערד. אפילע אנשל, וואָס האָט די גאנצע ציַיט געקעמפט קעגן אָט דער פארעלטערטער קרויוועשאפט, וויַיל דאָס שטערט, לויט זיַין מיינונג, אנטוויקלען דעם קאָלעקטיוון גיַיסט, האָט היַינט צוגעשוויגן. האָט שוין מוישע וואָ־סערפירער, וועלכער האָט ניט לאַנג איבערגענומען בא אנשלען דעם פּאָסטן פון עלטסטן קאָניוך, אויך געמאכט זיך, אז ער הערט ניט און זעט ניט. דערפילט אָט די זעלטענע מע־כילע־שטימונג, האָט פישל פאר אלעמען אין די אויגן אָנגעהויבן זיך דורכשמועסן מיט זיַין בולאנעס. זיי האָבן באקוקט איינער דעם אנדערן,ביידע צופרידענע, ביידע גליקלעכע, וואָס מע זעט זיך איינער מיטן אנדערן נאָך אזא זאווערוכע.

— אָט אזוי, ברודערקע, — האָט ער איַינגעטיַינעט מיטן פערדל, דערקליַיבנדיק זיך מיטן קאם צו די סאמע פארברודיקטע ערטער אונטערן בויך, — אין כאשטשעוואטע קאָן מען זיך אויסלעבן די יאָרן און אזא זאווערושקעלע זען נאָר אין כאָלעם.

ער איז גרייט געווען שמועסן מיטן פערדל א גאנצן טאָג, נאָר בא אים איז פּלוצעם פארטיק געוואָרן די געשיכטע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן דערציילן נאָך נעכטן צי אייערנעכטן. באמערקט, אז דער איבעריקער אוילעם איז ניט וויַיט פון אים, האָט ער גענומען דערציילן, גליַיך ווי ער וואָלט ערשט מיט א פּאָר מינוט צוריק געמאכט די האפסאָקע:

— יאָ, ניט היַינט געדאכט, ווען מיַין בולאנער האָט ניט געסטיַיעט... גיי איך איינמאָל אזוי, ס׳איז שוין געווען פארנאכטלעך און צו עפּעס א יישעוו איז נאָך געווען זייער וויַיט. די פיס האָבן אָבער וויַיטער ניט געוואָלט גיין. האָב איך זיך צוגעזעצט א ביסל אָפּרוען

און בין טייקעף אנשלאָפן געוואָרן. כאַלעמט זיך מיר... אוי, וואָס אַ מענטשן קאָן זיך אָנ־כאַלעמען! ס'איז, אַפּנים, געוואָרן קילבלעך, ווײַל דער כאַלעם איז געווען אַ ווינטערדיקער. ער איז געקומען אין פוישטן, אין אַ גרויסן פעלץ און איז געווען איינגאַנצן פאַרשאָטן מיט שניי...

דאָס ווינטעלע טרײַבט די צעפליקטע וואָלקנס איבערן הימל. זיי פאַרדעקן אַלעמאָל די זון, אָבער ניט אויף לאַנג. שײַנט זי, די זון, איבערן פאַרענדערטן סטעפּ און שענקט, ווען עס לאָזט זיך, אַ וואַרעמען שטראַל. זי שיט זיי פאַנאַנדער בעשעפעס און רופט אַלעמען, וועד עס קאָן זי נאָר פאַרשטיין: נעמט, גענישט, ווײַל דאָס איז ניט אויף לאַנג. באַלד וועט דער הימל ווידער פאַרוואָלקנט ווערן און אַ נעפּל וועט אַראָפּ אויף דער ערד.

עס רודעווען אפן הויף אַ פּאָר צענדליק קאַמען, און מע הערט זייער שטילן סיפּען. גאַנצע זשמעניעס האָר פליִען אַרויס פון אונטער זיי. פליִען זיך פאַנאַנדער איבערן הויף און לאָזן זיך פאַמעלעך אַראָפּ אַ ביסעלע ווײַטער אפן ריינעם, נאָך ניט צעטראָטענעם שניי.

— ווער איז דאָס געקומען אין פוישטן? — פרעגט מוישע דער וואַסערפירער.

ער האַלט זיך אַ ביסל גרויס מיט זײַן נײַער שטעלע — עלטסטער קאַניוך. נאָר פּאָר מענטשן ווײַזט ער דאָס ניט אַרויס. ער האָט בלויז אָנגעהויבן מערער אַכטונג געבן אויף זײַן באָרד, זי זאָל ניט זײַן אַזוי צעשויבערט און ניט וואַקסן אין סטויבער אַרײַן.

— וואָס הייסט ווער? — ענטפערט אים פישל, און זײַנע קליינע אייגעלעך שמייכלען פון טײַנעג. ס'הייסט, אויף קיין מײַסעס פרעגט מען קיין קאַשעס ניט. — וואָס הייסט ווער? דער כאַלעם מײַנער!

איז דאָס געווען, אַז דער אוילעם זאָל אויסשיסן אַ געלעכטער, אָוועקלייגן אויף אַ ווײַלע די אַרבעט און צוקומען אַ ביסל נעענטער צו פישלען. אויף דעם טאַקע האָט ער געוואָרט. מעג ער איצט ווײַטער ציִען דעם כאַלעם:

— יאָ, איז טוט ער אויס די הענטשקעס, גיט מיר אָפּ אַ ברייטן שאַלעם־אַלייכעם און הייבט אָן אַרויסנעמען פון די קעשענעס אַזעלכע זאַכן, וועלכע איך האָב קיינמאָל אַפילע אין כאַלעם ניט געזען. גאָלדענע אוירינגלעך, ווי רייפן, גאָלדענע זייגערס, ווי טאַצן. יעדער זאַך וועגט מיסטאַמע אַ פוד. שלעפּט ער זיי פון די קעשענעס און וואַרפט זיי צו מיר. ער וואַרפט, און איך כאַפּ. פריִער מיט איין האַנט, דערנאָך מיט ביידע...

דאָס איז טאַקע עמעס, אין אַ כאַלעם איז אַלץ מעגלעך. נאָר סימכע, וואָס האָט אויך אין ליובאַשאָווקע געהאַט אַ שעם מיט זײַנע פּיזמוינעס, האָט שטענדיק אַליין ליב פאַקן יענעם באַ אַ ליגן.

— ווי זשע האָט איר געקאָנט כאַפּן מיט די הענט אַזויפיל פודן? — רעדט ער אַרויס מיט זײַן הייזעריקלעכער שטים, וואָס האָט נאָך דער זאַווערוכע אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער אונ־טערכריפּען.

— אייסעך וואָס... — פישל טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, גלײַך ער אַליין איז ניט צופרידן, וואָס דער כאַלעם אין פוישטן האָט אים אָפּגענאַרט. — לאָזט זיך אויס, די זאַכן זײַנען אַלע געווען געבלאָזענע.

— איך האָב מוירע, אַז די גאַנצע מײַסע איז אַ געבלאָזענע, — רופט זיך אָן סימכע.

— איר האָט עפּעס שענערע?

נאָר קריגן זיך וויל הײַנט קיינער ניט, סימכע אויך ניט.

— ניין, ניין, איך האָב צו אײַער מײַסע גאָרנישט ניט, איך זאָג עס אָקעגן דער פּאָגאָדע. אַזאַ זאַווערוכע טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָר, האָט זי גראָד צו אונדז געדאַרפט פאַר־בלאָנדזען.

די זאַווערוכע איז שוין ניט קיין כאַלעם. דאָס איז יענע ביטערע וואָר, מיט וועמען מע וועט נאָך לאַנג האָבן צו טאָן. און ריידן וועגן דעם קאָן מען אָן אַ סאָף.

נאָך די פערד, מיט וועמען מע האָט אָפּגעהאַרעוועט אַזאַ שווערן זומער, האָבן אַלע גע־בענקט. אין די קעלבלעך האָט מען גיך פאַרגעסן. באַ די טעלעצעס איז, אַפּנים, אויך געווען אַ קורצער זיקאָרן. זיי האָבן איצט געקענט נאָר יענטלען מיט לייבעשן, אויף וועמען זיי האָבן אַרויסגעקוקט יעדן גאַנצפרי. אַרויסגעפירט די קעלבלעך, האָט יענטל געוואָלט איינעם מיט לייבעשן אויסרייניקן די שטאַל. נאָר ס'איז איר הײַנט שווער געווען האַלטן די ווילע אין די הענט. האָט זי גענומען רייניקן די קעלבלעך, נאָר דאָס אײַזערנע קעמעלע האָט איר אויסגעזען ניט גרינגער. אַלץ איז געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ. איר איז אַפילע שווער געווען פאַרשטעלן זיך, אַז אַ מענטש קאָן עס אַמאָל ווערן אַזוי מיד. זאָל זײַן, אַז דאָס רופן זיך אָפּ די זאַווערוכעדיקע מעסלעסן, צי דאָס איז דערפאַר, וואָס פעסיע איז איר הײַנט איבערגעגאַנגען דעם וועג?

דעם גאַנצן ווינטער האָט זי פּעסיען ניט געזען, און איר האָט זיך אַפּט געדוכט, אַז קיין שום פּעסיע איז ביכלל אַף דער וועלט ניט געווען. פּונקט ווי עס דוכט זיך איר אַמאָל, אַז יענע יענטל, יענץ כּאַשטשעוואַטער דינסטמיידל איז אויך ניט מערער ווי אַ בייזער כּאַלעם. היינט האָט דער כּאַלעם זי אַ נעם געטאָן אינמיטן העלן טאָג, און זי קאָן זיך פון אים ניט באַפרייען. אָט שטייט איר פאַר די אויגן פּעסיע אין איר פּליושענעם סעקל, דער אויסגעליי־דיקטער גוידער האַלט אין איין טרייסלען זיך, און עס גרילצט איר אין די אויערן פּעסיעס קלאָלעס. קומען אויף יענע ביטערע באַגינענס, ווען פּעסיע רייסט זי אַרויס פון איר קורצן שלאָף, זי זאָל אופּשטיין אויסמעלקן די קו. זיצט זי נאָך אַ פאַרשלאָפענע אַפן נידעריקן בענקעלע, ציט מיט די פינגער דעם אייטער, און איבער איר קאָפּ שיטן זיך קלאָלעס און זידלערייען. און איר ווילט זיך אַלעמאָל אַנטלויפן פון אייזיקן, פון פּעסיען, פון יאַנקלען, אַנטלויפן אין עק וועלט... נאָר זי איז אין ערגעץ ניט אַנטלאָפן. געשען איז פּונקט פאַרקערט, אַנטלאָפן איז יאַנקל, און די צייט האָט ווידער אַ שפּעט געטאָן פון איר. ווי האָט עס פּעסיע געזאָגט? אַ נייער שידעך! נו, יאָ. אַריינפאַלן צו פּעסיען אין מויל אַריין...

— נאַרישע מויד, — זידלט זי זיך אַליין, — וואָס גייט דיר אָן עפּעס אַ פּעסיע? און פון וואָס איז פאַראַן אָפּצושפּעטן? פון דעם, וואָס דו האָסט אָפּגעראַטעוועט אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַלטן באַם פאַרפרוירן ווערן?

נאָר דאָס טרייסטנדיקע און דערמונטערנדיקע האַלט זיך ניט לאַנג, און עס ווערט איר נאָך שווערער, ווי פריִער. דאָס קעמעלע פּאַלט אַרויס פון די הענט, און זי מוז זיך צושפּאַרן מיט די פּלייצעס צום האַלדז פונעם קעלבל.

— וואָס איז מיט דיר היינט? — האָט אַנשל זי אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט.

— וואָסי שייעך? — רופט זיך אָן פּישל. — אַזעלכע דריי מעסלעס! ס׳איז דען פאַר ווייַ־בערשע קויכעס?

— היידאַ אַהיים, — האָט אַנשל באַפוילן, — מירן זיך היינט באַגיין אָן דיר. און כאָ׳ים־בערן, זאַלסטו וויסן, דאַרף מען גוט פּילנעווען. זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך, און מיר דאַרפן דאָך געזונטע קאַלווירטניקעס.

פונעם הונגער, פון דער קעלט, פון די הונגעריקע כאַלוימעס און פון דעם הוסט, וואָס האָט אים ניט אופגעהערט צו מוטשען, איז כאָ׳ים־בער געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און ניט געקאָנט אַראָפּגיין פונעם בעט. נאָר מערער פונעם הוסט האָט אים געמוטשעט דער געדאַנק, אַז ער ליגט אין אַ פרעמדער שטוב און קיין מאַנצבל איז אין שטוב ניטאָ. ער, איינער אַליין, און אַ יונג ווייבל. ער האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט אַראָפּגיין פונעם געלעגער און אַנטלויפן צו זיך, נאָר ס׳האָט זיך אים גלייך פאַרדרייט דער קאָפּ, הענט און פיס האָבן אָנגעהויבן ציטערן און דער הוסט האָט זיך צעשפּילט אַף דערוואָרגן צו ווערן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַפן קישן, צוגעמאַכט די אויגן און פאַרטייעט דעם אָטעם, דער הוסט זאָל זיך אָפּטשעפּען. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פּוסטער איניען און מע דאַרף זיך דאָס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. און וואָס וועט ער, אייגנטלעך, טאָן איינער אַליין אין זיין ליאַדניק? האָט ער שוין געמוזט איינריידן זיך, אַז יענטלען האָט אים גאָט אַליין צוגעשיקט, אַז זי איז ניט קיין פּאַשעטע ווייבל, נאָר פון יענע הייליקע פרויען! אַ מין סאָרע באַס טויווים, וואָס גיט זיך אַ יאָווע אין דער לעצטער מינוט און ראַטעוועט אָפּ דעם מענטשן פון אַ זיכערן טויט. ער האָט אָנגעהויבן צוקוקן זיך צו יענטלען, פּרוּוונדיק געפינען אין איר עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט זי אויס פון אַלע איבעריקע פרויען. און כאָטש ער האָט אַזוינס ניט געפונען, איז ער געווען זיכער, אַז זי איז ניט אַזאַ, ווי אַלע. ווייל ווי קען עס אַ פּאַשעטע פרוי אַזוי פיל באַווייזן פאַר געציילטע עטלעכע שאָ, פאַר איין טאָג, סיי אין שטוב, סיי אין דער אייגענער שטאַל, סיי באַ די קאַלווירטישע קעלבלעך. און שטענדיק איז דאָ פאַר אים צו דער צייט זיין גלעזל ציקאָריע, עטלעכע פּלעצעלעך, אָדער מאַליינעכלעך, וואָס צעגייען זיך אין מויל. און אַלעמאָל טוט זי עס מיט אַזאַ פלינקייט, מיט אַזאַ גוטסקייט און מיט אַזאַ גרינגקייט, טאַקע נאָר ווי מאַלאָכים וואָלטן איר געהאָלפן.

ער האָט שוין געהאַט באַ זיך זיינע ברילן, דעם טאַלעס און טפילן און עטלעכע ספאָ־רימלעך. איז אים געוואָרן אַ ביסל היימלעכער. בלעטערנדיק עפּעס אַ סייפערל, האָט ער אַף אַ שטיקל צייט זיך פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און פאַרגעסן ווו ער איז. דאַן איז אים שוין געווען אינגאַנצן גוט. די מעסלעסן, ווען ער איז געלעגן אָן באַוווסטזיין, האָבן ווי אָפּגעטיילט אים פון אַלץ דעם נעכטיקן, פון זיין אייגענעם אָוואַר, און ס׳איז באַ אים אויס־געקומען, אַז ער האַלט באַם סאַמע אָנהייב. און אויב ניט באַם ערשטן אָנהייב, איז באַ עפּעס אַ נייעם. ווייל ער איז דאָך אַפּגעמעסן אַפּסניי געבוירן געוואָרן.

בעריישיס באַראָ עלויהים עס האַשאָמאַיִם וועס האָאַרעץ...

ער מאַכט צו דאָס סײַפּערל, מאַכט צו די אויגן און פּרוּווט דערגרונטעווען זיך צום סאָד פון בעריישיס. וואָס זשע איז געווען, איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן? טאַקע גאָרנישט ניט, צי עפּעס טאַקע יאָ? און אויב עפּעס יאָ, וואָס זשע איז דאָס געווען? צעשלײַדערטע שטיקלעך, וואָס זײַנען געבליבן נאָך אַן ערדציטערניש, נאַסע שמאַטקעלעך, וואָס זײַנען פאַרבליבן נאָך אַ מאַבל און אַרומגעשווומען אַפן וואַסער, צי עפּשער האָט עפּעס אַ זאַווערוכע אַלץ צעשטערט און מע האָט באַדאַרפט אָנהייבן אַלץ פון אָנהייב? ווײַל דער מאַבל, די זאַווערוכע צי די ערדציטערניש האָט אים, דעם בוירע אוילעם, אַזוי פאַרשלאָגן דעם קאָפּ, אַז ער האָט פאַרגעסן, וואָס פריִער איז געווען?

— אוי, גאָטעניו, זאָלסט מיך ניט שטראָפן פאַר מײַנע נאַרישע געדאַנקען.

עס ווילט זיך אים בעפּיירעש אַ קוק טאָן אַף דער וועלט — ווי זעט זי אויס נאָך דער שרעקלעכער זאַווערוכע? נאָר די פענצטער זײַנען שטאַרק אָנגעפּרוירן און מע זעט אין זיי גאָרנישט ניט. וויל ער אָנדעכען אין פענצטער אַרײַן, מאַכן פאַר זיך אַ קליין, ליכטיק שפּאַ־רונקעלע, סטײַעט אים אָבער ניט קיין אָטעם. עס באַפאַלט אים ווידער דער הוסט, און ער מוז זיך אויסציִען אַפן געלעגער און צומאַכן די אויגן. ליגט ער אַזוי, ביז ער דערהערט, ווי ס'האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר. הייסט עס, אַז יענטל איז געקומען פון דער אַרבעט. באַלד טאַקע דערהערט ער איר דינע, שטילע שטים, וואָס קלינגט פאַר אים, ווי עפּעס אַ באַסקאָל:

— איר שלאָפט ניט? עפּשער וועט איר אויסטרינקען אַ הייסע גלאָז מילך?

קוקט ער אַף יענטלען און ווייסט ניט וואָס איר צו ענטפערן, ווײַל ער ווייסט ניט, מיט וואָס וועט ער קאָנען איר אָפּדינען פאַר איר גוטסקײַט. ווען ער ווייסט, אַז דאָס איז אַ פּאָ־שעט ווײַבל, נעמט ער זי לערנען לייענען און שרײַבן. ער איז דאָך אַ געוועזענער מעלאַמעד! נאָר טאָמער איז דאָס טאַקע אַ פאַרשטעלטע?

— טאָכטערוניע... — ער רעדט דאָס אַרויס שטיל, ניט זיכער, גלײַך ער האָט מוירע אַרויסברענגען די ווערטער, — ווייסט, טאָכטערוניע, וואָס איך וויל באַ דיר פרעגן?..

יענטל האָט אַ ציטער געטאָן און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך. צי האָט זי טאַקע געהערט אַזאַ וואָרט, צי ס'האָט זיך איר נאָר אויסגעוויזן, צי עפּשער איז זי אַזוי־אַ שטייענדיק אַנשלאָפן געוואָרן און ס'האָט זיך איר געכאָלעמט... נאָר אָט, ווידער דאָס זעלבע וואָרט — טאָכטערו־ניע... עס דערטראָגט זיך צו איר פון ערגעץ ווײַט, ווײַט. פון גאָר אַן אַנדער וועלט. זי פילט, ווי אַ הייסער פלאַטער נעמט דורך אַלע אירע גלידער, ווי עס הייבן אָן ציטערן די פיס. און זי מוז, זי מוז טייקעף זיך צוזעצן. זעצט זי זיך צו, מאַכט צו די אויגן און טוט אַ פיר מיט דער האַנט איבערן פאַרפלאַמטן פּאָנעם. ווײ, ווײ, וויפל יאָרן האָט זי שוין ניט געהערט דאָס וואָרט! זינט די מאַמע איז געשטאָרבן!

דאָס פּאָנעם פלאַמט, די אויגן זײַנען צוגעמאַכט, נאָר זי זעט פאַר זיך אַלץ מיט אַ דער־שיטערנדיקער קלאָרקײַט. דאָס שטיבעלע אין דער באָד־גאַס, דאָס פינצטערע קיכעלע מיטן אײַנגעמויערטן שטיקל גלאָז אינעם ווענטל. און די מאַמע, סאָרע די בלינדע, וואָס איז די לעצטע יאָרן זעלטן ווען אַראָפּגעקראָכן פונעם אַפן־אויון. זי ווייסט אַפילע ניט, וויפל איז זי אַלט געווען, די מאַמע. געווען אַזאַ אויסגעדייווערטע, אַזאַ אײַנגעשרומפּענע, אַזאַ אומבאַ־האָלפענע, נאָר מעגלעך, אַז זי איז געווען נאָך גאָר אַ יונגע... ווײַל די שטים אירע, אַזאַ מילדע שטים, גאָר ניט פון קיין זקיינע. באַזונדערס, ווען זי פלעגט ווי אַרויסזינגען: טאָכ־טערוניע...

— טאָכטערוניע, דו וויינסט?

יאָ, זי האָט טאַקע זיך צעוויינט. זי ווייסט אַליין ניט, ווי־אַזוי דאָס איז געשען. מיטאַמאָל זיך צעיאָמערט אַף אַ קאָל, אַזוי ווי זי האָט שוין לאַנג ניט געוויינט, אַפילע דאַן, ווען די מאַמע איז געשטאָרבן. גלײַך ערשט איצט איז אָפּסנײַ, אָפּגענעמעסן דערגאַנגען צו איר די גרייס פון איר פאַרלוסט.

— מאַמע מײַנע טײַערע!

ווער ווייסט, עפּשער האָט זי דעם גאַנצן ווינטער ניט איין מאָל געפּרוּווט אויסוויינען זיך, נאָר ניט געקענט. דאָס האַרץ איז געווען ווי פאַרשטיינערט און ס'איז שווער געווען אַרויסציִען אַ טרער. ס'האָט איר, אָפּאָנעם, געפעלט איין וואָרט, איין גוט, וואַרעם וואָרט. אויסגעוויינט זיך, האָט זי מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן זיך פונעם בענקל און אָפּגיך אויס־געווישט די טרערן. ערשט איצט האָט זיך איר אָפּגענעמעסן געדוכט, אַז זי האָט זיך נאַרוואָס אופגעכאַפּט פון שלאָף. האָט זי ווידער אָנגעהויבן וויינען, נאָר שוין גאָר אַף אַן אַנדער אופן. געוויינט שטיל, אין זיך, און די טרערן אויך ווי אַ שטיל רעגנדל נאָך אַ געוויטער. געוויינט און געפילט, ווי די שווערקײַט, וואָס האָט זי די אַלע טעג געצויגן צו דער ערד, הייבט אָן

אַנטרונען ווערן. האַלב־שעמעוודיק, האַלב־שײַנענדיק, מיט עפּעס אַ נײַ אויפֿגעקומענעם קרוי־וויִשן געפֿיל האָט זי זיך אָנגערופֿן צו כאַיִם־בערן:

— וואַרט צו, לאָמיך זיך נאָר אַ ביסל אויסוויינען.

— נו, וויין, וויין, טאָכטערוניע, אויב דו האָסט זיך דערמאָנט אַזאַ ווייַנענדיקס.

— דאָס האָט איר מיר דערמאָנט.

— איך גאָר? איז זײַ מיר מויכל. איך האָב געמיינט... איך האָב געוואָלט באַ דיר פֿרעגן...

ערשט איצט האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז זי איז ניט פֿון יענע פֿאַרבאָרגענע הייליקע פֿרויען, וועמען עס גייען נאָך מלאָכים, אַז דאָס איז אַ פּאָשעטע ייִדישע טאָכטער, גיכער פֿון אַלץ, אַן אָרעם מיידל, פֿול מיט אייגענע צאָרעס, ווייטעקן און ניט קיין אויסגעוויינטע טרערן. און צו אַלע אירע זאָרגן איז צוגעקומען ער, כאַיִם־בער, מיט זײַן הוסט און מיט אַלע זײַנע שלאָפֿקײַטן. איז אויב אַזוי, מעג ער דאָך אַוואַדע פֿרעגן:

— לייענען און שרײַבן קאָנסטו?

— אַ ביסל.

— ווער האָט דיך אויסגעלערנט?

— נאָכעם.

— אָט דער נאָכעם? ווען?

— פֿאַריקן זומער.

— נאָכעם? פֿאַריקן זומער? איך קאָן זיך פֿאָרשטעלן זײַן מעטאָדע!

— וואָס איז דאָס אַזוינס מעטאָדע?

— יעדער לערער האָט זיך זײַן מעטאָדע. — כאַיִם־בער באַלעקט די צוגעטריקנטע ליפּן, פֿילנדיק אַ באַזונדערן טאַם אין דעם, וואָס ער רעדט, — איינער לערנט די קינדער מיטן קאַנטשיק, דאָס איז זײַן מעטאָדע, אַן אַנדערער אָן אַ קאַנטשיק, דאָס איז שוין אַן אַנדער מעטאָדע. איינער הייבט אָן פֿונעם אַלעפֿבייס, אַן אַנדערער — פֿון אַ מײַסעלע. איך האָב זיך געהאַלטן באַ גאָר אַן אַנדער מעטאָדע. געוויזן דעם קינד אַן אָס אין סידער און דערציילט אַ מײַסע פֿונעם כומעש.

— ניין, באַ נאָכעמען איז ניט געווען קיין שום מעטאָדע... — ענטפֿערט אָפּ יענטל. זי רוקט צו איר בענקל אַ ביסל נעענטער צו כאַיִם־בערס געלעגער, און אַף איר פֿאַרווײנט פּאָנעם הייבט אָן אָנוואַקסן עפּעס ענלעכס אַף אַ שמייכל. די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן קוקן אין דער ווײַט און זעען, אַפּאָנעם, פֿאַר זיך עפּעס זייער גוטס, אומפֿאַרגעסלעכס. — מיר זײַנען געזעסן אַף די ברעטער, און ער האָט מיר געמאָלט מיט אַ שטיקל קויל אַן אָס נאָך אַן אָס. האָב איך איבערגעמאָלט און פֿאַרגעדענקט. אַף שטענדיק.

די אויגן זײַנען שוין אײַנגאַנצן צוגעמאַכט, ווײַל אַף אײַנקוקן זיך אין יענע זומערדיקע פֿאַרנאַכטן דאַרף זי זיי ניט האָבן. די אויגן זײַנען צוגעמאַכט, און דאָס פּאָנעם איז ווידער פֿאַרפֿלאַמט. פֿונעם שמייכעלע האָט זיך גאָרניט באַקומען. ס׳האָט גלײַך ניט געסטײַעט. נאָר דער פֿלאַטער, יענער הייסער פֿלאַטער... רעדט זי שוין ניט אַזוי צו כאַיִם־בערן, ווי צו זיך אַליין:

— פֿאַרגעדענקט... אַף שטענדיק פֿאַרגעדענקט...

און מיינען מיינט זי שוין ניט אַזוי די אויסיעס, ווי יענע זומערדיקע פֿאַרנאַכטן. יענע צעגליטע זון אַפֿן מײַרעוו־ראַנד, יענע פֿאַרפֿלאַמטע וואָלקנדלעך האַרט באַ דער ערד, יענץ קיל, דערפֿרישנדיק סטעפּיש ווינטעלע און נאָכעמס קאָל...

— איך בין אים פּאָשעט מעקאַנע, דעם נאָכעמען, — כאַיִם־בערס שטים הערט זי קוים, גלײַך ער וואָלט גערעדט צו איר פֿון יענער זײַט פֿענצטער, — אַזאַ גוטן שילער האָט אים גאָט צוגעשיקט. און ס׳טרעפֿט זיך אַמאָל אַזעלכע פֿאַרשטאָפּטע קעפּ! אָט וועל איך דיר דער־ציילן. געווען באַ אונדז אין שטעטל איינער אַ ייִד. ס׳הייסט, געוווינט האָט ער אין דאָרף, נאָר געבראַכט האָט ער דאָס ייִנגל צו מיר, איך זאָל אים אויסלערנען אַ ביסל איוורע...

אומזיסט דערציילט ער יענטלען די מײַסע. יענטל האָט זי ניט געהערט. זי איז איצט געווען זייער ווײַט פֿון כאַיִם־בערן. געזעסן מיט נאָכעמען אַף די ברעטער און געמאָלט מיט אַ שטיקל קויל אַן אָס נאָך אַן אָס. דערנאָך זיך דערקליבן צו יענעם פֿאַרנאַכט, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגעשריבן אַ גאַנץ וואָרט: נאָ־כעם. איר האָט זיך דאַן געדוכט, אַז די זון שײַנט ווי קיינמאָל ניט; אַז זי וועט אַ גאַנצע נאַכט הענגען אַפֿן מײַרעוו־ראַנד און ניט פֿאַר־גיין. יענעם פֿאַרנאַכט האָט זי אָנגעהויבן אַרײַנקומען אין אַ נײַער וועלט, אין דער וועלט פֿון די געשריבענע און געלייענטע ווערטער, אויך — אַ ווײַטער, ווײַטער כאָלעם, ווען זי איז יעדן פֿאַרנאַכט געזעסן נאָענט לעבן נאָכעמען און געהערט, ווי ער רעדט צו איר, נאָר צו איר.

איצט שעמט זי זיך אפילע צוקומען צו אים. און זי וואָלט אזוי געדאַרפט זיך דורכשמועסן!..
אוי, נאָכעם, נאָכעם!

— נו, און וועגן גאָט האָט ער דיר גאָרנישט ניט דערציילט?

גלײַך עמעצער האָט אָן עפּן געטאָן דאָס פענצטער און יענטל האָט ווידער אָנגעהויבן הערן כאַים־בערן.

— וועגן גאָט? — כאַזערט זי איבער. — ניין, גאָרנישט ניט.

— נאָך אויך לײַטיש פון זײַן זײַט. איך האָב געמיינט, אז ער האָט דיך שוין אָנגערעדט אף אים.

— וואָס האָט ער געקענט אָנרעדן?

— ווי אלע די... די אפּיקאָרסים, אז, ערשטנס, איז ער אזא און אזא, און, צווייטנס, איז ער אינגאנצן ניטאָ.

ערשט איצט האָט דאָס שמייכעלע אָפּגעזוכט פאַר זיך א ווינקעלע אף יענטלס פּאָנעם.

— און איר, איר זײַנט באקאנט מיט אים?

— מיט נאָכעמען?

— ניין, מיט גאָט.

שמייכלט שוין כאַים־בער אויך. און די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו טרערן. פּאַשעט, פון דער שטאַרקער שײַן. אינמיטן ווינטער זאָל אזוי זיך צעשײַנען די זון! ער טוט א רײַב די אויגן, נעמט אויסווישן די ברילן און מוז שוין א סמאָצקע טאָן מיט די ליפּן.

— אוי, נאַריש ווײַבל, וואָס דו ביסט. וואָסי שײַעך באקאנט? דאָס איז אזא זאַך... פאַרשטיין דאַרף מען דאָס, באַנעמען! ניין, ניט אזוי, פילן דאַרף מען דאָס, מיטן האַרצן און מיט דער נעשאָמע. און גלייבן. דעריקער, זאָלסטו וויסן, איז טאַקע דאָס גלייבן אליין. ווי מיר זאָגן אלע שאַבעס — אני מאאמין בעעמונאָ שליימאָ...

ער כאַפּט זיך, אז פאַר אזא יענטל, וואָס האָט קוים אויסגעלערנט דעם אלעפבייס און איר לערער איז דערצו נאָך געווען אזא נאָכעם, איז דאָס צו א טיפער איניען. און ביכלאל איז דאָס א שמועס ניט פאַר קיין ווײַבער. נאָר אים ווילט זיך זייער מיט עפּעס אָפּדאַנקען יענטלען פאַר איר גוטס.

— פאַרשטייסט, יענטל, דעריקער איז זיך האַלטן בא גאָט.

— אײַזיק האַלט זיך אויך בא גאָט, און א מענטש איז בא אים גאָרנישט ניט. א מענטשן קאָן ער צעטרעטן מיט די פיס, און זײַן פּעסיע איז נאָך ערגער פון אים.

כאַים־בער האָט אפגיך אָנגעטאָן די ברילן און אפּסנײַ גענומען באקוקן יענטלען. אים האָבן איבעראַשט ניט אזוי די ווערטער, ווי די שטים אירע, וועלכע האָט מיטאמאָל א קלונג געטאָן גאָר אנדערש. ווען נאָר מיט האַס, וואָלט עס אים עפּשער געווען פאַרשטענדלעך, נאָר ווי קאָן עס א שטים אויסדריקן אזוי פיל ווייטעק? האָט ער זיך אינגאנצן פאַרלוירן, כאַים־בער.

— נו, דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש, — א זאָג געטאָן, אף אָפּראַטעווען גאָט פון יענטלס צאָרן, — וועגן דעם וועלן מיר רעדן אן אנדערש מאָל. און איצט, לאָמיר זען, וואָס דו קענסט. אָן עפּן געטאָן דעם כומעש און א ווײַז געטאָן אפן ערשטן אָס:

— וואָס איז דאָס?

— בייז.

— און דאָס וואָס איז?

— רייש.

— און איצט פּרוּוו לייען איבער דאָס גאנצע וואָרט.

נאָר דאָס גאנצע וואָרט האָט יענטל איבערלייענען ניט געקענט. ס'איז בא איר אויסגעקומען, אז עס פעלן דאָ אייניקע אויסיעס.

— זעסטו? — האָט כאַים־בער ארויסגערעדט א צופרידענער. — נאָכעמס מעטאָדע! דאַרף מען דאָך מיט דיר אָנהייבן פונעם אָנהייב אָן!

מיטאמאָל האָט ער זיך דערפילט ווי אן עכטער מעלאַמעד און ס'האָט זיך אים געדוכט, אז פון דעם אליין איז אים צוגעקומען א שטיק געזונט, אפילע אופגעזעצט זיך, זיך אויסגעהוסט און, ווי אמאָל, אָנגעהויבן טײַטלען מיטן פינגער:

— אָט, קוק צו, ווי דאָס מאַכט: בערײשיס באָראָ עלויהים עס האשאָמאַים וועעס האָאָרעץ. דער טײַטש איז אזוי: צוערשט האָט גאָט באשאַפן דעם הימל מיט דער ערד.

— אוי, פון אזוי ווײַט אָנהייבן? — האָט יענטל ווי דערשראָקן זיך. — ווען זשע וועלן מיר צוקומען צו אונדזער צײַט? מע קאָן ניט פון א ביסל נעענטער?

— וואָס הייסט נעענטער?

— נו, וועגן אונדזער צײַט, וועגן אונדזער יישעווו, וועגן אונדזער ערד.

— ווענן אונדזער ערד... ווענן וועלכער ערד מיינסטו? טאקע ווענן אַט דער־אַ ערד אונדזערער?

— נו, יאָ. ווענן אַט דער ערד.

נאָר גראַד ווענן אַט דער ערד האָט כאָים־בער ניט געהאַט וואָס צו דערציילן. ווענן אַט דער ערד איז בא אים אין זיקאָרן גאָרנישט ניט געבליבן אַזוינס, ווענן וואָס עס וואָלט זיך געוואָלט דערציילן. ווײַל ער געדענקט בלויז דעם שרעקלעכן גוסרעגן, וואָס האָט אַראָפּגעשווענקט דאָס געהילץ פון זײַן הויף... און זײַן צירלען, וואָס איז דעם צווייטן טאָג אַנטלאָפן צוריק קיין ליובאַשאָווקע און אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין. יאָ, און נאָך געדענקט ער:

דעם צוגעקילטן אָגער, מיט ווענען ער האָט דרײַ טעג פאַרבראַכט באַם סטאַוואָק צונויפגעבונדענע איינער מיטן אַנדערן מיט א לאַנגן שטריק. ער איז געזעסן באַם ברעג, אַרײַנגעקוקט דעם פערד אין זײַנע פאַרטראַכטע אויגן און געזען אין זיי די גאַנצע וועלט. א שטיבעלע מיט א שטרויענעם דאַך, א סטויגעלע היי דערנעבן, אַן אַלטע, איינזאַמע ווערבע, א פּאַרל, וואָס איז פאַרבײַגעפאָרן ניט ווײַט, און א מענטש, וואָס איז דורכגעגאַנגען דערנעבן. אין די פערדישע אויגן האָט ער געזען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אפן הימל און אף דער ערד, און אַפּטמאָל געזען אין זיי זיך אַליין. צוויי כאָים־בערעלעך, אַזעלכע קליינינקע, נעבעכדיקע, פול מיט גרימענעניש און בענקעניש. און אָט, ניטאָ מערער דער אָגער. ווי האָט עס אַנשל געזאָגט — ניפּטער געוואָרן...

אים האָט זיך זייער געוואָלט דערציילן ווענן דעם אַלעמען, ווענן צירלען, ווענן דעם אָגער און ווענן דעם, ווי זיי האָבן איבּיינעם געפרוירן און געהונגערט א גאַנצן ווינטער. נאָר ער האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי קען מען עס נעמען און דערציילן ווענן אַזעלכע זאַכן, און דעריקער, וויאַזוי זאָל ער איר דאָס אַלץ אויסטײַטשן, ווײַל די זאַך איז דאָך ניט אינעם מאָשל, נאָר אינעם נימשל.

— אוי, וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרטײַטשן, — א זאָג געטאָן אַזוי, גלײַך ער האָט שוין באַוויזן דאָס אַלץ אויסדערציילן, — אויב דו ווילסט וויסן ווענן אַט דער־אַ ערד, איז דאָס פּאַשעט אַזוי. אַדאָמע איז ערד, און סוס איז א פערד. און איך...

געוואָלט זיך אַליין אויך אויסטײַטשן, נאָר ניט געוווּסט וויאַזוי. איז ער אַנשוויגן געוואָרן. בלויז א זיפץ געטאָן און איבערגעכאַזערט:

— איז אָט, פאַרגעדענק. אַדאָמע איז ערד, און סוס איז א פערד.

3

מײַן טאַטע האָט ניט ליב געהאַט קיין פערד. און א ביסל פאַר זיי מוירע געהאַט. די מוירע זײַנע האָט ער אַרויסוויַיזן ניט געוואָלט און אַפּטמאָל מאַסקירט דאָס מיט א מין אויסדריקלעכער גרינגשעצונג. די פערד האָבן פאַר מײַן טאַטן ניט מוירע געהאַט, נאָר זײַן ביטל־באַציִונג האָט זיי שטאַרק באַליידיקט, און בא יעדער געלעגנהײַט האָבן זיי געפּרוּווט אים אָפּטאָן א שפּיצל: איינמאָל אָנגעטראָטן אף א פוס, א צווייט מאָל א טשיפּע געטאָן דאָס העמד, און א דריט מאָל אַפילע א ביס געטאָן די האַנט. צוערשט האָט דער טאַטע געפּרוּווט אײַנשטעלן מיט זיי א שטיקל שאָלעם, נאָר די פערדישע שפּראַך האָט ער ניט פאַרשטאַנען. די פערדישע נעשאָמע איז אים אויך געווען פרעמד, און פון אַלע זײַנע פּרווון האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. האָט דער טאַטע זיך אײַנגאַנצן אָפּגעזאָגט פון זיי:

— כאַפּט זיי דער רוּעך.

ס׳הייסט — וויבאַלד די פערד קאָנען זיך באַגיין אָן אים, קאָן ער זיך באַגיין אָן זיי.

אַזאַ באַציִונג צו די פערד איז באַם טאַטן אופגעקומען דערפאַר, וואָס זיי גיבן קיין מילך ניט. דערפאַר האָט ער שטאַרק ליב באַקומען די קו, וואָס מיר האָבן, ווי אַלע איבערוואַנדערער, געקויפט פאַריקן זומער אין פּאַלאַגע אפן מאַרק. געווען איז דאָס אַן עמעסדיקע פּאָראָ אַדומאָ טמימאָ, א רויטע קו, אָן וועלכן־ניט־איז מינדסטן פלעק, מיט צוויי קורצע, שפּיציקע הערנער און א לענגלעכן אײַטער. אין דער דאָזיקער קו האָט דער טאַטע אַרײַנגעלייגט דאָס גאַנצע דאַבּרע מאַזל. כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז די קו איז א גאַנצן טאָג אף פּאַשע און די פערד האָרעווען פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, האָט ער אַפּטמאָל אַראָפּגעגאַנוועט א ביסעלע קלײַען פון דער פערדישער וועטשערע און אונטערגעטראָגן דער קו. די פערד האָבן בייז געדרייט מיט די קעפּ, געפּריסקעט מיט די מײַלער און ניט איין מאָל געכאַפּט דעם טאַטן פאַר דער פּאָלע. נאָר דער טאַטע האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק.

ניט וויניקער האָט דער טאַטע זיך געקאָכעט אין דער טעלעצע, וואָס איז געווען געראָטן אין דער מאַמען אירער. ער האָט געהאַפּט אויסכאַווען פון איר א קו אַף כאַריפּעס. ווי עפּעס א גרעזעלע, ווי עפּעס א שטיקל שאַלעכץ, ווי עפּעס א קאַטשנדל האָט ער געטראָגן דער טעלעצע און געהאַדעוועט זי פון די הענט. ער האָט געקאָנט לאַנג שטיין, האַלטן אין דער האַנט דעם קאַטשען צי דאָס ביסל גראָז, ביז די טעלעצע האָט עס ניט אויסגעלעקט ביזן סאָף און אַרומגעלעקט דערנאָך דעם טאַטנס דלאָניע. דעם טאַטן האָט דאָס שטאַרק האַנאָע געטאָן, גלײַך ער אַליין האָט נאַרוואָס אָפּגעגעסן עפּעס זייער א געשמאַק מײַכל. און אַלעמאָל, נאָך אַזאַ סודע, האָט ער גענומען אַרומקוקן, אַרומטאַפּן די טעלעצע, צי ס׳איז איר עפּעס צוגעקומען, צי זי האָט א ביסל אָנגענומען אין לײַב.

מעגלעך, אַז דאָס טאַקע האָט אַזוי געצויגן דעם טאַטן אַהער אין סטעפּ, אַז אַדאַנק דעם האָט ער אַזוי גרינג, אָן וואַקלענישן זיך אָפּגעזעגנט מיטן שטעטל, מיט דער שול־גאַס און מיט דער באָד־גאַס, מיט אַלע זײַנע פרײַנט און באַקאַנטע און מיט אַלע זײַנע אַלטע געוווינהייטן. די מעראַגלים, וואָס זײַנען געפאָרן באַקוקן דעם סטעפּ, האָבן ניט אויפגעהערט דערציילן וועגן די דאָרטיקע קי: אַזעלכע קליינינקע און רויטינקע, וואָס מעלקן זיך דרײַ מאָל א טאָג און יעדער מאָל מעלקט מען אָן א פולן עמער מילך. האָט ער זייער געוואָלט האָבן אַזאַ קו בא דער שטוב. ער זאָל האָבן דרײַ עמער מילך א טאָג און קאָנען מאַכן פון זיי, וואָס דאָס האַרץ גלוסט: קעז און פּוטער, סמעטענע און זויערע מילך, מע זאָל קאָכן און באַקן פאַרשיידענע מילכיקע מײַכאָלים, אָנהייבנדיק פון פּאַשעטע לאָקשן מיט מילך און ענדיקנדיק מיט יענע באַרימטע מילכיקע קנישעס — קעזניקעס און קאַשניקעס, — וואָס צעגייען זיך אין מויל. און זאָל זײַן אפילע אָן די אַלע מײַכאָלים. זאָל זײַן אפילע א פּאַשעטע גלאָז מילך מיט ברויט, וואָס מע קאָן שטעלן אַפן טיש דרײַ מאָל אין טאָג, איז דאָס אויך עפּעס ווערט. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, א קו בא דער שטוב הייסט זיכערע זאַטקײַט, און א סאָף צו אַלע דײַגעס וועגן א מיטיק צי א וועטשערע, דײַגעס, וואָס האָבן אים אַלע יאָרן געצויגן צו דער ערד. געווען נאָך א סיבע, וואָס דער טאַטע האָט אַזוי גרינג זיך אָפּגעזעגנט מיטן שטעטל. אין א פּאָר יאָר אַרום נאָך דעם, ווי די מאַמע איז געשטאָרבן, האָט דער טאַטע כאַסענע געהאַט.

מיסטאַמע זעען בא אַלע קינדער אויס די עלטערן א סאַך עלטער, ווי אינדערעמעסן. און מײַן מאַמע... זי איז שטענדיק געווען אָן אויסגעצערטע, מיט א בלייך, אײַנגעפאַלן פּאָנעם, מיט א שטיקנדיקן הוסט, פון וועלכן זי האָט ניט געקאָנט באַפרײַען זיך ביז איר לעצטער מינוט. האָב איך געמיינט, אַז זי איז שוין אָן אַלטיטשקע. לאָזט זיך אויס, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן נאָך גאָר א יונגע, בא צוויי און פערציק יאָר, איז דער טאַטע, הייסט עס, אויך געווען נאָך ווײַט פון א זאָקן. איז אַלץ געשען אַזוי, ווי עס האָט געמוזט געשען. די עלטערע שוועסטער כײַקע, וואָס האָט געפירט די שטוב, האָט כאַסענע געהאַט, האָט מען דאָך געמוזט האָבן א נײַע באַלעבאָסטע אין שטוב. אַזוי האָט דערקלערט דער טאַטע. נאָר פאַר אונדז איז דאָס געווען א קליינער טערעץ. פאַר מיר איז דאָס געווען א נײַער בראָך און דאָס שטיבל אונדזערס האָט אָנגעהויבן אויסזען נאָך מער פרעמד.

און די שטיפמאַמע... זי איז געווען פאַרדריסלעך יונג און פאַרדריסלעך שיין. א האַלאָוואַנעוווסקער אַלמאָנע, וועמענס מאַן, וואָס האָט אויך געהייסן הערשל, איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, און זי איז געבליבן מיט צוויי קינדער. וואָס זשע איז זי געווען שולדיק אין דעם, וואָס זי איז אַזוי יונג און שיין?

נאָר יענעם אָוונט, ווען זי האָט זיך באַוויזן בא אונדז אין שטוב, האָב איך ניט געקאָנט טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן. געקומען פון דער אַרבעט א פאַרהאָרעוועטער און א פאַרשטויבטער, בין איך אַרײַן אין קיכל און לאַנג, ווי קיינמאָל ניט לאַנג, געוואַשן די הענט, דאָס פּאָנעם און דעם האַלדז. די עלטערע שוועסטער איז שוין א פּאָר מאָל אַרײַנגעקומען צו מיר, געזאָגט, אַז ס׳איז ניט שיין אַזוי, אַז אַלע וואַרטן אַף מיר מיט דער וועטשערע, און אַז די מומע... אוי, די מומע! טאַקע איבער איר האָב איך ניט געקאָנט אָראָפּוואַשן פון זיך דאָס געפיל פון מוירעדיקער געפּענטעטקײַט. איך האָב ניט געקאָנט אָנעמען זיך מיט קויעך אַרײַנקומען אין שטוב און א קוק טאָן אַף דער מומען. און ווען איך בין אַרײַנגעקומען... איך האָב דערנאָך ניט אופגעהערט זידלען זיך, מוסערן, אַז דאָס איז פּאַשעט א גראָבקײַט, אַז אפילע פּונעם קאָמיוגישן שטאַנדפּונקט איז דאָס ניט אויסגעהאַלטן. נאָר איך האָב מאַמעש ניט געקאָנט אַרויסרעדן דעם „גוטן אָוונט" און אַזוי, מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך צוגעזעצט צום טיש. אפילע ניט דערלאַנגט דער מומען די האַנט אַף באַקענען זיך. דערנאָך האָט זי דאָס מיר ניט איין מאָל גוטמוטיק אויסגעוואָרפן, און איך האָב דערבײַ שטענדיק זיך געררויטלט. איך האָב דאָס אַליין זיך ניט געקאָנט מויכל זײַן.

נאָר יענעם אָוונט... די מומע האָט אַף אַזאַ אויסטערלישן אויפֿן אָנגעגאָסן יעדערן א טעלער זופּ, אַף אַן אומגעוויינלעכן אויפֿן צעשניטן דאָס לעבל ברויט און נאָך מערער אומ־געוויינלעך צעטעכערט דאָס שטיקל פֿלייש און דערלאַנגט יעדערן זײַן כײלעק. אַלץ איז געווען ביז גאָר אַנדערש ווי פֿריִער, און פֿון אָט דער אַנדערשקייט איז דער ביסן ניט געקראָכן אין האַלדז. כאָטש, שוין אַפֿילע בא דער ערשטער וועטשערע האָב איך געמוזט א טראַכט טאָן, אַז די מומע קאָכט זייער און זייער געשמאַק.

די מומע האָט גערעדט און גערעדט. אַלעמאָל געכאַפּט א קוק אַף עמעצן פֿון אונדז, אַף די שוין דערוואַקסענע קינדער. פֿאַר וועמען זי דאַרף ווערן א מאַמע, און, פֿילנדיק אַפּאַנעם, אַז מיט די גרעסערע וועט איר זײַן ניט גרינג, האָט זי זיך גענומען פֿאַר דער מיזינקע אונדז־זערער, פֿאַר ביילקען, און אויסגערעדט פֿאַר איר אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן אונדז אַלעמען. מיר האָבן ניט אופֿגעהערט איבערקוקן זיך, א ביסל דערשטוינטע און א ביסל דערשלאָגענע, און געוויס האָט קיינער פֿון אונדז ניט געקאָנט וויסן, וואָס ס׳טוט זיך אַפּן האַרצן בא אָט דער יונגער און שיינער פֿרוי, ווי שווער עס קומט איר אָן די הײַנטיקע וועטשערע, ווי שווער עס קומט איר אָן יעדער וואָרט.

אוי, ווי זי האָט געוואָלט בא אונדז אויסנעמען! מיט איר שיינקייט און ציכטיקייט, מיט איר גענײַטקייט און בערייִשקייט. מיט אירע געשמאַקע מײַכאָלים, מיט איר גרייטן צום טיש און דערלאַנגען דעם מיטיק אַזוי, אַז א פּאַשעטע קאַרטאָפֿל זאָל אויסזען ווי א קייסעריש מײַכל. נאָר ניט איר בערייִשאַפֿט, ניט אירע געשמאַקע מײַכאָלים האָבן אונדז דערנעענטערן ניט געקאָנט. אַלע אירע בעסטע קאַוואָנעס האָבן אַרויסגערופֿן פּונקט פֿאַרקערטע געפֿילן. ווײַל אַלץ איז געווען אַנדערש, ווי פֿריִער, אַנדערש ווי דאַן, ווען די מאַמע האָט געלעבט. און ווער ווייסט, וואָס וואָלט געווען, ווען ניט איר קלינגעוודיקע, זינגעוודיקע שטים. לידער האָט זי געקענט אָן א שיר, און זינגען האָט זי געקאָנט א גאַנצן טאָג. געקאָכט און געזונגען, געראַמט און געזונגען, און זייער אָפֿט — געוויינט און געזונגען.

פֿאַר איר ניט הויכן וווקס איז זי געווען א ביסל פּולבלעך. עפּשער האָט זיך מיר דאָס אַזוי אויסגעוויזן, ווײַל איך האָב שטענדיק געפּרוווט פֿאַרגלײַכן זי מיט מײַן מאַמען. און די מאַמע איז געווען א סאַך מאָגערער. די מומע האָט אָבער געוווּסט, וויאַזוי פֿאַרקעמען זיך, זי זאָל אויסזען א ביסל העכער. אינעם אויסגעפּלאָכטענעם קובליק האָט זי צונויפֿגענומען אַלע האָר און פֿרײַ געמאַכט דעם גאַנצן שטערן. האָט ער אויסגעזען גאָרניט קיין ווײַבערשער און זיך ניט געקלעפּט צו איר גלאַט, מאַטעווע פּאָנעם. א שטערן פֿול מיט דײַגעס און קנייטשן. איז דאָס געווען פֿאַר מיר א סאָד, פּונקט ווי די אויגן אירע. עפּעס צו גרויסע פֿאַר איר, שוואַרצע און גלאַנציקע. און פֿון וואָס גלאַנצן זיי, האָב איך אויך ניט פֿאַרשטאַנען. צי גלאַט אַזוי, פֿון זיך אַליין, צי דערפֿאַר ווײַל ס׳זײַנען שטענדיק געווען פֿאַרטײַעט אין זיי ניט קיין אויסגעוויינטע טרערן. אָט אַזוי, אינמיטנדערינען, שיילנדיק א קאַרטאָפֿל, צי אָנרײַבנדיק א רעטעך, האָט זי זיך אוועקגעזעצט מיטן מעסער צי מיטן רײַבײַזן אין דער האַנט און אָנגעהויבן זינגען:

אַל טאַשליכיינו, דו פֿאַרגעס מיך ניט, טאַטעניו ליבער,
אַז אַף מײַן גרײַז־גרויער עלטער
זאָל איך ניט דאַרפֿן אָנקומען צו קיין קינדער...

איך בין דאַן געווען נאָך גאָר א יונג באָכערל, און די ליד האָט געקלונגען פֿאַר מיר א ביסל מאָדנע. איך האָב ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דאַרף מען זי זינגען וויינענדיק. איך האָב אויך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, מיט וואָס נעמט אַזוי דאָס לידל אויס בא אונדזערע שכיינים, פֿאַרוואָס שטעלן זיי זיך אַלעמאָל אַפּ בא אונדזערע פֿענצטער און פֿאַרוואָס שטעלן זיך בא זיי אויך טרערן אין די אויגן.

ווען די שטימונג איז בא איר געווען א מערער מונטערע, ווען איר האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ גייט ווי עס דאַרף צו זײַן און עס וועט מוזן ווערן גוט, ווען אירע אויגן האָבן געגלאַנצט גאָר אַנדערש, האָט זי געזונגען מער פֿריילעכע לידער:

דריי זשע זיך, דריי זשע זיך,
דריי זשע זיך, מילעכל,
פֿלײַסיק צו אַרבעטן איז ניט קיין שפּילעכל.

ס׳האָט זיך איר טאַקע דאַן געדוכט, אַז דאָס מילעכל הייבט זיך אָן צו דרייען, און זי איז גרייט געווען אַף אַלץ, אַף סאַמע די שווערסטע אַרבעטן, אַבי צונויפֿקלעפּן עפּעס ענלעכס אַף אַן עמעסער פֿאַמיליע. דאָס לידל איז אונדז אויך געפֿעלן געוואָרן, און גאָר אײַנגיכן האָבן

מיר דאָס שוין געזונגען אַלע אײנינעם. אונדז אַלעמען האָט זיך אויך געדוכט, אַז אונדז איז גוט, אַז מיר זײַנען געוואָרן אַ סאַך נעענטער, אַז מיר הײבן אָן פֿאַרשטײן אײנער דעם אַנ־דערן. כאָטש פֿון גוט איז נאָך געווען ווײַט, און דאָס ווידערשאַפֿן, דאָס צונױפֿשטוקעווען אַ נײַע פֿאַמיליע איז געגאַנגען ניט אַזוי גלאַטיק. אַ לאַנגע צײַט האָט אײנער זיך צוגעקוקט צום צווייטן מיט אַן איבערגעטריבענעם פֿאַרדאַכט, כאָטש קײן גרונט דערצו איז ניט געווען. נאָר אַזוי גײט דאָס שוין, אַפֿנים. אַזוי האָט געדויערט, ביז מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין סטעפּ און אײנינעם דורכגעמאַכט דעם שווערן זומער. דאָ האָט שוין אַלץ געמוזט פֿאַר־קומען גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן.

צו יענער צײַט איז דאָס שוין בכלל געווען גאָר אַן אַנדער פֿאַמיליע. די עלטסטע שוועסטער כײַקע האָט כאַסענע געהאַט. די מיטלסטע, לײקע, איז געשטאָרבן, און די מיזינקע בײלקע האָט עפּעס ווי אָפּגעריסן זיך פֿון אונדז, געענדיקט די זיבניאָריקע שול און זיך געקליבן אין הויכשול. זײַנען מיר געבליבן גלײַך אויף גלײַך: פֿונעם טאַטנס־צאַד איך מיט מײַן שוועסטער סאָרען, פֿון דער מומעס — טוליע און מאַניע. טוליע איז געווען ייִנגער פֿון מיר אײנגאַנצן אויף אַ יאָר, אַ זשוואַוער באָכער, וואָס האָט פֿאַר אַלץ גענומען זיך מיט היץ, מיט פֿאַרכאַפּונג, און מאַניע, נאָך גאָר אַ קינד, אַ שטיל מײדעלע, מיט אַ דין, אַ ביסל פֿאַרדומפּן קעלעכל, מיט אַ מאַטעווע פּאָנעם, ווי בא דער מאַמען, און מיט נאָך גרעסערע אויגן. געפֿירט אין סטעפּ האָבן מיר שוין אויך אײנס אַ שוטפֿעסדיקס: דאָס ברודערל שלוי־מעלע, וואָס איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר צוויי, נאָר גײן נאָך ניט געקענט. עפּעס איז געשען מיט די פֿיסעלעך, און די מומע האָט צו אַלע אירע אַרבעטן דרײַ מאָל אין טאָג געבאָדן די פֿיסעלעך אין אַ וואַרעמער שיסל וואַסער. אַזוי האָבן געראַטן די דאָקטוירים.

ווען מיר זײַנען געווען אינעם שטעטלדיקן קאָלווירט, איז דער טאַטע געווען אַ זעל־טענער גאַסט אין פֿעלד. צי דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאַט אויף וועמען פֿאַרלאָזן זיך, צי דערפֿאַר, וואָס ער איז בכלל געווען צום קאָלווירט אַ ביסל גלײַכגילטיק. ער האָט באַוויזן איבערצײַגן זיך, אַז קײן גוויר וועט ער פֿון אים ניט ווערן. דער סטעפּ אָבער האָט אים גלײַך ווי פֿאַרקישעפֿט. ער איז גרייט געווען אַרומשפּאַנען איבער אים באַטאָג און באַנאַכט. ער האָט אַלע טאָג געדאַרפֿט זען, ווי עס וואַקסן די ברויטן, ווי עס צוויטען די קאַרטאָפֿל, ווי עס בלײַען די זונרויזן, און באַזונדערס האָט אים געצויגן צו זיך די קוקורוזע. אים האָט פֿאַר־קישעפֿט דער וווּנדער פֿון וואַקסן. וויאַזוי די בלעטער ווערן וואָס אַמאָל גרעסער און שטײַ־פֿער, און וויאַזוי צווישן זײ הײבט אָן געבוירן ווערן און אויספֿלעכטן זיך אַ קלײן קאַטשנדל. ער האָט גאַנצע טעג אַרומגעשפּאַנט איבערן סטעפּ, אַלץ באַקוקט, אויף זײַן אויפֿן אָפּגעשאַצט און געהאַלטן אין אײן כעזשבענען, פּרווונדיק פֿאַרשטעלן זיך, וואָס פֿון דעם קאָן אַרויסקומען, און וויפֿל ברויט וועט ער אַרײַנפֿירן צו זיך אין הויף פֿון זײַנע פֿופֿצן העקטאַר. דער כעזשבן האָט אים אויסגעזען אַ גאַנץ פֿײַנער, ווײַל דעם צווייטן טאָג איז ער ווידער אַוועק אין סטעפּ, דעם דריטן ווידער און שטענדיק געפֿונען פֿאַר זיך אַרבעט. אָפּן געראַשטן אויסגעפּאָליעט די סוויריעפּע, וואָס האָט אײדער עפּעס וואָס זיך צעצווויטעט מיט איר געלן צוויט און דעם טאַטן האָט זיך געדוכט, אַז זי באַראַבעוועט אים; בא די קערלעך אַרויסגעריסן די וועלפֿעלעך, אַזעל־כע ווײַסע געוויקסעלעך, פּאַראַזיטלעך, וואָס זויגן אַרויס דעם זאַפֿט בא די זונרויזן; בא דער קוקורוזע אָפּגעפּליקט דעם איבעריקן צוויט, ס'זאָל אויף יעדער שטאַנג אויסוואַקסן ניט מערער ווי צוויי קאַטשענעס, נאָר זײ זאָלן זײַן גרויסע און וואָגיקע. אַזוי האָט געהייסן דער אַגראָ־נאָם, און אינעם אַגראָנאָם האָט דער טאַטע אָנגעהויבן גלייבן מערער ווי אין גאָט.

נאָך יעדן אַזאַ טאָג איז דער טאַטע געקומען אהיים אַ פֿאַרהאָרעוועטער, אַ מידער, אַ שטאַרק פֿאַרסמאַליעטער פֿון דער זון, כאָטש ער איז, ווי שטענדיק, געווען ניט קײן באַריידעוודיקער, איז געווען צו זען, אַז ער איז צופֿרידן. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן אויסזען קרעפּטיקער און אַפֿילע אַביסל ייִנגער. ער איז געוואָרן אַ סאַך פֿעסטער בא זיך און באַקומען אַ געפֿיל פֿון אַן עכטן באַלעבאָס, אַ געפֿיל פֿון אַ מענטשן, וואָס קאָן ענדלעך אויסהאַלטן און האָדעווען אַ גאַנצע פֿאַמיליע. און כאָטש ס'האָט נאָך געהאַלטן זײער ווײַט פֿון דעם, איז בא אים געווען אַ געפֿיל פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט אויף וואָס צו האָפֿן.

— נישקאָשע, — האָט ער געזאָגט, — מיר האָבן איצט אויף וואָס קנאַבל צו וואַרפֿן.

באַזונדערס גרויסע האָפֿענונגען האָט דער טאַטע געלײגט אָפּן פֿאַר, וואָס דאַרף איבער־ראַיאָר אים פֿאַשעט פֿאַרשטײן מיט ווייץ. דער כעזשבן איז בא אים געווען אַ גאַנץ פֿאַשעטער. דער אַגראָנאָם האָט געזאָגט, אַז אַ העקטאַר שוואַרצער פֿאַר גיט דאָ צוויי הונדערט פּוד. און ער זעט דאָך אַלײן, ווי עס וואַקסן דאָ די ווייצן אָפּן פֿאַר, דאַרפֿן זײַנע דרײַ העקטאַר אים געבן זעקס הונדערט פּוד. אַ גאַנצער מאַיאָנטעק. האָט אים רוען ניט געלאָזט, וואָס דער

פּאַר איז ניט אַזוי שוואַרץ, ווי עס דאַרף צו זײַן, וואָס אַלע מאָל צעוואַקסט זיך אויף אים דער פּיריי, דער אָסאָט און אַנדערע מיסטגראָזן, וואָס זײַנען געוואָרן פאַרן טאַטן די ערגסטע סאָנים. אַ פּאָר מאָל האָבן מיר דעם פּאַר געבראָנאָוועט, אַ פּאָר מאָל איבערגעאַקערט מיט די בוקערס, נאָר ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. די מיסטגראָזן זײַנען געקראָכן פון דער ערד איינס נאָכן אַנדערן, געוואַקסן אָן אַ רעגן. האָט דער טאַטע זיך אונטערגענומען פאַרניכטן, אויסוואָרצלען אַלע מיסטגראָזן מיט די אייגענע הענט. יעדע פרײַע שאָ האָט ער אונדז אַלע־מען געשלעפּט מיט זיך אויפן פּאַר, מיר זאָלן האַקן דעם אָסאָט מיט די סאַפּעס. נאָר מיר אַלע זײַנען געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ, און דערפאַר איז ער מערסטנטייל געגאַנגען אויפן פּאַר איינער אַליין. איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דער טאַטע איז אַזאַ אַקשן. גאַנצענע טעג ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער געהאַלטן אין איין האַקן מיט דער סאַפּע און אַפילו ניט געוואָלט אַ טראַכט טאָן, אַז דאָס איז אַ פּוסטער איניען, אַז דער פּאַר איז אויפגעאַקערט אויף לאַנגיאָריקער צעלינאַ, און אַז אויף אויסראָטן די מיסטגראָזן דאַרף אַוועק ניט איין יאָר. ער האָט געהאַט מיט דער ערד זײַנע כּעזשבוינעס און געמוזט באַקומען פון איר איבעראיאָר זײַנע זעקס הונדערט פּוד ווייץ.

און איינמאָל... אַפילו שאַבעס! צי ער האָט פאַרגעסן, ווו ער האַלט אין דער וואָך, צי געמאַכט זיך ניט ווויסנדיק. איך האָב נאָך פריִער געהאַט באַמערקט, אַז עפּעס האָט ער אָנגעהויבן פאַלשעווען מיטן דאַווענען. ער טוט אַ כאַפּ דעם טאַלעס־און־טפילין, און איידער וואָס־ווען, מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אָנפּאַיען די פערד, איז ער שוין פאַרטיק. נאָר דער טאַטע איז געווען ניט דער איינציקער אַזאַ, וואָס האָט אָפּגעכאַפּט דעם שאַכרעס, געמאַכט עס בעקיצער און אָפּטמאָל אים אינגאַנצן פאַרבויגן. פּונקט ווי געמוזט פאַרבייגן אַ סאַך זאַכן. דער סטעפּ האָט געפאָדערט זײַנס, און אויפלייגן עפּעס אויף מאָרגן האָט מען ניט געטאָרט. מע האָט געמוזט שאַבעס מעלקן די קו, אָנטראָגן וואַסער, און טאָן פיל אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן אין שטעטל זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסער אַוויירע. לייבעש דער האָרבאַטע, וואָס האָט זיך ביכלאַל געהאַלטן פאַר אַ פאַניבראַט מיטן אייבערשטן, האָט דאָס געמוזט מאַטיר זײַן פאַר זיך און פאַר אַלע איבעריקע.

— פּיקועך נעפעש... — האָט ער אַרויסגערעדט, אַרויסשטעלנדיק פאָרויס דעם גרויסן פינ־גער. — און ער וועט מוזן...

וואָס מוזן, האָט שוין יעדערער אַליין געדאַרפט צוטראַכטן: ער וועט מוזן, דער אייבער־שטער, אָדער מאַסקים זײַן, אָדער מויכל זײַן.

דער טאַטע האָט אויסגעלאָזט דעם קאַס אויפן אָסאָט מיטן פּיריי און אויף זיי איבער־געלייגט די אַוויירעס, ווען אים איז אויסגעקומען איבערהיפּערן אַ שטיקל שאַכרעס.

— אַז ס׳איז זיי גאָרניט אויסצוקאָרענ׳ען, די בודיקעס, — האָט ער געטײַנעט.

טאַקע איבער זיי, איבער די בודיקעס, האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָזט זײַן באָרד, וועלכע ער האָט אין שטעטל זייער געקעכלט, — אויפּט אונטערגעשוירן און צוגעקעמט עטלעכע מאָל אין טאָג, גאַנצפרי מיט אַ קעמעלע און אינמיטן טאָג פּאַשעט מיט די פינגער. איצט איז זי געוואַקסן בײַ אים, ווי דער פּיריי אויפן פּאַר, זיך צעוואַקסן אין אַלע זײַטן, ווו קירצער, ווו לענגער, און ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט אין שפּיגעלע אַ קוק צו טאָן. אַפילו ניט באַ־מערקט, אַז זי הייבט אָן ווערן היפּש גראָוולעך.

נאָר מערער פאַר אַלץ האָבן דעם טאַטן אויפגעבראַכט די סוסליקעס. שולדיק איז דאָ ווידער געווען אונדזער אַגראָנאָם. געקומען איינעם אַ פאַרנאַכט צו די באַראַקעס און דורכ־געלייענט אַ לעקציע וועגן די סוסליקעס: ווי גיך זיי פלאָדיען זיך און וויפל שאָדן זיי ברענגען דער גערעטעניש. דערצו האָט ער נאָך געבראַכט מיט זיך אַ פאַרביקן פּלאַקאַט און צוגע־קלאַפּט אים צו דער דרויסנדיקער וואַנט פונעם באַראַק. האָבן אַלע געהאַט די מעגלעכקײַט צוצוקוקן, ווי אַט דער סוסליק, דער כוצפּעניק, מיט שייגעצעוואַטע אויגן און מיט גאַזלאָנישע וואָנצעס, שטייט אויף די הינטערשטע פיסלעך צווישן ווייצענעם פעלד און הריזעט אַזוי בעפּאַר־העסיע אַ זאַנג נאָך אַ זאַנג. געפעלט האָט דעם טאַטן דער כעזשבן, וואָס דער אַגראָנאָם האָט גע־מאַכט: יעדער סוסליק פאַרשלעפּט אויף ווינטער צו זיך אין דער נאָרע אַריבער פינף פּוד קערנער!

סוסליקעס איז אין סטעפּ געווען אַ סאַך. באַזונדערס אויף דער טאָלאָקע. אויף יעדער שריט און טריט האָט מען געקאָנט אָנשטויסן זיך אויף אַ סוסליקישער נאָרע, און אין אַ שטילן פרי־מאָרגן האָט מען ניט איין מאָל געהערט, ווי זיי פײַפן אויף דער וועלט. מיט די סוסליקעס האָבן מיר געהאַט צו טאָן דאָס ערשטע מאָל, און פאַרן טאַטן זײַנען זיי מיט עפּעס ענלעך אויף מײַז. צי איבער זייער שפּיציק פּיסקעלע, צי איבער זייער פריקרע פײַפן. די דאָזיקע סוסליקעס האָבן אים רוען ניט געלאָזט, זיי האָבן אַפילו אים אָנגעהויבן כאָלעמען זיך, ווײַל

ער האָט ניט אופגעהערט טראַכטן: אויב די סוסליקעס וועלן איבעראַיאַר זומער זיך אַרײַנכאַפּן אפן פאַר, בלײַבט ער אויסגעשטעלט, זיי קאָנען אזוי אַרײַנשלעפּן צו זיך אין די נאָרעס אַלע זעקס הונדערט פּוד!

אין איינעם א פאַרנאַכט, ווען די שטוב איז נאָך ווײַט ניט געווען פאַרטיק, מע האָט נאָר באַוויזן אופשטעלן די ווענט און אַרופציִען איבער זיי דעם דאַך, איז דער טאַטע אוועק אין אוקראַיִנישן כוטאָר און געבראַכט פון דאָרטן א קאַץ.

— צו וואָס טויג דיר די קאַץ? — האָט די מומע אים געפרעגט.

— איך וועל זי אויסלערנען כאַפּן סוסליקעס! — האָט דער טאַטע אָפּגעענטפערט מיט אזא פײַערלעכער מינע, זיכער, אז ער האָט, ענדלעך, געפונען מיט וואָס איבערכיטרעווען זײַנע סאָנים.

ד׳מומע, די מאַמע אונדזערע, איז שטענדיק אופגעשטאַנען פריִער פון אונדז אַלעמען, פריִער אויך פונעם טאַטן, אַרבעט האָט זי אויך געהאַט מערער פון אונדז. און אויב דער טאַטע האָט געקאָנט אמאָל פאַרשלאָפן א שאַכרעס, האָט זי די טשערעדע פאַרשלאָפן ניט געטאָרט. זי האָט פאַרמאָגט, די מומע, א באַזונדערן כוש צו צײַט, געפילט דעם גאַנג פון דער קורצער זומערדיקער נאַכט און שטענדיק געפילט יענע מינוט, וואָס דאַרף זי אַרויסרײַסן פון שלאָף און אַרויסטרײַבן אין דרויסן אַרויס. ס׳איז נאָך שווער אָפּטיילן די נאַכט פונעם טאָג, אַרום איז נאָך גוט טונקל און דער הימל איז נאָך אײַנגאַנצן א באַנאַכטיקער, נאָר די מומע פילט, אז די נאַכט איז שוין אוועק, דאַרף מען צוװאַרפן דער קו א ביסל גראָז, זי אָנפּאָיען און אויסמעלקן, אײַנהייצן דעם אויוון און צוגרייטן פאַר אונדז אַלעמען דעם פרישטיק. אַרויסבאַגלייט אַלעמען אין סטעפּ, דאַרף זי ערשט איצט זיך שטעלן צום אויוון, באַ וועלכן עס שטייען א פּאָר צענדליק ווײַבער, און יעדן טאָג דערפינדן עפּעס א געשמאַקן און זאַטן אָנבײַסן פון דעם פּיסנע גאָרנישט ניט, וואָס מיר האָבן דעמלט פאַרמאָגט. און מע טאָר ניט, מע טאָר קיין איין טאָג ניט פאַרגעסן. גאַנצפרי און פאַרנאַכט אויסבאָדן שלוימעלעס קראַנקע פּיסעלעך, אָפּגעזוכט א פּרײַע שאָ, כאַפּט זי אויך א סאַפּע און לויפט אוועק. ניט צו די זונברויזן און ניט צו דעם פאַר, נאָר אפן גאָרטן. צום גאָרטן, וואָס אַרום דעם אָרט, ווו עס הייבט אָן אופקומען די שטוב אונדזערע, צום גאָרטן, וואָס איז אויך פאַרוואַקסן מערער ווי עס דאַרף צו זײַן, טאַקע דערפאַר, וואָס אַרבעט איז פאַראַן איבערן קאָפּ, און מיר ווייסן ניט פאַר וואָס פריִער צו נעמען זיך, שטייט זי איינע אַליין אפן גאָרטן, רודעוועט מיט דער סאַפּע צווישן די קאַרטאָפל-בייטן, וואָס צוויטעט מיט עפּעס זייער א מאָגערן און שיטערן צוויט, און קוקט אַרויס צו דער טאָלאָקע, זי זאָל ניט דורכלאָזן די טשערעדע. און דאָס הענגט שוין אָפּ, וואָס פאַרא שטימונג איז באַ אונדזער מומען-מאַמען. אַמאָל זינגט זי איר ווײַנענדיקן „אל טאַשליכייני“, און אַמאָל הערט מען, ווי עס קלינגט איר דינע שטים מונטער און פריילעך:

דריי זשע זיך, דריי זשע זיך,
דריי זשע זיך, מילעכל,
פלײַסיק צו אַרבעטן איז ניט קיין שפּילעכל.

דער זומערדיקער טאָג איז גרויס. אין סטעפּ איז ער נאָך גרעסער. ניטאָ דאָ קיין וועלדער, וואָס זאָלן די זון פאַרשטעלן, ניטאָ דאָ קיין בערג, וואָס זאָלן זי פאַרדעקן. גייט זי אויף א סאַך פריִער, ווי ערגעץ אַנדערש, און פאַרגייט א סאַך שפּעטער. א גאַנצן הייסן טאָג הענגט זי איבערן סטעפּ א צעגליטע און א בלענדנדיקע, ברענט און בראָט, בייגט צו דער ערד די צוגעוויאַניעטע גראָז, פאַרגיסט מיט שווייס די צוגעסמאַליעטע פּנעמער. אײנעם אויסבאַהאַלטן זיך פון דער אומראַכמאָנעסדיקער זון. איז דאָ ווען א האַרעווע צו טאָן, איבערפלאַמען און איבערשוויצן. די וועטשערע עסן מיר שווײַגנדיק און סטאַרען זיך וואָס גיכער צופאַלן צו די געלעגערס. די זומערדיקע נאַכט איז קורץ, אין סטעפּ איז זי נאָך קירצער. זי איז מיט עפּעס ענלעך אף א נאַכט־פויגל, וואָס טוט א פלי דורך און סטײַעט ניט. און די מומע... זי מאַכט אונדזער נאַכט נאָך קירצער. סאַמע דאַן, ווען עס הייבט זיך אָן פלעכטן עפּעס א לײַטישער כאָלעם, נעמט זי אונדז וועקן.

— קינדערלעך... דער לאַמפּאַטש...

יאָ, מיר ווייסן, דער לאַמפּאַטש. ווײַל אויב מיר האָבן מיט דרײַ טעג צוריק געמאַכט א זאַמעס, אַרויסגעוואָרפן אים און אויסגעפּאַרעמט די ערשטע טויזנט שטיק לאַמפּאַטש, איז שוין צײַט אוועק זיי איבערקערן אף דער אַנדערער זײַט, זיי זאָלן וואָס גיכער זיך דורכטריקענען. און מאָרגן וועט מען זיי דאַרפן צונויפלייגן צענדליקערווײַז אף אזא אויפן, אז דער

ווינט זאָל זיי דורכבלאָזן פֿון אַלע זײַטן. און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען זיי דאַרפֿן איבערפֿירן פֿונעם סטאַוואָק, וואָס פֿון יענער זײַט באַלקע, אַף אונדזער הויף. און דערנאָך וועט זײַן אַ צווייטער זאַמעס, אַ דריטער, אַ פֿערטער, אַ פֿינפֿטער... און דאָס אַלץ מוז מען אָפּטאָן נאָר באַנאַכט, ווייל באַטאָג איז דאָ פֿיל אַנדערע אַרבעטן, און אָפּלייגן זיי טאָר מען ניט. לאָזן מיר זיך אַוועק צום סטאַוואָק ניט קיין אויסגעשלאָפֿענע, מיט גרויסע רעשטלעך פֿון נעכטיקער מידקײַט, און זײַנען אַ ביסל בייז אַף דער מומען־מאַמען. נאָר מיר ווייסן — מע דאַרף. און מיר ווייסן, אַז אַזוי וועט זײַן ניט איין נאַכט, נאָר אַ סך, אַ סך אַזעלכע נעכט. און נאָך ווייסן מיר, אַז זי אַליין, די מומע־מאַמע אונדזערע, שלאָפֿט נאָך ווייניקער פֿון אונדז, און אַז דער שלאָף אירער איז אַ סך אומרויִקער פֿון אונדזערן, ווײַל זי פֿאַרגינט זיך אַפֿילע ניט אַרײַנלאָזן זיך אין עפּעס אַ כאַלעם. אַלעמאָל כאַפּט זי זיך אויף, הערט זיך אײַן אין דער נאַכט, פּרוּווענדיק פֿעסטשטעלן, ווו זי האַלט מיט איר, זי זאָל וויסן, ווען מע דאַרף אונדז אויפֿוועקן. זי גייט מיט אונדז צום סטאַוואָק, טאַסקעט גלײַך מיט אונדז דעם נאָך פּײַכטן און היפּש שווערן לאַמפּאַטש, און עס סטײַעט איר נאָך קויעך אַף זינגען אין דער נאַכט אַרײַן. וואָס האָט זי געמיינט מיט איר געזאַנג? פֿאַרטרײַבן דעם שלאָף פֿון זיך אַליין, מונטערן און אונטערמונטערן אונדז אַלעמען? ווער ווייסט? נאָר אין יענע שווערע פֿאַרהאַרעוועטע וואַכע נעכט האָבן מיר אַלע געהערט זי אויסזינגען אַ סך נײַע לידער, וועלכע איך געדענק ביז איצט.

אין יענע נעכט האָב איך געהערט און געזען נאָך אַ סך זאַכן. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז די סטעפּישע נאַכט פֿאַרמאָגט איר באַזונדער שטים, אירע באַזונדערע קלאַנגען און שאָרכן. און אויב גוט אײַנהערן זיך, קאָן מען זיך דערוויסן אַ סך אירע טיף פֿאַרבאָרגענע סודעס... ווי עס האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט אירע פֿליגל אַ פֿלעדערמויז, ווי עס האָט ערגעץ ווײַט אין סטעפּ אַ קוויטשע געטאָן אַן איבערגעשראָקענע דראַכווע, ווי עס האָט מיט אַ שטילן שאָרך דורכגעשמוגלט צווישן די פֿיס אַ יאַשטשערקע, און ווי עפּעס זיפֿצט, ווי עפּעס קרעכצט אַזוי שטיל, ווי פֿונעם שלאָף, כאָטש ווו און ווער איז שווער צו זאָגן. עפּשער איז דאָס אַ נאָך דערוויל אומבאַקאַנטע סטעפּישע בריִע, און עפּשער זײַנען דאָס די ברויטן אַליין. די אָנגע־גאָסענע ווייצענע זאַנגען, וואָס בייגן זיך איינער צום אַנדערן און בוצקען זיך מיט די האַרט־ווערנדיקע קערנער. עפּשער זײַנען דאָס די גראָבע און זאַפּטיקע קוקורוזע־בלעטער, וואָס פֿאַרמאָגן זייער אייגענע שטים און דאַרפֿן נאָר, אַז עפּעס אַ ווינטעלע זאָל זיי אַ רודעווע טאָן. און מערער פֿון אַלעמען רעגן די רייכעס, וועלכע באַטאָג פֿילסטו אײַנגאַנצן ניט, צי דערפֿאַר, ווײַל דו ביסט שטאַרק פֿאַרנומען, צי ווײַל קעגן דער זון ווערן זיי גיך אויסגעדאַמפּט. באַ־נאַכט אָבער פֿאַרגיסן זיי דעם גאַנצן סטעפּ מיט אַזאַ דופּטיקײַט, וואָס רעגט און מונטערט, וואָס קילט אָפּ און וואַרעמט אונטער, פֿרישט אָפּ און פֿאַרשיקערט, ווי ביז גאָר עפּעס אַ באַטאַמטער געטראַנק, וואָס איז האַלב־זיס, האַלב־זויער און אַ ביסעלע ביטערלעך.

און ווען ניט יענע נעכט... איך מיין יענעם זעלטענעם, וווּנדערלעכן צושטאַנד, ווען דו הייבסט אָן אײַנהערן זיך אין זיך אַליין, און עס דוכט זיך דיר, אַז ערגעץ דאָרטן, טיף אינ־ווייניק נעמט עפּעס רודעווען, ציטערט אונטער און וואַרפֿט זיך, ווי עפּעס אַ לעבעדיקס. עס ווערט דיר דערפֿון הייס און קאַלט, עס באַגיסט דיך אַ שווייס, און דו קענסט שווערן אַז דו הערסט, ווי ס'האָט עפּעס אַ זיפֿץ געטאָן, אַ קרעכץ געטאָן... און אָט האָט עס גאָר אָנגעהויבן זינגען. דו ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס קרעכצט עס דאָרטן און וואָס זינגט עס, נאָר עס האַלט דיך אין איין אונטערטראָגן, אונטערריאָגן, און דו לויפֿסט, לויפֿסט אַהין און צוריק און פֿילסט אַפֿילע ניט אין די הענט די גרויסע און שווערע, נאָך היפּש פּײַכטע, ליימענע ציגל, דעם לאַמפּאַטש.

אָט דאַן, אין יענע נעכט, איז אויפֿגעקומען מײַן ערשטע ליד, וועלכע איך האָב בעסאָד־סודעס אַרײַנגעשריבן אינעם גראָבן העפֿט — אַ מאַטאַנע פֿון מײַנע כאַשטשעוואַטער קאָמיר־גיסטן. פֿאַרשריבן, נאָר ווײַזן עמעצן האָב איך ניט געוואַגט. דער העפֿט איז שוין לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ, נאָר די ליד געדענק איך ביז איצט.

איין זאַך האָבן מיר ניט באַמערקט יענע נעכט. דער מומעס אײַנגעפֿאַלענעם פּאָנעם און אירע אונטערגעבראָטענע, ניט אויסגעשלאָפֿענע אויגן. באַטאָג האָבן מיר זי געזען זייער זעלטן, און באַנאַכט קאָן מען אַזעלכע זאַכן ניט באַמערקן. און מיר האָבן אַ צײַט ניט געוווּסט, אַז איר פּאָנעם איז שוין גאָרניט אַזוי גלאַט און ניט אַזוי מאַטעווע. עס איז שוין היפּש צו־געשמאַליעט. מיר האָבן אויך ניט באַמערקט איר שוכוואַרג, עפּעס אַ פּאָר אַלטע שקראַבעס. זי האָט ניט געקאָנט אויסלערנען זיך גיין באָרוועס.

נעכט זײַנען געווען פֿאַרשיידענע. אַמאָל ביז גאָר ליכטיקע, לעוואָנעדיקע און אַמאָל פֿיל טונקעלערע, מיט אַ שיטער־אויסגעשטערנטן הימל. אַמאָל ביז גאָר קילבלעך און אַמאָל,

באזונדערס, ווען דער הימל איז פאַרוואָלקנט, ביז גאָר דושנע. אַמאָל זײַנען מיר אַוועק צום סטאַוואָק אַ ביסל מערער אויסגערוטע און אַמאָל מיט אַ שווערן לאַסט פון דער נעכטיקער מידקייט. נאָר מיר האָבן אַלע ליב באַקומען די סטעפּישע נעכט. אפילו נאָך אַ קורצן שלאָף אַרבעט זיך פיל גרינגער ווי בײַ דער באַטאָגיקער היץ. דערצו האָבן זיי אונדז אַלעמען דער־נעענטערט צו אונדזער הייסן טרוים, ווען אַפן הויף וועט שטיין אַ שפּאָגל־נײַע שטוב מיט אַ דאַך צוגעדעקט. אַ שטוב, אין וועלכער עס דאַרף זיך בעעמעסדיק אָנהייבן אַ נײַ לעבן, און די מומע... געוויס זײַנען אויך דערפאַר אונדז ליב געווען יענע נעכט, יעדער נאַכט אַ בײַ לידל:

פרילינג־אָוונט בײַ אַ טײַכל
פּאַשעט גענדזועלעך אַ מיידעלע אַ שיינס,
רויטע בעקלעך, דאָס פּאָנעם שמייכלט,
זינגט זי אַ לידל אַף אַהיים צו גיין.
הילײַ, הילײַ, הילײַ, הילײַ,
גייט זשע, גענדזועלעך,
אַהיים, אַהיים, אַהיים...

באַנאַכט קלינגט דער מומעס שטים גאָר אַנדערש... זי איז דין און שטיל, ווי באַטאָג, נאָר זי ווערט ניט אַזוי גלײַך פאַרשוווּנדן, זי ציט זיך לאַנג, ציט זיך, ווי עפּעס אַן אומענדלעך פּעדעמל, און קײַקלט זיך אַוועק ווײַט, גיסט זיך צונויף מיט יענע שטילע גרילצן, זיפּצן און קרעכצן, מיט יענע באַנאַכטיקע שאָרכן... און פאַראַן אין דער שטים עפּעס ציטערנדיקס און רופנדיקס, עפּעס פון יענעם פרילינגדיקן אָוונט, פון יענעם טײַכל און פון יענעם מיידעלע מיט די רויטע בעקלעך. און אַזוי פיל טיף פאַרבאָרגענער אומעט!

קלאָר, אַז די מומע האָט געהאַט אירע אייגענע כּעזשבוינעס מיטן סטעפּ, אירע אייגענע טרוימען און אייגענע האָפענונגען.

באַם לאַמפּאַטש האָט דער טאַטע זיך געפילט נאָך פעסטער. עפּשער האָט באַנאַכט אים אויך זיך געזען אַלץ קלאָרער, ווי באַטאָג, און ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַן עכטן באַלעבאָס. אַז מע האָט אַזאַ שטוב, מיט אַזאַ גאָרטן און אַזעלכע צוויי בּאָנים אין הויף, און אַזעלכע צוויי מוידן... און אַז שלוימעלע וועט נאָך אונטערוואַקסן! האָט אים אַוודע ווייניק וואָס געקימערט, וואָס אונדזער איבערוואַנדערשער קאַלווירט איז זיך פּאַנאַדערגעפאַלן נאָך אין וועג. ער האָט אָבער אויך ניט געוואָקלט זיך, ווען גלײַך נאָכן גוסרעגן איז געשאַפן געוואָרן אַ נײַער קאַלווירט. די קו מיטן קעלבל בלײַבן דאָך אין דער היים! און מיטן פערד איז אים זייער גרינג געווען זיך געזעגענען. באַזונדערס מיט אונדזער פערד, וואָס איז פון ערשטן טאָג אים געלעגן אין די ביינער.

געווען איז אונדזער פערדל ניט ערגער פון אַנדערע אַפן יישעוו. אַ קליינס, אַ גרינגס, אַ רירעוודיקס און זייער אַ פלײַסיקס, ס'האָט געשלעפּט פאַר צוויי. טאַקע אַ גוט פערדל, אַ „שטשירע", ווי אַנשל האָט געזאָגט אַף דעם, און אַ סאַך זײַנען אונדז מעקאַנע געווען. ס'האָט אָבער געהאַט אַיין כיסאָרן. ס'האָט געהאַט אַ טעווע בײַסן זיך, און מע האָט קיינמאָל ניט געקאָנט וויסן, ווען עס וועט אַף דעם אָנפאַלן אָט דאָס מעשוגאַס. עס שטייט, דוכט זיך, שטיל, רויִק, שטאַרק פאַרטיפט אין דער אַכילע און זעט גאָרנישט ניט און קיינעם ניט אַרום זיך, נאָר פּרוּווסטו צוקומען, צובינדן אָדער אָפּבינדן, אָנפּאַיען אָדער פאַרצוימען עס, גיט עס מיטאַמאָל, אין איין אויגנבליק, אַ דריי מיטן קאָפּ, אַ טרייסל מיט דער גריווע, און שוין, ביסט שוין אַ געביסענער. נאָכן ערשטן ביס האָט דער טאַטע געזאָגט: אויס, מערער צום פערדל גייט ער ניט צו, עס מעג אפילו דונערן און בליצן. האָט מען שוין געדאַרפט פאַר־שטיין, אַז דאָס פערדל איז אַף אונדזערע הענט, אַף מײַנע און טוליעס. האָבן מיר אַלע טאָג געהאַט מיט דעם צו זינגען און צו זאָגן.

אייגנטלעך, ניט אַזוי דעם גאַנצן טאָג, ווי באַגינען. ווײַל דער איקער איז געווען אָפּ־רײַסן דאָס פערדל פון דער קאָרעטע. אַרופצײַען אַף דעם די שלייע און פאַרצוימען דאָס. דערנאָך איז שוין אַלץ געגאַנגען, ווי אַ מיזמער. נאָר זעלטן ווען איז די באַגינענדיקע פּראָ־צעדור אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. עמעצער פון אונדז האָט געמוזט כאַפּן אַ ביס. נאָר וועמען דער ביס זאָל ניט געווען טרעפן, זײַנען מיר ביידע געווען אַלציינס בייז און פול מיט נעקאָמע, און דער ערשטער ענטפער איז שטענדיק געווען — אַ זעץ מיטן פויסט אינעם אויג. אינעם בייזן פערדישן אויג מיט זײַן קאָסעוואַטע בליק, וואָס רופט שטענדיק אַרויס דעם ביס. דאָס אויג מאַכט זיך טייקעף צו, הייבט אָן צו טרערן, און מיר מוזן זיך נעמען דאָס היילן. מיר זײַנען נאָך ביידע בייז, און דאָס גיט אונדז, אַפּאָנעם, קויעך אַרויספירן דאָס פערדל אַפן הויף

און אין איין אויגנבליק מיט עפּעס אַזאַ ראַשיקן ריס דאָס אומוואַלגערן אַף דער ערד. און דאַן, שוין אַ ביסל אָפּגעקילטע, מיט אַ שטיקעלע געפּיל פון כאַראַטע, זוכן מיר ערגעץ אָפּ אַ שטיקעלע צוקער, צעקלאַפּן עס, צערײַבן עס אַף דינעם שטויב און שיטן אַרײַן דעם פערד אין אויג אַרײַן. און שוין, דאָס אויג עפנט זיך אויף, נעמט רויִק פינטלען, און מיר אַלע, איך, טוליע און דאָס פערדל, קאָנען טאָן וואָס מע דאַרף. דאָס פערדל הייבט זיך רויִק אויף פון דער ערד, ווערט מיטאַמאָל שטיל, אונטערטעניק און ביז גאָר צוגעלאָזט, גלײַך ס'האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט אַף אָט דעם זעץ אין אויג אַרײַן און אָפּן ביסעלע צוקער.

דער טאַטע איז געווען אויסער־זיך.

— גאַזלאָנים, וואָס טוט איר, — האָט ער געשריגן. — מע דאַרף צו אָט דעם פּאַרשיווע פערדל האָבן אַן אייגענעם צוקער־זאַוואָד!

דערפאַר האָט אָבער דאָס פערדל, צו אַלע זײַנע מײַלעס, צו זײַן פּלײַסיקײַט און רי־רעוודיקײַט געהאַט נאָך איין מײַלע, פאַר מיר און טוליען זייער אַ וויכטיקע. באַנאַכט אַף דער פּאַשע האָט מען דאָס ניט געדאַרפט סטרינאָזשעווען און ניט געדאַרפט היטן. ס'איז אין ערגעץ ניט אַרומגעלאָפן. מיר האָבן געקענט רויִק זיך צולייגן שלאָפן, זײַענדיק זיכער, אַז מיר וועלן דאָס שטענדיק טרעפן אַף דעם אָרט, ווו מיר האָבן דאָס איבערגעלאָזט. און יעדער מאָל, ווי נאָר ס'האָט אונדז דערזען, האָט זיך עס אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן מיט אַזאַ פריילעכן הירזשערײַ, גלײַך ס'האָט זיך אָפּגענומען שטאַרק פאַרבענקט נאָך אונדז.

יאָ, ס'איז געווען גאָר ניט קיין שלעכט פערדל, ס'זאָל ניט געווען האָבן אַ טעווע צו בײַסן זיך. נאָך אַלעמען האָט קיין שום זאַך אונדז ניט דערנענטערט און באַפרײַנדעט, מיך מיט טוליען, ווי אָט דאָס צעדרייטע פערדל, מיט וועלכן מיר האָבן יעדן גאַנצפרי געדאַרפט האַלטן מילכאָמע, ווי יענע נעכט אַרום דעם לאַמפּאַטש און יענע נעכט אַף פּאַשע. יאָ, דוכט זיך טאַקע, בײַס יענע נעכט, ווען מיר זײַנען געלעגן אַף אַ שמאָל רעדנעטשקעלע אויסגעשפּרייט אָפּן באַטוייִקטן גראָז, געקוקט אַף די שטערן און באַרעדט די וועלט, האָב איך בעסאָד פון דער מומען און פונעם טאַטן אַרײַנגעשלעפּט טוליען אין קאַמיוג.

דער טאַטע מיט דער מומען האָבן אַ צײַט דערפון ניט געוווּסט, און אַלע זייערע האָפע־נונגען זײַנען געווען פאַרבונדן מיט טוליען. איך בין געווען פאַר זיי שוין ניט דער, אַף וועמען מע האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן. איך, וואָס קאָן אַלץ ניט פאַרגעסן די קאַמיוגישע איניאָנים און וויל פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט. נאָר לאַנג קאָן אַזאַ זאַך ניט בלײַבן קיין סאָד.

דערוווּסט דערפון האָבן זיי זיך טאַקע איבער אונדזער פערדל. כאָטש דאָס פערדל איז שוין געווען אַ בײַזאַך. ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דער קאָלווירט, האָבן מיר, ווי אַלע, אָוועקגעפירט אונדזער פערדל אין דער קאָלווירטישער שטאַל. פאַרן טאַטן איז דאָס געווען אַ גאַנצע סימכע.

— דאַנקען גאָט, פּאַטער געוואָרן פון דער קליפּע, — האָט ער זיך אָנגערופן. — וועט שוין זײַן אויך פאַר אונדז אַ שטיקל צוקער צו דער טיי.

נאָר אָפּן צווייטן טאָג איז אַנשל אָנגעפאַלן אָפּן טאַטן:

— רעב הערשל, פאַרנעמט אײַך אײַער מעשוגענע שקאַפּע און טוט מיט איר, וואָס איר ווילט. זי וועט צעמאַזיקן אַלע פערד. און בא מיר איז אויך ניטאָ קיין איבעריק רעקל! ווײַזנדיק אָפּן אַראָפּגעריסענעם לינקן אַרבל, האָט ער זיך געווענדט שוין צו מיר:

— ווי קומט עס, אײַער פערד זאָל זײַן אַזאַ אַנטיגעזעלשאַפטלעכער עלעמענט?

מיר האָבן געמוזט אָפּנעמען אונדזער פערדל פון קאָלווירט און עס אוועקפירן אָפּן מאַרק קיין פּאַלאָגע. מיר וואָלטן געוויס אָפּגעשטאַנען מיט דעם אַ גאַנצן טאָג און געמוזט דאָס פירן צוריק, נאָר אונדז האָט אָפּגעגליקט. עטלעכע ווערסט פון פּאַלאָגע האָבן מיר באַגעגנט אַ כאָפּטע ציגײַנער, וועמען דאָס פערדל איז זייער געפעלן געוואָרן. דאָס, וואָס עס בײַסט זיך, האָבן זיי ניט באַמערקט, ווײַל באַגינען האָט דאָס שוין באַוויזן אַ ביס טאָן און אַרײַנכאַפּן דעם פּסאַק. נאָר זיי זײַנען געווען אַנציקט פון דעם, ווי עס לויפט, שפּרינגט אונטער, און ווי עס פּילט די בײַטש. מיט דער פּרײַז זײַנען מיר גיך דורכגעקומען, ווײַל אַנשל האָט אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן זיך לאַנג ניט דינגען. ס'איז ניט קיין סכוירע.

נאָך אַלעמען איז אונדז אָנגעקומען ניט גרינג זיך אָפּזעגענען מיט אונדזער פערדל, וואָס האָט אונדז טרײַ געדינט דעם שווערן זומער און איינעם מיט אונדז ניט ווייניק אויסגעשטאַ־נען סײַ אין די הייסע טעג, סײַ אין די קילע, וואַכע נעכט. גיי ווייס, אַז עס קאָן אפילע אופקומען עפּעס ענלעכס אַף אַ געפּיל פון שולד און אַז דו וועסט נאָך פּרווון זוכן די בייטיקע ווערטער אַף אויסצודריקן דײַנע געפילן, און געבן אָט דער בריִע צו פאַרשטיין, אַז דו וועסט זי לאַנג ניט פאַרגעסן.

צוריק זײַנען מיר געפֿאָרן שווײַגנדיקע, פֿאַרטראַכטע, א ביסל פֿאַרטרויערטע, און אויס־געמיטן צו קוקן אײנער דעם אַנדערן אין די אויגן, גלײַך מיר האָבן אַפּגענומען אַפּגעטאָן עפּעס א שלעכטע זאַך.

דער טאַטע איז געווען זײער צופֿרידן און אויך א ביסל פֿאַרוווּנדערט, וואָס מיר האָבן אַזוי פֿרי זיך אומגעקערט.

— שוין טאַקע, זיך אָפּגעפּאַרטיקט? — האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט.

איך פֿאַרשטײ ניט, פֿאַרוואָס טוליע האָט אַרויסגעכאַפּט בא מיר דעם ענטפֿער, און אָפּ־געענטפֿערט גראָד אַף אַזא אופֿן:

— מיר האָבן זיך געײַלט. הײַנט איז א קאָמיוגישע פֿאַרזאַמלונג.

— דו, דו... האָסט שוין אויך מוירע פֿאַרשפּעטיקן? — האָט דער טאַטע איבערגעפֿרעגט.

— ווי אַלע קאָמיוגיסטן, — האָט טוליע אָפּגעענטפֿערט.

דער טאַטע איז געבליבן שטײן ווי געפּלעפֿט. געשטאַנען, לאַנג געקוקט אַף טוליען, ווי וועלנדיק דערגײן, צי שפּאַסט ער, צי מײנט ער ערנסט. פֿאַרשטאַנען, אַפּאַנעם, אַז דאָס איז ניט קײן שפּאַס, האָט ער, לויט זײַן טעווע, א בײג געטאָן אַף רעכטס דעם קאָפּ און אויס־געשפּיגן:

— טפֿו, אַף מײַנע סאָנימס קעפּ!

4

דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט האָט געדויערט די זאַווערוכע, און די אַלע דרײַ מעסלעס בין איך ניט געווען אין דאָרפֿראַט. ווער ווײסט, וואָס פֿאַר דרינגענדיקע דירעקטיוון זײַנען פֿאַר די דרײַ טעג אָנגעקומען פֿון ראַיאָן, ווער ווײסט, וואָס איז פֿאַר די דרײַ טעג פֿאָרגעקומען אין די איבעריקע ייִשוּווים, און ווער ווײסט, וואָס עס וואַרט אַף מיר אינעם דאָרפֿראַט גופֿע, אינעם קלײנינקן צימערל, וואָס איז שטענדיק איבערגעפּולט מיט אופֿגערודערטע, צעהיצטע און צוגעקילטע מענטשן, און אָנגעשטאָפּט ביז דער סטעליע מיט שטיקנדיקן און טשאַדענדיקן מאַכאָרקע־רויך.



נאָר ווי קום איך אין דאָרפֿראַט און וואָס האָב איך דאָרטן צו טאָן? און ביכלאַל — ווער בין איך?

הײבט זיך אָן א מײַסע... און די מײַסע איז געווען אַזא:

דעם גאַנצן זומער, ווען אונדזערע ייִשוּווים האָבן זיך געבויט, דורכגעפֿירט זײער ערשטן פֿאַרזײ און אַראָפּגענומען זײער ערשטע גערעטעניש, האָבן מיר זיך געהאַלטן בא זעליאָנאָ־

פֿאַליער דאַרפֿראַט, מיר האָבן אים אָנערקענט פֿאַר אונדזער מאַכט און ער אונדז — פֿאַר זײַנע בירגער. כאָטש שלאַכטער, דער פֿאַרזיצער פֿון דאַרפֿראַט, איז געווען אַ מענטש אַ צוגעלאָזטער, האָט זייער נאָענט גענומען צום האַרצן די נויטן פֿון די איבערוואַנדערער, און יעדן טאָג, פֿון גאַנצפֿרי ביז פּאַרנאַכט, איז אַרום דאַרפֿראַט געשטאַנען אַ גאַנצער יאַריד. מענער און פֿרויען זײַנען געקומען אַהער, יעדערער מיט זײַן שווער האַרץ, וואָס דער פֿאַרזיצער האָט געמוזט מיט עפּעס לינדערן. ווען מען מיט אַ גוט וואָרט, ווען מען מיט אַ שמייכל און ווען מען מיט אַ ביסעלע מוסער, ווײַל דאָס איז אויך נייטיק געווען.

ביז אונדז איז זעליאַנאָפּאָליער דאַרפֿראַט באַשטאַנען פֿון פֿיר אַלטע דערפֿער. דאָס איז געווען פּונקט צו דער מאָס. נאָר ווען ס׳איז צוגעקומען נאָך דרײַ, איז געוואָרן שווערלעך. זיבן דערפֿער, צעזייטע איבערן סטעפּ אַף אַ מעהאַלעך פֿון צען־פֿופֿצן קילאָמעטער, איז ניט אַזוי גרינג צו באַדינען. איז סאָף זומער געשאַפֿן געוואָרן צוויי דאַרפֿראַטן. זעליאַנאָפּאָל איז געבליבן באַ דרײַ אַלטע ייִדישע דערפֿער, און סלאַדקאָוואָדנע איז געוואָרן דער צענטער פֿון אַ שפּאָגל־נײַעם, נאַרוואָס אופֿגעקומענעם דאַרפֿראַט, און מיך האָט מען אויסגעקליבן אַלס פֿאַרזיצער.

פֿאַרוואָס גראָד מיך? דאָס קאָן איך זיך נאָר מעשאַער זײַן. מעגלעך דערפֿאַר, וואָס איך בין זייער געפֿעלן געוואָרן שלאַכטערן, און ער האָט געזאָגט אין ראַיאָן, אַז קיין בעסערן פֿאַרזיצער דאַרף מען ניט.

באַקאַנט האָבן מיר זיך דעם ערשטן מײַ בייסן מיטינג אַפֿן אַש־בערגל, דעם אָרט פֿונעם ייִדישן דאָרף, וואָס די מאַכנאָווצעס האָבן פֿאַרניכטעט, אָוועקגעלאָזט מיטן פֿײַער. די געשיכטע פֿונעם אומגעקומענעם ייִדישן דאָרף טרודאָליובאָווקע האָט מיך זייער אופֿגערעגט, און איך האָב אויך געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער. איך געדענק שוין ניט, וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט, נאָר שלאַכטערן איז מײַן רעדע זייער געפֿעלן געוואָרן.

— ביסט אַ ווױלער יאַט, — האָט ער מיר געזאָגט נאָכן מיטינג, — ווײַסט זײַן דער באַ־פֿולמעכטיקטער פֿון דאַרפֿראַט אַף אײַער יישעוו. אַ קאָמיוגיסט?

— פֿאַרשטייט זיך, — האָב איך אָפּגעענטפֿערט, גלײַך אַנדערש האָט ניט געקענט זײַן.

— איז דאָך ניטאָ וועגן וואָס צו רעדן. ווײַסט קומען מאָרגן קיין זעליאַנאָפּאָל, וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

האָב איך אָנגעהויבן מעסטן דעם וועג קיין זעליאַנאָפּאָל. זייער אָפֿט. מע האָט גענומען בויען הײַזער, און קיין וואַסער האָט ניט געסטײַעט. בין איך געלאָפֿן צו שלאַכטערן. מע האָט געדאַרפֿט פֿאַנאַנדערטיילן דעם היי־מאַסיוו, און כ׳האָב ניט געוווּסט וויאַזוי, בין איך געלאָפֿן צו שלאַכטערן. מע האָט געדאַרפֿט אויסטאַרען זיך אַ פּאָר פֿורלעך מעל פֿאַר די איבערוואַנ־דערער, בין איך ווידער געלאָפֿן צו שלאַכטערן. און אָפּטמאָל איז ער געקומען צו לויפֿן צו אונדז. ווײַל אים האָט אויך רוען ניט געלאָזט די לאַגע אַף די איבערוואַנדערישע יישוווים.

פֿון די אַלע לויפֿענישן, איך צו אים און ער צו אונדז, זײַנען מיר געוואָרן נאָענט באַ־קאַנט און אַפֿילע באַפֿרײַנדעט, כאָטש ער איז געווען עלטער פֿון מיר אַף גאַנצע צען יאָר, שוין געווען אַ באַוויבטער און איך בין געווען נאָך גאָר אַ ייִנגל. האָט ער עס אײַנגערעדט אין ראַיאָן, אַז קיין בעסערן פֿאַרזיצער פֿון מיר דאַרף מען ניט.

— דעריקער, זאָלסט אָפּהיטן די קלאַסן־ליניע, — דאָס איז געווען זײַן אָנזאָג, ווען מע האָט מיך אויסגעקליבן אַלס פֿאַרזיצער.

דאָס איז געווען דער איינציקער פֿאַל אין מײַן לעבן, ווען איך אַליין האָב זיך „געריסן צו דער מאַכט”. איך האָב זייער געוואָלט ווערן פֿאַרזיצער. מיר האָט זיך אָפּגעמעסטן גע־דוכט, אַז איך וועל קאָנען אופֿטאָן עפּעס אַזוינס, אַז דער גאַנצער סטעפּ זאָל זינגען און קלינגען. מיר האָט זיך ניט נאָר געדוכט, איך האָב געוואָלט אויך, געוואָלט, געטרוימט און געשטרעבט איבערקערן דעם גאַנצן סטעפּ, איבערקערן און איבעראַקערן אים, איבעראַקערן און איבערפּלאַנצן אַזוי, ער זאָל צוויטען און בליִען.

גוט, וואָס די זאַווערוכע האָט מיך פֿאַרכאַפּט אין דער היים, ווו איך בין ביכלאַל געווען אַ זעלטענער גאַסט. כ׳האָב געטאָגט און גענעכטיקט אַלעמאָל אין אַן אַנדער יישעוו. אַלע דרײַ מעסלעס האָב איך פֿאַרבראַכט מיטן אווילעם אין די באַראַקעס, אײַנגענעם מיט אַלעמען געפּירט וואַסער פֿונעם אַרטעזיאַנישן ברונעם, פֿאַנאַנדערגעגראָבן דעם שניי אַף דערקלײַבן זיך צו די סקירדעס שטרוי, אָדער ביז גאָר אַ פֿאַרמאַטערטער צוגעפּאַלן צו אַ קופּקעלע שטרוי אין שטאַל און גלײַך אַנשלאָפֿן געוואָרן. אופֿגעכאַפּט זיך אַלעמאָל אַ פֿאַרשעמטער, מיט אַ שטאַרקן פֿאַרדראָס אַף זיך אַליין: ווי קאָן עס אַ פֿאַרזיצער דערלויבן זיך פּאָפּן אין אַזאַ זאַווערוכע? אַ פּאָר מאָל האָב איך דאַפּקע געפּרוּווט לאָזן זיך אין וועג, איך האָב דאָך געמוזט

וויסן, זען, וואָס טוט זיך אויף די איבעריקע יישובֿים, נאָר אַלעמאָל האָט מען מיך אָפּגערעדט. בלויז אַנשל, איך ווייס ניט פֿאַרוואָס אַזוי בייז, האָט גערעדט, ווי ניט צו מיר:

— וואָס רעדט איר אים אײַן? זאָל ער גיין!

אָפּגעשוויגן אַ ווײַלע, ווי געוואַרט, וואָס איך אַליין וועל זאָגן, און דערנאָך שוין אויסגעקערעוועט זײַן בייזע באָרד צו מיר:

— נאָר וויסן זאָלסטו, אַז מיר וועלן דיך אָנהייבן זוכן ערשט פֿרילינג, ווען דער שניי וועט אַראָפּ.

אַ פּאָר מאָל פֿאַר די דרײַ מעסלעס האָט איינער פֿון אונדז, איך אָדער טוליע, זיך דורכגעריסן אַהיים, געהאָלפֿן אָפּרייניקן דעם שניי, אָנסמיקען אַ ביסל שטרוי און לויט דער ריי אויסגעהערט דער מומעס שטילע כליפּערײַען און דעם טאַטנס קלאָלעס:

— אַ סטעפּ אויף אונדזער קאָפּ... ווו טאַראַס בולבע האָט געוואַיעוועט...

ווען מע האָט באַשטאַט כּאַים־בערן בײַ יענטלען און אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז איצט איז ער אַ גערעטעוועטער, האָט מען ווידער זיך געלאָזט צו לייבעשן אויפֿן הויף באַקוקן די דראַכווע. ביז איצט האָט קיינער קיין לעבעדיקע דראַכווע ניט געזען, ניט געוווּסט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿויגל, און מע האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ בריע פֿונעם אַלטן עליעס מײַסעלעך, אַ בריע, וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן אינאיינעם מיט די ווילדע טאַבונעס פֿערד, מיט די צײַטן פֿון די לאַוטשעס און פּוימעלעך. אָט שטייט זי, די אוראַלטע דראַכווע, בײַ לייבעשן אויפֿן הויף, זיך פֿאַרוקט צווישן די יונגע, הײַנטצײַטיקע גענדז און מאַכט זיך ניט ווויסנדיק. גלײַך ס׳איז גאָר אויף דער וועלט ניט געשען, וואָס זעט זיך אָן בײַ איר עפּעס אַ יאָרהונדערט?

אַרויסקלײַבן זיך פֿונעם אייגענעם יישובֿ איז שטענדיק געווען ניט פֿון די גרינגע זאַכן. פֿון יעדער הויף האָט מען אַרויסגעקוקט אויף מיר, בײַ יעדן הויף האָב איך געמוזט אָפּשטעלן זיך און אָפּריכטן מײַנע פּאַרזיצערישע פֿליכטן. ווײַל נאָך וואָס דאַרף מען גיין דרײַ קילאָמעטער צום דאָרפֿראַט, ווען מע האָט דעם פּאַרזיצער בײַ זיך אין דער היים. ס׳איז נאָר אַ פֿראַגע, ווו האָט ער הײַנט געגנעכטיקט... נאָר אויב ער האָט גענעכטיקט דאָ און וועט באַלד זיך לאָזן אין וועג... איינער וויל באַקומען אַן ענטפֿער אויף עפּעס אַ פֿראַגע און אויף איר קען מען ענטפֿערן פֿאַר איין מינוט, בײַ אַן אַנדערן ליגט אַ פּאַרטיקע ספּראַווקע, מע דאַרף זי נאָר אונטערשרײַבן און לייגן דאָס שטעמפּל. דאָס איז אויך ניט פֿון די גרויסע זאַכן, און מע קען דאָס אָפּטאָן אויף דער גאַס. מע דאַרף נאָר צולייגן די ספּראַווקע צו דער וואַנט, אַ בלאָז טאָן אויפֿן שטעמפּל און צוקוועטשן. בײַ אַ דריטן...

שווערער פֿאַר אַלץ איז פֿאַר מיר דורכגיין די לעצטע שטוב, וואָס פֿון לינקס. סטאַרע איך זיך שטענדיק האַלטן אַ ביסל רעכטער און מאַך צו די אויגן. זאָל זיך מיר אויסווײַזן, אַז ס׳איז אינגאַנצן ניטאָ אויפֿן יישובֿ ניט די שטוב, ניט אָט דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק, וואָס איז פֿאַר אונדז אַלעמען פֿאַרבליבן אַ רעטעניש. ס׳איז שווער געווען פֿאַרשטיין, ווי קען עס אַ יונג פּאָרל לעבן אַזוי אָפּגעזונדערט, מיט קיינעם זיך ניט באַגעגענען, מיט קיינעם זיך ניט באַפֿרײַנדן, צו קיינעם ניט אַרײַנקומען און קיינעם ניט אַרײַנלאָזן צו זיך. גלײַך זיי וואָלטן געלעבט איינע אַליין אויף אַן אָפּגעזונדערטן כוטאָר אָדער גאָר אין עפּעס אַ וואַלד.

אָט אַזוי קומט פֿלוצלינג אויף אַ געפֿיל פֿון אָפּגעפֿרעמדטקייט צווישן מענטשן, כאָטש קיינער קאָן ניט זאָגן, וואָס, ווער, ווען. דערנאָך הייבט אָן דאָס געפֿיל איבערוואַקסן אין עפּעס מערער מאַמאַשעסדיקס, בײַ אייניקע איז דאָס ביטל, בײַ אַנדערע — אָפֿענע סינע און עס האַלט אין איין וואַקסן די אומגעזעענע וואַנט.

וועדליק מיכל איז געווען אַ וווקסיקער יונגערמאַן, איז אים געקומען אַ סאַך אַ ברייטערע פּלייצע. האָט ער דערפֿאַר אַרויסגעזען פֿיל העכער, ווי אינדערעמעסן. נאָר דאָס האָט קיינעם ניט געקימערט און אים אַוודאי ניט. אַ פֿאַרשוין איז ער געווען אַ קרעפּטיקער און קיין ברייטערע פּלייצע ניט געדאַרפֿט, ער האָט אַזוי אויך געקענט אַ נעם טאָן דעם שווערסטן זאַק און אַ שלײַדער טאָן אים אויפֿן וואָגן, ווי עפּעס אַ שפּילעכל. קלײַנדיקע פּענעמער איז בײַ אונדז אויך ניט קיין זעלטנהײַט. נאָר די ברעמען זײַנע! פּאַשעט אַ וווּנדער, ווי קאָנען עס ברעמען זײַן אַזוי שטעכיק און בייז. און עפּשער איז דאָ געגאַנגען ניט אין די ברעמען, נאָר אינעם בליק, אין אײַז־קאַלטער בליק, פֿון וועלכן עס נעמט גלײַך דורך אַ גרויל, אַ בליק, וואָס שטויסט אָפּ, דראָעט און וואָרנט: טשעפּעט מיך ניט, וועל איך אײַך אויך ניט טשעפּען, נאָר אויב איר וועט נאָר פּרוּוון!.. געווען אין זײַן בליק נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס מע רופֿט אָן גנייוויושס. נאָר דאָס איז זעלטן געווען צו באַמערקן, ווײַל גראָד אָט דאָס האָט ער מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט אויסבאַהאַלטן.

דער ערשטער האָט אים צעקײַט פּישל שוסטער. ער האָט זיך שטאַרק אָנגעבראָגעזט אַף אָט דעם מיכלען, פֿאַרוואָס האָט ער אים ניט אָפּגעענטפֿערט אַף זײַן גוטמאָרגן און ניט געוואָלט אויסהערן עפּעס אַ געשיכטע, וואָס איז אים געלעגן אַף דער צונג.

— עפּעס געפֿעלט מיר ניט אָט דער דאָקטער, — האָט ער דערנאָך דערציילט, — מיר זײַנען, דוכט זיך, אַלע פֿון איין ייִכעס. וואָס זשע דרייט ער מיט דער נאָז?

וועגן זײַן ייִכעס האָבן מיר, אײַגנטלעך, גאָרנישט ניט געוווּסט. מיר האָבן אַ צײַט אַפֿילע ניט געוווּסט, פֿונוואַנען ער איז, ווײַל קיין לאַנדסלײַט האָט ער ניט געהאַט און געוווינט האָט ער דעם גאַנצן זומער ניט אין די באַראַקעס, נאָר אינעם דערבײַיִקן אוקראַינישן כוטאָר פֿון יענער זײַט באַלקע.

דאָס, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן די סאַמע ברעגסטע שטוב, האָט קיינעם ניט גע־וווּנדערט. עמעצער דאַרף דאָך וווינען אָפּן ברעג. און געוויס גייט דער ברעג מערער אונטער פֿאַר אַזאַ פּאָרל, וואָס האַלט זיך אין אַ זײַט פֿון אַלע איבעריקע. איז אויסגעקומען, אַז אַף איין ברעג, וואָס פֿירט קיין ראַזאָוקע, האָט געוווינט פּישל, אַ ייִד, וואָס האָט קיין איין שאָ ניט געקאָנט זײַן אַליין, און אָפּן צווייטן ברעג, וואָס פֿירט קיין סלאַדקאָוואָדנע, האָט געוווינט מיכל ציבעלמאַן. דאָס האָט טאַקע פּישל געקרוינט מיכלס שטוב מיטן נאָמען — דער פֿוילער עק.

צווישן די באַלעבאַטים האָט מיכל זיך געהאַלטן ווי אַ יונגערמאַן צווישן זקיינים, מיט וועמען ער האָט ניט וועגן וואָס צו ריידן. צווישן דער יוגנט, — ווי אַ מענטש, וועמען עס גייען שוין לאַנג ניט אָן אַזעלכע נאַרישקײַטן, ווי פֿאַרזאַמלונגען, אָוונטן און פֿאַרשיידענע קרײַזלעך.

דאָס ווײַבל זײַנס, וועמען מע האָט געוויס אַ נאָמען געגעבן פּאַשעט מירל, נאָר וועמען ער האָט גערופֿן מערי, איז געווען אַף אַ פּאָר יאָר ייִנגער פֿון אים און האָט געוווּסט, אַז זי איז אַ שיינע, עפּשער האָט זי דערצו געהאַלטן, אַז זי איז שענער, ווי אינדערעמעסן, צי עפּ־שער האָט זי טאַקע געוואָלט זײַן נאָך שענער, נאָר זי איז געווען זיכער, אַז קיינער קאָן ניט דורכגיין פֿאַרבײַ, ער זאָל זיך ניט פֿאַרקוקן אַף איר. ס׳איז דאַן נאָך ניט געווען קיין מאָדע פֿאַרבן די ליפּן, שמירן מיט עפּעס דאָס פּאָנעם, דערצו איז יענעם ערשטן זומער אין סטעפּ דאָס קיינעם ניט געלעגן אין זינען. דערפֿאַר האָבן אירע געדיכט אָנגעפֿאַרבטע ליפּן געפֿלאַמט כוצפּעדיק און אַרויסרופֿעריש. פֿאַר דער זון האָט זי, אײַגנטלעך, ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן, ווײַל איר בראָנזן פּאָנעם האָט דאָס ווייניק געקאָנט שאַטן, און געשמירט האָט זי דאָס געוויס צוליב דעם, עס זאָל מערער גלאַנצן. די אויגן האָבן ביכלאַל זיך ניט געניטיקט אין גאָרנישט ניט. זיי האָבן געגלאַנצט מיט זייער אייגענעם גלאַנץ, גרויסע און שוואַרצע, עמעס־דיק־שוואַרצע ציגײַנערישע אויגן, אין וועמענס בליק ס׳איז אַפֿילע ניט געווען קיין שפּור פֿון ווײַבערשער צניִעס. געווען איז דאָס גאָרניט קיין בליק, נאָר עפּעס אַזאַ קוקעלע, אַ שמייכ־לענדיק קוקעלע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַ ביסעלע לײַצאָנעס און ניט ווייניקער אויס־געלאַסנקײַט. באַ מײַנע צוואַנציק יאָר האָב איך געהאַלטן, אַז אַ יונג ווײַבל דאַרף ניט גיין איבער דער גאַס מיט אַ צעשפּיליעט קאָפּטל. אַזוי שטאַרק צעשפּיליעט, אַז מענער און ייִנגלעך האַלטן פֿאַר ניט אָנשטענדיק קוקן אין איר זײַט. ס׳איז עפּשער שווער צו דערקלערן, נאָר עס טרעפֿט אַמאָל, אַז שיינקײַט רופֿט אַרויס אַ פֿריקרע געפֿיל, גלײַך ס׳וואָלט דיך באַליידיקט. אײַגנטלעך איז צווישן אונדז נאָך גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען, נאָר דאָס געפֿיל פֿון פֿײַנט־לעכקײַט איז שווער געווען בײַקומען. און אַ פֿאַרגעפֿיל איז געווען אַזאַ, אַז פֿריִער אָדער שפּעטער וועט עפּעס מוזן געשען.

אַ ביסעלע איז עס קלאָרער געוואָרן אָנהייב ווינטער, ווען פּישל האָט אָנגעהויבן פֿאַר־שווינדן ווערן אַף גאַנצע וואָכן. ס׳איז געווען אַ גרונט אים כוישעד זײַן אין עפּעס אַ שוטפֿעס מיט שימען דרייפֿוס, נאָר שימען האָט געפֿירט זײַנע געשעפֿטן כיטרע און פֿאַרזיכטיק, פּאָקן אים מיט עפּעס איז געווען זייער שווער. מיכל איז געווען דרייסט און כוצפּעדיק. באַזונדערס, ווען אין סלאַדקאָוואָדנע איז געשאַפֿן געוואָרן דער דאָרפֿראַט און איך בין געוואָרן פֿאָרזיצער. פֿאַר מיר, הייסט עס, האָט ער אוואַדע ניט וואָס מוירע צו האָבן. פֿאַר מיקאַלאַ דודניק, דעם פֿאָרזיצער פֿון בורלאַצקער דאָרפֿראַט, האָט ער זיך שטאַרק געהיט. נאָר פֿאַר מיר? וואָס פֿאַר אַ ווערט האָב איך באַ אים?

נאָר ווי ער האָט זיך ניט געהיט פֿאַר מיקאַלאַ דודניקן, איז דאָך באַוווּסט געוואָרן, אַז גראַד אין בורלאַצק האָט ער אָנגעקויפֿט עטלעכע פֿורלעך ווייץ און אָוועקגעפֿירט אין שטאָט אַרײַן. האָט מיקאַלאַ געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפֿט טאָן בענעגייע זײַניקע, און איך — בענעגייע מײַניקע. מיר האָבן צוגעשטעלט מיכלען אַן אינדיווידועלן פּלאַן פֿון ברויט־פֿאַר־גרייטונג... אַפֿילע אין די אַלטע דערפֿער איז אַן אינדיווידועלער פּלאַן געווען שוין אַ ריין אַדמיניסטראַטיוו מאָסמיטל און אָנגעווענדט דאָס האָט מען בלויז צו באַלעגופֿים, פֿאַרמעגלעכע מיטלפֿויערים, אַלנפֿאַלס, צו אַזעלכע, וועגן וועמען עס איז געווען באַוווּסט, אַז ברויט האָבן

זיי א סאַך, נאָר דער מעלוכע פּאַרקויפן זיי שפּאַט־ווייניק, זיי פירן דאָס ארויס אפן מאַרק אָדער פּאַרקויפן דאָס פּאַרשיידענע ברויט־ספּעקוליאַנטן. די איבערוואַנדערער זײַנען ביכלאַל די ערשטע צוויי יאָר געווען באַפרײַט פון ברויט־פּאַרגרייטונג, און דערפאַר איז מיכל געווען זיכער, אַז אַלץ וועט אים אָפּגיין גלאַט. מיט א וואָך צוריק, ווען מיר האָבן אים ארויסגערופן אין דאָרפראַט, אים געמאָלדן דעם אינדיווידועלן פּלאַן און געהייסן זיך אונטערשרײַבן, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין זײַן בליק דערזען דאָס, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט אויסבאַהאַלטן. און געווען איז אין אים נאַרנישט אזוי גנייוויש, ווי עכט גאַזלאָניש.

זײַנע ציין האָבן געאַרבעט מײַסים. ווען אין דאָרפראַט זאָל געווען זײַן א ביסל שטילער, וואָלט מען געקאָנט הערן, ווי זיי קריצן. די קינבאַקן האָבן געהאַלטן אין איין אונטערטאַנצן. און לויט דעם, ווי דאָס בלוט האָט א זעץ געטאָן אין זײַן קלײַענדיק פּאָנעם, האָט מען געקאָנט זען, ווי אַלץ קאָכט אין אים. ער האָט דאַפקע א נעם געטאָן די פּען אין דער האַנט, נאָר ווײַל די האַנט האָט איך שטאַרק געציטערט, האָט ער אוועקגעלייגט די פּען און אויסגעשריגן:

— איר האָט קיין רעכט ניט!

איך האָב אויך געוואָלט שרײַען. אַלנפאַלס, זאָגן אים אזוינס, ער זאָל ענדלעך דערפילן, אַז ניט אין זײַן הייך, ניט אין זײַן דראָענדיקן בליק און ניט אין זײַנע פויסטן גייט עס. און אויך ניט אין מיר גייט עס. נאָר געלאָזט דאָס אַלץ אין זיך, ווידער דערלאַנגט אים די פּען און ארויסגערעדט רויק, טאַקע ביז גאָר געלאַסן:

— דער טערמין — א וואָך צײַט.

— ווו זאָל איך אײַך נעמען אַזויפיל ברויט?

— דאָרט, ווו איר נעמט פאַרן מאַרק.

די וואָך איז שוין דורך, נאָר מיכל האָט פאַר דער צײַט קיין איין פּוד ברויט ניט ארײַנגעפירט. מעגלעך, אַז די זאַווערוכע האָט געשטערט, נאָר גיכער פון אַלץ איז די זאַווערוכע געווען א בײַזאַך. אַלנפאַלס, בין איך געווען זיכער, אַז אויך ער שטייט לעבן זײַן הויף און קוקט ארויס אַף מיר. און אַז מיר וועלן מוזן זיך דורכשמועסן.

— וואָס וועט זײַן, אויב איך וועל ניט אויספילן?

געפרעגט גלײַך, ווי פאַרזעצנדיק א ניט פאַרענדיקטן שמועס. אפילע קיין גוטמאָרגן ניט אָפּגעגעבן.

— לויטן געזעץ... — האָב איך אָפּגעענטפערט, בלויז פאַרלאַנגזאַמערט די טריט.

— לויט וועלכן געזעץ?

האָב איך שוין געמוזט בלײַבן שטיין:

— לויט דעם געזעץ, לויט וועלכן מע האָט אין בורלאַצק אויסגעפּאַרקויפט יאַקים זשאַריקן און אין זעליאָנאָפּאָל קאַלמען שטשערבאַקן...

דאָס ראַזעווע פּאָנעם האָט מאַמעש זיך צעבליט פון טײַנוג:

— וואָס זשע וועט איר בא מיר אויספּאַרקויפן?

איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט דאָס פרעגן. איך האָב געוווּסט, אַז אין דעם באַשטייט אונדזער שוואַכקײַט, ווײַל דאָס אַלץ, וואָס עס איז פאַראַן בא אים אפן הויף, די פערד, די קו, דער אינווענטאַר, און אויך די שטוב איז נאָך ניט זײַנס, ס'איז אַלץ מעלוכיש, און מע דאַרף דערפאַר ערשט אויסצאָלן, אין מעשעך פון צען יאָר. וואָס זשע איז דאָ פאַראַן אויסצופּאַרקויפן?

— מיר וועלן געפינען וואָס... — האָב איך אָפּגעענטפערט אזוי, אַז ער זאָל פאַרשטיין, אַז מיר וועלן אים ניט לאָזן אומבאַשטראָפט.

ער האָט דאָס, אַפּאָנעם, פאַרשטאַנען, ווײַל דער טײַנעג איז גלײַך פאַרשוווּנדן פונעם פּאָנעם און ער האָט אויסגעשריגן, ווי דאַן אין דאָרפראַט:

— איר האָט קיין רעכט ניט!

מיר זײַנען געשטאַנען איינער קעגן אנדערן פון בײַדע זײַטן פּלויט, און איך האָב געפילט, ווי צום האַלדז גייט מיר אונטער עפּעס א ביטערקײַט אַף צו ברעכן. איך האָב גענומען אַרומקוקן זיך, וווהין מאַכן א שפּאַן, און דאָ האָט זיך באַוויזן מערי. זי האָט אַן עפן קאָפּטל אירס איז אויך געווען זומערדיק צעשפּיליעט. איר פּאָנעם האָט געפלאַמט, גלײַך זי איז נאָרוואָס אוועק פונעם אויוון, מיסטאַמע איז דאָס טאַקע געווען אזוי, און אירע ציגײַנערישע אויגן האָבן געשאָטן מיט פונקען. איך האָב א קוק געטאָן אַף איר און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז איר אזוינס צוגעקומען, וואָס האָט זי געמאַכט נאָך מערער ציגײַנעריש. אָך, יאָ, די גרויסע אוירינגלעך!

— וואָס זשע פרירט איר אין דרויסן? — האָט זי זיך אָנגערופן, און כ׳האָב, דוכט זיך, צום ערשטן מאָל דערהערט איר קלינגוודיקע שטים, פול מיט צוגעלאָזטקײַט. — קומט ארײַן. בא מיר שטייט דער פרישטיק אפן טיש.

— א דאנק, — האָב איך אָפגעענטפערט און געלאָזט זיך גיין. — איך האָב שוין גע־פרישטיקט.

שוין. איצט בין איך פרײַ פונעם יישעוו, פרײַ פון פארשיידענע באגעגענישן, אופנעמען, אָנקלאָגעס און ספראווקעס. אינגיכן וועל איך קומען אין דאָרפראט, און עס וועט זיך אָנהייבן יענער פארטויבנדיקער טומל, פון וועלכן דו ווערסט אָפט פארכלינעט און פארגעסט אינגאנצן, אף וועלכער וועלט דו ביסט. נאָר דער וועג איז מײַנער. די דרײַ קילאָמעטער, וואָס אמאָל זײַנען זיי איין אויסגוס פון ליימיקער בלאָטע, פון וועלכער ס׳איז שווער א פוס ארויסשלעפן, אמאָל פון הוילע פארפרוירענע הרודעס, אף וועלכע מע קאָן אויסברעכן די פיס, און אמאָל, ווי הײַנט, פארוואלגערט מיט הויכע קוטשעהורעס שניי, וועלכע מע דארף וויסן ווי ארומגיין. דער וועג איז מײַנער, און איך סטארע זיך טראכטן ניט וועגן דאָרפראט, ניט וועגן מיכל ציבעלמאן און ניט וועגן פיל אנדערע זאכן. איך טראכט וועגן איר.

נאָך יענעם וווּנדערבארן פרילינגדיקן פארנאכט אין הולײַפאָליע האָבן מיר זיך מערער ניט געזען. איך האָב ניט געקאָנט, ניט געוואָלט מאסקים זײַן, אז אלץ זאָל זיך פארענדיקן מיט איין פארנאכט, מיט איין זון־פארגאנג, מיט איין קיל־פראָסטיק ווינטעלע, מיט איין הייסן פלאטער. האָב איך זי געהאלטן אין איין אויסטראכטן. א גאנצן זומער איז זי מיר געשטאנען פאר די אויגן, און א גאנצן זומער האָב איך ניט אופגעהערט זי זוכן. געזוכט אף אלע ברייטע, פארשטויבטע סטעפישע וועגן און אף אלע שמאָלע שטעגעלעך. געזוכט אויך אין די ברויטן אליין, צווישן די צוויטנדיקע זונרויזן און די הויכע קוקורוזעס, אין יעדער שאָרך, אין יעדער זיפץ האָט זיך מיר געדוכט איר שטים, און יעדעס מאָל האָט זיך מיר געמאָלט אן אנדער בילד. אָט גיט דער ווינט א צערודעווע דעם ווייץ, קעמט אים פאנאנדער און מאכט א שמאָל סטעזשקעלע... און אף דעם סטעזשקעלע גייט ארויס זי. אָדער — איך גיי צווישן די זונרויזן, נעם אלעמאָל אין די הענט אן אנדער היטל, טרייסל אראָף דעם צוויט, און מיטאמאָל טוט מיך עמעצער א כאף פאר דער האנט:

— וואָס טוסטו? מע מעג דען אזוי?

און דאָס איז ווידער זי.

די זעונגען זײַנען געווען אזעלכע בוילעטע, אז אָפטמאָל בין איך אראָף פונעם וועג, גע־לאָזט זיך לויפן צווישן די ווייצן און זונרויזן, לויפן אהין, ווו זי איז אָקאָרשט געשטאנען, פונוואנען כ׳האָב געהערט איר שטים, פונוואנען ס׳האָבן א שײַן געטאָן אירע בלויע, פאר־טראכטע אויגן...

א גאנצן זומער האָב איך איר געשריבן בריוו. אייניקע אוועקגעשיקט, אנדערע זײַנען געבליבן בא מיר, ווײַל דאָס, וואָס איך האָב געשריבן, האָט קיינער ניט געטאָרט לייענען. זי — אוודע ניט. איך האָב דאָך געשריבן וועגן ליבע...

איך האָב געזוכט זי אף אלע וועגן און געווארט. געווארט און געגלייבט, אז א גליקלע־כער צופאל זאָל אונדז צונויפירן אָט אזוי אינמיטנדערינען, אומגעווארט און אומגעריכט. מיר זאָלן אזוי גייענדיק אָדער פאָרנדיק זיך אָנשטויסן איינער אינעם אנדערן און מוזן זיך אָפשטעלן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי דאָס וועט פאָרקומען. איך פאָר אף מײַן פורל קיין הולײַ־פאָליע, און קעגן מיר פאָרט אן אנדער פורל. איך טו א קוק — ס׳איז זי. שפרינגען מיר ביידע אראָף פון די וועגענער, שטעלן זיך אף איינער קעגן אנדערן. שטייען אזוי לאנג פארגאפטע, דערפרייטע און פארשעמטע, און ווייסן ניט וואָס צו זאָגן איינער דעם אנדערן. און דאָס איינציקע, וואָס מיר קאָנען זיך דערלויבן, איז — שמייכלען. שמייכלען מיר איינער צום אנדערן און קאָנען ניט אויסבאהאלטן דאָס געפיל פון גליק. און עס דוכט זיך אונדז, אז אלץ ארום שמייכלט. עס שמייכלט די ערד, עס שמייכלט דער הימל, עס שמייכלט די פארפלאמטע זון, וואָס האלט באם פארגיין, עס שמייכלט אויך די בלייכע לעוואָנע, וואָס קלײַבט זיך אף איר באנאכטיקער וואכטע. און עס קומט יענע מינוט, ווען עס דוכט זיך, אז אפן הימל שײַנען צוויי זונען מיטאמאָל, צוויי זונען אָדער צוויי לעוואָנעס. ווײַל פאר אונד־זערע שמייכלען און פאר אונדזער גליק איז איין זון אָדער איין לעוואָנע טאקע זייער און זייער ווייניק.

איבערן קאָף איז געהאנגען א פארשלאָפענער הימל.

נאָכן זוניקן פרימאָרגן האָט א געדיכטער נעפל אײַנגעהילט דעם סטעף אין א פײַכטער גרויקײַט. דער פראָסט איז עפשער געוואָרן לינדער, נאָר די קעלט איז געוואָרן בייזער,



עסעריקער און דורכגענומען ביז די ביינער. דער נאָך ניט אײַנגעלעגענער שניי האָט געגאַרט דאָס אויג, געווען אינווייניק פוסט, ווי אָנגעבלאָזן, און געפּלאַצט, ווי נאָר מע האָט זיך צוגע־רירט צו אים. און ווײַל מיט די געדאַנקען בין איך געווען ערגעץ אַנדערש, האָב איך ניט געזען, וואָס ארום מיר טוט זיך, און אָפּטמאָל אַרײַן אין שניי ביז איבער די קני. אַמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אַז ניט איך פאַל, נאָר איך פלי. איך פלי פון עפּעס אַ שנייִקער הייך אין אַ ווייכן טהאָם, אַראָפּגעפלויגן, אויסגעצויגן זיך איבער דער ערד, אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי און געגאַנגען ווײַטער.

געזען האָב איך פאַר זיך ניט דעם פאַרשלאָפענעם הימל, ניט די מידע כמאַרעס און ניט דעם אָנגעבלאָזענעם שניי. געזען פאַר זיך יענעם וואַרעמען האַרבסטיקן טאָג, ווען אַלע מײַנע זומערדיקע טרוימען האָבן אָנגעהויבן מעקוים ווערן.

דער האַרבסט אין סטעפּ... פּראָסטיקע באַגינענס. קילע פאַרנאַכטן און לאַנגע אויסגע־שטערנטע נעכט. און עס דוכט זיך, אַז איבערן גאַנצן אומענדלעכן אַרום הערשט איין גרויסע, שווײַגנדיקע, אַלץ אַרומכאַפּנדיקע רו. דער סטעפּ איז פול מיט טערפּקע רייכעס, און פון די באַלקעס, וואָס האָבן פאַרהיט זייער גרינקײַט, ציט וואָס אַמאָל שטאַרקער מיט עפּעס רייצנ־דיקס. באַזונדערס דאַן, ווען עס הייבט זיך אָן אַראָפּלאָזן אַ געדיכטער טוי. דאַן קומט אויף יענער אומפאַרשטענדלעכער אומעט, יענע בענקעניש... נאָך וואָס, נאָך וועמען? נאָר דאָס איז בלויז באַ די, וואָס שלאָפן ניט באַנאַכט.

דערפאַר אָבער באַטאָג... די זון איז קימאַט אַ זומערדיקע, נאָר זי טשמעליעט ניט. און אין איר ליבער וואַרעמקײַט איז פאַראַן עפּעס קוויקנדיקס. פאַראַן אויך אין דעם, ווי אַ שטומע געזעגעניש. גלײַך זי האָט כאַראָטע, די זון, און בעט מעכילע פאַר די טשמעלענדיקע היצן, פאַר דער אָנגעגליטער, צעטראַסקעטער ערד, פאַר די פאַרוויאַנעטע גראָזן, פאַר דעם צו פרי געל געוואָרענעם גערשטן און פאַר די מאָגערע קערנער. איצט איז די זון צו דיר גוט, זי איז צו דיר צוגעלאָזט, זי וויל, זאָלסט זי אַ גאַנצן ווינטער דערמאָנען צו גוטן, זאָלסט נעמען בענקען נאָך איר, און ס'זאָל זײַן פאַר דיר דער גרעסטער יאָמטעוו אַ זוניקער, אַ לויטערער ווינטערדיקער טאָג.

יענער האַרבסטיקער פרימאָרגן איז געווען גאָר אַ באַזונדערער. איינער אַזאַ צווישן פיל האַרבסטיקע פרימאָרגנס, צווישן פיל האַרבסטיקע טעג, צווישן פיל האַרבסטן...

נאָר וואָס איז הײַנט געשען מיט דער ווינטמיל? אַלעמאָל, ווען איך האָב זיך געלאָזט גיין פון אונדזער ייִשעוו קיין סלאַדקאָוואָדנע, האָט זי אָנגעהויבן פאָכען מיר אַנטקעגן מיט אירע פליגל. דער באַלעבאָס פון דער מיל איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און די באַלעבאָסטע אַליין, די אַלמאָנע שיינדל בעלאָווא, האָט, אַפּאָנעם, ניט געקאָנט נעמען דאָס מילכל אין די הענט אַרײַן אַזוי, עס זאָל כאָטש אַמאָל עפּעס אָפּמאָלן. איז געבליבן דאָס מילכל אַ קײַ־לעכדיקער יאָסעם, געשטאַנען איינזאַם אויפן בערגל אונטערן דאָרף, אָפט געפּאַטשט מיט די פליגל, ווי געקליבן זיך אוועקפליִען. די ערשטע צײַט איז געווען כאָטש אַ ביסל מעל פאַר

די מײַז, נאָר אויך זיי האָבן שוין באַוויזן אויסלעקן ווו א שטויבעלע פון די ווענט, פונעם מילשטיין, פון אַלע ווינקעלעך און שפּאַרונקעלעך. איז ניטאָ שוין אַפילו ווער ס׳זאָל אַמאָל א פּישטשע טאָן. פילט זיך דאָס מילכל נאָך עלנטער און איז שוין ניט צופרידן מיט די ווינטן, אַף וועלכע ס׳האָט שטענדיק אַרויסגעקוקט, ווי אַף א גרויסן יאָמטעוו. די פליגל זײַנען ווי צוגעבונדענע, דרייען זיך קאָנען זיי ניט, און די ווינטן רײַסן פון זיי שטיקער, פליקן אַלעמאָל אָפּ אַן אַנדער בלעטל. אַמאָל איז דאָס געווען אַן עכטע מיל מיט גאַנצע פיר פליגל. די לעצטע צײַט איז געבליבן בלויז צוויי. איין פליגל איז פאַריסן אַרויף, ווי עפּעס רעכטס, און דער צווייטער הענגט אַראָפּ, ווי אַן אונטערגעהאַקטער. נאָר פאַר מיר איז אויך צוויי געווען גענוג. לויט זיי האָב איך געקענט פעסטשטעלן, ווו האַלט איך מיטן שטיקל וועג און ווו האַלט איך מיט מײַנע געדאַנקען. הײַנט האָט די ווינטמיל מיך פאַרפּירט. איך האָב זי באַמערקט ערשט דאַן, ווען איך בין צוגעגאַנגען צום בעסוילעם, וואָס געפינט זיך האַרט הינטערן דאָרף.

וואָס זשע איז געשען מיט דער ווינטמיל? זאָל זײַן, אַז דער נעפּל האָט זי פאַרשטעלט פאַר מיר, צי עפּשער האָט די זאַווערוכע זי אויך צעמאַזיקט? יאָ, אַזוי איז דאָס טאַקע. פון די צוויי פליגל איז געבליבן נאָר איינער, דער אונטערשטער. די ווינטמיל איז מיטאַמאָל געוואָרן נידעריקער אַף א קאָפּ, אויסגעזען, ווי עפּעס א פאַרלאָזטע כאַלאַבודע. דער אונטערשטער פליגל איז אַראָפּגעהאַנגען, ווי א פאַרווונדעטער גליד, מאַכטלאָז געשאָקלט זיך אַהין און אַהער און אַלעמאָל אָפּגעוואָרפן פון זיך אַן אָפּגעשטאָרבן ברעטל, וואָס האָט געמוזט זיך אַליין מעקאַבער זײַן אינעם טיפן שניי.

האָב איך שוין געמוזט אָפּזעגענען זיך מיט יענעם האַרבסטיקן פרימאָרגן באַם סאַמע אָנהייב און א טראַכט טאָן וועגן דעם, וואָס די זאַווערוכע האָט געקאָנט אָפּטאָן אין אַלע איבעריקע דערפער.

דער אויסזען פון סלאַדקאָוואָדנע האָט א ביסל באַרויִקט. עס איז ניט צו זען, אַז די זאַווערוכע זאָל דאָ געווען אַזוי הוליען, ווי אַף אונדזער יישעוו. איז דער פּלאַנטאַזש טאַקע א קויעך. ער האָט ניט געלאָזט די זאַווערוכע צעבושעווען זיך אין דאָרף. האָט דער שניי געלייגט זיך אַף דער ערד גלײַכמעסיק, ניט אָנגעשלײַדערט קיין מעשונעדיקע קוטשעהורעס. מע קאָן שוין זען די סטעזשקעלעך, וואָס זײַנען דורכגעטראָטן איבער דער גאַס. פון שטוב צו שטוב, פון הויף צו הויף. יאָ, זיי, די אַלטע פויערים, זײַנען מיסטאַמע געוווינט צו אַזעלכע זאַכן און האָבן גאַנץ רויִק איבערגעלעבט די דרײַ טעג אָן דער הילף פונעם פּאַרזיצער פון דאָרפּראַט. האָב איך שוין געקאָנט טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן: צי האָט מייער־לייב זיך שוין אויסגעדונגען מיטן קאָלווירט פאַר זײַנע פערד און זיי איבערגעלאָזט אַפן קאָלווירטישן הויף, צי ער האַלט זיי נאָך אין איין פירן אַהין און צוריק?

אין דאָרף איז דער שניי א ביסל האַרטער, צונויפגעקלאַפּטער, און די פיס פילן זיך זיכערער אַפן גלײַכן שנייִיקן אויסבעט. ערטערווײַז האָט ער נאָך אַפילו ניט אָנגעווירן דעם סקריפּ, ניט געקוקט אַפן נעפּל. ער איז שוין ניט אַזאַ שאַרפער, דער סקריפּ, ערטערווײַז מיט א ווייך קוויטשעלע, גלײַך ס׳איז צווישן די פיס דורכגעלאָפן אַן איבערגעשראָקן מײַזל. און דאָך האָט אויך דאָ עפּעס זיך געענדערט. פריִער האָט מען פון אַלע ווינקעלעך געזען דעם אייבערשטן פליגל פון דער ווינטמיל. איצט, ווי נאָר איך בין אַרײַן אין דאָרף, איז די ווינטמיל אינגאַנצן פאַרשוווּנדן, ערגעץ שטייט זיך אַפן בערגל דאָס מילכל מיט די אָפּגעפּליקטע פליגל, נאָר ס׳האָט שוין ניט צו טאָן מיטן דאָרף. און א געפיל אַזאַ, אַז פאַר די דרײַ מעסלעס איז עפּעס אָפּגעפאַלן, עפּעס געמינערט געוואָרן. פון דעם אַליין איז געוואָרן א ביסל אומעטיקלעך. גלײַך איך אַליין האָב דערפון עפּעס פאַרלוירן. כאָטש, אַלס פּאַרזיצער פון דאָרפּראַט, בין איך מעכוייעוו געווען טראַכטן מערער פּראַקטיש: וואָס דאַרף מען טאָן אַף פאַריכטן דאָס מילכל, די פליגל זאָלן ווידער אָנהייבן דרייען זיך, מע זאָל קאָנען מאָלן כאָטש פּאָשעטן דערט פאַר די פערד. נאָר גראָד דאָס איז מיר דאַן אַפן געדאַנק ניט געקומען.

דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען אײַנגעטונקען אין זויבערער ווײַסקײַט. די הײַזער, די דעכער, די ביימער און די פּלויטן. אַפילו די סטעזשקעלעך האָבן אויך פאַרהיט אַף זיך די שעמערירנדיקע ווײַסקײַט. דערפאַר האָט די ווײַסע ציג, וואָס איז געשטאַנען צוגעבונדן צום פּלויט לעבן דאָרפּראַט, מיר אויסגעזען, ווי אויסגעקלעפּט פון שניי.

אַפּאָנעם, אַז ער וועט מיך באַגלייטן דאָס גאַנצע לעבן מײַנס, דער כאָלעם פון מײַן ווײַטער קינדהײַט, וואָס הייבט זיך שטענדיק אָן פון א ציג. די ציג, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט, און דאָס צאַפּעלע, וואָס דער טאַטע האָט פאַרקויפט איציע דעם קאַצעוו. די ציגן, וואָס זײַנען אומגעקומען בייסן דעניקינישן פּאָגראָם באַ אונדז אין כאַשטשעוואַטע. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט א ביסל פונדערווײַטנס און באַקוקט די שנייִיקע ציג, וואָס איז א ביסל

געוועזן ענלעך אױף כאַים־בערס פאַרפרוירענעם אָגער, אַ ביסל אױף דער פאַרבלאָנדזשעטער דראַכוועס און אַ ביסל אױף די בריִעס פונעם אַלטן עליעס מײַסעלעך.

נאָר די ציג איז געווען ניט קײן שנײַיקע. דאָס איז געווען אַן עמעסדיקע, אַ לעבעדיקע ציג, וואָס איז דאָ געשטאַנען פון פריִען באַגינען און אַרויסגעקוקט אַפּן פאַרזיצער פון דאָרפּ־ראַט, ער זאָל לײזן איר גוירל.

5

דאָס שמאָלע צימערל מיט דער נידעריקער סטעליע, מיט די צוויי קלײנינקע פענצטער־לעך, אין וועלכע ס׳האָבן ניט אופגעהערט קלאַפּן די קרומלעכע דרויסנדיקע לאָדן, איז גע־וואָרן דאָס אָרט, וווהין מע האָט געהאַלטן אין אײן גײן פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין אָוונט. דאָ האָט געפראַוועט די מעלוכע אונדזער נײַגעבוירענער דאָרפראַט, כאָטש דאָס דאָזיקע שמאָלע און ענגע צימערל האָט אים קײן איבעריקן קאָוועד צוגעגעבן ניט געקאָנט. דערצו איז דאָס געווען ניט אונדזער אײגענע דירע, נאָר אַ געדונגענע. מיר האָבן עפּשער געקאָנט קריגן אַ בעסערע, נאָר די דירע איז געווען אין סאַמע צענטער פון דאָרף, פונקט קעגן דער קאָנטאָר פונעם קאָלווירט „אַוואַנגאַרד“, די דריטע שטוב פון דער מילך־גײזעלשאַפט און קעז־זאַוואָד און די פינפטע שטוב פון דער היגער אָנפאַנג־שול. קײן בעסער אָרט האָט מען ניט געדאַרפט. די באַלעבאַטים זײַנען אויך געווען פאַר אונדז ווי אָנגעמאָסטן. אַ יונג פּאָרפאָלק, וואָס האָט נאָך גאָרנישט ניט אָנגעוווירן, ניט ער פון זײַן ייִנגלשן שטאָלץ און ניט זי פון איר מײדלשן כײן, און ס׳איז מאַמעש געווען צו באַוווּנדערן, ווען האָבן זײ שוין באַוויזן ברענגען אױף דער וועלט צוויי ייִנגעלעך. זײ האָבן עס אונדז פאַרדונגען דאָס גרעסערע צימערל פאַר אַ צענערל אַ כודעש, און אַלײן מיט די צוויי פּיצלעך געבליבן אין אַ קלײן אַלקערל און אין אַ נאָך קלענער קיכל. ווײס איך ניט, וואָס האָט מערער געגומען די יונגע באַלעבאַטים אונדזערע: צי דאָס צענערל, צי דער טומל, די בלאַטע און דער טוטין־רויך פונעם גאַנצן דאָרף, וואָס זײ האָבן שטענדיק געהאַט אין שטוב. עפּשער איז זײ אַלץ ליב געווען, ווײַל אײנײנעם מיטן רויך און מיט דער בלאָטע האָבן זײ געהאַט בא זיך אין שטוב אַלע דאָרפישע נײַסן, ווי נאָר זײ זײַנען געבוירן געוואָרן.

יאָ, דאָס ענגע און שמאָלע צימערל מיט די קרומע אַראָפּגעהאַנגענע דרויסנדיקע לאָדן האָט קײן איבעריקן קאָוועד דעם דאָרפראַט ניט צוגעגעבן. דער פאַרזיצער אַלײן, מיט זײַנע געלאַטעטע שטיוול און אָפּגעריבענעם סוויטקעלע, מיט זײַן גאַנצן הוילעך און מיט זײַנע שטענ־דיק פאַרכאָלעמטע אויגן, האָט אויך קײן איבעריקן אָפּשײַ ניט אַרויסגערופן. מעגלעך דער־פאַר האָט דער היגער אוילעם ניט איבעריק געײַלט אָפּצאָלן די שטײַערן, אויספּילן די פלע־נער פון ברויט־פאַרגרײטונג און דעקן אַנדערע כויוועס פון פאַראײאַרן און פאַרצווייײאָרן. די גאַנצע מײַסע מיטן דאָרפראַט האָט בא זײ אויסגעזען ניט ערנסט.

דערפאַר איז מיטאַמאָל בא אַלעמען אופגעקומען אַן אומבאַגרײַפלעכע באַדערפעניש אין ספּראַווקעס. עפּעס אַ מין פיבער, אַ דאָרשט אַזאַ, וואָס איז שווער געווען צו שטילן. יונג און אַלט האָבן דרינגענדיק באַדאַרפט האָבן ספּראַווקעס. ווען מע איז געבוירן געוואָרן, ווער מע איז אַלײן און ווער זײַנען די עלטערן, וויפל פאַרמאָגט מען קינדער אין שטוב און וויפל פערד אין שטאַל. דער אײניקן איז מיסטאַמע געווען אַ גאַנץ פּאַשעטער: וויבאַלד מע האָט דעם דאָרפראַט בא זיך אין דער הײם, און וויבאַלד קײן געלט קאָסט עס ניט, דאַרף מען זיך באַזאָרגן מיט אַלע ספּראַווקעס, וואָס קאָנען אַמאָל צוניץ קומען. ווער ווײסט, וויפל דער דאָרפראַט קאָן זיך האַלטן בא זײ? מע זעט דאָך, ער האָט אַפילע ניט קײן אײגן ווינקעלע. דאַרף מען אָנעמען ספּראַווקעס, וויפל ס׳וועט זיך לאָזן, ס׳זאָל דערנאָך ווידער ניט אויסקומען גײן נאָך זײ זיבן וועורסט קײן זעליאָנאָפּאָל.

קײן גרויסע ירושע האָבן מיר פון זעליאָנאָפּאָלער דאָרפראַט ניט באַקומען. בלויז צוויי גראָבע ביכער. אײן בוך האָט געהערט צו די מערער נײַע צײַטן, געהײסן האָט ער „הויף־בוך“ און אין אים איז געווען פאַרשריבן יעדער פויערשער הויף מיט זײַן הויזגעזינד, מיט זײַן ערד־נאַכלע און מיט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט: די פערד, די קי און קעלבלעך, דאָס ביסל אויפעס און אויך דער אינווענטאַר — די פלוגן, בוקערס, זײעלקעס און באַראָנעס. דער צוויי־טער בוך איז געווען פון גאָר אַן אַנדער מין. שוין היפש אין די יאָרן, פאַרגעלט און אָפּגע־פליקט, מיט עפּעס אַ באַזונדערן רײעך, אַ ביסל אַן עסעריקער, אַ ביסל אַ שטיקנדיקער, אַ רײעך, וואָס קלײַבט זיך אָן פאַר פיל יאָרן, אַ רײעך פון אײגענער פאַרלעגערטקײַט און פון

דעם, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַף אים די פליגן, באַבעלעך און אַנדערע דריבנע באַלעכאָים, פּליִענדיקע און פויזענדיקע. גראָד אָט דער בוך האָט אַרויסגערופן בא די סלאַדקאָוואַדנער אַ באַזונדערן אינטערעס, ווען ער האָט נאָך אַזויפיל יאָרן ליגן — פּריִער אינעם גראַפּסקויער „פּריקאַז", דערנאָך אין זעליאָנאָפּאָלער דאַרפּראַט, איבערגעקליבן זיך צו זיי אַליין, צו די, וועלכע זײַנען אין אים פאַרשריבן. מעגלעך, אַז דער בוך אַליין איז געווען די סיבע פון דעם פּלוצעמדיקן אופגעוואַקסענעם נאָכפרעג אַף די ספּראַווקעס. יעדערן האָט זיך פּאַשעט געוואָלט, מע זאָל פאַר אים דורכבלעטערן אָט דעם אויסטערלישן סייפער, אין וועלכן ער האָט געקאָנט אַף אַ ווײַלע זיך באַגעגענען מיט זײַן זיידן און עלטערזיידן, מיט זײַנע אורעלטערן, וואָס האָבן מיט הונדערט יאָר צוריק אָנגעהויבן באַוווינען דעם ווילדן סטעפּ.

געווען אַמאָל באַם „פּריקאַז" אַ קאַזיאָנער ראַבינער, וואָס האָט געפירט אָט די ביכער פאַר יעדער דאָרף באַזונדער. דער נאָמען פונעם בוך איז געווען אָנגעשריבן אַף צוויי שפּראַכן: „סייפער האַכאָים וועהאַמאָוועס".

דאָס האָט יענער ראַבינער געוויס אַליין אָנגעמאָלט מיט געדרוקטע אויסיִעס, אָנגעמאָלט ווער ווייסט ווען. זיי האָבן שוין לאַנג אָנגעווירן זייער אַמאָליקע פאַרב, זייער פּינקטלעכן געמעל, שטאַרק צעשוווּמען זיך און זיך צונויפגעגאָסן איין אָס מיטן אַנדערן. דער רוסישער נאָמען פונעם בוך האָט געהייסן: «Книга записей рождения и смерти»

די רוסישע אויסיִעס, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אין אַ דרוקערײַ, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר מערער שטאַנדהאַפטיק.

מיר אַליין איז אויך געווען אינטערעסאַנט בלעטערן דעם בוך. איך האָב זייער געוואָלט דערוויסן זיך דעם סאָד פון די פאַרמולירונגען, מיט וועלכע ס'האָט אָפּעריִרט יענער ראַבינער:

Умер от акадахас.
Умер от ашахефес.
Умер по воле божией.

און אַזוי — גאַנצע זײַטלעך, איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן... איז דאָס טאַקע געווען, ווי דער אַלטער עליע האָט דערציילט. דאָס צעניאָריקע קאַדאָכעס האָט געקאָסיעט מיט אַ שאַרפער קאָסע און ניט געשוינט קיינעם ניט. ווען עס האָט אויסגעכאַפּט דער קאַדאָכעס, ווער ס'איז געשטאָרבן פון הונגער, פון אומרייניקײַט, פון שווינדזוכט.

נאָר דאָס האָט אַ שײַכעס בלויז צו די ערשטע זײַטלעך פונעם בוך. אַ ביסל שפּעטער באַווײַזן זיך זעלטענער אַזעלכע באַהויפּטונגען. פאַר אַלע איבעריקע האָט דער ראַבינער צוגעטראַכט אַ מערער אַלגעמיינע סיבע: «Умер по воле божией»

גאַנץ פּאַשעט, ווײַל גאָט האָט אַזוי געוואָלט. מעג דאָס זײַן אַ זאָקן, מעג דאָס זײַן אַ יונגערמאַן, עפּשער גאָר אַ קאַלע־מויד, נאָר מערער קיין יאָרן האָט גאָט פאַר זיי ניט געהאַט און ער האָט זיי צוגענומען צו זיך. אַזוי איז געווען זיכער דער קאַזיאָנער ראַבינער. יעדער זײַטל האָט ער געשלאָסן מיט זײַן אייגענעם צוגאָב, וועלכער איז פאַרן „פּריקאַז" געווען ניט אָבליגאַטאָריש: באָרוך דאַיאָן האָעמעס.

און שוין. איז מער, הייסט עס, ניטאָ וועגן וואָס צו רעדן און ס'איז ניטאָ צו וועמען קיין טײַנעס צו האָבן. פּאַשעט. אַזוי האָט גאָט געוואָלט.

האָבן די סלאַדקאָוואַדנער אָן איבעריקן כיישעק געצאָלט די שטײַערן און געווען גרויסע באַלאָנים אַף פאַרשיידענע ספּראַווקעס. מיר האָבן געהאַלטן אין איין בלעטערן דעם אַלטן בוך, געשטיקט זיך פון זײַנע פאַרלעגערטע רייכעס, און אַלעמאָל האָט עמעצער געמוזט אַ ניס טאָן. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז אַלץ, וואָס איז דאָ פאַרשריבן, איז ריינער עמעס.

די נײַע איבערוואַנדערער זײַנען פון שטײַערן געווען באַפרײַט, קיין יִיכעס־ביכער נאָך ניט געהאַט, און ביכלאַל נאָך גאָרנישט ניט געהאַט. זיי האָבן דאָ ערשט אָנגעהויבן זייער נײַע געשיכטע. נאָר ספּראַווקעס האָבן זיי געדאַרפט ניט ווייניקער פון די סלאַדקאָוואַדנער. און ניט נאָר קיין ספּראַווקעס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער דאַרפּראַט איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק זיי און צוליב זיי. זיי זאָלן האָבן וווּ און פאַר וועמען אויסלייגן אַלע זייערע טײַנעס, און ס'זאָל זײַן ווער ס'זאָל זיי שטיין אין זייערע נויטן. בא זיי איז אויך אויסגעקומען, אַז אין אַלץ איז שולדיק דער דאַרפּראַט. אין דעם, וואָס דער ווינט בלאָזט צו שטאַרק, אָדער בלאָזט אײַנגאַנצן ניט; אין דעם, וואָס די וועגט האָבן בא אייניקע ניט באַוויזן זיך אויסטרי־קענען און ס'האָט זיך אין זיי אַרײַנגעכאַפּט דער פּראָסט; אין דעם, וואָס בא איינעם איז די שטרוי נאַס און וויל ניט ברענען; וואָס באַם צווייטן קאָן זײַן ייִדענע זיך ניט אויסלערנען באַקן ברויט מיט שטרוי, און וואָס בא אַ דריטן איז שוין אײַנגאַנצן קיין שטרוי ניטאָ. בא איינעם האָט זיך געענדיקט די שטרוי, בא אַ צווייטן דאָס ביסל מעל... אַ דריטער וואָלט

געהאט אי שטרוי, אי מעל, ווײַל ער איז א באלמעלאָכע, האָט ער אָבער ניט אין וואָס ארויסגיין פון דער שטוב. וווהין זשע גיין מיט די אלטע טײַנעס, אויב ניט אין דאָרפראַט? באזונדערס, ווען דער פאָרזיצער אליין איז אויך א זייעריקער און וועדליק זײַן הווילעך, שטאמט ער ניט פון קיין גווירים.

אינעם ענגן צימערל איז געשטאנען בלויז איין טישל. נאָך פאר איינעם איז קיין אָרט ניט געווען. מע האָט דאָך געדארפט אוועקשטעלן כאָטש נאָך א פּאָר בענק בא די ווענט פארן אוילעם און א בענקל פאר דעם, וואָס קומט צו צום טישל. אייגנטלעך, האָט מען קיין צווייט טישל ניט געדארפט. די ספּראווקעס האָט געשריבן דער סעקרעטאר, און דורכשמועסן זיך מיט עמעצן אָדער אונטערשרײַבן א ספּראווקע האָט מען געקאָנט, זיצנדיק אָף דער באנק אָדער גאָר שטייענדיק.

די מאכט אין דאָרפראַט איז געווען פארטיילט גלײַך אָף גלײַך. דער פאָרזיצער איז גע־ווען פון די איבערוואנדערער, און דער סעקרעטאר פון די אלטע פויערים, פון די סלאדקאָ־וואָדנער. געווען אויך א באשטימטע צאָל מיטגלידער פון דאָרפראַט, וואָס האָבן יעדן כוידעש זיך צונויפגענומען אָף א זיצונג און געלייזט אלע פראגן, וואָס האָבן געדארפט געלייזט ווערן. אָן זיי וואָלט דער דאָרפראַט קיין דאָרפראַט ניט געווען. נאָר נאָך ערגער וואָלט מיר געווען אָן מײַנע צווי באשטענדיקע ראַטגעבער.

קיינער האָט זיי ניט אויסגעקליבן און קיינער האָט זיי ניט באשטימט. נאָר זיי האָבן זיך באוויזן אין דאָרפראַט אינײנעם מיט מיר, פארנומען זייערע ערטער איינער אנטקעגן דעם אנדערן אָף די בענק, און אלץ האָט אויסגעזען אזוי, גלײַך אנדערש קאָן גאָר ניט זײַן, גלײַך דאָס גאנצע לעבן האָבן זיי געוואַרט, אז אין סלאדקאָוואָדנע זאָל אופקומען א דאָרפראַט און זיי זאָלן פארנעמען זייערע ערטער אָף די דאָזיקע בענק.

צום אלטן עליען פון זעליאָנאָפּאָל, וואָס דארף אָט־אָט דערקלײַבן זיך צו די הונדערט יאָר, איז זיי נאָך געווען ווײַט, נאָר אין סלאדקאָוואָדנע איז קיין עלטערע פון זיי ניט געווען. מעגלעך, זיי האָבן שוין טאקע געהאלטן בא די אכציק, עפשער האָבן זיי נאָרוואָס געהאט אריבערגעשפּאנט די זיבעציק, נאָר געוווּסט האָבן זיי א סאך מער פון אנדערע, געדענקט אזעלכע זאכן, וואָס האָבן פאר אלעמען געקלונגען ווי מײַסעלעך.

יענער, וואָס האָט געהייסן הילעל, האָט געהערט גראָד צום בייס־שאמײַ. שווער געווען צו זאָגן, פארוואָס איז ער אזוי באַרויגעז אָף זײַנע דאָרפסלײַט, פארוואָס מישפּעט ער זיי אזוי שטרענג, און פארוואָס גיט ער צו צו אלע זײַנע האשאָרעס און ארויסזאָגונגען א ביסעלע פון זײַן אייגענער גאל. געווען איז ער הויך און דאר, און איבער זײַן לאנג אויסגעצויגענעם האלדז האָט די גאנצע צײַט ארומגעשפּרונגען דאָס גערגעלע, געשפּרונגען אראָפּ און ארויף, אזוי אז אלע האָבן געקענט זען, ווי ער האלט אין איין אויסארבעטן און ארויסצײַען פון זיך די גאל. אפילע דורך דער באָרד האָט מען אויך געקענט זען, ווי דאָס גערגעלע ארבעט מײַסים. ווײַל כאָטש זי איז געווען לאנג, די באָרד, לאנג און ווײַס, איז זי די לעצטע יאָרן געוואָרן וואָס אמאָל שיטערער. די צוקילעכץ האָט ער געטראָגן מיט זיך ווער ווייסט וויפל יאָרן. א צוקילעכץ, וואָס האָט זומער און ווינטער געגעבן צו וויסן וועגן זיך מיט א טרוקענעם הוסט און מיט שטענדיק אָנגעטרערטע אויגן.

דער טוטין זײַנער איז אויך געווען א בייזער, א הארבער, אָף דערשטיקט צו ווערן. ער האָט געריכערט און געהוסט, געהוסט און אפּצולאָכעס זיך אליין ווידער געריכערט, און דער שטיקנדיקער רויך פון זײַן גראָבן ציגײַער, ווי פון פיל אנדערע, איז א גאנצן טאָג גע־האנגען איבערן צימער.

דער צווייטער האָט געהייסן עזרע. מיט זײַן גוטהארציקײַט, מיט זײַן פארלאנג אלץ מאטיר זײַן, געפינען אָף אלץ א טערעץ און פאר יעדערן א מעכילע, האָט ער געקאָנט פארעכנט ווערן צו בייס־הילעל. מיט אלע זײַנע מידעס האָט ער ווי אונטערגענומען זיך דער־ווײַזן, אז דאָס, וואָס מענטשן זאָגן, אז קאָל מום רא — איז א ליגן. ווײַל כאָטש ער האָט געהונקען אָף א פוס און אויסגעזען, גלײַך עמעצער האָט אים צוגעפלעטשט און געמאכט אים אָף א קאָפּ נידעריקער, איז אים די וועלט ליב, דאָס לעבן נאָך ליבער און ער האָט צו קיינעם קיין טײַנעס ניט. דער איינציקער כעט זײַנער איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אמאָל זיך פארגונען א שפּאָט טאָן פון זײַנעם א שאָכן. נאָר דאָס האָט מען אים געקענט מויכל זײַן, ווײַל מערער פון אלץ האָט ער געשפעטט פון זיך אליין, פון זײַן צוגעפלעטשט בערדל און פון זײַן פּאָנעם, וואָס איז ענלעך אָף א האלבער לעוואָנע.

הילעל פון בייס־שאמײַ איז שטענדיק געזעסן אָף דער רעכטער באנק, ניט ווײַט פונעם טישל, און עזרע פון בייס־הילעל האָט שטענדיק זיך צוגעזעצט אָף דער לינקער באנק ניט ווײַט פון דער טיר. און יעדערער, וואָס איז ארײַנגעקומען אין דאָרפראַט, האָט צוערשט

דערפילט אַף זיך עזרעס דערמונטערנדיקע האַלבע לעוואָנע און דערנאָך הילעלס בייזע, אָנגעטערטע אויגן. ערשט דערנאָך האָט ער געקאָנט צוקומען צום טישל און אויסלייגן זײַנע טײַנעס דעם פּאַרזיצער אָדער אויסהערן אונדזערע טײַנעס צו אים.

און אָפּטמאָל, טאַקע גאַנץ אָפט האָט מיר זיך געדוכט, אַז איך הער עפּעס גאָר אַן אַלטן, לאַנגאָניקן ניגן, וואָס איז זייער ענלעך אַף דעם, מיט וועלכן מיר האָבן אַמאָל אויסגעזונגען: בייס־שאַמײַ אוימרים...

דאָס האָט דער בייזער הילעל אַ ברום געטאָן:

— נישקאָשע, ער האָט פונוואַנען. ער איז ניט קראַנק צו באַצאָלן צווײ מאָל אַזויפיל, און טאַקע שוין...

און גלײַך טוט אַ קלונג אַ דינע, ווייכע שטים, פול מיט גוטסקײַט, וואָס איז זייער ענלעך אַף יענעם: בייס־הילעל מאַטירין...

דאָס פרווּט עזרע מיט זײַן שטיל שמייכעלע לינדערן דעם בייזן פּסק:

— ס'איז ניט אַזוי די מײַסע... און פונוואַנען ווייסט מען דאָס?..

איך מוז זיך אַליין אופּוועקן, באַפרײַען זיך פונעם לאַנגאָניקן ניגן און שטרענג אָנזאָגן זיך אַליין, אַז איך דאַרף וועגן דעם אַלעמאָל האָבן מײַן אייגענע מיינונג, מײַן אייגענע ליניע און געדענקען, וואָס כאַים שלאָכטער האָט מיר אָנגעזאָגט — דעריקער איז אָפּהיטן די קלאַסן־ליניע.

געוועזן אין דאָרפּראַט נאָך איין ניט קיין אויסגעקליבענער און ניט קיין באַשטימטער ראַטגעבער — די באַלעבאָסטע אונדזערע. געהייסן האָט זי כאַסיע און איז געווען פול מיט פּאַרדראָס אַף זיך אַליין, וואָס זי האָט צו פרי כאַסענע געהאַט און צו פרי געבוירן צוויי קינדער. זי איז נאָך אַלץ געווען פול מיט יענער מיידלשער לוסטיקײַט און זאָרגלאָזיקײַט, און געקוקט אַף איר שטוב, אַף איר באַלעבאַטישקײַט און אַף איר מאַן, ווי די סלאַדקאָוואָד־נער באַלעבאַטים אַף אונדזער דאָרפּראַט, אַז דאָס אַלץ איז ניט ערנסט און ניט אַף לאַנג, און מע קאָן מיט דעם ניט איבעריק זיך רעכענען. אַלנפאַלס, ניט איבעריק זיך נעמען צום האַרצן. זי האָט געוווּסט פון אַלע שווערע הערצער, איז שטענדיק געווען פול מיט דאָרפישע נײַס, און אירע שוואַרצע קאַרשן־אויגן האָבן געפלאַמט מיט דאָרשט און מיט נײַגער. איר איז שטענדיק געווען קאַרג דאָס, וואָס זי ווייסט, און האָט געמוזט גלײַך אויסשיטן אַלע נײַסן פאַר אַלע אירע שכיינים. פון איר האָב איך זיך געקאָנט דערוויסן סאַמע דאָס פאַרבאָרגנסטע, אַזוינס, וואָס קאָן ניט דיסקאַנטירט ווערן אין קיין שום סוואָדקעס, אין קיין שום אַקטן און אין וועלכן־ניט־איז בוך, סײַ פון די אַלטע, סײַ פון די נײַע.

איר מאַן, דאַניעל, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געפּאָרעט אַפן הויף און אין שטאַל, האָט שוין געוויס כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט פאַרדונגען דעם צימער פאַרן דאָרפּראַט. ניט איין מאָל האָט ער זיך געבייזערט אַף זײַן כאַסיען, וואָס זי האָט פאַרנאַכלעסיקט די שטוב און גיט אָפּ ווייניק אַכטונג די קינדער. נאָר כאַסיע איז געווען פאַרכאַפּט, זי האָט פאַרקלינעט זיך פון די נײַסן, וואָס זײַנען גאַנצענע טעג מאַמעש געשוווּמען צו איר אין די הענט אַרײַן, צו איר אין שטוב אַרײַן, און קיין בעסערס פאַר זיך ניט געדאַרפט און ניט באַגערט.

אַפילע ווען זי האָט געמוזט עפּעס אָפּקאָכן אָדער אָפּבאַקן, האָט זי ניט געקענט פויעלן בא זיך דורכלאָזן עפּעס פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אינעם פאַרדונגענעם צימער. דערפאַר איז דאָס טירל פון דער קיך געשטאַנען אָפן, און בא אונדז אין דאָרפּראַט האָט שטענדיק געשמעקט מיט געבראָטענע קאַרטאָפל, מיט זויערע אוגערקעס, מיט איבערגעשטאַנענער סמע־טענע און אָפּטמאָל מיט פרישע פּלעצלעך. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די שטוב־אַרבעטן, לויפט זי גלײַך אַרויס אין פירהויז און בלײַבט שטיין לעבן אונדזער טיר. איר לענגלעך פּאָנעם פלאַמט, אירע צעעפנטע קאַרשן־אויגן זעען אויס נאָך גרעסער, ווי אינדערעמעסן, און איר פרעגנדיק שמייכעלע איז פול מיט געבעט, מע זאָל איר זאָגן, צי האָט זי ניט דורכגעלאָזט עפּעס וויכטיקס. פון אַלע נײַסן האָט זי מערער פאַר אַלץ ליב געהאַט געשיכטעס וועגן כאַ־סענעס און געטן.

און נאָך איין גוטע מײַלע האָט געהאַט אונדזער יונגע באַלעבאָסטע. אַף מײַן פּאָנעם, אין מײַנע אויגן האָט זי שטענדיק איבערגעלייענט, ווען האָב איך געפרישטיקט און ווען ניט, ווען בין איך זאַט און ווען הונגעריק, און געקאָנט לאַנג טשאַטעווען, דאָס צימערל זאָל ווערן אַ ביסל פרײַ, זי זאָל מיר אונטערוקן אַ שטיקל פּלעצל אָדער אַ פּאָר נאַרוואָס אָפּגעבראָטענע קאַרטאָפל. זי האָט שטענדיק צוגעטראָפן, ווײַל איך האָב אַרומגעשפּאַנט פון איין יישעוו צום צווייטן זעלטן ווען אַ זאַטער.

...די שניי־ווײַסע ציג, וואָס איז געשטאַנען צוגעבונדן צום פּלויט, האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ מעקע געטאָן, געבנדיק אָנצוהערן, אַז זי שטייט שוין דאָ לאַנג, איז שוין היפּש פאַרפרוירן, און אַז זי וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ ביסל היי אָדער כאָטש אַ בינטעלע געוויינלעכער שטרוי. ווער האָט זי אַהער געבראַכט און וואָס האָט זי דאָ צו טאָן, האָט זי, פאַרשטייט זיך, דערקלערן ניט געקאָנט, נאָר כאַסיע, וואָס האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אַף מיר פון איר קיכל, איז אַרויס אַנטקעגן און אַ שאָס געטאָן מיט אירע נײַ־געריקע קאַרשן־אויגן אַף רעכטס, ווײַזנדיק אַף דעם פאַרפאַלק, וואָס וואַרט אַף מיר. זי איז געוויס געווען די ערשטע, וואָס האָט זיי אופגענומען, געהאַלטן בא זיך אין קיכל, ביז זיי האָבן זיך אַ ביסל אָנגעוואַרעמט און ביז זיי האָבן איר אויסדערציילט זייער געשיכטע. האָט זי דעם אָנהייב שוין געוווּסט און איצט ניט געקאָנט דערוואַרטן זיך, ווי וועט אויסזען דער סאָף.

אין דאָרפּראַט איז אַלץ געווען ווי געוויינלעך. גלײַך עס איז ניט געווען אַף דער וועלט קיין זאַווערוכע, גלײַך עס זײַנען ניט געווען יענע דרײַ מעסלעסן, ווען עס האָט זיך אויסגע־מישט דער טאָג מיט דער נאַכט, דער הימל מיט דער ערד, און ווען די ערד אַליין איז פאַר־פלויגן ערגעץ אין אַזאַ פאַרזאַווערוכעטע ווינקל, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט קיינמאָל זיך פון דאָרטן ניט אַרויסקלײַבן. באַם קאָסעוואַטע טישל איז געזעסן דער סעקרעטאַר פון דאָרפּראַט זיאַמע בערדישעוו און מיט זײַן געוויינלעכער רויִקײַט און געלאַסנקײַט אָנגעשריבן אָדער איבערגעשריבן עפּעס אַ פּאַפּירל, אַרויספירנדיק און אויסשטעלנדיק אַפּן פּאַפּיר יעדער אָס באַזונדער. זיי האָבן זיך שטענדיק באַקומען בא אים, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט, גלײַכע און קײַלעכיקע, מיט לאַנגע פיסעלעך און מיט פולע בײַכעלעך, אויסיִעס, ווי לעבעדיקע ברִיעס. איך בין אים שטענדיק מעקאַנע געווען אַף זײַן שיינעם קסאַוו, וואָס האָט צוגעגעבן יעדער ספּראַווקע אַ באַזונדערע וואָג און ווערט. איך בין אים מעקאַנע געווען אַף זײַן קסאַוו, אַף זײַן ציכטיקן אויסזען, אַף זײַן שטענדיק ריין ראַזירט פּאָנעם, אַף זײַן ווײַס העמדל און צוגעפּוצטע שיך, אַף אַלץ, וואָס איז אויך געווען אויסגערעכנט אַף אויסצונעמען באַם אוילעם.

אַף דער רעכטער באַנק איז, ווי שטענדיק, געזעסן הילעל פון בייס־שאַמײַ, גערייכערט זײַן בייזן טוטין און געהוסט. זײַן לאַנגע שיטערע באָרד האָט געציטערט מיט אַ דריבנע ציטערל, און מע האָט קלאָר געזען, ווי זײַן גערגעלע האַלט אין איין אַרומטאַנצן איבערן לאַנגן און דאַרן האַלדז, און פון זײַנע אויגן זײַנען ווי געוויינלעך גערונען די טרערן און פאַרשווונדן געוואָרן ערגעץ אין זײַן פאַרוואַקסענעם פּאָנעם. אַף דער לינקער באַנק לעבן דער טיר איז געזעסן עזרע פון בייס־הילעל און עפּעס אײַנגעטײַנעט מיטן פאַרפאַלק. אַפּאַ־נעם, אַז ער האָט זיי געזאָגט עפּעס זייער וויכטיקס און זייער טרייסטנדיקס, ווײַל דאָס פּאָרל האָט געהערט זייער אופמערקזאַם, דער מאַן האָט האַסקאַמעדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און די פרוי האָט געריבן מיט די פינגער די צונויפגעשנורעוועטע ליפּן.

— ס'איז עפּעס דאָ דרינגענדיקס פון ראַיאָן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם סעקרעטאַר.

זיאַמע האָט זיך אַ הייב געטאָן פונעם בענקל, סײַ אַף אָפּטרעטן מיר דאָס אָרט און סײַ אַף ווײַזן זײַנע פריש אויסגעפּרעסטע הויזן און גלאַנצנדיקע שיך.

— קיין שום דרינגענדיקס, — האָט ער אָפּגעענטפערט, — עטלעכע געוויינלעכע צירקו־לאַרן, — און אַ ווײַז געטאָן אַפּן פאַרפאַלק: — אָט, זיי וואַרטן.

אײַנײנעם מיטן פאַרפאַלק האָט אויך עזרע זיך צוגערוקט נעענטער צום טיש. ער האָט שוין אויך געוווּסט זייער געשיכטע. מיסטאָמע שוין געהאַט בא זיך עטלעכע אייצעס און געוואָלט וויסן, וואָס איך וועל זאָגן. לויט דעם, ווי עזרע האָט אַ קוק געטאָן אַף הילעלן, האָט מען אויך געקאָנט באַמערקן, אַז זיי האָבן ביז מײַן קומען שוין באַוויזן באַהאַנדלען דעם איניען, און זייערע מיינונגען גייען זיך, ווי שטענדיק, פאַנאַנדער.

איבערדערציילן די געשיכטע איז ניט אַזוי גרינג, ווײַל זי איז געווען פאַרפּלאָנטערט פונעם אָנהייב אָן.

שוניע האָט נאָר באַוויזן זאָגן, אַז ער שטאַמט פון זשוואַנעץ, האָט די פרוי זײַנע, מוניע, גענומען דערווײַזן, אַז זיי זײַנען גאָר נײַ־אושיצער, און ס'איז אַוועק אַ שפּאַרעניש צווישן שוניען מיט מוניען. ס'איז גלײַך געוואָרן קלאָר, אַז דער רעדלפירער איז זי, מוניע, ווײַל, ערשטנס, איז זי מיט אַ קאָפּ העכער פון איר מאַן, צווייטנס, פאַרמאָגט זי אַ שטים אַף מעקאַנע צו זײַן. קעגן איר זעט שוניע אויס אַ נעבעכל, מיט אַ דין און שטיל קעלעכל, קוים וואָס מע הערט עס. איז אים ניט גרינג געווען דערווײַזן, אַז ער אַליין איז טאַקע אַ זשוואַנעצער, און אַ נײַ־אושיצער איז ער געוואָרן נאָך דער כאַסענע.

— און די ציג? — האָט אַ ברום געטאָן מוניע.

יאָ, די ציג איז אויך אַ נײַ־אושיצער. ס'הייסט, ניט אָט די ציג, די ציג איז גראָד אַ מינקאָוויצער, נאָר די מאַמע אירע שטאַמט פון נײַ־אושיצע. דערנאָך האָט מען זי פאַרקויפט

קיין מינקאָוועץ. נאָר די טאָכטער אירע, טאַקע אָט די ציג, וואָס שטייט באַם פּלויט, האָט זיך אומגעקערט קיין ניי־אָושיצע. דער טאַטע אירער, ס׳הייסט ניט דער ציגס טאַטע, נאָר מוניעס, האָט געקויפט אָט די ציג, ווייל בא זיי זיינען געווען דריי פּיצלעך קינדער, א סאַך קלענערע פון איר, פון מוניען. און די מאַמע איז געווען א קראַנקע, האָבן דאָקטוירים געזאָגט, אז זי מוז נייטיק האָבן ציגענע מילך, ווייל זי איז זייער פאַלוזיטעלנע, סיי פאַר די קינדער, סיי פאַר דער קראַנקער מאַמען. האָט דער טאַטע אַנטליען בא אוורעם־איציען, דעם שאָכן זייערן, וואָס האַנדלט מיט פעל, עטלעכע רובל און געבראַכט פון מינקאָוועץ אָט די ציג, און ווען די מאַמע איז געשטאָרבן און ווען זי, מוניע, הייסט עס, איז דערנאָך א קאַלע געוואָרן, האָט דער טאַטע געמוזט אוועקגעבן איר די ציג, ווייל קיין געלט אַף נאַדן איז באַם טאַטן ניט געווען און שוניען איז די ציג זייער געפעלן געוואָרן. מוניע האָט אַלץ דערציילט און דער־ציילט, אַלעמאָל אַליין פאַרפלאָנטערט די געשיכטע און געמוזט אַליין פאַר זיך אויסקלאָרן, וועגן וועמען עס גייט א רייד, מע זאָל, כאַלילע, ניט מיינען, אַז שוניען איז געפעלן געוואָרן די ציג מערער, ווי זי אַליין. נאָר מיר איז דאָס אַלץ וויניק וואָס אָנגעגאַנגען. מיר האָט געקלונגען אין די אויערן גאָר עפּעס אַנדערש, גלייך מוניע האָט דערציילט ניט וועגן זיך, נאָר איבערדערציילט מיין אייגענע געשיכטע. וויאַזוי די מאַמע האָט געטרוימט וועגן א ציג, וויאַזוי זי האָט אַלע טאָג געבעטן גאָט וועגן דעם, וויאַזוי אירע טפילעס זיינען דערהערט געוואָרן. וויאַזוי איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען בא אונדז אין שטוב א ביסל מילך. וויאַזוי די מאַמע האָט געבאַקן מילכיקע קנישעס פון הירזשענער קאַשע, און וויאַזוי... אַך, וויאַזוי... וויאַזוי די ציג איז אומגעקומען, און די מאַמע האָט ניט געהאַט מיט וואָס היילן איר צוקילעכץ. און געמוזט שטאַרבן...

שוניע מיט מוניען... מיסטאָמע האָט א שאַדכן געדאַרפט היפּש א האָרעווע טאָן אַף צונויפירן אַזעלכע פאַרשיידענע צוויי מענטשן. דערפאַר אָבער די נעמען! פון גאָט אַליין א זיוועג. שוניע מיט מוניען!

אַזוי זיינען זיי אַלע דריי, שוניע, מוניע און די ציג, אוועק אַף ערד און באַזעצט זיך אין פּערעצדאָרף.

פאַר די זיבן יאָר, זינט שוניע האָט כאַסענע געהאַט, האָט ער געהאַט גענוג צייט איבער־צייגן זיך, אַז דאָס ווייב וועט ער סיוויי ניט איבערעדן, און געלאָזט זי אויסרעדן זיך, וויפל זי האָט נאָר געוואָלט. נאָר ווען זי האָט אָנגעהויבן דערוויזן, אַז אין דעם, וואָס זיי האָבן קיין קינדער ניט, איז שולדיק ניט זי, איז שוניע געוואָרן אויסער־זיך. דאָס קליינע איינגע־פאַלענע פּענעמל האָט מיטאָמאָל זיך אָנגעבלאָזן, געוואָרן א סאַך פולער, צעפלאַמט זיך, ווי עפּעס רעכטס, און דאָס דינע קעלעכל האָט זיך צעקוויטשעט:

— מוניע, נעם איין א שטומעניש! ווייל אָט וועל איך...

און זי, מוניע, איז געלאָסן, מיט א גרינגע שמייכעלע, ווי מע פּרוווט איינשטילן א קליין קינד:

— נו, וואָס וועסטו? וועסט עפּשער דערוויזן, אַז ס׳איז ניט אַזוי?

כאַסיע איז אַלעמאָל אַרויס פון איר קיכל און א כאַפּ געטאָן מיטן אויג, ווי עס האַלט מיטן איניען. זי האָט זייער געוואָלט וויסן, צי ס׳וועט זיך ענדיקן מיט א געט צי ניין. אירע אויגן האָבן געפלאַקערט מיט אומגעדולד און מיט גרייטקייט שוין אויספירן צוויי נייע שידו־כים. נאָר צום געט איז נאָך געווען ווייט. און דער איניען איז באַשטאַנען ניט אין דעם, וואָס זיי האָבן קיין קינדער ניט, נאָר אינעם קאָלווירט. ער, שוניע, האָט זיך מאַמעש געריסן אין קאָלווירט, ווייל לויט זיין סייכל איז אויסגעקומען, אַז אין קאָלווירט... מיט איין וואָרט, אין קאָלווירט וועט זיין א סאַך בעסער. האָט אָבער מוניע זיך איינגעשפּאַרט: איינמאָל ניין, כאָטש האַק זי און בראַק זי, אין קאָלווירט גייט זי ניט. און ניט דערפאַר, וואָס זי איז קעגן קאָל־ווירט, נאָר טאָמער, כאַלילע, וועט מען דאַרפן אָפּגעבן אין קאָלווירט די ציג? האָט שוניע געזאָגט, אז אויב זי גייט ניט אין קאָלווירט, גייט ער אַליין, און זאָל זי בלייבן מיט דער ציג. אַזוי האָבן זיי זיך געקריגט און געשפּאַרט ביז דער זאַווערוכע. און דאַפקע אין איינעם פון אָט די זאַווערושנע טעג האָט שוניע אָן איר האַסקאָמע און אָן איר וויסן אוועקגעטראָגן א מעלדונג אין קאָלווירט. האָט שוין אין מוניען זיך צעשפּילט די אַמביציע. עס גייט איר שוין גאָר ניט אין קאָלווירט און ניט אין דער ציג, נאָר וואָס הייסט? וואָס הייסט, ער, שוניע, טוט אַף אַזאַ זאַך אָן איר וויסן? איז אויב אַזוי, — איז נאָר א געט. קיין קינדער מיט אים האָט זי סיוויי ניט, ווייל זי טאַקע וויסן, יאָ, זי וויל פּאַשעט וויסן... אַף א געט זיינען זיי ביידע מאַסקים. נאָר וויאַזוי טיילט מען זיך מיט דער ציג? אָט דאָס האָט זיי היינט, ווי נאָר די זאַווערוכע האָט זיך געשטילט, געבראַכט אין דאָרפראַט.

— און א קו האָט איר?

איך האָב דאָס געפרעגט, ווײַל יעדער איבערוואַנדערער האָט באַקומען קרעדיט אַף א קו. איז אויב זיי האָבן א קו, איז אַן אנדער איניען.

— צוליב וואָס אַרײַנקריכן אין נײַע כּיוועס, אַז מיר האָבן א ציג? איר ווייסט דען, ווי דער טאַטע האָט זיך אָנגעמוטשעט, ביז ער איז אַרויס פון די כּיוועס פאַר דער ציג? ווײַל יעדע וואָך האָט זיך געביטן דאָס געלט, פון קערענקעס אַף לאָפּאַטקעס, פון לאָפּאַטקעס אַף אָדעסער צענערלעך. דערנאָך איז אינגאַנצן געוואָרן אויס געלט. האָט אוורהם־איציע געפּאָרדערט, דער טאַטע זאָל אים אָפּצאָלן מיט צוקער אָדער מיט פּעל. און ווו זאָל דער טאַטע געוועזן נעמען פּעל? און צוקער? א מאָשל, צוקער גאָר...

— אָבער איצט איז דאָך גאָר עפּעס אנדערש.

— נו, איז וואָס? אַז מיר האָבן א ציג, און ציגענע מילך... איר האָט כאָטש אמאָל פאַר־זוכט דעם טאַם פון ציגענער מילך?

יאָ, דעם טאַם פון ציגענער מילך ווייס איך, און איך האָב אים פאַרגעדענקט אַף שטענדיק. און אויך דאָס האָב איך פאַרגעדענקט, ווי די מאַמע האָט פאַרבראָכן די הענט און געזעצט זיך שיווע נאָך דער אומגעקומענער ציג. און ווי זי האָט א לאַנגע צײַט ניט אופגעהערט באַווייגען זי, אונדזער ליבע ווײַסע ציג מיטן לאַנגן אײַטער און מיט די קורצע הערנערלעך.

— איז וואָס זשע שטערט אײַך די ציג?

מיר איז שווער געווען אַלעמאָל אַרויסרײַסן זיך פון מײַנע ווײַטע כאַלוימעס און אומקערן זיך צו דעם איצטיקן ציגענעם איניען.

— א מאָשל, די ציג איז דאָך מײַן נאַדן! — האָט מוניע אויסגעשריגן.

— עמעס, — האָט שוניע אַרויסגערעדט מיט זײַן שטיל קעלעכל. — נאָר דער נאַדן קומט דאָך מיר. עמעס, צי ניין? נאָר איך וויל ניט זײַן קיין שלעכטער און בין מאַסקים, מיר זאָלן זיך טיילן.

— ווי זשע טיילט מען א ציג?

דאָס איז שוין געווען א מין ווייגעשריי. און די שטים בא מוניען איז געווען אַזאַ, ווי זי קלײַבט זיך עמעצן באַווײנען. גוואַלד געשריגן, ווי טיילט מען עס א ציג?

יאָ, טאַקע, ווי טיילט מען עס א ציג. כאַפּ איך א קוק אַף הילעלן פון בייס־שאַמײַ און אַף עזרען פון בייס־הילעל.

— ווייסט איר וואָס, — האָב איך זיך אָנגערופן, — די ציג קאָן מען קוילען, פאַרקויפן דאָס פלייש און דאָס געלט צעטיילן אַף גלײַך.

— קוילען? — האָט מוניע זיך צעגוואַלדעוועט. — מײַן ציג קוילען? אַזאַ ציג! איר ווייסט, וויפל מילך זי גיט?

פאַר די דרײַ טעג האָבן זיך אָנגעקליבן א סאַך איניאָנים און דאָס צימערל פונעם דאָרפראַט איז פול געווען מיט מענטשן. שוניע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און איז שוין גרייט געווען מאַסקים זײַן. עפּשער האָט ער געקלערט וועגן דעם, אַז ס'איז ניט קיין מוז זי קוילען, מע קאָן זי פאַרקויפן א לעבעדיקע. ער האָט זיך געקליבן עפּעס זאָגן, נאָר מוניע האָט ווידער זיך צעגוואַלדעוועט:

— יידן, וואָס טוט זיך עס? אַזאַ ציג קוילען? וואָס איז די ציג שולדיק?

יאָ, ריכטיק. וואָס איז די ציג שולדיק? וואָס זײַנען ביכלאַל די ציגן שולדיק?.. אַלעמאָל האָט מיר א שלאָג געטאָן אין קאָפּ עפּעס פון יענעם, פון יענע ווײַטע טעג, ווען די דעניקינצעס האָבן אומגעבראַכט אַלע כאַטשעוואַטער ציגן. און מיר האָט זיך זייער געוואָלט צוטראַכטן אַזאַ פּסאַק, אַז די ציג זאָל גערעטעוועט ווערן.

— ווייסט איר וואָס? גייט אהיים און באַטראַכט זיך, און אין דרײַ טעג אַרום...

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט זיך אָנגערופן עזרע און זיגעריש א קוק געטאָן אַף הילעלן.

— ריכטיק, ריכטיק! דרײַ טעג!

— זאָלן זיי זיך באַטראַכטן!

— עס ברענט דאָך בא זיי ניט!

דאָס האָבן שוין געשריגן אײנער צום אַנדערן יענע, וואָס האָבן באַוויזן אָנפּאַקעווען דאָס צימערל פון די פענצטערלעך ביז דער טיר. דער פּסאַק איז אַלעמען געפעלן געוואָרן.

— דרײַ טעג... — שוניע האָט שטיל א זיפץ געטאָן. — און ווי זאָלן מיר קומען אין דרײַ טעג אַרום: מיט דער ציג צי אָן דער ציג?

מוניען איז, אַפּאָנעם, אויך געפעלן געוואָרן דער פּסאַק, און זי האָט געוויזן אַלעמען, אַז זי קאָן ניט נאָר גוואַלדעווען, נאָר שמייכלען אויך. געפרעגט האָט זי בלויז דערפאַר, ווײַל זי האָט נאָכאַמאָל זיך געוואָלט איבערצײַגן, אַז די ציג איז גערעטעוועט.

— ווי איר וועט באַשטימען, — האָב איך אָפּגעענטפערט. דאָס איז מוניען נאָך מערער געפעלן געוואָרן.

— ריכטיק, ריכטיק. דאָס איז שוין אונדזער זאַך. ווי מיר וועלן באַשטימען!

כאַסיע, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז דער געט איז אָפּגעלייגט, איז געבליבן אַ ביסל אַנטוישט. זי האָט זיך שוין געקליבן אַוועק צו זיך אין קיכל, נאָר דער ייִד, וואָס האָט זיך צוגערוקט צום טישל, האָט אָפּגעטאָן צוויי זאַכן מיטאַמאָל: אָפּגערוקט דאָס פּאָרל אין אַ זײַט און פאַרהאַלטן כאַסיען אַף דער טיר.

— כאַווער פּאַרזיצער, וואָס טוט מען? איך בין געבליבן אָן אַ דאַך!

אַזוי איז אַוועק דער טאָג פול מיט טומל און דײַגעס. ווען איך האָב זיך שוין געקליבן אַהיים, איז געקומען פון זעליאָנאָפּאָל אַ רײַטער און געבראַכט אַ צעטעלע.

...הײַנט אין אָוונט איז אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג. וועל איך אין קיפּערפעלד זײַן ערשט מאָרגן, איצט דאַרף מען זיך קלײַבן קיין זעליאָנאָפּאָל. דער ווינטערדיקער טאָג איז קורץ, און דער פאַרנאַכט מיט זײַן גרדיכטן נעפּל און עסעריקער קעלט גאַנוועט זיך אונטער מיטאַמאָל, אומדערוואַרט. און קיין זעליאָנאָפּאָל איז גאַנצע זיבן ווערסט. זיבן שווערע ווערסט דורך נאַדריאַזשנער און זעליאָנאָפּאָלער באַלקעס.

כאַסיע, דאָך אַ צופרידענע, וואָס הײַנטיקער טאָג איז געווען רײַך מיט נײַסן און פּאַסירונגען, האָט אַרויסגעקוקט אַף מיר פון איר קיכל, האַלטנדיק אַ פריש פּלעצל אין דער האַנט.

— גייט איר גאָר ניט אַהיים? — האָט זי איבערגעפרעגט, כאָטש זי האָט געוווסט, וואָס פאַר אַ צעטל דער רײַטער האָט געבראַכט. — איז נעמט דאָס מיט. וועט איר האָבן וואָס איבערצוקײַען.

6

...אַוואָדע וואָלט איך דעמלט געדאַרפט, ווי אַנדערע, זיך אָפּשטעלן אַף עפּעס אַ פּורל, וואָלט איך געזען אַלעמען אַרום זיך. נאָר מיר האָט זיך געוואָלט זײַן וואָס נעענטער צו די רעדנער. האָב איך זיך צוגערוקט צום פּלויטל, צו די שטאַכעטלעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם הויף פונעם דאַרפּראַט, ווײַל טאַקע לעבן דעם פּלויט איז געשטאַנען די טריבונע. נאָר אַזעלכע באַלאָנים זײַנען געווען אַ סאַך, און מע האָט מיך גלײַך צוגעקוועטשט צו די שטאַכעטלעך, ניט אַהין און ניט אַהער.

— דאָס וואָרט באַקומט דער פאַרשטייער פון קאָמערד, דער כאַווער טשעמעריסקי.

איך האָב זיך אַרופגעדראַפּעט אַף אַ שטאַכעטל, איך זאָל קאָנען בעסער זען און הערן דעם רעדנער. נאָר איך האָב שוין קיינעם ניט געקאָנט זען. איך האָב דערזען זי... יענץ בלייך פּנעמל, יענע העל־בלאָנדע האָר, יענע בלויע, פאַרטראַכטע אויגן. איך האָב זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם שטאַכעט, איך זאָל ניט אַראָפּפאַלן, און געקוקט, געקוקט אַ געפּלעפּטער, אַ פאַרקישעפטער און אַ פּלאָטערנדיקער. פאַר די אויגן איז אופגעקומען יענער פרילינגדיקער, נאָך היפּש קילער פאַרנאַכט, אונדזער ערשטער פאַרנאַכט אין סטעפּ. מיר זײַנען געגאַנגען באַנאַנד מיט אַ הייסן פאַרלאַנג אָנצעמען זיך פאַר די הענט, אַזוי ווי דאָס טוען קליינע קינדער, נאָר מיר האָבן ניט געוואָגט דאָס צו טאָן. מיר האָבן דאָך אָקאָרשט זיך באַקאַנט, און מיר זײַנען שוין גרויסע. מיר האָבן געוואָלט עפּעס זאָגן איינער דעם אַנדערן און ווידער ניט געוואָגט. די ווערטער האָבן דאָך געמוזט זײַן אַזעלכע באַדײַטנדיקע, אַזעלכע טיפּזיניקע, און דאָס האָט געקאָנט נאָך מערער אָנשרעקן אונדז ביידע. און קיין אַנדערע, מערער וואָכעדיקע ווערטער האָבן מיר ניט געהאַט. זײַנען מיר געגאַנגען און געשוויגן. ווײַל וואָס עס זאָל ניט געווען געזאָגט ווערן, וואָלט דאָס געווען ווי אַ פאַרשוועכונג פון אונדזער פּילדײַטנדיקן שווײַגן.

איך בין געווען זיכער, אַז מײַן אַנגעשטרענגטער בליק, וואָס האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין איר, קאָן זי צווינגען אומקוקן זיך. איך האָב זייער געוואָלט, זי זאָל מיך באַמערקן. נאָר האַלטן זיך לאַנג מיט די הענט באַם שאַרפן שפּיץ פונעם שטאַכעט איז געווען אומעגלעך. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען אַף אַ ווײַלע, די פינגער זאָלן אָפּגיין, און ווידער אַרויף. נאָר מער האָב איך זי ניט געזען. איך האָב גענישטערט מיט די אויגן איבער די וועגענער, איבער אַלע ווינקעלעך.

די איבעריקע רעדעס האָב איך ניט געהערט און קאָן איצט וועגן זיי גאָרנישט ניט זאָגן. איך בין געווען גאָר ערגעץ אַנדערש. איך בין געקומען צו־זיך בלויז דאַן, ווען מע האָט

דערמאָנט פּעטראָווסקיס נאָמען. ניין, ניט געקומען פּעטראָווסקי, נאָר א בריוו האָט ער צו־געשיקט. זייער א ווארעמען און זייער א גוטן בריוו. ער האָט בעפּייערעש געקלערט און זייער געוואָלט קומען, נאָר צוליב א ריי סיבעס קומען ניט געקענט. האָט ער אַלעמען באַגריסט מיטן גרויסן יאָמטעוו און אָנגעווינטשעוועט אונדז א סאַך גוטס.

און שוין. אויס מיטן מיטינג און אויס מיט די רעדעס. און זי אויך א בלענד געטאָן די אויגן און ניט געסטײַעט. ארום דער טריבונע איז געוואָרן א ביסל פרײַער, און איך האָב זיך געלאָזט לויפן. געלאָפן פון איין וואָגן צום צווייטן, פון איין גרופּע צו דער צווייטער, ארומגעיאָגט, ווי א צעדולטער, ארײַנגעקוקט אַלעמען אין די פּנעמער, עפּשער וועל איך געפינען עמעצן א באַקאַנטן פון יענעם יישעוו, און עפּשער וועט מיר סטײַען דרייסטקײַט א פרעג טאָן וועגן איר, נאָר קיין באַקאַנטע האָב איך ניט געפונען.

דער אוילעם האָט אָנגעהויבן פּאַנאַנדערפאָרן זיך, און אַף די גאַסן, אין די הויפן איז געוואָרן א סאַך פרײַער. געבליבן זײַנען בלויז די, וואָס דאַרפן מאָרגן אָנטיילנעמען אינעם ערשטן ראַיאָנישן צוזאמענפאָר פון די ראַטן.

די זון האָט אויך מיטאַמאָל ניט געסטײַעט, און ס'האָט גלײַך א בלאָז געטאָן א קאַלט, פּראָסטיק ווינטל. א ביסל שפּעטער האָט דאָס ווינטל זיך באַרויִקט, נאָר ווארעמער איז שוין ניט געוואָרן. דער טונקעלער, געדיכט־אויסגעשטערנטער הימל האָט צוגעזאָגט א לאַנגע און קאַלטע הארבסטיקע נאַכט, א נאַכט, וואָס גיט יעדערן פולע פרײַהײַט און ער קאָן טאָן, וואָס ער וויל. האָב איך ארומגעבלאָנדזעט איבערן דאָרף, ארײַנגעקוקט אין יעדער הויף, צוגעקומען צו יעדער וואָגן און ביגנייווע ארײַנגעקוקט אין יעדער פענצטערל, אין וועלכן ס'האָט זיך געלויכטן א פײַערל. איך בין ארומגעגאַנגען און אין זיך געטײַנעט צו אַלע אומבאַקאַנטע, וואָס זײַנען געזעסן אַף די וועגנער אָדער ארומשפּאַצירט איבער דער יאָמטעוודיק־וואַכנדי־קער באַנאַכטיקער גאַס:

— העלפט מיר, מענטשן, אָפּזוכן מײַן געליבטע. זאָגט מיר, מענטשן, ווּהין איז זי אהינגעקומען, ווּ האָט זי ניט געסטײַעט. זי איז דאָ דאָך אָקאָרשט געווען!..

אָפּטמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אז איך רעד ארויס די ווערטער אין דער הייך, און זיי קלינגען מיט אזא אומבאַגרײַפלעכן פּאַרדראָס, קלינגען אזוי וויינענדיק, אז מיר האָט זיך אויך געוואָלט וויינען.

ס'זײַנען מיטאַמאָל אופגעקומען ווערטער, וועלכע איך האָב קינדווײַז אָפּטמאָל געלייענט אָדער געהערט לייענען יעדן ערעוו שאַבעס. איך האָב דאַן זיי ניט פאַרשטאַנען, דערנאָך אינגאַנצן פאַרגעסן, און איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלייבט, אז זיי וועלן פון זיך אַליין אופ־שווימען נאָכאַמאָל, דערמאָנען וועגן זיך אין אזא פײַערלעכער נאַכט. האָב איך שוין געמוזט ארויסטראָגן אַן אויסרייד זיך אַליין. ווײַל דאָס איז א גרויסע אוויירע פאַר א קאָמיוגיסט, פאַר א פאַרזיצער פון דאָרפראַט, ווען אין אזא היסטאָרישער נאַכט קומען אים פּלוצעם אוף אין זיקאָרן ווערטער פון שיר־השירים.

עמעצער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און ארויסגעריסן מיך פון מײַנע כאַ־לוימעס:

— וואָס דרייסטו זיך ארום? אַפן שול־הויף הייבט זיך באַלד אָן קינאָ!

קינאָ איז דערווײַל געווען בא אונדז א זעלטענער יאָמטעוו. פאַרן גאַנצן זומער האָבן מיר בלויז א פּאָר מאָל געזען קינאָ. צוליב דעם האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן א קילאָמעטער דרײַ אין אוקראַיִנישן כוטאָר בורלאַצק. אזא שפּאַציר איז געווען פאַר אונדז א שפּילעכל, נאָר ס'איז פּאַשעט קיין צײַט ניט געווען.

אַפן שול־הויף איז אפילע ניט געווען ווּ צו שטיין. אַפן שמאָלן שטיקל לײַוונט, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט צו דער וואַנט, האָבן ארומגעשפּרונגען אָן א שיר מענטשעלעך. געוויס האָט דאָס אַלץ געדאַרפט זײַן פאַרכאַפּנדיק, נאָר איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרטן קומט פאָר. די אויגן האָבן ניט געוואָלט האַלטן זיך באַם לײַלעך. זיי האָבן ארומגע־בלאָנדזעט איבערן הויף. ארומגעשפּרונגען איבער די קעפּ און געזוכט. עפּשער, עפּשער וועלן נאָכאַמאָל א שײַן טאָן אין דער נאַכט ארײַן יענע בלאָנדע האָר...

ערשט דערנאָך האָב איך זיך געכאַפּט: אומזיסט זוך איך זי דאָ. זייער יישעוו איז דאָך אינגאַנצן א קילאָמעטער זיבן פונדאַנען. און אַלע פון די נאָענטע יישווים זײַנען געוויס אוועקגעפאָרן אהיים. די דעלעגאַטן פונעם צוזאמענפאָר וועלן באַוויזן קומען מאָרגן אײַנ־דערפרי.

איז געווען א לאַנגע, געדיכט אויסגעשטערנטע הארבסטיקע נאַכט. און יעדערער איז פרײַ־געווען באַגיין זיך מיט איר, ווי ער וויל. בין איך ארויס פונעם שול־הויף און אוועק. וואָס זעט זיך אָן בא מיר פינף צי זיבן קילאָמעטער? און דעם וועג אהין שטעל איך זיך פאָר.

איך קען אים קימאַט אַף אויסווייניק. איך האָב אים ניט איין מאָל דורכגעמאַכט אין מײַנע געדאַנקען, אין מײַנע כאַלוימעס, בייס וועלכע איך בין פיל דרייסטער. דאַרף מען, הייסט עס, צוקומען צום ברעג דאָרף, פאַרקערעווען אַף לינקס קיין הופּאַלאָווע, און הופּאַלאָווע איז שוין האַלב וועג קיין ראַטנטאַל. דאַרף מען נאָר אַריבערגיין די הרעבליע לעבן הופּאַלאָווער סטאַוואָק, זיך אופּהייבן א ביסל בארג־ארוף און שוין...

אָט אַזוי, אינמיטן דער נאַכט הייבט אָן פאַרקומען אַזוינס, וואָס איז שווער באַנעמען. גלײַך עמעצער האָט איבערגעמאָלט דעם טונקעלן הימל מיט א נײַער, מערער ליכטיקער פאַרב און בייסמײַסע פאַרשמירט צי אָפּגעווישט א סאַך, א סאַך שטערן. איז אַף דער ערד אויך געוואָרן א סאַך ליכטיקער, און ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן אַפּן וועג קלענערע און גרעסערע שאָטנס, און דאָס אַלץ האָט אָפּגעטאָן די לעוואָנע. ווי מיד געוואָרן פונעם וועג, האָט זי זיך צוגעזעצט אַף א ווײַלע באַם הימל־ראַנד א צוגעפּלעטשטע און פײַערדיק־רויטע, גלײַך עפּעס האָט זיך אָנגעצונדן באַ איר און ס׳האָט געהאַלטן באַ א סרייפע. אָפּגערוט א ביסל און אָפּגעלאָשן דאָס איבעריקע ביסל פײַער, איז זי אַפּגיך אָפּגעשפּרונגען פון דער ערד און געבליבן הענגען שוין א סאַך א בלייכערע, א מערער קײַלעכדיקע, מיט א ביסל אָן אָפּגעביסענעם ברעג. איז זי מיר געוואָרן פיל היימישער, אויסגעזען א סאַך מילדער און כיינעוודיקער. עפּשער דערפאַר, וואָס אַף דער גאַנצער וועלט, ווי מיר האָט זיך געדוכט, זײַנען איצט וואָך בלויז צוויי באַשעפעניש׳ן — איך און די לעוואָנע. מיר האָבן שווײַגנדיק געקוקט איינער אַפּן אַנדערן, ווי געוואָלט טרעפן, וועגן וואָס דער צווייטער טראַכט... איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי איך קום אַרײַן אינעם יישעוו, ווי איך הייב אָן אַרומבלאָנדזשען איבער דער אײַנגעשלאָפענער גאַס, גיי אַרום און וואַרט. איך וואַרט אַקשאָנעסדיק, ביז עמעצער וועט אַרויס אין דרויסן, וועל איך צוקומען צו אים און פרעגן: ווו ווױנט דאָ שלוימע טשערטשער. און ס׳וועט זיך אויסלאָזן, אַז ער ווױנט פּונקט דאָרטן, ווו עס ברענט א פײַערל... קום איך צו צום פענצטערל און דערלויב זיך אַרײַנקוקן. דערזע איך זי, ווי זי זיצט א פאַרטראַכטע, אונטערגעשפּאַרט דאָס פּאָנעם מיטביידע הענט, און קוקט אַרויס אַף דער באַנאַכטיקער גאַס. פאַרוואָס זשע שלאָפט זי ניט, אַף וועמען וואַרט זי, אַף וועמען קוקט זי אַרויס?

הופּאַלאָווע האָט מיך אַרײַנגענומען אין זײַן איינציקער גאַס, ווען איך האָב געמיינט, אַז איך דאַרף נאָך גיין און גיין. די שיטערע הײַזער זײַנען ווי אַרויסגעשווומען פון זייערע שאָטנס אַף דער ערד און אַרויסגעשטעלט זייערע ווײַסע ווענט קעגן דער שוואַכער שײַן פון דער לעוואָנע. וואָלט איך אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, ווען ניט דער סטאַוואָק הינטערן דאָרף. דערפרייט זיך מיט אַזאַ זעלטענעם באַנאַכטיקן גאַסט, האָט ער א בלישטשע געטאָן מיט זײַנע שטילע, פאַרשלאָפענע וואַסערן, פון וועלכע ס׳האָט מיט אַן איבעראַשנדיקער נאָענטקײַט אַרויסגעקוקט די נאַרוואָס אויסגעבאָדענע לעוואָנע.

צוגעזעצט זיך אַפּן ברעג פונעם סטאַוואָק, האָב איך געגומען זיך אײַנקוקן אין זײַנע וואַסערן, וואָס זײַנען געווען פול מיט פאַרגליווערטן הימל, מיט פינטלענדיקע שטערן און מיט דער אַרומשווימענדיקער לעוואָנע. עפּעס האָט געזונגען אין מיר, עפּעס האָט געווײנט, און אַלץ אינײנעם האָט זיך אויסגעמישט אין א מאָדנע ניגנדל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך ווייס אים שוין, דעם ניגון, איך קאָן אים אַפילע אַרויסברענגען אין דער הייך, נאָר דעם אָנהייב האָב איך ניט געקאָנט אָנטאַפּן. ער האָט אַלעמאָל א קלונג געטאָן אין די אויערן מיט א פאַרכאַפּנדיקער קלאָרקײַט און גלײַך אַנטרונען געוואָרן, אויסגערונען, ווי דורך א שיטערער זיפּ. אין מיר איז אַלץ געוואַקסן דער פאַרדראָס אַף זיך אַליין: פאַרוואָס בין איך אַזאַ דרייס־טער אין מײַנע כאַלוימעס, אין מײַנע טרוימען, און פאַרוואָס ווער איך אַזוי אָפּהענטיק, ווען איך דאַרף בלויז מאַכן עטלעכע טריט... נאָר איך האָב געמוזט נעמען אײַנרעדן זיך אַליין: ווי קאָן מען עס אינמיטן דער נאַכט אַרײַנקומען אין א פרעמדן יישעוו און אָנקלאַפּן אין פרעמדע פענצטער? ווי וועט אַף מיר א קוק טאָן שלוימע טשערטשער, ווי וועט אַף מיר א קוק טאָן זי אַליין? און דעריקער — וואָס וועל איך זיי אַלעמען זאָגן?

און ווײַל עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט אַרײַנקומען אין ראַטנטאַל, און ווײַל איך בין געווען אַזוי נאָענט פונעם יישעוו, אַזוי נאָענט פון דעם, וועגן וואָס איך האָב געטרוימט א גאַנצן זומער, האָב איך זיך אופּגעהויבן און פאַרקערעוועט צוריק. אַפּצולאַכעס זיך אַליין. ווײַל אויב, הייסט עס, דו ביסט געקומען אַפּן צוזאַמענפאָר, אויב דו ביסט, ווי דער מאָסקווער רעדנער האָט געזאָגט, אַן איידעס און א מיטשעפער פון אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט, טאָרסטו ניט אין זינען האָבן אַזעלכע זאַכן. האָסט קיין רעכט ניט.

צוריק בין איך געגאַנגען זייער און זייער לאַנגזאַם. כ׳האָב געוואָלט, ס׳זאָל אָנהייבן טאָגן, ווען איך וועל צוקומען צוריק קיין נײַזלאַטאָפּאָל. פונעם געזאַנג, פון יענע ניט קלאָרע ניגנ־

דלעך איז שוין גאָרנישט ניט געבליבן. אלץ אין מיר האָט געוויינט, געכליפּעט מיט אַן אלץ וואקסנדיקן פאַרדראָס אַף מײַן נארישן צולאָכעס, וואָס טוט אַ שפּרונג ארויס סאַמע דאַן, ווען מע דארף ניט, און איך קאָן אים ניט גוויוער זײַן.

און די לעוואָנע... זי אויך... פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אומזיסט אָפּגעשוויגן מיט מיר אַ נאכט, אַז ס'איז דערפון גאָרנישט ניט ארויסגעקומען, האָט זי זיך אָנגעהויבן אָפּטראָגן פון מיר וואָס אַמאָל ווײַטער און ווײַטער. זי האָט מיטאַמאָל אָנגעווווירן אַלע אירע פאַרבן, געוואָרן טויטלעך־בלייך, גלײַך זי האָט געהאלטן באַ כאַלעשן.

7

אַלע פּאַרטייִשע און קאָמיוגישע פאַרזאַמלונגען זײַנען געוויינלעך פאָרגעקומען אין איי־נעם פון די קלאסן פון דער זיבנקלאַסיקער שול, ווו אַרן שירמאַן איז געווען דירעקטאָר. די קאָמיוגישע פאַרזאַמלונגען — אין אַ גרעסערן קלאַס, ווײַל קאָמיוגיסטן איז געווען אַריבער פופציק, די פאַרטייִשע — אין סאַמע קלענסטן, ווײַל קאָמוניסטן איז געווען ניט מערער ווי צען. הײַנטיקע פאַרזאַמלונג האָט אויך זיך צונויפגעקליבן אין איר געוויינלעכן קלאַס. און אַלץ איז געווען ווי געוויינלעך: דאָס ניט גרויסע לעמפּל אַפן טישל לעבן טאָוול, די טונקעלע שאָטנס אַף די ווענט, און די מידקײַט, וואָס איז געלעגן אַף די פּנעמער פון די, וואָס האָבן ביז דער פאַרזאַמלונג געהאַט אַ שווערן ווינטערדיקן טאָג. נאָר דער אײַנדרוק איז געווען אַזאַ, אַז די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן ניט ווי שטענדיק, ניט פונעם אָנהייב, נאָר פון דער מיט; אַז אָנגעהויבן האָט זי זיך אַ סאַך פריִער, געצויגן זיך עטלעכע טעג צי עפּשער אַ גאַנצע וואָך; אַז אַפילע בייס די זאָווייען האָט מען ניט אויפגעהערט דיסקוסירן און קריגן זיך, און איצט האָט מען זיך ווידער צונויפגעקליבן אהער נאָך אַ קורצן איבעררײַס.

אַרן שירמאַן, וועמען מע האָט אויסגעקליבן אלס פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, איז געווען אַ מענטש אַ געזעצטער, וועמען דער פּעדאַגאָגישער טאַקט האָט קיינמאָל ניט אונ־טערגעפירט. זײַן געבילדעטקײַט, ווי אויך דאָס, וואָס קימאַט אַלע זײַנע זײַנען געוועזענע שילער, האָט אים צוגעגעבן גענוג וואָג אַף קאָנען האלטן די פאַרזאַמלונג אין דער נייטיקער אָרדענונג. נאָר די פּנעמער, גראָד די מידע פּנעמער, האָבן געוויזן, אַז אַלץ אַרום איז הײַנט שטאַרק אָנגעגליט.

— נו?

פון אַט דעם איין־און־איינציקן קורצן וואָרט איז באַשטאַנען דער פאָרטראָג פונעם סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי־קעמערל מישע אײַזנשטיין. דאָס איז געווען אַן אײַנלאַדונג אַף באַנײַען די דיסקוסיע. זײַנע געדיכטע שווארצע האָר זײַנען געווען זייער פײַן צוגעקעמט, און דער קוטשעראַווע לאָקן, וואָס האָט געדאַרפט אַראָפּהענגען אַף דער רעכטער זײַט פונעם שטערן, איז געווען אַף זײַן אָרט. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז ער איז אינגאַנצן רויִק, אַלנפאַלס האָט ער באַוויזן בייסן איבעררײַס באַרויִקן זיך אַף אַזויפיל, אַז ער קאָן אײַנלאַדן אַלעמען ניט געהיצט, אָן קעגנזײַטיקע זידלערײַען, באַטראַכטן די פראַגע פונעם טאָג־סיידער. נאָר די אויגן זײַנען ניט געווען בעקויעך עפּעס אויסבאַהאַלטן.

דער „נו" האָט אייגנטלעך געהאַט בלויז איין אַדרעס און איז געווען געווענדט צו יאַקאָוו כאַדאָסן, דעם סאַמע עלטסטן צווישן זעליאָנאָפּאָלער קאָמוניסטן סײַ לויט די יאָרן און סײַ לויטן פּאַרטיי־סטאַזש. דאָס האָט ער געדאַרפט ענטפערן אַף דעם „נו", אַרום וועלכן עס זײַנען עטלעכע טעג צי עפּשער עטלעכע וואָכן געגאַנגען הייסע, ביז גאָר שאַרפע מאַכלויקעסן. דאָס איז געווען צו זען פון די בייזע און וואַרטנדיקע בליקן, וואָס האָבן זיך אַ קערעווע געטאָן צו יאַקאָוון, ווי נאָר דער „נו" איז ארויסגעבראַכט געוואָרן. בלויז ער אַליין, יאַקאָוו כאַדאָס, איז געבליבן רויִק און אפילע באַוויזן ארויסקנייטשן אַ שמייכעלע אַף זײַנע פולבלעכע באַקן.

כוץ דעם שמייכעלע, האָט ער פאַרמאָגט נאָך אַ זאַך, וואָס האָט געקאָנט אַ ביסל לעשן די אָנגעגליטקײַט — אַ פּאָר אויסגעצייכנטע וואָנצן. ביכלאַל איז ער ניט געווען פון די, וואָס גיבן איבעריק זיך אָפּ מיט זיך. פאַרקערט, ער איז געווען אַפילע צו גלײַכגילטיק צו זײַנע מאַלבושים. נאָר די וואָנצן, וואָס האָבן אַזוי פײַן באַקומען זיך פון זיך אַליין, האָט ער שוין אָפּגעהיט. זיי זײַנען אויסגעוואַקסן לאַנגע און געדיכטע, אַראָפּגעהאַנגען אַראָפּ, ווי אַזשענעס־צווייגלעך, און באַוועגט זיך, ווי לעבעדיקע. ווען ער טוט נאָר אַ שמייכל, ציִען זיי זיך פאַנאַנדער, ווערן אַ ביסל ברייטער און קירצער. קאָן מען וואַרטן, אַז באַלד וועט ער זאָגן

אזוינס, ס'זאָל יעדערן ווערן פריילעך אפן הארצן, אלנפאלס, א ביסעלע גרינגער. דאָס מאָל האָט ער בלויז א שמייכל געטאָן. די וואָנצן האָבן אָף א ווײַלע זיך פאנאנדערגעצויגן און ווידער געבליבן הענגען ווי געוויינלעך. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אז וואָס צו זאָגן האָט ער ניט און אז זײַן מיינונג וועגן דער באהאנדלטער פראגע איז געבליבן אָן ענדערונגען. האָט שוין מישע אײַנשטיין ניט געדאַרפט אויסבאהאלטן זײַן אופגערעגטקײַט. עפשער האָט ער טאקע נאָר געוואַרט, אז יאקאָוו זאָל עפּעס זאָגן אָדער א שמייכל טאָן אזוי, ער זאָל קאָנען ווערן א ביסל בייזער.

— איך פארשטיי ניט, כאַווירים, איך הייב ניט אָן צו פארשטיין...

איך האָב אויך ניט אלץ פארשטאַנען. דאָס, וואָס דער ייִנגסטער כאַדאָס, שײַקע, האָט דער ערשטער גענומען דאָס וואָרט און וואָס ער האָט זיך אזוי געהיצט, איז פאַר מיר ניט געווען קיין נײַס. ער איז געווען ענלעך אָף פיל סעקרעטאַרן פון קאָמיוגישע קעמערלעך פון יענער צײַט. נאָר דער עלטערער ברודער זײַנער, ארקע! ער איז דאָך זעלטן ארויסגעטראָטן אָף פארזאמלונגען! הײַנט איז אים געווען ניט צו דערקענען. ווארטער, ווי נאַרוואָס פונעם פײַער. נעם זיי אין די הענט ארײַן, וועסטו זיך אָפּבריִען.

כאַיִם שלאכטער איז מערער פון אלץ געווען איבעראַשט דערפון, וואָס אפילע יאקאָוו האָט אָנגעווירן זײַן שטענדיקע רויִקײַט און זײַנע רעפּליקעס זײַנען געווען ווײַט ניט קיין איידעלע. האָט ער געפרוווט א מוסער טאָן אלע כאַדאָסעס אינײנעם. נאָר ווער איז הײַנט געווען געניינגט צו הערן מוסער?

איך האָב זיך געפילט א ביסל ווי א זײַטיקער אין אָט דעם מאכלויקעס, כאָטש אלץ, וועגן וואָס מע האָט דאָ גערעדט, האָט געהאַט א שײַכעס דירעקט צו מיר, צו דעם, מיט וואָס איך בין געווען פארנומען די טעג מיט די נעכט. בין איך געזעסן איינער אליין אָף א פארטע אין א פארטונקלט ווינקעלע, און מיר האָט זיך געדוכט, אז קיינער זעט מיך ניט. איך האָב געקאָנט פרײַ באקוקן יעדערן, אָף וועמען ס'איז געפאלן א ביסל שײַן פונעם לעמפּל. דאָס אלץ האָט מיר זייער דערמאָנט יענעם אָוונט, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל אריבער־געטראָטן די שוועל פונעם סעלבוד און זיך צוגעהערט צו דעם הייסן און אומגעוויינלעכן פאַר מיר שטרײַט ארום לענינס רעדע אפן דריטן צוזאמענפאָר פון קאָמיוג. נאָר יענץ איז געווען א ריין טעאָרעטישע קריג. און כאָטש כעוורע האָבן זיך געהיצט, איז ניט געווען אין זייער דיסקוסיע קיין פארביטערטקײַט. עס האָט זיך געהאנדלט וועגן זאכן פון ווײַטן מאָרגן, און יעדערער האָט אָף זײַן אופן געפרוווט ארײַנקוקן אין אים. דאָ איז געווען גאָר עפּעס אנדערש. כאָטש יעדערער האָט ציטירט לענינען, איז די דיסקוסיע ווײַט ניט קיין טעאָרעטישע. עס האָט זיך געהאנדלט וועגן גוירל פונעם אייגענעם דאָרף, פון אלע אונדזערע דערפער, פון יעדן איינעם פון די, וואָס זײַנען געזעסן אָף דער פארזאמלונג. און עס האָט געהאלטן דערבײַ, אז מיטגלידער פון איין פארטיי־קעמערל זאָלן זיך צעקריגן אָף שטענדיק. עמעס, די צדאָדים זײַנען געווען ניט קיין גלײַכע. אָף איין זײַט — דאָס גאנצע קעמערל, אָף דער צווייטער — יאקאָוו איינער אליין. דאָס, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן ביז איצט, איז געווען ניט מערער ווי אָן אָנהייב. מיט יעדער נײַער ארויסטרעטונג איז אין קלאָס געוואָרן הייסער און דושנער, גלײַך יעדערער האָט אונטערגעוואָרפן א ביסל קוילן אינעם צעגליטן אייוועלע. אָנגעהויבן די פארזאמלונג האָט מען אין די פעלצלעך און סוויטקעלעך, נאָר דערנאָך האָבן איינער נאָכן אנדערן זיי אָנגעהויבן אראָפּציִען, ווי גרייטנדיק זיך צו אָן עמעסן געפעכט.

ארן שירמאן האָט לאנג געקלאפט אין טיש, ביז ער האָט א ביסל אײַנגעשטילט דעם אוילעם. דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבן זאָגן, האָט געוויס געקאָנט און געדאַרפט א ביסל אָפּקילן אלעמען, נאָר ער האָט אָנגעהויבן פון צו ווײַט:

— די געשיכטע ווייסט פון א סאך סאָציִאַלע אופטרייסלונגען אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט. און אלעמאָל איז דאָס געווען פארבונדן מיט שארפע קאָנפליקטן. נעמען, צום בײַשפּיל, דעם פעריִאָד פון דער גרויסער איבערוואנדערונג פון פעלקער...

געווען איז שירמאן א היסטאָריקער און מיסטאמע האָט ער געוווסט און באצײַטנס באַ־טראכט, וויִאזוי דורכפירן די ליניע פון יענער גרויסער איבערוואנדערונג פון פעלקער צו דער איצטיקער קאָלעקטיוויזאציע, געפינען די נייטיקע אנאלאָגיע און מאכן די געהעריקע אויספירן. דערצו האָט מען אָבער, ערשטנס, געדאַרפט האָבן צײַט און, צווייטנס, — א רויִקע אאודיטאָריע. האָט ער אויך ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס דאָ קומט פאַר, פארוואָס לאָזט מען אים ניט ענדיקן זײַן רעדע. זײַן פּעדאגאָגישער טאקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אז ער דאַרף א שמייכל טאָן. ווײַל בייזערן זיך איז ניטאָ אָף וועמען. נאָר דער שמייכל האָט זיך באקומען א געמאכטער. געווען איז שירמאן א נידעריקוואוקסיקער, א ביסל א פולבלעכער, און אלץ איז באַ אים שטענדיק געלעגן אָף זײַן עטוואָס קלײַענדיק פּאָנעם: צי ווען ער איז

געווען צופרידן מיט עפּעס, צי ווען אים איז געווען עפּעס פּאַרדראָסיק. דער געמאַכטער שמייכל האָט ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן זײַן פאַרלוירנקייט. ווײַל אַלץ איז אַף הײַנטיקער באַראַטונג געווען אומגעווײנלעך. די אַלטע אויטאָריטעטן האָבן מיטאַמאָל אָנגעווירן זייער ווירקונג, זייער שליטה, און די יונגע האָבן אָנגעשטעקט, אָנגעצונדן אַלעמען מיט זייער אימפּעט, מיט זייער דראַנג, מיט זייער הייסן ווילן וואָס גיכער אַראָפּווישן פון דער ערד דאָס אַלטע און באַנײַען אַלץ פונעם אָנהייב ביזן סאָף. און זאָל מען דערנאָך פאַנאַנדערקלײַבן, וואָס איז בײַ זיי געווען ריכטיק און ווו האָבן זיי ערגעץ זיך טויע געווען.

איך האָב בעפּיירעש געוואָלט אונטערהאַלטן די עלטערע, נאָר איך בין אַליין געווען זייער יונג, פול מיט הייסן דראַנג און מיט יענעם אונטעריאָגנדיקן אומגעדולד. און געוווּסט האָב איך אַ סאַך ווייניקער פון זיי אַלע, סײַ פון די אַלטע, סײַ פון די יונגע. מײַן דערפאַרונג אין דעם געביט איז נאָך געווען זייער קנאַפּ, איך זאָל קאָנען עפּעס זאָגן.

— נו? — האָט ווידער אַ פרעג געטאָן מישע אײַזנשטיין, און ס'איז יעדן קלאָר געוואָרן, אַז נאָך אַלעמען האַלט מען ווידער בײַ דעם, פון וואָס מע האָט אָנגעהויבן.

יאַקאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז דער „נו" איז געווענדט צו אים, און אָפּגעענטפערט מיט דער זעלבער קאַטעגאָרישקײַט:

— איר קאָנט מיך אַנטבאַלעגופּעווען, נאָר אין דער יוגנט־קאָמונע גיי איך ניט. איך בין שוין לאַנג אַרויס פון קאָמיוגישן עלטער.

די יוגנט־קאָמונע... זי האָט אויסגעזען אַ סאַך ערגער פון אַ האָגל, ערגער פון אַ גוסרעגן, ערגער פון אַן ערדציטערניש. ווײַל אָט אַזוי, אומדערוואַרט, פּלוצלינג, אין אַזאַ געווײנלעכן שטילן האַרבסטיקן טאָג זאָל אופגערײַסן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל מיטאַמאָל צעשמעטערן, ברעכן דעם דורירעסדיקן שטייגער און צעקריגן די דורירעס אַליין, די עלטערן מיט די קינדער...

זיי האָבן גאָרנישט ניט געוואָלט, גאָרנישט ניט געפאָדערט, די פּופּציק ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געשאַפן די קאָמונע. זיי האָבן נאָר געפאָדערט יעדערער זײַן כיילעק ערד. ניט קיין כיילעק פערד, ניט קיין כיילעק קו, ניט קיין כיילעק וואָגן און זייעלקע. בלויז זייער כיילעק ערד. וואָס קאָן זײַן נאָך באַשיידענער, אָרנטלעכער פון אַזאַ פאָדערונג? נאָר די עלטערן האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרשטיין.

געוויס האָט יעדער דאָרף איר געשיכטע. דאָס נײַע, וואָס האָט געמוזט קומען, האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג אַף אַ פאַרשיידענעם אויפן, דורך פאַרשיידענע זוכונגען, מיט אירע באַזונדערע דערפאָלגן און באַזונדערע דורכפאַלן. ווו ס'האָט אָנגעטראָפן אַף אַ מערער צוגעגרייטן, צעאַקערטן באָדן און ווו געדאַרפט דורכרײַסן זיך מיט די נאָך שוואַכע וואָרצלען דורך פאַרשטיינערטע הרודעס.

אין זעליאָנאָפּאָל האָט דאָס זיך דורכגעריסן און אַרויס אַף דער ליכטיקער שײַן מיט אַ יוגנט־קאָמונע. מעגלעך דערפאַר, וואָס די טאַטעס און די מאַמעס האָבן צו פעסט זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם אַלטן, און די קינדער זײַנען געווען צו אומגעדולדיק.

די טאַטעס האָבן פאַרשאָלטן, די מאַמעס האָבן באַווײנט, נאָר אין די קרײַזישע אָרגאַניזאַציעס האָט די יוגנט־קאָמונע גראָד אויסגענומען. צווישן אַלע פאָרמען און וואַריִאַציעס, וואָס די קאָלעקטיווע ערדאַרבעט האָט אויסגעפּרוווט, איז דאָס געווען עפּעס אַ נײַס. און ווער ווייסט, וואָס פון דעם אַלעמען וועט די צײַט אָפּקלײַבן? די קרײַזישע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין קרעדיטן, און כעוורע האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין פּלייצעס. אָפּן בערגל, וואָס הינטערן דאָרף, פון יענער זײַט סטאַוואָק, איז אײַנגיכן אויסגעוואַקסן אַ ציגל־זאַוואָד. פון די ערשטע ציגל איז אין מעשעך פון אַ כוידעש אויסגעוואַקסן אַ פערד־שטאַל, אַ קו־שטאַל, עטלעכע סילאָס־טורעמס, און מע האָט נאָר געדאַרפט, אַז די שטאַלן זאָלן פאַרפולט ווערן מיט פערד און קי. נאָר קיינער האָט זיך ניט געאײַלט אַריבערפירן זײַנע פערד און קי פון דעם אייגענעם שטאַלעכל אַהער אין די ציגלנע געבײַדעס. די ערשטע קי האָבן די יונגע קאָמונאַרן אויך באַקומען אין קרעדיט. דערפאַר איז די קאָמונע געווען רײַך מיט פײַערלעך. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי אַרויסגעלויכטן פון די פּילצאָליקע קלייניקע פענצטערלעך און אַרויסגערופן בײַ די דאָרפסלײַט אַ סאַך אומרויִקע געדאַנקען. בײַ אייניקע — ניט קיין קלאָרע האָפענונגען, בײַ אַנדערע — נאָך מערער צאָרן און פאַרביטערונג.

די ערשטע טעג נאָך אָט דעם אומגעוויינלעכן געט, ווען דער רויגעז איז געווען ווי אַ פרישע ווונד, האָבן כעוורע זיך אָפּגעזאָגט נעמען אין דער היים אַפילע אַ פּיסנע שטיקל ברויט, ווי געוואָלט דערווײַזן, אַז זיי קאָנען אײַנגאַנצן זיך באַגיין אָן טאַטע־מאַמע און אָן זייער ביסן. נאָר וויפל קאָן מען עס פאַסטן און מאַכן ציגל? האָבן זיי דערפונדן אַ גאָרקיך. טאַקע פון גאָרניט ניט, פון עפּעס אַן אַלטער, פאַרלאָזטער כאַלאַבודע באַם סטאַוואָק. און פריידל איז געוואָרן די קיכערן און די בעקערן. דרײַ מאָל אין טאָג געבאַקן לאַטקעס.

פריידל, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַרקעס קאַלע, האָט דאַפּקע געוואָלט, מע זאָל די קאָמונע אָפּלייגן אַף פרילינג. וועט פאַרן ווינטער דער טאַטע איר אָפּנייען אַ נײַע פּאַלטאָ, און דערנאָך וועלן זיי כאַסענע האָבן. און אויב זי וועט איצט אַוועק אין קאָמונע, איז דאָך אַלץ פאַרפאַלן. דער טאַטע וועט איר שוין גאָרנישט ניט געבן. נאָר אַרקע האָט געזאָגט, אַז די קאָמונע איז ביליכער. די פּאַלטאָ און די כאַסענע קאָן מען אָפּלייגן אַף שפּעטער, נאָר די קאָמונע טאָר מען ניט אָפּלייגן. ווײַל אויב די קאָמונע איז פאַר אַלעמען דאָס נײַע לעבן, דאַרפן זיי אויך אָנהייבן פון דער קאָמונע. האָט פריידל געבאַקן פאַר אַלעמען לאַטקעס דרײַ מאָל אַ טאָג.

ווען קיווע פרעס איז געקומען מיט זײַן הונגעריקער כאַווערײַע אין קאָמונע, געבעטן זיי אַלע פאַרשרײַבן און געהייסן דערלאַנגען אַלעמען פרישע לאַטקעס, איז געווען אין דאָרף פון וואָס צו לאַכן. קיווע איז געווען פון יענע שלימאַזלען, וואָס האָבן אין בעסטן יאָר באַוויזן בלײַבן אָן ברויט. האָבן דאָרפישע באַלעבאַטים געפרוווט אונטערעכענען, אַף וויפל וועט דער קאָמונע סטײַען די לאַטקעס, אויב יעדן טאָג וועט צוקומען אַזאַ קיווע מיט זײַנע פיקערס. זיי האָבן געוואַרט און געגאַרט, די קאָמונע זאָל וואָס גיכער פּלאַצן, באַנקראָטירן, וועט ווידער ווערן אַלץ, ווי געווען. נאָר ווען אין עטלעכע טעג אַרום האָבן צוויי יונגע באַלעבאַטים, זוסיע כאַדאָס און נאָטע איסראָעוויטש, אַוועקגעפירט אין קאָמונע זייערע פערד און זייערע קי, איז אין דאָרף געוואָרן אַ טומל. ווײַל דאָס האָט אַלעמען אויסגעוויזן כוץ לעדערעך האַטעווע. וואָס זשע, זײַנען נאָטע מיט זוסיען פון זינען אַראָפּ? מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט! און וואָס וועט זײַן, אויב אַנדערע, אַף זיי קוקנדיק?..

צוטראַכטן עפּעס אַף אָפּשטעלן דעם שטראָם איז געווען אוממעגלעך, נאָר לייזער זעליקאָוויטש, איינער פון די כאַשעווע באַלעבאַטים, אַ ייִד, וועמענס קײַלעכיקע באָרד האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדער האַדראַס־פּאָנעם, האָט געמאָלדן אַ שטרײַק. ער וועט מערער ניט האָדעווען זײַנע פערד, ער וועט זײַן כאָווען אַפילע נאָענט ניט צולאָזן צו דער קו. זאָל דאָס אַלץ אויספּייגערן, זאָל דאָס אַלץ אַוועק אין קאַפּאַקאַל. ער האָט אָנגעטאָן זײַן שאַבעסדיקע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין דאָרפּראַט.

— כאַווער פּאָרזיצער, פון הײַנט אָן איז בא מיר אַ גאַנצע וואָך שאַבעס.

— און דערנאָך?..— האָט מען בא אים געפרעגט.

— אין קאָמונע באַקט מען לאַטקעס פאַר אַלעמען!— האָט ער געטײַטלט מיט די פינגער אַף די שטאַלן פון יענער זײַט סטאַוואָק.

אַזוי האָט עס זיך געצויגן אַ גאַנצן ווינטער. מיט קלאָלעס, געוויינען, מיט אַ סאַך אָפּגעלייגטע כאַסענעס און ניט ווייניק געפּאַרן פון נײַע געטן. ווײַל ווען כאַיִם גאַרדאָן האָט, קוקנדיק אַף נאָטען מיט זוסיען, אויך אַוועקגעפירט זײַנע פערד אין קאָמונע, איז זײַן עטל אָנגעפאַלן אַף אים, ער זאָל איר שוין געבן אַ געט. טאַקע דאַן האָט כאַיִם אַרויסגעבראַכט זײַן באַרימט־געוואָרענעם ענטפער, וואָס מע האָט דערנאָך אין אַ סאַך הײַזער באַנוצט אַף אַ פאַרשיידענעם אויפן, ווי עפּעס אַ גוטע רעפּוע.

— עטעלע, היץ זיך ניט,— האָט ער זי באַרויִקט,— מע דאַרף די זאַך פאַרשטיין פּאָליטישעסקע.

האָט מען אַ גאַנצן ווינטער געוואַרט, ווער וועמען וועט איבערצײַען. צי וועלן די קינדער זיך אומקערן אין דאָרף אַרײַן, צי וועלן די עלטערן מוזן אַוועק צום בערגל, וואָס פון יענער זײַט סטאַוואָק. געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן געוואַרט אַף יאַקאָוו כאַדאָס. וואָס וועט ער זאָגן. זײַן וואָרט, זײַן אייגענע אויפירונג האָט געדאַרפט און געקאָנט געבן יעדן צאַד די נייטיקע אויבערהאַנט. נאָר יאַקאָוו האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. יאַקאָוו האָט געשוויגן. און דאָס האָט געבראַכט צו הײַנטיקער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ווער ווייסט ווען.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען נאָר אָן אויסרייד, אַז ער גייט ניט אין קאָמונע, ווײַל ער איז שוין אַרויס פון קאָמיוגישן עלטער. די קאָמונע האָט אים די גאַנצע צײַט רוען ניט געלאָזט, ווײַל ער האָט ניט אויפגעהערט צווייפלען אין איר. ער האָט בעפּייִרעש געוואָלט דערווײַזן זיך אַליין, אַז די קאָאָפּערירונג פון דאָרף גייט מיט פאַרשיידענע פאָרמען, אַז יעדער פאָרם מוז אויסגעפּרוווט און אונטערגעהאַלטן ווערן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט באַפרײַען זיך פונעם געדאַנק, אַז ניט דאָס איז דער וועג, אַז דאָס שפּאַלטן דאָס דאָרף אַף צוויי קעמפנדיקע לאַגערן וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען. און אויב אַזאַ לייזער זעליקאָוויטש, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געשטרײַקט, איז גרייט צו גיין אַף אַ פּשאָרע, שאַפן אַ באַזונדער קאָמונע צי אַן אַרטעל און אַרײַנציִען אַהין די צעבונטעוועטע קינדער, איז דאָס אַ סימען, אַז עפּעס בויערט די מויכעס פון די דאָרפלײַט, און מע דאַרף זיך צוהערן צו דעם.

נאָר אָף דער פאַרזאַמלונג איז געשען אַזוי, אַז ער האָט ניט געקאָנט קלאָר אַרויסזאָגן זײַנע געדאַנקען, און דער איבעריקער אוילעם איז ניט אימשטאַנד געווען זיי אופנעמען. האָט שוין געמוזט טרעפן אַזוינס.

— אויב אַזוי, איז דאָ אַ פאָרשלאָג, — האָט מישע אײַזנשטיין אַרויסגערעדט און אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פאַרשוויצטן שטערן. — שטעלן די פראַגע וועגן יאַקאָוו כאַ־דאָסעס ניט פאַרטייִשער אופירונג פאַרן ראַיקאָם. ווײַל אין דער צײַט, ווען ס'איז דאָ אַ דירעקטיוו פאַרסירן, טאַרמאַזירט ער.

— ריכטיק, ריכטיק! — דאָס האָט אויסגעשריגן יאַקאָוו כאַדאָס, און דאָס איז געווען נאָך מערער אומדערוואַרט. — מע דאַרף שטעלן די פראַגע פאַרן ראַיקאָם.

יאַקאָוו איז בעפּיירעש גרייט געווען אַפּסנײַ פאַנאַנדערוויקלען די דיסקוסיע, נאָר אַלע זײַנען שוין געווען ביז גאָר פאַרמאַטערט. איז אײַזנשטיינס פאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אַפילע יאַקאָוו האָט אויך געשטימט פאַר אים. נאָך אַלעמען איז דאָס געווען דער בעסטער אויסוועג. אָנעמען קעגן יאַקאָוון דיסציפּלינאַרע מיטלען דאָ אָף אָרט האָט קיינער ניט געוואָלט און ניט געוואַגט.

אייגנטלעך, איז די פראַגע אָפן טאָג־סיידער געשטאַנען אַ סאַך ברייטער: וועגן גאַנג פון קאָלעקטיוויזאַציע אין ביידע דאָרפראַטן. דערפאַר האָט מען מיך אויך אַרויסגערופן אָף אַ באַריכט. נאָר אַלץ האָט זיך באַקומען גאָר אַנדערש. און ווען ס'איז געקומען צו מײַן באַריכט, איז די אָנגעגליטקײַט שטאַרק געפאַלן, און מײַן באַריכט האָט מיר אַליין אויסגעזען, ווי עפּעס אַ צולאָג. נאָר דערציילן האָב איך געדאַרפט. און איך האָב אויך געהאַט וואָס צו דערציילן: ווי אַזוי די זאַוועררוכע האָט פאַרשלעפּט כאַים־בערן אין קאָלווירט, און ווי אַזוי מייער־לייב קאָן אַלץ ניט דורכקומען מיט דער פרײַז פאַר זײַנע פערד. וועגן דעם פערעצדאָרפער פּאָרל האָב איך אויך דערציילט. וועגן שוניען מיט מוניען, וואָס קאָנען זיך ניט געטן איבער דער ציג.

— איר זעט? — האָט יאַקאָוו כאַדאָס ווידער געפּרוווט באַנײַען די קריגערײַ. — פאַרוואָס באַקומט דער סלאַדקאָוואָדנער קאָלווירט יעדן טאָג דרײַ־פיר מעלדונגען? ווײַל ער האָט באַ־וויזן ווערן אַ מוסטער פאַר די איבעריקע פּויערים.

נאָר קיינער איז ניט געווען געגוויגט באַנײַען די קריג. זי איז קיינעם ניט געווען צום האַרצן און יעדערער האָט אָף זײַן אופן אין זיך איבערגעלעבט דערפון. דערפאַר האָבן אַלע זיך געסטאַרעט אויסזען, ווי איבערגעבעטענע, גלײַך די פאַרזאַמלונג מיט אירע באַשלוסן האָט אַ סאָף געמאַכט צו אַלע שטרײַטן.

— נו, האָסטו געזען, וואָס דאָ טוט זיך? — האָט זיך אָנגערופן יאַקאָוו כאַדאָס, דער־לאַנגענדיק מיר די האַנט.

און כאַים שלאַכטער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר מײַן מאַזשגיִעך, האָט געפונען פאַר נייטיק מיר דערמאָנען:

— נישקאָשע, דעריקער איז פעסט האַלטן זיך באַ דער קלאַסן־ליניע.

פון דער פאַרזאַמלונג זײַנען מיר אַוועק אינצווייען. ווי שטענדיק, האָט שײַקע מיך גע־נומען צו זיך אָף נאַכטלעגער.

שוין לאַנג ניט געזען אַזאַ ריינעם באַנאַכטיקן הימל. אַפּאָנעם, אַז אַלע האָבן זיך פאַר־בענקט נאָך אים פאַר די עטלעכע מעסלעסן, ווען מע האָט ביכלאַל קיין הימל ניט געזען, ווײַל אַלע האָבן פאַריסן די קעפּ אַרוף און אײַנגעקוקט זיך אין זײַן טונקעלן גלאַנץ. נאָר שטערן איז געווען זייער ווייניק. זיי זײַנען אויך ניט קיין איבעריקע באַלאָנים אַרומבלאָנדזען אין אַזעלכע פרעסט. דער שניי, וואָס האָט באַטאָג שוין געקוואַטשעט אונטער די פיס, איז ווידער געוואָרן טרוקן־גרײַפּלדיק און באַקומען זײַן גליווערדיק־שאַרפן סקריפּ. ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, און זעלטן ווו האָט זיך געלויכטן. בלויז אָפן בערגל פון יענער זײַט סטאַוואָק האָבן דורך צענדליקער פענצטערלעך אַרויסגעלויכטן פריילעכע פײַערלעך, געלויכטן רייצנדיק און אַרויסרופעריש, גלײַך געגעבן אָנצוהערן, אַז די פאַרזאַמלונג איז נאָך ניט געענדיקט, די פאַרזאַמלונג דויערט, און זי וועט דויערן נאָך ניט איין נאַכט. מיר זײַנען געגאַנגען און געשוויגן ביידע אונטערן אײַנדרוק פון הײַנטיקער אומגעווײנלעכער פאַר־זאַמלונג.

— און אַרקע? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— ער איז אַוועק מיט פריידלען.

— זיי האָבן שוין כאַסענע געהאַט?

— ניין נאָך. ער איז געגאַנגען זי אָפּפירן אַהיים.

— וועט ער באַלד קומען?

— ניין, ער נעכטיקט ניט אין דער היים.

— און דו?
— וואָס איך?
— ווו נעכטיקסטו?
— אין קיך.
— אין קיך?
— נו יאָ, אין קיך. ניט אין שטוב און ניט אין דרויסן.

און מיר זײַנען ווידער אַנשוויגן געוואָרן. מערער האָט זיך ניט געוואָלט ריידן. זומער, ווען מיר איז אויסגעקומען נעכטיקן באַ זיי, איז זייער הויף געווען פאַר מיר אַ מוסטער פון באַלעבאַטישער אײַנגעפונדעוועטקייט, פון שטילער, דורכגעטראַכטער פויערישער מי און פון פויערישער זאַטקייט. איך האָב לויט זייער הויף זיך געפּרוווט פאָרשטעלן, ווי וועלן אויסזען אונדזערע נײַע יישווים אין עטלעכע יאָר אַרום. און ס'איז טאַקע געווען אַף וואָס מעקאַנע זײַן די דרײַ ברידער, געזונטע יונגאַטשן, וואָס קאָנען אַלץ, פאַר וואָס זיי זאָלן זיך ניט נעמען. דאָס אַקערן איז באַ זיי אַ שפּילעכל, דאָס זייען אַ גאַנצער יאָמטעוו, זיי קאָנען צו עטלעכע שאָ אַפּאַרבעטן אַף דער שנײַד־מאַשין, וואָס האָט ניט אומזיסט באַקומען אַ נאָמען — שטערנ־שוויצער, זיי קאָנען מעסלעסן אָפּשטיין באַ דער דרעש־מאַשין און אויסלייגן סקירדעס אַזוי, אַז קיין שום גוסרעגן און קיין שום זאווערוכע זאָל זיי ניט שאַטן. דער טאַטע זייערער, וועלוול־מייער, אַ ייִד שוין אין די יאָרן, מיט אַ ווײַסער לאַנגער באָרד, האָט אַלץ געטאָן שווײַגנדיק, גלײַך ער האָלט אײַנמיטן שעמענעסרע. די מאַמע איז אויך געווען ניט קיין באַ־ריידעוודיקע, שטענדיק מיט עפּעס פאַרפאַרעט, נאָר די גאַסטפרײַנטלעכקײַט איז איר געלעגן אָפן פּאָנעם. דאָס קריגל מילך און דאָס לעבל פרישע ברויט האָט שטענדיק זיך באַוויזן אָפן טיש, ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר. איצט איז מיר שווער געווען פאַרשטעלן זיך, וויאַזוי קומט דאָס באַ זיי פאַר און ווי אַלץ זעט אויס.

— און אוורעמל? — האָב איך געפרעגט וועגן דריטן ברודער.

— אַט דאָס איז דאָס דאָך, — האָט ער געענטפערט צופרידן, וואָס דער שמועס איז באַנײַט געוואָרן. — מיר זײַנען צוויי אָפּגעזונדערטע לאַגערן. איך מיט אַרקען זײַנען אַוועק אין קאָמונע, און אוורעמל מיטן טאַטן האַלטן זיך באַ זייערן. וויפל מיר האָבן מיט זיי ניט אײַנגעטײַנעט, וויפל ניט דערוויזן. וועסט גלייבן, איך מיט אַרקען האָבן אויסגעכאַזערט אַף אויסווייניק אַלץ, וואָס לענין האָט געזאָגט וועגן קאָאָפּעראַציע. און דער טאַטע — ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט אַרײַן.

נאָך דער פאַרזאַמלונג, נאָך די הייסע דעבאַטן, נאָך דעם, ווי מע האָט אײנער דעם אַנדערן אויסגעוואָרפן דאָס, וואָס אים קומט, און דאָס, וואָס אים קומט ניט, האָט זיך שײַקען זייער געוואָלט אויסרעדן אַ ביסל דאָס האַרץ.

— פאַרשטייסט, איך דערצייל דעם טאַטן וועגן פויערישער נויט, ווײַז ער מיר זײַנע פאַרדעמבעווטע הענט. דאָס הייסט, אַז מיט אַזעלכע הענט, וואָס זײַנען פון קינדווײַז גע־ווינט צו שווערער האָרעוואַניע, האָט ער ניט וואָס מוירע צו האָבן. דערצייל איך אים אַ מײַסע וועגן קאַפּיטאַליזם, וואָס וואַקסט יעדן טאָג, יעדע שאָ אין דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט, ווײַזט ער מיר אַף אונדזער הויף. דאַרף דאָס הייסן, אַז כאָטש מיר האָרעווען אַלע יאָרן, איז נאָך זייער ווײַט פון אַזאַ געפאַר, אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל זיך צו אונדז אַרײַנכאַפּן. נו, גיי רעד מיט אים. און אוורעמל... אוורעמל קוקט דעם טאַטן אין מויל אַרײַן. דאָ גייט אין עפּעס אַנדערש. דער פויער האָט מוירע אָפּרײַסן זיך פון זײַן ביסל אייגנס. אים איז שווער פאַרשטעלן זיך, ווי וועט ער לעבן, אַז ער וועט ניט האָבן אַלץ באַ זיך אין שטאַל, באַ זיך אָפן הויף, באַ זיך אָפן גאָרטן, באַ זיך אָפן פעלד. דאַרפן מיר מיט די אייגענע הענט ווײַזן דאָס, וואָס מיר קאָנען ניט דערווײַזן מיט ווערטער. ריכטיק?

שטיל, זייער פאַרזיכטיק האָבן מיר געעפנט די דרויסנדיקע טיר און זיך אַרײַנגעגאַנוועט אין קיכל. שײַקע האָט אינדערפינצטער אָפּגעזוכט דאָס ברויט, אָפּגעבראָכן צוויי שטיקער, און מיר האָבן געסטאַרעט זיך קײַען אויך זייער שטיל. קיין מילך האָט ער ניט געזוכט. אָפּגע־פּאַרטיקט זיך מיט דער פּיסנע וועטשערע, האָבן מיר זיך צוגעלייגט אָפן שמאָלן הילצערנעם באַנקבעטל, וואָס איז געווען צו ענג פאַר אונדז. נאָר ניט דערפאַר איז זיך ניט געשלאָפן. איך האָב זיך פאַשעט געפילט זייער אומהיימלעך. מיך האָט געדריקט דער געדאַנק, וואָס אַזאַ אַרבעטזאַמע פאַמיליע מוז זיך צעפאַלן, און וואָס אונטער איין דאַך קומען זיך צונויף אַף זייער שווערן נאַכטלעגער צוויי פײַנטלעכע לאַגערן, יעדערער מיט זײַנע שווערע געדאַנקען, מיט זײַן אַקשאָנעס און זײַנע צווייפלען...

מיר האָבן ביידע געטראַכט וועגן יאַקאָוון.

— דו שלאָפסט? ניין? — האָט שײַקע זיך אָנגערופן א ביסל שפּעטער. — ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? ער איז ניט אינגאנצן אומגערעכט, יאקאָוו. אויב, פאַרשטייט זיך, אבסטראַגירן זיך...

— וואָס זשע זײַנט איר אלע אזוי אָנגעפאלן אַף אים?

— ווייסט דאָך אליין, דער עמעס איז שטענדיק קאָנקרעט. און איצט איז אזא צײַט... יאָ, ס'איז געווען צו זען, אז דער סיכסעך ארום דער קאָמונע האָט געצוווּנגען אלעמען פעסט אונטערקאָווען זיך.

— פאַרשטייט זיך, — האָב איך אָפּגעענטפערט. כאָטש, דעם עמעס זאָגנדיק, צו אָט דער פאָרמולע האָב איך זיך דערקליבן א סאך שפּעטער.

— נאָך אלעמען דאַרף איך דיר זאָגן, האָבן מיר אלע וואָס צו לערנען זיך בא יאקאָוון... האָב איך געמיינט, אז מיט דעם ענדיקט ער זײַן געדאנק. האָט ער אָבער צוגעגעבן אזוינס, וואָס האָט אַף לאנג פאַרטריבן דעם שלאָף:

— נאָר אָפּטמאָל איז אים שווער צו פאַרשטיין. א מאָדנע טעווע בא א מענטשן. שטענדיק טאָן אפּצולאָכעס זיך אליין.

8

וועגן וואָס זשע האָט אין יענער נאכט געטראכט יאקאָוו כאָדאָס? וועגן וואָס האָט נאָך אזא פאַרזאמלונג געקאָנט טראכטן אזא מענטש?

אזא מענטש...

דאַרף איך נעמען דערקלערן, פאַרוואָס האָט יאקאָוו כאָדאָס בא מיר ארויסגערופן דעם באגריף — אזא מענטש!..

ס'איז ניט אזוי גרינג צו דערקלערן... באגעגנסט אמאָל א מענטשן, וואָס איז מיט גאָרנישט ניט ענלעך אַף דיר, פּונקט, ווי דו אַף אים, ווײַל ער איז צוויי מאָל עלטער פון דיר, האָט דורכגעמאכט גאָר אַן אנדער לעבנס־וועג, זאָגט אמאָל ארויס אזעלכע זאכן, מיט וועלכע דיר איז שווער מאסקים זײַן, און דאָך... און דאָך געפינסטו אין אים זייער פיל געמיינזאמס, א מין נעשאָמעדיקע קרויוועשאפט, און דו קאָנסט שוין וועגן אים ניט טראכטן גלײַכגילטיק. דו קאָנסט ביכלאל ניט אופהערן טראכטן וועגן אים. אלץ, אלץ גייט דיר אָן: זײַנע דערפאָלגן און דורכפאלן, זײַנע פעלערן און ווייטעקן. און זאָל זײַן, אז דער וועג זײַנער איז געלעגן א סאך ווײַטער פון דײַנעם, אז צונויפגעגאנגען און איבערגעקרייצט זיך האָבן זיי זיך זייער זעלטן, דוכט זיך דיר, אז איר זײַט די גאנצע צײַט געגאנגען באנאנד, אײנײנעם געשווּמען און אײנײנעם זיך געטרונקען, אײנײנעם זיך געדראפּעט בארג־ארוף, און באביידן זײַנען אלציינס די קנ:עס געווען צעקאַליעטשעט ביז בלוט, אָפּטמאָל זיך געקריגט, ניט איין מאָל אזוי, אז ס'האָט זיך געדוכט — אַף אייביק, נאָר נאָך יעדער נײַעם רויגעז געפילט, אז איינער אָנעם אנדערן קאָן ניט זײַן קיין טאָג. איך זאָג ניט, אז פּונקט אזוי איז געשען צווישן מיר מיט יאקאָוון, נאָר ער איז געווען פון יענע מענטשן, וואָס פאַרגעסן זיך ניט, ווי ווייניק מע איז ניט געווען אײנײנעם. מוזסטו שוין וויסן וועגן אים אלץ: דאָס, וואָס איז געשען מיט אים נעכטן, און אויך דאָס, וואָס דאַן, ווען דו ביסט נאָך אַף דער וועלט ניט געווען.

מעגלעך, אז געשען איז דאָס דערפאַר, וואָס אונדז ביידן האָט זיך נאָך קינדווײַז אָפּטמאָל געדוכט, אז די וועלט איז באשאפן געוואָרן ניט אזוי, ווי עס דאַרף צו זײַן, אָדער אז זי איז אראָפּ פונעם וועג. און אונדז ביידן האָט זיך זייער געוואָלט ארײַנמישן אינעם דערעך־האָוילאָם. און ווײַט ניט שטענדיק האָבן מיר געוווּסט, ווי:אזוי קאָן דאָס געמאָלט זײַן בענעגייע מענטשן, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אין פאַרשיידענע יאָרהונדערטן? נאָר... ווען עס קומט אוף יענע נעשאָמעדיקע קרויוועשאפט, פילט איינער דעם אנדערן אַף מײַלן. איין זאַך קאָן איך זאָגן זיכער: בא אונדז ביידן איז געווען שטארק אנטוויקלט דער צולאָכעס־געפיל צו זיך אליין, צעשפּילט האָט ער זיך פּונקט דאַן, ווען מע דאַרף ניט, און מיר האָבן אָפּטמאָל געטאָן פּונקט פאַרקערט, ווי אונדז האָט זיך געוואָלט. און דאָס האָט אונדז ביידן אָפּטמאָל פאַרשאפט אומזיסטע ווייטעקן.

איך הייב אָן דערציילן וועגן יאקאָוו כאָדאָס און האָב זייער מוירע, איך זאָל ערגעץ א ביסל ניט איבערטרײַבן. אָדער איך זאָל אים אָנמאָלן ניט אזא, ווי ער איז געווען אינדערעמעסן. פאַראַן אין אים זייער פיל ווידערשפּרעכלעכס. אָפּטמאָל אינגאנצן אומפאַרשטענדלעכס. און ווײַל ער איז געווען אזא, האָבן די ארומיקע זײַנע אים קיינמאָל ניט ארויסגעלאָזט פון

אויג, נאָכגעשפּירט נאָך יעדן טריט זײַנעם און געשאַפן אַרום אים פאַרשיידענע געשיכטעס. אין אייניקע פּילט זיך פּאַשעט אַ פּרײַנטלעכער שאַרזש, אין אַנדערע — פּיל ערנסטערע זאַכן. אַלנפאַלס פון פרײַנטשאַפט זײַנען זיי זייער ווײַט.

יענע קאָמיוגישע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, נאָך איידער איך האָב זיך באַוויזן אין יענע קאַנטן, נאָר מע האָט מיר אַזויפיל אָנדערציילט וועגן איר, אַז זי איז פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן, גלײַך איך אַליין וואָלט בײַגעוועזן אויף איר. אויף יענער פאַרזאַמלונג האָט מען באַהאַנדלט יאַקאָוו כאַדאָסעס אַ מעלדונג אויף זײַן ייִנגערער שוועסטער, דער קאָמיוגיסטקע שיינע־לייע, וואָס האָט אויוּוער געוועזן אויף די קאָמיוגישע זיטן, געקויפט זיך אַ פּאָר טופליעס אויף הויכע אָפּצאַסן. פאָדערט ער, מע זאָל זי אויסשליסן פון קאָמיוג פאַר קליינבירגערלעכע אָנשוויונגען.

די צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך געקליבן שוין פאַרגיין, און דער קוק אויף אַזעלכע זאַכן איז געוועזן שוין גאָר אַן אַנדערער, ווי בייס זייער אויפגאַנג. נאָר יאַקאָוו כאַדאָס איז געווען דער עלטסטער קאָמוניסט אין דאָרף, דערצו איז ער דאַן געווען סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל, און מע האָט געמוזט באַהאַנדלען די מעלדונג מיט דער פולער ערנסטקײַט.

אינעם קאָמיוגישן קעמערל איז אויך דאַן געווען סעקרעטאַר שײַקע כאַדאָס. האָט ער פאָרגעלייענט די מעלדונג און געבעטן זיך אַרויסזאָגן. נאָר קיין באַלאַנים אויף אַרויסזאָגן זיך זײַנען דערוויל ניט געווען. די מעלדונג איז פאַר אַלעמען געווען אומדערוואַרט, האָט גע־קלונגען אַ ביסל מאָדנע, און יעדערער האָט ערשט געדאַרפט אַ טראַכט טאָן. איז דער ערשטער אַרויסגעטראָטן יאַקאָוו כאַדאָס:

— וואָס איז אַזוינס אַ קאָמיוגיסט? אַ קאָמיוגיסט — דאָס איז אַ יונגער קאָמוניסט. און ווי דאַרף זיך פירן אַ קאָמוניסט? אין דער ערשטער ריי באַשיידן. ווײַל ניט אין דער אויסער־לעכער באַפּוצונג גייט עס, נאָר אין זײַן אינערלעכער שיינקײַט, אין זײַן אידייִשער רײַכקײַט. און דער, וואָס פּרוּווט צודעקן זײַן אינערלעכע פּוסטקײַט מיט שיינע קליידער, דער איז שוין ניט קיין קאָמוניסט, נאָר אַ קליינבירגער.

גערעדט האָט ער רויִק, אָן היץ, אָן איבעריקער פאַרצאָרנטקײַט, און מעגלעך, אַז דער איניען האָט אים פאַרכאַפּט ניט אַזוי מיט זײַן קאָנקרעטן אויסדרוק, מיט זײַן שיינע־לייעס טופליעס, ווי די דערשײַנונג אין ברייטן זין פון וואָרט. ווײַל אינגיכן האָט ער פאַרגעסן, וועגן וועמען און וועגן וואָס עס גייט אַ רייד, און פאַרפירט אַ שמועס וועגן קאָמוניזם. ווי וועלן אויסזען די מענטשן פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט און ווי וועלן זיי זיך קליידן. און דערוויזן, אַז באַם קאָמוניזם וועלן מענטשן גיין אָנגעטאָן זייער באַשיידן, דעריקער ראַציאָנעל, זיי וועלן זײַן פאַרנומען מיט פּיל וויכטיקערע זאַכן — מיט וויסנשאַפט און טעכניק, מיט מוזיק און פּאָעזיע, און די שרײַענדיקע מאָדעס וועלן ניט האָבן פאַר זיי קיין שום ווערט.

געוויס איז ער געווען גערעכט, און אין זײַן געדאַנקענגאַנג איז געווען אַ באַשטימטע לאָגיק. נאָר אויב אַפילו ניט אַלע כעוורע האָבן דאַן געוווּסט, אַז דער עמעס איז קאָנקרעט, זײַנען זיי געווען זייער ווײַט פון די אַלע זאַכן און געדענקט מערער פּראַקטיש. און פריידל שנײַדער... זי האָט אין פיל יאָרן אַרום מיר זיך מוידע געווען, אַז אויף יענער פאַרזאַמלונג האָט זי געטראַכט וועגן גאָר אַנדערע זאַכן. לויטן דין האָט זי געדאַרפט אַרויסטרעטן און פאַרורטיילן שיינע־לייען, נאָר זי האָט ניט געקאָנט אַרויסרופן בא זיך אָט דעם פאַרורטיילנ־דיקן געפיל: איר אַרקע, וועמען זי האָט געשריבן ליבע־בריוולעך, האָט אינגיכן זיך געדאַרפט אומקערן פון דער אַרמיי, זי האָט זייער געוואָלט אים געפעלן ווערן, און אַזעלכע טופליעס אויף הויכע אָפּצאַסן זײַנען געווען איר בייטיק, ווי דאָס לעבן. נאָר צוועלף רובל! ווו נעמט מען אַזאַ פּויטעקע? און אָנשטאָט דעם פאַרורטיילנדיק־בייזן געפיל איז זי גאָר מעקאַנע געווען שיינע־לייען. איז זי געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מוירע האָבנדיק, מע זאָל ניט באַ־מערקן אויף איר פּאָנעם דאָס קינע־געפיל.

ס'איז אַלעמען געווען שווער עפּעס זאָגן, און אַלע האָבן געוואַרט, וואָס וועט זאָגן שיינע־לייע אַליין, ווי וועט זי אָפּשאַצן איר אויפירונג און ווי וועט זי זיך פאַרענטפערן. פון דעם איז אָפּגעהאַנגען די מאָס פון דער שטראָף. נאָר שיינע־לייעס אַרויסטרעטונג איז געווען אומדערוואַרט ניט ווייניקער, ווי יאַקאָווס מעלדונג:

— איך מיין, אַז קיינער צווייפלט ניט, אַז די צוועלף רובל האָב איך פאַרדינט ערלעך. און אויסגעבן זײַן געלט האָט יעדערער רעכט לויט זײַן געשמאַק. נאָך אַלעמען דאַרף מען מעסטן די אידייִשקײַט פון אַ קאָמיוגיסט ניט לויט דער הייך פון די אָפּצאַסן.

און שוין גאַנץ היימיש, אַפילו צו היימיש, נאָר ניט אַזוי, ווי אויף אַ קאָמיוגישער פאַר־זאַמלונג, פאַרענדיקט, ווײַזנדיק אויף כאַדאָסן:

— איך האָב אים אין דער היים אויך געזאָגט דאָס זעלבע.

יאָ, די צוואנציקער יאָרן האָבן שוין געהאלטן באם פארגיין, און דער נײַער דאָר קאָמיוגיסטן האָט געמאָסטן אלץ מיט אנדערע מעסטעלעך.

ס׳איז ניט געווען צו זען, אז יאקאָוו זאָל זיך שטארק נעמען צום הארצן, וואָס זײַן פארשלאָג איז ניט אָנגענומען געוואָרן און זײַן שוועסטערל האָט מען פון קאָמיוג ניט אויסגעשלאָסן. ער האָט אויך ניט געהאלטן, אז דערמיט איז געמינערט געוואָרן זײַן אויטאָריטעט אלס סעקרעטאר פון פארטיי־קעמערל. פון אזעלכע זאכן איז ער ביכלאל געווען פרײַ. גאנץ מעגלעך, אז אינגיכן האָט ער אינגאנצן פארגעסן וועגן דער פארזאמלונג. נאָר זעליאָנאָפּאָל אליין האָט ניט פארגעסן. מע האָט זי לאנג ארומגערעדט אין אלע הײַזער, ארומגערעדט פון פארשיידענע שטאנדפונקטן. אייניקע האָבן געהאלטן, אז ער איז געווען גערעכט, און אנדערע האָבן געפרוווט דערווײַזן, אז ער איז פּאָשעט געווען בייז אַף זײַן שוועסטער, וואָס זי האָט אויסגעגעבן אזויפיל געלט, ווײַל בעטעווע איז ער א קארגער. ס׳זײַנען געווען ניט ווייניק אזעלכע, וואָס האָבן די גאנצע צײַט געזוכט אין אים עפּעס א פּעגימעלע.

אזוי איז אים אויך נאָכגעגאנגען די מײַסע מיט די קירבעסן.

געשען איז דאָס אַף אונדזער ערשטן ראיאָנישן ראטן־צוזאמענפאָר. נאָך יענער נאכט, ווען איך האָב ארומגעבלאָנדזעט איבערן סטעפּ און אָפּגעשוויגן אייניינעם מיט דער לעוואָנע א גוטע פאר שאָ לעבן הופּאלאָווקער סטאוואָק, בין איך געזעסן אַפן צוזאמענפאָר א שלעפעריקער און אלעמאָל געמוזט זיך א קניפּ טאָן, איך זאָל אינגאנצן ניט אנשלאָפן ווערן. איך בין געזעסן און געזידלט זיך פאר מײַן מאָראלישער ניט־אויסגעהאלטנקײַט, איבער וועלכער איך האָב צעטרענצלט די נאכט, און בין איצט ניט אימשטאנד אופכאפּן, וועגן וואָס רעדט מען אַפן צוזאמענפאָר. און נאָך מערער האָב איך געזידלט זיך פאר מײַן אָפּהענטיקײַט און מוטלאָזיקײַט, פאר מײַן צולאָכעס־געפיל, איבער וועלכן איך האָב מיט די אייגענע הענט אָפּגעטריבן דעם טרוים מײַנעם, ווען צו אים איז געבליבן געציילטע טריט. געריבן די ניט אויסגעשלאָפענע אויגן און אלעמאָל געכאפּט א קוק אין אן אנדער זײַט. עפּשער...

די רעדעס זײַנען געווען הייסע, פײַערלעכע, פונקט אזעלכע, ווי זיי האָבן געדארפט זײַן אַף אזא צוזאמענפאָר. די רעזאָליוציע איז אויך געווען אָנגעשריבן מיטן זעלבן נוסעך. וועגן צוגאָבן און ענדערונגען האָט דער פאָרזיצער געוויס געפרעגט גלאט אזוי, צוליב יויצע־וועגן, נאָר יאקאָוו כאַדאָס האָט אופגעהויבן די האנט:

— איך האָב צוויי צוגאָבן. ערשטנס, מאקסימאל פארברייטערן דעם פארזיי־שעטעך פון קירבעסן, ווי א וויכטיקער רעזערוו פון זאפטיקער שפּײַז פארן פיצוכט. און צווייטנס. אָנעמען מיטלען אַף ליקווידירן די זומפן ארום די סטאוואָקן, ווײַל אין זיי האלטן זיך אוף די מאַליאריע־פליגלעך.

האָט זיך באקומען, גלײַך מע האָט אלע דעלעגאטן אראָפּגעוואָרפן פונעם הימל אַף דער ערד. אזוי וואָכעדיק, אזוי ריין גאשמיִעסדיק האָט א קלונג געטאָן דער דאָזיקער קירבעסדיקער צוגאָב צו דעם דערהויבענעם עכט־פײַערלעכן נוסעך פון דער רעזאָליוציע. דעם עמעס געזאָגט, האָט דאָס מיר אויך א שניט געטאָן דעם אויער. נאָר ווער ווייסט, עפשער איז דאָס בא אים אויך געווען א שפּיל פון יענעם צולאָכעס־געפיל, א פארלאנג דערמאָנען אלעמען, זיי זאָלן אזוי ניט פליִען אין די הימלען. א לאנגע צײַט, ווען עמעצער האָט ארײַנגעטראָגן א פארשלאָג ניט צו דער זאך אָדער ניט צו דער צײַט, האָט מען געשפּאסט:

— יאקאָוו כאַדאָס מיט די קירבעסן.

ס׳האָט געדארפט דורך א צײַט, איך זאָל פארשטיין, אז דאָס איז געזאָגט געווען ניט גלאט אזוי אין דער וועלט ארײַן, אז דאָס איז געווען א טייל פון זײַנע פילצאָליקע טרוימען, וואָס האָבן אים רוען ניט געלאָזט. דערוווּסט האָב איך זיך וועגן דעם פון זײַנע אייגענע נאָטיצן, פון די גראָבע העפטן, געדיכט פארשריבענע מיט קליינע אויסיעלעך, העפטן, איבער וועלכע איך בין אָפּגעזעסן ניט איין נאכט. אָט, טאקע וועגן די קירבעסן:

„איך האָב אָנגעשריבן אן ארטיקל „גיט די קירבעסן אן אָרט אונטער דער זון”. געבראכט וואָגיקע ארגומענטן, ציפערן פון מײַנע אייגענע פּרוּוון, וואָס פאר אן אָרט די קירבעסן קאָנען פארנעמען אינעם פיטער־באלאנס, נאָר מע האָט פאר דעם ארטיקל ניט געוואָלט אויסטיילן קיין אָרט אפילע אַף די זײַטלעך פון דער ראיאָנישער צײַטונג. די מאָסקווער צײַטונג „סאָץ. זעמלעדעליע” האָט דאפקע יאָ אָפּגעדרוקט מײַן ארטיקל, נאָר בא דעם איז דאָס געבליבן”.

אים האָבן רוען ניט געלאָזט די זומפן ניט נאָר ארום די היגע סטאוואָקן, דאָס האָב איך אויך ארויסגעלייענט אין יענע העפטן:

„אין מײַקאָפּ און אין קראסנאָדאר, אין סוכומי און אין באטומי, ווו ס׳איז ביז גאָר א רײַכער באָדן, ווו די שווארצערד דערגרייכט צוויי מעטער, ווו ס׳איז דאָ א סאך זון און א סאך פײַכטקײַט, קאָן מען קולטיווירן די ווערטפולסטע קולטורן. דערווײַל שטייען דאָרט אין

פיל ערטער שטינקענדיקע זומפּן, פול מיט די מאַליאַריע־פליגלעך. און אַנשטאָט מאַראַנצן האָדעוועט מען דעם דאָרטיקן אוילעם מיט כינין".

ער איז שטענדיק געווען פול מיט אומגעדולד. און האָט זייער געוואָלט וואָס גיכער פאַריכטן די פעלערן פון ברִיאס־האָוילאָם. מעגלעך, א ביסל פאַר דער צײַט. און דערפאַר האָבן אים א סאַך ניט פאַרשטאַנען.

וויל איך דאָ דערציילן ניט נאָר וועגן דעם, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן אים ביז יענער פאַרטיי־פאַרזאַמלונג, נאָר אויך וועגן דעם, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון זײַנע העפטן.

לעבן און טויט...

לעבן און טויט!

און צווישן זיי ביידע גייט א פאַרביטערטער געראַנגל.

דאָס לעבן — די מאַמע. די מאַמע מענוכע, וואָס איז קיינמאָל יונג ניט געווען, שטענדיק פאַריאָגט און פאַרהאָרעוועט, מיט א לאַנג אײַנגעפאַלן פּאָנעם און צוויי שטענדיק וואַכנדיקע, וואַכזאַמע אויגן, פול מיט אומרו, מיט ראַכמאָנעס און מיט א שטומער גוטסקײַט.

דער טויט — טאַקע דער טויט אַליין, דער מאַלעכהאַמאָוועס, וואָס האָט טאָג און נאַכט געלויערט אַרום זייער שטוב, געהאַנגען איבער זייערע געלעגערס, איבער זייער איינציקן גרויסן געלעגער אַפן ערדענעם דיל.

אַכצן קינדער האָט געבוירן די מאַמע מענוכע.

עלף קינדער האָט אויסגעכאַפּט דער מאַלעכהאַמאָוועס.

ער איז געווען דערפינדעריש, דער טויט, כיטרע און פרעך. אַלעמאָל האָט ער צוגעטראַכט עפּעס אַנדערש, די מאַמע זאָל ניט וויסן פאַר וואָס פרִיִער היטן זיך. פאַר איין קינד צוגעטראַכט קאַדאָכעס, פאַרן צווייטן עפּעס א טיפוס, פאַרן דריטן דיפטעריע, א פערטן געפּאַקט אַף דער שוועל און אויסגעבראָכן א פּיסל, און אויב ער האָט ניט געהאַט וואָס צוטראַכטן עפּעס בעז־סערס, איז דער הונגער שטענדיק געווען בא אים אונטער דער האַנט.

דער קאַזיאָנער ראַבינער האָט, ווי געוויינלעך, פאַרשריבן אין זײַן סייפער האַכאִים וועהאַמאָוועס:

Умер от акадахас.
Умер от ашахефес...

די, וואָס זײַנען געשטאָרבן פון הונגער, האָט ער פאַרשריבן פּאָשעט:

Умер по воле божией.

ווײַל הונגער איז דאָך א גאָט־זאַך.

דער מאַלעכהאַמאָוועס האָט זיך געמאָלט יאַקאָוון, ווי א שוואַרצע ברִיע אין א שוואַרצן לײַלעך אײַנגעוויקלט, מיט שוואַרצע הענט און מיט שוואַרצע פיס, מיט א שוואַרץ פּאָנעם און מיט שוואַרצע אויגן. די קאָסע, מיט וועלכער ער שפּאַנט אַרום איבער דער וועלט, איז אויך א שוואַרצע.

די מאַמע מענוכע... זי האָט אַלץ געקענט, די פאַרהאָרעוועטע און אויסגעדאַרטע מאַמע. דער טאַטע, באַרויגעז געוואָרן אַף דער ערד, וואָס קאָן ניט אָנהאָדעווען זײַנע הונגעריקע קינדער, איז געוואָרן א שנײַדער און גאַנצע וואָכן אַרומגעבלאָנקעט איבער די אַרומיקע דערפער. האָט די מאַמע אַליין געאַקערט און געזייט, געשניטן און געדראָשן. און אַלע טאָג געקאָכט פאַר די קינדער שיטערע און פּיסנע קולישעלעך. און נאָך געהאַט ווען צו בייען פאַר אַלעמען העמדעלעך און מײַטקעלעך. געדענקט ער ניט, די מאַמע זאָל אַמאָל האָבן א פרײַע מינוט, זי זאָל זיך אַמאָל צוזעצן אָפּרוען. בלויז באַנאַכט... באַנאַכט איז זי געזעסן איבער זיי, ווי א גוטער מאַלעך, ווי זיכער, אַז מיט איר זיצן באַשיצט זי זיי פונעם טויט, לאָזט ניט צו צו זיי יענעם, אינעם שוואַרצן לײַלעך מיט דער שוואַרצער קאָסע.

לעבן און טויט...

לעבן און טויט!..

מיסטאַמע האָט דאָס קליינע יאַנקעלע זייער אָפט געזען דעם טויט ביז גאָר נאָענט, האָט ביכלאַל א סאַך זיך אָנגעזען, ניט ווייניק זיך אָנגעהערט און ניט ווייניק זיך אָנגעבידעוועט, אויב שוין אין די קינדער־יאָרן, ווען ער איז נאָך געגאַנגען אין שול, איז בא אים אופגע־קומען אַזאַ זינדיקער געדאַנק:

„וואָס איז אַזוינס לעבן און וואָס איז אַזוינס טויט? ווער בין איך און וואָס בין איך? און וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעם איך אין דער וועלט?"

צי האָט ער געמיינט זיך אַליין, צי דעם מענטשן ביכלאַל, דעם גאַנצן אַרום מיט זײַנע פילצאָליקע סוידעס, מיט זײַן אומבאַגרײַפלעכער אומגערעכטיקײַט? עפּשער צו פרי זײַנען

בא אים אופגעקומען אזעלכע געדאַנקען. נאָר עפּעס האָט געהאַלטן אין איין בויערן זײַן אומרויִקן קינדערשן מויעך, געוואָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס מוז דאָס זײַן אַזוי און ניט אַנדערש: דער טויט זאָל אויסכאַפּן זײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך, דער סטעפּ זאָל לעכצן נאָך אַ טראָפּן וואַסער, די ברויטן זאָלן כאַלעשן פון דאָרשט, און דער סטאַוואָק אַליין זאָל זומער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שיטערן שטינקענדיקן זומפּ, וואָס ווימלט מיט יענע מיִעסע פליגע־לעך, וועלכע טראָגן פאַנאַנדער דעם קאַדאַכעס אין אַלע הײַזער.

אין די לערנביכער האָט ער קיין ענטפער אויף די אַלע פראַגן ניט באַקומען. דער לערער קאַלמאַנאָווסקי, אַ גוטער לערער, פון וועמען ער האָט זיך זייער פיל דערוווּסט, האָט אויך ניט געקאָנט ענטפערן אויף אַלע פראַגן. מיסטאָמע דערפון איז אויפגעקומען יענע פאַרנאָ־טירונג אין זײַן העפט, וואָס שמעקט מיט אַ ביסל איראָניע און מיט אַ ביסל פאַרדראָס:

„איך האָב אַ סאַך יאָרן אָנגעשטרענגט שטודירט געאָגראַפיע, נאָר אַז די וועלט איז אומענדלעך אין צײַט און אין רוים, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט אויף דער עלטער פון אַ געוויינלעך בלעטל פונעם אַפּריס־קאַלענדאַר".

האָט ער פאַרלאָזט די שול מיט פיל ניט אויסגעקלאָרטע פראַגן און איז אַוועק זוכן אַן ענטפער אויף זיי באַם זייער פאַרפלאָנטערטן און אומפאַרשטענדלעכן לעבן.

ס'האָט אים בעפּיירעש אָפּגעגליקט. צו יענער צײַט האָט אינעם ייִדישן דאָרף נײַ־פּאָל־טאַווקע, וואָס אונטער כערסאָן, זיך געפונט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע מיטלשול. איז קיין כידעש ניט, וואָס דער פאַרשטייער פון נײַ־פּאָלטאַווקע האָט אָפּגעקליבן גראָד אים. די נײַ־פּאָלטאַווקער שול האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ לויב־גראַמאָטע און איז גרייט געווען מיט זײַנע אַגראָנאָמישע קענטעניש אָפּסנײַ איבערבאַשאַפן די וועלט. נאָר אויף דער וועלט האָט דאַן געהערשט דאָס טויזנט נײַן הונדערט זיבעטע יאָר, און סטאָליפּין, וואָס האָט זיך געקליבן איבערבויען דאָס פויערישע לעבן אויף גאָר אַן אַנדער, כוטאָריאַנישן אופן, האָט קיין אַגראָ־נאָמען ניט געדאַרפט. האָט דער אַגראָנאָם געמוזט פאַרלאָזן די ערד, אַוועק אין טאַגאַנראָג און ווערן אַ לערנייִנגל אין אַן אַפּטייק.

נאָר אויב ווידער אַ לערנייִנגל!.. האָט ער פאַר צוויי יאָר עקסטערנע געענדיקט אויף פּראָוויזאָר און פאַר די זעלבע צוויי יאָר אָפּגעגעבן עקזאַמענעס אויף אַ לערער. נאָר אין מאַריוּפּאָל, וווּהין ער איז אָנגעקומען אַרבעטן שוין אַלס פּראָוויזאָר, האָט אים פאַרכאַפּט די מוזיק. שולדיק איז געווען אין דעם מיכל לאַנטוך מיט זײַן פאַמיליע. אַ פאַמיליע פון פידלער, אַ שטוב, וואָס איז פול געווען מיט מוזיק־קלאַנגען, מיט מעלאָדיעס פון גאָר דער וועלט. און דאָס האָט יאַקאָוון אויסגעזען, ווי אַ גרויסער קישעף: מע דאַרף נאָר צומאַכן די אויגן און זיך אײַנהערן אינעם פידעלע, וועט עס דיר דערציילן אַזוינס, וואָס וועסט ניט אויסלייענען אין קיין שום בוך. עס וועט דיר עפענען אַזעלכע שיינע וועלטן און אַזעלכע טיפענישן אין מענטשלעכן האַרצן, אַז דיר אַליין וועט זיך וועלן זינגען און וויינען: ווי האָסטו געקאָנט אַזויפיל יאָרן לעבן אָן מוזיק, אָן אַ פידל?

מיכל לאַנטוך איז געווען אַ גוטער לערער, און יאַנקל איז געווען אַ גוטער שילער. און ווען זיי זײַנען זיך צונויפגעקומען אין אָוונט און גענומען די פידלען אין די הענט, האָבן זיי פאַרגעסן אין אַלץ און אין אַלעמען. מערער האָבן זיי גאָרנישט ניט געדאַרפט. נאָר פאַר יאַקאָוון זײַנען געווען ווייניק די אָוונטן, האָט ער אויסגעבעטן פאַר זיך דעם פידל אויך אויף באַטאָג. און ער האָט דערוויזן, אַז ער קאָן טאָן צוויי זאַכן מיטאַמאָל: קאָכן פאַרשיידענע רעפּועס און שפּילן אויפן פידל. און וואָס גייט עס אים אָן, וואָס דער באַלעבאָס בייזערט זיך און די באַלעבאָסטע האַלט אים ביכלאַל פאַר אַ ביסל אַ צעדרייטן? און ווען מיכל לאַנטוך האָט אים דערנאָך פאַרקויפט איינעם פון זײַנע פידלען, איז קיין גליקלעכערער פון אים אויף דער וועלט ניט געווען. יעדע פרײַע מינוט האָט ער געשפּילט אויפן פידל און ניט דורכגעלאָזט קיין איין קאָנצערט. אָפּאָנעם, אַז יענע צײַט מיינט די פאַרנאָטירונג אין זײַן העפט: „מיט מאַריוּפּאָל זײַנען פאַרבונדן מײַנע בעסטע זיכרוינעס. מערער פון האַלב מוזיקאַלע ווערק, וואָס איך האָב געהערט אין מײַן לעבן, האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אין מאַריוּפּאָל".

דאָס פאַרפלאָנטערטע און אומפאַרשטענדלעכע לעבן... עס האָט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז אויסקלאָרן זיך... פריִער איז געקומען צו אים בעטהאָווען און מאָצאַרט, דערנאָך פּושקין און שאָלעם־אַלייכעם, ביאַליק און טשעכאָוו, טאָלסטאָי און שעווטשענקאָ. נאָר איידער ער האָט זיך באַקאַנט מיט זיי אַלעמען, האָט ער זיך פאַרכאַפּט מיט די פעליעטאָנען פונעם באַוווּסטן רוסישן זשורנאַליסט דאָראָטיעוויטש.

„דאָראָטיעוויטשעס פעליעטאָנען זײַנען געווען פאַר מיר אַן אַנטדעקונג. אויסשרײַבן אַ צײַטונג האָב איך ניט געהאַט פאַר וואָס, נאָר יעדער צײַטונג מיט דאָראָטיעוויטשעס פעליעטאָן האָב איך געקויפט, כאָטש פינף קאָפּעקעס איז געווען פאַר מיר גרויס געלט".

נאָר אפן ערשטן אָרט און מערער פון אלעמען — שאָלעם־אלייכעם. מיט אים איז ער אופגעשטאנען, מיט אים זיך געלייגט שלאָפן, אים האָט ער אָפט געזען אין כאָלעם:

„איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב געלעבט אין דער צײַט פון שאָלעם־אלייכעמען, וואָס איך האָב געלייענט זײַנע ווערק, ווי נאָר זיי זײַנען ארויס פון אונטער זײַן פען. שאָלעם־אלייכעם איז בא מיר אין קאָפּ, אין מײַן הארץ, אף מײַנע ליפּן".

נאָר ס'האָט די גאנצע צײַט געלעבט אין אים דער אגראָנאָם, דער פויער, דער ערדארבעטער. ער האָט דאָס פארשטאנען, ווי נאָר ער האָט ווידער א שמעק געטאָן די רייכעס פון סטעפּ. אין סטאווראָפּאָל, ווּהין ער איז אריבער ארבעטן אין עטלעכע יאָר ארום, איז ניט ווײַט פון דער אפטייק געווען א לאנדווירטשאפטלעכע סטאנציע. די ערשטע צײַט האָט ער דאָרט פארבראכט בלויז די פרײַע שאָען, ווי א ליבהאָבער. עס האָבן אים פאָשעט אינטערעסירט די דאָרטיקע פּרוּוון, און ער האָט געוואָלט אויספרוּוון זיך אליין: צי געדענקט ער נאָך דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אין נײַ־פּאָלטאווקע. יאָ, ער האָט געדענקט. ער האָט גאָרנישט ניט פארגעסן. נאָך מערער, ער האָט אלץ אָנגעהויבן באנעמען אף גאָר אן אנדער אויפן. האָט ער פארלאָזט די אפטייק און אוועק. מיטן פידל, מיט דאָראָטיעוויטשן, מיט פּושקינען און מיט שאָלעם־אלייכעמען. אוועק ארבעטן אין דער לאנדווירטשאפטלעכער סטאנציע. און ערשט דאָ פארשטאנען, אז ער איז באגאנגען א גרויסן פעלער. ווײַל זײַן בארוף, זײַן ליבע, זײַן מוזיק און זײַן פּאָעזיע איז די ערד.

„דאָס לעבן — דאָס איז די ערד. און אלע אויצרעס, וואָס מענטשן זוכן, נאָך וואָס זיי יאָגן זיך אין עק וועלט, ליגן דאָ, אונטער דער האנט, אינגאנצן אף פיר־זעקס סאנטימעטער די טיף".

ווען זײַנען פארשריבן געוואָרן אָט די שורעס אינעם העפט? דאן, אין סטאווראָפּאָל, צי שפּעטער? נאָר אין סטאווראָפּאָל איז דאָס גאנצע לעבן געהאנגען אף א האָר און דער טויט אף דער ערד איז געווען פיל שטארקער. עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, וואָס האָט זיך אים געמאָלט, ווי אן איבערגעפרעסענער מאלעכהאמאָוועס, וואָס האָט פארהויבן זײַן שווארצע קאָסע איבער דער גאנצער וועלט. דאָס לעבן האָט אָפּגעטראָטן, און אף דער גאנצער וועלט האָט געהערשט דער טויט. ביז ס'איז געקומען די רעוואָליוציע. איז ווידער לעבן?

רעוואָליוציע הייסט לעבן! און א סאָף צו דער מילכאָמע, א סאָף צום הונגער, א סאָף צו אלע טיפוסן און קאדאָכעסן, א סאָף צו די מאליאריע־זומפּן, א סאָף צו אלע אומגערעכטיקײַטן אין מענטשלעכן לעבן!.. איז טאקע געקומען די צײַט פאריכטן אלע פעלערן און בלויזן אין דער וועלט־באשאפונג? נאָר עפּעס צופיל פארטייען און צופיל מיטינגען. און פון די אלע רעדעס, לאָזונגען און פּראָגראמען דרייט זיך דער קאָפּ... און ס'איז אים שווער דאָס צו באנעמען: מע נעמט אזא קלאָרן, נייטיקן און וויכטיקן איניען און מע פארפּלאָנטערט אים אזוי, אז ס'איז שווער זיך פאנאנדערקלײַבן. ביז איינמאָל...

— די זאוואָדן — די ארבעטער, די ערד — די פויערים, די מאכט — די ראטן, שאָלעם — די פעלקער!

האָט ער פארלאָזט די לאנדווירטשאפטלעכע סטאנציע און איז אוועק. מיטן פידל, מיט פּושקינען און מיט שאָלעם־אלייכעמען. אוועק צו דער רעוואָליוציע, צו די באָלשעוויקעס, צו לענינען.

סאָף זיבעצעטן יאָר האָט ער זיך אומגעקערט קיין זעליאָנאָפּאָל. מיטן פידל, מיט פּושקינען, מיט שאָלעם־אלייכעמען און מיט לענינען. מיט זײַנע דעקרעטן וועגן ערד און וועגן שאָלעם. זיך אומגעקערט צו זײַן אייגענער ערד, צו וועלכער ס'האָט אים די גאנצע צײַט געצויגן. נאָר לאנג בלײַבן דאָ ניט געקאָנט. בלויז באוויזן שאפן א פארטיי־קעמערל, אָרגאַניזירן די געוועזענע פראָנטאָוויקעס און איינינעם מיט זיי אוועק אפן פראָנט. פאר דער ערד, פארן שאָלעם, פאר דער ראטנמאכט האָט מען ערשט געדארפט שלאָגן זיך.

ביכלאַל איז עס געווען אן עכטער זיווּג. און ניט אזוי דערפאר, וואָס זי איז געווען א דאָקטער און ער א פּראָוויזאָר. יאָ, אין דער רויטער ארמיי זײַנען געווען זייער ווייניק פארמאצעווטן, און ער האָט געמוזט אומקערן זיך צו זײַן האלב־פארגעסענער פּראָפעסיע. נאָר ניט דאָס האָט זיי אזוי דערנעענטערט. זיי זײַנען ביידע דערצו געווען פידלער. האָט מען קיין ווערטער אינגאנצן ניט באדארפט. וואָס נאָך קאָן אזוי איבערגעבן מענטשלעכע געפילן, ווי דאָס פידעלע אליין?

איז מיר שווער צו זאָגן, וואָס דערנאָך איז געשען. מעגלעך, אז געשען איז דאָס דערפאר, וואָס ער האָט שטענדיק צופיל געפּאָדערט פון דער וועלט, פון מענטשן און פון זיך אליין, עפּשער צופיל אידעאליזירט אייניקע זאכן און געפרוּווט אָפּטמאָל אריבעריאָגן די צײַט. דאָס האָט געמוזט ברענגען צו פיל אנטוישונגען. מעגלעך, אז אין אים האָט זיך צעשפּילט יענער

צולאָכעס־געפיל. און גיכער פאַר אַלץ האָט דאָס געטראָפן דערפאַר, ווײַל אין אים האָט זיך דערוועקט אַזאַ בענקעניש נאָך דער ערד, וואָס אים איז געווען שווער בײַקומען. און עפּשער ניט קיין בענקעניש, נאָר גאָר אַן אַנדער געפיל. אים האָט זיך געדוכט, אַז אויב ער בלײַבט אין כאַרקאָוו, וועט דאָס הייסן, אַז ער פאַראַט זײַן באַרוף, פאַראַט זײַן גרעסטע ליבע, פאַראַט זײַן ערד.

פאַר אים, פאַר יאַקאָוון, האָט דאָס באַטײַט ניט בלויז זײַן שטיקל נאַכלע, פאַר אים איז דאָס געווען די ערד אינגאַנצן. דער גאַנצער סטעפּ מיט זײַן הייסן אָטעם, מיט זײַן אייביקן דאָרשט, מיט זײַנע גוסרעגנס און זאַווייען, מיט זײַן פרייד און טרויער, מיט זײַן פרילינגדיקן בלי און מיטן אָסיענדיקן אומעט, מיט אַלץ, וואָס עס קאָן איבערלעבן, איבערטראָגן און איבערווייטעקן אַזאַ לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס איז געווען פאַר אים די ערד. און געדוכט האָט זיך אים, אַז דער סטעפּ בענקט נאָך אים, קוקט אַרויס אויף אים, וואַרט, אַז ער זאָל קומען און פאַרהיילן זײַנע ווונדן. ווער דען, אויב ניט ער?

נאָר זײַן עכט־שטאָטישע פרוי האָט זיך אָפּגעזאָגט פאָרן מיט אים אין ווײַטן און אומבאַקאַנטן און אומפאַרשטעלדלעכן סטעפּ. איז ער אַוועק אַליין. און צווישן אַלע פאַרלוסטן, צו וועלכע ער איז געווען געוווינט פון קינדווײַז, איז דאָס געווען דער סאַמע גרעסטער פאַרלוסט, וועלכן ער האָט שוין ניט געקאָנט פאַרפילן דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. און צווישן אַלע אַנטוישונגען, פריִערדיקע און שפּעטערדיקע, איז דאָס געווען די גרעסטע אַנטוישונג, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט ניט דערקלערן, ניט פאַרענטפערן.

נאָר — ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט.

מיט דעם בירגערקריג איז געווען פאַרענדיקט, מיטן מיליטערישן קאָמוניזם אויך. עס האָט אָנגעהויבן אויפגיין לענינס נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, און פון טאָג צו טאָג איז צוגעקומען עפּעס צו לענינס גרויסן קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן, וואָס האָט געדאַרפט אינגאַנצן איבעראַנדערשן דאָס פּאָנעם פונעם דאָרף...

האָט ער אַנדערש ניט געקאָנט.

ער האָט דאָס טויזנט מאָל איבערגעכאַזערט פאַר זיך אַליין: ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט!

דער סטעפּ האָט אים באַגעגנט אַ פאַרגעלטער, אַ פאַרטריקנטער און אַ פאַרסאַרפּעטער. אינגאַנצן אַן אָפּגעבערנטער. יענע שרעקלעכע טריקעניש פון איין־און־צוואַנציקסטן. די טרוי־קעניש, דער הונגער און אַן אַ שיר טויטן. דער טויט, וואָס האָט אויסגעכאַפּט זײַן טאַטן און עפּעס איבערגעבראָכן באַ אים אַליין. עפּעס געבראָכן, עפּעס צוגענומען אינגאַנצן, און עפּעס צוגעגעבן. אויך אויפן גאַנצן לעבן. אַ נײַעם שטריך אין זײַן כאַראַקטער. און ווען איך האָב ניט מוירע, וואָלט איך אויך געזאָגט — אין זײַן פּסיכיק. מע דאַרף פיל איבערווייטעקן אויף פאַרנאָטירן אַזוינס:

„זינט דער טריקעניש פון איין־און־צוואַנציקסטן יאָר, לײַד איך די גאַנצע צײַט פון „זונענשרעק”. איך וואָלט געוואָלט, אַז אַ גאַנצן זומער זאָל זײַן טונקל, וואָלקנדיק און פײַכט אַרום און אַרום”.

„ווי נאָר עס גיט אײַנמיטן זומער אַ בלאָז דער מיזרעך־ווינט, דוכט זיך מיר, אַז עס קומט דאָס איין־און־צוואַנציקסטע יאָר”.

„מע דאַרף שטענדיק פאַרשאַרפן די אויפמערקזאַמקײַט אויפן שוואַרצן פּאַר. מע דאַרף אומאויפהערלעך וואָרענען, אַז עס קאָן זיך אומקערן דאָס איין־און־צוואַנציקסטע יאָר”.

ער האָט שוין ניט געקאָנט באַפרײַען זיך פון דער „זונענשרעק”, פון אָט דעם שטענדיקן בענקען, לעכצן נאָך אַ רעגן. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער פאַרנאָטירט:

„איך האָב שטענדיק מוירע, מע זאָל מיך ניט אָפּשטעלן און פרעגן: ווען איז געווען דער און דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר? מיר זײַנען צום האַרצן אַלע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, נאָר די דאַטעס קאָן איך ניט פאַרגעדענקען. איין אוקראַיִנישן ראַטן־צוזאַמענפאָר האָב איך פאַרגע־דענקט אויף שטענדיק. דאָס איז געווען דעם נײַנטן מײַ פון טויזנט נײַן הונדערט פינף־און־צוואַנציקסטן יאָר. דעם טאָג איז איבער גאַנץ אוקראַיִנע געגאַנגען אַ רעגן”.

צוערשט האָט ער זיך פאַרכאַפּט מיט שוואַרצן פּאַר. דאָס איז געווען דאַן, ווען ער האָט געשאַפן די געברויך־קאָאָפּעראַציע און געוואָרן איר פאָרזיצער. און אויף אַלע פאַרזאַמלונגען אַגיטירט פאַר שוואַרצן פּאַר.

דערנאָך האָט ער פאַרפּלאָנצט באַ זיך הינטער דער שטוב אַ סאָד און אויף יעדער פאַר־זאַמלונג גערעדט וועגן סעדערײַ. דאָס איז געווען דאַן, ווען ער האָט געשאַפן די לאַנדווירט־שאַפטלעכע קאָאָפּעראַציע און געוואָרן איר פאָרזיצער.

מיט די קירבעסן און מיט די בינען האָט ער זיך פאַרכאַפּט אין איין צײַט. דאַן, ווען ער

האָט געשאַפן די מילך־געזעלשאַפט, געוואָרן איר פאָרזיצער און אָנגעהויבן בויען א קעז־זאַוואָד. ער שטייט נאָך ביז איצט, דער קעז־זאַוואָד, וואָס יאַקאָוו האָט אויסגעבויט.

אזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם לענינישן קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן, וואָס האָט אים גע־צוווּנגען אַלעמאָל נעמען זיך פאַר עפּעס אַנדערש. אָט אזוי, האָט ער, געקלערט, וועט די קאָאָפּעראַציע אַרומכאַפּן אַלע געביטן פון דאָרפישן לעבן, פון דאָרפישער מי. דאָס לעבן איז געגאַנגען א ביסל אַנדערש און זיך ניט געוואָלט אַריינלייגן אין זיין אידעאַלער סכעמע. דאָס לעבן האָט זיך געאיילט, דאָס לעבן האָט אונטערגעיאָגט און געבראַכט צו א סאַך זאַכן, וועלכע יאַקאָוו האָט ניט געקאָנט דיסקאַנטירן. און דאָס האָט בא אים אַרויסגערופן אויב ניט קיין אַנטוישונג, איז עפּעס ענלעכס אַף פאַרווּנדערונג: עפּעס גייט עס, לויט זיין מיי־נונג, ניט מיט דעם וועג. צו וואָס אָט די יוגנט־קאָמונע, צו וואָס אָט די קריג צווישן עלטערן און קינדער, צו וואָס אָט די איילעניש? לענין האָט דאָך געזאָגט...

איז אָט... וועגן וואָס אזא מענטש האָט געקאָנט טראַכטן נאָך אזא פאַרטיי־פאַרזאַמלונג, דאָס האָב איך דאַן וויסן ניט געקאָנט. נאָר איך אליין האָב ניט אופגעהערט צו טראַכטן: פאַרוואָס באַקומט זיך דאָס אזוי? פאַרוואָס הערן אוף מענטשן פאַרשטיין איינער דעם אַנ־דערן סאַמע דאַן, ווען זיי האָבן אַזויפיל וואָס צו זאָגן? פאַרוואָס ווערן אָפטמאָל די סאַמע קלאָרע און ריכטיקע ווערטער אויסגעטייטשט ניט אזוי, און דיינע סאַמע בעסטע קאַוואָנעס ווערן אופגענומען ווי עפּעס א בייזוויליקייט?

איין זאַך איז וועגן יאַקאָוון געווען באַוווּסט. זינט ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער דעם פידל אין דער האַנט ניט גענומען. דער פידל האָט אים אַלע מאָל דערמאָנט אין זיין פידלערן, אין דער, וועמען ער האָט מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט פאַרגעסן. נאָר אין יענער נאַכט האָבן א סאַך שכיינים געהערט, ווי ער האָט געשפּילט אַפן פידל. זאָל זיין, אַז מיט דעם האָט ער געמיינט א ביסל לינדערן זיין שווערן געמיט? דערנאָך האָט ער זיך געזעצט שרייבן א בריוו קיין מאָסקווע צו זיין שוועסטער דווירע. זי איז יינגער פון אים אַף אַכט יאָר און אין פּאַרטיי אַריינגעטראָטן מיט פיר כאַדאָשים פריער. זי — אין מיי פון זיבע־צעטן יאָר, ער — אין סענטיאַבער. א פאַרווּנדעטע אַפן וראַנגעלישן פראָנט, האָט מען זי אַוועקגעפירט אין א מאָסקווער שפּיטאָל, און זי איז שוין געבליבן א מאָסקווער. ער האָט א פאַרווּנדעטער זיך אומגעקערט אַהיים. דווירעס ווונדן האָבן זיך אינגיכן פאַרהיילט, זיין ווונד האָט פאַרהיילן זיך ניט געוואָלט.

„טייערע דווירע, — האָט ער איר געשריבן, — דו ווייסט, וואָס דווירע הייסט? דווירע איז די טייטש — א בין. בעט איך דיך, זאָלסט גיין זיך אָנעמען פאַר אונדזערע בינען...‟

דעם דאָזיקן בריוו האָט ער אָנגעשריבן פיל שפּעטער. און געהאַט האָט דאָס א שייכעס ניט צו זיינע אייגענע עטלעכע בינשטאָקן, נאָר צו דער גרויסער קאָלווירטישער פּאַסעקע, וואָס ער האָט געשאַפן און וואָס איז געבליבן די גרעסטע ליידנשאַפט זיינע ביזן סאָף. נאָר איך בין זיכער, אַז אויך אין יענער נאַכט האָט ער געשריבן א בריוו. אַלעמאָל, ווען אים איז געווען באַזונדערס שווער, האָט ער געשריבן א בריוו זיין שוועסטער דווירען קיין מאָסקווע.



(פאַרזעצונג קומט)

הויכע שפּיצערס

* * *

אין אָט דער העפּט איעדע שורע
איז ווי אן אָדערל מיט בלוט.
אין איר — פון ווייטעקן די בסורע,
וואָס פאלט מיט שארפקייט פון א רוט.

אין איר — פון פרייד דער שטילער צאפּל,
וואָס אים פארנעמען איז ניט פראָסט.

אין איר — דער ברי פון דיין שווארצאפּל,
און ס'טרעפט — פון בליק דיינעם דער פראָסט.

אין איר — א וועלט אן אומבאוווּסטע,
ווּ איך אליין פארליר זיך אָפּט...
פאר אָט דער וועלט איך זוך א מוסטער.
...גיב מוט מיר
זוכן ביזן סאָף.

* * *

וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין זיכּאָרן,
מיט אָט דעם ניכטערן פארשווין? —
ס'איז גאָרנישט ניט געגאן פארלאָרן
אין פלוס און אָפּפלוס פון די יאָרן:
אלץ, אלץ פארצייכנט איז געוואָרן
אף זיינע זיילן — ניט געשווינט.

עס טרעפט: איך וויל אמאָל פארמעקן —
ביז בלינד צו ווערן, ביז ניט זען —
א פאלשן טראָט אף מיינע וועגן,
א פאלשע גאָב אין מיין פארמעגן, —
דאן קומט ער אָן און הייבט אָן פרעגן,
רייסט אוף די וווּ:עס מיט זיין בלענד.

און אלטע ווייען סארפען ווידער,
די הויטן זיבן שניידן דורך,
און ווידער טויבט דיך דער געוויטער
פאר אלדי פריידן ניט פארהיטע,
פון די, וואָס זייער יונגער ציטער
ביז היינט־צו־טאָג מיר זאָגט נאָך „דו".

איך קאָן קיין אייצע זיך ניט געבן,
ווי זיך באגיין מיט אָט דער זאך?
אזוי געפורעמט איז דאָס לעבן:
א הארץ עס טוט נאָך ווען פארגעבן
דיין שולד,
אין טרייסט פרווּט זי פארוועבן;
נאָר דער זיכּאָרן — ער איז וואך...

ווידערקאָל

דו הערסט זיך צו צום ווידערקאָל מיט ציטער:
דיין קאָל, דיין אָטעם גיסט אוועק דער וויַיט,
און זי, פארכידעשט, רופט זיך אָפּ פארשיַיט —
קלאנג אין קלאנג — קיין איינעם ניט פארביטן.

זי צאָלט פאר פרייד מיט פרייד,
און אויב דו טרויערסט —
זי שטעקט דיר אָפּ א גוטן כיילעק לייד.
...די וויַיט, זי לערנט ריידן גליַיכע רייד,
דער ווידערקאָל —
ער שטראָפט פאר יעדן טאָעס.

* * *

אָט די ניט ערדישע געזעצן
פון ליבע
האָבן זייער זכוס,
און פרווּו זיך ניט מיט פישער־נעצן
פון וואסער אויסכאַפּן דעם פלוס.

ס'וועט שטראָם מיט שטראָם אפסניַי זיך
שליסן,
און וועל — זיך אָנקניפּן מיט וועל,
און —
ווי עס פירט זיך אף דער וועלט —
ניט דיינס וועט זיין דאָס גאָלדן פישל...



דעם 1 יאַנוואַר ד. י. וואָלט איטשע באָרוכאָוויטש, דער באַוווּסטער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער, מיט־גליד פון דער רעדקאָלעגיע פון אונדזער זשורנאַל, אַלט געוואָרן 50 יאָר. צו דער דאָזיקער דאַטע האָבן מיר צוזאַמען מיטן דיכטער צוגעגרייט די לידער, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן דאָ.

אין דער צײַט, ווען דער דאָזיקער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך געדרוקט, איז איטשע באָרוכאָוויטש פון אַ שווערער קרענק אומגעריכט געשטאָרבן.

מיט זײַן טויט האָט די ייִדישע ליטעראַטור פאַרלאָרן איינעם פון אירע באַדײַטנדיקע שעפער.

אין טיפן טרויער טיילן מיר מיט וועגן דעם אונדזערע לייענער.

* * *

מע קאָן פאַרגעסן אָן בייזווילן
אַלץ, וואָס אַדורכגעלעבט מע האָט:
די וועלט אַרום, איר שטרענגן צווילינג —
פון לויב פון מענטשלעכער
און שפּאָט;
דעם ווינט, וואָס ציטערט בײַ דײַן אַקסל
און שוין
אַ פרעמדן קאָפּ באַרירט,
די טונקלקײַט פון וואַלד דעם אַקשן,
פון גרינער בלאַט אַ שעמעריר:

אַפילע זי, די זון די בלאַנקע,
וואָס דיך — ביז אומפאַלן — פאַרשמאַכט,
קאָנסט אָפּפרעגן אין נאַכט אין לאַנגער,
ווען ס'דוכט: ניטאָ קיין סאָף דער נאַכט.

נאָר ביזן לעצטן הויך וועסט בענקען
נאָך דעם, וואָס האָט דײַן שוועל פאַרפעלט, —
דעם טויט אַליין וועסטו ניט שענקען
פון יענעם טרוים
דעם שטילן וועלק...

* * *

פון דיר ביז מיר איז אַ מעהאַלעך
ניט לענגער פון אַן אָטעם־צוג.
קעדיי אים דורך,
דאַרפסט זײַן אַ מאַלעך
און אויך אַ טײַוול צודערצו.

נאָר איך, אַ מענטש מיט פּראָסטע מידעס
און מיט אַ האַרץ אַ ניט פאַרשטעלטס, —
כ'דערנעענטער זיך, ווען דו דערווידערסט,
און טו דיך בענטשן, ווען דו שעלטסט...

* * *

ניט פרעג מיך, ווען האָב איך פאַרלאָרן
די רויִקײַט אין שטראָם פון צײַט.
קאָן זײַן, אַז גאָר אַמאָל,
אַ סוואָרע —
מיט ערשטן ווידערקאָל פון ווײַט.

און עפּשער גאָר באַם ברעג פון יוגנט,
באַם ראַנד פון אומדערוואַרטן טויט,

ווען כ'האָב דער ערדס פאַרשמאַכטן רוקן
מײַן וואָג מײַן מענטשלעכע פאַרטרויט.

אויך איצט זי האָט מיך אויסגעמיטן,
די רו,
פאַריאָגט פון דײַנס אַ וואָרט...
נאָר דאָס איז שוין אַ זאַך אַ דריטע —
אין איר איך צווייפל אַף קיין האָר.

* * *

איך פיר מיט דיר א לאנגן־לאנגן שמועס,
וואָס עלטער איז פון מײַנע בידנע יאָר;
אין אומרו זײַנעם אײַנגעוועבט מײַן רו איז,
ווי אינעם כּאָלעם איז פאַרשפּינט די וואָר.
איך פיר מיט דיר א לאנגן־לאנגן שמועס —
אזוי, מיסטאמע, ריידן היץ און קעלט.

— — — — — — — — — — — —
און ווערטער ניט דערזאָגטע ווערן שוועס,
און ניט דערהערטער קרעכץ פאַרטויבט די וועלט...

* * *

און ווידער מיך ציט צו די זאמדן די וויסטע,
וואָס דרעמלען, בא וואָרצלען פון זאנגען, פאַרגעלט.
און פאַלסטו —
איז ליגסטו מיט פלייצע אף וויסטע,
און איבער דײַן הארצן זיך הוידעט דאָס פעלד.

און ווידער מיך ציט צו דעם שווײַגן פון גערשטן, —
אהין, ווו דער מאַן שרײַט מיט רויטס צו דער וועלט,
ווו עמעצנס ליפּן דעם קוש מײַנעם ערשטן נאָך טראָגן,
אין שמייכל אין שטילן פאַרשטעלט.

* * *

כ׳האָב וויפל מאָל דעם טויט געזען,
גערעדט מיט אים מיט פולן ערנסט, —
און ס׳האָט מײַן יונגע הויט געברענט
דער סאָד
פון איימיקן ניט־ווערן;
פון זוניקן געווימל, וואָס
נאָך מיר ניט אויסזעען וועט בלייכער;
פון דינעם אָטעם אינעם פראָסט,
וואָס פרעמדע ווארעמקייט באצייכנט.

און איצט, פאַרשפּינט אין זון פון הארבסט,
איך פרווו מיט אים קאַטאָוועס טרײַבן.
דורך הויטן אלע בריט דאָס הארץ
אין אנדער סאָד —
דער סאָד פון בלײַבן.
זאָל זײַן, מײַן גרויס — א בלעזל לופט;
א טראָפּן שטילקייט — גאָר מײַן טיקן, —
כ׳גיי אײַן דערוף, כ׳גיי אײַן דערוף:
ס׳וועט עפּשער עמעצן באגליקן...

* * *

ווען ברענגען וועט מען מיך געפּענטעט
צום האר פון וועלט
אין הימל־צעלט, —
כ׳וועל בעטן:
„גאָט, צעבינד די הענט מיר —
איך וויל ארומנעמען די וועלט".
איך וועל זיך פאַרן קאַט פאַרנויגן:
„אײַן רעגע נאָר דײַן האַק פאַרהאַלט!" —
אף בלאַנקן שטאָל
פאַר מײַנע אויגן
זאָל אויף־ און אָפּגיין דײַן געשטאַלט...

* * *

ניין, כ׳וועל דיך מיט דער זון ניט גלײַכן —
מיט לעצטן בליץ אין בלינדער נאַכט:
פון ווילדער מאַכט זײַנער, מיר דאַכט,
וועסט שוין א לעבנלאַנג ניט ווײַכן.

נאָך אים —
נאָך פינצטערער די וועלט ווערט,
און דונערס קײַקלען זיך אראָפּ,
נאָך אים —
צעווישן גרינע פעלדער
טוסט פאַלן ווי א שוואַרצער סנאָפּ...

* * *

א וואָלקן־צוג —
און זוניקייט טרעט אָפּ,
די טרעפּ די הימלשע — אין שאָטנדיקע פלעקן.
אַט באַלד — און ס׳וועט די גרויקייט זיי
פאַרמעקן
און אויסלעשן דעם טאָג איבער מײַן קאָפּ.

וואָס האָסטו הײַנט, דערמאָן זיך, אופגעטאָן?
געשפּירט, ווי ס׳רײַפּט די זון, דערנאָך גייט אויס,

געקליבן ליכטיקייט?
אנו, צעקלעם דײַן פויסט:
וואָס איז דאָרטן פאַראַן?
אפסנײַ א קאָן
וועסט מאָרגן אָנהייבן דײַן דיכטערישן פאַנג.
צו לײַכט איז ער, צו לופּטיק, גוטערברודער...
— ס׳איז הײַנט געווען קורץ דער זונען־גאַנג,
מיט דעם, מיר דוכט, האָב איך
די וועלט צערודערט.

* * *

די טירן — צוגעמאַכט,
די טויערן — פאַרשלאָסן
פאַר אַלערליי פאַרדראָסן,
פאַר זייער שאַרפער מאַכט.

געטראַכט: אַראָפּ א יאָך,
געדאַכט: ס׳וועט גרינגער ווערן,

כ׳וועל שוין ניט דאַרפן קלערן,
ווי לינדערן א בראָך.

איך האָב פאַרקלאַפּט מײַן הויז,
פאַרכאַסמעט מיט א טפילע,
נאָר די פאַרדראָסן ווילן
פון הארצן ניט אַרויס.

* * *

דעם פאַרדינסטפולן ספּאָרט־מײַסטער לייב סעגאַלאָוויטש,
דעם פּילמאַליקן טשעמפּיאָן פון ראַטנפאַרבאַנד
אין באָקס־געפעכט

ער שטייט פאַרכושט, מיט שאַרפער שײַן געשײַערט,
אין ענגער שטײַג פון שורעס גראָבע שטריק —
דער זיגער, וואָס דעם קעגנער האָט פאַרשיקט
אין שווארצן, אַלץ פאַרמעקנדיקן פײַער.

אַף הארטן דיל פון רינג ער זעט זײַן פּלייצע:
אין ביינערדיקן בראָך —
א מוירע שטעקט,
דער שטאָלצער בייג פון האלדז — ווי אָפּגעמעקט,
די הענט — ווי אָפּגעלאָזענע צוויי לייצעס.

דער ריכטער ציילט די רעגעס אָן ראַכמאָנעס... —
ווי אויסגערעכנט־הארב זעט אויס זײַן זיג,
זײַן מאַכט זײַן דולע איבער דעם, וואָס ליגט
אַנטקעגן ליכט מיט אויסגעבלייכטן פּאָנעם.

מע וועט אים העלפן אופשטיין.
עטוואָס שפּעטער,
מיט פרישער לופט גענעטיקט אין דער מאָס,
ער וועט צום זיגער צוגיין,
אָן פאַרדראָס
זײַן האַנט מיט שווערער הענטשיקע א גלעט טאָן,
א שמייכל טאָן מיט אויגן טריבע שולדיק:
„פאַרגיב די שוואַכקייט מײַנע, גוטערפרײַנט,
איך בין געווען א ביסל זאָרגלאָז הײַנט,
און דו, ווי אַלע יונגע, אומגעדולדיק...״

...ער שטייט פארכושט, מיט שארפער שײַן געשײַערט,
איין ענגער שטײַג פון שורעס גראָבע שטריק.
עס בושעוועט דער זאל:

„אזא מין זיג!
אזא מין קלאפּ — גיי קריג אים פאר א דרײַער!”
ער שפּאנט לעגגויס דער ראשיקער מעדינע:
אזויפיל פרײַנט בא אים דאָ —

אָן א צאָל —
און צווישן זיי — ער ווייסט — זיך טוט געפינען
אַט דער, וואָס וועט באזיגן אים אמאָל.

* * *

אף וועגן, אומוועגן אף מײַנע,
איין טומל וואָכיקן פארשפינט,
וויווילדע לוסטיקע ציגײַנער,
די פריידן בלאָנקען נאָך אצינד.

זיי צינדן שײַטערהויפנס הויכע
און רייצן זיך מיט דולן פלאם,
ביזוואַנען גרויער אש ווערט בלייכער
פון נײַעם טאָג,

וואָס קוים פארזאמט.

זיי רײַסן זיך ארײַן אין כאָלעם
מיט שארף פון שטערנדיקן בלענד,
ביזוואַנען פון דער נאכט דער כאָלעל
ווערט ענג דיר, ווי דאָס אייגן העמד.

שטייסט אוף אנטקעגן היץ און קעלטן,
מיט ליכט און פינצטערניש באשפריצט,
און פילסט:

דו ביסט קיין האָר ניט עלטער
פון אָט דער קעלט, פון אָט דער היץ...

שמועל פּערסאָוו

ווּעגן־אומוועגן

(פּיעסע אין פיר אקטן, זעקס בילדער)

פּערזאָנען:

זעלדע שאפראן — אן אלטע פרוי.
לייזער שאפראן — איר זון, 26 יאָר.
וואָראָבייטשיק — א לערער. זעלדעס א שאָכן. אלט אן ערעך 35 יאָר.
לייב בעספאלי, 40 יאָר.
אווראָם קרוגליאַק — שעף פון באשפּײַזונג־אָטריאַד, 19 יאָר.
גאלינא אנטאָנענקאָ — סעקרעטאר פונעם ראַיקאָם פון דער פּארטיי, 23 יאָר.
טראָפים אנטאָנענקאָ — איר פאָטער, א פויער.
איוואן יערמאקאָוו — פּאָליטקאָם פון א רויטארמייִשער טייל.
קאַראָווײַ — אטאמאן פון א באנדע.
מארינא — זעלדעס א שכײנע.
פּראַסיאַ — מארינעס טאָכטער, 18 יאָר.
א טויבע ייִדענע.
א וואַסערפירער.
יאָסל — זײַן זון, 18 יאָר.
מיקאָלאַ — אן אלטער.
פּאַנאַס — א פויער.
פּעטראָ — א באנדיט, 35 — 40 יאָר אלט.
א ייִד מיט א באָרד — 35 — 40 יאָר אלט.
1־טע פרוי.
2־טע פרוי.
פויערים, באנדיטן, שטעטלדיקע יוגנט, רויטארמייער.

די האנדלונג קומט פאָר אין די יאָרן פון בירגערקריג.

ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

בא זעלדע שאפראן. פּארטאָג. אן אָרעמער צימער. צוויי טירן פירן אין שכײנעסדיקע כאַדאָרים. זעלדע איז איינע אליין, זי קוקט אומרויִק אין פענצטער. מיט א קוישל אין די הענט קומט ארײַן דער באלעבאָס פונעם הויז לייב בעספאלי. ער בלײַבט שטיין בא דער טיר.

בעספאלי. איך זאָג א גוטמאָרגן, זאָג איך... יאָ, זעלדע, א גוטמאָרגן.
זעלדע (טוט א זיפץ). איך קוק אף דיר, לייב, און כידעש זיך, דיך ארט גאָרניט...
בעספאלי. אז איך זע ניט, ארט מיך ניט.
זעלדע. נו, און די באנדעס? מע זאָגט, אז די באנדיטן זײַנען שוין הינטער דער שטאָט.
בעספאלי. מאלע וואָס מע זאָגט. ווו זײַנען די באנדיטן און ווו איז די שטאָט... איר טוט בעסער א קוק אהער. (ער זעצט זיך צו, שלעפּט ארויס פונעם קוישל פאפירן, שמאטעס, שטרוי און ערשט דאן א טאַרבע.) אָט דאָס איז פאר אײַך...

צווישן שמועל פּערסאָווס ניט־פארעפנטלעכטע קסאוויאַדן האָבן מיר געפונען זײַן פּיעסע „וועגן־אומוועגן" אין דער רוסישער איבערזעצונג פון י. קרוטי. צום באדויערן, איז דער טעקסט אין דער ייִדישער שפּראַך פארפאלן געוואָרן. מיר האָבן באשלאָסן מאכן אן איבערזעצונג, קעדיי געבן א מעגלעכקייט אונדזערע לייענער זיך צו באקענען מיטן דאָזיקן אינטערעסאנטן ווערק.

זעלדע. פאַר מיר? מעל? איבער דער דאָזיקער גנייווע איז די שטאָט געבליבן אָן א שטיקל ברויט...

בעספאלי. דעריבער טאַקע האָב איך אײַך געבראַכט א ביילעק פון מײַן פּאַיאָק. איר ווייסט דאָך — טאָן א טויווע איז מײַן גאַנץ לעבן...

זעלדע. א דאַנק דיר, לייבו! נאָר דו וועסט דערפון ניט האָבן קיין צאָרעס? דו ביסט דאָך דער נאַטשאַלניק פונעם סיפּנאַי פונקט.

בעספאלי. איך טראַכט ניט וועגן דעם. נעכטן, ווען מ'האָט באַגאַנוועט דעם פונקט, בין איך אין שטאָט ניט געווען... גאָר פאַרגעסן, איך האָב פאַר אײַך א גרוס. (ווײַזט אָף איינער פון די טירן.) פון איר.

זעלדע. פון גאַלינען?

בעספאלי. מיר האָבן זיך באַגעגנט אין פעלד. זי האָט געבעטן איבערגעבן, אַז זי וועט קומען אין א טעג פינף אַרום.

זעלדע. און וואָס איז אָף דיר די פריידן?

עס קומט אַרײַן דער וואַסערפירער מיט ליידיקע עמער.

זעלדע (באַהאַלט הינטער דער פלייצע דאָס טאָרבעלע מיט מעל). א, דאָס זײַט איר!

וואַסערפירער. ניין, אַן אַנדערער.

בעספאלי (אומצופרידן). שטענדיק כאַכמעט ער זיך.

וואַסערפירער. לעבן לעבט מען מיט א ווערטל, א קאַטאָוועסל, און שטאַרבן שטאַרבט מען אַפּאַנעמעסן. וואָס זײַט איר אַנגעבראָיגעזט? מינאַסטאַם דערפאַר, וואָס מ'האָט באַגאַנוועט אײַער סיפּנאַי פונקט?

זעלדע נעמט זיפן די מעל.

בעספאלי (צום וואַסערפירער). איר האָט א לאַנגע צונג.

וואַסערפירער. א לאַנגע צונג איז פאָרט בעסער, ווי לאַנגע הענט.

בעספאלי. אײַערע ווערטער שטייען צו מיר צו, ווי אַרבעס צו דער וואַנט.

וואַסערפירער (צו זעלדען). איר מיינט אַוודע, אַז מע דאַרף קענען לאַקכענען? מע דאַרף קענען באַהאַלטן דאָס געגאַנוועטע.

זעלדע. פאַר א כאַכמעלע צי פאַר א ווערטל וואָלט איר אָפּגעגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

וואַסערפירער. דאָס ווערטל איז שיין, ווען די נעשאָמע איז ריין. בא אײַך איז אַזוי: איז ניטאָ קיין מעל — איז קיין ברויט ניטאָ, און בא אונדז, וואַסערפירער, איז דער טײַך שטענדיק א טײַך. וואַסער קלעקט באַרעכהאַשעם.

זעלדע (לאַכט). און געקומען איז ער דאָפּקע מיט ליידיקע עמער.

וואַסערפירער. איך בין געקומען... כ'האָב צו אײַך אָן איניען. מײַן יאַסל איז אַוועק אין היגן אַטריאַד...

זעלדע. אליין אַוועק? פרײַוויליק?

וואַסערפירער. אַוועק אָן א פּיצל ברויט. און קיין פּאַיאָק גיט מען הײַנט ניט איבער דער גנייווע. וועגן זיך זאָרג איך ניט... איך, ווי זאָגט מען עס, בין זאַט פון א ברעקל, און שיקער פון א טראָפּן.

זעלדע. ווי נאָר כ'וועל אָפּבאַקן, טראָג איך אײַך אַרײַן.

בעספאלי. אַזאַ אומגליק! ווו איז עס געהערט געוואָרן — באַגאַנווענען דעם סיפּנאַי פונקט.

וואַסערפירער. איך וואָלט דעם גאַנעוו!.. נו, גוט, ווילסט גאַנווענען, גאַנווע, נאָר לאָז כאָטש איבער אַן אַדרעס, מע זאָל וויסן ווו צו זוכן.

בעספאלי (צו זעלדען). א לעץ!

וואַסערפירער. ווער ס'איז פריילעך, דער איז א מיילעך... (אָפּ.)

בעספאלי. ער איז צו א קלוגיטשקער. יאָ, זעלדע, כ'האָב אויך אָן איניען...

זעלדע. וואָס איז דאָס בא אײַך געשען?

בעספאלי. צו מײַנעם א גוטנפרײַנט דאַרפן פון מינוט צו מינוט קומען צוויי פרויען,

אף איין טאָג, ניט מער. עפשער וועט איר זיי אַרײַנלאָזן צו זיך איבערנעכטיקן? מע וועט גוט באַצאָלן.

זעלדע. און וואָס וועט גאַלינאַ זאָגן, און דער שאָכן וואָראַבײטשיק?

בעספאַלי. וואָראַבייטשיק וועט אַפילע קיין פּיפּס ניט טאָן, און גאַלינאַ וועט קומען ערשט אין פינף טעג אַרום.

זעלדע. כ'ווייס אַליין ניט וואָס צו זאָגן.

בעספאַלי. וואָס איז דאָ אַזוינס?

זעלדע. כ'זאָל אַזוי וויסן פון צאָרעס, ווי איך ווייס דיר וואָס צו זאָגן. ווען ס'זאָל דאָ זײַן מײַן לייזער...

בעספאַלי. „לייזער, לייזער..." שטענדיק זײַט איר דאָ מיט אײַער לייזערן.

זעלדע (זיפצט). עמעס, ער גייט מיר ניט אַרויס פון קאָפּ אַפילע אויף קיין איין מינוט. אַ שפּילעכל? ס'איז דאָך אַ זון.

בעספאַלי. אַזוי טויג ניט, זעלדע, כ'בין דאָך אײַערער אַ שוואָגער. פאַרצווייאָרן, אינעם עמעסן אכצנטן יאָר, ווען איר האָט זיך אומגעקערט אהער, האָט איר דאָך ניט געהאַט וווּהין זיך אַהינצוטאָן. אײַער שטעטל איז איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער לאַנד. ווער האָט אײַך פאַרדונגען אָט די קוואַרטיר — די צוויי צימערן מיט אַ באַזונדער אַרײַנגאַנג און אַפילע מיט אַן אויוון... (ווייך.) איך רעד אײַך ניט אײַן, איך האָב געמיינט נאָר אײַער טויווע... טוט אַ טראַכט... (אָפּ.)

זעלדע. בלוט איז פאַרט ניט קיין וואַסער. אינדערעמעסן, אַזאַ טויווע. מעל געבראַכט. פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט אַרײַנלאָזן די פּרויען? מע דאַרף אופּראַמען און... (זי שטעלט אַוועק די מעל אין אַ ווינקל, עפנט דעם קאַסטן, נעמט אַרויס אַ טישטעך, פאַרשפּרייט דעם טיש. גייט ווידער צום קאַסטן און באַמערקט ניט, ווי גאַלינאַ איז אַרײַנגעקומען. גאַלינאַ איז אין אַ שינעל מיט אַ שווערן זאַק אין די הענט. זי שטעלט אַוועק דעם זאַק, גאַנוועט זיך צו צו זעלדען און נעמט זי צאַרט אַרום).

זעלדע (דערשראָקן). אוי, גאַלינאַ! און בעספאַלי האָט געזאָגט, אַז דו וועסט קומען ערשט אין פינף טעג אַרום...

גאַלינאַ (באַמערקט דעם טישטעך). וואָס איז עס פאַר אַ יאָמטעוו באַ דיר, דו וואַרטסט אויף געסט?

זעלדע. אויף וועמען זאָל איך וואַרטן? (דערזעט דעם זאַק באַ דער טיר.) און דאָס וואָס איז?

גאַלינאַ (אַראָפּנעמענדיק דעם שינעל). אַ ביסל קאַרטאָפליעס. דער טאַטע האָט געהייסן דיר איבערגעבן.

זעלדע. קאַרטאָפליעס? זייער גוט. דו ביסט אַזוי אומגעריכט געקומען... און בעספאַלי האָט געזאָגט...

גאַלינאַ. באַ דײַן בעספאַלי האָט מען באַגאַנוועט דעם סיפּנאַי פּונקט. די שטאָט איז געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט... און אויסער דעם...

זעלדע. וואָס נאָך?

גאַלינאַ. צום געהאַרגעטן איז צוגעשפּיליעט אַ צעטעלע: „פאַר פּאַראַטן פּעטליורען".

זעלדע (הערט ניט, וואָס מע רעדט צו איר). דו זאָגסט, אַ פּליענע? און לייזער שרײַבט... (נעמט אַרויס פונעם קאַסטן אַ בריוו.)

גאַלינאַ. וואָס קומט דיר אָפּן זינען? דער בריוו ליגט שוין דאָ צוויי מיט אַ האַלב יאָר, און דעם געהאַרגעטן האָט מען געפונען הײַנט אינדערפרי. וואָס איז עס פאַר אַ מאָשל? זעלדעלע, איך בין שטאַרק פאַרנומען. איך דאַרף זיך נאָך אַרומוואַשן און...

זעלדע. גיי, גיי, גאַלעטשקע, איך וועל דיר אופגיסן. (נעמט אָן אַ קוואָרט וואַסער, נאָך די הענט ציטערן באַ איר.)

גאַלינאַ. וואָס איז עס מיט דיר? פאַרוואָס ציטערן באַ דיר די הענט?

זעלדע. נאַ דיר גאָר ציטערן! ס'הייבט זיך ניט אָן.

גאַלינאַ (וואַשט זיך שנעל אַרום, נעמט שפּאַנען איבערן צימער). איך זע, אַז דער געהאַרגעטער קריכט דיר שוין ניט אַרויס פון זינען. דו טראַכסט מיסטאַם וועגן אונדזער לאַזאַרן. באַרויִק זיך... (באַמערקט די באַקדייזשע מיט מעל.) פונוואַנען קומט צו דיר אַזוי־פיל מעל?

זעלדע (אומרויִק). כ'האָב געקראָגן. עפשער דיר אָנגיסן אַ גלעזל ציקאָריע? (נעמט אַרויס פון קאַסטן אַ פּאַפּירל מיט טעלעכעע שטיקלעך צוקער.) באַהאַלטן פאַרדײַנעטוועגן.

גאלינא. איך דאַרף ניט דײַן טײ! (קלײַבט זיך אוועקגיין.) וויפל מאָל האָב איך דיך געבעטן, אַז דו זאָלסט אופהערן באַקן ברויט אַף פאַרקויפן. ס׳וועט דיר קלעקן מײַן פּאַיאָק!

זעלדע. דײַן פּאַיאָק! ס׳איז דאָך א געלעכטער. ניטאָ וואָס צוטראָגן צו די ליפּן. דו ביסט בא זיי די גלאַוונע, און פּאַיאָק באַקומסטו גלײַך ווי די סאַמע לעצטע... נאָר ניט דאָס איז דער איקער. שוין באַלד פערציק יאָר, ווי אָט די דאָזיקע הענט האָרעווען, זיי קאָנען שוין ניט אויסקומען אָן אַרבעט.

גאלינא. נו, וויאַזוי ווערט מען עס אין קאַס אַף דיר? הייסט עס, אַז די דאָזיקע מעל האָסטו געקויפט?

זעלדע. און ווי מיינסטו — געפונען?

גאלינא. אויב אַזוי... (טוט זיך אָן.) דו האָסט געהערט? קרוגליאַק האָט שוין עפּעס אָנגעטאָפּט.

זעלדע. וועגן דער גנייוועס?

גאלינא. איינעם האָט מען שוין אַפילע געכאַפּט. (טרינקט די ציקאָריע.) באַנאַכט דאַרף איך ווידער אוועקפאָרן, און ווידער אַף עטלעכע טעג.

זעלדע. הײַנט? באַנאַכט?.. א ווייטעק איז מיר, באַנאַכט! אַרום און אַרום באַנדיטן...

גאלינא. וואָס טוט זיך עס מיט דיר? כ׳פאַרשטיי עפּעס ניט, צי ביסטו צופרידן, וואָס איך פאָר אוועק, צי ניט, עפּעס דערקוקן איך דיך ניט. (לאָזט זיך גיין. בא דער טיר שטויסט זי זיך צונויף מיט וואָראַבייטשיקן. ער וויל בא איר עפּעס פרעגן, נאָר גאַלינע פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.)

וואָראַבייטשיק (צו זעלדען). איך האָב געוואָלט בא איר פרעגן, זי איז דאָך דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, פאַרוואָס גיט מען הײַנט ניט קיין פּאַיאָק? א גאַנצן טאָג בין איך אָפּגעשטאַנען אין דער ריי, און אָט האָסטו דיר...

זעלדע. האָסט דאָך געהערט, מ׳האָט באַגאַנוועט...

וואָראַבייטשיק. אויסגעטראַכטע מײַסעס! די באָלשעוויקעס האָבן פראָסט און פּאָשעט ניט וואָס צו געבן, לאָזט מען אַרויס קלאַנגען — באַגאַנוועט! מע פאַרשטייט...

זעלדע. זאָג נאָר, וואָראַבייטשיק, דו האָסט גאָרניט געהערט וועגן דעם געהאַרגעטן פליענע? ווער איז ער?

וואָראַבייטשיק. מיסטאָם א ייִד. די ייִדן האָט מען געשלאָגן באַם קייסער, און...

זעלדע. נו, איצט שלאָגן אונדז נאָר די באַנדיטן, פּעטליורע. די סאָוועטסקע וולאַסט איז פאַר אונדז. זי פאַרטיידיקט אונדז.

וואָראַבייטשיק. פאַר אונדז! א שיינע פאַרטיידיקערן. מיר, די ציִעניסטן, האָבן פון דער דאָזיקער מאַכט קיין כּיִע־שאָ ניט.

זעלדע. וואָס גייען מיר אָן אײַערע ציִעניסטן! איך ווייס, אַז די סאָוועטסקע וולאַסט וועט פאַר אונדז, ייִדן, זײַן א גוטע מאַמע. אָט האָבן מיר ייִדישע שולן. א געריכט אַף ייִדיש.

וואָראַבייטשיק. אַף ייִדיש! אַף זשאַרגאָן! אַף דער שפּראַך פון די וואַסערפירער.

זעלדע. און וואָס פאַר א שפּראַך דאַרפסטו נאָך?!

וואָראַבייטשיק. וואָס פאַר א? אונדזער שפּראַך, די הייליקע שפּראַך פון אונדזערע אָועס, וויל איך, אַז אומעטום, וויל איך, זאָל זײַן לאַשנקוידעש, אַפילע דאָ. (נעמט אַראָפּ די קאַלאָשן.)

זעלדע. ווו איז עס דאָ?

וואָראַבייטשיק (ווײַזט איר אַף די אויסיִעס אין די קאַלאָשן). איר זעט? דאָ האָט איר ניט קיין רוסישע אויסיִעס „ט" און „וו". לויט מײַן ספּעציעלער באַשטעלונג האָט דער בלעכער אויסגעשניטן פון בלעך די העברעיִשע אויסיִעס — טאַנכום וואָראַבייטשיק.

זעלדע (קוקט אין קאַלאָש). זע נאָר, ווי אין א סידער.

וואָראַבייטשיק. די דאָזיקע אויסיִעס דערמאָנען מיר די הייליקע ערד, די ערד פון די אורזיידעס אונדזערע, און איר האָט פאַרגעסן אין גאָט, איר האָט פאַרגעסן אונדזער הייליקע ערד, דעם קייווער פון דער מוטער ראָכל, דעם קויסל־האַמאַאַראָווי, פּאַלעסטינע!

זעלדע. פּאַלעסטינע! מײַן לייזער האָט ניט געטראַכט וועגן קיין שום פּאַלעסטינעס.

וואָראַבייטשיק. אײַער לייזער... איר האָט דאָך געזאָגט, אַז אײַער זון איז געווען...

זעלדע. א שנײַדער, א פּראָסטער אַרבעטורער.

וואָראַבייטשיק. אָן אַמהאָרעץ איז ער געווען, אײַער זון.

זעלדע (א באַליידיקטע). אוודאי, ער האָט דאָך ניט געהאַט קיין קאַלאָשן מיט העברעיִשע אויסיִעס... (דערמאָנט זיך פּלוצעם.) אָט וועל איך בעסער צולויפן צום באַלעבאָס

פונעם טאַרע־שטיבל. עס איז דאָ ניט וויַיט, עפּשער וועל איך זיך באַ אים עפּעס דערוויסן. (גייט אַוועק.)

וואָראַבייטשיק. לויפט. לויפט. אין ערעץ־ייִסראָעל וועל איך שוין ניט דאַרפן לויפן נאָך קיין פּאַיאָק, נאָך אַ לימעד, לויפן שריַיבן אַדרעסן די קרוווים קיין אַמעריקע. אַ גאַנצן טאָג לויפן...

עס קומט אַריַין אַ טויבע ייִדענע מיט אַ האָן אונטער דער פּאַכווע.

די טויבע ייִדענע. איר האָט געהערט? מע גיט קיין פּאַיאָק ניט.

וואָראַבייטשיק (שריַיט). זעלדע איז אין שטוב ניטאָ.

די טויבע ייִדענע. איך זאָל ברענגען? אַ שיינעם דאַנק. (זעצט זיך.) דיַינע אַדרעסן, וואָראַבייטשיק, זיַינען טאַקע מאַזלדיקע.

וואָראַבייטשיק (שריַיט דער ייִדענע אין אויער). איר האָט שוין באַקומען אַן ענטפער?

די טויבע ייִדענע. נאָך וואָס פאַר אַן ענטפער! אַ לעשאָנע־טויוו. צוויי טיַיבעלעך קושן זיך — ס'איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן.

וואָראַבייטשיק. איר שפּילט זיך מיט מיַין קסאַוו? איך, אַז איך שריַיב אַן אַדרעס...

די טויבע ייִדענע. מיַינע ווערטער. איך האָב, גאָט צו דאַנקען, עלף קינדער, און אַלע...

וואָראַבייטשיק. ניט אומזיסט רופט מען איַיך נעכע די בעזדטנצע.

די טויבע ייִדענע. די בובע פרעגט מיך אַלע מאָל: ווי האָט מען עס אַלע יאָר אַ קינד און מע האָט אַף זיך אַליין קיין ראַכמאָנעס ניט? וואָס, מיינט איר, ענטפער איך איר דערויף? איך ענטפער איר: וואָס נאָך פאַר אַ פאַרגעניגן האָב איך?..

זעלדע קערט זיך אום.

זעלדע. קיינער ווייסט גאָרניט. (באַמערקט די טויבע ייִדענע.) וואָס טוט דאָ די בעזדיטנע?

וואָראַבייטשיק. איך האָב שוין קיין קויעך ניט צו שריַיען. (גייט אַוועק צו זיך אין צימער.)

די טויבע ייִדענע (וויַיזט אַפן טישטעך). וואָס איז דאָס אינמיטנדערינען פאַר אַ יאָמטעוו?

זעלדע ווערט אין קאַס, ריַיסט אַראָפּ דעם טישטעך פונעם טיש און וואַרפט אים אַוועק אין אַ ווינקל. אומגעריכט קומען אַריַין אין שטוב פיר באַוואָפנטע מאַנצבלען אין דער שפּיץ מיט אַווראָם קרוגליאַקן. ביידע פּרוויען בליַיבן שטיין דערשראָקענע אַף זייערע ערטער.

וואָראַבייטשיק באַוויַיזט זיך פון זיַין צימער. דערזען די באַוואָפנטע, רוקט ער זיך אָפּ אין אַ ווינקל, הייבט אויף די הענט.

קרוגליאַק (שטעלט אַוועק אַ וואַך באַ דער טיר). ווער איז דאָ זעלדע שאַפּראַן?

זעלדע. איך. דו קענסט דאָך מיך.

קרוגליאַק. אַנו, דערלאַנג נאָר אַהער די באַהאַלטענע מעל, די הירזש און די גריפּן...

זעלדע. וואָס פאַרא לאָקשן, וואָס פאַר אַ מעל? ווער באַהאַלטן?!

קרוגליאַק. מאַך זיך ניט פאַר קיין מעלופּם־קינד, מיר קומעקען אויך עפּעס.

די טויבע ייִדענע (צו קרוגליאַקן). איך בין דאָ אַ פרעמדע. כ'האָב געוואָלט קויפן אַ שטיקל ברויט.

קרוגליאַק. אַהאַ, איר הערט! טרעטן מיר צו, הייסט עס, צו דער אונטערזוכונג. (עפנט אויף דאָס טירל אין דיל, קוקט אַהין אַריַין.)

זעלדע. כאַווער, צו וועמען ביסטו עס געקומען מאַכן אַן אַביסק? די ווֹלאַסט ווייסט דען ניט, וואָס פאַר אַ גווירנטע איך בין?

קרוגליאַק. די ווֹלאַסט ווייסט גראָד. נאָר נעכטן האָט מען באַגאַנוועט דעם סיפּנאַי פונקט.

זעלדע. האָט אים באַגאַנוועט זעלדע שאַפּראַן?

קרוגליאַק. לייב בעספּאַלי איז איַיער שאָכן, און באַהאַלטן אַ זאַק הירזש אָדער גריפּן קאָן מען אומעטום. (לאָזט זיך צו גאַלינעס צימער.)

זעלדע. דאָ וווינט דאָך גאַלינאַ אַנטאָנענקאָ!

קרוגליאַק (עפנט די טיר, קוקט אַריַין). מיר זוכן ניט באַ גאַלינען. נאָר עס קאָנען זיך געפינען אַזוינע, וואָס זאָלן וועלן זיך אויסבאַהאַלטן הינטער איר פּלייצע.

געפינענדיק אין דער באַקדיישע אַ ביסל מעל, לאָזן זיי עס איבער. אָפּ.

די טויבע יידענע. גאָט באהיט, גאָט באהיט! (אָפּ.)

זעלדע שטייט א דערשראָקענע. עס עפנט זיך פּאַמעלעכן א טיר, איין שפּעלטל קוקט
אַריַין לייב בעספּאַלי.

בעספּאַלי. אוועקגעגאַנגען?

זעלדע. לייב, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן מיט מיר?

בעספּאַלי (גייט אַריַין). וואָס ערגערט איר זיך? אַן אונטערזוכונג? אויך מיר א נײַס. ווען גאָט שיקט מיר צו אזא מאלעך, ווי זי (וויַיזט אָף גאלינעס טיר). נאָר איך וועל זיך אויך ניט לאָזן שפּײַען אין דער קאשע. הער א מײַסע, מע קומט צו מיר זוכן גנייוועס! איך בין א מענטש אָן אָנגעשטעלטער, איך בין א סאָוועטישער מענטש. כ׳וועל גיין זיך אָנקלאָגן אָף זיי. נאָר וואָס וועט זײַן מיט ארן ראַפּאָפּאָרטן?

וואָראָבייטשיק. וואָס? ראַפּאָפּאָרט?

בעספּאַלי. ער איז געפאָרן וועגן זײַנע איניאַנים, און ערגעץ פאר אים האָבן זיך געשלעפּט וועגענער מיט קאָרן, האָט דער אײַנבינדער, קרוגליאַק, אים אָנגעיאָגט, ארענען, און אויסגעטראַכט, אז דאָס איז די געגאַנוועטע טווּע פונעם סיפּנאַי פּונקט, און אז ארן ראַפּאָ־פּאָרט פירט זי ערגעץ. מיט איין וואָרט — ער האָט אים פארהאלטן און...

וואָראָבייטשיק. און אוועקגעזעצט? האַ?

בעספּאַלי שאָקלט מיטן קאָפּ אָף יאָ.

זעלדע. עפּשער זאָל איך צולויפן צו גאלינען? זי פאָרט דאָך באלד אוועק.

בעספּאַלי. דאנקען גאָט, וואָס זי פאָרט. הייסט עס, אז די צוויי פרויען וועלן קאָנען איבערנעכטיקן. (צו וואָראָבייטשיקן.) לויפט, אָבער גיכער!

וואָראָבייטשיק. וווהין?

בעספּאַלי. אין ראַיקאָם, אין רעווקאָם, אין טשעקא — וווהין איר ווילט. מע דאַרף זיך אײַנשטעלן פאר ראַפּאָפּאָרטן. איר זײַט א האַרעפּאַשניק, א לערער — אײַך קאָן קיינער ניט כוישעד זײַן.

וואָראָבייטשיק. דעם עמעס געזאָגט, איז דאַפּקע זי אויסער יעדער מין כשאַד (וויַיזט אָף זעלדען.)

זעלדע. איך?

בעספּאַלי. יאָ, יאָ, איר! איר וועט גיין זיך באקלאָגן אָף קרוגליאַקן און שוין פאר איין וועג אַרײַנוואַרפן א וואָרט פאר ראַפּאָפּאָרטן.

זעלדע. איך? פאר ראַפּאָפּאָרטן? מיט וואָס האָט ער עס אזוי בא מיר פאַרדינט? עפּשער דערמיט, וואָס מײַן מאַן עליע, זאָל ער האָבן א ליכטיקן גאַנײדן, האָט דאָס גאַנצע לעבן געאַרבעט בא אים אָף דער מיל, ווי אַן אָקס, און דאָרטן טאַקע, אָף דער מיל, געשטאָרבן?

וואָראָבייטשיק. שטאַרבן איז א גאָט־זאַך.

זעלדע. דאָס זעלבע האָט געזאָגט אײַער ראַפּאָפּאָרט.

בעספּאַלי. דאָס איז שוין ניט שיין פון אײַער זײַט, זעלדע, איך געדענק גוט, אז ווען אײַער מאַן איז געשטאָרבן, האָט ראַפּאָפּאָרט אײַך צוגעשיקט א גאַנצן פּוד מעל.

וואָראָבייטשיק. איך בין דאָ א מענטש א נײַער, נאָר מע זאָגט, אז דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהאַט לעבן אים דאָס שטיקל ברויט.

זעלדע. וואָס עמעס איז עמעס — אָף אַלע איין שטיקל, און ראַפּאָפּאָרט — פולע אַמבאַרן.

וואָראָבייטשיק. איר זײַט דאָך שוין אינגאַנצן קיין יידישע טאָכטער ניט! גאלינא איז נאָך ניט געוואָרן אײַער שנור?

זעלדע. וואָס האָט איר זיך צוגעקלעפּט צו מיר! וואָס זאָל איך איר זאָגן? מעל האָט מען געפונען בא מיר? — געפונען. פאר א ספּעקוליאַנטקע האָט מען מיך פאַרשריבן? — פאַרשריבן!

בעספּאַלי גיט א סימען, אז וואָראָבייטשיק זאָל אַרויסגיין. יענער גייט אוועק צו זיך אין צימער.

בעספּאַלי. וואָס האָט איר מוירע? די מעל האָט מען ניט צוגענומען? און דאָס איבעריקע נעם איך אָף זיך, און איר העלפט ראַפּאָפּאָרטן. ווי זאָגט מען עס — דו מיר, איך דיר. וואָס זשע שוויַיגט איר?

זעלדע (א דערשלאָגענע). גאלינא זאָגט, אז פּעטליורעס באַנדעס זײַנען נאָענט.

בעספאלי. וואָס האָט איר אזוי מוירע פאר פעטליורען? פארגעסט ניט, אז ער האָט אפילע א ייִד א מיניסטער.

זעלדע. מיסטאם אזא, ווי אײַער ראפאָפּאָרט.

בעספאלי. בא קאראווײַען איז אויך פאראן א ייִד.

זעלדע. אזא ייִד וואָלט גאָרניט געדאַרפט געבוירין ווערן.

בעספאלי. און ניט פּאָשעט א ייִד, א קריגסגעפאנגענער.

זעלדע. א קריגסגעפאנגענער? מ'האָט דאָך אים געהארגעט. געפונען אין פעלד.

בעספאלי. וואָס מאכט עס אונדז אויס, ווען מ'האָט געפונען? ווייניק פלעניקעס, ווייניק ייִדן? וואָס זשע שווײַגט איר, זעלדע? איר וועט גיין אין ראיקאָם, איר וועט גיין צו גאלינען?

זעלדע שווײַגט. זי הערט ניט, וואָס מע רעדט צו איר.

פארהאנג.

דאָס צווייטע בילד

אין ראיקאָם פון דער פארטיי. א קוואַדראַטיש פונעם צימער און פון דער ווערענדע. אין צימער הענגען פּאָרטרעטן, לאָזונגען, פּלאַקאַטן. גאלינא און יערמאקאָוו. יערמאקאָוו איילט זיך.

גאלינא (פארהאלט אים). גיב איבער, אז דאָס פאָלק דאַנקט דעם סאָוונאַרקאָם פאר דער הילף.

יערמאקאָוו. גוט, גוט. כ'וועל פארשפּעטיקן צום טעלעגראַף.

גאלינא. זאָג אויך, אז די דאָרפישע אָרעמשאַפט איז ניט שלעכט אָרגאניזירט.

יערמאקאָוו (שפּאסנדיק). כ'וועל אומבאַדינגט איבערגעבן, אז דער סעקרעטאַר פון ראיקאָם פון דער פארטיי טאָגט און נעכטיקט אין דאָרף.

פון דער גאס דערטראָגט זיך א טומל.

גאלינא. געקומען סאָפּקאָלסאָף. נו, דו קאָנסט גיין.

יערמאקאָוו גייט אוועק. אף דער ווערענדע באווײַזן זיך באוואָפנטע פּויערים אין דער שפּיץ מיט טראָפים אנטאָנענקאָן.

טראָפים. נעם אוף געסט, טאָכטערקע!

1-טער פּויער. א גוטמאָרגן, גאלינא!

2-טער פּויער. א גוטמאָרגן, סעקרעטאַר!

גאלינא. א גוטמאָרגן, כאווײרים, א גוטמאָרגן, און דער זיידע מיקאָלא איז דאָ?

מיקאָלא. אוואדע, ווי דען?

גאלינא. א, פאנאס! (דריקט אים פעסט די האנט.) נו, וואָס מאכט מען? כ'האָב געהערט, געהערט... אָבער דערציילן געניוער.

פאנאס. וואָס איז דאָ צו דערציילן?

מיקאָלא. וואָס הייסט? דערצייל מיט אלע פּישטשעוועקעס.

פאנאס. האָבן מיך, הייסט עס, געפּאַקט די באנדיטן אין וואלד און אוועקגעפירט גלײַך צו זייער קאראווײַען.

גאלינא. נו, נו!

פאנאס. און יענער האָט מיר גלײַך מיט דער נאהײַקע... (באווײַזט דעם בלוטיקן סימען אפן אנטבלויזטן אקסל.) דערנאָך האָט ער א רוף געטאָן איינעם פון זײַנע און באפוילן: „אויספרעגן אים!". און אליין איז ער אוועק. און דער באנדיט פרעגט מיך גאָרניט. ער קוקט אף מיר, און איך קוק אף אים... און אף זײַנע הויזן און אף די ארבל זײַנען גרינע בענדלעך.

גאלינא. א קריגסגעפאנגענער?

פאנאס. ווער ווייסט. א מאָדנער עפּעס. (פּאוזע.)

1-טער פּויער. קיין באלעגופים טשעפּען זיי ניט. און אן אָרעמאן זאָל גאָר בעסער ניט ארײַנפאלן צו זיי.

2-טער פּויער. ס'איז גאָר געפערלעך ארויסגיין אין פעלד.

זיידע מיקאָלא. דאָס פעלד איז ניט פארזייט. די ערד פוסטעוועט.

גאלינא. און ווײַטער, וואָס?

פּ א נ א ס. ער האָט געשוויגן, געשוויגן, און מיטאמאָל האָט ער א רעווע געטאָן: „ווער איז בא אײַערע באַלשעוויקעס דער סאמע עלטסטער?" נו, און איך האָב פון דערשרעק אויס־געשאָסן: „גאלינא אנטאָנענקאָ..."

זיידע מיקאָלא. אזוי טאקע האָסטו געזאָגט?

פּ א נ א ס. דער באנדיט איז אזש בלאָוו געוואָרן און פרעגט שטיל: „און ווו איז איר באטקע, טראָפים אנטאָנענקאָ?"

ג א ל י נ א. ער קען אפילע דעם טאטן מײַנעם?

ט ר אָ פ י ם. אפּאנעם, אז ער האָט עמעצן פון זײַנע באנדיטן אין דאָרף.

פּ א נ א ס. דאָ איז ארײַנגעקומען דער אטאמאן און מיר באפוילן האקן האָלץ און טראָגן וואסער. און יענער באנדיט מיט די גרינע בענדלעך קוקט אלץ אף מיר, נעמט ניט אראָפּ דעם בליק, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט בא מיר אויסמאנטען.

ג א ל י נ א. א כיטרע סטערווע.

פּ א נ א ס. העכער א וואָך האָב איך אזוי זיך אָנגעמאטערט, דערנאָך האָב איך באוויזן די פּיאטעס, און זוך א ווינט אין פעלד.

ג א ל י נ א. אויסגעצייכנט. און דו האָסט זיך ניט דערוווסט, וויפל זײַנען זיי דאָרט, וואָס פאר א קראפט שטעלן זיי פאָר מיט זיך.

פּאנאס שווײַגט.

זיידע מיקאָלא. דער גאנצער קויעך, ווײַזט אויס, איז בא אים אין די פּיאטעס...

שטילערהייט קומט ארײַן זעלדע, זי בלײַבט שטיין בא דער טיר.

ג א ל י נ א (באמערקט זי ניט, רעדט צום פאָטער). כאווער נאטשאלניק, פיר אוועק דעם אָטריאַד, און דערנאָך קום ארײַן צו מיר.

ט ר אָ פ י ם. גוט, טאָכטערקע.

ג א ל י נ א גייט אוועק אין איינעם פון די אינוווייניקסטע צימערן.

ט ר אָ פ י ם. גיכער, כלאָפּצי!

די פּויערים גייען אוועק.

ז ע ל ד ע (דערנענטערט זיך צו טראָפימען). א דאנק דיר, טראָפים, פאר די קארטאָפליעס.

ט ר אָ פ י ם. א, דאָס ביסטו?

ז ע ל ד ע. איך, איך. דו האָסט א גאנצן פאָלק סאָלדאטן. כ'האָב זיי געזען אין גאס.

ט ר אָ פ י ם. מיר גייען שלאָגן די באנדיטן.

ז ע ל ד ע. פארטיידיקן אונדז? די יידן?

ט ר אָ פ י ם. עך, אלטע, אלטע! צוויי יאָר וווינסטו מיט מײַן טאָכטער אונטער איין דאך, און דו קענסט נאָך אלץ ניט פארשטיין, ווו עס ליגט באגראָבן דער עמעס.

ז ע ל ד ע. און ווו איז ער טאקע, דער עמעס?

ט ר אָ פ י ם. אָט דאָ (ווײַזט אף לענינס פּאָרטרעט.) פּעטליורע וויל צונעמען בא די פּויערים די ערד, בא די יידן — דעם לעצטן ביסן ברויט. בא אונדז אלעמען — דאָס לעבן אונדזערס. ווער זשע דאַרף גיין זיך שלאָגן פארן עמעס, אויב ניט מיר? עך, אלטע... (טוט א מאך מיט דער האנט און גייט אוועק).

זעלדע קוקט אים נאָך. עס קומט ארײַן מאַרינא, אונטער דער האנט טראָגט זי א קלומעקל.

ז ע ל ד ע (לאָזט זיך צו מארינען). גוט, וואָס דו ביסט געקומען, מארינא.

מ אַ ר י נ א. זע נאָר, זעלדע!

ז ע ל ד ע. טראָפים זאָגט, אז ס'איז דאָ אן עמעס אף דער וועלט. און מאכן אן אָביסק בא אן אָרעמער פּרוי איז אויך דער עמעס? כ'האָב געוואָלט עס פרעגן בא גאלינען, נאָר דאָ איז זי אײַנגאנצן אן אנדערע, ניט אזוי ווי אין דער היים. דעם אייגענעם טאטן רופט זי „נאַ־טשאלניק"...

מ אַ ר י נ א. דאָס מאכט ניט אויס. יאָ, דו האָסט געהערט, וואָס מע דערציילט וועגן ראַ־פאָפּאָרטן? (שעפּטשעט איר אפן אויער.)

ז ע ל ד ע. וואָס רעדסטו?

מ אַ ר י נ א. ניט אומזיסט האָט ער אָנגעסטראָיעט הײַזער. אָט דער־אָ מויער איז אויך זײַנער...

פון דער גאס דערטראָגן זיך קלאַנגען פון מוזיק, עס באַווייזט זיך א באַוואָפנטער אַטריאַד
פון יוגנטלעכע, צווישן די יונגע טיילט זיך אויס א באַיאָרטער מאַן פון א יאָר 45 — 50,
א וווּקסיקער, א פעסט-געבויטער בערדיקער ייִד, אין א קאַוואַלעריסטיש היטל און א
דאַשעק. אין דער שפּיץ פונעם אַטריאַד — דער שטעטלדיקער אָרקעסטער.

דער עלטסטער. שטיין פריי!

מארינא. פּראַסיאַ!

פּראַסיאַ (פּאַכעט מיט דער האַנט). שפּעטער! שפּעטער!..

דער בערדיקער ייִד. אין אונדזער צייַט — אין דער צייַט פון דער יאַפּאַנסקע מילכאָמע — האָב איך עפּעס קיין מיידלעך אין מײַן עסקאַדראָן ניט געזען...

דער אַטריאַד גייט זיך פאַנאַנדער איבער דער וועראַנדע. א טומל, א געלעכטער.
די כעוורע נעמען ארויס פון זייערע קלומעקלעך ברויט, אוגערקעס, עפּל. מע פאַרבייַסט.

יאָסל. כעוורע, איך מאַך א בייַט — פאַר א גרויסן אַפּעטיט נעם איך א קליין שטיקל ברויט.

פּראַסיאַ. אַפּעטיט האָב איך אליין. (דערלאַנגט אים א שטיקל ברויט.)

דער עלטסטער. אַף איין צאָן וועט עס אים קלעקן. עמעס, יאָסל?

יאָסל פלייַסט זיך עפּעס ענטפערן. דאָס מויל איז אָבער בא אים אָנגעשטאָפּט מיט ברויט,
און ס'איז ניט קלאָר, וואָס ער זאָגט.

דער בערדיקער ייִד. אין אונדזער צייַט — אין דער צייַט פון דער יאַפּאַנסקע מילכאָמע...

אלע פאַרשטעלן די אויערן מיט די הענט. מע לאַכט.

1-טער באַכער. מיר האָבן שוין לאַנג ניט געהערט...

2-טער באַכער. די לעצטע נייַס פון דער יאַפּאַנישער מילכאָמע. (געלעכטער.)

דער בערדיקער ייִד. וואָס הירזשעט איר ווי די אָגערס? (נעמט אַראָפּ דאָס היטל פונעם קאָפּ.) איר זעט אָט דאָס היטל? דאָס איז אַן עמעס דראַגונסקי היטל! נאָך פון דער יאַפּאַנסקע מילכאָמע! אז איך פלעג עס אָנטאָן אָט אַזוי־אָ (טוט אָן דאָס היטל אַף א זייַט), פלעגן אלע מיידלעך אייַנעמען א מיסע-מעשונע.

פּראַסיאַ (טוט א טיפן זיפץ). אוואַדע, ווי דען! (געלעכטער.)

דער בערדיקער ייִד. לאַכט, לאַכט! כ'האָב געוואָלט אַרייַן אין דער רויטער ארמיי, נאָר מ'האָט מיך ניט גענומען. די יאָרן, זאָגן זיי, זייַנען שוין ניט די. זאָג איך צו זיי, ווען איר וואָלט מיך נאָר געוועזן אָנקוקן אַף מײַן דראַגונסקי פערד, אין דער פּאָלנע פּאַרמע...

3-טער באַכער. ווי אין אונדזער צייַט — אין דער יאַפּאַנסקע מילכאָמע... (געלעכטער.)

דער בערדיקער ייִד (ערנסט). ניט די יאָרן! נאָר מיר וועלן נאָך א קוק טאָן, בא וועמען עס זייַנען ניט די יאָרן! ווי נאָר איך האָב דערהערט, אז אייַער אַטריאַד קלייַבט זיך צוניף, בין איך געקומען צו פליִען פון די ערשטע, געקומען אין דער פּאָלנע פּאַרמע. עמעס, אָן א פּיצל ברויט.

דער עלטסטער. וואָס זשע שוויַגסטו? (טיילט אים אַף א שטיקל פון זייַן ברויט. פון אלע זייַטן שטופּן אים אונטער די כעוורע ווער אַן אוגערקע, ווער אַן עפּל.)

2-טער באַכער. כאַווײַרים, וויפל ווערסט איז עס ביז דער באַנדע?

פּראַסיאַ. פונקט אַזויפיל וויפל פון דער באַנדע ביז אַהער.

דער בערדיקער ייִד. דו קענסט ניט כעזשבענען! (צו אלעמען.) דאָס דאַרף מען צעקייַען. אונדזער וועג איז א גלייַכער, א קורצער — מיר ראַנגלען זיך פאַרן עמעס, און די בורזשויעס, פונקט ווי די באַנדיטן, פּלאָנטערן זיך, מע גייט דורך קרומע און זייַטיקע וועגן...

דער עלטסטער. די באָרד אונדזערע שיסט אין ציל. ווי געפעלט ער אייַך?

דער בערדיקער ייִד. ווען מיר וואָלטן וועגן אָט דעם עמעס געוווּסט בייס דער יאַפּאַנסקע מילכאָמע...

פּראַסיאַ. ווידעראַמאָל די יאַפּאַנסקע מילכאָמע... (געלעכטער.)

מארינא (צו זעלדען). יונגע כעוורע, איז זיי פריילעך.

זעלדע. וואָס פעלט זיי — ברויט און פויגל־מילך.

דער עלטסטער. און א ביסל ביקסן מיט פּאַטראָנעס.

מארינא (צו וועלכער ס'איז סאַפּקאָלסאָף צוגעגאַנגען די טאָכטער. זי נעמט ארויס פון א קלומעקל א וואַרעם שאַלעכל.) נעם עס, טאָכטערקע...

פּראַסיאַ. און דו? כ'וועל ניט נעמען.

זעלדע. נעם, נעם. פאַרנאַכט וועט זייַן קאַלט.

מ א ר י נ א (שטרענג). נעם, זאָגט מען דיר! (בינדט איר אליין ארום דעם האלדז מיטן שאַלעכל.)

יאָסל הייבט אָן זינגען. די כעוורע כאַפּן אונטער. עס קומט אַרײַן ג א ל י נ א און הערט זיך צו.

ג א ל י נ א. גוט! אויסגעצייכנט!

די כעוורע דערזעען גאַלינען, רינגלען זי ארום.

ג א ל י נ א. איר זינגט, אַז ס'איז א מעכײַע צו הערן... און איך האָב אײַך געבראַכט א גוטע נײַס.

ש ט י מ ע ן. א נײַס?! וואָס פאַר א נײַס?!

ג א ל י נ א. מאָסקווע שיקט אונדז הילף. נאָך איין רויטאַרמייִשע טייל. לויט דער פּער־זענלעכער אָנווייזונג פון וולאַדימיר איליטשן...

ש ט י מ ע ן. פון לענינען?

ג א ל י נ א. יאָ, פון לענינען. אָבער מיר אליין דאַרפן...

ש ט י מ ע ן. שלאָגן פּעטליורעס!

— מירן אַלע גיין!

— אַלע, ווי אײנער!

ג א ל י נ א. אָבער ווייניקער טומל און מער אָרגאַניזירטקײַט, דיסציפּלין...

י אָ ס ל. מיר פאַרשטייען.

פ ר אָ ס י א. דו ווייסט א סאַך און טומלסט א סאַך. דערצייל אונדז, גאַלינא, פאַרוואָס זײַ־נען בײַ לענינען צווי פאַמיליעס — אוליאַנאָוו־לענין?

ג א ל י נ א. אוליאַנאָוו איז זײַן עמעסע פאַמיליע, נאָר לענין איז אויך אַן עמעסע...

ש ט י מ ע ן. ווי קאָן עס זײַן?

ג א ל י נ א. אָט אַזוי, מײַנע פרײַנט. מיר האָט אַמאָל וועגן דעם דערציילט א געניטער זאָקן... לענין איז נאָך געווען גאָר א יונגינקער, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט אים פאַרשיקט צו די ברעגן פונעם ווײַטן טײַך לענא, אין דער ווילדער סיבירער טײַגע. (עס קומט אַרײַן י ע ר מ א ק א וו) שאָענווײַז פלעגט וולאַדימיר איליטש זיצן אויפן ברעג פון דער לענא און קוקן, ווי דער טײַך יאָגט זײַנע מעכטיקע וואַסערן, וועלכע וואַשן אָפּ פון די ברעגן אַלע אומריינקײַטן... און לענין האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט: זאָל מײַן לעבן זײַן ווי אָט דער טײַך. איך וועל העלפן די אַרבעטער און פּויערים צעשלײַדערן אַלע גרענעצן און צאַמען צו א גליקלעך לעבן, צו באַפרײַטער מי. און פון דעמלט אָן האָט וולאַדימיר איליטש זיך גענומען נאָך איין פאַמיליע־נאָמען, דאָס איז געווען דער נאָמען פונעם גרויסן סיבירער טײַך לענא — לענין.

פּאַוזע. שטיל.

י ע ר מ א ק אָ וו. א וווּנדערלעכע לעגענדע!

ג א ל י נ א. צום ערשטן מאָל האָב איך זי געהערט אויפן פראָנט.

ד ע ר ב ע ר ד י ק ע ר י י ד. ריכטיק, ריכטיק. א סאָלדאַט ווייסט אַלץ.

י ע ר מ א ק אָ וו. און איצט דאַרף מען גיין!

דער אָטריאַד שטעלט זיך אויס און גייט אוועק אין הויף אין דער שפּיץ מיט יערמאַקאָוון; מאַרינא גייט מיטן אָטריאַד, גאַלינא לאָזט זיך אין שטוב אַרײַן.

ד ע ר ו ו א ס ע ר פ י ר ע ר (קומט אַרײַן, האַלט פאַרבונדן אין א פאַטשיילע א טעפּל). ווו איז דאָ ערגעץ מײַן היץ־קאָפּ? וואָס, שוין אוועקגעגאַנגען?

ז ע ל ד ע. אוואַדע געקומען צום זון?

ד ע ר ו ו א ס ע ר פ י ר ע ר. כ'האָב אים געבראַכט זײַן באַליבט מײַכל — פאַלשע פיש... ס'הייסט, שטאַרק געפעפערטע קאַרטאָפליעס. די עמעסע פיש שווימען נאָך ערגעץ אין טײַך.

ז ע ל ד ע. אײַך פעלן נאָר כאַכמעלעך...

ד ע ר ו ו א ס ע ר פ י ר ע ר. אײַ־אײַ־אײַ!

ז ע ל ד ע. וואָס איז, האַ?..

ד ע ר ו ו א ס ע ר פ י ר ע ר. מ־מ־מאַ! אײַער שאָכן, דער לערער אין די קאַלאָשן, באַרימט זיך, אַז ער האָט אײַך אײַנגערעדט פאַרוואַרפן א וואָרט פאַר ראַפּאָפּאָרטן.

ז ע ל ד ע. צי איר מאַכט זיך צי איר זענט! איר זײַט פון זינען אַראָפּ! איך — פאַר ראַ־פּאָפּאָרטן?

דער וואסערפירער. צוליב וואָס זשע זײַט איר אהער געקומען?

זעלדע. זיך אַנקלאָגן אף קרוגליאַקן... און כּוץ דעם, טראַכט איך, אז עפּשער וועל איך זיך דאָ עפּעס דערוויסן וועגן פּליענע... נאָר זײַ א בעריע, אז דו ווייסט גאָר ניט צו וועמען זיך צו ווענדן.

דער וואסערפירער. און איך, זעלדע, ווייס... כ'האָב געהערט, ווי מ'האָט הײַנט געלייענט א בלאַט־צײַטונג... עפּשער וואָלט געווען גלײַך, אז איר זאָלט אָנשרײַבן, הא?

זעלדע. וועמען?

דער וואסערפירער. קיין מאָסקווע.

זעלדע (מיט קאַס). אלטער לעץ. ער האָפט נאָך אלץ אף גאָטס ניסים. איז זײַט זשע וויסן, אז די באָלשעוויקעס האָבן, א דאנק דעם אייבערשטן, געגעבן איבערן הינטן אלע בורזשויעס און דײַן ליבן גאָט אויך.

דער וואסערפירער. אין דער גאזעטע שרײַבט מען, אז לענין אליין האָט געפּאָ־דערט, אז מע זאָל אומקערן אלע פּליענע.

עס קומט ארײַן גאלינא.

גאלינא (שטרענג). דו ביסט דאָ?!

דער וואסערפירער גייט אוועק.

זעלדע. איך בעט...

גאלינא. כ'ווייס. אהער זײַנען שוין געקומען שליכים און אפילו געוואָרנט, אז דו וועסט קומען.

זעלדע. כ'וויל דיך בעטן פאר...

גאלינא (רײַסט איר איבער די רייד). דײַן זון וואָלט אויך געגאנגען בעטן פאר אַט דעם ספּעקוליאַנט, פאר ראפּאָפּאָרטן?

זעלדע. דו הער מיך אויס.

גאלינא (מיט קאַס). ניטאָ וואָס צו הערן. גענוג פונמײַנעטוועגן.

זעלדע (מיט הארץ). א שטיין איז בא דיר, ניט קיין הארץ. א פרעמדע בין איך פאר דיר.

גאלינא. דו ביסט א פרעמדע?

עס רײַסט זיך ארײַן א דערשראָקענער מענטש, קוים וואָס ער כאַפּט איבער דעם אָטעם.

דער געקומענער (צו גאלינען). ראַטעוועט! אף אונדזער שטעטל גייט א באנדע.

גאלינא. אף סאָסנאָווקע?

דער געקומענער. כ'האָב זיך מיט ניסים דורכגעריסן! גיכער! העלפט!

גאלינא. מיר טרעטן גלײַך ארויס.

גאלינא מיטן געקומענעם גייען אוועק אין אײנער פון די טירן. זעלדע בלײַבט אליין. מע הערט, ווי אף דער גאַס שטעלן זיך אויס די אָטריאַדן. עס באווײַזט זיך גאלינא, זי פארשפּליעט דעם שינעל.

גאלינא (גייט צו צו זעלדען). מאמע! (נעמט זי ארום.) זײַ געזונט, מאמע! (אָפּ.)

זעלדע. ווידער... ווידער באנדעס! טאָכטערקע מײַנע!

פון דער גאַס דערטראָגט זיך די קאָמאַנדע פון יערמאַקאָוון. עס גייען פארבײַ באוואָפנטע אָטריאַדן.

פאָרהאנג.

צווייטער אקט

דאָס דריטע בילד

בא זעלדע שאַפּראַן. דער זעלבער צימער, ווי אינעם ערשטן בילד. ס'איז די צײַט פון אוונט־שקיע.

בעספּאלי (קומט ארײַן מיט צוויי טשעמאָדאַנעס, קוקט זיך ארום). קיינער איז דאָ ניטאָ?

וואָראַבייטשיק (רוקט ארויס דעם קאָפּ פון זײַן צימער־טיר). **ווערמען טראָגט עס אהער דער ניטגוטער?**

בעספּאַלי. פארגיט ניט קיין נארישע קאַשעס.

וואָראַבייטשיק. און דאָס וואָס איז?

בעספּאַלי. מאָרגן, מירצעשעם, וועט איר מיט די באַלעבאַטים פון אָט די... (באַווײַזט אף די טשעמאָדאַנעס) **איבערשפּאַנען די גרענעץ...**

וואָראַבייטשיק. אויך קיין פּאַלעסטינע?

בעספּאַלי. און אויב ניט קיין פּאַלעסטינע, איז אײַך שלעכט? צווײ ווײַבלעך, זאָג איך אײַך, ווי צווײ קאָנפעטלעך.

עס קומט ארײַן **זעלדע.**

זעלדע (באַמערקט די טשעמאָדאַנעס). **און דאָס וואָס איז?**

בעספּאַלי (טוט א ווונק צו וואָראַבייטשיקן, יענער גייט אוועק צו זיך אין צימער). **דאָס זײַנען די זאכן פון יענע צווײ...**

זעלדע. לייב, איך בעט דיך...

בעספּאַלי. וואָס? וואָס ווילט איר?

זעלדע. א שטיין, א שטיין דריקט מיר דאָס הארץ.

בעספּאַלי. איך פארשטיי אײַך ניט! נעכטן האָט איר געגעבן די האסקאָמע, און הײַנט...

זעלדע. הײַנטיקע צײַטן איז א טאָג מער פון א יאָר.

בעספּאַלי. און וואָס האָט אזוינס פּאַסירט פאַר אָט דעם טאָג?

זעלדע. דעם צווייטן טאָג ווי אונדזערע זײַנען אוועקגעגאַנגען קיין סאָסנאָווקע, און ביז איצט ני סלוכו, ני דוכו...

בעספּאַלי. מע דארף לעבן מיט ביטאָכן, דער אייבערשטער וועט העלפן.

זעלדע. דער אייבערשטער! דערווײַל זע איך, אז די פּויערים, קרוגליאַק, די קינדער, זײַנען אוועק זיך ראַנגלען מיטן מאַלכאַמאָוועס, און דער אייבערשטער... באַהיט זאָל מען ווערן.

בעספּאַלי. איר זינדיקט, זעלדע. אין די הייליקע ספאָרים שטייט געשריבן, אז דער לעבעדיקער דארף טראַכטן וועגן לעבן, וועגן אונטערהאַלטן די נעשאָמע.

זעלדע. ווער קאָן איצט טראַכטן וועגן פּאַרנאָסע צי נאָך וועגן אזעלכע זאכן?

בעספּאַלי. אײַ, לאָזט צורו! וואָס פארשטייט איר אין אזעלכע זאכן: ווער איז אײַך טײַערער — איינס א שטעטל צי דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק? שטעלט אײַך פאָר, אז פּעטליורע האָט פארכאַפּט סאָסנאָווקע...

זעלדע (כאַפּט אָן בעספּאַלין בא דער האַנט). **דײַנע אויערן הערן כאַטש, וואָס דײַן מויל מאָלט?**

בעספּאַלי. זאָל מיר דער אייבערשטער מויכל זײַן! טאַקע אף אַן עמעס נארישע ווערטער.

זעלדע. דײַנע רייד זײַנען ווי א מעסער אין הארצן.

בעספּאַלי. עט, נארישקייטן, ס'האָט זיך ארויסגעכאַפּט. (שטעלט אוועק די טשעמאָדאַנעס אין א ווינקל, לאָזט זיך צום ארויסגאַנג.) **איך וועל באַלד זיך אומקערן מיט די צווײ פרויען, און איר ראַמט דערווײַל אוף, לייגט א פרישן טישטעך...**

זעלדע (שרײַט). **מויכל! מער קיין פרישע טישטעכער לייג איך ניט!** (נעמט דאָס קלומעקל מעל.) **נאָ, נעם דאָס צו, איך וויל עס מער אין די אויגן ניט זען!**

בעספּאַלי. וואָס רעדט איר, מעלו! (עס קומט ארײַן וואָראַבייטשיק.) **זײַט כאָטש איר אַן איידעס. גיי טו מענטשן גוטס.** (גייט אוועק.)

זעלדע (וואַרפט ארויס דורך דער טיר דאָס קלומעקל). **זאָל דאָ קיין סימען אפילע ניט בלײַבן. האָסט געהערט?.. מענטשן פארגיסן פאַר אונדז בלוט, און ער...**

וואָראַבייטשיק. בלוט, בלוט! אונדז, ייִדן, האָט מען שטענדיק געשלאָגן...

זעלדע. די באָלשעוויקעס פארטיידיקן אונדז.

וואָראַבייטשיק. איר מיינט טאַקע, אז זיי פארטיידיקן אײַך? די מאַכט זייערע פאַר־טיידיקן זיי.

עס קומט ארײַן דער **וואַסערפירער.**

זעלדע (לאָזט זיך צו אים). **איר זײַט געקומען מיט עפּעס נײַס?**

דער וואסערפירער. נאָך ניט בין איך געקומען צו אײַך. איר ווײנט דאָך מיט דער כאווערטע אנטאָנענקאַ.

וואראַבייטשיק ווארפט א בליק אפן וואסערפירער און גייט אוועק.

זעלדע (צעפירט די הענט). וואָס ווייס איך, כ׳ווייס גאָרניט.

דער וואסערפירער. וואָס זשע וועט זײַן, זעלדע?

זעלדע. אָט דער שאָכן מײַנער זאָגט...

דער וואסערפירער. שפּײַט אים אָן אין פּאָנעם, דעם שאָכן אײַערן, ער איז א בורזשוי.

זעלדע. מײַנע סאָנים זאָלן ניט מער פארמאָגן, ווי ער.

דער וואסערפירער. א בורזשוי קאָן מען זײַן, האָב איך געהערט, ניט נאָר לויט דער קעשענע, נאָר אויך לויטן פארשטאַנד.

זעלדע. ער איז דאָך א לערער.

דער וואסערפירער. ער איז א ציוניסט, אײַער וואראַבייטשיק, ער לעקט דעם שווייס בא די בורזשויעס.

עס קומען ארײַן גאַלינע און יערמאַק. זעלדע און דער וואסערפירער לאָזן זיך צו זיי.

זעלדע. גאַלינאַ. גאַלאָטשקאַ!

דער וואסערפירער. ווו איז מײַן יאָסל?

גאַלינא (זעצט זיך צו אַף דער באַנק). אלע האָבן זיך אומגעקערט, אלע זײַנען לעבעדיק און געזונט.

דער וואסערפירער. איז לויף איך טאַקע! (אָפּ).

זעלדע (צו גאלינען). וואָס איז מיט דיר?

גאַלינא. מיר האָבן פארשפּעטיקט, פארשפּעטיקט אינגאַנצן אַף איין האלבער שאָ. נאָר דו זאָלסט זען, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן פאר אָט דער האלבער שאָ. וויפל קאָרבאָנעס. אפילע די קלײנינקע אײפּעלעך האָבן זיי ניט געשוינט.

זעלדע. און פארוואָס שווײַגט גאָט, פארוואָס דערלאָזט ער אזעלכס?

יערמאַקאָוו. די באַנדיטן האָבן מיר ניט שלעכט ארײַנגעלייגט אין קאָלנער, זיי וועלן דאָס פארגעדענקען. סאָסנאָווקע איז געבליבן אין אונדזערע הענט.

זעלדע. דו האָסט אוואדע געקלערט, אז איך האָב געוואָלט מיט דיר ריידן וועגן ראָ־פּאָפּאָרטן? ער וועט דאָס ניט דערלעבן... קרוגליאַק...

גאַלינא. לאָז צורו, אָן אנדערס מאָל. (הייבט זיך אוף, טוט אויס דעם שינעל.) טו זיך אויס, יערמאַקאָוו.

יערמאַקאָוו (שטיל צו גאַלינען). א קרוויווע?

גאַלינא. מער ווי א קרוויווע.

יערמאַקאָוו טוט א קנייטש מיט די אַקסל, נעמט אראָפּ דעם פעלד־טאַש און דאָס לעדערנע רעקל.

זעלדע. קרוגליאַק איז געקומען צו מיר זוכן די גנייווע.

גאַלינא. איך וויל איצט ניט ריידן דערפון. נאָר קוים האָסטו שוין אָנגעהויבן... ווי שעמסטו זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון מיר?!

זעלדע. ניטאָ, ניטאָ שוין קיין מעל?

גאַלינא. ברויט האָסטו אָפּגעבאַקן?

זעלדע. קיין ברויט איז אויך ניטאָ.

גאַלינא. האָסט שוין באַוויזן עס פארקויפן?

זעלדע. איך שווער דיר...

גאַלינא. וויאַזוי פארשטייסטו ניט, אז אין אזא צײַט שענקט קיינער אומזיסט קיין מעל ניט.

זעלדע. איצט ווייס איך שוין.

גאַלינא. און איך בעט דיך איינמאָל פאר אַלעמאָל — ווארף אוועק דאָס אייסעקן זיך מיט ברויט.

זעלדע. איך וויל זאָגן...

גאלינא. זאָל שוין זײַן געגנוג. עפּשער האָסטו בעסער א גלעזל טיי. איך דארף איצט א שמועס טאָן מיטן כאוועך.

זעלדע פּאָרעט זיך לעבן אויוון.

יערמאקאָוו. סארא שטרענגע דו ביסט.

גאלינא. לאָז צורו! (ערנסט.) זאָג מיר בעסער, וואניא, וועגן וואָס פאר א פּלאַן האָסטו געוואָלט ריידן מיט מיר?

יערמאקאָוו באַווײַזט מיט א ווונק אף זעלדען.

גאלינא. פאר איר איז ניטאָ וואָס צו היטן זיך.

יערמאקאָוו. ס'איז זייער א פאראַנטוואָרטלעכער געשפּרעך.

גאלינא. איך ווײַן שוין מיט איר צוזאַמען צוויי יאָר.

יערמאקאָוו. און דאָך קאָן זי זיך ארויסכאַפּן מיט א וואָרט פאר א שכיינע.

גאלינא. ניט נאָר פאר א שכיינע, נאָר אפילע פאר מיר אליין.

יערמאקאָוו. אויב אזוי... (שטיל.) קאראוויַיס באַנדעס אַרודעוועזן בא דער סאמע גרענעץ. די ווײַסע, וואָס פון יענער זײַט, באַזאָרגן קאראוויַיען מיט אלץ וואָס איז נייטיק...

גאלינא. דאָס ווייסן מיר. נו, און ווײַטער?

יערמאקאָוו. אײַל זיך ניט. איז כאָזער איך איבער: אף קאראוויַיס באַנדע לייגט פּעטליורע גרויס האָפענונג. נאָך איידער מירן אָנהייבן די אָפּעראציע, דארף מען א שמעק טאָן אין אלע דערפער, וועלכע ליגן בא דער גרענעץ, זיך פארבינדן מיט אונדזערע מענטשן. געבן די נייטיקע אָנווײַזונגען...

גאלינא. פארשטענדלעך. און ווײַטער?

יערמאקאָוו. די פּעטליוראַווצעס ריידן אָן אף אונדז. איך האַלט, אז מיר דארפן א שמועס טאָן מיטן אוילעם, אפן מארק, אין די קלויסטערס, אומעטום.

גאלינא. דו ווילסט אליין דאָס טאָן? פּערזענלעך?

יערמאקאָוו. יאָ, נאָר טאָן דאָס אָפּן טאָר מען ניט, כאָטש איך בין דאָ א מענטש א פרישער.

גאלינא. א געהילף דארפסטו?

יערמאקאָוו. יאָ, א באַגלייטער. א מענטש, וואָס ווארפט זיך ניט אין די אויגן, נאָר א זיכערן.

גאלינא. כ'וועל א קלער טאָן.

פּאוזע. זעלדע זוכט עפּעס אין פארשיידענע ווינקלען פונעם צימער.

גאלינא. וואָס זוכסטו, זעלדע?

זעלדע. דאָס מעסער. איך דארף אָנהאַקן שפּענדלעך, מאכן א גלעזל טיי פאר אײַך.

יערמאקאָוו. אנו, מאמאשע, לאָז נאָר מיך.

זעלדע. וואָס רעדסטו! ביסט דאָך פארמאַטערט, ערשט פונעם וועג.

יערמאקאָוו. ס'מאכט ניט אויס. (נעמט בא איר צו דעם האַנטעך, באַקומט ארויס פונעם פעלדטאַש א מעסער און שטעלט זיך אָנהאַקן שפּענדלעך.)

זעלדע (פאַרזיכטיק). כאוועך, א מאמע האָסטו?

יערמאקאָוו. יעדער מענטש האָט א מאמע.

זעלדע. און זי ווייסט, ווו דו ביסט? שרײַבסט איר?

יערמאקאָוו. אוואדע ווייסט זי. ס'איז טאַקע שוין צײַט איר אָנצושרײַבן.

זעלדע. שרײַב, שרײַב... מיר שרײַבט דער זון ניט. כ'ווייס אפילע ניט, ווו ער איז.

יערמאקאָוו. א דערוואַקסענער זון?

זעלדע. אזא ווי דו. נאָר א ביסל העכער אין וווּקס.

יערמאקאָוו. ווו זשע האָסטו פארלוירן אזא פּידסווויניק?

זעלדע. א לאַנגע געשיכטע.

יערמאקאָוו (נעמט דעם סאַמאָוואר). עך, מאַמאשע, וואָס זשע פאר א באַלעבאָסטע ביסטו? האָסט דאָך קיין טראָפּן וואַסער ניט.

זעלדע באַפּט דעם עמער, לאָזט זיך אײַליק אוועק.

גאלינא (נעמט ארויס ברויט, זאַלץ, אוגערקעס). עס, וואניא!

יערמאקאָוו. א דאַנק (באַקוקט דעם צימער.) שוין זשע קאָנסטו ניט קריגן פאר זיך קיין באַזונדערן צימער?

גאלינא. איך האָב א גוטן צימער. (באַוויַיזט אף איינע פון די טירן.) נאָר דאָ, מיט דער אַלטער, איז מיר היימלעכער.

יערמאַקאָוו. כ'פאַרשטיי ניט.

גאלינא. כ'האָב אַמאָל צוזאַמען מיט איר זון געאַרבעט אין איין שניַידער־וואַרשטאַט.

יערמאַקאָוו. פאַרשטענדלעך...

גאלינא. פאַרשטענדלעך, פאַרשטענדלעך. דו פאַרגעס ניט, אַז דאָס איז געווען נאָך ביז דער רעוואָליוציע. ער איז א ייִד, איך אַן אוקראַיִנערן... די אַלטע האָט, נאַטירלעך, ניט געוואָלט, און דאָ איז אויסגעבראָכן א שטרייַק...

יערמאַקאָוו. וואָס פאַר א שטרייַק?

גאלינא. אין ערשטן יאָר פון דער מילכאָמע...

יערמאַקאָוו. ער איז א באָלשעוויק?

גאלינא. ניין, דעמלט איז ער ניט געווען, און איך בין נאָך אין פּאַרטיי ניט געווען. נאָר פאַר דעם דאָזיקן שטרייַק האָבן מיר באַקומען איבער דער מאָס: מיך האָט מען איַינגעזעצט אין טורמע. אים אויך דאָס זעלבע. און פון דאָרטן אפן פראָנט. העכער צוויי יאָר איז ער אָפּגעווען אפן פראָנט, דערנאָך — אַרייַנגעפאַלן אין פּליען.

יערמאַקאָוו. אַלץ אַזוי, ווי עס דאַרף זייַן. (פּאַוזע.)

גאלינא. הער נאָר, יערמאַקאָוו, דו ווייסט אַף זיכער, אַז בא דעם געהאַרגעטן קריגס־געפאַנגענעם האָט מען קיין שום דאָקומענטן ניט געפונען?

יערמאַקאָוו (פאַרווונדערט). פאַרוואָס אינטערעסירסטו זיך אַזוי מיטן געהאַרגעטן? (גאלינא שווייַגט.) דו זאָגסט, אַז דער אַלטערס זון איז אַרייַנגעפאַלן אין פּליען? עפּעס ניט פאַרשטענדלעך, זי האָט דאָך געזאָגט, אַז ער איז פאַרפאַלן געוואָרן.

גאלינא. דאָס איז פאַרגעקומען נאָך אין פופצנטן יאָר. די אַלטע איז געווען א בע־זשענקע און האָט געוואָגלט איבער שטעט און דערפער. אַף עפּעס א סטאַנציע האָט זי דערזען איר זון, ווײַלכן מ'האָט געטריבן אפן פראָנט. פאַרשטייסטו דאָך, אַז א מאַמע בלייַבט א מאַמע, זי האָט זיך דורכגעשטופּט צו די סאָלדאַטישע טעפּלושקעס, נאָר א וואָכמאַן האָט זי פאַרהאַלטן און זי אָפּגעפירט צו זייַן אָפיצער.

יערמאַקאָוו. וואַרט נאָר א ווייַלע, וויאַזוי האָט מען עס גערופן איר זון?

גאלינא. שאַפּראַן, לאַזאַר שאַפּראַן.

יערמאַקאָוו. און ווייַטער?

גאלינא. דער אָפיצער האָט, נאַטירלעך, געשריגן, אַז אַלע זשידעס זייַנען שפּיאָנען, אָפּשיקן זי צום קאָמענדאַנט.

זעלדע (קומט אַרייַן מיטן עמער אין דער האַנט. דערהערט די לעצטע ווערטער). און איך, א נאַרישע ייִדענע, זאָג אים: „פאַן אָפיצער, דעם זון מייַנעם זוך איך, געזעגענען וויל איך זיך, עפּשער דאָס לעצטע מאָל"...

יערמאַקאָוו. און דער אָפיצער גוואַלדעוועט: „אויב די אַרעסטירטע וועט זיך פּרווון אַנטלויפן — דערשיסן... פאַרשטאַנען?"

זעלדע. פונוואַנען ווייסטו דאָס?

יערמאַקאָוו. דער סאָלדאַט פירט זי און הערט ניט אויף צו קאָמאַנדעווען: „שנעלער, גיכער..." עמעס, מאַמאַשע?

זעלדע (איבעראַשט). עמעס.

יערמאַקאָוו. און די אַלטע טייַנעט זיך אירס: „צום זון מייַנעם פיר מיך. צו לאַזאַרן, צו לאַזאַר שאַפּראַנען", עמעס, מאַמאַשע? און לאַזאַר שאַפּראַן, לאָזט זיך אויס, איז מיט מיר צוזאַמען אין איין וואַגאָן. (לאַכט.) האָב איך גענומען און זי אָפּגעלאָזט.

זעלדע. ניט עמעס, ניט אָפּגעלאָזט, נאָר באַגלייט ביז צום עשעלאָן פון די פּליטים, און אַפילע געהאָלפן זיך אַרייַנזעצן אין דער טעפּלושקע. (ערשט איצט איז אַלץ צו איר דערגאַנגען.) ביסטו עס?..

גאלינא. א שיינע מייַסע, נאָר א קורצע.

זעלדע. כ'וואָלט קיינמאָל אין לעבן אים ניט דערקענט. דו... (שוין מיט טרערן.) דו האָסט שוין לאַנג געזען מייַן לייזערקען?

יערמאַקאָוו. אין זעכצנטן יאָר.

אין פענצטער באַוויַיזט זיך דעם וואַסערפירערס קאָפּ.

דער וואַסערפירער. זעלדע, כ'האָב אייַך געבראַכט וואַסער!

זעלדע. קומט אַרײַן, קומט אַרײַן. אַ גרויסע נײַס! דער כאַווער האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פון מײַן זון.

דער וואַסערפירער. וואָס רעדט איר? שוין לאַנג, ווי ער האָט זיך מיט אים געזען?

זעלדע. אין זעכצנטן יאָר (פאַרשעמט זיך).

דער וואַסערפירער (אַנטוישט). מיט פיר יאָר צוריק...

עס קומט האַסטיק אַרײַן קרוגליאַק.

קרוגליאַק. כאַווײרים! מע רופט צום טעלעפאָן.

גאַלינאַ. די מינוט גיי איך. (טוט אָן דעם שינעל.)

יערמאַקאָוו (טוט אָן די קורטקע. צו זעלדען). דו פאַרגעס ניט די טיי. מירן באַלד זיך אומקערן.

יערמאַקאָוו, גאַלינאַ און קרוגליאַק גייען אַוועק.

זעלדע (צום וואַסערפירער). גייט אַרײַן, וואָס קוקט איר אין פענצטער?

דער וואַסערפירער (קומט אַרײַן אין שטוב). ווען אײַער לייזער זאָל וויסן, אַז זײַן מאַמע און זײַן קאַלע וווינען צוזאַמען און לעבן אַזוי פֿרײַנטלעך...

זעלדע. ס'וואָלט נאָך בעסער געווען, ווען ער זאָל זײַן צוזאַמען מיט אונדז.

דער וואַסערפירער. און ווען איר זאָלט זײַן אין דער היים, בא זיך, אין שטעטל. איז האָט איר אײַך אַ נײַע גרענעץ...

זעלדע. וווּ איז עס געהערט געוואָרן? צוויי שטעטלעך, פון זינט די וועלט שטייט, וואָס האָבן געהאַט איין פּאַסטעך, איין בעסוילעם, און אומיצקעדרינען — האָסטו דיר — צוויי מע־לוכעס! דאָרט — לעגיאָנערן, דאָ — אונדזערע.

דער וואַסערפירער. איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, זעלדע? אַז פאַר קיין מיניסטער, טויגט איר טאַקע ניט. אין פּאָליטיקע קלײַבט איר זיך פאַנאַנדער, לעהאוודל, ווי מײַן לאַשעק. (קוקט אַרויס אין פענצטער.) האָט, הייסט עס, אָט דער כאַווער געזען אײַער זון?

זעלדע. יאָ, געזען.

דער וואַסערפירער. און איך אײַצע אײַך פאַרט אָנשרײַבן.

זעלדע (בייז). בא מיר ווערט דאָס האַרץ צעריסן, און איר כאָכמעט מיט זיך.

דער וואַסערפירער. איר ווילט ניט — דאַרף מען ניט. (קוקט אַרויס דורכן פענצ־טער.) מײַן יאַסל דערציילט, אַז אין סאַסנאָווקע האָט ער, אײַער, ווי הייסט ער דאָרט, יער־מאַק, צום אַלעם ערשט געהייסן צונויפנעמען די קינדער.

זעלדע. יערמאַקאָוו! ער האָט דאָך אַ גאָלדן האַרץ.

דער וואַסערפירער. איר קענט אים גוט?

זעלדע. איך בין גרייט צו גיין מיט אים אין עק וועלט.

דער וואַסערפירער. פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע אינדערעמעסן ניט גיין?

זעלדע (דערשראָקן). איר ווייסט, וווהין עס קלײַבט זיך גיין יערמאַקאָוו?

דער וואַסערפירער. קיין זאַך ווייס איך ניט און וויל ניט וויסן... איך שמועס דאָ וועגן אײַער זון.

זעלדע. ווי מיינט איר, עפשער זאָל איך זיך לאָזן איבער די דערפער, עפשער וועל איך זיך דערוויסן, ווער עס איז אָט יענער געהאַרגעטער פליענע?

דער וואַסערפירער. וואָס מיינט איר, ס'איז ניט קיין שלעכטער געדאַנק. גיין דאַרף מען, נאָר אָנשרײַבן דאַרף מען אויך. דאָס וועט ניט שטערן...

זעלדע. איר קריכט שוין ווידער אין דער נעשאָמע.

דער וואַסערפירער. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז אין דער בלאַט האָט מען געשריבן וועגן לעגינס פריקאַז, אַז מע זאָל מאַכן אַ בײַט...

זעלדע. וואָס פאַר אַ בײַט, וועמען בײַטן?

דער וואַסערפירער. די קריגסגעפאַנגענע, די פליעניקעס.

זעלדע. וואָס רעדט איר?

דער וואַסערפירער. ראַט איך אײַך ווידעראַמאָל — שרײַבט אָן צו אים ליטשנע... עס זאָל אַרײַנפאַלן אין זײַנע הענט טאַקע.

זעלדע. ס'איז נאָר צום געלעכטער. לענין אַליין וועט זיך אייסעקן מיט עפעס אַ שטעטלדיקער ייִדענע.

דער וואַסערפירער. איר זײַט טאַקע אַ נאַרישע ייִדענע! ער האָט דאָך געמאַכט די רעוואָליוציע צוליב אַזעלכע, ווי מיר.

זעלדע. דאָס ווייס איך. גאַלינאַ זאָגט אויך דאָס זעלבע. נאָר אַזאַ מענטש, ווי ער, איז פאַרנומען מיט שענערע זאַכן. ער וועט מײַן בריוו אפילו אין די הענט ניט נעמען.

דער וואַסערפירער. און איך זאָג אײַך, אַז ער וועט איבערלייענען און וועט אײַך ענטפערן.

זעלדע (ניט זיכער). עפשער צוואַרטן אָף גאַלינען?

דער וואַסערפירער. ניטאָ וואָס צו וואַרטן. איך אַליין וועל אײַך אָנשרײַבן אַזאַ בריוו, אַז אפילו די שטיינער וועלן זיך באַגיסן מיט טרערן.

זעלדע דערלאַנגט דעם וואַסערפירער פּאַפּיר, טינט. דער וואַסערפירער זעצט זיך צום טיש, נעמט דאָס הענטלפּען אין דער האַנט.

זעלדע. נו, וועלן מיר שרײַבן? (דיקטירט.) „הויכגעשעצטער...”

דער וואַסערפירער. אַזוי טויג ניט.

זעלדע. „כאָווער לענין” טויג אויך ניט — צו פּראָסט.

דער וואַסערפירער. מירן אָנשרײַבן אַזוי — „טײַערער כאָווער לענין”. (שרײַבט.)

וואָראָבייטשיק (קומט אַרײַן פון דער גאַס, גייט צו אָף די שפּיץ פינגער צום טיש, קוקט אַרײַן אין דעם בריוו איבערן אַקסל פונעם וואַסערפירער, לייענט). „טײַערער כאָווער לענין”.

זעלדע פאַרשטעלט דעם בריוו.

דער וואַסערפירער (צו וואָראָבייטשיקן). מירן זיך באַדרייען אָן אײַך...

וואָראָבייטשיק. לענינען? אָף ייִדיש... (לאַכט.) לענין קען דען לייענען אָף ייִדיש?

דער וואַסערפירער. לענין פאַרשטייט אַלע לעשוינעס.

עס קומען אַרײַן יערמאַקאָוו און גאַלינאַ.

יערמאַקאָוו. אָט איצט, מאַמאַשע, גיס אונדז אָן צו גלעזלעך טיי, און... (ער באַמערקט, אַז זעלדע איז עפּעס צערודערט. וואָראָבייטשיק פאַרשווינדט צו זיך אין צימער.)

דער וואַסערפירער. ס'וועט אויסקומען אָפּלייגן אָף אַ צווייט מאָל. (אָפּ).

זעלדע האַלט אין די הענט דאָס בייגעלע פּאַפּיר.

גאַלינאַ (מיט כשאַד). וואָס איז דאָס מיט דיר?

זעלדע. ניט אַצינד. איך בעט דיך, שפּעטער.

גאַלינאַ. נו, מיילע, איך דאַרף זיך צוגרייטן אין וועג. (גייט אַוועק צו זיך אין צימער.)

וואָראָבייטשיק (באַווײַזט זיך פון זײַן צימער. אָפן קאָפּ טראָגט ער אַן אַלטמאָדישן הוט, פאַרבײַגייענדיק טוט ער אַ זאָג צו זעלדען). זעט, איר זאָלט ניט פאַרשפּעטיקן אין שול אַרײַן צו קאַלנידרע. (אָפּ.)

גאַלינאַ קערט זיך אום — זי איז אָנגעטאָן אין אַ דאָרפיש וואַרעם קאָפּטל מיט אַ שאַלכל אָפן קאָפּ.

גאַלינאַ (גיט אָפּ זעלדען דאָקומענטן). באַהאַלט, זײַ אַזוי גוט, מײַנע פּאַפּירן, און אָט אַ־דאָס... (באַהאַלט באַ זיך עפּעס אַ דאָקומענט.) אָף יעדן פאַל.

יערמאַקאָוו. פאַרשטענדלעך. און ווער וועט גיין מיט מיר, דאָס איז נאָך ניט באַשלאָסן?

גאַלינאַ. פאַרוואָס זאָלסטו ניט נעמען קרוגליאַקאָוון?

יערמאַקאָוו. אַ באַכער איז ער אַ כוואַט, נאָר אַלע קענען אים.

גאַלינאַ (טראַכט). כ'זאָל אַזוי וויסן פון בייז.

זעלדע (גייט צו צו גאַלינען). איך קען אַזאַ מענטשן.

גאַלינאַ. דו?

יערמאַקאָוו. אַ זיכערער מענטש?

זעלדע. זאָל איך נאָר האָבן אַזויפיל גוטס, וויפל איך וואָלט אים פאַרטרויט.

גאַלינאַ. ווער זשע איז דאָס?

זעלדע קאָן אַלץ ניט פּועלן באַ זיך...

יערמאַקאָוו. נו, זאָג שוין, מאַמאַשע.

זעלדע (שטיל). איך...

גאַלינאַ און יערמאַקאָוו (איינצײַטיק). דו?

זעלדע (צו יערמאַקאָוון). דו האָסט דעמלט מיך געפירט, איצט וועל איך דיך פירן, איך ווייס דאָ אַלע וועגן.

גאלינא. דו פארשטייסט כאָטש, אַף וואָס דו... באַשליסט זיך?
זעלדע. איך גיי אהין, וווהין ס'וואָלט געגאַנגען מײַן לייזער...
יערמאקאָוו. און אויב מירן זיך אָנרײַסן אַף באַנדיטן?
זעלדע. אַף וואָס דארפן זיי מיך, אַזא אַלטע?
יערמאקאָוו. אָט דאָס איז א מאַמאַשע! און איך האָב זיך געקווענקלט.

די טויבע יידענע אין א יאָמטעוודיק קליידל, מיט א מאַכזער אין די הענט, שרײַט אַרײַן אין פענצטער.

די טויבע יידענע. זעלדע, שוין צײַט אין שול אַרײַן. האָסט פארגעסן, אַז ס'איז צײַט צו קאַלנידרע? (דערזעט יערמאקאָוון.) און ווער איז דער? איר כאָסן?
זעלדע. וואָס פאר א כאָסן? נאָר כאַסענעס ליגט איצט אין קאָפּ.
די טויבע יידענע (צו יערמאקאָוון). דו האָסט ניט קיין „שטאָט" אין שול? ניש־קאָשע, קום מיט מיר. מיט יאָמקיפּער טרײַבט מען קיין קאַטאָוועס ניט... זעלדע, צינד אָן ליכט, בענטש אָפּ, און קום גלײַך! (אָפּ.)
זעלדע. כ'האָב גאָר פארגעסן! (שטעלט אוועק אַפן טיש לײַכטער, קריגט פון ערגעץ ארויס א צעבראָכענע ליכט, באַטראַכט זי.) און ווען וועט די סאָוועטסקע וולאַסט זיך אויס־לערנען מאַכן עמעסע ליכט, אַז ס'זאָל פאר גאָט קיין ביזאָיען ניט זײַן?

גאַלינא און יערמאקאָוו לאַכן. זעלדע צעשנײַדט די ליכט אַף צוויי כאַלאַקים, שטעלט ביידע אָפּשניצלעך אַרײַן אין די לײַכטער, צינדט זיי אָן, פארטראַכט זיך.

זעלדע. כאַווער יערמאקאָוו, ווען דאַרף מען גיין?
יערמאקאָוו. מאָרגן.
זעלדע. מאָרגן. פּונקט יאָמקיפּער... און אָפּלייגן קאָן מען ניט? כאָטש אַף א מעסלעס.
יערמאקאָוו. ניין, מאַמאַשע, אומבאַדינגט מאָרגן.
זעלדע. מאָרגן. מאָרגן איז יאָמקיפּער, ס'איז א גרויסע אָווייַרע.
גאַלינא (שטיל צו יערמאקאָוון). דו קלערסט, אַז זי וועט זיך ספּראַווען?
יערמאקאָוו. בעסער דאַרף מען ניט.

פאָרהאַנג.

דריטער אקט

דאָס פערטע בילד

הארבסט. א פעלד. באַם געקרייצטן וועג שטייט אַן אַלטער הילצערנער ציילעם. בא דער זײַט — א בערגל. ניט ווײַט פונעם בערגל — א הונדערטיאָריקער דעמב. אַפן האָריזאָנט בלויט זיך א וואַלד. די זון פארגייט. אונטערן דעמב ליגן אין פארשיידענע פּאָזעס דרײַ באַנדיטן; אַפן בערגל, אײַנקוקנדיק זיך אין דער ווײַט, שטייען נאָך צוויי — איינער פון זיי טראָגט א סאָלדאַטיש שאַפּן־היטל. די גרינע לאַמפּאַסן אַף די הויזן און די אָנגענייטע בענדלעך אַפן אַרבל זאָגן איידעס, אַז דאָס איז א געוועזענער קריגסגעפאַנגענער. דער צווייטער — פּעטראָ — טראָגט א פּעטליורישע פּאַפּאַכע מיט א טונקל־רויטן דענעק, אַף די שטיוול קלינגען בא אים שפּאָרן.

סאָטניק. מע זעט קיינעם ניט?
דער קריגסגעפאַנגענער. קיינעם.
פּעטראָ. איך זע אויך קיין זאַך ניט.
סאָטניק. אַוודע. ווער עס היט זיך פאר קאַראַווײַען, און ווער — פאר די באָלשעוויקעס.
פּעטראָ. מע גייט אין ערגעץ ניט, מע קומט פון ערגעץ ניט.
סאָטניק. מיט דײַן שמאָל קעפּעלע וועסטו דאָס ניט פארשטיין.
פּעטראָ. א ראַכמאָנעס אַף דער ערד. זי פּוסטעוועט נעבעך!
סאָטניק. די ערד! סײַוויסײַ וועט זי זײַן אונדזערע! מירן פארניכטן די באָלשעוויקעס — וועלן מיר ווידער ווערן די באַלעבאַטים. (צום קריגסגעפאַנגענעם.) איי, זשידאַק — קוק און כאַפּ ניט־קיין פליגן.
דער קריגסגעפאַנגענער. איך קוק, איך קוק.
סאָטניק. צוליב וואָס האַלט עס דער אַטאַמאַן לעבן זיך א זשידאַק! נאָר א קאָמעדיע, גאָט זאָל ניט שטראָפן!
באַנדיט. א פארגעניגן א נישטער צו טאָן בא די זשידעס... א סאך גוטס פארמאָגן זיי!

(שלעפט ארויס פונעם בוזעם פארשיידענע זאכן, צווישן אנדערס א וועקזייגער.) דו האָסט אמאָל געזען? (ציט אָן דעם זייגער. עס דערהערט זיך א געקלאַנג.) וואָ! מוזיק!..

ס אַ ט נ י ק. אנו, באַווייַז נאַר.

ב אַ נ ד י ט (באַווייַזט א פייַג). אַט האָסטו.

ס אַ ט נ י ק. וועמען? מיר? (שפּרינגט אוף, רייַסט ארויס דעם וועקזייגער.)

ב אַ נ ד י ט. גיב אַפּ! דאָס איז מייַנס!

ס אַ ט נ י ק. און איצט וועט עס זייַן מייַנס.

ב אַ נ ד י ט. וואָס טוט זיך דאָ, האַ, כלאָפּצי? איינער ראַבעוועט באַם צווייטן, באַ אן אייגענעם.

ס אַ ט נ י ק. וואָס גוואַלדעוועסטו?

ב אַ נ ד י ט (צום סאַטניק). האָסט מיך באַראַבעוועט, באַנדיט!

ס אַ ט נ י ק. וואָס? ווער איז א באַנדיט, איך?

פ ע ט ר אַ. געפונען פארוואָס זיך קריגן, א שטיקל טינעף. אַט פארן פעלץ וואָלט איך אליין.

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. סאַראַ קעלט, עס גייט צו ווינטער.

ס אַ ט נ י ק. נאָך איין שלימאַזל האָט זיך אַרייַנגעמישט. סימאָן פּעטליורע וועט אינגיכן אייַנעמען גאַנץ אוקראַינע, — דעמלט וועט שוין אייַך, די זשידיקעס, זייַן קאַלט און וואַרעם!

ב אַ נ ד י ט. ביז עפּעס וואָס וועלן מיר נאָך כאַפּן א גוטן ציטער.

ס אַ ט נ י ק. אַזוי! הייסט עס, אז דעם הויפּט־אַטאַמאַן גלייבסטו אויך ניט! עפּשער איז ער אויך א באַנדיט? כלאָפּצי, אנו, נעמט אים נאַר!

ב אַ נ ד י ט (דערשראָקן). פאַן סאַטניק! פארוואָס?

צוויי יונגעען כאַפּן דעם באַנדיט, יענער לאָזט זיך ניט נעמען.

ס אַ ט נ י ק. צום אַטאַמאַן, צום אַטאַמאַן פירט אים.

ב אַ נ ד י ט. האָב ראַכמאָנעס, פאַן סאַטניק!

מע פירט אים אוועק.

ס אַ ט נ י ק (גייט נאָך). ביטע, ביטע זייער...

פ ע ט ר אַ (נאָך א פּאַוזע). ביטע זייער, און כאַפּט פאַר די...

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. און דיר איז א שאַד? האָסט ראַכמאָנעס אָף אים?

פ ע ט ר אַ. אז ווי איז צו דער סטאַדע, ווען דער פּאַסטעך איז א וואָלף...

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. וועגן וועמען רעדסטו דאָס?

פ ע ט ר אַ. יענעם קריגסגעפאַנגענעם האָט מען געהארגעט, דעם האָט מען אוועקגעשלעפּט...

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. איצט פארשטייסטו שוין, צו וועמען דו ביסט אַרייַנגעפאַלן? וואָס קלערסטו טאָן ווייַטער?

פ ע ט ר אַ. טוט אייַך ווי איר ווילט, און איך וועל שוין אליין מייַן שטעטל באַשטיין.

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. דו שפּילסט זיך אין באַהעלטערלעך? דו ווילסט טאָן, ווי פאַנאַס — איינער אליין אנטלויפן... איך האָב דיר שוין געזאָגט, פּעטראַ, מע דאַרף אלע צוזאַמען. מיר זייַנען שטאַרקער, מיט אונדז איז דאָס פאָלק...

פ ע ט ר אַ. ווידער אגיטאַציע?

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. וואָס דאַרף מען דיך אגיטירן? דו פארשטייסט אליין, אלץ פארשטייסטו איצט אליין. א פאַרפוילטן בוים דאַרף מען אויסקאָרטשעווען און ניט אונטערזעגן.

פ ע ט ר אַ. באַ אונדז אין דאָרף זאָגן די זקיינים אויך אַזוי.

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. און נאָך זאָגט מען, אז איין האָלעוועשקע ווערט פארלאָשן אין אויוון, און צוויי ברענען אפילע אין פעלד.

פ ע ט ר אַ. ריכטיק זאָגסטו, נאַר איך גלייב דיר ניט. פארוואָס, זאָג מיר, טשעפּעט דיך ניט דער אַטאַמאַן?

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. דאָס פרעג באַ אים.

פ ע ט ר אַ. צוליב וואָס דאַרף ער דיך?

ק ר י ג ס ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר. דיך דאַרף ער אויך. אז מענטשן זאָלן מיינען, אז ער שטעלט זיך אייַן פאַר די אָרעמע. ער איז א כיטרע, דער אַטאַמאַן.

פ ע ט ר אַ. וועל איך דיר, בראָדערקע, זאָגן, אז דעם מוזשיק איז ניט אַזוי גרינג איבער־צוכיטרעווען...

פונוויַטנס באַווייַזט זיך קאַראַוויי.

קריגסגעפאנגענער. **דער אטאמאן!**

עס קומט צו קאראווײַ. ער איז אָנגעטאָן אין א ווארעמער בעקעשע.

קאראווײַ. **ווי גייט עס, כלאָפּצי?**

פעטרא (ווײַזנדיק אפן קריגסגעפאנגענעם). **ער זאָגט, אז...**

קאראווײַ. **וואָס זאָגט ער?**

קריגסגעפאנגענער. **איך זאָג, אז ראפּאָפּאָרט וועט ניט קומען.** (קוקט אין דער ווײַט).

קאראווײַ. **זאָל ער נאָר פּרווון מיך אָפּנארן, אָט דער פאַרהאַסטער זשיד.**

קריגסגעפאנגענער. **אומזיסט בייזערט איר זיך.**

קאראווײַ. **אײַ, דו, מער זאָל איך קיין באמערקונגען פון דיר ניט הערן. דו מיינסט, אז איך דארף א סאך? א שפּײַ און פארטיק. שוין באלד דרײַ וואכן, ווי דו לאַדערסט בא מיר.**

קריגסגעפאנגענער. **א דאנק דיר, באטקאָ! כ׳וועל דאָס קיינמאָל ניט פארגעסן.**

קאראווײַ. **און טאָמער וועסטו עפּעס פארטראכטן, איז געדענק, אז פון קאראווײַען אנטלויפט מען ניט, פון קאראווײַען טראָגט מען אוועק.**

פעטרא. **מיר ווייסן עס, באטקאָ...**

קריגסגעפאנגענער (קוקט אין דער ווײַט). **מיר איז דען שלעכט בא דיר, צוליב וואָס זאָל איך לויפן?**

קאראווײַ. **אזוי רעד זשע. טאָמער עפּעס, וועל איך דיך אופהענגען אף א צווײַג, ווי אָט יענעם, וואָס האָט דאָ בעלעבעטשעט וועגן הויפּט־אטאמאן.**

פעטראָ. **אופגעהאנגען?**

קריגסגעפאנגענער. **מע גייט, דוכט זיך.**

קאראווײַ (קוקט זיך אײַן). **ריכטיק.**

עס באווײַזן זיך צוויי פרויען. אין די הענט טראָגן זיי די טשעמאָדאנעס, מיט וועלכע בעספּאָלי איז נעכטן געקומען צו זעלדען; נאָך די פרויען שלעפּט זיך וואראָבייטשיק מיט א קוישל אין די הענט. ווי נאָר זיי באווײַזן זיך, טוט קאראווײַ א דורכדרינגלעכן פײַף. פון הינטערן בערגל באווײַזן זיך עטלעכע באנדיטן, רינגלען ארום די געקומענע און פירן זיי צו צו קאראווײַען.

קאראווײַ (שטרענג). **ווער זײַט איר עס?**

1־טע פרוי (דערשראָקן). **מיר... מיר... מיר זײַנען קיינער ניט.**

קאראווײַ. **איך פרעג, ווער איר זײַט!**

2־טע פרוי. **מיר זײַנען פראוואָסלאווע...**

קאראווײַ (ווײַזט אף וואראָבייטשיקן). **און דער ווער איז?**

וואראָבייטשיק. **מיר גייען אהין... אָט אהין.**

1־טע פרוי (צו קאראווײַען). **און ווער זײַט איר?**

קאראווײַ (שטרענג). **קאראווײַ האָט ניט ליב, אז מע פארגיט אים פראגעס.**

וואראָבייטשיק. **קאראווײַ... אָט יענער קאראווײַ.**

קאראווײַ (טוט אים א זעץ מיט א פויסט). **פארוואָס האָסטו אזוי מוירע פאר קאראַ־ווײַען?** (שרײַט.) **געגאַן זאָל זײַן, אָבער לעבעדיקער!**

די פרויען נעמען די טשעמאָדאנעס, וואראָבייטשיק — זײַן קוישל. אלע גייען אוועק אונטער דער קאָמאנדע פון קאראווײַען און זײַנע באנדיטן. עס דערטראָגן זיך קלאנגען פון צאָקענדיקע טלאָען. ס׳איז שטיל. פונדערווײַטנס דערטראָגן זיך קלאנגען פון א לירע. עס באווײַזט זיך א בלינדער בעטלער, וועלכן עס פירט אן אלטיטשקע.

די אלטע. **כאָוער יערמאקאָוו, עפּשער וואָלטן מיר זיך צוגעזעצט?**

דער בעטלער (שטרענג). **ניט כאָוער און ניט יערמאקאָוו. האָסט פארגעסן?**

די אלטע. **ארויסגעשפּרונגען פונעם קאָפּ, ווי איך וואָלט פארלוירן דעם זינען.** (שטעלט זיך אָפּ.) **די פיס טראָגן שוין ניט...**

דער בעטלער. **טאקע א כידעש! דעם גאנצן טאָג קיין ביסן ניט געהאט אין מויל.**

ביידע זעצן זיך אונטערן דעמב. יערמאקאָוו נעמט ארויס פון זײַן טאָרבע א שטיקל ברויט, דערלאַנגט דער אלטער.

די אלטע (שטויסט אָפּ זײַן האנט מיטן ברויט). **איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אז הײַנט טאָר איך ניט עסן.**

דער בעטלער. **פארוואָס?**

די אלטע. היינט איז בא אונדז, יידן, אזא טאָג, יאָמקיפּער. היינט מישפּעט גאָט יעדערן באַזונדער, דעריבער פאַסטן מיר.

דער בעטלער. ע־ע, מאַמאַשע, מאַמאַשע. דו האָסט זיך געלאָזט אין אַזאַ געפערלעכן וועג און אַלץ צוליב דעם, ס'זאָל זיין גוט דעם מענטשן, און טראַכטן .טראַכסטו גאָר וועגן גאָט.

די אלטע. וואָס קאָן עס שאַטן? אויב ס'איז יאָ פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, וועט ער זיך איינשטעלן פאַר מיר. (פּאַוזע.) אַך, ווי גוט!

דער בעטלער (קייט אַ שטיקל ברויט). וואָס האָסטו דאָרט אַזויפיל דערזען?

די אלטע. די זון פאַרגייט. אַמאָל, נאָך ביז דער רעוואָליוציע, נאָך ביז דעמלט, ווען איך בין געוואָרן אַ בעזשענקע, האָב איך פאַרקויפט ברויט אויפן מאַרק. מישטיינסגעזאָגט, אַ הענדלערן מיט איין לעבל ברויט. דאָס איז געווען מיין גאַנץ פאַרמעגן. דו שטייסט אַ גאַנצן טאָג, קיין ברויט קויפט קיינער ניט, עס טרעפט, אַז אַ גאַנצן טאָג האָסטו אַפילו קיין פּאַטשאַ־טעק ניט געמאַכט. דאָס לעבן פלעג איך זיך פאַרשעלטן. (קוקט פון אונטער דער דלאָניע אויף דער פאַרגייענדיקער זון.) אַך, ווי זי גליט עס, אַ שיינקייט צו קוקן! און דאָרט... (ציַיגט מיט אַ פינגער אין הימל.) האָט גאָט שוין מינאַסטאַם פאַרשריבן יעדערן זיין מאַזל. (פּאַוזע.)

דער בעטלער (דרימפּלט אויף די סטרונעס). דו קוקסט אַלץ אויפן הימל. דו טו בעסער אַ קוק אויף דער ערד — די פעלדער פּוסטעווען, קיין לעבעדיקן נעפעש זעט מען ניט.

פון אונטערן בערגל הערט זיך קאַראַוויַיס קאָל.

קאַראַוויַי. אַנו, טו נאָר נאָכאַמאָל אַ קוק!

אויפן בערגל באַוויַיזט זיך דער קריגסגעפאַנגענער. באַמערקט מענטשן אונטערן דעמב, גאַנוועט ער זיך אונטער צו זיי. די אלטע און דער בעטלער שפּרינגען אויף פון דער ערד.

די אלטע (דערשטוינט). לייזער... קינד מיַינס!

אויפן בערגל באַוויַיזט זיך קאַראַוויַי.

קריגסגעפאַנגענער (שעפּטשענדיק). מיר קענען איינס דעם צווייטן ניט...

קאַראַוויַי. ווער איז עס דאָרט?

דער בעטלער (שעפּטשעט דער אלטער). דו ביסט אַ טויבשטומע — פאַרגעס ניט.

די אלטע לאָזט ניט אַראָפּ דעם בליק פונעם זון.

קאַראַוויַי. איי, אלטע פּעל, וואָס וואַרפט עס דיך, ווי אין אַ קאַדאַכעס?

דער בעטלער. מענטשן גוטע, טשעפּעט זי ניט, זי האָט דאָס פּאַליקע, זי קאָן נאָך אונדז...

קאַראַוויַי. פונוואַנען שלעפט איר זיך עס?

דער בעטלער. דו רעד צו מיר, צו מיר. זי איז אַ טויבע און אַ שטומע.

קאַראַוויַי (זעצט זיך אונטערן דעמב, טוט אַ צופּ דעם בעטלער פאַר דער פּאָלע). וואָס שטייסטו, ווי אַ סטויפּ?

דער אלטער זעצט זיך צו. וויַיטער אַ ביסל זעצט זיך אויך צו דער קריגסגעפאַנגענער. לעבן אים לאָזט זיך אַראָפּ די אלטע.

קאַראַוויַי. פונוואַנען גייסטו עס?

דער בעטלער. מיר גייען פון שטאָט אין דאָרף און פונעם דאָרף אין שטאָט.

קאַראַוויַי. און דער אוילעם וואָס זאָגט, וואָס פאַרא נייַסן גייען אַרום אין פאָלק?

דער בעטלער. פינף פינגער פאַרמאָגט די האַנט — און איינער איז ניט ענלעך אויפן אַנדערן.

קאַראַוויַי. דו דריי מיר ניט קיין היטל...

דער בעטלער. איך זאָג, אַז מענטשן זיינען, ווי די פינגער אויף די הענט — ניט אַלע זיינען די זעלבע. איינע האָפן אויף גאָט און אויף קאַראַוויַיען, די אַנדערע האָבן זיך פאַרקויפט דעם אַנטיכריסט. (געגעצט, ציילעמט דאָס מויל.) מע דאַרף שוין גיין.

קאַראַוויַי. זיץ. (צום קריגסגעפאַנגענעם.) און דו, וואָס האָסטו זיך איַינגעקאָרטשעט?

קריגסגעפאַנגענער. אַ צאָן טוט וויי.

קאַראַוויַי (נעמט אַרויס פונעם בוזעם אַ סאָלדאַטישע פּליאַגע און דערלאַנגט זי אים). נאַ, טו אַ טרונק, ס'איז ריינער סאַמאָהאָן.

דער קריגסגעפאַנגענער טרינקט, שווענקט דאָס מויל; די אלטע קוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן.

קאַראַוויַ (לאַכט). וואָס קוקסטו אַף אים אַזוי?

דער בעטלער. פאַר אַ טראָפּן בראַנפן איז זי גרייט מיך איבערלאָזן אינמיטן פעלד.

קאַראַוויַ (צום בעטלער). הייסט עס, אַז דו בלאָנקעסט אַזוי אַרום?

דער בעטלער. איך בלאָנקע איבער וועגן־אומוועגן...

קאַראַוויַ. עך, רוסלאַנד, רוסלאַנד... ביסט געווען אַ בעטלערן, און אַ בעטלערן וועסטו פאַרבלייַבן... (צום קריגסגעפאַנגענעם.) נו, מירן גיין. קיינער וועט, ווייַזט אויס, ניט קומען... (לאָזט זיך גיין.)

קריגסגעפאַנגענער. באַטקאָ! דערלויב דאָ אַ זוך טאָן, עפּשער...

קאַראַוויַ. טו אַ טאַפּ, אויב דיר גלוסט זיך. (לאַכט.) אָבער שנעלער. (אָפּ).

קריגסגעפאַנגענער (טוט זיך אַ וואָרף צום בעטלער, באַזוכט אים און שעפּטשעט דערבייַ). איך ווייס, איך פאַרשטיי. ווען וועסטו זיך זען מיט גאַלינען? (דער בעטלער שטייט רויק און פינטלט מיט די בלינדע אויגן.) די הערסט, לויף גיכער אין שטאָט... גיב איבער, מע זאָל אייַנשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט מיר. (דער בעטלער שטייט אַלץ אין דער זעלבער פּאָזע. די אַלטע הייבט זיך אויף פון דער ערד.) איך טו אַלץ, וואָס איך קאָן נאָר, איך בין אַליין, ווי אין געפאַנגענשאַפט.

קאַראַוויַ (באַווייַזט זיך אַפן בערגל). וואָס פאַרקעסטו זיך אַזוי לאַנג?

קריגסגעפאַנגענער (פון צווישן די ציין צו דער אַלטער). קיינעם קיין וואָרט ניט. האָסט פאַרשטאַנען? (לויפט אַוועק. פאַרשווינדט צוזאַמען מיט קאַראַוויַען.)

די אַלטע פאַלט כאַלאַשעס. דער בעטלער כאַפּט זי אונטער.

פאָרהאַנג.

דאָס פינפטע בילד

באַ קאַראַוויַען אין שטאַב. אַ פעלד־בייַדל אין הארבסטיקן וואַלד. אַ טיש, בענקלעך. אַ לאָמפּ. אין אַ ווינקל שטייען די טשעמאָדאַנעס פון די פאַרהאַלטענע פרויען. קאַראַוויַ איז מעכאַבעד די פרויען. ער איז פאַרפּוצט אין דער פאָרם פון אַ פעטליורישן אָפיצער.

קאַראַוויַ. און איצט, טייַערע געסט, דערציילט, וווהין איר קלייַבט זיך גיין.

1־טע פרוי (כיינדלט זיך). טייַערע געסט.

2־טע פרוי. מיר האָבן דאָך אייַך, פאַן אַטאַמאַן, דערקלערט, אַז מיר זייַנען געגאַנגען צו דער גרענעץ. איבערפּעקלען אונדז האָט געדאַרפט איינער אַ ראַפּאַפּאָרט.

קאַראַוויַ. ראַפּאַפּאָרט? ראַפּאַפּאָרטן קען איך.

עס קומט אַרייַן דער קריגסגעפאַנגענער.

קריגסגעפאַנגענער. באַטקאָ...

קאַראַוויַ. שטער ניט!

דער קריגסגעפאַנגענער גייט אַוועק.

קאַראַוויַ. אַ ייִד...

ביידע פרויען. אַ זשיד...

קאַראַוויַ. עס זייַנען פאַראַן ייִדן, און עס זייַנען פאַראַן זשידעס... אָן קיין בלוט איז אַ מילכאָמע קיין מילכאָמע ניט. איר פאַרשטייט? עס זייַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס שטעכן פעטליורען די אויגן: „פּאָגראָמען, שרייַען זיי, אומשולדיקע קאָרבאָנעס". ס'האָט קיין גראָשן ניט די ווערט! מיר האָבן אונדזערע ייִדן... אונדזערער אַ מיניסטער אַפילע איז אַ ייִד! דאָס איז אַ באַווייַז פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז קיין פּאָגראָמען מאַכן מיר ניט. כאַשעווע און ערלעכע ייִדן פאַרניכטן אַליין...

1־טע פרוי (באַגייַסטערט). די רויטהויטיקע!

קאַראַוויַ. גאָר אייַנגיכן וועט קומען אַ סאָף צו די סאָוודעפּן!

2־טע פרוי. אייַנגיכן?

קאַראַוויַ. זייַט זיכער. איך גיב אייַך דאָס וואָרט פון אַן אָפיצער און אַ רוסישן אַדלמאַן.

1־טע פרוי. סאַראַ גליק, ווי אונדז האָט עס אָפּגעגליקט! ווען מיר וואָלטן געוווסט, אַז מיר וועלן אַנטרעפן אַף אייַך, וואָלטן מיר דען ראַפּאַפּאָרטן געגעבן כאָטש איין גאָלדענעם רובל.

ק א ר א ו ו ײַ. מיט גאָלד האָט איר אים געצאָלט? (בײדע פּרויען מורמלען עפּעס.) שעמט זיך ניט... ווו געפינט זיך בא אײַך דאָס גאָלד? (די פרויען שווײַגן.) וואָס זשע, איר ווילט, איך זאָל אַליין זוכן?

ב ײ ד ע פ ר ו י ע ן. מיר... דאָרט... בא אונדז...

ק א ר א ו ו ײַ (מיט רוגזע). כ'פאַרשטײ! פאַר די באָלשעוויקעס באַהאַלט איר דאָס גאָלד... כ'וועל צעשיסן...

1־טע פ ר ו י. מיר האָבן אָפּגעגעבן אַלץ.

ק א ר א ו ו ײַ (צעעפנט די טשעמאָדאַנעס). איך בעט אײַך מיט גוטן...

2־טע פ ר ו י. ווי גאָט איז ליב. (ציילעמט זיך.)

ק א ר א ו ו ײַ (נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער פון דער קאָבורע). נו, וואָס זשע האָט איר באַשלאָסן?!

ב ײ ד ע פ ר ו י ע ן. פאַן אַטאַמאַן!

זײ צעלאָזן די האָר און באַקומען פון דאָרט אַרויס גאָלדענע מאַטבייעס.

ק א ר א ו ו ײַ (שויבערט די האָר בא די פרויען. עס פאַלן פון דאָרט אַרויס נאָך עטלעכע פאַקעטלעך. ער קלײַבט זײ צונויף. ער איז שטאַרק צופרידן). נו, איצט וועלן מיר זיך אײַנערבעטן. נו, נו, מע דאַרף זיך ניט באַליידיקן, מײַנע ליבע געסט. (ציט אויס בײדע הענט צו זײ.) קאַראַווײַ האָט ליב גאָלד, איר האָט ליב אויסלאַנד...

1־טע פ ר ו י. וואָס זשע וועלן מיר איצט טאָן?

ק א ר א ו ו ײַ (פריילעך). איר פאָרט דאָך קיין אויסלאַנד... און דאָרט וועט איר פאַרדינען. (לאַכט.) פאַר אַ פרוי איז דאָס ניט שווער.

הינטערן בײַדל דערהערט זיך אַ פּײַפערײַ, אַ טומל, שיקערע אויסגעשרייען. קאַראַווײַ גייט צו צו דער טיר.

ק א ר א ו ו ײַ. וואָס איז דאָרט פאַר אַ טומל?

ק ר י ג ס ג ע פ א נ ג ע נ ע ר (קומט אַרײַן). אָט ערשט האָט אונדזער וואַך געבראַכט נאָך איין פרוי... פאַרהאַלטן זי אין פעלד. זעט אויס אַ דאָרפישע. די כלאָפּצעס אונדזערע ווילן זי...

ק א ר א ו ו ײַ. ביסט מעקאַנע?

ק ר י ג ס ג ע פ א נ ג ע נ ע ר. און פאַרוואָס ניט? פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען זיך אָבער דערוויסן, וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּילפייגעלע... און דעם יִדלעק דאַרף מען אויך אַ טאַפּ טאָן.

ק א ר א ו ו ײַ. וואָס עמעס, איז עמעס. דו וועסט אים טאַקע נעמען אָפּן פאַרהער. (שרײַט פון דער טיר אַרויס.) איי, אָדלערס! נעמען זי אונטער דער וואַך, און אַהער גלײַך אַרײַנפירן דעם פאַרהאַלטענעם... (צו די פרויען.) איר קאָנט זיך דורכשפּאַצירן, אָבער ווײַט אַוועקגיין ראַט איך אײַך ניט. מײַנע אָגערלעך... (לאַכט.)

א באַנדיט פירט אַרײַן וואָראָבייטשיקן. בא דער שוועל נעמט וואָראָבייטשיק אַראָפּ די קאַלאָשן. ער קוקט מיט געבעט אַף די פרויען. דער באַנדיט טוט אים אַ נערעק מיטן פוס. וואָראָבייטשיק פאַלט אום. די פרויען פאַרלאָזן דאָס בײַדל.

ב א נ ד י ט. וואָס קוקסטו?

ק א ר א ו ו ײַ (טוט אַ טאָרע וואָראָבייטשיקן מיטן נעזל פונעם שטיוול). ביסט אַ באָלשעוויק?

וואָראָבייטשיק שטעלט זיך אַף די קני.

ק ר י ג ס ג ע פ א נ ג ע נ ע ר (שטרענג צו וואָראָבייטשיקן). וואָס שווײַגסטו?

ו ו א ָ ר א ָ ב ײ ט ש י ק. גאָט זאָל אויסהיטן, בלויז איין מאָל האָב איך געהאַט מיט זײ אייסקים.

ק א ר א ו ו ײַ (קרימט אים איבער). „בלויז איין מאָל”... מיר קענען אײַך, די קאָמיסאַרן!

ו ו א ָ ר א ָ ב ײ ט ש י ק. וואָס רעדט איר! איך בין געגאַנגען צו זײ בעטן פאַר אַ געוויסן פאַרשוין, ראַפּאָפּאָרט איז זײַן נאָמען.

ק א ר א ו ו ײַ. דו, וואַנץ! וואָס פאַר אַ שײַכעס האָסטו עס צו ראַפּאָפּאָרטן? אופשטיין!

ו ו א ָ ר א ָ ב ײ ט ש י ק. ווען מ'האָט אים צוגענומען, בין איך געגאַנגען...

ק א ר א ו ו ײַ. אופשטיין! (וואָראָבייטשיק שטייט אויף.) וואָס האָסטו געזאָגט?

וואָראָבייטשיק שאָקלט מיטן קאָפּ.

ק ר י ג ס ג ע פ א נ ג ע נ ע ר. ראַפּאָפּאָרט איז אַרעסטירט?

וואָראָבייטשיק שאָקלט מיטן קאָפּ.

קאַראַווײַ. אויסוואָרפן! אַזאַ מענטשן! פאַר אים איינעם וועל איך דאָס גאַנצע שטעטל פאַרברענען! מערזאַווצעס! (ער באַרוּיקט זיך אַ ביסל.) דערציילן!

וואָראָבייטשיק. ער זיצט. און דעריקער ווו? אין קעלער פון זײַן אייגן הויז. דאָרט, ווו עס באַלעבאַטעוועט איצט די באָלשעוויטשקע גאַלינאַ אַנטאָנעונקאָ.

קריגסגעפאַנגענער (גלײַכגילטיק). און ווער איז זי, אָט די גאַלינאַ אַנטאָנעונקאָ?

קאַראַווײַ. האָסט דען ניט געהערט? די אָנפירערן זייערע, דער קאָפּ.

קריגסגעפאַנגענער. דו קענסט זי, באַטקאָ?

קאַראַווײַ. כ'האָב ניט געהאַט די זכיה! נאָר זי וועט אײַנגיכן מיך דערקענען, לאָמיר זיך נאָר דערקלײַבן צו דער שטאָט.

הינטער דער פּאַלאַטקע הערט זיך אַ געלעכטער פון מאַנצבלען און אַ קוויטשערײַ פון פרויען.

קאַראַווײַ (פון דער טיר אַרויס). אַדלערס, נאָר ניט באַלעווען זיך! (ער באַמערקט וואָראָבייטשיקס קאָלאָשן, באַטראַכט זיי.) וואָס איז עס אַזוינס?! אַ באָלשעוויסטישן פּאַראָל פירסטו קיין אויסלאַנד! (דערלאַנגט אים אַ זעץ.)

קריגסגעפאַנגענער (לאַכט). דאָס זײַנען ייִדישע אויסיעס.

וואָראָבייטשיק (מיט אַ פאַרקרימטער צורע, אָבער מיט שטאָלץ). ניט קיין ייִדישע, נאָר העברעיִשע. (צום קריגסגעפאַנגענעם.) און איר זײַט מינאַסטאַם אָט יענער ייִד?

קאַראַווײַ. וועלכער יענער?

וואָראָבייטשיק. אין שטאָט האָט מען בײַ אונדז אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז צווישן די באַנ... (פאַרכאַפּט זיך.) כ'האָב געוואָלט זאָגן, אַז אין אײַער אַרמיי געפינט זיך אַ ייִד...

קאַראַווײַ (צופרידן). עס גייען אַרום אַזעלכע קלאַנגען? דאָס איז גוט! (עס הערט זיך ווידער אַ קוויטש פון פרויען. קאַראַווײַ לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג.) מײַנע אָגערס קאָנען זיך ניט אײַנהאַלטן.

קריגסגעפאַנגענער. דו גייסט אַוועק, באַטקאָ?

קאַראַווײַ (פילדײַטיק). מע דאַרף נאָכאַמאָל אַ טאַפּ טאָן די דאַמעטשקעס, און דו וועסט זיך נעמען צו דער דאָרפישער, באַלד ווי דו וועסט מיט אים מאַכן אַ סאָף. (ער טוט אָן דעם בעקעש, פאַרלאָזט דאָס בײַדל.)

קריגסגעפאַנגענער. ביסט אַ לערער?

וואָראָבייטשיק. אַ לערער פון דער העברעיִשער שפּראַך.

קריגסגעפאַנגענער. און דו אַנטלויפסט פון די באָלשעוויקעס?

וואָראָבייטשיק. כ'אַנטלויף, זיי אַנערקענען קיינעם ניט, ניט קיין גאָט, ניט קיין באַלעבאָס און ניט די הייליקע ערד. און איך בין אַ מענטש...

קריגסגעפאַנגענער (שלאָגט אים איבער). זאָג מיר, ביטע, גאַלינאַ אַנטאָנעונקאָ האָט אַ מאַן?

וואָראָבייטשיק. צו וואָס דאַרף זי אַ מאַן? זי איז דאָך דער הויפּט־קאָמאַנדיר... און לעבן לעבט זי, ס'איז גאָר אַ געלעכטער צו זאָגן, אין אַ צימערל צוזאַמען מיט עפּעס אַן אַלטער...

קריגסגעפאַנגענער. און ווער איז עס די אַלטע?

וואָראָבייטשיק. איך ווייס. אַן אָרעמע ייִדענע. זעלדע שאַפּראַן.

קריגסגעפאַנגענער. און וואָס פאַר אַ מעכוטן איז מיט איר אַנטאָנעונקאָ?

וואָראָבייטשיק. ווער קאָן דאָס וויסן? עפּעס אַ געשיכטע מיט דער אַלטערס זון. אויך, מינאַסטאַם, אַ גוטער אויסוואָרף — אַ באָלשעוויק.

קריגסגעפאַנגענער (שרײַט פון דער טיר אַרויס). דעזשורנע, דער באַטקאָ איז דאָ?

דאָס קאָל פון דעזשורנע. שפּאַצירט מיט די מאַמזעלן...

קריגסגעפאַנגענער (צו זיך). הייסט עס, אויף לאַנג. (אויף אַ קאָל.) דעזשורנע! (עס קומט אַרײַן דער דעזשורנע.) פיר אים אָפּ! האַלטן אונטער אַ שטרענגער וואַך אין ערד־שטיבל. ברענגען די פאַרהאַלטענע!

דעזשורנע. דאָס קאָן מען. (פירט אַוועק וואָראָבייטשיקן)

פּאַוזע. פון אַ שטאַרקן שטויס אין דער פּלייצע פאַלט אַרײַן אין בײַדל גאַלינאַ. נאָך איר באַווײַזט זיך דער דעזשורנע. די אויגן זײַנען בײַ איר איבערגעבונדן מיט אַ טיכל.

קריגסגעפאַנגענער. קיינעם אַהער ניט אַרײַנלאָזן! האָסט פאַרשטאַנען?

דעזשורנע (קוקט אויף גאַלינען. שמייכלט). פאַרשטאַנען... (גייט פאַמעלעכן אַרויס.)

קריגסגעפאנגענער. ריר זיך! (צו גאַלינען שטרענג.) ווער ביסטו דאָס?.. א באַל־שעוויטשקע! ענטפער, אז מע פרעגט דיך.

דער דעזשורנע גייט ארויס. דער קריגסגעפאנגענער רײַסט אראָפּ באַ איר דאָס בענדל פון די אויגן. גאַלינא בלײַבט שטיין דערשטוינט, קוקט אָף אים. דער קריגסגעפאנגענער קוקט ארויס פון דעם בײַדל, וועגדט זיך שעפּטשענדיק צו גאַלינען.

קריגסגעפאנגענער. דערקענסט מיך ניט? (גייט צו צו איר נאָענט, וויל זי ארומנע־מען.) גאַלינא! (גאַלינא הייבט אוף די האנט — גרייט אים א פאטש טאָן. ער כאַפּט זי פאַר דער בלוזקע, רײַסט אראָפּ א לאַץ, שרײַט.) לייג ארויס דײַנע דאָקומענטן, זאַראַזאַ! (גאַלינא רײַסט זיך ארויס, נעמט ארויס פון בוזעם עפּעס א פּאַפּירל און ווארפט עס אים צו די פיס. ער כאַפּט דאָס פּאַפּירל און לייענט שעפּטשענדיק.) „דאַריא פּאַנאַסיוק... פונעם דאָרף קאַמענקי... גייט אין שטאָט ארײַן”... (פּילדײַטיק.) כ׳פּאַרשטיי... (שרײַט.) וויפל מאָל דאַרף מען דיר זאָגן!

גאַלינא (שטאָלץ). נאַ, זוך, באַנדיט!

קריגסגעפאנגענער (דראָענדיק). הייסט עס, ניט! (באַקומט ארויס פון דער קע־שענע שוועבעלעך, פאַרברענט דעם דאָקומענט, צעטרײַבט דעם אַש.) איך בין צופוס פונעם פליען געגאַנגען... צופוס... געלאָפן...

גאַלינא (מיט קאַס, פון צווישן די ציין). געלאָפן, און וווהין געקומען?

קריגסגעפאנגענער (שרײַט). דו מאַכסט זיך פאַר א טאָם! (שושקענדיק.) הער מיך אויס. (גאַלינא שווײַגט.) אין דרײַ־פיר טעג ארום וועט די באַנדע אַנפאַלן אַפן שטעטל. (גאַלינא רעאַגירט ניט.) פון דרײַ זײַטן — פון דער גרענעץ, פונעם וואַלד און פונעם זײַטיקן וועג... (שרײַט.) וועסט ריידן צי ניט?!

גאַלינא (שטיל, רויק). איר האָט מוירע פאַר אן אָפענער שלאַכט. ווי כײַעס גאַנוועט איר זיך אונטער.

קריגסגעפאנגענער (שעפּטשענדיק). די ערשטע וועלן גיין די טיילן, וועלכע ס׳וועט ספּעציעל צושיקן פּעטליורע אליין.

גאַלינא (מיט איראָניע). פּעטליורע אליין... וואַזשנע!

קריגסגעפאנגענער. איך וועל קאָמאַנדעווען מיט א סאָטניע.

גאַלינא. א יעניראַל מיט לאַמפּאַסן!..

קריגסגעפאנגענער. כ׳האָב געגומען אף זיך די קאָמאַנדשאַפט, קעדיי איבערגעבן זיך צוזאַמען מיט דער טייל אין אײַערע הענט.

גאַלינא. עס גייט צו ווינטער... גרייטסט פאַר זיך א וועג אף אָפּצוטרעטן. ס׳וועט זיך אָבער ניט אײַנגעבן, אומזיסט...

קריגסגעפאנגענער. פונעם ערשטן טאָג זוך איך א מעגלעכקײַט איבערצוגעבן אין אײַערע הענט קאַראַווײַען.

גאַלינא. דו ווייסט, ווער עס גלייבט אפן וואָרט?

קריגסגעפאנגענער (כאַפּט א קוק דורך דער טיר. צו גאַלינען). איינמאָל האָב איך געקלערט, אז דאָס וועט מיר געלינגען צו מאַכן דורך איינעם א פּויער, פּאַנאַס הייסט ער, נאָר ער האָט זיך ניט געלאָזט אײַנריידן... דעמלט האָבן מיר באַשלאָסן...

גאַלינא. ווער איז דאָס דער מיר?

קריגסגעפאנגענער. איך און נאָך איין קריגסגעפאנגענער. מיר זײַנען צוזאַמען אנטלאָפן פונעם פּליען, צוזאַמען ארײַנגעפאַלן צו די באַנדיטן, און ביידע האָבן מיר אָפּגערעדט העלפן אונדזער מאַכט.

גאַלינא (פּאַרביטערט). און איר זײַט געבליבן באַ די רייד?

קריגסגעפאנגענער (אין דער טיר ארײַן). איי, זאָג נאָר, דער באַטקאָ האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט?

די שטים פונעם דעזשורנע: „עפּעס זעט מען אים ניט”.

קריגסגעפאנגענער. וועסט א געשריי טאָן, ווען ער וועט קומען. (צו גאַלינען.) דו הער... מיר האָבן באַשלאָסן, אז איינער פון אונדז זאָל אנטלויפן און איבערגעבן אלע גע־היימע יעדיעס דיר, נאָר ס׳איז אונדז ניט געלונגען. (גאַלינא קוקט אף אים און וואַרט.) מ׳האָט אים געכאַפּט און דערהאַרגעט. צו זײַן קערפּער האָט קאַראַווײַ מיט די אייגענע הענט צוגע־שפּיליעט א צעטעלע — „פאַר פאַראַטן פּעטליורען”.

גאַלינא. דער כאַוער האָט אים ארויסגעגעבן, פאַראַטן?

קריגסגעפאנגענער (שרײַט). זאָלסט זיך ניט דערוועגן אַזוי צו ריידן!
גאלינא. שטילער... פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן און ניט דו?
קריגסגעפאנגענער. מיר האָבן געוואָרפן גורל... טויטע קאָנען אויך זײַן אייִדעס.
גאלינא. טויטע?
קריגסגעפאנגענער (שעפּטשענדיק). אונטער די לאַמפּאַסן פונעם געהאַרגעטן זײַנען אײַנגענייט אַלע יעדיִעס וועגן דער באַנדע... געפינט דעם קערפּער, וועט איר זיך איבערצײַגן... דו מיינסט, אַז מיר איז דאָ גרינג?
גאלינא. ווי־אַזוי קומסטו אַהער?
קריגסגעפאנגענער. פיר יאָר האָב איך זיך געמאַטערט אין געפאַנגענשאַפט. כ'האָב שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אַנטלאָפן.
גאלינא. און געקומען צו לויפן צו קאַראַווײַען?
קריגסגעפאנגענער. זיבן כאָדאָשים האָב איך זיך דורכגעשלאָגן דעם וועג אַהיים און אַף אונדזער גרענעץ אַרײַנגעפאַלן אין די לאַפּעס פון קאַראַווײַען. „מיר, — האָט ער געמאָלדן — זײַנען דער סאָוועטישער גרענעץ־פּאָסט".
גאלינא. דערציילן!..
קריגסגעפאנגענער. כ'האָב דאָרט געטראָפן מענטשן מיט פּאַפּאַכעס, אין זשופּאַנעס, שאַראָוואַרעס, אַזעלכס האָב איך ביז דעמלט קיינמאָל ניט געזען. גאָר גיך האָב איך פאַרשטאַנען, ווער זיי זײַנען...
גאלינא. פאַרוואָס זשע ביסטו ניט אַנטלאָפן?
קריגסגעפאנגענער. דאָס איז קיין אויסוועג ניט. אַנטלויפן דאַרף מען אַזוי, אַז ס'זאָל זײַן דערפון אַ נוץ.
גאלינא. פאַר וועמען, פאַר קאַראַווײַען?
קריגסגעפאנגענער (פאַרביטערט). ווער איז דאָ דער אויספאָרשער — איך צי דו?
גאלינא. איך! דו ביסט אַ באָלשעוויק, אַ ספּאַרטאַקאָוועץ?
קריגסגעפאנגענער. איך בין אַן אַרבעטער, צו וועלכן ס'איז דערגאַנגען לענינס שטים אפילו אין געפענקעניש.
גאלינא. פאַרוואָס דולדעט דיך, אַ ייִדן, דער באַנדיט און פּאָגראָמשטשיק קאַראַווײַ?
קריגסגעפאנגענער. ער דאַרף מיך האָבן אַלס שירמע. „זעט, הייסט עס, מענטשן, אָרנטלעכע ייִדן זײַנען מיט אונדז... מיר זײַנען ניט קעגן קיין ייִדן". הײַנט האָב איך זיך דאָ באַגעגנט מיט מײַן מוטער.
גאלינא. די מאַמע האָט דיך געזען?
קריגסגעפאנגענער. כ'האָב אויך דערקענט דעם בלינדן באַנדוריסט.
גאלינא. ווער ביסטו? ווער?
קריגסגעפאנגענער. וואָלסט אַ פּרווו געטאָן זיך שטעלן אַף מײַן אָרט! אַהיים וועל איך זיך אומקערן ניט מיט קיין פּוסטע הענט...
גאלינא. פאַרוואָס האָסטו פאַרברענט מײַן דאָקומענט — ער איז דאָך אַף אַ פרעמדן נאָמען?
קריגסגעפאנגענער. מיט אַ שטעמפּל, אַף וועלכן ס'איז אָנגעמאָלט אַ סערפּ מיט אַ האַמער.
גאלינא. כ'פאַרשטיי.
קריגסגעפאנגענער (גייט צו צו איר). אונדז זײַנען פאַרבליבן געציילטע מינוטן. פאַרגעדענק — דער אָנגריף וועט זיך אָנהייבן אַף דער פאַרשטאָט... (רעדט שטיל.)
אומדערוואַרט באַווײַזט זיך באַם אַרײַנגאַנג קאַראַווײַ. די ערשטע באַמערקט אים גאַלינאַ.
גאלינא (שטויסט אָפּ מיט קראַפט דעם קריגסגעפאַנגענעם). טשעפּע זיך אָפּ, כ'וועל דיך דערוואַרגן!
קאַראַווײַ (פאַרגייט זיך אין געלעכטער, נאָר פּלוצעם בלײַבט ער שטיל און נעמט מיט כשאַד זיך צוקוקן). פאַרוואָס שמעקט מיט סמאַלענע?
קריגסגעפאנגענער (נעמט אַרויס פון דער קעשענע מאַכאָרקע, צײַטונג־פּאַפּיר און פאַרדרייט „אַ ציגן־פיסל", רייכערט, לאָזט אַרויס קנוילן רויך). פּרווו, פאַררייכער...
קאַראַווײַ. דאָקומענטן געפונען?
קריגסגעפאנגענער. וואָס נאָך? באַ אַ דאָרפישער מויד דאָקומענטן!

קאַראַווײַ. אַנו! (באַזוכט גאַלינען, געפֿינט גאָרניט. דער קריגסגעפֿאַנגענער רײַכערט.) גענוג שוין צו פּיפּקען. (רופֿט אים אַוועק אין אַ זײַט.) און דעם זשידליק האָסטו אַ טאָפּ געטאָן? פֿיר אים אַרײַן, כ'וועל אים אַליין אויספֿרעגן!

קריגסגעפֿאַנגענער (כאַפּט אַ בליק אַף גאַלינען. זי פֿאַרשטייט גלײַך, אַז דאָס איז געפֿערלעך). דאָס דאָזיקע יידל איז אַ פֿאַרדעכטיקער טיפּ...

קאַראַווײַ. אַרײַנפֿירן אים!

קריגסגעפֿאַנגענער (פֿילדײַטיק). דאָ זײַנען אין בײַדל זײַטיקע. איך האָב באַפֿוילן אים האַלטן אין זעמליאַנקע אונטער אַ שטרענגער וואַך.

קאַראַווײַ (שטרענג צו גאַלינען). און דו, וואָס שלעפּסטו זיך אַרום איבער די פֿעלדער?

גאַלינאַ. כ'בין געפֿאָרן אין שטאָט — ניטאָ קיין צוקער, קיין זאַלץ ניט — גאָרניט איז ניטאָ.

קאַראַווײַ. צוקער האָט זיך איר פֿאַרוואָלט!

קריגסגעפֿאַנגענער. באַרימט זיך, אַז זי איז פֿון די פֿאַרמעגלעכע...

גאַלינאַ. ניט עמעס, מיר זײַנען געווען פֿאַרמעגלעכע, נאָר איר, די רויטע...

קאַראַווײַ (לאַכט). דו ווייסט, ווו דו געפֿינסט זיך?

גאַלינאַ. וואָס זשע, איך ווייס ניט? דײַן קאָמיסאַר האָט די קאָפּטע צעריסן אַף מיר.

קריגסגעפֿאַנגענער. ניט געלאָזט זיך באַזוכן.

קאַראַווײַ. פֿונוואַנען ביסטו?

גאַלינאַ. מיר זײַנען פֿון קאַמענקע.

קאַראַווײַ. ווער איז דאָרט בײַ אײַערע שלעפּערס דער עלטסטער?

גאַלינאַ. טראָפֿים אַנטאָנענקאָ.

קאַראַווײַ. ריכטיק. די באָלשעוויקעס האָבן אײַך גוט אַרומגעטשיסטעט?

גאַלינאַ. ביז אַ לעצטן שפּענדל.

קאַראַווײַ. און וואָס רעדט מען בײַ אײַך וועגן קאַראַווײַען?

גאַלינאַ. לאָז צורו, קאָמיסאַר, ווייסט דאָך אַליין.

קאַראַווײַ. טיפּשע דאָרפֿישע! וואָס פֿאַרא קאָמיסאַרן כאַלעמען זיך דיר! איך, איך בין קאַראַווײַ!

גאַלינאַ. געפֿונען וועמען צו נאַרן.

קאַראַווײַ (שרײַט אין דער טיר אַרײַן). איי, כלאָפּצי! (עס קומען אַרײַן צוויי באַנדיטן.) נו, און איצט וואָס וועסטו זאָגן?

גאַלינאַ. כ'וועל זאָגן (קוקט זיך אײַן), מײַן כאָסן איז אויך בײַ פּעטליורען. פּרײַוווילליק אַוועק צו אים.

קאַראַווײַ. אַלע לײַטישע מענטשן, דאָס גאַנצע פֿאָלק איז מיט אונדז. (צו גאַלינען.) אַז דו וועסט זיך אומקערן אין דײַן קאַמענקע, זאָלסטו אַלעמען עס דערציילן...

קריגסגעפֿאַנגענער. אַזוי זאָלסטו טאַקע זאָגן: קאַראַווײַ שטעלט אײַן אָרדענונג, קיין פֿרעמדס טשעפּעט ער ניט. באַלעבאַטים שעצט ער.

קאַראַווײַ (צו די באַנדיטן). איר קאָנט גיין. (די באַנדיטן פֿאַרלאָזן דאָס בײַדל. צום קריגסגעפֿאַנגענעם.) און דו ביסט אַ מאַלאַדיעץ! כ'האָב געמיינט, אַז דעם זשידאָק, איין בלוט, וועסטו נעמען אונטער דײַן פֿליגעלע. און די דאָזיקע דאָרפֿישע וועסטו צעקוועטשן... איצט זע איך...

קריגסגעפֿאַנגענער. אַ דאַנק פֿאַר צוטרוי! דערלויב מיר זי צופֿירן ביז צום ברעג וואַלד.

קאַראַווײַ. זי איז דיר געפֿעלן געוואָרן?

קריגסגעפֿאַנגענער. ווי דען?

קאַראַווײַ. גיי, נאָר פֿאַרבינד איר די אויגן. (צו גאַלינען.) און דו האָב קיין מורא ניט—וועסט קיין זאַך ניט פֿאַרלירן...

קריגסגעפֿאַנגענער. אַוודע. (רײַסט אַראָפּ בײַ גאַלינען דאָס שאַלכל און פֿאַר־בינדט איר דערמיט די אויגן.) קום, קראַסאַוויצע.

פֿאָרהאַנג.

פערטער אקט

דאָס זעקסטע בילד

באַם הויז פון בעספּאַלין. אַ פּלויט, אַ טויער, אַ פאַרטקע. מע זעט אַ טייל פון דער גאַס. אַ הויכן גאַנעק, וואָס פירט אין שטוב אַרײַן. אין אַ זײַט פונעם גאַנעק — אַ פּאַס. אין איין זײַט פונעם הויף — באַ דער בודקע פונעם הונט — זײַנען צונויפגעלייגט ברעטער.

זעלדע (זי איז איינע אַליין, פאַרעט זיך באַם סאַמאָוואַר). קאַלט, ווי באַ אַ טויטן דער קאָפּ. (בלאָזט אין סאַמאָוואַר אַרײַן.)

פראַסיאַ (קומט צו לויפן דורך דער קאַליטקע, אין די הענט האַלט זי צוויי סאַלדאַטישע קעסטלעך). גיס נאָר גיכער אָן.

זעלדע. וואָס הערט זיך דאָרט באַ אײַך?

פראַסיאַ. עס זײַנען דאָרט פאַראַן פאַרווונדעטע! גיכער, זעלדע, גיכער!

זעלדע (בלאָזט אין סאַמאָוואַר). ווי דער רועך וואָלט אים גענומען — זידט ניט, כאָטש פּלאַץ. (פאַרהוסט זיך.)

פראַסיאַ. פאַרוואָס שטעלט איר דעם סאַמאָוואַר אָפן סאַמע ווינט?

זעלדע. ער רייכערט. פונעם טשאַד בין איך אין שטוב שוין געבליבן אָן אַ קאָפּ. (קוקט זיך אַרום.) און, אַז גאָט זאָל אויסהיטן, טאָמער עפּעס־וואָס, איז פונדאַנען גרינגער אַנטלויפן...

פראַסיאַ. שרעקט זיך ניט, מירן קאַראַווײַס באַנדע צענעריקן.

זעלדע (ווײַזט אָפן סאַמאָוואַר). דו הערסט, דו הערסט — ער זינגט!

בײדע פאַרקען זיך באַם סאַמאָוואַר. דורך דער קאַליטקע קומט אַרײַן **בעספּאַלי** און קוקט זיך אַרום, גייט אַוועק הינטערן גאַנעק.

פראַסיאַ. ער זידט, ער זידט! (וויל אונטערשטעלן דאָס סאַלדאַטישע קעסטלע.)

זעלדע (גיט איר אָן עמער). גיס בעסער גלײַך אַהער, אַזוי וועט זײַן גרינגער.

פראַסיאַ (צאַפּט אָן אַ פולן עמער). זעלדעניו, גרייט צו נאָך... (אָפּ.)

זעלדע (אַ צופרידענע). שוין דער פערטער מענטש קומט נאָך אָקרעפּ.

בעספּאַלי (קומט אַרײַן). מיט איין וואָרט, זעלדע, מיט די בראָכעס פונעם אייבערשטן זײַט איר שוין באַזאָרגט.

זעלדע. בעסער וואָלסטו ווייניקער געפּלאַפּלט. גיי און ברענג דײַן סאַמאָוואַר.

בעספּאַלי. וואָס נאָך וואָלט איר געוואָלט?! (ענדערט גלײַך דעם טאָן.) אייגנטלעך, פאַרוואָס טאַקע ניט טאָן אַ מענטשן אַ טויווע. (גייט אַרויס פון דער קאַליטקע.)

זעלדע. אָט איצט וועט זײַן גוט — צוויי סאַמאָווואַרן.

מארינא (פון גאַס, איבערן פּלויט). זעלדע! מע זאָגט, אַז מײַן טאָכטערקע איז דאָ געווען?

זעלדע. געווען, געווען. און זי וועט נאָך זײַן.

מארינא. גאָט האָט מיר געהאָלפן אַ טאָכטער! קיין רויִקע שאָ ניטאָ פון איר. אויב ניט אַהער, איז אַהין.

זעלדע (גייט צום פּלויט). אונדזערע מענטשן העלפט זי.

מארינא. כ׳בין אין איין פּאַכעד פאַר איר. זי איז דאָך באַ מיר אַ באַסיעכידע.

זעלדע. און איך בין אינגאַנצן איינזאַם.

מארינא. זאָרג זיך ניט. אינגיכן וועט זיך אומקערן דײַן זון, אָט וועסטו זען.

זעלדע. זאָג מיר, מאַרינאַ, — דו ביסט דאָך אַ קלוגע. אַמאָליקע צײַטן האָט אָן אָרעמער מענטש אויך פאַרקויפט די נעשאָמע?

מארינא. זאָגן דיר דעם עמעס, זעלדע, — איך דערקען דיך ניט.

זעלדע. איך דערקען זיך אַליין ניט.

מארינא. ביסט עפּעס אַ מאָדנער נעפעש. וואָלסט בעסער ערגעץ אַוועקגעגאַנגען פונדאַנען. די פּעטליורישע הינט זײַנען ניט ווײַט פונדאַנען. אַלע ייִדישע פּרויען האָבן זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן...

זעלדע. וואָס הייסט, איך אַרבעט דאָך?

מארינא. טאָמער עפּעס וואָס, זאָלסטו קומען צו לויפן צו מיר. (אָפּ).

זעלדע קערט זיך אום צום סאַמאָוואַר, פון גאַס קומט אָן **גאַלינאַ**.

זעלדע. גאַלינאַ, גאַלאָטשקאַ! (וואַרפט זיך צו איר.) ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן דרײַ טעג?

גאלינא. כ'בין געווען... ס'איז מיר אפן זינען קיינמאָל גאָרניט געקומען, אז כ'וועל דאָרט זײַן... גיב מיר, זײַ אַזוי גוט, מײַנע דאָקומענטן.

זעלדע. אַט די מינוט. (גייט אין שטוב, קערט זיך גלײַך אום). אַט, נעם, קאָנטראָליר דורך.

גאלינא (באהאלט די דאָקומענטן). מאלע וואָס עס קאָן זיך טרעפן.

זעלדע (אומרויק). ס'האלט בא אונדז ניט וואזשנע, עמעס?

גאלינא. דו זאָלסט ניט וואגן אליין צו טראָגן קיין וואסער אף די פּאָזיציעס. מ'האָט מיר געזאָגט, אז דו... די קויל וועיסט ניט וועמען אויסצוקלײַבן.

זעלדע. אלציינס. כ'האָב שוין ניט וואָס צו פאַרלירן.

גאלינא. איך ווייס אלץ.

זעלדע. יערמאקאָוו האָט דיר דערציילט.

גאלינא. איך ווייס מער, ווי יערמאקאָוו. (פּאַוזע).

זעלדע. ניין, עפּעס פלאָנטערסטו.

גאלינא. און איך בין נאָך ניט זיכער...

זעלדע. נאָר אויב ס'איז עמעס, וועל איך אליין מיט מײַנע הענט אים...

גאלינא. וואָרט צו. מירן נאָך דורכקאָנטראָלירן. מירן מאכן א כעזשבן לויט דעם, וואָס ער האָט געטאָן. (טוט א קוש די אלטע און גייט אוועק).

זעלדע באגלייט זי ביז דער קאַליטקע. אפן גאנעק באווײַזט זיך בעספּאַלי. ער טראָגט פעסט ארומגענומען א גרויסן בײַכיקן סאמאָוואר.

בעספּאַלי. וואָס האָט איר זיך אזוי פאַרטראכט?

זעלדע. האָ? יאָ, יאָ. (זי נעמט בא אים צו דעם סאמאָוואר, לאָזט זיך צום צווייטן סאמאָוואר.) ברענט, ווי בא מיר אפן הארצן. לייב, נעם אראָפּ א שטיוול.

בעספּאַלי (שלעפּט אראָפּ א שטיוול, צעבלאָזט דעם סאמאָוואר). איך וויל, אז איר, זעלדע, זאָלט זײַן אן איידעס.

זעלדע. וועגן וואָס אן איידעס?

בעספּאַלי. אז איך האָב געבראכט מײַן אייגענעם סאמאָוואר און אז איך האָב זיך געמיט ביזן זיבעטן שוויס. (דערזעען אף דער גאס מענטשן, שפּרינגט ער אף איין פוס צו דער קאַליטקע, נאָר קערט זיך גלײַך אום.)

זעלדע. וואָס האָסטו דאָרט דערזען? (דורך דער גאס גייט פאַרבײַ א גרופּע מענטשן מיט זאסטעפּעס אף די אקסל.) וווּהין גייען זיי עס? טו נאָר א קוק — דער וואסערפירער איז אויך דאָרטן! (שרײַט.) וווּהין גייט איר עס?

דער וואסערפירער (שטעלט זיך אָפּ לעבן דער קאַליטקע). מיר גייען באַגראָבן די בורזשויעס, גייען מיר.

זעלדע. אפילע איצט קאָן ער ניט אויסקומען אָן זײַנע כאָכמעלעך.

דער וואסערפירער. פײַנע כאָכמעלעך! אלע מיליאָנשטשיקעס האָבן מיטן אייגע־נעם ווילן געגומען די לאָפּעטעס אין די הענט און גייען גראָבן אָקאָפּעס.

זעלדע. אָקאָפּעס?

דער וואסערפירער. די אָקאָפּעס וועלן צוניץ קומען סײַ אונדז סײַ זיי. אונדזערע — אף פאַרטיידיקן זיך, קאַראַווײַען — פּאַר א קיִוער. (צו בעספּאַלין.) וואָס שפּרינגט איר עס אף איין פוס?

בעספּאַלי. דאָס העלף איך איר... (צעבלאָזט דעם סאמאָוואר.)

דער וואסערפירער. און גראָבן אָקאָפּעס זײַט איר קראַנק?

בעספּאַלי. שטעלט אײַך פאָר... (הוסט.) דער דאָקטער האָט געזאָגט...

דער וואסערפירער. מיר ווייסן, מיר ווייסן! ער שטופּט אונטער דעם דאָקטער א קלומעק מעל, און דער דאָקטער אים — א פּאַפּירל. טו נאָר א קוק ווי אונדזערע זײַנען שוין מע דאַרף זיי אָניאָגן. (אָפּ.)

זעלדע (קוקט אים נאָך). מיליאָנשטשיקעס! מולירעס, סטאָליערס, טעסלערס, וואסער־פירערס... (צעוויינט זיך.) נאָר בא מיר זײַנען אזעלכע צאָרעס.

בעספּאַלי (ציט ארוף דעם שטיוול). וואָס איז פאָרגעקומען?

זעלדע. און ווי איז דאָס דער מענטש אימשטאנד אלץ איבערצוטראָגן. ס'איז, ווײַזט אויס, אן עמעס, וואָס מע זאָגט, אז פון פרייד מײַדט מען ניט אויס דעם טויט, און פון צאָרעס שטארבט מען ניט.

בעספאלי. כ׳הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס עס קומט דאָ פאָר. עפּעס איינע רע־טענישן.

זעלדע. ווען כ׳וואָלט געקאָנט דערציילן, וואָלט מיר אראָפּ א שטיין פונעם האַרצן. (קוקט אַף דער גאַס.) פאַרוואָס קומט עס קיינער ניט נאָך קיין אָקרעפּ? (פונוויַיטנס באַוויַיזן זיך עטלעכע מענטשן, וועלכע טראָגן א פאַרוווּנדעטן.) ווער איז עס דאָרט?

בעספאַלי (לויפט צו דער קאַליטקע). טראַפּים, גאַלינעס טאַטע.

זעלדע (שריַיט). אהער, אהער!

מע טראָגט אַריַין א פאַרוווּנדעטן קרוגליאַקן. פאַמעלעכן לייגט מען אים אַוועק אַף די ברעטער. מע נעמט פון אים אַראָפּ דעם שינעל און מע מאַסטעט אים איַין אין זיַין צוקאַפּנס.

טראַפּים. גייט, כעוורע!

די, וואָס האָבן געבראַכט קרוגליאַקן, גייען אַוועק.

זעלדע. ס׳וואָלט בעסער געווען אים אַוועקלייגן אין שטוב, אַפּן בעט.

טראַפּים. גיכער דערלאַנגט וואַסער, שמאַטעס.

בעספאַלי. וואָס איז עס מיט אים?

קרוגליאַק. ווו בין איך עס? (פּרוּווט זיך אוּפהייבן.)

זעלדע האַלט אים צו, זי טוט פון אים אויס די גימנאַסטיאָרקע.

טראַפּים. גיט מיר עפּעס מיט וואָס אים איבערצובינדן.

זעלדע לויפט צו זיך אין שטוב אַריַין און קערט זיך גלייַך אום, ריַיסנדיק איבערן וועג א ליַילעך.

זעלדע (צו בעספּאַלין). וואָס קוקסטו אַזוי? איך האָב טאַקע מער ניט — איין־און־איינציקער, נאָר ערגער זיך ניט, ס׳א ריינער ליַילעך.

טראַפּים און זעלדע וואַשן די הענט, גיסן אויס פון סאַמאָוואַר די לעצטע וואַסער, רייניקן אויס די ווונד און בינדן זי איבער.

זעלדע. וואָס הערט זיך דאָרט בא איַיך?

בעספאַלי. יאָ, וואָס הערט זיך טאַקע בא איַיך?

זעלדע. שטילער.

טראַפּים. אַזוי טויג ניט. יערמאַקאָוו האָט באַפוילן אָפּטרעטן... און מיר גריַיפן אָן. מיר שלאָגן זיי, און טרעטן ניט אָפּ אַף קיין שפּאַן, און ער שריַיט אַלץ — אָפּטרעטן! וואָס קאָן מען מאַכן — א קאָמאַנדיר. מיר זיַינען שוין דערגאַנגען ביז דער פאָרשטאָט. פאַרוווּנדעטע זיַינען פאַראַן א סאַך...

יאָסל (קומט צו לויפן). הייסע וואַסער, גיכער, הייסע וואַסער!

זעלדע. קיין טראָפּן ניט געבליבן... מע דאַרף גיכער לויפן נאָך וואַסער. ווי אַף צו־לאָכעס האָב איך אַוועקגעגעבן דעם עמער. (נעמט בעספּאַליס סאַמאָוואַר.) כ׳וועל אָנעמען גליַיך אהער. (אָפּ.)

טראַפּים (צו יאָסלען). לויף צו יערמאַקאָוון און זאָג אים, אַז קרוגליאַק איז פאַר־ווונדעט!

יאָסל. קרוגליאַק איז פאַרוווּנדעט?! כ׳לויף. (אָפּ.)

טראַפּים (קוקט אַפּן סאַמאָוואַר). א גרויסע זאַך טוט די אַלטע... אַז דאָס פאָלק העלפט אונדז מיט, איז א סימען, אַז מירן ניעפּרעמענע געווינען.

בעספאַלי. וואָס, מ׳האָט דער אַלטער באַפוילן, אַז זי זאָל זידן וואַסער?

טראַפּים. באַפוילן! זי איז אַליין געפאַלן אַפּן סייכל. קאַיאַר לויף איך אין טיי־הויז, לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז פאַרקלאַפּט מיט ברעטער — אַלע זיַינען זיך פון דאָרט צעלאָפן. אַפּן וועג באַגעגן איך די אַלטע. אָט, זאָג איך, אַן אומגליק — קיין טראָפּן אָקרעפּ קאָן מען ניט קריגן. די אַלטע האָט מיר מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט, נאָר קיין שאָ אַפילע איז ניט אַדורך, ווי די אַלטע האָט געבראַכט צו טאַסקען צוויי פולע עמער אָקרעפּ. נו, און ס׳איז בא איר אַוועק...

אַן אומרויִקער געהייל. איבער דער גאַס לויפן מענטשן. בעספאַלי און טראַפּים לויפן אַרויף אַפּן גאַנעק.

טראַפּים. אונדזערע טרעטן אָפּ. פונדאַנען זעט מען אַרום־און־אַרום, ווי אַף דער דלאָ־ניע. (זעצט זיך צו אַף די שפּיץ פינגער, קוקט אין דער וויַיט.) אָט דאָ איז א פּאָזיציע! פונדאַנען קאָן מען צערעשטעווען די וויַיסע אַף פּיץ־פּיצלעך! (לויפט צו דער קאַליטקע.) ווו נעמט מען א קוילנוואַרפער?

בעספּאַלי (פּרוּווט זיך אים פֿאַרהאַלטן). טראָפּים... אָט דאָ...

טראָפּים (שטויסט אים אָפּ). דריי זיך ניט פֿאַר די פֿיס. אָט דאָס איז אַ פּאָזיציע! (פֿאַרשווינדט.)

בעספּאַלי (שטויסט קרוגליאַקן אין אַקסל). שטיי אויף, קרוגליאַק! אַנטלויף פֿונדאַנען!

קרוגליאַק (טוט זיך אַ ריס פֿון אָרט). וואָס איז פֿאָרגעקומען? וואָס איז דאָ? אוי, סאַראַ ווייטעק!

אויף דער גאַס איז אַ טומל. בעספּאַלי לויפֿט אַרום הילפֿלאָז איבערן הויף.

קרוגליאַק. ווּ איז מײַן גימנאַסטיאָרקע? ווּ איז מײַן ביקס?

זעלדע (לויפֿט אַרײַן אַ צעשויבערטע. דאָס שאַלכל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון איר קאָפּ). וואָס טוט זיך דאָ, וואָס! (דערזעט, אַז קרוגליאַק איז אויפֿגעשטאַנען.) אוּרעמעלע, האָב ראַכמאָנעס אויף זיך! (רײַסט אַרויס בײַ אים די גימנאַסטיאָרקע.)

קרוגליאַק. גיט מיר די גימנאַסטיאָרקע, זאָגט מען אײַך!

זעלדע. אוּרעמעלע, טײַערער, גיי ניט...

קרוגליאַק (כאַפּט אַרויף דעם שינעל אויף איין אַקסל). אַך, ווי עס ברענט... (אָפּ.)

בעספּאַלי (מיט אַ טאָן פֿון אַ באַלעבאָס). ווּ האָט איר אַהינגעטאָן מײַן סאַמאָוואַר?

זעלדע. דעם סאַמאָוואַר... כ'האָב שיִער דעם קאָפּ ניט פֿאַרלוירן. דער אוילעם לויפֿט, באַהאַלט זיך, און ער — סאַמאָוואַר! סאַמאָוואַר!

בעספּאַלי. אַזאַ סאַמאָוואַר! אַן אוצער! נאָר זאָל דאָס זײַן אַן איבעריקער באַווײַז, אַז איך האָב געליטן, אַז איך...

דער טומל אויף דער גאַס ווערט שטאַרקער. עס לויפֿן פֿאַרבײַ מענטשן מיט זאַסטעפּעס אויף די אַקסל, אייניקע האַלטן קינדער אויף די הענט. אין הויף לויפֿט אַרײַן דער זיידע מיקאָלאַ.

זיידע מיקאָלאַ. ראַטעווע זיך!

בעספּאַלי. וואָס איז געשען?

זיידע מיקאָלאַ. פֿרעג ניט... מיר זײַנען פֿון טראָפּימס אָטריאַד. קאַראַווײַ טרעט אַרײַן אין שטאָט. אַנטלויף פֿונדאַנען.

אַן אָנמעכטיקע לאָזט זיך זעלדע אַראָפּ אויף די טרעפּלעך.

זיידע מיקאָלאַ (צו זעלדען). ניין, דאָס טויג ניט! קאַראַווײַ צערעמאָניעט זיך ניט מיט אַזעלכע, ווי דו. (נעמט אַראָפּ פֿון זיך די סוויטקע און גיט זי אָפּ בעספּאַלין.) נאַ, טו אָן, אָט האָסטו אויך מײַן היטל, אַזוי וועט מען דיך ניט דערקענען. (בעספּאַלי נעמט ניט.) און דו, אַלטע, וועסט גיין מיט מיר. כ'וועל זאָגן, אַז דו ביסט מײַן ווײַב. כ'וועל דיך דורכפֿירן דורך די גערטענער.

בעספּאַלי קוקט זיך אַרום אין אַלע זײַטן.

זעלדע. ער זאָגט ריכטיק. (וויל זיך לאָזן נאָך מיקאָלען.)

פֿון דער גאַס דערטראָגן זיך געשרייען, אַ געקלאַנג פֿון צעזעצטע שויבן, אַ געוויין.

בעספּאַלי (אַנטלויפֿט ערגעץ און קערט זיך גלײַך אום מיט אַ גרויסן שלאָס אין די הענט. ער קלײַבט זיך פֿאַרשליסן דעם טויער. עס דערטראָגט זיך אַ צאָקען פֿון פֿערדישע טלאָען. בעספּאַלי צעעפֿנט דעם טויער און שרײַט). אַהער! אַהער!

אין טויער רײַסט זיך אַרײַן קאַראַווײַ מיט עטלעכע באַנדיטן.

קאַראַווײַ (דערזעט דעם שלאָס אין די הענט פֿון בעספּאַלין). לייב בעספּאַלי! האָסט געוואָלט זיך פֿאַרשליסן פֿון מיר? (טוט אים אַ זעץ מיט דער נאַהײַקע.)

בעספּאַלי (פֿאַלט אויף די קני). פּאַן קאַראַווײַ, איך זאָל אַזוי...

קאַראַווײַ. די רויטע העלפֿסטו?

בעספּאַלי. וואָס רעדט איר! ראַפּאָפּאָרט האָט אײַך דען ניט געזאָגט, אַז די מעל, די גרויפּן און די טוווע — דאָס אַלץ איז פֿון מײַן סיפּנאָי פּונקט.

קאַראַווײַ (ווײַזט אויף מיקאָלען). און דער ווער איז, אַ וועכטער?

זיידע מיקאָלאַ. יאָ, יאָ, אַ וועכטער.

קאַראַווײַ. זאָגסט אַ ליגן. איך דערקען דיך לויט דער נאָז. (דער זיידע מיקאָלאַ שווײַגט.) שווײַגסט, זאַראַזע? (כאַפּט אַרויס דעם נאַהאַן און שיסט אין אַלטן.) און זי ווער איז? (ווײַזט אויף זעלדען.)

בעספּאַלי. מײַנע אַ שכיינע.

ק א ר א ו ו י ַ. **ערגעץ האָב איך זי געזען... געדענק, בעספאַלי, ווערסט זיך באַמבלען בא מיר אף א בוים.**

ב ע ס פ א ל י. **איר גלייבט שוין מיר ניט, פאַן אַטאַמאַן, ראַטעוועט ראַפּאַפּאָרטן! די רויטע קאָנען נאָך...**

ק א ר א ו ו י ַ. **ניטאָ מער קיין רויטע! אמבא! אָן איין שאָס האָב איך פאַרנומען די שטאָט... און ראַפּאַפּאָרטן ווער באַפרײַען מײַן זשידאָק.** (זעלדע טוט א דורכדרינגלעכן געשריי.) **וואָס קוויטשעסטו, ווי א געקוילעטע?** (צו די באַנדיטן.) **און דעם צונעמען און דערטרינקען.** (די באַנדיטן טראָגן אוועק מיקאָלעס קערפּער.)

ב ע ס פ א ל י. **נו, דאַנקען גאָט! אף יעדן פאַל שטעלט דאָ אוועק א קוילנוואַרפער, פּונ־דאַנען ווערט איר שנײַדן די רויטע היישעריקן.**

ק א ר א ו ו י ַ (באַווײַזט זיך אפן גאַנעק). **ריכטיק! א וווּנדערלעכע פּאַזיציע! נאָר מיר וועלן זי שוין ניט דאַרפן — די שטאָט איז אין מײַנע הענט.** (גייט אַוועק. פון דער גאַס דער־טראָגט זיך א קאָמאַנדע.) **אף די פערד!** (עס צאָקען טלאָען.)

ב ע ס פ א ל י (שרײַט נאָך). **פאַרגעסט ניט ראַפּאַפּאָרטן, איר הערט, ראַפּאַפּאָרטן!** (ער פּאַרמאַכט דעם טויער, לאָזט זיך צום גאַנעק.) **זעלדע! איר קאָנט שוין אַרויסגיין. אויס, ניטאָ שוין מער קיין „טאָוואַרישטשעס", ניטאָ שוין מער די סאָוועטישע אָנשיקעניש.**

זעלדע גייט צו צום אָרט, ווו עס איז געלעגן דער קערפּער פונעם זיידן מיקאָלאַ. קוקט לאַנג.

ב ע ס פ א ל י. **וואָס קוקט איר אַזוי, וואָס פאַר אַן אוצער האָט איר דאָרט געפונען?**

זעלדע גייט אַרײַן אין שטוב, קערט זיך אום מיט א טאָרבעלע און מיט א זאַסטעפּ. שטילערהייט שאַרט זי צונויף א ביסל ערד פונעם אָרט, ווו דער זיידע איז געלעגן, שיט אָן אין טאָרבעלע, זי טראָגט עס אַוועק אין שטוב אַרײַן, קערט זיך ווידער אום און זעצט זיך צו אף די טרעפּלעך פונעם גאַנעק. בעספאַלי פאַרשטייט גאָרניט, קוקט איר נאָך.

ב ע ס פ א ל י. **נו, איצט איז אונדזער שטעטל, גאָט צו דאַנקען, שוין אויסלאַנד.** (זעלדע שווײַגט.) **וואָס שווײַגט איר?**

ז ע ל ד ע. **וואָס זשע ווילט איר, איך זאָל טאַנצן? צאָרעס איז א סאַך, און דער טויט איז איינער... כעזשבוינעס זײַנען אויך פּיל, און דער באַלאַנס איז אויך איינער.**

ב ע ס פ א ל י. **ווען לערנט איר? מיך, דעם אַלטן קאָמערסאַנט?! יאָ, יאָ, איצט האָב איך קיין מוירע ניט אויסצושרײַען פאַר דער גאַנצער וועלט: איך האָב געמאַכט געשעפטן און וועל מאַכן!** (גייט צו צו דער בודע פונעם הונט.) **און דו ווערסט אין די נעכט ווידער היטן מײַן פאַרמעגן — דאָס פאַרמעגן פון בעספאַלין. און די פּויערים וועלן מיר ווידער פירן וועגענער מיט טווּע.** (עפנט די טויערן.) **איי, מוזשיקעס, פּירט, בעספאַלי קויפט...**

קאַראַוויַ רײַסט זיך אַרײַן א צעטומלטער אין די טויערן. ער איז אָן א היטל, דער נאַגאַן איז בא אים אין דער האַנט. ער פאַרשפּאַרט גיך הינטער זיך דעם טויער.

ק א ר א ו ו י ַ. **ווו, ווו באַהאַלט מען זיך דאָ?**

ב ע ס פ א ל י (אײַנגאַנצן א צעטומלטער). **וואָס איז געשען?**

ק א ר א ו ו י ַ (לויפט אַרום איבערן הויף). **מ'האָט אונדז פאַרנאַרט! אַרומגערינגלט, קאַפּוט!** (וואַרפט זיך צום גאַנעק.) **עפּשער אַהער?**

ב ע ס פ א ל י. **גאָט באַהיט!** (כאַפּט אים פאַר א האַנט, שלעפּט אים צו דער הינטישער בודע.) **אַהער, אַהער קריך! קיינעם וועט אפן זינען ניט קומען.**

ק א ר א ו ו י ַ באַהאַלט זיך הינטער דער בודע. עס באַווײַזן זיך מ ע נ ט ש ן.

ש ט י מ ע ן. **אָט אַהין איז ער אַנטלאָפן.**

— **אַהער, אַהער!**

— **אָט אַהין, אין יענעם הויף!**

ד ע ר וו א ס ע ר פ י ר ע ר (מיט א זאַסטעפּ אפן אַקסל). **בא לייבעלע בעספאַלין!**

אף דער גאַס באַווײַזט זיך ג א ל י נ א אין דער שפּיץ פון אַן אָ ט ר י א ד ר ויט אַ ר מ י י ע ר, פ ו י ע ר י ם, י ו ג נ ט. צווישן זיי געפינט זיך ט ר אָ פ י ם און ק ר ו ג ל י א ק.

ג א ל י נ א. **אַרומרינגלען דעם הויף!**

א טייל פונעם אָטריאַד רינגלט אַרום דעם הויף, אייניקע כאַפּן זיך אַרײַן דורך דער קאַליטקע אין הויף אַרײַן; קאַראַוויַ שיסט פון הינטער דער בודע. די אָנגרײַפנדיקע צילן אין אים די ביקסן.

א ש ט י ם. שטייט! נעמען אים א לעבעדיקן!

ד ע ר וו א ס ע ר פ י ר ע ר. לאָזט מיך, דעם וואַסערפירער. וואַסער איז א באַלעבאָס איבער אַלץ, פאר וואסער האָבן אַלע מוירע.

דער קרײַז פון די אַנגרײַפנדיקע ווערט אַלץ ענגער און ענגער. זעלדע, בעספּאַלי און נאָך עטלעכע מענטשן האָבן זיך צונויפגעשטופּט אַפן גאַנעק. בעספּאַלי געפינט זיך קיין אָרט ניט.

ד ע ר וו א ס ע ר פ י ר ע ר (שרײַט צו בעספּאַלין). וואָס דרייסטו זיך, ווי א פליג אין ראָסל?

אַלע קוקן צו, ווי דער פאַרווונדעטער קרוגליאַק האָט אוועקגעפּויזעט לענגויס דעם פּלויט, זיך דערקליבן צו קאַראַוויַיען, זיך אָנגעוואַלגערט אַף אים און מיט דער געזונטער האַנט אַרויסגעשלאָגן באַם באַנדיט דעם נאַגאַן. קאַראַוויַי האָט אָבער אַראָפּגעשליידערט קרוגליאַקן פון זיך, נאָר דער וואַסערפירער כאַפּט קאַראַוויַיען פון איין זײַט, פאַנאַס — פון דער אַנדערער.

פ א נ א ס. איי, דו, אָגער אײַנער! דו דערקענסט מיך ניט, צי וואָס?

קרוגליאַק קרעכצט.

ז ע ל ד ע (לאָזט זיך צו אים). אווּרעמעלע, טײַערער, ליג רויק!

פ א נ א ס. כאַוווערטע אַנטאָנענקאָ! וווּהין אים פירן?

ק א ר א ו ו י י. אַנטאָנענקאָ... גאַלינאַ... דו געדענקסט, בא מיר אין וואַלד...

ג א ל י נ א. בא אים אין וואַלד! א סאַך מי האָסטו אוועקגעלייגט אַף דעם דאָזיקן וואַלד?

עס לויפט אַרײַן דער ב ע ר ד י ק ע ר י י ד.

ד ע ר ב ע ר ד י ק ע ר י י ד. שוין? מע האָט אים שוין געכאַפּט? אַך, סאַראַ שאָד, אָן מיר!..

ד ע ר וו א ס ע ר פ י ר ע ר. ע־ע, און נאָך געוווּן אַף דער יאַפּאָנסקער מילכאָמע.

ד ע ר ב ע ר ד י ק ע ר י י ד. וועגן דעם רעדט מען דאָך. אין מײַן צײַט, בײַס דער יאַפּאָנסקע...

ג א ל י נ ע (וויַיזט אַף קאַראַוויַיען). אָפּפירן אים!

באַוואָפנטע מענטשן רינגלען אַרום קאַראַוויַיען. בעספּאַלי באַמיט זיך אומבאַמערקט דערקלײַבן זיך צו דער קאַליטקע.

ז ע ל ד ע. לייב, וווּהין אײַלסטו זיך אַזוי?

ב ע ס פ א ל י. אַפן סיפּנאַי פּונקט! איך טראָג דאָך די אַכרײַעס.

ד ע ר וו א ס ע ר פ י ר ע ר (וואַקסט אויס לעבן דער קאַליטקע. צו בעספּאַלין). א גאַנעוו שטעלט זיך אײַן פאַר א צווייטן גאַנעוו...

ז ע ל ד ע. גאַלינאַ, אַף איין ווי‍ַלעטשקע! (גאַלינאַ גייט צו.) דו ווייסט ניט, וווּהין ער אײַלט זיך עס? גאַנוווענען טוווע איז שוין ניטאָ פאַר ווענען, אַראָן ראַפּאַפּאָרט איז שוין אויך, גאָט צו דאַנקען, אין קאַטאַלאַזשקע, וווּהין זשע איז די אײַלעניש?

ב ע ס פ א ל י. כאַוווערטע אַנטאָנענקאָ, אירע אויערן הערן ניט, וואָס די צונג פּלאַפּלט!

ד ע ר וו א ס ע ר פ י ר ע ר. נאָר דערפאַר האָבן אָבער אירע אויגן געזען, וואָס דײַנע הענט האָבן געטאָן...

מע פירט אוועק ק א ר א ו ו י י ע ן. ג א ל י נ א גייט אַרויס אַף דער גאַס.

ב ע ס פ א ל י (צום וואַסערפירער). וואָס איז, איר זײַט שוין מײַן טשאַסאָוואָי?

ד ע ר וו א ס ע ר פ י ר ע ר. וואָס דען מיינט איר? אַז מע דאַרף, שיסט א זאַסטעפּ אויך...

ב ע ס פ א ל י (צו זעלדען). פון ווענען פון ווענען, נאָר פון אײַך האָב איך זיך דאָס ניט געריכט... א שוואָגער, מע קאָן זאָגן, אייגן בלוט, וויפל טירוועס געטאָן...

ג א ל י נ א (קערט זיך אום, ווײַזט אַף בעספּאַלין). אָפּפירן אים!

ז ע ל ד ע (צו בעספּאַלין). כ'האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז דו לעבסט אָן א כעזשבן.

ד ע ר וו א ס ע ר פ י ר ע ר. ער וועט איצט באַקומען א פּאָלנע כעזשבן.

באַוואָפנטע מענטשן פירן אָפּ בעספּאַלין.

ג א ל י נ א. נו, דאַכט זיך, אַז דאָ איז שוין אַלץ.

ז ע ל ד ע. נאָך איין ווי‍ַלעטשקע.

ג א ל י נ א. גיכער, גיכער.

זעלדע גייט גיך אוועק אין שטוב און ברענגט דאָס טאַרבעלע.

ג א ל י נ א. וואָס איז דאָס?

ז ע ל ד ע. אַלץ, וואָס איז געבליבן פונעם זיידן מיקאַלאַ.

ג א ל י נ א. דערשאָסן?

זעלדע. קאַראַוויַ מיט די באַנדיטן, און דעם קערפּער האָבן זיי אַרײַנגעוואָרפן אין טײַך...

אַלע אַנטבלויזן די קעפּ. דער וואַסערפירער נעמט בא זעלדען דאָס טאָרבעלע מיטן זאַסטעפּ, און מיטן טאָרבעלע ערד גייט ער אַוועק צוזאַמען מיטן אַטריאַד.

גאַלינאַ. און מיר איז שוין אויך צײַט.

זעלדע. און יערמאַקאָוו וווּ איז?

גאַלינאַ. ער איז דען צו דיר ניט אַרײַנגעגאַנגען?

זעלדע. פון זינט מיר האָבן זיך אומגעקערט, האָב איך אים אין די אויגן ניט געזען.

עס דערטראָגט זיך אַ געצאַק פון פערדישע טלאָען; אויפן האָריזאָנט זעט מען די שפּיזן פון רײַטער.

זעלדע. ווידער גאַזלאָנים?.. (גאַלינאַ שווײַגט. אויף זעלדעס פּאָנעם באַווײַזט זיך אַ שמייכל.) אונדזערע — אַ רויטע פאָן!

גאַלינאַ. דאָס איז יערמאַקאָווס טייל. דאָס איז געווען זײַן פּלאַן: פאַרשליסן די באַנדע אין שטאָט און זי אַרומרינגלען.

זעלדע. און לייזער? ער איז אַרײַנגעפאַלן אַהין, ווו בעספּאַלי און קאַראַוויַ?

גאַלינאַ. אָט גייט יערמאַקאָוו, פרעג בא אים.

אויף דער גאַס באַווײַזט זיך **יערמאַקאָוו** צוזאַמען מיט **לייזער שאַפּראַנען** און **פּיאָטערן**. זיי גייען אַרײַן אין הויף.

יערמאַקאָוו. מאַמאַשע, באַגעגן אַ גאַסט!

זעלדע. פאַרנומען אים אין פּלען, ווי קאַראַוויַען?

לייזער. מאַמע! (וויל זי אַרומנעמען. זי שטויסט אים אָפּ. ווײנט.) הער מיך אויס, מאַמע...

זעלדע. אין איינע לאַטעס... אָן אַ שינעל... ס'איז דיר קאַלט?

לייזער. ס'איז מיר וואַרעם, מאַמע! זייער וואַרעם. (גלעט זי איבערן קאָפּ.)

יערמאַקאָוו (צו גאַלינען). ניט אומזיסט האָבן מיר געכאַפּט אַ שפּאַציר מיט דער אַלטער. האָסט געזען, וויאַזוי די פּאַרטיזאַנער האָבן אַ קלאַפּ געטאָן קאַראַוויַען פון טיל?

פּעטראָ. אַלע ווייסן, אַז אַ צוואָק קריכט ניט אַליין אין דער וואַנט, מע דאַרף אים אַרײַנקלאַפּן מיט אַ האַמער.

גאַלינאַ (יערמאַקאָוון). דו ביסט אַ מײַסטער, און לייזער האָט ניט שלעכט געאַרבעט...

פּעטראָ. דאָס האָט ער אונדז אַרײַנגעטײַנעט: „אויב דו ווילסט ניט טראָגן אויפן קאַרק דעם פּאַן, האַלט זיך בא דער סאָוועטנמאַכט".

זעלדע. איצט גלעטן אָט די הענט מײַן אַלטן קאָפּ, און פריִער האָבן זיי געהאָלפן קאַראַוויַען.

לייזער (שרײַט). וואָס רעדסטו?

זעלדע (קוקט אים אַרום; באַמערקט בלוט אויף זײַן האַלדז). בלוט!

גאַלינאַ (לויפט צו). אונדזער בלוט, מאַמע! אונדזער שאַפּראַנאָוויש בלוט!

זעלדע קוקט אויפן זון, דערנאָך אויף גאַלינען.

פּעטראָ. דאָס האָט ער באַקומען אַ באַלוינונג פון קאַראַוויַען.

יערמאַקאָוו. דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז געהאָלפן.

זעלדע. זון מײַנער! (נעמט אים אַרום.)

גאַלינאַ. מיר האָבן אים קאָנטראָלירט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט.

יערמאַקאָוו. אַן עכטער באָלשעוויק!

לייזער. ווער ס'איז ניט געווען אין געפאַנגענשאַפט, וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין, אַזוי ווי איך, וואָס הייסט עס היימלאַנד. איר פאַרשטייט — היימלאַנד! רעוואָליוציע!

עס דערטראָגן זיך קלאַנגען פון מיליטערישער מוזיק, איבער דער גאַס מאַרשירט דורך אַ קאָלאָנע רויטאַרמייער.

פאָרהאַנג.

ייִדיש — א. גאָנטאַר



דערמאָנונגען

באם שטיבעלע

ס'איז געקומען א ייִדישער דיכטער
צו זײַן אמאָליקער היים,
ווערט אים אי פינצטער, אי ליכטיק,
בלײַבט ער באם גאנעקל שטיין.

איז א ייִנגל ארויסגעגאנגען:
— מע זעט, אז איר זײַט פון וועג...
איז וואָס וועט איר, כאווער, פארלאנגען?
— א צייל טאָן פון נעכטן די טעג...

און קלערט:
„זאָל דוכטן, מײַן טאטע
אלץ נאָך באם טישל זיצט,
בא דער ליכט, וואָס אין הענגלײַכטער פלאטערט,
ווארט ער אף מיר נאָך ביז איצט..."

דעם גאנעק ניט איבערגעטראָטן,
אין אכסאניע גייט ער אפגיך...

איך ווייס ניט, ווי אײַך,
נאָר ס'פארכאפט מיר דער אָטעם,
ווײַל דער דאָזיקער דיכטער בין איך.

אין יענעם ווינקעלע

ווען די צווײַגן לעשן זיך
און ס'נעמט די זון פארגיין,
שפאציר איך איבער געסעלעך
און זינג צו זיך אליין.

איך גיי און גיי און שטעל זיך אָפּ
בא מײַן אלטן הויז,
ס'עפנט זיך קיין טיר ניט אוף,
ס'גייט קיינער ניט ארויס.

אין העלן בלויען אָוונט דאָ,
באם ברעג פון שטילן טײַך,
איך האָב צוויי אויגן נאָענטע
מיט שטערנדלעך פארגלײַכט.

די אויגן האָט דעם סוינעס קויל
אף אייביק צוגעמאכט,
פון הימל קוקן זיי איצט מילד,
ווען לויטער איז די נאכט.

אוי, אויגן העלע ליכטיקע,
מײַן פײַן, מײַן וויי, מײַן גליק,
ווי וואָלט איר אין דער ווירקלעכקײַט
אף מיר אצינד געבליקט?

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
נאָר ווו איך זאָל ניט ווענדן זיך,
קיין אָפּהילך הער איך ניט.
כ'שפאציר איבערן שטעטעלע
און אין דעם וואלד מיך ציט.

הילכיק הילכט מײַן ליד אין וואלד,
שאט, עמעץ ענטפערט אָפּ:
צום שטאם פון א בעריאָזקעלע
נייג איך אָן דעם קאָפּ.

איך טראכט אזוי, און מיטאמאָל
הייב איך אָן פארשטיין:
עס בלאָנדזשעט אום מײַן ווידערקאָל
אין ווילדן וואלד אליין.

דער אָפּקלאנג ווערט מיר טײַערער,
עס ווערט מיר ליב די שפּיל!
ווי פלאמענדיקע פײַערלעך
צוויי אויגן איך דערפיל.

ס'איז יענע אויגן טײַערער,
מיט וועלכע כ'האָב פארגלײַכט
די שטערנדלעך, די פײַערלעך
דאָרט בא דעם בלויען טײַך.

די ליפּע הינטערן פענצטער

א קרומע, געבויגענע ליפּע
אין קאלטע לעוואָניקע נעכט
האָט ביטער באַם פענצטער געסקריפּעט,
ווי א מענטש וואָלט, לעהאוודל, געקרעכצט.

און איך האָב דעם אָטעם פארהאלטן,
געשוויגן, געהערט און געטראכט:
דער בוים קאָן, כאָלילע, א פאל טאָן
אַף אונדזער צעלעכערטן דאך.

דער טאטע — ער פלעגט מיך טרייסטן,
זייַן וואָרט — ווי א גוטער געשאנק:
— מיר ווייסן פון לאנג שוין, מיר ווייסן:
עס סקריפּעט א בוים — לעבט ער לאנג.

שוין צענדליקער יאָרן פארגאנגען
אין אָפּהילך פון רוישיקע טריט,
איך הער צווישן מונטערע קלאנגען
פון בוים פונעם אלטן דעם סקריפּ.

באַ אַן אלטער ווינטמיל

פארוואקסן די שטעגן, די שפּורן,
ס'איז פּוסט און שטיל דאָ ארום.
עס שטעלן ניט אָפּ זיך קיין פורן,
דער הימל דער גרויסער איז שטום.

ווען ווינטן די וועלדער צעוויגן,
זיי הוידען דאָ אלץ נאָכאנאנד,
נאָר דרייען די מאכטלאָזע פליגל
אויך זיי זייַנען מיר ניט אימשטאנד.

אהערצו שוין קיינער פארפאָרט ניט,
אוועק אין א זייַט איז דער שליאך,
בלויז היימיש די טויבן וואָרקען
אונטער פארשימלטן דאך.

צו דער לעוואַנע

רונד־ארום די שטאָט באשייַנט
דער גלייַיקער נעאָן.
און דו, לעוואָנע, אלטער פרייַנט,
וואָס וועסטו איצט שוין טאָן?

באַ לאָמפּן־שייַן ביסט שוואך און בלייך,
און אָרעם זעסטו אויס;
פארליבטע קוקן ניט אין הייך —
זיי קוקן נאָר פאָרויס.

בלויז ווען אמאָל אין גרינעם טאָל
פארבלאָנדזען זיי פון וועג,
באגייַסטערסט זיי, פונקט ווי אמאָל,
און שיינע טרוימען וועקסט.

צי ביסט פון שטיין, צי ביסט פון שטויב —
פון וואָס דו זאָלסט ניט זייַן,
פאר מיר ביסט כיינעוודיק און שיין
און וווּנדערלעך דו שייַנסט.

מיליאָנען לעמפּלעך ריי נאָך ריי
אין שטאָט באלויכטן אלץ.
נאָר ניט באלייַכטן קאָנען זיי,
אזוי ווי דו, דאָס הארץ.

◇ ◇ ◇

די יונגע ראבינע בייגט זיך און רוישט —
א ציגייַנערן אין רויטע קארעלן.
די בלעטער, ווי קאָרטן, טוישט זי און טוישט,
ווי זי וואָלט זיי מיר אויסלייגן וועלן.

וואָס קאָן זי מיר טרעפן?
אַן אָפענע קאָרט
מייַן וועג און מייַן לעבן איז טאָמיד.

א ווינטל א שטיפער געפינט זיך קיין אָרט,
ער שטיפט און ער פייַפט און ער טומלט.

איך קוק א פארגאפטער און שעפּטשע צו זיך,
נאָר עס פעלן מיר פינקטלעכע ווערטער,
און פריילעך עס ווינקט די ראבינע צו מיר,
פארגייט זיך אין רויטן געלעכטער.

מיט פרישקײַט פול — א נײַער טאָג

אפן וואָקזאל

— דו פאָרסט אוועק?
— כ׳האָב ניט געטראכט...
— באגלייטסט, ווײַזט אויס?
— איך האָב ניט וועמען...
— איז וואָס האָט דיך אהער געבראכט?
...נו, גיי דערצייל, ער זאָל באנעמען...

א צוג קומט אָן, ס׳פאָרט אָפּ א צוג,
און וואָס איך דאַרף — גייט אָן ניט קיינעם...
נאָר מיר איז גוט, מיר איז גענוג
אין וועג באגלייטן יעדן איינעם.

א מיידל שמייכלט דורך דער שויב,
א באָכער שיקט א קוש א ברייטן...
ס׳איז עפּשער מיר? נאָר קיינעם כ׳רויב:
אויב ס׳איז ניט מיר — איז דאָס א צווייטן!

— איר פאָרט אוועק?
איז נאָט די האנט!
— איר גייט באגלייטן?
קומט אינײַנעם!
כ׳האָב ליב אײַך, מענטשן! אומבאקאנט,
איך טראָג אין הארץ אײַך יעדן איינעם!..

האַרבסט

נאָך ערגעץ־ווו די מיט פון נאכט
כאלוימעס שפּינט, אין שלאָף פארבאָרגן,
און אונדז האָט שוין די זון געבראכט
די ערשטע בלויקײַט פון פרימאָרגן.

די שײַטערס זײַנע ער צעצינדט,
און אײַנגעטונקט אין גאָלד די הייך איז,
און ס׳טראָגט א סאמעטענער ווינט
פון טײַגע רייצנדיקע רייכעס.

מיט פרישקײַט פול, א נײַער טאָג
אַף גאסן קומט, צו מי א גרייטער,
און אלץ, וואָס ער אין זיך פארמאָגט,
אונדז שענקט ער מיט א האנט א ברייטער.

א שווער באלאָדענער, זײַן טראָט
איז שטײַף, און אומעטום צעשטעלט ער
די פרוכטן צײַטיקע פון סאָד,
די גאָב פון שניט אַף נײַע פעלדער.

מיט פּיירעס טראָגט דער וואלד זײַן קויש
צו מענטשנס טיש — צו סודע זאטער,
און ס׳פּילט זיך שוין אין ווינט־געדויש
דער יאָמטעוודיקער פרייד־געפלאטער.

און ס׳האָט דער יונגער, מילדער ווײַן
שוין אָפּגעשפּילט אין לאָגל נײַעם —
אַף אלע כאסענעס וועט זײַן
מיט וואָס צו טרינקען א לעכאַיִם!

דער לעצטער בלאַט

דער שענסטער בוים פון אונדזער סאָד
האָט הײַנט דעם לעצטן בלאט פארלאָרן —
האָט ער געיאָגט איבער דער שטאָט
און צווישן טויזנט — ניט געוואָרן...

פון בעסטן, וואָס איך האָב געהאט,
פון טײַערסטן, וואָס איז פארבליבן, —
מײַן גוטער בלאט, מײַן שיינער בלאט,
ווּהין, מיר זאָג, האָט דיך פארטריבן?

כ׳האָב זיך געלאָזט נאָך אים אין וועג,
ווי אַף א פארביק־העלן טישטעך,
בא יעדער שטעגעלע געפרעגט
און אונטער יעדן שטיין גענישטערט.

נאָר קיינער האָט מיר ניט געוואָלט
דעם סאָד אנטפלעקן — אלץ געשוויגן.
געטראָטן כ׳האָב אַף שטיקער גאָלד
און ניט געהערט, ווי ס׳האָט געשריגן...

און עפּשער שרײַט עס גאָר מײַן בלאט
און וואַרט אַף מיר דאָ אומגעדולדיק?
אזא מין ווײ, אזא פאראט —
און ווער איז אין דער אוולע שולדיק?

צי עפּשער גאָר אַף שאנד און שפּאָט
זיך נויקעמען אין מיר די יאָרן?
...דער שענסטער בוים פון אונדזער סאָד
האָט הײַנט דעם לעצטן בלאט פארלאָרן...

אַט יענע — די ערשטע

אַט יענע — די ערשטע, מיט ווילן און גלויבן,
וואָס האָבן די זעג און דאָס רידל פאַרהויבן
צו רײַסן די שטילקײַט פון ברייטן און לענגען, —
כ׳וועל שטענדיק געדענקען.

בערדיטשעווער יאַטן און מיידלעך פון באַלטע,
וואָס האָבן געוואָרפן די היימען די אַלטע, —
אפילע פאַרמעקטע אין ווירבל פון יאָרן —
איך האַלט אין זיקאָרן.

איך שפּאַן איבער גאַסן, דורך פלעצער און סקווערן,
מיר דוכט, זייער שטים וועל איך באַלד דאָ דערהערן:
אַט דאָ אונטער צווײַגן זיי זײַנען געזעסן —
כ׳וועל קיינמאָל אין זיי ניט פאַרגעסן.

זיי זײַנען שוין באָבעס, זיי זײַנען שוין זיידעס,
און יעדער פון זיי איז א העלד — ניט קיין איידעס
פון לעבן, וואָס דאָ האָט גענומען שאַרײַען, —
כ׳בין גרייט פאַר זיי קנײַען.

אַט יענע — די ערשטע, וואָס האָבן, ווי טרוימען,
פאַרזייט אַף די ראַכוועסן זייערע זוימען
און פלעגן מיט אייגענעם בלוט זיי באַשפּרענקען, —
איך וועל זיי געדענקען.

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

יאָרבוך פון די בולגאַרישע ייִדן

אין סאָפיע איז דערשינען דאָס אָרדנטלעכע יאָרבוך פונעם קולטור־ און בילדונגס־פאַרבאַנד פון די בולגאַרישע ייִדן.

אינעם „יאָרבוך 1972" זײַנען פאַרעפנטלעכט א ריי אַרבעטן, וועלכע שילדערן דאָס לעבן פון די בולגאַרישע ייִדן אַמאָל און הײַנט. אייניקע מאַטעריאַלן אין דער נײַער אויסגאַבע זײַנען געווידמעט געאָרגי דימיטראָוון — דעם גרויסן זון פונעם בולגאַרישן פאָלק, וועמעס 90־טער געבורטסטאָג עס ווערט היאָר אָפּגעמערקט.

„אין דער געשיכטע פון בולגאַריע, — שרײַבט כ. שנער, — איז ניטאָ נאָך אזא נאָמען, וואָס זאָל האָבן אזא אײַנפלוס אַף דער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד. גרויס זײַנען אויך ג. דימיטראָווס פאַרדינסטן אינעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם און אין פאַרטיידיקן די בולגאַרישע ייִדן פון די פאַשיסטישע רעדיפעס".

דימיטרי דילאָוו דערציילט אין זײַן אַרטיקל וועגן X קאָנגרעס פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער ברענגט צווישן אַנדערס אינטערעסאַנטע ציפערן וועגן די ענדערונגען אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די בולגאַרישע ייִדן, וועגן זייער אַקטיוון אָנטייל אין דער ווויסנשאַפט און אין דער פאָלקסווירטשאַפט. לויט די לעצטע סטאַטיסטישע אָנגאַבן זײַנען צווישן די ייִדן, וואָס זײַנען פאַרטראָטן אין דער וויסנשאַפט פון בולגאַריע, פאַראַן: 1 אַקאַדעמיקער, 11 מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן, 24 פּראָפעסאָרן, 38 עלטערע וויסנשאַפט־טוער, 31 דאָצענטן.

אין „יאָרבוך" איז פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון עלי אַשקענאַזי — וועגן פעאָדאַליזם אין בולגאַריע, איסאַק מאָסקאָנאַ — וועגן די מינהאָגים און געוווינהײַטן פון די בולגאַרישע ייִדן אין די אַלטע צײַטן א. א. א ספּעציעלער אָפּטייל איז געווידמעט דעם קאַמף פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר ראַטעווען די אינטערנירטע ייִדן פון דער פאַשיסטישער אויסראָטונג.

דעם אַרײַנפיר צום יאָרבוך האָט אָנגעשריבן דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער בולגאַרישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פּראָפעסאָר אַלעקסיי שעלודקאָ.

■ ■ ■

אַלעג טומאַנאָוו

דרײַ נאָוועלן

דער פעטער געדאַליע

איך בין געזעסן אין רעדאַקציע פון „קרימסקאַיאַ פּראַוודאַ”. קיין מענטשן האָבן דאָ ניט גע־פעלט, אַלע האָבן געגלאַנצט מיט שאַרפזין, וועלכער איז מיר געווען פריקרע אַפילע אין מאָסקווע. ענדלעך איז דער שמועס דערגאַנגען דערצו, אַז די נעשאָמע קאָן מען ניט אויס־שפּײַען, אַז מע דאַרף כאַפּן אַ קײַ.

— דער פעטער געדאַליע אַרבעט נאָך? — האָב איך געפרעגט.

עס איז שטיל געוואָרן, אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, און עמעצער האָט געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ פעטער געדאַליע?

— ניט שוין זשע האָט איר ניט געהערט וועגן אים? נאָך דער מילכאָמע איז ער באַוווּסט געוווען באַ אײַך אין סימפעראָפּאָל מיט זײַנע קאַראַ‏ִמישע פּירעזשקעס.

כעוורע האָט דערהערט וועגן „פּירעזשקעס”, איז דער אויבנופיקער סנאָביזם און דאָס ווילן צו זײַן „אָף דער געהעריקער הייך” פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַלע האָבן געפרעגט, ווער איז דער פעטער, דערבײַ האָט איינער דעם אַנדערן ניט געלאָזט ריידן. פאַרשטייט זיך, אַז כאָטש דעם פעטער געדאַליעס פּירעזשקעס, האָט דער יונגער דאָר, ניט קוקנדיק אָף זײַנע נייגונגען, אָף זײַנע נײַע געשמאַקן, געוואָלט הערן וועגן די נאָכמילכאָמע־יאָרן.

— איר האָט אים געקענט? — האָט עמעצער ווידער געפרעגט. — באַ אונדז אין שטאָט דערציילט מען זיך אָן וועגן אים אַ סאַך מײַסעס.

— ווער האָט ניט געוווּסט, ווו דעם פעטער געדאַליעס קיאָסק געפינט זיך? כאָטש זײַן קיאָסק איז געשטאַנען אָפן מאַרק אין דער זײַט, ווײַטלעך פון שוויבלענדיקן ערטל, דאָרט ווו דער פאָטאָגראַפיע־פּאַווילאָנטשיק איז געשטאַנען און ווו מע האָט געקאָנט זיך פאָטאָגראַפירן רײַטנדיק אָף אַ פערד אָדער באַנאַנד מיט אַ גאַניידן־פויגל.

באַלד נאָך דער מילכאָמע בין איך געקומען אין סימפעראָפּאָל. אין אָוונט בין איך אַוועק אָף אַ ספּעקטאַקל, דערנאָך האָבן מיך די היגע אַקטיאָרן און די זשורנאַליסטן פאַרשלעפּט צום פעטער געדאַליע. אין יענער צײַט איז ער אין סימפעראָפּאָל באַרימט געווען מיט זײַנע קאַראַ‏ִמער פּירעזשקעס ניט ווייניקער, ווי אין אַדעס דאָס האַפן־בירעלע „גאַמברינוס”, עמעס אָן אַן אָרקעסטער, אָן סאַשקען, אָן די פּעסער, אָף וועלכע עס פלעגן אַזוי גרויסאַרטיק־מאָלעריש זיצן די יאַם־לײַט פון דער גאָרער וועלט.

דער קיאָסק פון דער פּירעזשקע־אונטערנעמונג, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט זיך געפונען אין אַ זײַטיק ווינקל פון מאַרק. ביז מיר האָבן עס אָפּגעזוכט, איז שוין געווען צוויי אַזייגער באַנאַכט. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין די פאַרמאַכטע לאָדנס פון קיאָסק.

— ווער איז דאָרטן? — האָט געפרעגט אַ פאַרשלאָפן קאָל.

— איר האָט געסט, עפנט!

— איין מינוט.

מיר זײַנען אַוועק צו דער טיר אַהינטער דעם קיאָסק. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך די טיר געעפנט, און דאָס זעלבע פאַרשלאָפענע קאָל האָט אונדז העפלעך אַרײַנגעבעטן. ערשטנס, האָב איך זיך אַזש פאַרלאָרן פון דער גאַסטפרײַנטלעכקײַט אין אַזאַ שפּעטער שאָ. צווייטנס, בין איך געווען זיכער, אַז עס איז סטאַם אַן אומזיסטער גאַנג. „ווער וועט עס נעמען באַקן פּירעזשקעס נאָך האַלבער נאַכט?” — האָב איך געטראַכט. אָבער די טיר פון

קיאָסק איז געווען אָפֿן, און מיר האָבן זיך אַלע אַרײַנגעקוועטשט אין אַ מין „פֿאָדערבעדל“, אַ פּיטשינק קעמערל, וואָס האָט געזאָלט אָפּטיילן די קלוימערשטע בופֿעטל — טאַמבאַנק פֿון זאַל. דער זאַל איז געווען פּונקט אַזוי געראַם, ווי דאָס פֿאָדערקעמערל, אין וועלכן עס זײַנען געשטאַנען צוויי טישלעך אינעם סטיל פֿון דער אורשטיינערנער עפּאָכע און פֿיר געבויגענע עמעסע ווינער שטולן.

קעדיי מיר אַלע זאָלן באַקוועם באַזעצט ווערן, האָט דער פֿעטער געדאַליע אַרײַנגעבראַכט צוויי קעסטלעך. דערנאָך זײַנען מיר אַלע באַהערשט געוואָרן פֿון דער געוויסער שטילקייט, וואָס קומט אין מינוטן פֿון פֿײַערלעכער דערוואַרטונג, אַז עפּעס אַ נײַס וועט אומגעזאָמט אָנקומען. און אונדזערע פּענעמער האָבן זיך אויסגעצויגן פֿון אומגעדולד. דער פֿעטער געדאַליע האָט זיך נאָך אַלץ געפּאָרעט אויף דער טאַמבאַנק, ער האָט פֿרײַנטלעך געשמייכלט צו אונדז.

ער האָט אונדז אויפֿמערקזאַם באַטראַכט, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויף דער טאַמבאַנק, און זײַן שמייכל האָט ווי געבעטן באַ אונדז:

„איר קאָנט זיך באַגיין מיט מיר אָן שום אָנשטעלן, ווי איר באַגייט זיך איינער מיטן אַנדערן“. פּלוצעם האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— ווער איז דאָ דער גאַסט?

ער האָט עס געפֿרעגט ניט דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט געוווּסט, ווער דער גאַסט איז, וואָרעם די גאַנצע קאָמפּאַניע, כּוץ מיר, האָט ער געזען ניט איין מאָל. ער האָט עס, אַפּאָנעם, געפֿרעגט, ווײַל ער האָט געוואָלט, מע זאָל מיך פֿאָרשטעלן ווי עס געהער צו זײַן, לויטן גאַנצן ריטואַל.

— ווונדערט אײַך ניט, יונגערמאַן, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — איך פֿרעג עס, ווײַל כאָטש איר זײַט געקומען קיין סימפֿעראָפּאָל ניט צוליב מיר, זײַט איר איצט מײַן גאַסט. איר זײַט דאָך געקומען אַהער, און דאָס איז אַלציינס, ווי איר וואָלט געקומען צו מיר, אין מײַן שטוב אַרײַן. זאָל אײַך ניט אַרן, וואָס דאָס מעבל איז ניט קיין געהויבנס. אין מײַן דירע, ווו איך נעכטיק זעלטן, איז אויך ניט בעסער... וואָס קאָן מען מאַכן? זאָל דאָס אונדז צוקומען, וואָס די מילכאָמע האָט אומגעבראַכט, — האָט ער צוגעווונטשן, דערבײַ שולדיקלעך געשמייכלט, ווי ער וואָלט געבראַכט דעם אומגליק אויף דער וועלט. אָט אַזוי שמייכלענדיק איז דער פֿעטער געדאַליע פֿאַרשוווּנדן אַהינטערן פֿאָרהאַנג און האָט זיך באַלד ווידער באַוויזן מיט אַ גרויסן מעשענעם טאַץ אין די הענט, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשאָטן מעל און דערבײַ איז געלעגן אַ היפּש שטיק טייג. ער האָט גערעדט, און זײַנע דאַרע קליינע הענט, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי קינדערשע הענטלעך, האָבן געקוועטשט, געקנאָטן, געריסן דאָס טייג אויף שטיקלעך, ווידער צונויפֿגעקנאָטן, עס זאָל ווערן אי פּוכקע, אי האַרטלעך, ווי דער פֿעטער געדאַליע האָט עס געדאַרפֿט פֿאַר די פּירעזשקעס.

— עס פֿעלט אונדז נאָך גענוג, אָבער דאָס איז ניט וויכטיק, — האָט ער ווײַטער גערעדט, — דער איקער איז, מע זאָל האָבן אַ האַרץ, אַזאַ האַרץ, וואָס איז אָפֿן און קאָן אײַנעמען אַן אַנדערנס האַרץ. אָבער קעדיי אײַנצונעמען הערצער, באַדאַרף מען אַליין האָבן אַן אָפֿן האַרץ. מײַנס איז אָפֿן, קומט אַרײַן פּאָזשאַלעסטע! ווי זשע זאָלן אָבער פֿאַרט געעפֿנט ווערן אײַערע הערצער? איר ווייסט ניט, עמעס? אָבער איך ווייס טאַקע יאָ, איך עפֿן הערצער דורך די מאָגנס. אַזוי עפֿענען הערצער איז ניט אײַנגעפֿאַלן ניט מײַן זיידן, ניט מײַן טאַטן, כאָטש זיי האָבן אויך דאָס גאַנצע לעבן זייערס געמאַכט קאַראַימער פּירעזשקעס. מײַן זיידע אָלעווהאַשאָלעם האָט אָבער אַזוי געזאָגט: „דײַן האַרץ וועט זיך פֿרייען נאָר דענסטמאָל, ווען דו וועסט דערפֿרייען יענעמס האַרץ. יעדערער איז דאָס מעכוייעוו צו טאָן ווי ווײַט ער קאָן עס. איינער מאָלט אַ שיין בילד, אַ צווייטער שרײַבט אַ קלוג בוך, אַ דריטער נייט אַ גוטן בעגעד. דו, געדאַליע, ביסט באַשאַפֿן געוואָרן צו דערפֿרייען מענטשן מיט קאַראַימער פּירעזשקעס. פֿון דערויף איז געדרונגען, אַז דײַנע פּירעזשקעס דאַרפֿן צעגיין אין אַלע גלידער“. סטאַרעווע איך זיך, איך טו, ווי דער זיידע אָלעווהאַשאָלעם האָט מיר געהייסן טאָן. אַנדערע מענטשן פֿאַרשטייען ניט קנאַפּער פֿון מיר דעם דאָזיקן עמעס, אַז מע דאַרף זיך סטאַרעווען, מע דאַרף טאָן ערלעך און ראַיעל וואָס מע טוט, אָבער...

ער האָט גערעדט אָן שום בייז, ווי ער וואָלט געבעטן, אַז מיר זאָלן קיין פֿאַריבל ניט האָבן אויף די יעניקע, וואָס טוען זייער זאַך ניט ווי געהעריק. זײַן קלייניקער גוף איז אָט פֿאַרשוווּנדן אין פֿאָדערקעמערל, אָט האָט ער זיך ווידער באַוויזן. און דאָס פּאָנעם זײַנס, אַ באַלויכטנס פֿון עלעקטרישן לאָמפּ, האָט פּלוצעם, איך ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס, מיר דערמאָנט אין מײַן באָבעשי, אין איר גוטסקײַט, אין דער רו, וואָס האָט פֿון איר געווייעט אויף מיר, און אין איר פֿאַרטומלטער זאָרגעוודיקײַט, וואָס איך געדענק דאָס גאַנצע לעבן מײַנס.

— איר וועט מיר גלייבן, איך קאָן קיינעם ניט זאָגן „הער, דו ארבעטסט שלעכט". איך שעם מיך, גלײַך ווי איך גופא וואָלט ניט גוט געארבעט. און זיי מיינען, אז איך זע ניט, ווי זיי פארשמירן יענעם די אויגן, זיי טוען זיך זייערס. דעריבער ארבעט איך טאקע איינער אליין, אָפט העלפט מיר דאָס ווײַב. אָבער מײַנע רייד דארפן בלײַבן צווישן אונדז. און אזוי ארבעטן מיר זיך א גאנץ לעבן. עס קאָן זײַן, אז איר וועט אויסטײַטשן מײַן שווײַגן ווי א שוואכקײַט, אָדער אז איך האָב קיין מוט ניט זיך קעגנצושטעלן די פארטאטשעס. אָבער איך מיין, אז עס איז בעסער צו ארבעטן און ניט צו ריידן, איידער צו ריידן און ניט צו ארבעטן. איך האָב געקענט איינעם א דירעקטאָר פון א קראָם, וואָס האָט אף יעדער פארזאמלונג גע־נומען אף זיך צוגאָב־פליכטן, ער האָט צוגעזאָגט אײַנצושפּאָרן א האלבן פּראָצענט פון נאָ־טירלעכן העזעק. עטלעכע יאָר קעסיידער האָט ער מאָטיווירט אין זײַנע דראָשעס דעם האלבן פראָצענט. אנומלטן, אף א פארזאמלונג, האָב איך ניט אויסגעהאלטן, איך בין אופגע־שפּרונגען פון אָרט און איך האָב געזאָגט, אז ער איז א ליגנער. עס איז געוואָרן א טומל. האָב איך געוויזן מײַנע כעזשבוינעס, וואָרעם איך האָב פארשריבן שווארץ אף ווײַס אין א העפט, און איך האָב אויסגערעכנט, אז אלע יאָרן, וואָס ער איז דירעקטאָר אין קראָם, גיבן די סכוירעס שוין לאנג קיין העזעק ניט, פארקערט — זיי גיבן נאָר רעווער. איר לאכט? אלע האָבן געלאכט. נאָר איך איינער האָב ניט געלאכט, וואָרעם איך טראכט, אז א מענטש דארף צוזאָגן בלויז דאָס, וואָס ער קאָן אויספילן; טאָמער נעמט ער עפּעס טאָן, דארף ער דאָס טאָן מיט זײַן גאנץ לײַב־און־לעבן. ניט אומזיסט זאָגט מען וועגן א גוטן טוער: ער ארבעט, ווי אַן ארטיסט. איך גופא טו מיר אויך מײַן ארבעט, ווי אַן ארטיסט, וואָרעם איך האָב ליב מײַן ארבעט. מײַן מעלאָכע ווערט געבאָרן, קעדיי גלײַך צו שטארבן. אזוי איז אויך מיט דעם, וואָס דער ארטיסט טוט, איך האָב אין זינען דעם עמעסן ארטיסט. דער עמעסער ארטיסט וועט ניט שפּילן זײַן ראָל מאָרגן, ווי ער האָט געשפּילט נעכטן. דער נעכטן שטארבט, דער נעכטן בלײַבט אין די הערצער פון די, וועלכע האָבן געזען זײַן שפּילן. קומט אהער מאָרגן, וועט איר זען, אז מײַנע פּירעזשקעס וועלן זײַן א האָרעלע בעסער אָדער א ביסעלע ערגער, אָבער אזוינע פּירעזשקעס, ווי איר האָט הײַנט בײַ מיר געגעסן, וועט איר שוין ניט עסן קיינמאָל! דער שרײַבער לאָזט איבער א בוך, דער קינסטלער — א בילד, נאָך מיר וועט בלײַבן בלויז דערמאָנונג, אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען די דערמאָנונג, וואָס וועט נאָך מיר בלײַבן, וועט זײַן א גוטע. שלעכטס פארגעסט מען אמאָל גיכער, ווי גוטס. טאקע דעריבער סטארעוועט איך זיך, אז מע זאָל האנאָע האָבן פון מײַנע פּירעזשקעס איצט, קאָלזמאַן איך לעב.

ביז וואָס ווען זײַנען די פּירעזשקעס פארטיק געוואָרן, געדאליע האָט זיי צונויפגעלייגט אין א זיפּעלע, ער האָט זיך אנטשולדיקט און איז ווידער פארשוווּנדן געוואָרן אהינטערן פאָרהאנג.

מיר האָבן געשוויגן, מיר זײַנען פארכאפּט געוואָרן פון פעטער געדאליעס אומגעוויינלעך־רײנער אָפנהארציקײַט.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט דער זודיקער בוימל פון די פּירעזשקעס געבריט אונדזערע פינגער און די מײַלער אונדזערע. ערשט איצט האָב איך פארשטאנען, אז עסן דעם פעטער געדאליעס קאראזמער פּירעזשקעס איז ניט גרינגער, ווי זיי צו מאכן. דאָס האָבן נעמלעך געוווּסט די אלע, וואָס זײַנען דאָ געזעסן, כוץ מיר. איך וואָלט זיך דאָס מאָל ניט אויסגעלערנט, ווי דאָס צו טאָן, ווען ניט דער פעטער געדאליע.

— איר דארפט ניט עסן, ווי זיי, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — זיי זײַנען בארבארן, זיי זײַנען פּראָסטע, זיי ווילן זיך ניט לערנען, זיי פארשטייען ניט, אז אלץ דארף געטאָן ווערן מיט פלײַס, מיט כיישעק, אפילע מיט א ביסל ליבע. עסן דארף מען אויך קאָנען. אויב איך האָב די פּירעזשקעס געמאכט מיט פארגעניגן, וויל איך, איר זאָלט זיי עסן מיט פארגעניגן. איר האָט געזען, ווי איך האָב פריִער געקנאָטן דאָס טייג. איז מיינט ניט, אז מיט דערוף האָט זיך עס אָנגעהויבן, דאָס איז שוין געווען דער סאָף. פארן קנעטן האָב איך זיך צו דערוף מיט א פינגער ניט צוגערירט, וואָרעם אזא מין טייג, וואָס איז געמאכט אף אייער און פוטער, מוז מען האקן מיט א מעסער, מע האקט און מע האקט, ביז פון דער קאשע ווערט טייג, ערשט דאן נעמט מען עס אין די הענט און מע קנעט עס אזוי לאנג, ביז מע שפּירט, ווי יעדער מעל־קײַקעלע איז אי צעריבן, אי איניינעם, אָט דאן איז דאָס טייג פארטיק. דערנאָך דארף זיך עס אויסליגן, עס זאָל ארײַנאָטעמען אין זיך לופט. עס קאָן אָבער ארײַנאָטעמען מער לופט, ווי מע באדארף, דאן טו איך דאָס, וואָס איר האָט געזען, איך קנעט, איך רײַס אף שטיקלעך, נעם עס ווידער צונויף, — האָט דער פעטער געדאליע דערציילט, ענדלעך האָט ער באמערקט, אז מע האָט אופגעהערט עסן, און ער האָט אין פארלעגנהײַט געזאָגט:

— אנטשולדיקט, אַנשטאָט אײַך אויסצולערנען, ווי מע עסט מײַנע פּירעזשקעס, ברײַע איך אײַך א מײַסע, ווי מע דאַרף זיי מאַכן.

— עס מאַכט ניט אויס, עס איז געווען טשיקאַווע צו הערן, — האָב איך אים געטרייסט.

— הערט אויף, איר האָט מיך ניט געוואָלט באַליידיקן, און איר האָט מיר ניט געהייסן שווײַגן, אָבער פאָלגט מיך, לערנט זיך, ווי מע דאַרף זיי עסן. איצט קוקט זיך צו, וועט איר זען, אַז יעדער פּירעזשקע זעט אויס ווי א יאַם־מושל.

ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. ניט מער דאָס אָרט, וואָס איז בא א יאַם־מושל אָפן, איז בא דער פּירעזשקע פאַרקלעפּט מיט א פּאַסיקל טייג. און איך האָב אים וועגן דעם געזאָגט.

— איר זײַט גערעכט, נעמט זשע אַוועק דאָס פּאַסיקל און עסט געזונטערהייט, — האָט דער פעטער געדאַליע מיך באַגיטיקט.

זײַנע געשיקטע פינגער האָבן אַראָפּגענומען דאָס טייג־פּאַסיקל, און פון דער פּירעזשקע האָט זיך דערפילט אַזא באַטאַמטער רייעך, וואָס אפילו אַזא גרויסער שרײַבער און גורמאַן, ווי דער פּאָעטער דיומא, וואָלט עס ניט מעסוגל געווען צו באַשרײַבן. איך האָב אַרײַנגעקוקט אין דער עפענונג פון דער פּירעזשקע. זי איז געווען פול מיט בוליאָן.

— איר זעט, דער בוליאָן איז געוואָרן פון זיך אליין, ווי עס ווערט פון זיך אליין דער פּערל אינעם מושל. איך לייג אַרײַן א פּיצעלע געהאַקט פלייש, און דאָס איז דער טאַמצעס פון דער פּירעזשקע! איצט דאַרפט איר פאַוואָליעטשקע אָפּבײַסן אַזוי, אַז דער בוליאָן זאָל זיך ניט אויסגיסן אפן טיש און אף אײַערע הויזן, ווי אײַערע פרײַנט, די פראַיִם, וואָס בײַסן גרויסע ביסנס, פאַרגיסן אַזא געשמאַקײַט.

אלע האָבן זיך געפילט געטראָפן פון פעטער געדאַליעס רייד, די פּירעזשקעס זײַנען געבליבן ליגן אף די טעלערס.

— עסט, עסט, ווייס איך וואָס, מאַלע וואָס איך, אלטער נאַר, באַלעמוטשע אײַך, איך וועל מיר בעסער אַוועקגיין אַהינטערן פאַרהאַנג.

— ניין, וואָס פאַלט אײַך אײַן? איר שטערט אונדז ניט, זעצט זיך מיט אונדז, מיר בעטן אײַך!

— ווי פּאַס איך צו אײַער קאָמפּאַניע, צו אײַערע שמועסן?

מיר האָבן אָבער געזען, אַז ער וויל גראָד יאָ בלײַבן מיט אונדז. האָבן מיר געפּויעלט, אַז ער זאָל ניט אַוועקגיין, כאָטש עס איז ניט קיין דערעכערעץ, אַז דער באַלעבאָס זאָל זיצן מיט די געסט, וועלכע קומען אייגנטלעך נאָר צוליב די קאַראַימער פּירעזשקעס.

— רעכט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר איר עסט געזונטערהייט, איך האָב ליב צו קוקן, ווי מענטשן עסן בא מײַן טיש, זאָל זײַן, ווי דאָס ווערטל באַפוילט: „בייס איך עס, איז מײַן מויל שטום, און מײַנע אויערן זײַנען טויב".

מע האָט געבראַכט נאָך א קעסטל, אף וועלכן עס האָט זיך אַוועקגעזעצט אײנער פון אונדז. דעם פעטער געדאַליען האָבן מיר צוגערוקט א שטול, און איך האָב אים דערמאָנט:

— איר האָט דאָך אליין געבעטן, אַז מיר זאָלן זיך פילן, ווי בא זיך, דאַרפט איר זיך דאָך געוויס פילן היימיש אין דער אייגענער שטוב.

איך האָב פאַנאַנדערגעגאָסן דעם בראַנפן, וועלכן מיר האָבן מיט זיך געבראַכט. מיר האָבן געטרונקען לעכאַיִם מיטן באַלעבאָס, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער הייליקער אַכילע, צום אומברענגען די גאָלדיק־צוגעברוינטע קאַראַימער פּירעזשקעס. נאָך דעם בראַנפן, וואָס האָט געהיצט דעם גומען, זײַנען די קרוכקע פּירעזשקעס אַוועק ווי עס דאַרף צו זײַן, זיי האָבן אונטערגעסקריפּעט אף די ציין, ווי אײַז־ליכטלעך אין א קאָפּל בוליאָן, וואָס האָט צופעליק אַראָפּגעטריפט אפן טעלער, האָט מיר דערמאָנט אין פרילינג, ווען עס טריפט פון די סטרעכעס. די פּירעזשקעס זײַנען זיך צעגאַנגען אין אלע גלידער, דאָס קײַען און דאָס שלינגען האָבן געשטערט די שטילקײַט. א שטראַלנדיקער שמייכל האָט געשוועבט אף דעם פעטער געדאַליעס פּנים דערפון, וואָס זײַנע געסט עסן מיט אַזא גלוסטעניש די פּירעזשקעס.

— איצט איז שוין אַזעלכס ניט צו פאַרזוכן! — האָט עמעצער באַדויערט. — די קיִאָסקן מיט די פּאַלאַטקעס האָט מען פון מאַרק אַראָפּגעטראָגן, דעם פעטער געדאַליע האָב איך קיינמאָל ניט געזען, איך האָב נאָר געהערט, אַז אַזא אײנער איז געווען. איצט איז ער מיסטאַמע אף פּענסיע, אָדער ער איז דאָרטן, ווו מע באַגייט זיך אָן קאַראַימער פּירעזשקעס...

אַנומלטן איז אין רעדאַקציע געווען א באַגעגעניש מיט וועטעראַנען — פּאַרטיזאַנער. אף דער באַגעגעניש האָט מען דערמאָנט דעם פעטער געדאַליע, ווײַל ער איז געווען א קעכער אין א פּאַרטיזאַן־אָפּטיילונג.

— איך ווייס, אז מע האָט אים געזוכט, — האָב איך דערציילט.

— מע האָט אים געפונען? — האָט געפרעגט דער, וועלכער האָט פריִער געזאָגט, אז ער האָט דעם פעטער געדאַליע ניט געקענט.

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט.

איך בין גלײַך נאָך דער באַראַטונג מיט די פּאַרטיזאַנער אוועקגעפאָרן אין אַ קאָמאַנ־דירונג צוליב אַנדערע איניאַנים. דערנאָך האָבן מיר געגעסן מיטיק אין אַ גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן, און מיר האָבן געטרונקען מוסקאַט, וועלכן מע רופט הי „שוואַרצער שטיין", אָבער פאַר מײַנע אויגן איז געשטאַנען דעם פעטער גדאַליעס קליינטשינק פיגורל. איך האָב, ווי דאָן, באַלד נאָך דער מילכאָמע, געהערט זײַן שטיל קאָל, וואָס האָט גערעדט אַזוי דער־הויבן וועגן דעם, אז מע דאַרף זײַן ערלעך, געטרײַ און גינציק אין דעם, וואָס מע טוט. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך באַרימט מיט זײַנע קאַראַימער פּירעזשקעס, און איך האָב פאַרוווּנדערט געטראַכט: „ער האָט אַזויפיל גערעדט, אַזויפיל דערציילט, און ער האָט קיין איין וואָרט ניט געזאָגט, אפילו ניט דערמאָנט וועגן דעם, אז ער איז געווען... אין אַ פּאַר־טיזאַנישן אָטריאַד".

עס האָט געמעגט זײַן קירצער

די מאַשין האָט כליפּנדיק זיך געקוליעט פון איין זײַט אויף דער אַנדערער און זיך גע־שלעפּט איבערן צענעריקטן, צעיווירענעם וועג היפּשע עטלעכע שאָ.

פאַר די אויגן האָט געשוועבט אַ מוטנער ווייַנענדיק־וויַסלעכער הימל, און אין מיר האָט זיך איבערגעגאָסן דאָס בלוט און ווייטעקלעך זיך איבערגעמישט מיט מײַנע פאַרוווּנדעטע אינגעווייד. דאָס בלוט האָט זיך ניט נאָר איבערגעגאָסן, עס האָט ארויסגעשטראָמט פון מיר מיט אַ הייס שטראָמל, עס איז געגרונען איבער מײַנע לענדן.

די מאַשין האָט זיך געשלעפּט און געשלעפּט. צומאָל האָט זי געבוקסעוועט און איז אַ פאַרכאַלעשטע שטיין געבליבן.

פאַרליאַפּעט פון קאָפּ ביז די פיס אין בלאָטע, האָט דער שאָפער אַ באַנומענער געשאָטן זידלערײַען און האָט גערדרייט דאָס הענטל, קעדיי די מאַשין זאָל אופלעבן און זיך אַ ריר טאָן פון אָרט.

זי האָט זיך געאַקשנט און פונדעסטוועגן זיך גענומען באַוועגן. דער שאָפער פלעגט צוגיין צום קוזאָוו, ווו איך בין געלעגן, מיט אַ פראַגע:

— נו, ווי פילסטו זיך?

ער האָט עס געפרעגט, ווײַל אַזוי פרעגט מען שטענדיק בא אַ פאַרוווּנדעטן, דעריבער האָב איך געשוויגן. עס איז מיר געווען אַלצייינס: צי ער פרעגט, צי ניט.

איך האָב געקוקט צום קלעפּיק־נודנעם הימל, צומאָל האָט איבערן באָרט פון קוזאָוו אַ פאַכע געטאָן אַ טרוקענע צווײַג, מיר אַ קרעל געגעבן דאָס פּאָנעם און איז פאַרשוווּנדן. דאַן פלעג איך עפענען די אויגן, איך האָב אויף אַ רגע געכאַפּט מיטן בליק דעם סילועט פון אַ צעקאַליעטשעטן בוים, וועלכער פלעגט פאַרשווינדן אין דער נעפּלדיקער געדיכטעניש, און פאַר מײַנע אויגן איז ווידעראַמאָל געשוועמען דער וויַסלעכער הימל, וועלכער האָט זיך באַהעפט צום רעווען פון מאָטאָר און צו די אומגעדאַכטע קלאַנגען, וואָס זײַנען אופגעקומען אין מײַן מויעך, בייס איך האָב פאַרגעסנדיק זיך, ווי געדרעמלט. קוים האָב איך אַראָפּגעלאָזן די אויגן־לעפּלעך, זײַנען אין מײַן מויעך באַלד אופגעקומען ווייכע פאַרנעפּלטע דערמאָ־נונגען פון דער קינדהײַט איינעם מיט די אומגעדאַכטע פּאַסירונגען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהײַט.

עס האָבן זיך געמישט פּיאָנער־ליניקעס און צאַרטע דאָרעם־נעכט מיט סאַלדאַטסקע קאָלאָנעס, וואָס רײַסן זיך פון סויִנעס אַרומרינגלעניש, באַמבעס־אופרײַסן, ווי אין אַ פּאַר־לאַנגזאַמטן קינאָ־קאַדער, עס הייבן זיך פלאַמען ביז צום סאַמע הימל איינעם מיט ערד, אַט לאָזט זיך דאָס פּאַוואָליע אַראָפּ און אָט פלאַקערן שוין פריידיקע פּיאָנערן־פײַערס, עס ווערן באַלויכטן גליקלעכע קינדערשע פּנעמער.

פּלוצעם באַווײַזט זיך פון שײַטער א שוואַרצער גלאַנציק־אויסגעפּוצטער שוך. איך שיט אַפן שוך א זשמעניע שטויב, טו א ריב מיט דער באַרשט און שרײַ: „ס'איז ניט קיין בלאָטע, ניט קיין וואַסער. וועסט טאָמיד בלישטשען, ווי א נײַער!"

מיר, קינדער, האָבן אַזוי געשרײַען, בײַס מיר פלעגן לויפן איבער דער שטאָט. מיר פלעגן לויפן נאָך די שול־לעקציעס מיט א קעסטל, וועלכן מיר פלעגן רופן שאַראַבאַן. אין קעסטל זײַנען געלעגן בערשטלעך און גוטאַלין, און מיר האָבן געפּוצט די שיך בא פאַרבײַגייער. דאָס איז געווען אונדזער ערשטער קינדערשער פאַרדינסט.

דערוואַקסענע האָבן דאָס קיינמאָל ניט געטאָן, ווי זיי האָבן קיינמאָל זיך ניט אונטער־געטויכט לעבן די פּאַסאַזשיר־שיפן.

דערוואַקסענע פּאַסאַזשירן, מומעס און פעטערס האָבן געוואָרפן קליינגעלט פון שיף אין יאַם אַרײַן, און מיר קינדער האָבן זיך געוואָרפן אין וואַסער, זיך איבערגעקוליעט אַף די רוקנס, ווי אַקולעס און האָבן מיט די מײַלער געכאַפּט דאָס מינץ. דערנאָך, אין אָוונט, האָבן מיר זיך געמאַכט סודעס מיט זיסער גאַזירטער וואַסער, מיט אײַזקרעם און מיט וואָלוועלע פּירעזשקעס, וועלכע מיר פלעגן קויפן אין פּאַלאַטקע פון פלייש־קאָמבינאַט.

און אָט מישט זיך אין מײַן מויעך דער קילער דאַרעם־אָוונט, מיט דעם דושנעם ערד־שטיבל, עס פלאַקערט דאָס אייוועלע, און פון דער געשמאַקער גאַזירטער וואַסער ווערט ספּירט, וועלכן מע האָט אָנגעגאָסן אינעם דעקל פונעם קעסעלע. איך טראָג צו דאָס דעקל צום מויל. דער ספּירט צעגיסט זיך, ער גיסט זיך איבער מײַן פּאָנעם, פאַרגיסט מיר די אויגן, און איך קאָן דעם ספּירט פאַר קיין פאַל ניט אויסטרינקען, איך שטרענג זיך אָן, איך וויל עפענען די אויגן, אָבער איך קאָן די אויגן ניט עפענען. איך שטרענג זיך אָן מיט אַלע מײַנע קרעפטן, און מײַנע אויגן עפענען זיך. איך זע, אַנטקעגן מיר זיצט א מענטש, קיין פּאַגאָנעס זע איך ניט, די שינעל הענגט אַף זײַן דאַרן גוף. דאָס, וואָס דאַרף זײַן אָנגעטאָן אַף זײַנע אַקסלען, באָמבלט זיך ערגעץ בא זײַנע עלנבויגנס. די אויסגעווייקטע פּילאָטקע איז אַראָפּ־געפאָרן אַף זײַנע אויערן, האָט צוגעדעקט ניט נאָר דעם שטערן — אַפילע זײַנע ברעמען. פון דער פּילאָטקע איז די רעגן־וואַסער געריננען איבער זײַנע באַקן, ווי טרערן.

גרויסע, אומעטיקע, אומגעווייגלעכע בלאָע אויגן האָבן אַף מיר געקוקט פון אונטער דער פּילאָטקע. די אויגן זײַנען געווען, ווי אַרײַנגעפּאַסט אין זײַן בלייך, איידל פּאָנעם. עס איז געווען אומפאַרשטענדלעך, וויִאַזוי דאָס איידעלע פּאָנעם באַלאַנגט צום גוף אין דער אויסגע־ווייקטער, גרויסער, ניט לויט זײַן מאָס אופגעגייטער סאָלדאַטסקע שינעל.

ער איז גיכער ענלעך געווען אַף יעזוס קריסטוס, ווי אַף א סאָלדאַט. און אָט, האָט זיך יעזוס איבערגעטאָן אין א סאָלדאַטסקע שינעל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימל אַף דער ערד, קעדיי ער זאָל מיט אונדז אינײַנעם לײַדן די פּײַן און די מילכאָמע־מאַטערניש.

עס איז מיר געוואָרן לעכערלעך פונעם דאָזיקן פאַרגלײַך. ער האָט זיך צוגערוקט נעענ־טער צו מיר און געפרעגט:

— עס טוט וויי?

אָנשטאָט צו שמייכלען פון מײַן פאַרגלײַך צווישן אים און יעזוסן האָט זיך מיסטאַם באַוויזן אַף מײַן פּאָנעם א וויי־גרימאַסע. איך האָב גאָרנישט ניט געענטפערט, ער האָט זיך צוגערוקט צו מיר נאָך נעענטער, און האָט גענומען ווישן מײַן פּאָנעם מיט דער פּאָלע פון זײַן שינעל.

פון דער שינעל האָט געשמעקט מיט צעפּרייעטן שטאָף און מיט שווייס. איך האָב געקוקט אין זײַנע גרויסע, גוטע, אומעטיקע — ייִדישע אויגן. און איך האָב ניט פאַרשטאַ־נען, פאַרוואָס דער ווײַסלעכער הימל שפּיגלט זיך ניט אָפּ אין זיי...

ריידן האָב איך ניט געוואָלט. דערפאַר אָבער האָב איך געוואָלט זען זײַנע בלאָע אויגן, אַזוינע בלאָע, אַזוינע ווײַטע אויגן, ווי מײַן פאַרגאַנגענע קינדהײַט.

ער האָט עס געוויס פאַרשטאַנען און ער האָט אַוועקגענומען פון מײַן פּאָנעם די פּאָלע פון זײַן שינעל.

דער רעגן האָט געטריפט אַף מײַן פּאָנעם, עס האָט מיך געקילט און געקיצלט. קאַלטע וואַסער־שטראָמעלעך זײַנען אַראָפּגערונען אַהינטער מײַן קראַגן.

און ער איז געזעסן לעבן מיר, ווי פריִער, זײַנע אויגן האָבן געקוקט צו מיר מיט א שמייכל, ווײַל ער האָט געפילט, אַז פון זײַן שמייכלען ווערט מיר גרינגער אַפן האַרצן.

— נו, איצט איז דיר בעסער, — האָבן זײַנע שמייכלענדיקע אויגן גערעדט צו מיר — איך פאַרשטיי, דיר ווילט זיך ניט שמועסן. עס טרעפט, אַז מיר ווילט זיך אויך ניט ריידן. טאָ שווײַג. מיר קאָנען זיך איצט באַגיין אָן ווערטער. שווײַגנדיק קאָנסטו דערציילן וועגן זיך, מער ווי עס איז מיט דיר געווען. בײַס די אויגן ריידן, פאַרשפּאָרט מען צו זוכן ווערטער,

מע דארף אויך ניט פלעכטן קיין כיטרע־סייכלדיקע פראזעס. אָט, אזוי וועלן אונדזערע אויגן אויסדערציילן איינער דעם אנדערן אלץ, וואָס מיר האָבן געפילט, און ניט נאָר דאָס, וואָס עס איז אונדז אויסגעקומען צו זען. עס איז דען מעגלעך אויסצודריקן מיט ווערטער אלץ, וואָס א מענטש פילט? ניין, ווערטער זײַנען אָפּט מאכטלאָז. באזונדערס אין דעם פאַל, ווען דו באגעגנסט א מענטשן צום ערשטן מאָל. זאָל דיך ניט אַרן, איך וועל ניט אַרײַנקריכן מיט מײַנע הענט אין דײַן נעשאָמע, מײַנע הענט טויגן ניט צו דעם, זיי זײַנען איצט געווען שמור־ציק. אונדזערע אויגן ווייסן בעסער ווי אונדזערע מײַלער, וועגן וואָס זיי האָבן צו שמועסן. דו פילסט געוויס, אז דײַנע אויגן זײַנען אײַנשטימיק מיט מײַנע אויגן און דו שמייכלסט צו מיר, ווי איך צו דיר... עס קאָן גאָר אנדערש ניט זײַן, דאָס לעבעדיקע שמייכלט צום לעבעדיקן. עס איז גוט איניינעם: עס איז ווארעם, קוק נאָר אָן דעם רעגן.

מיר איז בעעמעס גוט און ווארעם געווען פון זײַנע אויגן. און דערפאַר האָבן מײַנע אויגן אים דערציילט וועגן מײַנע קינדערשע יאָרן, וועגן זוניקן דאָרעם און דער זויבערער יאַם־קילקײַט, וועגן דער מאַמעס זאָרגעוודיקע הענט און דעם טאַטנס הומאָר.

מײַנע אויגן האָבן דערציילט, אָבער איך גופע האָב זיך געטויכט א פאַר־וויגטער, ווי אין יאַם־כוואַליעס, אין זײַנע אויגן, אין ווײַטע קינדער־דערמאָנונגען, אזעלכע גרינגע און פריידיקע, ווי גרינס מײַסעלעך. אזוי בין איך מיט אים געשווומען אין א פאַנ־טאַסטישער שיף מיט פורפור־רויטע זעגלען איבער די דערמאָנונג־כוואַליעס פון אונדזער ראַ־מאַנטישער יוגנט. פון אונדזער יוגנט, וואָס איז איצט אזוי ווײַט, ווײַט פון אונדז — און וועלכע האָט ניט געוווּסט פון אזוינע אומגליקן און מילכאָמע־פּלאָגן, וועגן וועלכע אונדז קומט אויס צו וויסן.

מיר זײַנען געשווומען באנאנד, און מיר האָבן מיט יוגנטלעכן ברען אין די אויגן געקוקט אין דער צוקונפט.

מיר זײַנען געווען שטאַרקע און גרויסע.

און איך האָב דערציילט — אלץ דערציילט.

ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט האָט די מאַשין געהודזשעט, ווי פריער, אָבער דער רעגן האָט אופגעהערט גיסן.

ער איז געזעסן אין דער זעלבער פּאָזע און געקוקט, ווי דער הימל שוועבט אוועק. דער־זען, אז איך האָב געעפנט די אויגן, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— בײַס איר זײַט געשלאָפן, האָט איר גערעדט, איך האָב אומגערן געהערט, כאָטש איך האָב עס ניט געוואָלט הערן, ווארעם מאלע וואָס מע רעדט אמאָל פון שלאָף, אָבער איר האָט אוודע געזען א גוטן כאָלעם. איר האָט גערעדט וועגן זעגלען, וועגן א ווארעמען יאַם, איר זײַט דען פון די דאָרעם־קאַנטן?

און ניט ווארטנדיק אָף מײַן ענטפער, האָט ער געזאָגט:

— איך בין אויך פון דאָרעם, איך דערמאָן זיך אָפּט דעם יאַם. צומאָל טוט מיר זייער באַנק, איך האָב ראַכמאָנעס אָף אים. דער יאַם איז באדאַרף רו, אָבער איצט שלײַדערט מען אין אים באָמבעס. דער יאַם איז לויט מיר פילאָסאָפיש־דיכטעריש, אָבער די באָמבעס ווייסן ניט, אז מע טאָר ניט פאַרגוואַלדיקן די פילאָסאָפיע און די פּאָעזיע פונעם יאַם, ווי מע טאָר קיי־נעם, קיינעם ניט פאַרגוואַלדיקן. — איר האָט ליב לידער?

— לידער? זייער.

— לייענען?

— יאָ.

און ער האָט אָנגעהויבן לייענען: ער האָט געלייענט וועגן דערוף, וואָס מיר האָט זיך געכאָלעמט, און מיר האָט עס ניט ווײַ געטאָן. מיר האָט ניט ווײַ געטאָן, אז דאָס, וואָס איך האָב געזען אין כאָלעם, וועט זיך שוין מער קיינמאָל ניט אומקערן, מײַן וווּנד האָט מיר אויך ניט ווײַ געטאָן.

ערגעץ פאַרויס האָט זיך אופגעריסן א סנאַריאַד און האָט צעפליקט דעם ריטם פון די לידער. די מאַשין האָט א קוויטשע געטאָן און געטראָפן מיט דער נאָז אין קיוועט, אין קוזאָוו האָט זיך באוויזן דעם שאָפערס קאָפּ. ער האָט אונדז אָנגעזאָגט א „פּריילעכע" בסורע:

— עס וועט שוין אויסקומען דאָ צו זיצן, ביז עס וועט ווערן פינצטער, דער וועג ליגט איצט, ווי אָף א טעלער.

די סנאַריאַדן האָבן גענומען זיך אופרײַסן נעענטער, שטיקער בלאָטע זײַנען געפלויגן אין קוזאָוו אַרײַן.

— מע דאַרף ניט, — האָב איך געזאָגט צום שאָפער, ווײַל ער האָט מיך געוואָלט אַראָפּ־שלעפּן פון קוזאָוו און באַלייגן אין קיוועט.

— און איר? — האָט דער שאָפער געפרעגט בא מײַן מיטרײַזנדער.

— איך וועל בעסער בלײַבן דאָ — האָט יענער געענטפערט.

דער שאָפער האָט געמאַכט „אין דער מאַמען אַרײַן" און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

מײַן מיטרײַזנדער האָט זיך ווידער גענומען צו די לידער, ווײַל ווען דער ערשטער סנאַריאַד האָט זיך אופגעריסן, האָט ער דאָך אופגעהערט לייענען. ער האָט געלייענט און די סנאַריאַד־אופרײַסן האָבן באַגלייט זײַן שטיל קאָל. איצט זײַנען די אופרײַסן געווען ניט שרעקלעך, ווי זיי וואָלטן ניט געטראָגן דעם טויט צו אונדז. איצט זײַנען זיי פּראָסט־פּאַשעט געווען, ווי אַן אַקאָמפּאַנעמענט צו די לידער.

די לידער האָבן געשטראָמט און געפּלאָסן. עס איז, דאַכט זיך, ניט געווען אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל קאָנען אָפּשטעלן זײַן שטיל קאָל, וואָס האָט גערופן צום לעבן. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די לידער צינדן אָן אין זײַנע טונקל געוואָרענע אויגן אַ גיריקן גלאַנץ, וועלכער מאַכט זיי טריב, ווי דער שטורעם מאַכט טריב און צאָרנדיק דעם יאַם, דאָס איז געווען וווּנדערלעך. איך האָב מיך געפרעגט: „ווו איז אַהינגעקומען דער אומעט פון זײַנע אויגן?.."

און עפּשער האָט דער האַרבער אָפּשײַן פון די סנאַריאַד־אופרײַסן אַזוי געענדערט זײַנע אויגן, בייס דאָס פײַער פון דער קאַנאָנאַדע האָט זיך פאַרגרעסערט און אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע שוואַרצאַפּלען.

איך האָב ניט געזען די סנאַריאַד־אופרײַסן, אָבער, ווען איך זע זיי אפילע יאָ, וואָלטן זיי מיר געוויס אויסגעזען טונקעלער, ווי דער גלאַנץ פון זײַנע טריב־צאָרנדיקע אויגן.

אין זײַן בליק איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען מער באַדײַטנדיק און גרעסער, ווי טויט־געפאַר.

עס איז פינצטער געוואָרן, די דײַטשן האָבן אופגעהערט צו שיסן, די מאַשין איז אַרויס־געפּויזעט פון קיוועט און האָט זיך ווײַטער אַוועקגעשלעפּט.

ער האָט אופגעהערט לייענען און איז געזעסן שטילינקערהייט.

— פאַרוואָס זײַט איר ניט אַרויסגעקראָכן פון מאַשין? — האָב איך געפרעגט, — איר האָט ראַכמאָנעס געהאַט אָף מיר?

— ניין. עס איז מיר געווען אינטערעסאַנט, איך האָב אַליין געוואָלט הערן, ווי די לידער קלינגען, די לידער זײַנען דאָך מײַנע, איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז איר האָט גאַנץ גוט געהערט.

— איר זײַט אַ פּאָעט?

— יאָ.

— איר האָט זיך ניט געשראָקן בייס דער קאַנאָנאַדע?

— איך האָב ניט געטראַכט וועגן דעם.

— וועגן וואָס זשע האָט איר געטראַכט?

— איר ווייסט, איך האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז אין דער לעצטער ליד, וואָס איך האָב פאָרגעלייענט, איז פאַראַן צעצויגנקײַט, עס איז צו לאַנג, עס וואָלט בעפּיירעש געמעגט זײַן קירצער!..

מיר האָבן זיך צעשיידט, בייס מע האָט מיך געבראַכט אין מעדסאַנבאַט.

— איר פאָרט ווײַטער? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ. — האָט ער געענטפערט.

— ווּהין?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איך פאָר, קעדיי ווידער צו שפּאַנען איבער די „מילכאָמע־שטעגן"... און פאַריינס צו קירצן, וואָס איך האָב אין די לידער צו לאַנג צעצויגן.

עס איז אוועק קימאַט צוואַנציק יאָר. מאָסקווע האָט באַגלייט אין לעצטן וועג אַ באַ־וווּסטן סאָוועטישן פּאָעט. איך בין מיט אים ניט באַקאַנט געווען באַם לעבן, אָבער ער איז געווען דער פּאָעט פון מײַן יוגנט, און איך בין געגאַנגען געזעגענען זיך מיט אים, ווי אויך מיט מײַן פאַרגאַנגענער יוגנט.

אין באַרג בלומען, אין לעצטן געשאַנק פון זײַנע מאָסקווער פאַרערער, האָב איך דער־קענט מײַן מילכאָמע־מיטרײַזנדער.

אין טרונע איז געלעגן מיכאַיל אַרקאַדיעוויטש סוועטלאָוו.

היפּנאָז

איר קאָנט אײַך לאַכן פון אַלטע לײַט, יונגערמאַן, און איך זאָג אײַך, אַז איך לעב אַף דער וועלט הונדערט יאָר, אַזוי ווײַזט זיך מיר אָפּט אויס, אָבער אינדערעמעסן איז מיר אינגאַנצן צוויי און אַכציק יאָר. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ מוזיקאַנט, נאָר אַזאַ מוזיקאַנט, ווי ראָסטראָפּאָוויטש, טרעפט ביז גאָר זעלטן, און איך פאַרזיכער אײַך, אַז ער איז — אַ גרויסער היפּנאָטיזיאָר. יאָ, יאָ, כאָטש, צוריק גערעדט, איז יעדער גרויסער אַרטיסט — אַ היפּנאָטיזיאָר! נעמט אַנע פּאַוולאָווע, שאַליאַפּינען, סאָבינאָוון. עס קאָן זײַן, אַז זיי גופא איז דאָס ניט אײַנגעפאַלן? אָבער די צושויער זײַנען אַף אַזויפיל שטענדיק געווען אונטער זייער אײַנפלוס, אַז זיי האָבן געלאַכט און געוויינט, זיי האָבן לאַכלוטן פאַרגעסן, אַף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זײַנען. איז אָט, פרעג איך אײַך, וואָס זשע איז דאָס, אויב ניט קיין מאַסן־היפּנאָז?

— איר רופט אָן אַזוינע נעמען, וועלכע האָבן אָן און פאַר זיך היפּנאָטיזירט דעם צושויער.

— איך ווייס ניט, איך בין ניט קיין טעאָרעטיקער. אָבער דער גרויסער געלערנטער פּאַוולאָוו גופא האָט זיך פאַרנומען מיט דער פּראָבלעם און ער אַליין איז באַזעסן די קראַפט פון מאַסן־היפּנאָז. איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז אַנומלטן האָט פּאַוולאָוו גערײַזט מיט זײַנע פרײַנט אַף אַ שפּאַציר־שיף, פּלוצעם האָט ער אויסגעשריִען: „קוקט, מײַנע הערן, אונדזער קעכער טרינקט זיך!!!” אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום שיף־באָרט, זיי האָבן טאַקע דערזען, ווי דער קעכער טרינקט זיך. די פּאַסאַזשירן האָבן גענומען וואַרפן אין וואַסער רעטונג־גורטן, אָבער דער קעכער איז שוין ניט געווען בעקויעך זיך אָנצוכאַפּן אין די דאָזיקע גורטן און דאָס וואַסער האָט אים נעבעך אײַנגעשלונגען פאַר אַלעמענס אויגן. איצט, מאָלט אײַך, ווי געפּלעפּט אַלע זײַנען געווען, בייס זיי האָבן דערזען, ווי דער קעכער, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן פאַר זייערע אויגן, העלפט דערלאַנגען דעם מיטיק פאַר די פּאַסאַזשירן! אָבער פּאַוולאָוו האָט צו די פאַרוווּנדערטע פּאַסאַזשירן רויִק געזאָגט: „ווּנדערט זיך ניט, קיין שום נעס האָט דאָ ניט געטראָפן. איך האָב פריִער פון אַלץ, פאַר זיך אַליין, אָנגעמאָלט אַ וואָרהאַפטיק בילד, ווי דער קעכער טרינקט זיך. מײַנע געהירן האָבן אין דעם מאָמענט געאַרבעט אינטענסיווער, ווי אײַערע געהירן, דעריבער האָט איר דערזען דאָס בילד, אין וועלכן איך האָב אײַך געוואָלט איבערצײַגן”.

— וואָס איז דאָ צו ריידן, — האָב איך דערווידערט, — פּאַוולאָוו איז פּאַוולאָוו!

— יאָ, עס איז קיין ספק ניט. פּאַוולאָוו איז פּאַוולאָוו, אָבער וואָס איז אַזוינס אין אַלגעמיין היפּנאָז? איך האָב אײַך שוין פריִער געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין טעאָרעטיקער, נאָר מיר דוכט, אַז דאָס איז פריִער פון אַלץ איבערצײַגעוודיקײַט אין בעסטן זין פונעם וואָרט. דאָס איז פאַנאַטישער גלויבן אין דעם, וואָס דו טוסט. טאַלאַנט — איז באַגײַסטערטע דער־הויבנקײַט פון געפיל און אומגעוואַקלט גלויבן! איר געדענקט, וואָס אוריִעל אַקאָסטאַ זאָגט בא גוצקאָוון? ער זאָגט: „מע גלייבט אונדז נאָר דאַן, ווען מיר אַליין גלייבן”. איר האָט פריִער געזאָגט, אַז בלויז די נעמען פון גרויסע אַרטיסטן פאַרקישעפן און פּלעטן דעם צושויער. איך דערווידער ניט. נאָר מיט יאָרן צוריק איז מיר אויסגעקומען אַרונטערצופאַלן אונטער אַ היפּ־נאָטישער קראַפט פון אַ טאַלאַנט, וועמענס נאָמען איך האָב ניט געהערט קיינמאָל.

מײַן מיטשמועסער איז שטיל געבליבן, ער האָט געשוויגן, ווײַל ער האָט געדאַרפט אַראָפּנעמען פון דער פאַרשטויבטער זיקאָרן־פּאָלעטשקע דאָס געשעענע פון פאַרשוווּמענע יאָרן, צי ווײַל ער האָט מיט זײַן שווײַגן געוואָלט אונטערהיצן מײַן נײַגער.

— איך האָב אײַך דערציילט, אַז איך בין אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געווען אַ דיריזשאָר אין אַ דראַמאַטישן טעאַטער. דאָס איז געווען גלײַך נאָך דער רעוואָליוציע. אין יענע צײַטן האָבן די טעאַטערן, וואָס זײַנען געפאָרן אַף גאַסטראָלן, קיין אָרקעסטערס ניט מיטגעפירט, דאָס איז געווען צו אַ טײַער אַרטיקל. מיט דער גאַסטראָל־טרופּע איז געפאָרן בלויז דער דיריזשאָר, דעם אָרקעסטער האָט מען געדאַרפט צונויפנעמען אַף אָן אָרט. כאָטש דאָס לאַנד איז דאַן געווען וויסט און כאָרעוו, זײַנען פונדעסטוועגן געווען גענוג מענטשן, וועלכע האָבן ליב געהאַט טעאַטער. איך וועל אײַך ניט גיין דערציילן וועגן דעם, אַז אין טעאַטער איז געקומען אַ נײַער אוילעם, איר ווייסט עס אויסגעצייכנט אָן מיר. סײַ דער אוילעם, סײַ די אַקטיאָרן זײַנען דאַן געווען האַלב הונגעריק, אָבער דאָס האָט אונדז ניט געשטערט צו עפּענען די הערצער איינער פאַרן אַנדערן.

דאָס מאָל האָבן מיר גאַסטראָלירט אין איינער פון די דאָרעמדיקע שטעט. די טרופּע האָט

רעפּעטירט, און איך האָב געדאַרפֿט צונויפֿנעמען אַן אָרקעסטער. אַלע מוזיקאַנטן האָב איך שוין געהאַט, עס האָט מיר געפֿעלט בלויז די ערשטע וויאָלאָנטשעל. די מוזיקאַנטן האָבן אַזוינעם פֿאַרגעלייגט. איר פֿאַרשטייט אַליין, אַז אַ גוטער מוזיקאַנט איז אַ זעלטנהייַט, ווער רעדט נאָך, אין דער פּראָווינץ? אָבער די מוזיקאַנטן האָבן מיך פֿאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ וויאָלאָנטשעליסט אַזוינס ווי אַזעלכס.

— פֿאַרוואָס איז ער אַליין ניט געקומען? — האָב איך געפֿרעגט.

— ער איז אַ גרויסער קאַפּצן... ער וווינט אויסער דער שטאָט... ער האָט נעבעך ניט צו באַצאָלן פֿאַר אַ טראַמוויי־בילעט, — האָבן די מוזיקאַנטן דערציילט.

— אַזאַ קלייניקייַט האָט איר ניט געקאָנט?..

מייַן מיטשמועסער האָט אויפֿגעהערט דערציילן, דערנאָך האָט ער באַמערקט:

— איך האָב זיי ניט געמוסערט, וואָס זיי האָבן יענעם ניט אויסגעליִען אויף אַ טראַמוויי־בילעט, ווייַל איר דאַרפֿט וויסן, אַז מוזיקאַנטן זייַנען שטענדיק גרייטהילפֿיק.

— איך ווייס עס, — האָב איך געזאָגט.

— גוט, הערט זשע ווייַטער. די מוזיקאַנטן האָבן זיך ניט געקאָנט אָנלויבן דעם וויאָלאָנטשעליסט: ער איז אַ טאַלאַנטפֿולער און ער איז אַן אומגעוויינלעכער מענטש. בקיצור, ביים מוזיקאַנטן שמועסן, זייַנען זיי ענלעך צו אַ טשאַטשע גראַקן, עס איז שווער עפּעס צו פֿאַרשטיין. פֿון אַלץ, וואָס זיי האָבן אין מיר אַרייַנגערעדט, האָב איך נעמלעך פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז יונג, באַגאַבט, זייער אָרעם, און דערצו איז ער גרייַלעך שטאָלץ, און ער וועט קומען בלויז אין דעם פֿאַל, אויב דער מאַעסטראָ, דאָס הייסט אויב דער דיריזשאָר גופֿא, וועט אים אייַנלאַדן און וועט אים אַרויסצאָלן אַ קליינעם אַוואַנס.

איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטעלע, אַרויסגענומען פֿון קעשענע דאָס ביסל מינץ, וואָס איך האָב פֿאַרמאָגט, און געבעטן, מע זאָל עס איבערגעבן דעם וויאָלאָנטשעליסט. איך האָב ניט באַמערקט, ווי די מוזיקאַנטן איז געווען אומבאַקוועם צו נעמען דאָס קליינגעלט, ווייַל איך האָב געטראַכט, אַז דער זעלטענער טאַלאַנט איז אַ היפּשער „סמורניק״, עס איז דאָ בײַ מוזיקאַנטן אַזאַ ווערטל וועגן אַזוינעם, וועלכער מאַכט פֿוילע שטיק. די מוזיקאַנטן האָבן גענומען דאָס צעטעלע, דאָס מינץ, די נאָטן און זיי זייַנען אַוועקגעגאַנגען.

דאָס צונויפֿשפּילן פֿון די מוזיקאַנטן איז באַשטימט געוואָרן אויף מאָרגן. טאַקע אויף מאָרגן האָבן די מוזיקאַנטן צו מיר צוגעפֿירט אַ יונג באָכערל פֿון אַ יאָר זעכצן. ער איז געווען געקליידט אָרעם, אָבער ריין. ווען ער האָט זיך באַגריסט מיט מיר, איז אויף זייַן נערוועז פּאָנעם געווען אַן אויסדרוק פֿון שרעק, נאָר אַ מין באַזונדערער אויסדרוק, ניט אין געוויינלעכן זין פֿונעם וואָרט. מע האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער טראָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז פֿאַרהוילט פֿון די איבעריקע מענטשן און ער טאָר דאָס ניט אַנטפּלעקן פֿאַר די יעניקע, וועלכע האָבן קיין שום האַסאָגע ניט וועגן אַזוינס, קעדיי זיי זאָלן דאָס אומגעזעענע, וואָס ער טראָגט אין זיך, ניט דערשרעקן און דאָס זאָל ניט אַרויספּליִען פֿון זייַן דאַרן גוף. יאָ, ער האָט ווי מוירע געהאַט, אַז זייַן סאָד זאָל ניט אַנטפּלעקט ווערן. טאַקע דעריבער האָבן זייַנע אויגן אויסגעדריקט פּאַכעד און זייַן בליק האָט מיך פֿאַרשנדיק געעגבערט, ווי ער וואָלט אויך אין מיר געזוכט און געוואָלט געפֿינען עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז ניט מעגלעך צו כאַפּן פֿון אויבנוף... ער האָט מיר דערלאַנגט זייַן האַנט, און איך האָב דערפֿילט, אַז זי איז הייס און טרוקן. זייַן נאָמען האָט ער אָנגערופֿן ניט אויסדריקלעך, ער האָט אים אַרויסגעפּרעפּלט, גלייַך זייַן נאָמען האָט קיין שום באַדייַטונג ניט געהאַט.

איך בין געשטאַנען באַם דיריזשאָר־פּולט, און איך האָב געפֿרעגט:

— אַלע האָבן זיך צוגעגרייט?

און מיר האָבן אָנגעהויבן רעפּעטירן די נומערן צום ספּעקטאַקל „די דאַמע מיט די קאַמעליעס״. דער ספּעקטאַקל איז, אַגעוו, געגאַנגען דעם זעלבן אָוונט. די מוזיקאַנטן זייַנען געווען באַהאַוונטע, די נומערן זייַנען געגאַנגען קעסיידער איינער נאָכן אַנדערן. איך בין מיטגעריסן געוואָרן, איך האָב אויסגעטאָן דאָס רעקל, די מוזיק איז געווען אונטערגעקליבן (אין יענע צייַטן האָט מען זעלטן אייַנגעלאַדן אַ קאָמפּאָזיטאָר, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ), איינער פֿון די לעצטע נומערן איז געווען מאַסנעס „עלעגיע״. די „עלעגיע״ האָט באַגלייט אַרמאַנדס געזעגענונג מיט מאַרגאַריטען. צוליב דעם האָב איך גראָד געדאַרפֿט די וויאָלאָנטשעל, ווייַל אין אַנדערע נומערן האָט זי גענומען ניט קיין באַדייַטנדיקן אָנטייל. איך, ווידער, בין געווען אויפֿגערודערט, און איך האָב זיך ניט צוגעהערט, ווי די וויאָלאָנטשעל האָט דורכגעקלונגען. „דער יונגערמאַן רעפּעטירט דאָס ערשטע מאָל, ער האָט זיך נאָך ניט אַרייַנגעטראַכט אין די נאָטן״, — האָב איך געקלערט. און אַז די „עלעגיע״ וועט ער גוט אויסשפּילן, האָב איך אַ האָר ניט געצווייפֿלט.

איך האָב געבעטן, מע זאָל צוגרייטן די נאָטן פֿונעם נומער, און איך האָב אָנגעקוקט דעם וויִאָלאָנטשעליסט. ער האָט אופֿגעהויבן דעם סמיק. זײַנע אויגן זײַנען געווען שרעקלאָז, זיי האָבן אַף מיר געקוקט מיט אַזאַ טיפֿקײַט, פֿאַר וועלכער מע קאָן זיך אַליין דערשרעקן. איך האָב אופֿגעהויבן דאָס שטעקעלע... זײַן סמיק איז צוגעפֿאַלן צו די סטרונעס, ווי מיט אַ דויערנדיקן קוש פֿון ליבע און פֿאַרצווייפֿלונג. איבערן גריף האָבן געפֿלאַטערט זײַנע הייסע טרוקענע הענט, און עס האָט אַ קלונג געטאָן אַזאַ מוזיק, וואָס מיר איז ביז דאַן ניט אויסגעקומען צו הערן — קיינמאָל.

מײַן מיטשמועסער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט אַרויסגענומען דאָס נאָזטיכל פֿון קעשענע און האָט זיך גענומען צו דער נאָז.

— איר האָט דאַן געהערט עפּעס אומגעווײנלעכס? — האָב איך געפֿרעגט.

— איצט בין איך זיכער, אַז איך האָב יאָ געהערט, אָבער דענסטמאָל האָב איך ניט געהערט — גאָרנישט.

— וואָס רעדט איר?

— דאָס, וואָס איר הערט. קיין איין קלאַנג האָב איך דאַן ניט געהערט.

— איך פֿאַרשטיי גאָרנישט.

— און איך האָב דאַן עפּעס פֿאַרשטאַנען? איך האָב געזען, ווי דער אָרקעסטער איז געבליבן אין אַ מין כאַלאָשעס דערפֿון, אַלע מוזיקאַנטן זײַנען געווען דערשיטערט. איך האָב געזען, ווי דער יונגער וויִאָלאָנטשעליסט שפּילט. איך האָב געקוקט אַף זײַנע אומגעווײנלעכע הענט. איך האָב דעם מינדסטן קלאַנג ניט געהערט, און איך בין געווען אַזוי געפּלעפֿט, אַז איך האָב ניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון אים מײַנע אויגן, און איך האָב ניט געקאָנט אָפּשטעלן דאָס שפּילן זײַנס. ער, ווידער, האָט אַף מיר ניט געקוקט, און זײַן בליק האָט געשוועבט ערגעץ אין אַ יענוועלט, ווײַט פֿון אונדזער זינדיקער ערד.

איך האָב אָנגעטאָן דאָס רעקל און ווי אַ מעשוגענער בין איך אַרויסגעלאָפֿן אין גאַס. ווײַל עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין טויב געוואָרן... בין איך שטיין געבליבן און זיך צוגעהערט... איך האָב זיך פֿון זינען געריררט? ניין, מײַן מויעך האָט אַלץ אופֿגענומען ווי עס דאַרף צו זײַן. אָבער מעשוגאָים מיינען דאָך אויך, אַז זייערע געהירן זײַנען ווי עס דאַרף צו זײַן? אָן קויכעס בין איך געבליבן, און איך בין ווידער אַוועק אין טעאַטער. „וואָס איז דאָס פֿאַר אָן אָנשיקעניש, איך מוז נאָכאַמאָל זען, ווי ער שפּילט, — האָב איך געטראַכט. טאָמער וועל איך עס נאָכאַמאָל ניט זען, וועל איך פֿון זינען אַראָפּ, אויב איך בין שוין ביז איצט ניט מעשוגע געוואָרן”.

איר קאָנט אײַך שוין פֿאָרשטעלן, וואָס מיט מיר האָט זיך געטאָן אַפֿן ספּעקטאַקל, בייס איך האָב געקוקט אַפֿן יונגן מוזיקאַנט און איך האָב, ווי אין כאָלעם, געוואַרט אַף דער „עלעגיִע”. „אַט באַלד, אַט באַלד”, — האָט מיר געהאַמערט אין קאָפּ. און וואָס זשע, מיינט איר? עס איז זיך פֿאַר מײַנע אויגן פֿאַרלאָפֿן נאָך מער אומגלויבלעכס, ווי פֿריִער.

אַרמאַנד האָט דערלאַנגט זײַן רעפּליק. איך האָב אַ קוק געטאָן אַפֿן וויִאָלאָנטשעליסט און אַ פּאָכע געטאָן מיטן שטעקעלע... איר ווייסט, אויב מע זאָל דערלאָזן, אַז מירמל קאָן בלייך ווערן, איז זײַן פּאָנעם אין יענע רעגעס געווען אויסגעטעסעט פֿון אַזאַ מירמל. אַ בלייך מירמל־געזיכט מיט בוילעט־קלאַפּנדיקע אָדערלעך אַפֿן שטערן. דאָס איז אומפֿאַרגעסלעך, ווי זײַנע הענט. זײַנע פֿלאַטערנדיקע הענט, וואָס אַט שטאַרבן זיי און אַט לעבן זיי ווידער. איך האָב מײַנע אויגן ניט געקאָנט אָפּווענדן פֿונעם באַגײַסטערטן פֿלי־פֿלאַטער פֿון זײַנע הענט, און אין דער זעלבער צײַט האָב איך געקאָנט שווערן, אַז דער אינסטרומענט איז שטום, ווי איך האָב געקאָנט שווערן, אַז איך הער מוזיק פֿון אַזאַ קראַפֿט און אַזאַ טיפֿקײַט, אַז עס ווערט אַזש שרעקלעך און דו ווערסט צעגאַנגען, דו סטײַעסט ניט אײַנײנעם מיט די קלאַנגען. די מוזיקאַנטן האָבן אופֿגעהערט צו אָטעמען, אַקוראַט די קלאַנגען פֿון דער „עלעגיִע”, וועלכע זיי האָבן ניט געהערט, האָט זיי פֿאַרביטן לופֿט און זויערשטאָף. זיי זײַנען געווען אויסער־זיך, און עס האָט זיי אַוועקגעטראָגן אײַנײנעם מיט דער אומשטערבלעכער „עלעגיִע” — אין דער אייביקײַט. ער האָט געענדיקט שפּילן.

עטלעכע רעגעס איז געווען שטיל, גלײַך ווי די מוזיקאַנטן זײַנען צוריקגעקומען פֿון אָן אומבאַוווּסט־ווײַטן ערגעץ־לאַנד, אָבער אַט האָבן זיי אַראָפּגעטרייסלט פֿון זיך דאָס ווײַט־אומבאַוווּסטע, אומדערגרייכבאַרע, און שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן פֿאַרהילכט דעם זאַל. דער וויִאָלאָנטשעליסט איז געשטאַנען מיט אַ פֿאַרהויבענעם קאָפּ, ער האָט געקוקט אַף די מוזיקאַנטן און אַף מיר מיט זײַנע ריזיק־גרויסע אויגן, וועלכע האָבן געשטראַלט פֿון מענטשלעכן גליק.

דער ספעקטאַקל האָט זיך געענדיקט. אין זאַל האָט מען אָנגעצונדן שײַן. אַ מאָדנער געפיל האָט מיך געצוווּנגען אַ קוק טאָן אויף דער וויאָלאָנטשעל, און דאַן האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ... דער אינסטרומענט איז געווען — אָן סטרונעס!

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, צי מײַן מיטשמועסער האָט בעקיוון אויסגערעכנט אויף אַזאַ אומדערוואַרטן סאָף, צי עס האָט זיך עס בײַ אים אַזוי באַקומען אומגערן. אָבער לויט דעם, ווי ער האָט אויף מיר געקוקט, האָב איך דערפילט, אַז איך זע אויס, ווי אַ באָקסיאָר נאָך אַ נאָקאַוט.

— ווי איז דאָס מעגלעך? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, יאָ!.. קיין איין סטרונע איז אויף דער וויאָלאָנטשעל ניט געווען... אויף מאָרגן האָבן די מוזיקאַנטן מיר דערציילט, אַז ער האָט קיין געלט ניט געהאַט צו קויפן סטרונעס. די מוזיקאַנטן האָבן געוווּסט, אַז ער האָט קיין קאָפּעקע ניט, און זיי האָבן אים געוואָלט אַרויסהעלפן, אָבער קיין ראַכמאָנעס פון זיי האָט ער ניט געוואָלט. קורץ גערעדט, זיי האָבן בײַ מיר געפּועלט, איך זאָל אים נעמען אין אָרקעסטער. דער נישטיקער אַוואַנס, וואָס איך האָב אים געגעבן, האָט ניט געקלעקט צו קויפן סטרונעס, האָבן אים די מוזיקאַנטן עפּעס דערלייגט, און ער האָט ענדלעך עס געקויפט. די סטרונעס האָט מען געדאַרפט ברענגען צום ספּעקטאַקל, אָבער דער „גערעטענער" שיק־יונג האָט פאַרשפּעטיקט. אַזוי־אַרום איז געשען דאָס, וואָס איז געשען, און ער האָט געשפּילט די „עלעגיע" אָן סטרונעס!

יענעם אָוונט זײַנען מיר לאַנג אַרומגעגאַנגען. מיר זײַנען געווען אַזוי צערודערט, אַז מיר האָבן קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. נאָך אַזויפיל יאָרן האָט אונדז פאַרכאַפּט די היפּנאָטיזירנדיקע קראַפט פון טאַלאַנט, וועלכע האָט אונדז געצוווּנגען צו גלייבן אין אומגלויבלעכן. איך האָב מיר אַזוי בוילעט פאָרגעשטעלט דעם יונגן מוזיקאַנט, זײַן פּאָנעם, זײַנע הענט, אַז אין מיר און אַרום מיר האָט אָנגעהויבן קלינגען די מוזיק, וועלכע איך האָב ניט געהערט מיט מײַנע אויערן, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי געקלונגען, איך האָב פּאָרט געהערט מאַסנעס „עלעגיע". „וואָס פאַר אַ באַגײַסטערטע קראַפט איז באַזעסן דער יונגער מוזיקאַנט, — האָב איך געטראַכט, — אַז ער האָט געקאָנט צווינגען אַזוי צו הערן, אַזוי צו פילן קלאַנגען, וועלכע זײַן אינסטרומענט האָט ניט אַרויסגעבראַכט, אַזעלכע קלאַנגען, וואָס נאָר ער אַליין האָט געהערט".

— וואָס זשע איז געווען נאָך דעם?

— נאָך דעם? איך ווייס ניט! מער איז ער ניט געקומען.

— פאַרוואָס?

— עס קאָן זײַן, אַז ער האָט מוירע געהאַט, עס זאָל ניט פאַרוויסט ווערן דער היפּנאָז, וואָס זײַנע הענט האָבן אויף אונדז אָנגעשיקט אין יענעם אָוונט, וואָרעם אַזוינס איז ניט דערקלערבאַר, דאָס רעגט אויף און דאָס איז אוממעגלעך איבערצוכאַזערן, ווײַל דאָס איז הערלעך און דאָס קאָן ניט איבערגעכאַזערט ווערן.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט מײַן מיטשמועסער אַ רעגע געהאַלטן מײַן האַנט אין זײַנער און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— עס קאָן זײַן, אַז דאָס איז צו דער עלטער. אָבער בייס איך הער ווען־עס־איז, ווי ראַסטראָפּאָוויטש שפּילט, לאַכט ניט פון מיר, פון אַן אַלטן מאַן, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז ער איז דאָס טאַקע יענער יונגערמאַן.

פון רוסיש — ש. גאָרשמאַן

כאַנע ווײַנערמאַן

פון די פֿאָלקס־קוואַלן

(מיניאַטור־לידער)

אַ טאָפּ

צי ס'פּאַלט דער שטיין אַראָפּ אין טאָפּ,
צי ס'איז דער טאָפּ אַף שטיין געפאַלן,
אַלציינס דעם טאָפּ אַ בראָך זײַן קאָפּ,
ער דאַרף שוין ניט קיין וואַסער־קוואַלן.

...ווען זעסט, מײַן פרײַנט,
ווי שטיינער קנאַלן,
איז היט דײַן קאָפּ פון יעדן פאַלן.

ווען אַ קוסט פאַרגלײַכט זיך צו אַ צעדער

באַנאַכט אַ צעדערבוים זײַן ריזיקײַט פאַרלירט,
באַנאַכט אַ קוסט דוכט אויס אַ צעדערבוים פאַר יעדן.
איז זאָל ניט אָנקלאַפּן דער צווייפל אין דײַן טיר:
דער קוסט בלײַבט פאָרט אַ קוסט,
דער צעדערבוים — אַ צעדער.

וויכטיקײַט

ס'איז וויכטיק אָפּט דער ווינט אין אָקעאַן,
ווי וויכטיק איז די שטילקײַט אין דײַן דירע,

ס'איז וויכטיק אָפּט דער טינט פון קלוגן מאַן,
ווי וויכטיק איז
דאָס בלוט פון דעם מאַרטירער

ירושה

פון אורזיידן האָב איך געיאַרשנט
דעם ווייטעק פון פאָלק און זײַן צאָרן,
פון זיידן האָב איך געיאַרשנט
דעם ברויז פון די צוואַנציקער יאָרן.

מײַן פאָטער געלאָזט האָט ירושה
די מענטשלעכע רעכט און איר וווּנדער,
און איך וויל שוין לאָזן אַף דוירעס
די גרויסקײַט פון אונדזער יאָרהונדערט.

פאַרעטער

וואָס קאָן נאָך יוישערדיקער זײַן, איך פרעג,
אויב ס'האָט דאָס פאָלק אים העסלעך
אויסגעראָטן,
און קיינער אים באַגלייט ניט אין זײַן שטעג,
אפילע ניט די איימע פון זײַן שאָטן.

און כאָטש ער קומט צום שוועל פון זײַן
געצעלט
און טראָגט אין האַנט בא זיך פון טיר די שליסל,
נאָר ווייסט ניט פון קיין הימלענדישע שוועל
און וועט ניט וויסן...

ווען אַ פרײַנט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סוינע

ניט יעדער פרײַנטשאַפט ווערט פאַרהאַרטעוועט, ווי שטאָל,
ניט יעדער פרײַנט קאָן עכטע פרײַנטשאַפט שוינען.
סע טרעפט:
ווײַזט אָן אַ גרײַז דײַן אַלטן פרײַנט,
און ער דערפאַר
באַטראַכט דיך ווי אַ סוינע.

די רעדאַקציע און די רעדקאָ־לעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם דיכטער כאַנע ווײַנערמאַן צו זײַן זיבעציקסטן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט און פֿיל שעפֿערישע יאָרן.

א מינהעג בא דעם פּאָלק

ס'איז שווער באַנאַכט, ווען פֿינצטער איז אַרום,
צום שוואַרץ געוויסן צוקלײַבן אַ שליסל,
אים אופֿדעקן, באַווײַזן פֿאַר דער זון...
די נאַכט איז שוואַרץ,
און שוואַרץ איז דער געוויסן.
דערפֿאַר עס הערשט אַ מינהעג בא דעם פּאָלק,
באַטאָג, ווען ליכטיק איז, אַ וועלט זאָל וויסן,
אַף ברייטן פּלאַץ, אַלפּאָלקיש אַף אַ קאָל,
צום שאַנד־סלופּ שטעלן אים,
דעם שוואַרצן געוויסן.
און זאָל דער מענטש פֿון דעם
בלויז פֿרייד און רו געניסן.

אַ פּענט

די קענסט אַ מענטש, וואָס קאַכט און שרײַט.
נאָר ס'קומט צו טאַט,
ער ווערט פֿאַרשווונדן,
און, ווי אַ פֿליג, ער ברומט בא זײַט,
מײַדט אויס געזונטן מענטשן־לײַב
און זעצט זיך בלויז אַף זײַנע ווונדן.
פֿאַר אָט דעם פֿרײַנט דײַן טיר פֿאַרשליס,
ער איז אַ פּענט
אַף דײַנע פֿיס.

ווען גיריק איז דאָס אויג

אין בײַזער קינע פֿלאַמט אַ קישעף־שווינדל,
וואָס קאָן דאָס אויג פֿאַרבלענדן שוין אַף שטענדיק.
דײַן ענדיק זעסטו ווי אַ מאָגער הינדל,
דײַן פֿרײַנטס אַ הינדל
זעסטו ווי אַן ענדיק.
אַצינד פֿאַרשטיי, ווי ס'ברענט דײַן קינע בלענדיק,
אויב ס'האָט אַן אָקס דײַן פֿרײַנט
און ניט קיין ענדיק.

וויאַזוי זעט אַ ראָב

אָט שטייט ער, דער פּאַווליִן, לעם ראָב
פֿאַרפּוצט און שיין,
מיט קרוין און פֿעדערן פֿילפֿאַרביק, פּרעכטיק,
דער ראָב, ער מיינט,
אַז ער אין קונסט פֿאַרשטייט אַליין,
אַז ער קען געבן בלויז
אַן אָפּשאַצונג אַן עכטע.
סע זעט דער וואַלד, עס שטייט אַ מיילעך בא דעם קוואַל,
דאָס אַלדי שיינע וועבט זיך צערטלעך אײַן אין האַרצן,
נאָר ער, דער ראָב,
ער זעט אים בלויז דורך זײַן געשטאַלט,—
אַ גיריקן,
בלוטדורשטיקן
און שוואַרצן.

כאָנע ווײַנערמאַן

איבער פעלדזן פון מײַן צײַט
בלוטיק איך און קלעטער.

עס גלייבט זיך קוים, אז כאָנע ווײַנערמאן, דער דיכטער פון ערד און פון יוגנט, איז א בען־שיווים. אף זײַן גוירל קאָן מען נאָכאמאָל זיך איבערצײַגן, אז דער דיכטער, ווי דער געלערנטער, ווי יעדער שעפער ביכלאל, האָט א באזונדער גוירל: זײַן לעבן איז דויערנדיקער, ווי דאָס פיזישע קאלענדאר־לעבן זײַנס, אויב אפילע ער איז ניט אומשטערבלעך, ווי די גאוינים.

פאר א דיכטער איז וויכטיקער פון אלץ, אויב ער קומט צו דער צײַט און קאָן אויסזינגען די ליד פון זײַן צײַט און פון זײַן דאָר. עס קאָנען נאָכדעם קומען גרעסערע, מער באגאבטע מײַסטערס, זיי קאָנען אויסזינגען מער ראפינירטע לידער. אָבער דאָס ערשטע געזאנג איז עכטער און שטארקער פון די זאָל זײַן אפילע טעכניש מער קוואליפיצירטע, אָבער דאָך שפעטערדיקע לידער.

כאָנע ווײַנערמאן האָט געהאט דאָס גליק צו קומען אין דער ליטעראטור צו דער צײַט און זאָגן דאָס נייטיקע וואָרט, אויסזינגען די הילכיקע ליד, וואָס איז געווען אן אָפקלאנג אף די שטורעמדיקע געשעענישן פונעם לעבן. ער האָט אָנגעהויבן שטעלן זײַנע ערשטע טריט דעמלט, ווען דאָס גאנצע לאנד האָט נאָך די שווערע און רומפולע יאָרן פון בירגערקריג אָנגעהויבן זיך איבערבויען, גרינטלעך זיך איבערגעשטאלטיקן אף גאָר נײַע יעסוידעס. און האגאם די ייִדישע סאָוועטישע דיכטונג פון יענער צײַט האָט שוין געהאט די ווערק פון אירע מעכטיקע שעפער, פון דער גרויסער פלעיאדע גרונטלייגער — שווארצמאן, האָפשטיין, קוויטקאָ, מארקיש, קושניראָוו, קולבאק, האלקין, פײַנינבערג, פעפער, כאריק — האָט דער ייִדישער לייענער דערהערט אויך דאָס קאָל פונעם יונגן כאָנע ווײַנערמאן.

אין יענער צײַט, אין דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן, ווען ווײַנערמאן האָט אָנגעהויבן דרוקן זײַנע ערשטע לידער, האָט דאָס ייִדישע לעבן, און אויך די ייִדישע קולטור, דורכגעמאכט א שטורמישן איבערבראָך־מאָמענט אין דער היסטאָרישער אנטוויקלונג. צוזאמען מיטן גאנצן לאנד איז אויך די סאָציאל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער ייִדישער באפעלקערונג ראדיקאל געענדערט געוואָרן. דאָס ייִדישע פאָלק אין ראטנפארבאנד איז געוואָרן א נײַ און באנײַט פאָלק פון ארבעטער, פויערים, מיליטער־לײַט, מעלוכע־טוער, אדמיניסטראטאָרן, ווירטשאפטלער, געלערנטע, קינסטלער, לערער, דאָקטוירים. און אף דעם באָדן, אף דער נײַער און באנײַטער סאָציאלער סטרוקטור, עקאָנאָמיק איז פארווירקלעכט געוואָרן די קולטור־רעוואָליוציע, איז געשאפן געוואָרן די נײַע קולטור, די נײַע ליטעראטור, די נײַע דיכטונג. און אין דער נײַער דיכטונג האָבן מיר דערהערט ווײַנערמאנס קאָל.

ווײַנערמאן איז געקומען ווי דער דיכטער פונעם ייִדישן דאָרף. די ייִדישע ערד־אײַנאָרדענונג איז געווען די טעמע פון דער גאנצער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. עס איז ניט געווען קימאָט קיין איין ייִדישער שרײַבער, וואָס זאָל ניט שרײַבן וועגן דאָרף. אָבער כאָנע ווײַנערמאן איז געווען דער ערשטער, אָדער איינער פון די ערשטע, וואָס דאָס דאָרף איז געוואָרן זײַן צענטראלע טעמע. פאר כאָנע ווײַנערמאנען איז דאָס נײַע דאָרף און דאָס נײַע לעבן אין דאָרף געווען ניט קיין עקזאָטיק, ניט קיין קוויקעניש מיטן „ייִדישן מוזשיק", ניט קיין באלעבאטיש געזאנג וועגן דער „סאָכע", וואָס אין איר ליגט „מאזל־בראָכע". די ליד וועגן דאָרף איז פאר ווײַנערמאנען געווען ביז גאָר אָרגאניש, ווי א נאטירלעכער אויסדרוק פון א נײַער פסיכאָלאָגיע באם ייִדישן ארבעטסמענטשן — די פסיכאָלאָגיע פונעם שעפער פון א נײַ לעבן.

דערפאר איז כאָנע ווײַנערמאנס ערשט ביכל לידער „אין באהעפטונג" געוואָרן א דערשײַנונג אין דער ליטעראטור. און אויב דער היסטאָריקער פון אונדזער ליטעראטור וויל זיך פאנאנדערקלײַבן אין דער פסיכאָלאָגיע פון דעם ייִדישן פויערטום צוריק מיט א האלבן יאָרהונדערט, געפינט ער אין ווײַנערמאנס לידער־זאמלונג „אין באהעפטונג" א שלאל מיט געפילן, איבערלעבונגען, בילדער, אויסדרוקן און לעקסיק. עס רעדט זיך ניט וועגן דעם היסטאָריקער, וואָס וועט אמאָל פאָרשן די ייִדישע ליטעראטור; דאָס זאָג איך וועגן זיך אליין, ווען איך נעם זיך שרײַבן וועגן ווײַנערמאנען און באטראכט זײַנע ערשטע לידער אין קאָנטעקסט פון דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור.

„אין באהעפטונג" האָט בא ווײַנערמאנען באטײַט „זײַן א פויער־קאָמונאר, א קאָמונאר א דיכטער". אין דעם נײַעם דאָרפישן לעבן, האָט דערקלערט דער יונגער ווײַנערמאן, „איז פאראן אזוינס פון ערדישער באהעפטונג". אף די זוניקע וועגן פון אוקראַיִנער פעלדער האָט די ייִדישע איבערוואנדערנדיקע יוגנט דערהערט אין ווײַנערמאנס ליד איר אייגענע שטים, איר אייגענעם געדאנק און געפיל; דאָס איז געווען די ליד וועגן „יוגנט, ווי פארביקע גירליאנדעס".

עס דארף געזאָגט ווערן, אז ווײַנערמאנס

דיכטונג איז ניט וועגן דעם ייִדישן פויערטום אין די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס, אין די אַלטע ייִדישע יישובֿים פון ביז דער רעוואָלוציע. ווייַנערמאַן איז דער דיכטער פון „כערסאָנער פעלדער"; ער איז דער זינגער פון די, וואָס זייַנען „אַוועק אַף ערד, אַף ווימלענדיקע פּאָנדן". דעריבער לאָזט זיך נאָך אין זייַן ליד הערן דאָס טרויער־געפיל פון פאַרלאָזן דאָס שטעטל: „כ'נעם אויף מיט זאָרג דעם פּייַן פון שטעטלשע ווייכלייַביקע געבורטן. מייַן האַרץ, מייַן טרוים, די קרעמפּן פון געבאָרן". ווייַנערמאַן איז ניט געווען דער דיכטער פון „אָפּטימיזם און מאַזשאָר" שטענדיק און אומעטום. ער האָט ניט פאַרמאַכט די אויגן אַף די שוועריקייַטן פונעם לעבן. אין זייַנע ערשטע לידער טרעפן מיר שוין אַזעלכע באַדייַטפולע שורעס, וואָס זאָגן אײדעס וועגן ערנסטער באַדאַכטקייַט:

איבער פעלדזן פון מייַן צייַט
בלוטיק איך און קלעטער...

אָבער ער איז אויך ניט גענייגט צו זיצן און קלאָגן איבער דעם, וואָס איז געווען פריִער. דאָס הייַנטיקע לעבן רייַסט זיך אַרייַן אין דער ליד, פאַרטרייַבט די געשפּענסטער פון אַמאָל. דאָס נייַע — דאָס איז די אַרבעט און דאָס געזונטע געפיל פון אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס. „ס'שמעקט פון אונדז מיט פרילינג און מיט מי", — דעקלאַרירט דער דיכטער. עס פילט זיך שוין אין דער שורע די רויִקע זיכערקייַט פון אַ מענטשן, וואָס איז באַוואָפנט מיט אַלץ, וואָס איז נייטיק, קעדיי צו ענדערן די נאַטור, די ערד און זייַן אייגענע מענטשלעכע נאַטור:

ס'איז נאַכט און ס'איז רו,
און סע שווייַגט דער מאָטאָר,
און די שנייַד־מאַשין שווייַגט,
און געדיכטער פאַרקילט זיך מייַן בלוט,
און טונקלער ווערט בראָנז פון מייַן לייַב.

די עמאָציאָנעלע וועלט פונעם יונגן פויער ענדערט זיך, עס ענדערט זיך זייַן פּסיכאָלאָגיע, זייַן שטייגער, זייַנע געפילן און זייַן אַרט דענקען. ווייַנערמאַן זינגט וועגן דער אַרבעט אין סטעפּ, וועגן דעם טראַקטאָר און אויך וועגן נייַער געזונטער ליבע, וועגן „מאָן־קווייטן פאַרביקע און יאַטעכעס, ווי ניס".

פון אַזאַ מין עכטער, טאַקע עמעס פּויערישער ליבע־ליריק, ווי כאָנע ווייַנערמאַנס האָט די ייִדישע דיכטונג ניט געוווּסט. עס איז דאָ קיין סימען ניט געבליבן פון די שטעטלדיקע „סטראַדאַניעס", פון די געבראָ־ כענע ליבע־זיפצן און ליבע־שמערצן. אין יעדער שורע פילט זיך דאָ די ליבע פונעם זינגער צו דער נאַטור, צו דעם ווייַסן בערעסט, דעם שלאַנקן בערעסט, צו דעם שניי־שיט פון אַקאַציע, צו דער קאַלינע און צו די זאַנגען פון ווייץ און קאָרן. אָבער דעריקער איז דאָ מיט קראַפט אויסגעדריקט דאָס שטאַרקע געפיל פון ליבע צום מענטשן, צום לעבן.

יאָ, ווייַנערמאַן איז געקומען צו דער צייַט און האָט געזאָגט זייַן וואָרט. ער האָט נאָכדעם אויך געשריבן און געזונגען וועגן שטאָט, וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט און וועגן דער מילכאָמע, וועגן אַלץ, מיט וואָס עס האָט געלעבט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק. זייַנע לידער־זאַמלונגען „גאָלדענע צווייַגן" (1935), „אין לעבן פאַרליבט" (1940), „ערד באַנייַטע" (1948), זייַנע דיכטערישע קינדער־מייַסעס האָבן פאַרנומען זייער אָרט אין דער ליטעראַטור. אָבער דער גרעסטער אופטו זייַנער איז די דאָרפישע ליריק, וואָס האָט ביז הייַנט ניט אָנגעוואָרן איר באַדייַטונג.

איך שטעל זיך דאָ ניט קיין ציל צו געבן אַן אויסשעפּנדיקן אַנאַליז פון ווייַנערמאַנס דיכטונג, פון זייַן סטיל. ער איז, נאַטירלעך, פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פונעם עלטערן דאָר ייִדישע דיכטער, דעריקער — מיט דער טראַדיציע פון האָפּשטיינען און פעפערן. סאַראַ פּאַשטעס, סאַראַ דורכזיכטיקע בילדערישקייַט:

סע שיט און סע שיט און סע האַלט אין
איין שיטן,
און ס'האָט שוין פאַרשאָטן מייַן אָפענעם
שליטן.
קיין ישעוו, קיין כוטאָר, קיין כאַטע, קיין
שטעלכל,
אַרום און אַרום נאָר פאַרווייעטע פעלדער.
און ס'קומען אָן וועגן, פאַרשנייעטע וועגן,
מיט ווינטן, וואָס גרימפּלען פאַרוויכערט
אַנטקעגן.

זייַענדיק פאַרבונדן מיט דער פּאָעטישער טראַדיציע און באַווירקט פון די עלטערע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, האָט ווייַנערמאַן זייַן אייגענע שטים, וואָס איז גוט באַקענט דעם לייענער און דער ליטעראַטור.

און איצט, ווען כאָנע ווייַנערמאַן איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר, באַגריסן מיר אים פון טיפן האַרצן און שיקן אים די בעסטע ווינטשן: אַריכאַס־יאָמים, געזונט, שעפערישע יונגקייַט און שטענדיקע פאַרליבטקייַט אין לעבן.

הערש רעמעניק

מײַזייִכעס

1

אין יענעם שטעטל אפן הויכן ברעג ניעמאן האָבן געלעבט א סאך פּליטניקעס. דאָס זײַנען געווען רויע קרעפּטיקע ייִדן, מיט פּענעמער, אויסגעקארבטע פון זון און ווינט, מיט גראָבע שטימען, וואָס האָבן געקלונגען פון איין ברעג טײַך ביזן צווייטן, ניט זעלטן מיט ווערטעלעך, פון וועלכע די „איידעלע" ייִדן פלעגן אראָפּלאָזן די אויגן. מע האָט זיי גערופן „קאצאפּן". אין דעם וואָרט איז געלעגן סײַ אָפּשײַ צו זייער פיזישן קויעך, סײַ אָפּשפּאָט פון זייער גײַסטיקן מעהוס.

יעדן פרילינג, גלײַך ווי די שנייען פארשווינדן פון די לאָנקעס און איידער נאָך די „רײַסישע וואסערן" (דאָס הייסט, די וואסערן, וואָס קומען ערגעץ פון אויבן, פון ווײַסרוסלאנד) איבערפולן דעם ניעמאן, צווינגענדיק אים ארויסצוגיין פון די ברעגן, פלעגן די פּליטניקעס זיך נעמען צו זייערע הילצערנע „סונדוקלעך". מע פלעגט ארײַנלייגן אהין א פּאָר וועש, די טפילן, דעם טאלעס, ארײַנפּאקן די נייטיקע מאכשירים, דאָס ווײַב פלעגט ארײַנשטופּן א פּאָר לאבנס ברויט, צוואָרעך, אײַנגעוויקלט אין א נאס טיכל, פרישגעבעקס און עטלעכע הערינג א „נאש צו טאָן". די פּליטניקעס פלעגן ארופוואַרפן די סונדוקלעך אַף די פּלייצעס און — הײַדאַ! — אוועק אפן גאנצן סעזאָן. זומער־לעב, ביז אין שפּעטן הארבסט, פלעגט מען שווער האָרעווען, בינדנדיק פּליטן און טרײַבנדיק זיי ביז צו די ווײַטע פּרײַסישע שטעט טילזיט און מעמעל.

זעלטן נאָר פלעגט זיך מאכן, אז, פארבײַשווימענדיק דאָס שטעטל אין א זומערדיקן אָוונט, זאָל מען קענען פארוואַרפן די שוואַרצועס לעבן ברעג און זיך אראָפּכאַפּן אין שטעטל. דאַן פלעגט מען אפגיך אראָפּשלינגען די היימישע וועטשערע, זיך ארײַנכאַפּן נאָך, אויב ס'איז געווען צײַט, אין בעסמעדרעש אָפּצוזופּן א מײַרעוו, איבערשלאָפן מיטן ווײַב און באגינען, איידער וואָס־ווען, זיך ווידער לאָזן אין וועג.

שפּעט אין הארבסט פלעגן זיי זיך באווײַזן אין שטעטל. מיט פּענעמער, אָפּגעסמאליעטע פון זון און ווינט, אין הויכע שטיוואלעס, זײַנען זיי געגאנגען מיט א שווערן טראָט, און די גאס האָט געקלונגען מיט זייערע הויכע הייזעריקע קולעס. די סונדוקלעך האָבן זיך געוויגט אַף די פּלייצעס, און אין די קעשענעס האָבן שטאָלץ געקלונגען די פארהאָרעוועטע קארבאָוואנצעס.

מיט זייער אָנקומען פלעגט אין שטעטל זיך באזעצן א ציטערדיקער אומרו. ס'איז געווען, ווי מע וואָלט אין א סטאדע פרידלעכע ציגן ארײַנגעלאָזן געזונטע העפקערדיקע בעק. יעדן פרימאָרגן פלעגט זיך דאָס שטעטל אופכאפּן מיט א ציטער, אין וועלכן ס'איז געווען אי בוילעטע שרעק, אי נײַגעריקע פרייד: וואָס פאר א שטיק וועלן עס הײַנט ארויסוואַרפן די „קאצאפּן"?

ווינטערצײַט פלעגן די פּליטניקעס זיצן אין שענק, שפּילן אין קאָרטן, זינגען הולטײַסקע לידער. אז ס'פלעגט זײַן אן אסיפע אין בעסמעדרעש, פלעגן זיי צו דער גרויסער שרעק פון די „באלעבאטים" זיך יאווען אין איין קאָמפּאניע און ארײַנטראָגן אהין דעם „בונטארסקן דוך". אזוי פלעגן זיי אויסלאָדן זייער ענערגיע. אמאָל פלעגט זיך עס ענדיקן מיטן אראָפּזעצן דעם גאבע, מיט פארשעמען עפּעס א באלעבאטישע באָרד, וואָס האלט די „קאַראָבקע", נאָר אָפטער פלעגט זיך עס ענדיקן מיט גאָרנישט. די באלעבאטים האָבן זיי געלאָזט זיך אויסשרײַען און ווײַטער געהאלטן די לייצעס אין די געניטע הענט.

אמאָל פלעגט אויך פּאסירן, אז די פארקאָוועטע שטילקײַט פון א ווינטערדיקן טאָג פלעגט פּלוצעם צעריסן ווערן דורך דעם גרילצנדיקן געיאָמער פון עפּעס אן אלמאָנע, וואָס גיט צו וויסן דעם גאנצן שטעטל, אז א „קאצאפּ" האָט „אומגליקלעך געמאכט" איר טאָכטער. אין אזא פאל פלעגט גאנץ שטאָט זיך ארײַנמישן. די „קאצאפּן" האָבן נאָר כיטרע געשמייכלט אין די ברייטע בערד. דאָסראָוו פלעגט זיך אזא זאך ענדיקן מיט א כאסענע, און דאַן האָבן זיי, די גלאוונע מעכוטאָנים, געהוליעט, אז הימל עפן זיך. אזוינע זאכן זײַנען אָבער זעלטן פאָרגעקומען. די פּליטניקעס פלעגן זייער יונג כאסענע האָבן און בעדערעך קלאל געווען גוטע, געטרײַע מענער. מאַשמאָעס, אז זײַן דרײַ פערטל יאָר צעשיידט מיטן ווײַב איז א סגולע צו א גוט לעבן.

די סאמע קענטיקע פיגור בא די פּליטניקעס איז געווען יאָסל דער לאנגער. דאָס איז געווען א הויכער שטארקער ייִד מיט ברייטע פּלייצעס,

מיט א גלײַכן רוקן און מאָגערן מוסקולירטן קערפּער. זײַן פּאָנעם איז געווען באַוואַקסן מיט א קורץ שוואַרץ בערדל, זײַנע שוואַרצע גלאַנציקע אויגן האָבן געקוקט פון אונטער די געדיכטע ברעמען טמימעסדיק און א ביסל פאַרלעגן, ווי ער וואָלט בעטן, די וועלט זאָל אים מוחל זײַן, וואָס ער איז אזא גיבער. ניט קוקנדיק אף דער גוורע — און עפּשער טאַקע דערפאַר — איז ער געווען א שטילער, באַשיידענער מענטש.

דאָס איז געווען מײַן זיידע.

2

די באָבע איז געווען א קליינינקע דאַרע ייִדענע, א זשוואַווע, באַוועגלעכע, אן אייביקע האָרעפּאַשניצע און א גרויסע בעריע.

זי איז געווען מוירעדיק קאַרג. וועגן איר קאַרגקײַט זײַנען נאָך לאַנג, אפילו נאָך איר טויט, אַרומגעגאַנגען לעגענדעס אין שטעטל.

זי האָט געבאָרן צען קינדער און אַלע — מיידלעך. אַלעמען אויסגעהאָדעוועט, דערצויגן און געמאַכט פאַר לײַט. דאָס זײַנען געווען צען וווּקסיקע (אַלע אין זיידן!) שיינע, געזונטע מוידן.

צען מיידלעך אין שטוב — דאָס איז געווען אזא מאַטאָנע פון אייבערשטן, וואָס האָט שוין ניט געלאָזט קלערן פון קיין אַנדער זאַך. דער טאַטע איז ביז דער טיפער עלטער, יאָר־אויס, יאָר־אײַן, געגאַנגען אף זײַן שווערער סאַקאָנעספּולער מלאָכע, די מאַמע האָט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט געפּאַדעט, געהאָרעוועט אין גאָרטן, אין שטוב און אַרומגעזען די גרויסע מישפּאָכע.

ווען דער טאַטע פלעגט קומען נאָך זײַן סעזאָן־אַרבעט אַהיים, פלעגט ער קוידעמקאָל, נאָך איידער ער האָט, ווי געהעריק איז, זיך באַגריסט מיטן ווײַב און אַרומגענומען די אַלע צען מוידן, אַרויסשלעפּן פון אונטערן גאַרטל דאָס פאַרדינטע געלט און עס איבערגעבן דעם ווײַב. שיינע־ראָכל פלעגט עס צונעמען מיט א פרומער מינע און, ניט איבערציילנדיק (זי האָט געוווּסט, אז זי קען זיך פאַרלאָזן אף איר יאָסלען), אַוועקגעטראָגן עס ערגעץ הינטערן אויוון אין איינעם פון אירע אומצאָליקע באַהעלטענישן.

אז א מיידל פלעגט אונטערוואַקסן און אַרײַנגיין אין די יאָרן, פלעגט שיינע־ראָכל קריכן איבער אירע באַהעלטענישן, פאַנאַנדערבינדן אירע קניפּלעך און צענדליקער מאָל איבערציילן און איבערטאַפּן מיט אירע דינע פאַרהאָרעוועטע פינגער די פּאַפּירלעך און דאָס מינץ. אין ווינקל איז שוין געשטאַנען דאָס הילצערנע קעסטעלע, וואָס יאָסל האָט אויסגעמײַסטערט, מע האָט דערצו נאָך געבונדן א פּאַק מיט בעטגעוואַנט — „ווײַכער נאַדן" — און — די מויד איז „אָטפּראַוועט" געוואָרן קיין אַמעריקע.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם שרײַבער בער האַלפּערן מיט זײַן זיבעציקסטן געבוירן־טאָג און ווינטשן אים געזונט, שעפערישקײַט און לאַנגע יאָרן.

אזוי איז עס געגאַנגען מיט אן אײַזערנער געזעצמעסיקײַט. ניין מאָל, מיט אינטערוואַלן פון אָנדערהאַלבן, צוויי יאָר האָט זיך עס איבערגעכאַזערט. נאָר, אז עס איז געקומען צום צענטן מאָל, איז עס צוגעגאַנגען א ביסל אַנדערש. יאָסלס ייִנגסטע טאָכטער איז געווען עפּשער די סאַמע שענסטע און גראַטנסטע פון אַלע. און אין שטעטל איז געווען א ראָוו און דער ראָוו האָט געהאַט א זון...

וואָס ווײַטער איז געווען, פאַרשפּאָר איך אײַך צו דערציילן. עס איז געווען דאָס, וואָס האָט געדאַרפט זײַן, דאָס, וואָס איז אַלט, ווי אַלט עס איז די וועלט גופע. אויב דאָס וואָלט ניט געווען, וואָלטן אַלע פּאָעטן, אָנהייבנדיק פון שלוימע־האַמעלעך און ענדיקנדיק מיטן לעצטן פּאָעט פון דער הײַנטיקער צײַט, געזעסן אָן א שטאָך אַרבעט און א סוואָרע, אז די וועלט וואָלט גאָר קיין קיִעם ניט געהאַט...

פון די עלטערע טעכטער זײַנען געגאַנגען בריוו. אַלע האָבן קימאַט טייקעף נאָך זייער אָנקומען כאַסענע געהאַט, זיך אײַנגעשאַפט פאַמיליעס. די בריוו זײַנען געווען געשריבן מיט פרעמדע הענט. די ניין טעכטער זײַנען אַלע געווען ניט־איווריעדיקע: גיי פּויעל בא שיינע־ראָכלען, זי זאָל אויסגעבן געלט אף א לערער, און וועמען לערנען, מיידלעך! (מער ניט די ייִנגערע טאָכטער איז א ביסל געבאַלעוועט געוואָרן — פאָרט אָנגעקומען נײַע צײַטן — און זי האָט שוין יאָ געקראָגן א שטיקל בילדונג). די דאָזיקע בריוו, געשריבן מיט פרעמדע הענט און געלייענט דורך פרעמדע ליפּן (סײַ יאָסל און סײַ שיינע־ראָכל האָבן ביידע ניט געקאָנט לייענען), האָבן פאַרשאַפט נאַכעס־רועך, אָבער דאָס איז געווען א ווײַטערער, ווי מע וואָלט איצט געקאָנט זאָגן, אן אַבסטראַקטער נאַכעס־רועך, צו וועלכן אזוינע

פרימיטיווע מענטשן זײַנען ווייניק מעסוגל געווען.

אזויארום זײַנען מײַן שוועסטערל כאנע, וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון מיר, און איך געווען די איינציקע אייניקלעך, וואָס דער זיידע און באָבע האָבן געהאַט פאַר די אויגן, און צו אונדז האָט זיך אויסגעגאָסן זייער גאַנצע ליבע, וואָס איז, ווי באַקאַנט, אַ סאַך שטאַרקער און צערטלעכער, ווי צו די אייגענע קינדער.

ווען יאָסל איז שוין געוואָרן שטאַרק אַלט און האָט שוין ניט געאַרבעט, האָט ער אָנגעהויבן אַלץ מער זיך פאַרקלערן וועגן זײַנע צאַלרײַכע מעכוטאָנים, וועלכע זײַנען צעשפּרייט איבער דער גרויסער רוסישער מעדינע און וועלכע ער הייבט ניט אָן צו קענען און צו וויסן. צווישן די דאָזיקע אַדרעסן איז געווען איינער פון מינסק. מינסק — דאָס איז שוין אַ זאַך, וואָס מ'קען אָנטאַפּן. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז דער אַלטער האָט זיך אַנטשלאָסן. אין איינעם אַ ווינטער־טאָג האָט ער אָנגעטאָן זײַן שעפּסענעם פּעלץ, זיך אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריק און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

געקומען צוריק איז ער מעשונעדיק גיך, אין אַ צוויי־דרײַ טעג אַרום. געקומען איז ער אַ באַרויגעזער, אָן אָנגעכמורעטער און אויף אַלע פראַגן האָט ער אַקשאָנעסדיק געשוויגן. מער ניט איין פראַזע האָט ער אַרויסגעבורמט:

— ע, מינסקער ייִדן... זיי זײַנען אַלע כאַזיירים, די מינסקער ייִדן...

זאָלן מיר די מינסקער מויכל זײַן. ביז איצט קען איך ניט פאַרגעסן, וואָס זיי האָבן באַליידיקט מײַן זיידן, און אַז איך הער פון אַ מינסקער, אָדער טרעף זיך מיט אַ מינסקער, דערמאָן איך מיך די ווערטער פון מײַן זיידן, וואָס איך האָב געהערט, ווען איך בין געווען זעקס יאָר אַלט.

3

פון יענע יאָרן האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זיקאָרן אַ געשעעניש.

ס'איז געווען אָנהייב האַרבסט. בײַ אַ שטאַרקן געוויטער איז דער אַנקער פון פּראָם אַרויסגעריסן געוואָרן און אָפּגעטראָגן דעם פּראָם אויף אַ גרויסן מעהאַלעך טײַך־אַראָפּ. דעם פּראָם האָט מען צוריקגעבראַכט, אָבער ווער וועט פאַרפּעסטיקן דעם אַנקער אויפן דנאָ פון ניעמאַן? מע איז געקומען צום זיידן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: שוין צו אַלט פאַר אַזעלכע זאַכן. ס'איז אַריבער אַ טאָג, צוויי: קיין וועג אויף קאָוונע, קיין האַנדל־וואַנדל. צום זיידן זײַנען געקומען דער גאַבע און נאָך אַ פּאָר „שיינע" באַלעבאַטים. זיי האָבן אַזוי לאַנג אַרײַנגעשמועסט אין אים, ביז ער האָט סאָפּקאָלסאָף קרעכצנדיק אָנגעהויבן אַרופּצוציִען די שטיוול.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט אַרויסגעשאָטן צום טײַך. דער זיידע האָט זיך אויסגעטאָן, גענומען דעם אַנקער אין די הענט און איז אַרײַן אין טײַך. אַזוי, מיטן אַנקער אין ביידע הענט, הויך אויפגעהויבן איבערן קאָפּ, איז ער געגאַנגען אַלץ טיפער און טיפער. אָט איז ער שוין קימאַט אין מיטן טײַך, עס זעט זיך בלויז אַרויס דער שפּיץ קאָפּ און דער אַנקער פון אויבן. ער טאַפּט מיט די פיס דעם דנאָ, ער גייט אין איין זײַט, אין אַ צווייטער, ער זוכט דאָס פּאַסיקע אָרט, וואָס איז נאָר אים אַליין באַקאַנט. אָט שטעלט ער זיך אָפּ, לאָזט אַראָפּ דעם אַנקער, שטייט אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך. דאַן נעמט ער אָן אַ פולע ברוסט לופט און טוקט זיך אונטער. דער אוילעם שטייט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. באַ מיר קלאַפּט דאָס האַרץ. עס שפּרינגט שיִער ניט אַרויס פון ברוסט. עס גייט אַריבער אַ מינוט, נאָך איינע... אָט באַווײַזט זיך דעם זיידנס קאָפּ, ער זעט זיך קוים־קוים — דער זיידע שטייט אויף אַן אָרט, ווו דאָס וואַסער דערגרייכט ביז צו דער גאָמבע. ער שפּײַט זיך אָפּ, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און אויף דער שטומער פראַגע פונעם אוילעם שאָקלט ער מיטן קאָפּ אויף ניין. ניין, ער האָט נאָך ניט אײַנגעגראָבן דעם אַנקער. נאָך אַ דרײַ צי פיר מאָל טוקט זיך אונטער דער זיידע, קענטיק די אַרבעט קומט אים אָן ניט גרינג, נאָך יעדן אויפטויכן סאָפּעט ער אַלץ שווערער. סאָפּקאָלסאָף באַווײַזט זיך דער קאָפּ און גלײַכצײַטיק הייבט זיך אויף זײַן האַנט מיט אַ פריילעכן פּאָכע. אַלע אויפן ברעג זיפצן אָפּ פאַרלײַכטערט.

צוריק איז דער זיידע ניט געגאַנגען. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן אויבערפלאַך פון וואַסער און זײַנע שטאַרקע געזונטע הענט האָבן געלייגט קלאַפּטער.

אַרויסגעגאַנגען אויפן ברעג, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער זון אין שקיִע, זיך אָפּגעטרייסלט פון וואַסער. מענטשן האָבן אים אַרומגערינגלט מיט פריידיקע געשרייען. דער זיידע איז געשטאַנען אַנטקעגן דער זון אומבאַוועגלעך, די אויגן צופרידן פאַרזשמורעט, די פּלייצעס ברייט, דער רוקן יוגנטלעך גלײַך.

די באָבע איז געשטאַנען אַ ציטערדיק־גליקלעכע, מיט אַ האַנטעך אין דער האַנט, הינטער די קוסטעס און ניט געוואַגט אַרויסצוגיין צו דעם, מיט וועמען זי האָט געהאַט צען קינדער. ערשט נאָך דעם ווי דער זיידע האָט אַרופגעצויגן די גאַטקעס, איז זי מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל אַרויס צו אים און מיט ליבנדיקע הענט געווישט דאָס שטאַרקע ווילבאַקאַנטע לײַב.

צוריק אין שטעטל איז מען געגאַנגען אין אַ גאַנצער פּראָצעסיע. דער זיידע מיט דער באָבען פאָרויס, איך, אָן איבערגעפּולטער מיט שטאָלץ, פעסט צוגעקלאַמערט צום זיידן און נאָך אונדז דאָס גאַנצע שטעטל.

אַז מיר זײַנען געקומען אַהיים, האָט מיר די באָבע געגעבן פינף קאָפּעקעס — גאַנצע פינף קאָפּעקעס! — איך זאָל מיר קויפן צוקערקעס.

4

שפּעטער מיט יאָרן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער זיידע איז געווען אַ פּאָעטישע נאַטור. ער האָט געאַרבעט אַלס פּליטניק ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאַט צען מוידן. ער האָט ליב געהאַט די עצם מלאָכה.

ער האָט ליב געהאַט דעם טײַך, די שטילע זומער־פֿאַרנאַכטן, דעם אויסגעשטערנטן הימל באַנאַכט, די פֿאַרבײַשווימענדיקע דערפֿלעך מיט זייערע נידעריקע כאַטקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט אויפֿן ברעג אונטער דער לעוואָנע, ווי אַ טשערעדע בעהיימעס. אים זײַנען געפֿעלן געווען די נעפּלדיקע פֿרימאָרגנס, ווען דער פּליט שנײַדט זיך אַרײַן אין די מילכיקע ווײַטן, פֿון איין זײַט ברעג שיילן זיך שוין אויס די שפּיצן פֿון די ביימער, פֿון דער אַנדערער זײַט, פֿון ערגעץ אַ פֿאַרבאָרגענעם דאָרף, דערטראָגט זיך פּלוצעם דער קריי פֿון אַ האָן, וואָס אײַלט צו די זון, זי זאָל שוין גיכער צעטרײַבן דעם טוי און באַשײַנען די וועלט. אים איז ניכע געווען, ליגנדיק באַנאַכט אויפֿן פּליט און הערנדיק דאָס פּלוצעמדיקע אויסגעשריי פֿון אַ נאַכט־פֿויגל אין וואַלד, אָפּצוענטפֿערן אים מיט אַ ווילדן געשריי־געזאַנג, וואָס האָט געמיינט: דו לעבסט, אַבער זע, איך לעב אויך און די גאַנצע וועלט איז מײַנע!

און אויך די שווערע אַרבעט זײַנע, די אַרבעט, וואָס האָט אים אָפּגעריסן דרײַ פֿערטל יאָר פֿון ווײַב און קינדער, האָט ער ליב געהאַט, ווײַל ער האָט געקענט אויסלאָדן בײַ איר זײַן פֿיזישן קויעך, און באַווײַזן זײַן פֿלינקײַט: דער מינדסטער פֿאַלשער טראָט, אַן אומגעלונגענער קער — און דו ליגסט שוין אין וואַסער מיט אַ בערוועגע צוגעטשמעליעט פֿון אויבן.

פֿון זײַנע רײַזעס האָט ער אַרויסגעטראָגן אַ שלאַל מײַסעס און געשיכטעס. אין די לאַנגע ווינטער־פֿאַרנאַכטן, ליגנדיק אין דער פּינצטער אין שטוב — גאָט באַהיט, מע זאָל אָנצינדן אַ נאַפֿט־לעמפּל — פֿלעגט דער זיידע דערציילן די געשיכטעס. דאָס זײַנען קיינמאָל ניט געווען מײַסעס וועגן גזלָנים, וועגן וואַלד־רויבערײַען, אָדער ראָצחים. דאָס זײַנען געווען געשיכטעס פֿון אויסטערלישע ליבעס, פֿון טרײַקײַט פֿון צעשיידטע, פֿון אַ גראַפּסקן זון, וואָס האָט זיך פֿאַרליבט ביז צום טויט אין אַ ייִדישער טאָכטער. זײַן דונערדיקע שטים האָט זיך דאַן אַראָפּגעלאָזן ביז צו אַ שטיל צערטלעך שעפּטשען און אין דער פּינצטער האָט מען געשפּירט, ווי זײַן פּאָנעם לײַכט.

די מײַסע פֿון דער רירנדיקער ליבע צווישן קאַסטוטיס און דער יאַם־פּרינצעסן יוראַטע, וואָס איך האָב שפּעטער געלייענט אין ליטווישן פֿאָלקלאָר, האָב איך פֿריִער געהערט פֿון זיידן. אויך די מײַסע מיט די צוויי פֿירשטלעכע טעכטער, וואָס דער הײַדוק האָט פֿאַרפֿירט — אַ מײַסע, וואָס איך האָב שפּעטער געלייענט אין וווּנדערלעכע פֿערזן בײַ קולבאַקן — האָב איך געהערט פֿון זיידן. דערבײַ האָט דער זיידע אין זײַן טמימעס ניט אונטערשיידט פֿאָלקסלעגענדעס און פֿאָלקלאָר־שאַפֿונגען פֿון וואָרע געשעענישן.

איך גלייב, אַז אויך די מײַסע מיט זײַן ייִנגסטער טאָכטער — אַ מײַסע, וואָס די מענטשן האָבן געהאַלטן, רעדנדיק מיטן הײַנטיקן לשון, פֿאַר אַ „מעזאַליאַנס“ — האָט דער זיידע אויפֿגענומען, ווי עפּעס אַ פּאָעמע און דערפֿאַר איז זײַן ליבע צו מיר געווען נאָך שטאַרקער.

פֿון דעם דאָזיקן קרעפּטיקן געזונטן פֿאָלקסמענטש האָט געשפּאַרט מיט לעבנס־פֿרייד. דערפֿון האָבן זיך גענומען אויך זײַנע לייצאָנעס־שטיק, אויף וועלכע ער איז געווען אין די יונגע יאָרן אַ גרויסער מײַדים. מע האָט דערציילט פֿון אים אַזאַ געשיכטע:

דאָס ווײַב זײַנס איז געווען ניט נאָר מוירעדיק קאַרג, נאָר אויך מוירעדיק פֿרום. איינמאָל, בעשאַס אין שטוב זײַנען די טעכטער שוין געוואָרן שיטערער, האָט זי אַראָפּגענומען די האַנט פֿון האַרצן: זאָל יאָסל איר אומבאַדינגט קויפֿן אין פּרײַסן אַ פּאָר לײַכטער אויף ליכט־בענטשן. דער זיידע האָט מאַשמאָעס ניט שטאַרק געהאַלטן פֿון אַזוינע זאַכן. ווען ער איז נאָכן סעזאָן געקומען אין שטוב און האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די פּלייצעס דאָס סונדוקל, האָט זי אים די ערשטע זאַך געפֿרעגט, צי ער האָט געבראַכט די לײַכטער. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפֿן סונדוקל. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַהין: שמוציקע גרעט, טפֿילין, טאַלעס און פֿלוימען.

— יאָסל, וווּ זײַנען די לײַכטער?

— לײַכטער? אָט, עט, זעסט דאָך: פֿלוימען... עס אויף די פֿלוימען, וועט דיר ווערן לײַכטער...

אויף דער עלטער, ווען איך האָב אים געקענט, איז שוין פֿון לייצאָנעס ווייניק פֿאַרבליבן. זײַן לעבנס־פֿרייד האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט כײַעס, געוויקסן, נאַטור.

אין סאַמע עק פֿון דער באָבעס גאָרטן איז געשטאַנען, ווער ווייסט דורך וועלכע ניסים פֿאַרוואָגלט אַהער, אַ יונגע שלאַנקע בעריאָזקע. זי האָט אויסגעזען ווי אַ זונטיקדיק־אויסגעפּוצט מיידעלע צווישן טונקעלע אויסגעקרימטע ביימער־האָרעפּאַשניקעס. די באָבע האָט געקוקט קרום אויף אָט דער „דאַרמאָיעדניצע“, נאָר דער זיידע איז געווען שטאָל־און־אײַזן פֿאַר איר און האָט איר אָפּגעהיט דאָס לעבן. אַז מיר פֿלעגן זײַן אין גאָרטן, פֿלעגט דער זיידע זיך אָפּט אָפּשטעלן און לאַנג קוקן אויף איר. עפּשער האָט זי אים דערמאָנט עפּעס אַ כאָלעם פֿון די יונגע יאָרן...

איינמאָל, אין אַ זומערדיקן אָוונט — דער זיידע האָט שוין דעמלט ניט געאַרבעט — נאָך אַ גוס־רעגן האָט מיך דער זיידע אַרויסגעפֿירט אין דרויסן צו באַקוקן די פֿריש־אויסגעצוואָגענע וועלט. מיר זײַנען צוגעגאַנגען צו דער בעריאָזקע. זי האָט נאָך געציטערט מיט אירע בלעטער פֿון דעם אָקאָרשט דורכגעגאַנגענעם

שטורעם. הינטער איר האָט זיך אויסגעבויגן
אַף אַ האַלבן הימל אַ רעגנבויגן, וואָס האָט
שימערירט מיט אַלע קאָלירן. אַף אַ ווײַטן
שײַער איז געשטאַנען פאַרגליווערט אַף איין
פוס אַ בושל. ער האָט, מיסטאָמע, פּונקט ווי
מיר, באַוווּנדערט די יונגע וועלט.

— זיידע, פונוואַנען נעמען די בושלען די
קינדער, וואָס זיי ברענגען אין שטוב?

— פונוואַנען? אָט פון רעגנבויגן. זעסט, ווי
שיין ער איז...

— און מיך האָט ער אויך גענומען פון אַ
רעגנבויגן?

— אוודאי. אָבער ס'איז געווען גאָר, גאָר
אַ שיינער רעגנבויגן, אַ סאַך שענער, ווי דער.
און דערפאַר,— זײַנע אויגן האָבן אופגעהערט
צו לאַכן,— דערפאַר וועסטו דאַרפן זיך גוט
לערנען, אַז דו וועסט גיין אין כיידער.

איך האָב געגלייבט דעם זיידן און מיר איז
געווען קלאָר, אַז איך וועל זיך דאַרפן גוט
לערנען, ווען איך וועל גיין אין כיידער.

5

צום כיידער איז עס אָבער ניט געקומען. אינ־
קורצן זײַנען מײַנע עלטערן אריבערגעפאָרן
אין אַ ווײַטער שטאָט אויסער דעם טכום־האַ־
מוישעוו, ווײַל מײַן פאָטער, קעמפנדיק קעגן
די יאַפּאַנער, האָט, עמעס, גאַרניט אויסגעקעמפט
פאַר רוסלאַנד, אָבער פאַר זיך האָט ער אויס־
געקעמפט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״.

ווײַנענדיק דאָרטן, איך בין דעמלט אַלט גע־
ווען אַ יאָר צוועלף, האָבן מיר דערהאַלטן די
ידיעה, אַז דער זיידע איז געשטאָרבן. גע־
שטאָרבן איז ער מיטאָמאָל, קימאַט ניט קרענ־
קענדיק.

די באָבע האָט נאָך אים ניט געקענט לעבן.
אין קנאַפּע דרײַ וואָכן אַרום איז זי אויך
אויסגעגאַנגען. מאַמעש אויסגעגאַנגען נאָך איר
יאַסלען, נאָך וועמען זי פלעגט גאַנצע זוו־
מערס בענקען און אין וועמעס שטאַרקע אָרעמס
זי האָט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט געלאָשן
איר בענקשאַפט.

מיט יאָרן שפּעטער בין איך געווען אין
שטעטל. מע האָט דאָרט נאָך גוט געדענקט די
ביידע אַלטיטשקע, וועלכע זײַנען געווען אַזוי
צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, אַז אַפילע דער
טויט האָט זיי ניט געקאָנט שיידן. מע האָט
גערעדט וועגן זיי גוטע ווערטער, דערמאָנט
יאַסלס גוורע, שיינע־ראָכלס קלוגשאַפט, וואָס
האָט פאַרשטאַנען צו צוימען אָט די גוורע און
מאַכן פון אים אַ קאָטיקל...

עמעצער האָט דערבײַ אויך אַרײַנגעוואָרפן
אַ וואָרט וועגן דער באָבעס מוירעדיקער קאַרג־
קײַט. אַף דעם האָב איך נאָר געשמייכלט. איך
האָב געוווּסט, אַז ס'איז ניט אַזוי פאַשעט, זי
האָט געהאַט צען טעכטער און דער דאָזיקער
שווערער עול האָט אַרופגעלייגט אַף איר אַן
אכרײַעס, וואָס זי האָט געטראָגן מיט ליבע און
מעסירעסנעפעש, ווי אַן עכטע יידישע מאַמע.

מאקס פּאַליאַנאָווסקי

לאורעאט פון דער מעלוכע־פּרעמיע

צוויי ברידער

1. דער זשורנאַליסט נומער איינס

אינדערפרי דעם 18 יול 1926 האָט די רעדאקציע פון דער סימפעראָפּאָלער צייַטונג „קראסני קרים“, וווּ איך האָב דעמלט געאַרבעט, דערהאלטן פארמיטאָגעגן א טעלעגראמע פון מאָסקווע: „אויב איר וועט האָבן א מעגלעכקייַט, קומט צו פאָרן דעם נייַנצעטן קיין סעוואסטאָפּאָל. איך וועל גאנצפרי זייַן אף דער קאַטשע. מיר וועלן זיך באקאנען און זיך דורכשמועסן. מיכאיל קאָלצאָוו“.

קאָלצאָווס קומען אף דעם קאטשינסקער אעראָדראָם איז פאר מיר ניט געווען קיין אומדערווארטע זאך. ס'האָט אין יענע טעג זיך אָנגעהויבן דער איבערפלי פונעם אעראָפּלאַן „קראסנאיא זוועזדא“ לויטן מארשרוט: מאָסקווע — סעוואסטאָפּאָל — אנגאָרא (איצט אנקארא). דעם אעראָפּלאַן, וועלכער איז געווען אויסגעשטאט מיט דעם ערשטן פּאַטערלענדישן מאָטאָר, איז פארגעשטאנען אן ערנסטער אויספּרווו — אריבערפליִען דאָס ערשטע מאָל דעם שווארצן יאם.

אינעם איבערפלי האָבן זיך באטייליקט דרייַ מאן: דער פּילאָט מעזשעראוּפּ, דער באָרטמעכאניק גאַלאָוואנאָוו און דער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייַטונג „פּראוודא“ קאָלצאָוו.

איך לייען נאָכאמאָל די טעלעגראמע און באמי זיך צו באגרייַפן, פארוואָס האָט מיכאיל קאָלצאָוו אייַנגעלאדן צו קומען אפן אעראָדראָם גראדע מיך, דעם נאָך יונגן זשורנאליסט.

איך באווייַז די טעלעגראמע דעם הויפּטרעדאקטאָר פון דער צייַטונג יאקאָוו גריגאָריעוויטש סעליכן און בין ניט זיכער, צי ער וועט מיך אָפּלאָזן אף א גאנצן טאָג פון רעדאקציע. סעליך האָט איבערגעלייענט די טעלעגראמע און געזאָגט:

— אויב קאָלצאָוו בעט קומען — טאָ פאָרט. פארייַנס וועט איר שוין צוגרייטן אן אינפאָרמאציע וועגן דעם ערשטן עטאפּ פונעם איבערפלי. מיטן אָפּשיקן די אינפאָרמאציע דארפט איר זיך צוייַלן, ווייַל עס קאָן זייער שיין טרעפן, אז קאָלצאָווס פארצייכענונג פון טערקייַ זאָל זיך באווייַזן אין דער „פּראוודא“ פריִער, איידער מיר וועלן זיך דאָ א ריר טאָן...

אינדערפרי בין איך געווען אפן אעראָדראָם. „קראסנאיא זוועזדא“ האָט באדארפט איינגיכן אָנקומען. דערווייַל האָב איך, אויסבאהאלטנדיק זיך פון דער זון, זיך אוועקגעזעצט אין שאָטן פון עפּעס א געבייַדע. דאָס איז געווען, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, ניט קיין גרויסע דרוקערייַ, וואָס האָט געהערט דער היגער פּילאָטןשול. אויסער פארשיידענע באפעלן און צירקולארן, האָט מען דאָ געדרוקט די צייַטונג „ווזליאָט“, וואָס איז דערשינען אין דער שול.

דאָס פענצטערל איז געווען אָפן, האָב איך דערהערט, ווי עמעצער זאָגט:

— מיכאיל קאָלצאָוו האָט זיך געשווירן, אז ער וועט נאָך הייַנט, ביזן אָפּפליִען קיין אנגאָרא, געבן א פעליעטאָן ספּעציעל פאר אונדזער צייַטונג.

איך האָב א קלער געטאָן: קאָלצאָוו איז נאָך אין וועג, און אָט דער ספּריטנער באָכער, מינאסטאם דער רעדאקטאָר פון דער צייַטונג, האָט זיך שוין דערעדט מיט אים וועגן א פעליעטאָן.

ווען דער באָכער איז ארויסגעגאנגען פון דער דרוקערייַ, האָב איך אים א פרעג געטאָן:

— איר האָט מיט קאָלצאָוון זיך צונויפגערעדט טעלעגראפיש, אָדער דורכן טעלעפאָן, צי עפּשער דורך ראדיאָ?

— מאַלט אײַך אויס, אַז פּערזענלעך, ווי נאָר ער איז אהער געקומען.

— דער עראָפּלאַן איז דאָך נאָך אין וועג.

— און קאַלצאָוו איז שוין דאָ. אָט כאַפּט א קוק, — דער באָכער האָט אַנגעוויזן אַף א וועלאָסיפּעדיסט, וואָס האָט געיאָגט איבערן עראָדראָם, — ער איז געקומען מיט דעם אינדערפריִקן צוג.

א ביסל איבעראַשט פון אומדערוואַרטקײַט, לאָז איך זיך שפּאַנען אַנטקעגן דעם וועלאָסיפּעדיסט. דער קאָלנער פון זײַן ווײַס אייבערשט העמדל איז פאַרבויגן אַף אינווייניק. דער קאָפּ — ניט צוגעדעקט. אַלעמאָל פאַרײַסט ער דעם קאָפּ אין דער הייך.

— איר זײַט קאַלצאָוו? — שרײַ איך נאָך פונדערווײַטנס.

ער פאָרט צו צו מיר און שטעלט זיך אָפּ.

— איר האָט, ווי איך זע, באַקומען מײַן טעלעגראַמע?

אַראָפּגעשטיגן פונעם וועלאָסיפּעד, האָט ער מיך אופמערקזאַם באַטראַכט דורך די גרויסע ברילן, אײַנגעפּאַסטע אין האָרנביין.

— איך האָב אײַך אײַנגעלאַדן אַלס דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „אָגאָניאָק". איר שרײַבט דאָך שוין א היפּשע צײַט פאַרן זשורנאַל...

אָט אַזוי איז פאָרגעקומען מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט מיכאיִל קאָלצאָוו — ניט אין רעדאַקציע־קאַבינעט, ניט בײַ זײַן אַרבעטטיש, נאָר אַף איינעם פון זײַנע אומענדלעכע זשורנאַליסטישע שטעגן. קאָלצאָוו האָט פאַרגעזעצט:

— און ווײַל איך בין ניט קיין „וויצערעדאַקטאָר" און ניט קיין „זיצרעדאַקטאָר", נאָר איינפאַך א רעדאַקטאָר, האָב איך געוואָלט זיך מיט אײַך באַקאַנען.

דער רעדאַקטאָר פון „אָגאָניאָק" האָט, זעט אויס, ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהײַט צו באַקאַנען זיך מיט אַן אַווטאָר פונעם זשורנאַל, אויב אַפילע דער אַווטאָר איז ניט פון די באַוווּסטע.

צו קאָלצאָוון איז צוגעגאַנגען א וווּקסיקער פּילאָט אין א ווײַסן קיטעל.

— ס'איז דאָ א יעדיִע פון מעזשעראָופּן, — האָט ער געזאָגט, — אין כאַרקאָוו איז אים אויסגעקומען זיך אָפּשטעלן. ער איז פון דאָרט אַרויסגעפלויגן זיבן אַזייגער אינדערפרי און וועט זײַן דאָ אַזייגער צוועלף.

דאָס איז געווען א צײַט, ווען אונדזער ציווילע אַוויִאַציע איז אָקאָרשט געבוירן געוואָרן, און דאָך האָט מיכאיִל קאָלצאָוו שוין באַוויזן אַף ווײַט ניט פולקומע עראָפּלאַנען דורכמאַכן אין דער לופט א מעהאַלעך, וואָס אַנדערע, פיל עלטערע פון אים זשורנאַליסטן, האָבן ניט דורכגעמאַכט אַף דער יאַבאַשע...

...דער זייגער באַווײַזט האַלב צוועלף. „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" דאַרף באַלד זיך באַווײַזן. מיר קוקן זיך אײַן אין הימל. עס קומען זיך צונויף די קורסאַנטן פון דער קאַטשינסקער אַוויִאַ־שול, רויטאַרמייער און מאַטראָסן. קאָלצאָוו איז עטוואָס אומרויִק. כ'האָב א קלער געטאָן, אַז גראָדע איצט איז א גינסטיקער מאָמענט אַף צו פאָטאָגראַפירן אים. נאָר ווי אָפּצולאָכעס האָט די העלע קרימער זון פלוצעם זיך גענומען טוקן אין א גרויסן וואָלקן, וועלכער האָט זיך אָנגערוקט פונעם יאַם, און אינגיכן איז זי אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. מײַן שוואַכינקע פאָטאָ־קאַמערע האָט ניט געטויגט פאַר א כמורנעם וועטער. פונדעסטוועגן פאָטאָגראַפיר איך קאָלצאָוון מיט איינעם א קאָמאַנדיר פון דער יאַם־אַוויִאַציע. זײַן פאַמיליע געדענק איך שוין ניט.

אָן א פערטל צוועלף באַווײַזט זיך איינעם פאַרוואָלקנטן הימל „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ". איבער דעם עראָדראָם צעטראָגט זיך א מעכטיקער „הוראַ". דער מיליטערישער אָרקעסטער, וועלכער איז צוגעקומען פונקט צו דער צײַט, שפּילט דעם אַוויִאַציע־מאַרש.

דער עראָפּלאַן מאַכט א קרײַז איבערן עראָדראָם און שטײַגט אַראָפּ אַף דעם בעטאָנירטן פּלאַץ. ס'באַווײַזט זיך די ברייטפּלייציקע שלאַנקע פיגור פונעם פּילאָט אין א לעדערנעם אָנצוג. קאָלצאָוו גייט צו, באַגריסט זיך און זאָגט צו אים שטיל:

— דערציילט וועגן דעם מאָטאָר, מעזשעראָופּ, איבער דעם גאַנצן עמעס.

אין דעם מאָמענט האָב איך זיי פאָטאָגראַפירט. איך בין געשטאַנען נאָענט און גוט געהערט מעזשעראָופּס ענטפער:

— עס זײַנען געווען מאָמענטן, ווען ס'איז פאַרלוירן געגאַן דער ריטם. א פּאָר מאָל האָט זיך געהערט א מין כריפּען און א געהילך. און דאָך קאָן איך זאָגן, אַז ס'איז א גוטער און זיכערער מאָטאָר. איך בין איבערצײַגט, אַז אין דער צווייטער העלפט פונעם איבערפלי וועט זיך עס באַשטעטיקן.

קאָלצאָוו האָט גענומען אויספרעגן בײַ דעם באָרטמעכאַניק, וועלכער האָט טייקעף נאָכן אַראָפּשטײַגן גענומען באַטראַכטן דעם מאָטאָר:

— דערצייל, וואָס זעסטו דאָרט, כאַווער גאַלאָוואַנאָוו?

— אַף די קלאַפּאַנעס פונעם צילינדער האָבן געפּלאַצט צוויי פּרוזשינעס.

קאָלצאָוו, וועלכער איז געווען ניט שלעכט באַהאַוונט אין אַוויִאַציע־טעכניק, האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען גאַלאָוואַנאָווס ענטפער און האָט אַרויסגעזאָגט וועגן דעם זײַן מיינונג. ער האָט געהאַט דערבײַ דעם געפיל, ווי ער זאָל פּערזענלעך טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן פאָטערלענדישן מאָטאָר און פאַרן דערפאָלג פונעם איבערפלי, נאָך וועלכן עס האָבן אַזוי אופמערקזאַם נאָכגעשפּירט די אויסלענדישע פירמעס, וואָס פּראָדוצירן אַוויִא־מאָטאָרן.

אַף פאַרבײַטן די פּרוזשינעס און אַף באַטראַכטן דעם גאַנצן עראָפּלאַן איז נייטיק געווען גוטע עטלעכע שאָ. דערצו נאָך האָט זיך פאַרערגערט דער וועטער. די סינאָפּטיקער האָבן צוגעזאָגט א לויטערן הימל ערשט אַזייגער איינס באַנאַכט, האָט מען קיין אַנדער ברירע



מיכאיל קאָלצאָוו (לינקס) אַף דעם קאַטשינסקער אַעראָדראָם. יול 1926

ניט געהאַט, ווי פֿאַרזעצן דעם איבערפּלי באַגינען.

קאָלצאָוו איז דאַפקע געווען פֿון דעם צופֿרידן. ער וועט האָבן צײַט, — האָט ער געזאָגט, — זיך אַראָפּכאַפּן קיין סעוואַסטאָפּאָל אין אַ שערערײַ — צופּוצן זיך אַ ביסל — און, דעריקערשט, אָנשרײַבן דעם פֿעליעטאָן, וועלכן ער האָט צוגעזאָגט דער היגער אוויִאַ־צײַטונג.

פֿונעם אַעראָדראָם זײַנען מיר געפֿאָרן אין אַ היפּש־אָפּגענוצטן אוטאָמאָביל. מיט קאָלצאָוון זײַנען מיטגעפֿאָרן צוויי יאַם־קאָמאַנדירן, איז שוין פֿאַרמײַנעטוועגן קיין אָרט אין דער מאַשין ניט געווען. מיכאיִל יעפֿימאָוויטש האָט פֿאָרגעלייגט:

— ווייסט איר וואָס? שטעלט זיך אוועק אַפֿן טרעפּל. נישקאָשע, אַזאַ בראַוון יונג, ווי איר, וועט עס ניט שאַטן: בייסן בירגערקריג בין איך ניט איין מאָל אַזוי געפֿאָרן אַף די טרעפּלעך פֿון וואַגאָנעס... האַלט זיך נאָר פֿעסט פֿאַרן טירל, און אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

באַגינען האָט „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" זיך אופֿגעהויבן אינדערלופֿטן און זיך געלאָזט אין ווײַטן וועג. אינאיינעם מיטן פּילאָט און מיט דעם באָרטמעכאַניק איז געפֿלויגן מיכאיִל קאָלצאָוו. געזעגענענדיק זיך, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איר פֿאַרבלײַבט דאָ איצט דער איינציקער פֿאָרשטייער פֿון דער פּרעסע.

— כ׳בין בעעמעס אײַך מעקאַנע, — ענטפֿער איך.

— ס׳וועט קומען אויך אײַער צײַט... נו, צום ווידערזען.

אַפֿן צווייטן טאָג איז אין „פּראַוודאַ" געווען אָפּגעדרוקט מיכאיִל קאָלצאָווס פֿאַרצייכענונג „דער איבערפּלי", און שפּעטער — דער גלענצנדיקער פֿעליעטאָן „דאָס זילבערנע ענטל".

...אין זעלבן יאָר, האַרבסט־צײַט, בין איך אוועקגעפֿאָרן אַפֿן ווײַטן מיזרעך. כ׳האָב געהאַט בעדייע אָנקומען אַף אַרבעט אין דער צײַטונג „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ". אַפֿן וועג אַהין האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין מאָסקווע און בין אַרײַנגעגאַנגען אין „אָגאָניאָק". די רעדאַקציע האָט פֿאַרנומען צוויי־דרײַ צימערן אין ניט קיין גרויס אַלט הויז אַף טווערסקאָי בולוואַר. מיכאיִל קאָלצאָוו האָט דעמלט מיר אַרויסגעגעבן אַ צײַגעניש, אַז איך בין דער קאָרעספּאָנדענט פֿונעם זשורנאַל איבערן ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט.

די צײַט איז געגאַנגען. אין דער מיט פֿון די דרײַסיקער יאָרן בין איך געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער צײַטונג „איזוועסטיִאַ". אינגיכן איז אויך מיר אויסגעפֿאַלן אַ גרויסע פֿרייד. מיט דעם קאָרעספּאָנדענטן־בילעט פֿון „איזוועסטיִאַ" האָב איך זיך אוועקגעלאָזט אין אַ גרויסער נעסיִע און אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע כאָדאָשים געשיקט פֿאַר דער צײַטונג פֿאַרצייכענונגען און פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון טערקײַ, עגיפּטן, ציילאָן, סינגאַפּור, קאָרייע און פֿון די פֿיליפּינען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך מײַן אומקערן זיך קיין מאָסקווע, צוקומענדיק צום הויז פֿון דער רעדאַקציע, דערהער איך, ווי עמעצער רופֿט מיך. דער רוף האָט זיך איבערגעכאַזערט. די שטים איז געווען אַ קענטלעכע. לעם דער וואַנט פֿונעם מאָנאַסטיר, וואָס איז נאָך אין יענע יאָרן דאָ געשטאַנען, האָב איך דערזען אַן אוטאָמאָביל. באַם רודער איז געזעסן מיכאיִל קאָלצאָוו. אַרויסגערוקט דעם קאָפּ דורך דעם פֿענצטערל, האָט ער אויסגערופֿן:

— סינגאַפּורעץ! כ׳האָב געלייענט אײַערע זאַכן אין „איזוועסטיִאַ". עפּשער וואָלט איר אויך פֿאַר אונדז עפּעס אָנגעשריבן? וואָס, שוין באַוויזן אָפּגעבן פֿאַרן „אָגאָניאָק" וועגן סועץ־קאַנאַל? זייער גוט. ס׳איז אָבער דאָ נאָך איין זשורנאַל, צו וועלכן איך האָב אַ שטיקל שײַכעס — „זאַ רובעזשאָם". אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי און איך זײַנען די רעדאַקטאָרן. און אַזוי־ווי אַף אײַך זעט מען נאָך די שפּורן פֿון דער סינגאַפּורער זון, באַשטעל איך באַ אײַך פֿאַר אָט דעם זשורנאַל אַ פֿאַרצייכענונג, נאַטירלעך, מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס. מעג איך זאָגן אונדזער סעקרעטאַר, אַז איר האָט מיר פֿעסט צוגעזאָגט פּונקט אין אַ וואָך אַרום צושטעלן אַ

פאַרצייכענונג וועגן סינגאַפּור מיט זײַנע באַ־נאַנען און לימענעס?

א סאַך יאָרן זײַנען זינט דעמלט אוועק, נאָר עס האָבן נאָך אַדהײַעם זיך פאַרהיט בא מיר, שוין אַן אָפּגעבליאַקעוועטע, די צײַגעניש פון „אַגאָניאָק", וועלכע כ'האָב באַקומען פון קאָלצאָווס הענט, און די פאָטאָגראַפיעס, וואָס כ'האָב דעמלט געמאַכט אויף דעם קאַטשינסקער אַעראָדראָם. און אין מײַן זיקאָרן האָבן זיך פאַרקריצט זײַנע ווערטער:

— א זשורנאַליסט — דאָס איז אַן אומרויִק באַשעפעניש. שטענדיק זוכט ער, שטענדיק איז ער אין וועג...

אָט אַזאַ זשורנאַליסט — דער זשורנאַליסט נומער איינס פון זײַן צײַט — איז געווען מיכאַיִל קאָלצאָוו. ער איז שטענדיק געווען אין וועג — צופוס, מיט דער באַן, מיט דער שיף, מיטן אַעראָפּלאַן, — אומעטום, וווּ ס'איז אינטערע־סאַנט, וווּ ס'איז געפערלעך...

2. דער פּאָלקס־קינסטלער

אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן די וואַסערטויכער אָפּגעזוכט אויפן דעק פונעם שוואַרצן יאַם א דרעדנאָוט, וועלכער איז דער־טרונקען געוואָרן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. מ'האָט באַשלאָסן דעם דרעדנאָוט אויפהייבן. ווי נאָר איך האָב זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָב איך געדונגען א שיפל און זיך אוועקגעלאָזט צום אָרט, וווּ ס'איז געגאַנגען די אָפּעראַציע. ווען כ'בין אַהין צוגעשווּמען, האָב איך שוין דערזען אַרויסשפּאַרן פון דער וואַסער א טייל פונעם ריזיקן קאָרפּוס פון דעם דרעדנאָוט. כ'האָב א שמועס געטאָן מיט די וואַסערטויכער, געמאַכט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס.

אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען די פאָטאָ־גראַפיעס מיט מײַנעם א רעפּאָרטאַזש געווען אָפּגעדרוקט אין „איזוועסטיִא". כ'בין דעמלט געווען נאָך גאָר א יונגער זשורנאַליסט און זיך שטאַרק מיט דעם איבערגענומען. די צײַטונג האָב איך באַוויזן אַלע מײַנע פרײַנט. איינער פון זיי, א באַקאַנטער זשורנאַליסט, האָט צוגע־צויגן מײַן אויפמערקזאַמקײַט צו א קאַריקאַטור פון באָריס יעפימאָוו אויף די לעצטע צוויי שפּאַלטן פון דעם זעלבן נומער פון דער צײַ־טונג:

— זע, סאַראַ קינסטלער, סאַראַ שאַרפזיני־קײַט... די פּוילישע פּאַנעס ווערן קריצן מיט די ציין.

ס'איז דעמלט אַפילו געווען אין גאַנג א ווערטל: יעפימאָוו דרוקט יעדן טאָג א לייטאַר־טיקל, נאָר פון דער רעכטער זײַט...

אין צען יאָר אַרום איז מיר באַשערט גע־ווען צו ווערן א באַשטענדיקער מיטאַרבעטער פון „איזוועסטיִא" און זיך באַקענען דאָרט מיט באָריס יעפימאָוון. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער און מיכאַיִל קאָלצאָוו זײַנען לײַבלעכע ברי־דער. זיי זײַנען טאַקע שטאַרק ענלעך געווען איינער אויפן צווייטן. און ניט נאָר מיטן געזיכט. ביידע האָבן זיי פון יונגווײַז אָן געטראָגן ברילן, ביידע לעבנסלוסטיקע און אויך כידושים שאַרפ־זיניקע.

באָריס יעפימאָוו (רעכטס) און מאַקס פּאָליאַנאָווסקי

איך ווייס ניט, צי קאָלצאָוו האָט געקאָנט מאָלן. נאָר אַז זײַן ייִנגערער ברודער שרײַבט, און ניט שלעכט, פאַרצייכענונגען, אַרטיקלען, — דאָס ווייסן אַלע. איך קאָן בלויז צוגעבן אַזאַ קליינע דעטאַל. איינמאָל האָט באָריס יעפימאָוו מיר געשענקט א ביכל פּאַראָדיעס און שאַרזשן. דער אַוטאָר פון די טעקסטן איז געווען דער דיכטער סערגיי וואַסיליעוו, די געמעלן האָט געמאַכט באָריס יעפימאָוו. דעם אויטאָגראַף האָט יעפימאָוו אָנגעשריבן אין פּערזן. ווען וואַסי־ליעוו, בא וועלכן כ'האָב אויך געבעטן אַן אויט־אָגראַף, האָט דערזען יעפימאָווס פּערזן, האָט ער אויסגערופן: „אויב דער מאָלער שרײַבט זײַן ווידמונג אין אַזעלכע פּערזן, מוז איך — דער דיכטער — דאָס טאָן אין געמעלן... מע דאַרף עס אָבער קענען"...

בא א געלעגנהייט האָב איך דערציילט יעפימאָוון, וויאַזוי כ'האָב אויפן קאַטשינסקער אַעראָדראָם זיך באַקאַנט מיט זײַן ברודער.

— שטעלט אײַך פאָר, אַז אויך איך האָב מײַן אייגענע זשורנאַליסטישע היסטאָריע מיט מישאַנקען, — אַזוי האָט ער אין דער היים צערטלעך גערופן דעם ברודער. — דאָס האָט ער מיך א שטויס געטאָן צו צײַטונגס־אַרבעט, געווייצעט, מאַמעש מיך געצוווּנגען אָנמאָלן די ערשטע קאַריקאַטור פאַר א קיִעווער צײַטונג, אַליין אַפילו די טעמע צוגעטראַכט...

און אָט איז שוין מער פון א האַלבן יאָר־הונדערט, ווי מיר טרעפן טאָג־אײַן, טאָג־אויס באָריס יעפימאָווס געמעלן אין די צײַטונגען, זשורנאַלן, זײַנע אַגיטפּלאַקאַטן, ווי אויך די ביכער, וועלכע ער איליוסטרירט. מיר זײַנען אַזוי צוגעוווינט צו זײַן סטיל, צו זײַן מאָלערי־שער מאַניר, אַז מיר וואָלטן דערקענט זײַנע געמעלן, ווען ער זאָל זיי אַפילו ניט כאַסמענען.

איך דערמאָן זיך איצט אָן עפּיזאָד פונעם סאָף פון די פופציקער יאָרן. די רעדאַקציע פון איינער א צײַטונג, וועלכע האָט אַקאָרשט אָנ־געהויבן דערשײַנען, האָט זייער געוואָלט געבן אין דעם נײַיאָר־נומער באָריס יעפימאָווס א

געמעל. מ׳האָט א סאך מאָל געפּרוווט טעלעפאָניש זיך פארבינדן מיטן מאָלער, נאָר זײַן היימישער טעלעפאָן האָט ניט געענטפערט. עפּעס איין מאָל האָט עמעצער דאפקע גענומען דאָס טרײַבל, נאָר געענטפערט האָט מען, אז באָריס יעפימאָוויטש איז אוועקגעפאָרן און וועט, זעט אויס, אזוי גיך זיך ניט אומקערן.

גאנץ צופעליק דערוויס איך זיך, אז יעפימאָוו „באהאלט זיך אויס" אף זײַן דאטשע אינעם ייִשעוו וואלענטינאָווקע הינטער מאָסקווע. דאָ, האָט ער געקלערט, וועט קיינער אים ניט שטערן, קיין טעלעפאָן איז אף דער דאטשע ניטאָ.

אין רעדאקציע האָט מען געוווּסט וועגן מײַן לאנגיאָריקער באקאנטשאפט מיטן מאָלער, האָט מען מיר געגעבן אן אוטאָמאָביל, איך זאָל צופאָרן צו באָריס יעפימאָוויטשן און זיך דערשלאָגן בא אים אן אינטערוויו און א געמעל פארן נײַעם נומער.

מײַן קומען קיין וואלענטינאָווקע איז פאר יעפימאָוון געווען ווי א דונער אין א העלן טאָג.

— אויב איר זײַט שוין געקומען, טאָ טוט זיך אויס, זעצט זיך צו. עפּשער האָט איר זיך אין וועג אויסגעהונגערט, וועל איך אײַך אָנהאָדעווען און אָנפּאָיען. קיין דעליקאטעסן האָב איך ניט, נאָר עפּעס וועט זיך אָפּזוכן. — ריידנדיק אזוי, האָט באָריס יעפימאָוויטש אף קיין רעגע זיך ניט אָפּגעווענדט פון דער ארבעט.

כ׳האָב דעמלט געהאט דעם גרויסן פארגעניגן צו זען פונדערנאָענט, ווי־אזוי עס ארבעט דער בארימטער קינסטלער, ווי־אזוי עס ווערן געשאפן די געמעלן, וועלכע זײַנען אזוי באקאנט.

אף א טישעלע איז געלעגן מיכאיל קאָלצאָווס בוך „דער שפּאנישער טאָגבוך", וואָס איז אָקאָרשט דערשינען אין א צווייטער אויפלאגע.

— גוט, וואָס דער „שפּאנישער טאָגבוך" האָט ווידער דערזען די ליכטיקע שײַן! — האָב איך געזאָגט.

— אויב איר ווילט, וועל איך אײַך שענקען דאָס דאָזיקע בוך — אן אָנדענק וועגן מײַן ברודער, מיט וועלכן איר זײַט געווען באקאנט.

עס איז געקומען צו רייד וועגן מיכאיל קאָלצאָווס און באָריס יעפימאָווס פאמיליע־נעמען. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אז ביידע זײַנען זיי געבוירן געוואָרן אין קיִעוו, אין דעם געזינד פוּנעם באלמעלאָכע יעפים פרידלאנד.

„דער טאטע, — האָט אמאָל געשריבן אין זײַנער אן אוטאָביאָגראפיע באָריס יעפימאָוויטש, — האָט ניט געהאט קיין שום בילדונג, נאָר ער האָט פארמאָגט, ווי מע זאָגט, צוויי גאָלדענע הענט. ער האָט געקאָנט מאכן א פּאָר שיך, אופנייען א בעגעד, אויסמײַסטרעווען א שראנק, א טשעמאָדאן, אײַנבינדן א בוך, צורעכט מאכן א זייגער..."

ווי עס פירט זיך בא מענטשן פון פרײַע פּראָפעסיעס — בא שרײַבער, אקטיאָרן, זשורנאליסטן, קינסטלער, — האָבן יעפים פרידלאנדס צוויי זין, ווען זיי זײַנען ארויס אפן ברייטן וועג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור און קונסט, צוגעטראכט פאר זיך פּסעוודאָנימען: דער עלטערער, מיכאיל, האָט גענומען כאסמענען זײַנע ווערק מיטן נאָמען „קאָלצאָוו", דער ייִנגערער, באָריס, האָט ניט לאנג געטראכט, גענומען אלס יעסאָד פון זײַן פּסעוודאָנים דעם טאטנס נאָמען...

דער טאטע האָט דאָס פארדינט. אן אָרעמער באלמעלאָכע, האָט ער אײַנגעלייגט די וועלט, די קינדער זאָלן זײַן געבילדעט. מיט גרויסע יעסורים איז אים סאָפקאָלסאָף געלונגען אײַנאָרדענען מיכאילן, און שפּעטער אויך באָריסן, אין דער רעאל־שול. ווי איך האָב שוין דאָ אויבן געשריבן, האָט מיכאיל קאָלצאָוו פאר זײַן קורץ לעבן — סאכאקל פערציק יאָר האָט ער געלעבט — דערגרייכט דעם רום צו זײַן דער זשורנאליסט נומער איינס. באָריס יעפימאָוו איז באערט מיטן הויכן טיטל „פאָלקס־קינסטלער פון פּססר". אין סאָף 1972 איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער טיטל „לאורעאט פון דער מעלוכע־פּרעמיע".

ער איז געשטאנען בא דעם וויגעלע פון דער סאָוועטישער עסטראדע

אין דעם ניט גרויסן, געמיטלעכן אָדעסער טעאטער האָט מען ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע געקאָנט זען — אמאָל אן איינאקטיקע אָפּערעטע, אמאָל א מיניאטור־קאָמעדיע, אמאָל א קינאָ־פילם (אין די וואָכעדיקע טעג האָט מען „געדרייט" צוויי סעאנסן, אין די יאָמטעווודיקע — דרײַ און אפילע פיר).

אין אָט דעם טעאטער, וועלכער האָט, לויט דעם נאָמען פון דער גאס, וווּ ער איז געשטאנען, געהייסן „גרויס־רישעליעווסקי", האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען דעם יונגן אקטיאָר לעאָניד אוטיאָסאָוו. איך געדענק נאָך אדהײַנט די צוויי קליינע אָפּערעטקעס, אין וועלכע ער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלן. איין אָפּערעטקע האָט געהייסן „דער ליבע־געטראנק", אוטיאָסאָוו האָט דאָ געשפּילט די ראָל פון א פּלעמעניק, א צולאָכעסניק, וואָס האָט גענומען א מיידל טראָץ דעם פעטערס ווילן.

אין דער צווייטער אָפּערעטקע האָט ער אויסגעפּילט די ראָל פון א זעלנער מיטן נאָמען ראַמאָ. ער טראָגט א בונטן עקזאָטישן קאָסטיום, ווי עס פּאַסט אין אַן אָפּערעטע, אין לאַקירטע שטיוול. ראַמאָ טוט עפּעס א גרויסע טויווע איינער א דאַמע, וועלכע הייסט דזשוליעטע.

אוטיאַסאָוו האָט געשפּילט אין קאָמעדיעס, אין סקעטשן, ער איז אַרויסגעטראָטן מיט קופּלעטן אויף טאָג־טעמעס, פאַרגעלייענט קאָמישע דערציילונגען. אַלץ האָט זיך בא אים באַקומען פריילעך, טאַלאַנטפול.

דער סאָלדאַט האָט מיט האַסטיקע טריט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום וואָקזאַל.

דאָס איז געווען אוטיאַסאָוו. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז מע האָט אים שוין דאַן מאָבילִיזירט. נאָר זיַין רעזערוו־פּאָלק איז דערווייַל געשטאַנען אין ראַיאָן פונעם גרויסן פאָנטאַן, און די דירעקציע פונעם טעאַטער האָט אויסגעקלאָפּטשעט א דערלויבעניש, אוטיאַסאָוו זאָל שפּילן אין טעאַטער און נאָכן ספּעקטאַקל זאָל ער זיך אומקערן אויף נאַכטלעגער אין דער קאַזאַרמע...

אין די צייַטן פון בירגערקריג האָב איך

לעאָניד אוטיאַסאָוו (דער ערשטער פון רעכטס) מיט א גרופּע אַרטיסטן פונעם קאָמעדיע־טעאַטער אין אָדעס. 1918

ס׳האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה פון 1914. איינמאָל בין איך נאָכן ספּעקטאַקל אַרויסגעגאַנגען פונעם טעאַטער. דאָס איינציקע עלעקטרישע לעמפּעלע בא דער געבייַדע איז נאָך ניט געווען אויסגעלאָשן (מ׳האָט דעמאָלט אייַנגעפירט א טיילווייַזע מאַסקירונג אויס מוירע פאַר די פייַנטלעכע שיפן, וועלכע האָבן געקאָנט באַשיסן די שטאָט). איך זע, עס עפנט זיך דער טויער, און עס גייט אַרויס א מענטש אין א סאָלדאַטישער שינעל.

— אויף ווידערזען, לעאָניד אָסיפּאָוויטש! — האָט זיך צו אים אָנגערופן דער נאַכט־וועכטער.

— א גוטע נאַכט, דיאַדיע וואַניע...

מיטגעאַרבעט אין אַן אָדעסער טעאַטראַלן זשורנאַל, געשריבן נאָטיצן, כראָניק, געווען אַן אָפּטער אָרייַנגייער אין די טעאַטערן. נאַטירלעך, איך פלעג שטענדיק פאַרקאָפּן מיט זיך די פּאָטאָ־קאַמערע.

אין איינעם א פאַרנאַכט, נאָכן ספּעקטאַקל אין דעם שוין דערמאָנטן מיניאַטיור־טעאַטער, האָב איך באַגעגנט אוטיאַסאָוון, אַרומגערינגלט פון א גרופּע אַקטיאָרן. מיר איז דעמאָלט געלונגען, באַם אופבליץ פון מאַגני, פּאָטאָגראַפירן דעם פּאָפּולערן יונגן אַרטיסט צוזאַמען מיט זייַנע פרייַנט. פון דעם בלענדנדיקן מאַגני־אופבליץ האָט אוטיאַסאָוו, ווי די מערהייַט פון דער

קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן

(צו זײַן 70־טן
געבורטסטאָג)

דער באַלעגאָלע

די קאַלע

שֶׂארבלאט צו דער סעריע ליטאָגראפיעס „א יידיש פאָלקס־מײַסעלע“

דער פידלער

לענינגראד. מילכאָמע־צײַט



אין אלטן ראָהאטשאָוו

גרופּע, צוגעזשמורעט די אויגן. ס׳איז געווען דאָס 1918...

ווען די דאָרעם־קאַנטן פון אונדזער לאנד זײַנען ענדגילטיק אָפּגערייניקט געוואָרן פון די אָקופּאַנטן און פון די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן און ווײַסגוואַרדייער און אָדעס איז אַף שטענדיק געוואָרן א סאָוועטישע, האָט לעאָניד אוטיאָסאָוו באַשלאָסן זיך באַווײַזן פאַרן מאָסקווער און לענינגראַדער צושויער.

מיט אָדעס האָט ער זיך אָפּגעזעגנט אַף אַן אָריגינעלן אויפן: ער האָט אײַנגעאָרדנט א קאָנצערט, אַף וועלכן ער איז אַרויסגעטראָטן אין פאַרשיידענע זשאַנרען. דער קאָנצערט האָט געהייסן: „פון טראַגעדיע ביז טראַפּעציע”. אוטיאָסאָוו האָט אויסגעפּילט א סצענע פון א דראַמע, אָפּגעשפּילט א ראָל אין אַן אָפּערעטע און אין א קאָמעדיע, דערנאָך האָט ער געשפּילט אַף קאָלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, געזונגען קופּליעטן, ראָמאַנסן, אַרויסגעטראָטן אַלס פּאָרלעזער און טענצער און צום שלוס אַלס א צירק־אַקראָבאַט אַף א טראַפּעציע...

ניט איין מאָל האָב איך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געהאַט די געלעגנהײַט זיך איבערצײַגן, ווי אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער עס איז אוטיאָסאָוו, וועלכער האָט געשאַפן דעם ערשטן בײַ אונדז אין לאַנד מעלוכישן דזשאַז־אָרקעסטער און אָנגעפירט מיט אים אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר. די לידער, וואָס ער האָט מיט זײַן דזשאַז געשאַפן, זינגט מען ניט בלויז בײַ אונדז אין לאַנד.

אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן האָט אוטיאָסאָוו גאַסטראָלירט אין ריגע. געלעבט האָט ער אינעם שרײַבער־הויז, ניט ווײַט פון דער שטאָט. אין עס־צימער זײַנען מיר געזעסן בײַ איין טיש. פאַרשטייט איר דאָך, אַז אומעטיק איז שוין אונדז ניט געווען. אַז ער פלעגט נעמען דערציילן וועגן זײַנע לעבנס־פּאַסירונגען און פאָרשטעלן אַלץ אין פּערזאָנען, האָבן מיר געקײַכט פון געלעכטער.

עס פלעגט געשען, מע בעט דעם כאַווער אוטיאָסאָוו אַרויסגיין אין וואַרט־צימער, עס איז געקומען צו אים א דעלעגאַציע... ער הייבט זיך געהאָרכזאַם אוף פונעם טיש, און מיר בלײַבן וואַרטן מיט אומגעדולד, ער זאָל זיך אומקערן. עס פלעגן קומען כעוורע פונעם פּיִאָנער־לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען דאָ ניט ווײַט, דעלעגאַציעס פון סטודענטן. איינמאָל איז צו אוטיאָסאָוון געקומען א גרופּע ווײַטמיזרעכדיקע שאַכטיאָרן, וואָס האָבן זיך קורירט אין דער שכיינישער סאַנאַטאָריע. זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען אוטיאָסאָווס דזשאַז־אָרקעסטער, בלויז געהערט אים דורך ראַדיִאָ. עס איז זיי ניט געלונגען צו באַקומען בילעטן אַף א קאָנצערט אינעם קוראָרט־טעאַטער, זײַנען זיי געקומען בעטן אוטיאָסאָוון, ער זאָל זיי אין דעם מיטהעלפן.

און אוטיאָסאָוו רעדט אַפּ מיט די שאַכטיאָרן זיך טרעפן בײַם אַרײַנגאַנג אין טעאַטער פאַרן אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג. ער וועט שוין עפּעס צוטראַכטן...

דאָ ניט לאַנג האָט לעאָניד אָסיפּאָוויטש מיר געזאָגט:

— אַף די עלטערע יאָרן האָט מיך א צי געטאָן צום שרײַבן. פאַר מײַן גרויס לעבן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזויפיל אינטערעסאַנטס, אַז עס ווילט זיך וועגן דעם דערציילן. איך שרײַב יעדן טאָג...

אינגיכן נאָך אָט דעם געשפּרעך איז אינעם ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל „מאָסקווא” און אין דער וואָכנשריפט „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִא” געווען אָפּגעדרוקט אוטיאָסאָווס א ציקל נאָוועלן „מײַן אָדעס”. אין די מאָסקווער צײַטונגען באַווײַזן זיך אָפט זײַנע פעליעטאָנען און עסייען.

...דאָס נײַע יאָר האָט מיך לעצטנס געטראָפן אין א שפּיטאָל. אין דעם ברייטן קאָרידאָר האָט מען אוועקגעשטעלט א טעלעוויזאָר, קעדיי די קראַנקע, וואָס גייען שוין אַרום, זאָלן האָבן פאַרגעניגן פון די יאָמטעוודיקע טראַנסליאַציעס. אין מעשעך פון א שאָ צײַט האָט דער בלויער עקראַן באַוויזן לעאָניד אָסיפּאָוויטשן. אָט זיצט ער בײַם שרײַבטיש און אַרבעט איבער א בוך זיכרוינעס. און אָט זעען מיר אים בײַם רודער פון זײַן אווטאָמאָביל. ער אײַלט צו דער רעפּעטיציע פונעם אָרקעסטער, וועלכן ער האָט געשאַפן און מיט וועלכן ער פירט נאָך אָן אַדהײַעם. מיר דערזעען אוטיאָסאָוון אין דער טעלעוויזיע־סטודיע. ער איז א ביסל מיד פון דער אַרבעט און עפּשער גאָר פון דער שטאַרק בלענדנדיקער שײַן. אָט וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך דעם פּידזשאַק, גייט צו צום מיקראָפאָן און זינגט אַן אַלטן ראָמאַנס...

איך קוק אַפן עקראַן, און עס קומט אוף פאַר מײַנע אויגן דער יונגער אוטיאָסאָוו — לעדיע, ווי עס האָבן אים גערופן נאָענטע פרײַנט. — ווי דערשטוינט כ׳בין דעמלט געווען, דערזעענדיק אים אין דער ראָל פון א זאָקן יאַנקל מוך אין יאַקאָוו גאָרדינס „קרייצער־סאָנאַטע”. ס׳איז געווען שווער צו גלייבן, אַז דאָס איז דער זעלבער אַקטיאָר, וועלכער האָט אין דער אָפּערעטקע געשפּילט דעם זעלנער ראָמעאָ, געזונגען קופּלעטן און אין א קינאָפילם געשפּילט דעם אַוואַנטיוריסט ספּירקע שפּאַנדיר.

אוטיאָסאָוו וואָלט געקענט ווערן אַן אָנגעזעענער דראַמאַטישער אַקטיאָר, א וווּנדערלעכער מוזיקאַנט אין א סימפאָנישן אָרקעסטער, ער וואָלט, וואַרשײַנלעך, געקאָנט דיריזשירן קלאַסישע ווערק. נאָר זײַענדיק באַגאַבט אין אַלע זשאַנרען, האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער עסטראַדע.

אוטיאָסאָוון איז לאַכלוטן פרעמד גרויסהאַלטערײַ, דאָס איז אַף כידושים א גוטמוטיקער מענטש, מיט אַלעמען קומט ער לײַכט אויס, געפינט אַן אַלגעמיינע שפּראַך, אַפילע מיט די מוזיקאַנטן, וועלכע זײַנען, ווי באַוווּסט, קאַפּריזע מענטשן.

אין מײַן זיקאָרן האָט אַף שטענדיק זיך פאַרקריצט דער פײַערלעכער אָוונט, געווידמעט אוטיאָסאָווס זיבעציקסטן געבורטסטאָג, באַזונ־

פון לינקס אף רעכטס: ק. טשוקאָווסקי, ל. אוטיאָסאָוו, ג. קאסיל, ג. מאמלין און י. יאקאָוולעוו. 1965.

דערס דער מאָמענט, ווען דער קולטור־מיניסטער פון פסטר האָט געלייענט דעם אוקאַז פונעם פרעזידיום פון אויבער־סאָוועט וועגן צווייגענען אוטיאָסאָוון דעם טיטל פאָלקס־ארטיסט פון סאָוועטנפארבאנד.

אין אָט דער אומפארגעסלעכער רעגע, — אוטיאָסאָוו איז דאָך געווען דער ערשטער עסטראַדע־אקטיאָר, וועלכן מע האָט באערט מיט אָט דעם טיטל, — זײַנען פאר מײַנע אויגן דורכגעגאנגען די געשטאלטן פון די זעלנער, וואָס לעאָניד אָסיפּאָוויטש האָט אין פארשיידענע צײַטן געשאפן, און כ'האָב א קלער געטאָן, אז אין פארלויף פון זײַן לעבן איז אוטיאָסאָוו אליין געווען א געטרײַער זעלנער, דער ערשטער סאָלדאט פון דער סאָוועטישער עסטראַדע, וועלכער איז אזוי באליבט באם פאָלק.

וולאדימיר קאָראלי

פעסי קעמפער איז געבליבן אן אלמאָנע מיט פינף קינדער אף די הענט, איינס קלענער פונעם צווייטן. איר מאן, פראַים קעמפער, איז געווען א טרעגער, ער האָט שטענדיק שווער געהאָרעוועט, אונטערגעריסן דאָס געזונט און איז געשטאָרבן א קאפצן.

געוווינט האָט מען אף דער אָדעסער מאָלדאוואנקע, עק שטאָט, און אָפּגעשטופּט דעם טאָג מיט א שטיקל הערינג און עטלעכע קארטאָפליעס.

נאכעס האָט פעסי געהאט פון אירע דרײַ ייִנגעלעך — זוזיע, מאָניע און וועלוועלע (וואָלאָדיעניו, ווי זי האָט אים גערופן). זיי האָבן פארמאָגט שיינע, הילכיקע קעלעכלעך. דאָס זינגען זייערס האָט אלעמען פארשאפט פארגעניגן. באזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט דער מיזיניק — וואָלאָדיע.

די ייִנגלעך זײַנען געגאנגען אין כיידער צו שימענען דעם מעלאמעד. און דאָס האָט ער, זעט אויס, געייצעט דער אלמאָנע, זי זאָל זיי אָפּגעבן פאר מעשוירערים אין דער אָדעסער קאָרשול. ווען־עס־איז פלעגן די ברידערלעך זינגען אף א נעגידישער לעווײַע און באקומען פאר דעם צו צוואנציק קאָפּעקעס. אין אזא טאָג האָט מען געהאט א זאטע וועטשערע.

ווײַטער האָט פאסירט אזוי, אז וואָלאָדיען האָט מען אײַנגעלאדן אין דעם אָרטיקן קינדער־טעאטער זינגען אין א פּיעסקע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין פערזן. דאָס איז געווען מײַן ערשטע ליטערארישע שאפונג. דעם עמעס געזאָגט, איז דער גאנצער איניען געווען פאר מיר אומדערוואַרט. איך האָב די פערזן געהאט אָפּגעשיקט אין א קינדער־צײַטונג, מ'האָט זיי אָפּגעדרוקט, און דער קינדער־טעאטער האָט זיי אינסצעני‍רט.

אין שטאָט האָבן זיך באוויזן אפישן. מײַנע פערזן האָט מען דאָרט אָנגערופן „סקעטש". ס'איז געווען אָפּגעדרוקט די פאמיליע פונעם אוּוטאָר. דער אוּוטאָר איז אָבער דעמלט ערשט אלט געווען פערצן יאָר און ער האָט נאָך אפילע רעכט ניט געוווסט, וואָס אזוינס איז „סקעטש".

וואָלאָדיען האָט מען געגעבן די הויפּט־ראָל. ער האָט קימאט די גאנצע צײַט באדארפט זינגען. דער באלעבאָס פונעם טעאטער האָט צוגעטראכט פארן יונגן אקטיאָר א פסעוודאָנים —

קאָראלי, נאָר זאָגן אים וועגן דעם האָט מען אָדער פארגעסן, אָדער ניט געפונען פאר נייטיק. ס׳א נאפקעמינע פארן צעניאָריקן שנעק, וויזאזוי מע וועט אים רופן.

אין מאָמענט, ווען דאָס ייִנגל האָט באַדארפט ארויסגיין אָף דער סצענע און דער געהילף־רעזשיסאָר האָט הינטער די קוליסן אויסגערופן: „קאָראלי, צום ארויסגאנג!“, האָט וואָלאָדיע אפילע פון אָרט זיך ניט א ריר געטאָן, מע רופט דאָך עפּעס א קאָראלי. ער איז אזוי געשטאנען, ביז ס׳איז געקומען צו לויפן דער באלעבאָס פונעם טעאטער און גענומען טופּען אָף אים מיט די פיס: „וואָס שטייסטו ווי א לייִמענער גוילעם?.. דו ביסט דאָך קאָראלי...“

אָט אזוי האָט וואָלאָדיע זיך דערוווּסט זײַן אקטיאָרישן נאָמען, מיט וועלכן ער האָט זיך שוין ניט צעשיידט דאָס גאנצע לעבן.

דער יונגער אקטיאָר האָט געהאט גרויס דערפאָלג. ס׳האָט זיך פארינטערעסירט מיט אים א ספּריטנער אימפּרעסאריִאָ, וועלכער האָט פאָרגעלייגט דער אלמאָנע, איר זון זאָל ארומפאָרן מיט אים. ער האָט דערבײַ ארויסגעשטעלט זײַנע באדינגונגען: וואָלאָדיע דארף פארלאָזן דעם קינדער־טעאטער, זײַן רעפּערטואר דארף זײַן צוגעפּאסט פאר דער עסטראדע, ס׳וועט אויסקומען ארומפאָרן. די אלמאָנע וועט דערייבער מוזן באגלייטן דעם זון.

אין איינעם א טאָג איז די אלמאָנע מיט דעם עלפיאָריקן אקטיאָר אראָפּגעקומען צו מיר אהיים און דערציילט די גאנצע געשיכטע מיטן אימפּרעסאריִאָ. די ווערטער „רעפּערטואר“, „גאַסטראָלן“ זײַנען ערשט ניט לאנג ארײַן אין איר לעקסיקאָן, און זי האָט זיי זייער שווער ארויסגערעדט.

— דער באלעבאָס זאָגט, — האָט געטײַנעט די אלמאָנע, — אז אויב אזא ייִנגל, ווי מײַן וואָלאָדיעניו, וועט זינגען וואָלנוויושטשע קופּלעטן, וועט ער האָבן א גרויסן אוספּעך בא דער פּובליקע. אלץ איז געווענדט פון אײַך. איר מוזט אָנשרײַבן פאר אים די סאמע בעסטע קופּלעטן, מע זאָל אים שרײַען „בראוואָ“ און „ביס“.

— גוט, מאדאם קעמפּער, איך וועל זיך סטארען אָנשרײַבן גוטע קופּלעטן.

— איך בעט אײַך, שרײַבט זיי אָן וואָס גיכער, ווײַל אָט־אָט דארפן מיר שוין ארויספאָרן אָף... אָף... זע, דאָס וואָרט ליגט מיר אפן צונג... אָף די גאסטראָלן.

דאָס, וואָס כ׳וועל ווײַטער דערציילן, האָט פּאסירט אין 1918, ווען אוקראַיִנע האָבן אָקופּירט די דײַטשן און ס׳האָט געוועלטיקט דער העטמאן סקאָראָפּאדסקי.

אין יענע אומרויִקע טעג איז אײַנגעפירט געוואָרן די שטרענגסטע צענזור אפן געדרוקטן וואָרט, נאָר א מאָדנע זאך — דעם עסטראדערעפּערטואר האָט די צענזור ביז א צײַט אויסגעמיטן, קיינער האָט פאָרלויפיק אים ניט קאָנטראָלירט. דער איינציקער „צענזאָר“ אָף מײַנע קופּלעטן פאר וואָלאָדיען איז געווען זײַן מאמע, וועלכער ס׳האָט אין הילכעס גראמאָטע געמעגט צוקומען דאָס, וואָס איר האָט געפעלט.

די אלמאָנע פלעגט זיך אוועקזעצן אנטקעגן מיר, די הענט פארלייגט אפן בויך, די אויגן אראָפּגעלאָזט צו דער פּאָדלאָגע, און זיך אײַנהערן, ווי איך לייען. עטלעכע מאָל האָט זי מיך איבערגעשלאָגן:

— זאָגט מיר, אָבער דעם ריינעם עמעס, אָט דאָס, וואָס איר לייענט, איז טאקע אינטערעסנע? די פּובליקע וועט לאכן? איר ווייסט דאָך, כ׳בין אן אָרעמע אלמאָנע...

— יאָ, יאָ, דער אוילעם וועט פּלאצן פון געלעכטער...

די אלמאָנע האָט ארײַנגערוקט די קופּלעטן אין איר אלטפרענקישן רידיקול, זיך געזעגנט מיט מיר, צוזאָגנדיק, אז דעם האָנאָראר וועל איך באקומען נאָך די גאסטראָלן.

ניט איך, דער אווטאָר, און ניט פּעסי די אלמאָנע, און ניט וואָלאָדיע, פארשטייט זיך, האָבן דעמלט ניט געוווּסט, אז איינער פון די קופּלעטן וועט אויסנעמען בא די צושויער און וועט ארײַנוואָרפן אין אזא רעציכע די דײַטשישע אָקופּאנטן.

דעם ערשטן קאָנצערט האָט וואָלאָדיע קאָראלי געגעבן אין יעקאטערינאָסלאוו (איצט דניעפּראָפּעטראָווסק). ער איז ארויסגעגאנגען אָף דער סצענע אין א פּאָר ברייטע סאמעטענע פּלידערן, פארשטעקטע אין גלאנציקע צעראטענע כאָליוועס. דאָס זײַדענע העמדל מיטן הויכן קראגן איז געווען איבערגעכאַפּט מיט א קאָלירנדיק שנירל מיט בונטע פרענדזלעך בא די עקן. דאָס באָכערל איז ווי געבוירן געוואָרן פאר דער בינע. ער האָט מיט א כיינעוודיקן שמייכל געקוקט א ווײַלע אָף די צושויער.

— איך וועל באלד אויספּילן טשיקאווע קופּלעטן...

דער פּיִאניסט האָט א שפּיל געטאָן דעם רעפרען. די צושויער האָבן גלײַך דערקענט די מעלאָדיע פון א ברייט־באוווּסטער אוקראַיִנישער פאָלקסליד. וואָלאָדיע קאָראלי האָט געזונגען:

По дорози немцы шли,
Ну и в гости к нам зашли,
Хлеб и сахар берут
И с собой везут,
Хай берут, хай везут.

(איבער וועגן זײַנען דײַטשן געגאנגען, און צוגאסט צו אונדז ארײַנגעקומען, ברויט און צוקער נעמען זיי, פירן אָפּ מיט זיך. זאָלן זיי נאָר נעמען, זאָלן זיי נאָר פירן).

די קופּלעטן — א געמיש פון אוקראַיִנישע און רוסישע ווערטער — זײַנען אזוי אָפן און שארף געווען געצילט קעגן די פארכאפּער, אז אין זאל איז געוואָרן טומלדיק. און וואָלאָדיע האָט דערווײַל פאָרגעזעצט:

Заберут у нас пшеницу,
Рожь и гречку и ядрицу,
Ни к чему теперь нам стало
Кушать яйца, мед и сало,
Хай берут, хай везут.

װלאַדימיר קאָראַלי מיט זײַן זון גאָשע אָף דעם װאָלכאָװער פראָנט. 1942

(זיי וועלן צונעמען בא אונדז דאָס ווייץ, דאָס קאָרן און די הרעטשקע, ס'איז ניט קיין מוז, מיר זאָלן אליין עסן אייער, האָניק און שפּיק. זאָלן זיי נאָר נעמען, זאָלן זיי נאָר פירן).

ווען דער קופּלעטיסט איז דערגאַנגען צום רעפרען, האָבן די צושויער אונטערגעכאַפּט די ווערטער און געגומען סקאַנדירן: „זאָלן זיי נאָר נעמען! זאָלן זיי נאָר פירן!"

וואָלאָדיע קאָראַלי זינגט די שלוס־פּערזן:

А як товарообмен начнут,
К нам оттуда привезут:
Папетри, духи и соду
И слабительную воду
Нам дадут, нам дадут...

(און אַז ס'וועט זיך אָנהייבן דער סכוירע־אויסטויש, וועלן זיי אונדז פון דאָרט אַראָפּברענגען: שמעק־פּאַפּיר, דוכי, סאָדע און ריצנייל. מע וועט אונדז געבן! מע וועט אונדז געבן!)

אַפן צווייטן טאָג, ווי נאָר דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דער עולם באַגעגנט דעם יונגן זינגער מיט אויסרופן:

— וואָלאָדיע, אַנו דערלאַנג!

«Хай берут, хай везут»

אַפן דריטן טאָג האָט שוין די שטאָט געזונגען די קופּלעטן. און אַפדערנאַכט האָט פּאַסירט אָט וואָס:

ווי נאָר וואָלאָדיע קאָראַלי האָט אָנגעהויבן זינגען די קופּלעטן, האָבן אומדערוואַרט אין זאַל זיך באַוויזן עטלעכע דײַטשישע פּאָליצייער. ס'האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזט דער פּאָרהאַנג, און אַ טשינאָווניק פון דער אָקופּאַציע־פּאָליציי האָט אָף אַ געבראָכענעם רוסיש דערקלערט, אַז דער קאָנצערט איז פאַרענדיקט, מ'זאָל טייקעף זיך פונאַנדערגיין.

דעם יונגן קופּלעטיסט מיט זײַן מאַמען, וועלכע איז געווען מער טויט, ווי לעבעדיק, האָט מען גלײַך פון טעאַטער אָפּגעפירט אין פּאָליציי־באַצירק. דער אויספאָרשער האָט זיי לאַנג ניט אָפּגעלאָזט. עס זײַנען אים, זעט אויס, דערעסן געוואָרן זייערע טאַמעוואַטע ענטפערס, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— אין פיר און צוואַנציק שאָ אַרום זאָל דאָ אײַער דעך ניט זײַן!

זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירע, ווי טייקעף אַוועקפאָרן. אָבער אַרויסשיקן פון שטאָט די קופּלעטן וועגן „סכוירע־אויסטויש" זײַנען די אָקופּאַנטן ניט אימשטאַנד געווען. מע האָט די קופּלעטן געזונגען אומעטום און בא יעדער געלעגנהײַט.

אין כערסאָן און אין ניקאָלײַעוו האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע: אַפן צווייטן, אין בעסטן פאַל — אַפן דריטן טאָג האָט מען די קאָנצערטן פאַרווערט, און וואָלאָדיע מיט דער מאַמען זײַנען אָף אַן אַדמיניסטראַטיוון אויפן אַרויסגעשיקט געוואָרן.

אַהיים, קיין אָדעס, האָבן זיי זיך אומגעקערט אַ סאַך פריִער, ווי ס'איז געווען אויסגערעכנט. דער אייגנטימער פון אַ מיניאַטיור־טעאַטער האָט אײַנגעלאַדן וואָלאָדיע קאָראַלין אָף עטלעכע קאָנצערטן און האָט פאַר דעם טײַער באַצאָלט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט די דײַטשישע אַדמיניסטראַציע צוגעמאַכט דעם טעאַטער.

— טוט נאָר אַ קוק, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן, — האָט מיט האַרץ מיר פאַרגעוואָרפן פּעסיע די אַלמאָנע, ווען זי איז איַנגיכן אַראָפּגעקומען צו מיר אַהיים. — אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט דער סלעדאָוואַטעל געטופּעט אָף מיר מיט די פּיס. אין כערסאָן האָט מען מיך מיט וואָלאָדיען אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין קאַטאַלאַזשקע... אין ניקאָלײַעוו האָבן די סטראַזשניקעס אונדז אַרײַנגעמאָרדעוועט אין פּאָיעזד און געוואָרנט, מיר זאָלן ניט סמייען נאָכאַמאָל זיך דאָרט באַווײַזן. און דער סאָף איז, אַז דער באַלעבאָס האָט צעריסן דעם קאָנטראַקט.

כ'האָב געמיינט, אַז די אַלמאָנע וועט באַלד נעמען מאָנען, איך זאָל דעקן אירע העזייקעס. ניין, זי איז נאָר באַשטאַנען, איך זאָל אָנשרײַבן פאַר איר אַן אַנדער רעפּערטואַר.

— די לידלעך אײַערע וועל איך אויסהערן איינעם מיט מײַנעם אַ קאָרעוו, — האָט געזאָגט די אַלמאָנע און פאַרגעזעצט, — ער פאַר־

שטייט גוט אין אַזעלכע זאַכן, ער האַלט דאָ אַף דער רישעליעווסקי־גאַס אַ גאַלאַנטערייִנע קראָם...

די פּערספּעקטיוו צו האָבן אַזאַ אַוטאָריטעטע עקספּערטיזע האָט, נאַטירלעך, מיך ניט באַגײַסטערט. כ׳האָב דער אַלמאַנע גאָרניט געענטפערט, נאָר בײַ זיך האָב איך געפּויעלט, אַז מער וועל איך קיין קופּלעטן פאַר וואָלאָדיען ניט שרײַבן...

אין עטלעכע טעג אַרום איז מיר מיט צוויי מײַנע כאַווײרים אויסגעקומען צו זײַן אַף דער זעכצנטער סטאַנציע (אַף דעם גרויסן פאָנטאַן). אָפּדערנאַכט איז אין דעם דאָרטיקן זומער־טעאַטער פאָרגעקומען אַ קאָנצערט. מיר זײַנען אַוועק אַהין. ווי גרויס איז געווען מײַן פאַרוווּנדערונג, ווען כ׳האָב פּלוצעם דערהערט, ווי דער קאָנפעראַנסיע מעלדעט, אַז אויסער דער פּראָגראַם וועט אַרויסטרעטן וואָלאָדיע קאָראַלי.

מע האָט אים באַגעגנט מיט אַ פּליעסקערײַ און מיט פאַמיליאַרע אויסרופן:

— וואָלאָדיע! גיב די קופּלעטן! האָב קיין מוירע ניט, דאָ זײַנען אַלע אייגענע...

וואָלאָדיע האָט ניט געלאָזט זיך לאַנג בעטן און (איך מיין, אַז ער האָט דעמאָלט שוין גוט פאַרשטאַנען, צו וואָס דאָס קאָן ברענגען) מיט אַ פעסטער שטים גענומען זינגען די קופּלעטן, וועלכע האָבן אים שוין פאַרשאַפט ניט ווייניק אַגמעסנעפעש. ווען ער איז דערגאַנגען צום רעפרען, האָבן די צושויער אונטערגעכאַפּט. זיי האָבן געהאַט פאַרגעניגן פון דעם, וואָס זיי קאָנען כאָטש אַף אַזאַ אופן אויסדריקן זייער פאַראַכטונג צו די נידערטרעכטיקע אָקופּאַנטן.

עמעצער פון מײַנע באַקאַנטע האָט מיך דערזען צווישן די צושויער און גענומען שרײַען אַף אַ קול: „אָט איז דער אויטאָר! דעם אויטאָר אַף דער סצענע!״.

איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, מיט דער הילף פון מײַנע כאַווײרים בין איך אַרויס פונעם טעאַטער און געשטעלט פּיס. מיר זײַנען שוין געווען נאָענט פון דער אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרמע, ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ דײַטשישער אָפיצער. ער האָט זיך דערנענטערט האַרט צו מיר און, זידלענדיק זיך, אַף וואָס די וועלט שטייט, מיר דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ אין פּאָנעם אַרײַן.

איך האָב זיך אַ וואַקל געטאָן און וואָלט אַף געוויס אומגעפאַלן, ווען לעבן מיר זאָלן ניט געווען זײַן מײַנע כאַווײרים איליושע מילדאָן און אַבראַשע וויטעבסקי. זיי האָבן מיך אונטערגעכאַפּט און ניט געלאָזט מיך פאַלן. איך האָב זיך געריסן פון זייערע הענט, זיך באַמיט מיט דעם פוס אַ נערעק טאָן דעם אָקופּאַנט. די יאַטן האָבן גוט פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס קאָן זיך פאַרענדיקן, האָבן זיי מיך אַ כאַפּ געטאָן און געלאָזט זיך לויפן צום דערבײַיִקן וועלדל...

דער לייענער רעכט האָט מיך צו פרעגן, וואָס עס איז ווײַטער געוואָרן מיטן יונגן אַקטיאָר.

וולאַדימיר קאָראַלי לעבט איצט אין מאָסקווע. מיר טרעפן זיך גאַנץ אָפט. ער איז פאַרבליבן געטרײַ דעם עסטראַדע־זשאַנער. זײַן נאָמען איז זייער פּאָפּולער. ער טרעט אַרויס ניט נאָר אין דער הויפּטשטאָט, נאָר אויך אין די דערווײַטערטע ראַיאָנען, אַף נײַ־בויוונגען, אין קאָלווירטן. ער איז שוין אין די יאָרן. נאָר דאָס שטערט אים ניט אויך איצט צו פאַרשאַפן דעם צושויער פרייד און פאַרגעניגן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט די טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקײַט פון מאָסקווע אָפּגעמערקט וולאַדימיר קאָראַליס זעכציקסטן געבורטסטאָג און דעם פופציקיאָריקן יובילײַ פון זײַן עסטראַדע־טעטיקײַט. זייער רירנדיק זײַנען געווען די באַגריסונג־ווערטער פון קאָראַליס פראָנט־כאַווײרים. אין דעם באַלאַגערטן לענינגראַד איז דעם אוילעם געווען גוט באַקאַנט דער דזשאַז־אָרקעסטער בעראָש מיט וולאַדימיר קאָראַלי און קלאַוודיע שולזשענקאָ. דער אַקטיאָר דערמאָנט זיך, ווי דער אַנסאַמבל איז ווינטער־צײַט אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אַף דער לאַדאָגע.

לעאָניד אוטיאָסאָוו און וולאַדימיר קאָראַלי

איך האָב זיך באַגעגנט מיט קאָראַלין אַפן וואָלכאָווער פראָנט. מיט אים איז אויך געווען זײַן צעניאָריקער זון גאָשע. דאָס יינגל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן דרייסטקײַט באַם לעשן די פאַשיסטישע צינד־באָמבעס און איז פאַר דעם באַלוינט געוואָרן מיט דער מעדאַל „פאַר באַשיצן לענינגראַד״. איך האָב דעמאָלט פאָטאָגראַפירט דעם טאַטן מיטן זון.

דעם יובילײַ־אָוונט, געווידמעט וולאַדימיר קאָראַלי, האָט געפירט דער פאָלקס־אַרטיסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד לעאָניד אוטיאָסאָוו. ווען ער האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט צו באַגריסן דעם יובילאַר, האָב איך ניט געקענט זיך אָפּזאָגן פונעם פאַרגעניגן צו דערציילן דעם אוילעם, וויאַזוי ס׳איז פאָרגעקומען מײַן באַקאַנטשאַפט מיט קאָראַלי, וועגן יענע יעסורים, וואָס מיר האָבן זאַלבעדריט — ער, זײַן מאַמע און איך — געהאַט אין דעם ווײַטן 1918 צוליב די קופּלעטן «Хай берут, хай везут».

איך וועל אײַך בעסאָד־סוידעס זאָגן, אַז אויך איצט שרײַב איך נאָך אַמאָל אַקטועלע קופּלעטן פאַר מײַן אַלטן גוטנפרײַנט.

■ ■ ■

צאַלעל בליץ

אין יענע טעג און אין די איצטיקע

דער איקוף אין אַרגענטינע, וואָס האָט בעמעשעך פון די לעצטע פינף און דרײַסיק יאָר פאַרקערפערט דאָס סאמע זויבערסטע, דאָס סאמע אָרנטלעכסטע און דאָס סאמע קעמפעריִשסטע אין דער ייִדישער פאָלקס־קולטור, האָט א שפאַנענדיקע ביִאָגראַפיע און איז, אַזוי צו זאָגן, א ליכטיק קינד אין א פינצטערער צײַט.

דער איקוף איז געבוירן געוואָרן אין יענער טונקעלער, ביין־האשמאָשעסדיקער צײַט, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן שפּאַנישן בירגערקריג און דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. אומעטום האָט מען דאן דערפילט, אַז דער שווער־פאַרהאָרעוועטער קולטור־פאַרמעגן פון צוויי טויזנט מיליאָן מענטשן און פון דרײַ טויזנט יאָר ציוויליזאציע איז אין געפאַר; די קולטור ווערט דורכן פאשיזם געשלעפּט צו דער טליִע און צו דער יאטקע־קלאָץ; איבער דער דאָזיקער קולטור, וואָס איז קערנדל צו קערנדל אופגעזאמלט געוואָרן דורך יאָרהונדערטער און איז מעסירעסנעפעשדיק דורכגעטראָגן געוואָרן דורך אלע אָבסקוראנטיזמען, אאוטאָ־דא־פעען, אבסאָליוטיזמען, טיראניעס, מיטלאלטערס, — איבער איר איז אופגעהויבן די האקנקרייצלערישע האק. מע האָט פאַרשטאנען, אַז אַזיווי די קולטור איז דער זע־כוש, דאָס אויג פון דער מענטשהײַט, צילט דער פאשיזם קוידעמקאָל אין דער קולטור, קעדיי בלינד צו מאכן די פעלקער.

עס איז דעריבער געוואָרן קלאָר, אַז אויך די קולטור מוז זיך באוואָפענען, צו אירע ספּעציפישע פונקציעס מוז צוקומען נאָך איינע: מיליטאנטישקײַט, זעלבסטפאַרטיידיקונג און אפילע אקטיווע אָנגרײַפערישקײַט קעגן דעם טויט־סוינע פונעם מענטשלעכן מין.

אין יענע טרויעריקע צײַטן פון ערעוו כורבן האָט אויך די ייִדישע וועלט־קולטור דערפילט א שטארקן אומרו. אויך פריִער פלעגט זי פון צײַט צו צײַט אומרויִק ווערן פון א דורכלויפנדיקן פונקען־שטראָם פון אנטיסעמיטישער העצע, אָבער אַזא מין אומרו פלעגט שנעל פאַרפאלן ווערן אין צעוויגטן 16־מיליאָניקן ייִדן־וואלד און אין שפּעריִשן גערויש פון דעם ייִדישן לעבן.

אין 1937 האָבן אָבער די צוג־ווינטן פונעם היטלעריסטישן נירנבערג גענומען דורכנעמען די ביינער, און די ייִדישע קולטור האָט דערפילט, אַז זי מוז זיך אָנהייבן באוואָרענען קעגן דער צופאלנדיקער פאשיסטישער נאכט.

אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען שפּעטער, און כאָטש עס האָבן שוין דאן ציניש געפינטלט די סימאָנים פון דער קאטאסטראָפע, איז נאָך דאן „די נאכט פון לאנגן מעסער” געווען, קאָן מען זאָגן, מילד, ווי א בלאָנדע לאָרעלײַ־גרעטכען, ווײַל בעסאכאקל האָט דער נאציזם געהאלטן ערשט אין פּאָגראָמירן ניט מער ווי דעם מענטשלעכן גײַסט. האָבן טאקע די ייִדישע שרײַבער און קולטור־שעפער פון פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט באשלאָסן וואך צו זײַן אין דער דאָזיקער נאכט, און קעדיי צו קענען וואך זײַן ווי געהעריק, האָבן זיי זיך פאַרזאמלט אין דער שטאָט, וווּ ס'איז געפאלן די באסטיליע, — אין פאריזש.

דאָרט האָט די ייִדישע קולטור אופגעשטעלט איר זעלבשוץ, דאָרט האָט זי געשלאָסן א דעפענסיוון וועלט־פאקט פארן פראָגרעסיוון אינהאלט פון אונדזער וואָרט, און דאָרט איז אופגעקומען די מיליטאנטישע קולטור־ברידערשאפט, וואָס איז ארײַנגעשריבן געוואָרן אין ייִדישן לעבן מיטן נאָמען „אלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־פארבאנד — „איקוף״.

דאָס פאריזשער איקוף־יאָר האָט אונדז איבערגעלאָזט, צווישן אנדערן, די ווײַטערדיקע דרײַ פונדאמענטאלע טעזיסן, וועלכע זײַנען פאָרמולירט געוואָרן אין דעם בארימטן מאניפעסט:

1) „די צוויי פאָליאר־קעגנזעצלעכע מאָמענטן פון דער איצטיקער היסטאָרישער טקופע אין לעבן פונעם ייִדישן פאָלק, דער אָנוווקס פון קולטור־קרעפטן און דער אָנוווקס פון קאטאסטראָפע, שטעלן אוועק פאר דער ייִדישער עפנטלעכקײַט אזוינע פראָבלעמען, וואָס קענען געלייזט ווערן נאָר דורך א פאראייניקונג פון אלע לעבעדיקע און שאפנדיקע קויכעס״.

2) „דאָס ייִדישע פאָלק, זײַנע ברייטע האָרעפאשנע מאסן זײַנען טיף דורכגעדרונגען מיט א בענקשאפט נאָך א נײַער באפרײַטער וועלט, נאָך אן אָרדענונג פון סאָציִאלער גערעכטיקײַט, זיכערקײַט, דערהייבונג פון מענטשלעכן און נאציִאָנאלן קיִעם אף א העכערער מאדרייגע״.

3) „דער איקוף וועט זאָרגן פאר דער אויסברייטערונג, פארטיפונג, באַרײַכערונג, פארפײַנערונג פון דער ייִדישער וועלטלעכער פראָגרעסיווער קולטור, סטימולירן איר ווײַטערדיקן וווקס אין דער ריכטונג פון סאָציִאלער גערעכטיקײַט און פרײַהײַט״.

אָט די דאָזיקע פאראייניקונג פון אלע לעבעדיקע און שאפנדיקע קויכעס מיטן אויסקוק צו שטארקן דעם וועלטלעכן, פראָגרעסיוון כאראקטער פון אונדזער קולטור, אין באדינגונגען פון סאָציִאלער גערעכטיקײַט אין א באפרײַטער וועלט, איז זינט דאַן די הויפט־אידיי און דער הויפט־ציל פונעם איקוף.

איקוף איז געוואָרן פאר יעדן אָרנטלעכן פאָלקסמענטשן אין די לענדער, ווו ער עקזיסטירט, א קאמפס־רוף און א שעפערישער לאָזונג, אן אידעאליסטישער דראנג און א בויערישער פארמעסט.

אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן געזעלשאפטלעכן קולטור־אופשטײַג איז פאריזש דער צווייטער עטאפ נאָך טשערנאָוויץ. אין טשערנאָוויץ זײַנען פראָקלאמירט געוואָרן, אין יאָר 1908, די קאָנסטיטוציִאָנעלע רעכט און די נאציִאָנאלע דערוואקסנקײַט פון ייִדיש, און אין פאריזש איז, אין יאָר 1937, אָרגאניזירט געוואָרן, אף א מיליטאנטישער און אידייִשער באזע, דער לעבנס־פראָצעס פון דער ייִדישער פאָלקס־קולטור.

דער איקוף־קאמף פאר דער ייִדישער פאָלקס־קולטור ציט זיך בעמעשעך פון 35 יאָר. אין דאָזיקן צײַט־אָפשניט איז אײַנגעשלאָסן, צוזאמען מיט די דרײַ מיט א האלבן פארגאנגענע יאָרצענדליקער, אויך דער סאכאקל פונעם פריִערדיקן דויערסלאנגן קאמף פון די ייִדישע מאסן פאר זייער גײַסטיקער דערהייבונג, פאר דער עקזיסטענץ פון דער ייִדישער פאָלקס־קולטור און פאר דער גלײַכבארעכטיקונג פונעם ייִדישן פאָלקס־וואָרט.

עס געפינען זיך אינעם איקוף די דינסטע האָר־וואָרצעלעך פון 1000 יאָר ייִדיש, פון 700 יאָר ייִדישער ליטעראטור, פון 120 יאָר קאמף פאר דער מאָדערניזירונג פונעם ייִדישן לעבן, פון 100 יאָר קאמף פאר סאָציִאליזם, פון 75 יאָר געזעלשאפטלעכע אָרגאניזירטקײַט, פון 65 יאָר קאמף פאר די נאציִאָנאלע רעכטן פון אונדזער פאָלקס־שפראך, פון 60 יאָר ייִדיש־וועלטלעכע פראָגרעסיווקײַט. דאָס אלץ קען מען אָפגעפינען אין די 35 יאָר איקופישקײַט.

די דאָזיקע אלע היסטאָרישע שטראָמען האָבן ארײַנגעגאָסן אין איקוף דעם ניט־פארגעסלעכן טייל פון זייערע אידעאלן און האָבן צונויפגעטראָגן אינעם ייִדישן קולטור־פארבאנד דעם טאמציס פון זייערע רומפולע קאמף־טראדיציעס. איידער די מאָדערנע ייִדישע קולטור האָט באקומען אירע פעסטע איקופישע כאראקטער־שטריכן, האָט שוין עקזיסטירט אין ייִדישן לעבן אָט די קעמפערישע פרעאיקופישקײַט, וואָס האָט מעגלעך געמאכט, אז אין 1937 יאָר זאָל דער אלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־פארבאנד אופקומען ניט נאָר אפן סמאך פון א פײַערלעכן באשלוס פון א צאָל שרײַבער, נאָר דעריקער ווי א געשיכטלעכער אימפעראטיוו פונעם ייִדישן לעבן.

איינע פון די הויפט־מידעס פון פרידלעכן איקוף איז גראָד זײַן קעמפערישקײַט. דאָס איז א שטריך ניט נאָר פון די 35 איקופישע יאָרן. יעדע לעבנס־אָנשטרענגונג פון דער מאָדערנער און עלטערער ייִדישער קולטור איז ניט מעגלעך געווען אָן קאמף. די ייִדישע פאָלקס־קולטור איז ניט געבוירן געוואָרן אף ווייכע פערענעס, זי איז ניט פארוויגט געוואָרן אין א וויגעלע, ניט געשפײַזט געוואָרן מיט ראָזשינקעס און מאנדלען און זיך ניט געשפילט מיט קיין גאָלדן ציגעלע... זי איז געבוירן געוואָרן אפן שלאכטפעלד, און ביז איצט האלט זי אין איין שמעקן פולווער.

עס איז ניט אונדזער אופגאבע ארומצורײדן הײַנט דעם דאָזיקן קאמף אין זײַן ווײַט־

געשיכטלעכן אספעקט. געגוג בלויז צו דערמאָנען, אַז, לעמאָשל, אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יה. איז דאָס לעבן פון אונדזערע קלאַסיקער, אָן גוזמע, געשטאַנען אין געפאַר, ווען מענדעלע האָט ארויסגעגעבן זײַן „טאַקסע", ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרעפנטלעכט זײַן „יאַקנעהאָז" און ווען פּערעץ האָט געהאַלטן אַ פּאַר רעפעראַטן אין די סטודענטישע קרײַזלעך. גענוג אויך צו דערמאָנען דעם אָפּנעם טעראָר קעגן דער פּראָגרעסיווער קולטור אין ביזמילכאָמעדיקן פּראָפּאַשיסטישן פּוילן; און וואָס שײַך אַרגענטינע, זאָלן איידעס זאָגן די פּאָגראָמירטע שולן, די דרײַ דערשטיקטע פּראָגרעסיווע טאָג־צײַטונגען, דער טעאַטער „איפט", וואָס איז יאָרנלאַנג מאַמעש געשמידט אין קייטן...

גאָר שנעל איז דער יונגער איקוף אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר גרויסע אויספּרוּוון און פאַר דערשיטערנדיקע דערשײַנונגען אין ייִדישן לעבן סײַ אין דער צײַט פונעם וועלט־קריג, סײַ אין דער נאָכמילכאָמע־צײַט. טראָץ אַלע אויספּרוּוון און שוועריקײַטן, האָט זיך אָף קיין מינוט ניט געטאָרט אָפּשטעלן די נאָרמאַלע און אַלץ מער וואַקסנדיקע בוי־אַרבעט פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור אָף אַלע איקוף־פּונקטן פון דער וועלט און ספּעציעל בא אונדז אין אַרגענטינע.

גלײַך פון אָנהייב אָן אָבער האָבן זיך גענומען אויספּיקן אינערלעכע קריזיסן אין איקוף, אַרויסגערופענע דורך די אַנטיפּראָגרעסיווע „שוטפים". דער איקערדיקער שטרײַט־פּונקט איז געווען, גלײַך פון אָנהייב און ביז איצט: פּרײַנטשאַפט אָדער סינע צום ראַטנפאַרבאַנד. פאַר דער פּרײַז פון סינע צום לאַנד פון סאָציאַליזם וואָלטן די שפּאַלטערס געבליבן אין איקוף און געמאַכט פון אים אויס איקוף. זיי האָבן געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז פּראָסאָוועטישקײַט איז אַנטי־ייִדישקײַט; דער אידעאָלאָגישער רוקנביין פונעם איקוף איז אָבער פרײַהײַט און איבערגעגעבנקײַט צום אָקטיאָבער־לאַנד.

די שפּאַלטערס זײַנען אַוועק און האָבן שפּעטער אויסגעטראַכט, אַז די פּראָגרעסיווע קויכעס האָבן „פאַרכאַפּט" דעם איקוף. ניין, ניט פאַרכאַפּט האָבן מיר דעם איקוף, נאָר געבליבן אים טרײַ! געטרײַ מיט לײַב־און־לעבן צו דער שוווע פון פּאַריזש — צו דער קולטור־שוווע, וואָס מיר וועלן קיינמאָל ניט ברעכן!

זינט דער שפּאַלטונג און פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן גרויסן מילכאָמע־אומגליק און מיט די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין דער ייִדישער סוויווע צוויי שטעלונגען, צוויי אויפאַנים פון אופנעמען זאַכן און פון רעאַגירן אָף זיי — די איקופישע שטעלונג און די ניט־איקופישע.

דער איקופישער קוק אָף זאַכן איז געווען דורכגעדרונגען מיטן טראַדיציאָנעלן פאָלקס־אָפּטימיזם, מיט אַקטיווער קעמפערישקײַט און מיטן אַנטשיידענעם ווילן ניט צו קאַפּיטולירן אין דער פינצטערסטער שאָ אַפילע. דער אַנדערער צאַד האָט אָנגענומען אַ שטעלונג פון פאַרבראָכענע הענט, פון פּאַסיוון אײַנגעקאָרטשעטן אויסוואַרטן, פונעם אַלטן געקלאָג, וואָס האָט ניט געהאַט אַפילע יענע טענער פון טרייסט, וועלכע מע קאָן געפינען בא די אַלטע נעוויִישע קלאָגער.

אין דער צײַט, ווען די ציקאָ־מענטשן האָבן דורכגעמאַכט דעם עטאַפּ פון זייער מילכאָמע־פאַרצווייפלונג, ווען זיי האָבן זיך אַרומגעוואָלגערט צווישן די שערבלעך פון זייער צעבראָכנ־קײַט, איז דאָס איקופישע וואָרט געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט ניט אופגעהערט פּאָנאָנ־דערצוויקלען אונדזער וויזיע און געוויזן, וויאַזוי מע דאַרף זײַן שטאַרקער פונעם אומגליק, און געלערנט, וויאַזוי ניט אונטערצוגעבן זיך דעם מאָרעשכוירעדיקן פּאַכעד. גראָד דעמלט האָט לייוויק אַ דעקלאַמיר געטאָן זײַן אַנטיהומאַניסטישן פּערז: „נעם דאָס וואָרט און וואַרף עס אין פײַער אַרײַן!", און מיילעך ראַוויטש האָט געזאָגט: „דאָס וואָרט איז אַ זוינע אין גאַס", און סעגאַלאָוויטש האָט געפּאַסקנט, אַז „איין דײַטש איז שטאַרקער פון טויזנט ביכער". וויבאַלד אַזוי, האָבן שוין אַלע גענומען באַזינגען דעם „טײַנעג פון יעסורים" און געקליבן זיך „רײַטן רויִק צום אונטערגאַנג"...

דער איקופישער צאַד אָף דער גאַנצער וועלט האָט מיט דער רירנדיקער אופמערקזאַמ־קײַט אופגענומען דעם קאַמפּס־רוף פונעם סאָוועטישן ייִדנטום און זײַנע ספּעציעל אַרויסגע־שיקטע שליכים — מיכאָעלסן און פעפערן אין דער צײַט, ווען דער אַנדערער צאַד האָט זיך אין יענעם גוירל־מאָמענט אויסגעדרייט צו זיי מיט אַ האַרטער און שפּיציקער פּלייצע...

די איקופישע באַוועגונג האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שיקן בראָכעס און באַגריסונגען צו די קעמפער, נאָר אונטערגענומען אומעטום אַ גרויסע סאָלידאַרישע אַקציע צוהילף די פּאַר־טיליקער פונעם נאַציזם; און דער אַנדערער צאַד — אָדער ער האָט געוואַרט אָף מעשיכישע

ניסים, אָדער ער האָט ביטער געקעמפט קעגן אונדזערע פּיקואַך־נעפעשדיקע הילפס־אַקציעס מיט „פאָרווערטס״־גאַל און מיט ציקאָ־שוים אַף די ליפּן...

די פּראָגרעסיווע איקופישע שטעלונג איז געווען: אַקטיווער ווידערשטאַנד אין די געטאָס און פאַרברידערונג אין די לענדער פון דער וועלט, באַגלייט מיט סאָלידאַרישער פאָלקס־הילף פאַר די רויטאַרמייִשע גיבורים. די ניט־איקופישע שטעלונג איז געווען: אויסקומען ווי־ניט־איז מיט די נאַציס אין די געטאָס; פרומע ווונטשן און קרעכצערײַען אויסער די געטאָס; אָנהאַלטונג פון דער צעשפּליטערונג אומעטום.

צי קען דען בא עמעצן בלײַבן א סאָפעק, אַז די ווירדיקע און שטאָלצע שטעלונג פון דער איקופישער באַוועגונג איז געווען אָן אַן ערעך מער יִדיש־נאַציאָנאַל ווי די ניט־איקופישע?

נאָך אונדזער וועלט־אומגליק איז געקומען דער עטאַפּ פון רעקאָנסטרוקציע. מער ווי ווען־ניט־איז האָט דער דאָזיקער נאָך־כורבן־עטאַפּ געפאָדערט אייניקײַט, אָבער שפּאַלטערס פון צאָפן־אַמעריקע, באַגלייט פון די פאַרשיידענע „אַנטרונענע״ פון דער באַפרײַטער מיזרעך־אייראָפּע, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון א נאָכמילכאָמעדיקער מיטאַרבעט אין דער יִדישער קולטור. עס איז פאַר זיי ניט גילטיק געווען די טראַדיציע פון יענער בלוט־אייניקײַט, וואָס איז אויפגעקומען אין די צײַטן פון דער היטלעריסטישער טויט־געפאַר. זיי האָבן פאַר זיך געהאַט א נײַע „נאָבעלע״ אויפגאַבע — צעשפּאַלטן די יִדישע קולטור.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט דער איקוף געמוזט נעמען א שטעלונג צו די קויכעס, וואָס האָבן געוואָלט צעטרעטן די טראַדיציעס פון טשערנאָוויץ און פּאַריזש, דעם צאַוואָעדיקן אָנזאָג פון די געטאָ־קעמפער און די לעבעדיקע געבאָטן פון דער איצטיקער שאָ.

די אייניציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז ניט פאַרומווירדיקט געוואָרן דורך די נעאָנאַציִשע שכיטע־געלטער (שילומים, אַנטשעדיקונג), וואָס באָן האָט צוגעוואָרפן, איז געווען דער איקוף, און די אייניציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַקעמפט די דאָזיקע נעוואָלע, איז ווידעראַמאָל געווען דער איקוף. די יִדישע מאָראַל־צײַגעניש פאַרן נעאָנאַציזם, וואָס באָן האָט אײַנגעקויפט בא די געשווירענע יִדישע מאָראַל־פּריידיקער פון יִסראָעל און פון עם וועלט־קאָנגרעס, איז, לויט די טעקסטועלע ווערטער פון באָן גופע, געווען: „א כאַראַקטעריסטישער יִדישער בײַשטײַער צו דער מאָראַלישער רעאַביליטאַציע פון דײַטשלאַנד״.

דאָס מאָנסטעריעזסטע און אָפּשטויסנדיקסטע איז אָבער געווען די פאַרבינדונג פון עם נעאָנאַציִשן געלט מיט יִדישער „קולטור״, מיטן יִדישן געדרוקטן וואָרט. די נאַציס זײַנען דאָך געווען די אַנטשיידנסטע טויט־סאָנים פון יִדן און פון קולטור, און יִדישע קולטור סימבאָליזירט דאָך, אַזויאַרום, דעם טאָפּלטן אָביעקט פון זייער טיפסטער סינע, טאָ וויאַזוי האָבן דאָס געקאָנט יִדישע שרײַבער דערלויבן, אַז די נירנבערגער יאָרשים, וואָס האָבן זיך צעקלונגען מיטן קליינגעלט, זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין מעצענאַטן פון יִדישער קולטור און פאָדערן דערבײַ: „גוטמאַכונג״, „ריינוואַשונג״, „פאַרגעבונג״ און „פאַרגעסונג״?

און אינטערעסאַנט איז, אַז די יִדישע פאַרלאַגן, וועלכע האָבן גענאָסן פון די שאַנדגראָשנס, האָבן זיך אַזוי ווײַט אַרײַנגעלעבט אין זייער ראָל פון באָנער קעסטקינדער, אַז וואָס אַנטיסאָוועטישער א בוך איז געווען, אַלץ מער שאַנסן האָט עס געהאַט צו דערשײַנען אַפן כעזשבן פון די נעאָנאַציִשע געלטער...

ניט געקוקט אַף דער אויסטערלישער „לעבעדיקײַט״, וואָס דאָס טרייפענע געלט האָט געהאַט אַרײַנגעבראַכט אין אַנטי־איקופישן לאַגער, האָט געהערשט בא די דאָרטיקע שרײַבער די שטימונג פון עלנטקײַט און פאַרלאָזנקײַט, און זיי האָבן זיך געפילט, לויט די רייד פון עם פּאָעט י.־י. סיגאַל, ווי „אויסגעפּאַטשטע, אָפּגעשמיסענע און אַרויסגעטריבענע״. זייער איזאָלירטקײַט פון די יִדישע מאַסן, זייער פאַריאָסעמטקײַט און אויסגאַנגלאָזיקײַט האָט זיך שוין אַזוי שטאַרק געלאָזט מערקן, אַז לייוויק האָט אַפילע באַזונגען די לעווײַע פון עם לעצטן יִדישן ליד.

גרויס און שרײַענדיק איז דער קאָנטראַסט צווישן דער דאָזיקער לעווײַעדיקער באַציִונג צו דער אייגענער דיכטונג און דעם לאָזונג „מער ווי ברויט איז נייטיק פּאָעזיע אין די צײַטן, ווען מע דאַרף זי אינגאַנצן ניט״. דער דאָזיקער לאָזונג, וועלכן מע האָט געפונען אין רינגעלבלום־אַרכיוו, איז געווען גילטיק אין די שוידערלעכסטע צײַטן פון געטאָ, אָבער אין לייוויקס פּעטער אַמעריקע איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז די קולטור־קאָנגרעסניקעס האָבן זיך געקליבן מעקאַבער צו זײַן דאָס לעצטע ליד זייערס.

א צווייטער יעלאָלע־דיכטער, יאַנקעוו גלאַטשטיין, האָט אויך דערקלערט אָפן: „מיר, דער דאָר־האַמידבער, וועלן אויסשטאַרבן. מיר וועלן ניט דערגרייכן, מיר קאָנען ניט דערגרייכן״. און אין איינער פון זײַנע לעצטע לידער שרײַבט ער:

כ׳וויל עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט ניט קיין האפט,
כ׳וויל בעטן, נאָר מײַן געבעט איז פארשטומט.
כ׳וויל לויפן פון זיך, נאָר מײַן וועג איז פארקרומט;
איין האנט צעשטערט, וואָס די אנדערע שאפט.
ס׳באַפאלט א פינצטערניש דעם בוים,
א גאַסרעגן צעשלאָקסט די צווײַגן.
גיב מיר קויעך אין דער שאָ פון יערידע,
אין מײַן שאָ פון פאלן און ניט פון שטײַגן.

און אין א צווייט אָרט פון זײַן ליד זאָגט ער קורץ און שאַרף: „אַלע עמעסן לײַגן"... דאָס איינציקע, וואָס מיר קענען ענטפערן אף דעם אַלעמען, איז, אז „אַלע אונדזערע עמעסן זאָגן דעם עמעס!"...

אין יאָר 1947 האָט די איקופישע עפנטלעכקײַט און דער איקוף ווי אַזעלכער, צוזאַמען מיט די ייִדישע פאָלקסמאַסן און מיט די פּראָגרעסיווע טיילן פון דער מענטשהײַט, אופגעגומען מיט צופרידנקײַט דעם פעלקער־באַשלוס וועגן דער גרינדונג פון ייִסראָעל.

ס׳האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און די אַנטוויקלונג פון דער ייִסראָעל־פּאָליטיק איז אוועק אף קרומע וועגן. די בעהאַדראַגעדיקע, אַלץ טיפערע און טיפערע אַרײַנזינקונג פון דער מעלוכע־פירונג אינעם זומפּ פונעם מילכאָמע־בלאָק; די אַמביציע צו זײַן א פאַרפּאָסט פונעם אימפּעריאַליזם; דאָס סאָלידאַריזירן זיך מיטן באַנדיטישן אַנפאַל אף וויעטנאַם; די אַנטי־אַראַבישע דיסקרימינאַציע; דאָס פאַרשטענדיקן זיך מיטן נעאָנאַציזם; די וואַקסנדיקע ביטל־באַצײַונג צום ייִדישן לעבן און קולטור אויסער די גרענעצן פון ייִסראָעל; דאָס זוכן צו ליקווידירן מיט אַלע מיטלען די ייִדישע ייִשוווים אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע, סאָציאַליסטישע טיילן פון דער וועלט; די סינײַ־אַוואַנטיורע; די אָפּיציעלע העצעס, בילבל־מעטאָדן און כײַרעם־פּאָליטיק לעגאַבע די פּראָגרעסיווע טיילן פונעם ייִדישן פאָלק; די טעזע, אַז די ייִדישע ייִשוווים דאַרפן זיך, אַזוי צו זאָגן, סאַטעליזירן אַרום ייִסראָעל — דאָס אַלץ זײַנען געווען פאַקטאָרן, וועלכע האָבן גורירעם געווען, אַז דער געפיל פון צופרידנקײַט, וואָס איז אופגעקומען אין 1947 — 1948, זאָל באַקומען אַן אַלץ גרעסערן און גרעסערן צומיש פון פאַרדראָס.

אין אונדזער באַצײַונג צו ייִסראָעל האָט זיך געשפּירט די פאַרינטערעסירטקײַט, אַז דאָס דאָזיקע יונגע לאַנד זאָל זיך אַנטוויקלען אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט די אידעאַלן פון דער פּראָגרעשריטענער מענטשהײַט. אונדזער באַצײַונג צו ייִסראָעל איז געווען א פּאָזיטיווע, אָבער א שאַרף־דעפינירטע אין פּאָליטישן זין, אף וויפל די אינטערנאַציאָנאַלע שטעלונג פון דער מעדינע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר געפערלעכער איינזײַטיקײַט און ניט־זעלבשטענדיקײַט.

די יון־מילכאָמע האָט דעז־אַקרעדיטירט מאָראַליש און פּאָליטיש די ייִסראָעל־מעלוכע. די מילכאָמע האָט גאָרניט געלייזט, נאָר האָט פאַרשאַרפט די לאַגע, נאָך מער פאַרסאַמט די קוואַלן מיט סינע. אויבערפלעכלעך קאָן זיך טאַקע אויסדוכטן, אַז דער פּראָטעקטאָר פון ייִסראָעל איז ווי שטאָל און אײַזן, אָבער אין לעצטן סאַכאַקל וועט ייִסראָעל ניט קאָנען בלײַבן אין א זײַט פון איר פּאָליטישן גוירל, פון איר געאָגראַפישער באַשערטקײַט צו זײַן א קליין פינטעלע ניט נאָר אין אַראַביש־מוסולמענישן יאַם, וואָס דאָס אַליין איז שוין איבערגענוג, נאָר אפילו אין אַפראָ־אַזיאַטישן אָקעאַן, וועלכער קאָן ניט זײַן פרײַנטלעך צו דער מעדינע צוליב איר אומנייטראַלקײַט און אירע פאַרבינדונגען מיט אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן. די גוירלדיקע צוזאַמענגעבונדקײַט מיט דעם אַלץ מער און מער סאָציאַל־פּראָגרעסירנדיקן וועלט־טייל, אין וועלכן ייִסראָעל געפינט זיך, איז דאָס אַנטשיידנדיקע, און ניט די ווײַטע און פאַרדעכטיקע פרײַנטשאַפט פונעם רײַכן פעטער...

מיט קאַטעגאָרישקײַט, און טאַקע אין די אינטערעסן פון ייִסראָעל, מוזן מיר זיך קעגנשטעלן דער העצע קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד און דער סאָציאַליסטישער וועלט.

דער איקוף, נעמענדיק אין אַכט די קויכעס־פאַרהעלטענישן אף דער וועלט און די כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע קויכעס, האָט זיך שטענדיק אָנגעשפּאַרט אף צוויי זײַלן: אף אַנטי־אימפּעריאַליזם און אף די קויכעס, וועלכע קעמפן פאַרן סאָציאַליזם. פון אָט די צוויי שטעלונגען האָט מען באַם איקוף קיינמאָל גאָרניט געקאָנט אָראָפּדינגען, און מיר זײַנען קיינמאָל ניט געגאַנגען אף קיין שום פּאָליטישע קאָנצעסיעס, ווײַל אָט דער און ניט קיין אַנדערער איז דער היסטאָרישער וועג פון דער מאָדערנער געשיכטע. און טאַקע אַרויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, איז אונדזער פרײַנטשאַפט צו ייִסראָעל ניט סטאַם א פּסיכיש־

עמאַציאָנעלע, ניט סטאַם אַ בלינדלעך־סענטימענטאַלע, נאָר זי איז געבויט אויף פּאָליטישער ווײַטזעעוודיקײַט, אויף האַרמאָניע מיטן וועלטגאַנג צום סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלער באַפרײַונג און אויף יענער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט סאָכרישע אויסרעכענונגען, מיטן געררוך פון נאַפט, מיט דער אויסראָטונג פון פעלקער.

ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, וווּ די געשיכטע פון איקוף זאָל זײַן אַזוי גרויספּאַרנעמיק, אַזוי רעפּרעזענטאַטיוו און זאָל האָבן אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אימפּאָזאַנטקײַט און אַזאַ מאַסן־אונטערשפּאַר, ווי אין אַרגענטינע. און דאָס איז שײַעך ניט נאָר צום פאַרנעם פון די איקופישע פאָלקס־אָרגאַניזמען און צו זייער גײַסטיקער מאַדרייגע, נאָר אויך צו זייער אידעאָלאָגישער רײַפקײַט.

מע קאָן דרייסט זאָגן, אַז דער איקוף אין אַרגענטינע איז ניט קיין קולטור־אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ גאַנצע באַוועגונג, אַ גאַנצער לעבנס־פּראָצעס, און עס זײַנען געווען בלי־צײַטן, ווען עס האָט מאַמעש געבראַוזט אָרגאַניזאַציאָנעל די יורנדיקע איקופישע ווירקלעכקײַט, ניט געקוקט אויף דעם פאַרפאָלגערישן פּויסט, אויף די פאַרבאָטן און דיסקרימינאַציעס.

עס זײַנען אַלעמען גוט באַקאַנט אונדזערע קולטור־אויפטוען אין שול־וועזן און אויסערשול־דערציונג (קינדער־ און יוגנט־קלובן און דער יאָריערלעכער ספּאָרט־פאַרמעסט פונעם יונגן דאָר, וואָס טראָגט דעם נאָמען איקופּיאַדע), און צײַטונג־וועזן, פאַרלאַג־וועזן, אין דער פרויען־באַוועגונג, אין טעאַטער־וועזן, אין פינאַנציעלער זעלבסט־אויסהאַלטונג, קאָאָפּעראַטיווער אַנטוויקלונג און אין אַנדערע געביטן, מיט וועלכע עס זײַנען פאַרבונדן מאַסן מענטשן, דערוואַקסענע און קינדער.

ווען עס וואָלט עקזיסטירט די מעגלעכקײַט צונויפצונעמען דאָס אַלץ אויף איין אָרט און אָפּוועגן עס און קייפלען אויף 35 יאָר, וואָלט מען געהאַט אַן אַנונג, וואָס דער אַרגענטינער איקוף שטעלט מיט זיך פאָר אין זײַן גאַנצן פאַרנעם.

אין העסקעם מיט דער ביאָלאָגישער אומפאַרמײַדלעכקײַט גייט איצט אַריבער דער איקוף אין יינגערע הענט, און אָט דער דאָזיקער דעליקאַטער איבערגאַנג מוז, פאַרשטייט זיך, זײַן אַ נאַטירלעכער. דער אידעאַליזם פון דער אייראָפּעיש־אָפּשטאַמיקער איקוף־מאַסע האָט זיך, אין העסקעם מיט איר אָפּשטאַם און מיט איר עקאָנאָמישער לאַגע, געהאַט אויסגעדריקט אין יידיש־שפּראַכיקער קולטור און אין דער שטרעבונג צו סאָציאַלער גערעכטיקײַט.

דער נײַער דאָר קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט האָבן פּונקט דעם זעלבן מין אידעאַליזם, אויב אַפילו די אידעאָלאָגישע אַקס איז די זעלבע. אונדזער אויפגאַבע איז: אַרײַנוועבן דעם העמשעך אין איקוף מיט נײַע פעדעם אָן דאָגמאַטיזמען, אָבער אויך אָן קאָנצעסיעס בענעגייע די איקער־פּרינציפּן פון אונדזער פאָלקס־קולטור.

די גרויסע באַדײַטונג פונעם אַרגענטינער איקוף וואָרצלט זיך ניט נאָר אין זײַנע קולטור־אויפטוען, נאָר אויך און עפּשער דעריקער אין זײַן געזעלשאַפטלעכער דינאַמיק, אין ווערן דער אָרנטלעכסטער סאָציאַל־פּאָליטישער וואָרטזאָגער אין יידישן לעבן פונעם לאַנד און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ מאָראַלישן קאָנטראָל־פאַקטאָר פון דעם אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער אַזויגערופענער יידישער גאַס.

פון אָנהייב אָן, און וואָס ווײַטער אַלץ מערער און מערער, האָט דער איקוף פאַרשטאַנען, אַז צו זײַנע דערהויבענע קולטור־פונקציעס מוז צוקומען אויסדריקלעך נאָך איינע: העלפן בויען די דעמאָקראַטיע אין לאַנד, אין וועלכן מיר געפינען זיך און וווּ מיר זײַנען אײַנגעבירגערט מיט לײַב־און־לעבן.

צי איז דען ניט אין די אינטערעסן פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, אַז עס זאָל בליען אַ בעסערע אַרגענטינע, אַ בעסערע בראַזיליע, אַ בעסערער אורוגווײַ? אַז דאָס אַלגעמיינע לעבן זאָל אויסזען אַנדערש? און אויב דאָס איז יאָ אין אונדזערע אינטערעסן, מוזן מיר אומבאַדינגט ווערן אָנטיילנעמער אינעם פּראָצעס פון באַפרײַונג דורך אַ וואָס גרעסערער דערנענטערונג צו דער לעבנס־פּראָבלעמאַטיק פון אונדזערע לענדער.

ווערן מער אַרגענטיניש הייסט ניט ווערן ווינציקער איקופיש, בויען די צוקונפט פון אונדזערע לענדער מיט אַלע אונדזערע איקופישע קויכעס הייסט ניט אַראָפּגיין פונעם וועג, נאָר פאַרקערט — אַרויפגיין אויף אַ ברייטער מאַגיסטראַל.

35 יאָר אַרגענטינער איקוף — דאָס איז ניט בלויז געדויער אין צײַט, נאָר דעריקער — אויסדויער: אויסדויער אין דער אידיי, אויסדויער אין קאַמף, אויסדויער אין מאָראַלישער זויבערקײַט.

■ ■ ■

דער שטראָל, וואָס ליכטיקט אין מײַן האַרץ

1

כ׳וועל קײנמאָל ווערן מיד צו טראָגן הויך
דעם גרינעם קנאָספּ פון אויסגעטרוימטער וואָר,
וואָס ווי קאַיאַר איז ער פון לויטערקייט געקלאָרט,
ווי אווראָרע ער צעיאָגט דעם וואָלקן־רויך.

ביז לעצטן שפּאָן אין שווערן גאַנג קעגן דעם שטורעם
מײַן קאָמפּאַס איז די רויטע פאָן מיט סערפּ און האַמער,
וואָס טרוימער האָבן זי געוועבט אויף באַריקאַדעס
און ס׳האַלט זי איצט מיט צוטרוי־מאַכט דער קרעמל־טורעם.

כ׳האָב ניט געהאַט דעם זכות צו שטיין אויף רישטאָוואַניעס,
אָקטיאַבער־ציגל צוטראָגן צו וואָקסנדיקע ווענט,
צו זײַן א גרענעץ־וועכטער אויף דער נײַער ערד;
מײַן האַרץ אין פלאַטער איז א העלע כוואַליע,
דעם שטראָם איך שנײַד מיט פלאַם אין הענט.
בלויז פרייד פון זיג, עס טרעפט, מײַן אויג פאַרטרערט.

2

מיט רויזע קלאַפּן סינע־פינגער אין מײַן הויז,
אויף ראַגן שטייט שטעכדראָטיק א רעציכנע־צוים,
נאָר ס׳איז די זון, ווען רײַן דער הימל בלויט,
אויף יונגע אַקסלען ווי א יונגע רויז.

ווי ווינטן, ברוזין יונגע שטימען באַ די שוועלן,
ווי בליץ אין הימל, די געוואַגטקייט זייערע אויף דר׳ערד.
אין האַרבסט עס פאַלן בלעטער מיד און שווער,
די זון פון פרייד און מי וועט קיינער ניט פאַרשטעלן.

דער הימל פון דער וועלט מיט שטערן ווערט פאַרזייט,
כאָטש נאַכט א שטיק פון הימל האָט פאַרקלעמט
און דער געוויטער ווילדעוועט מיט שרעק און גרויל.
די צײַט, ווען אַלעמען געהערן וועט די פרייד,
עס האָבן דוירעס בויער אויסגעשמידט מיט הוילע הענט,
די יוגנט בויט אצינד א בריק צום רוים.

3

דער שטראָל, וואָס ליכטיקט אין מײַן האַרץ, —
א פונק פון פלאַם, וואָס לענין האָט צעפלאַקערט,
פונקט ווי א פויגל אין זײַן פלי, ער פלאַטערט
(דער פויגל איז אין שטײַג געווען פאַרשפּאַרט).

דעם שטראל כ'האָב דורך געפּאַרן דורכגעטראָגן
און שטרענג פאַרהיט דאָס צאַפּלדיקע וואָרט —
ווי אַ באַטראַק דאָס ביסל זריע, וואָס ער באָרגט,
קעדײַ פאַרזייען עס אין ליכטיקע פאַרטאָגן.

מיט יעדן טאָג עס ווערט די ווײַט אַלץ ווייניקער פאַרבאָרגן,
און ריין זי ווערט, ווי הימל נאָך אַ רעגן,
ס'גייט אויף די שײַן אַנטקעגן וואָלקן־האָרדעס.
יאָ, הערצער קלאַפּן שוין אין קינפטיקע קאַיאָרן,
יאָ, מענטשן גייען שוין אויף קומענדיקע וועגן,
די ערד איז פריש, און פיס נאָך זײַנען באָרוועס...

מ. זאַקין

פּערציק יאָר „איפּט"

איידער מיר האָבן זיך גוט אַרומגעזען, זײַנען אונדזערע ייִדישע פּראָגרעסיווע אינסטי־טוציעס „אַרײַן אין די יאָרן".

דער ייִדישער ייִשעוו אין אַרגענטינע איז אַלט אַרום 80 יאָר. און עס זײַנען פאַראַן בײַ אונדז אינסטיטוציעס, וועלכע ציילן 50 — 60 יאָר עקזיסטענץ.

דער טעאַטער „איפּט" געהערט צו די ניט גאָר „אַלטע". אין אָקטיאַבער ווערט „בעסאַ־כאַקל" פערציק יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן די טעאַטער־גרופּע, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער „איפּט".

מיט פערציק יאָר צוריק האָט זיך נאָך אונדזער ייִשעוו אין אַרגענטינע געפונען אין סאַמע ברען פון אימיגראַציע־פּעריאָד. זינט נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט געפּלייצט צו די ברעגן פון אונדזער לאַנד אַ שטאַרקער שטראָם פון האָרעפּאַשנע אײַנוואַנדערער, וואָס זײַנען געלאָפן פון מיזרעך־, צענטראַל־ און דאָרעם־אייראָפּע און אויך פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, געיאָגטע פון זייערע היימלענדער דורך דער נויט און אַרבעטסלאָזיקײַט אָדער גאָר איבער די פאַשיסטישע רעדיפעס. און וואָס שײַעך די ייִדן, איז צוגעקומען נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט זיי געטריבן צו עמיגראַציע. דאָס איז געווען דער צעיושעטער אַנטיסעמיטיזם אין אַזעלכע לענדער, ווי פּוילן, רומעניע, ליטע, לעטלאַנד.

די צענדליקער טויזנטער ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס זײַנען געקומען קיין אַרגענטינע אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, האָבן פאַרמאָגט אַ שטאַרקע ווילנסקראַפט און אַ דאָרשט צו אַ בעסער לעבן, אין מאַטעריעלן און גײַסטיקן זין. זיי זײַנען אויך געווען אָנגעגורט מיט אָפּטימיזם, מיטן גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט. דערפאַר טאַקע קימאַט גלײַך נאָך אַראָפּ־גיין פון דער שיף, נאָך ניט פאַרשטייענדיק רעכט די שפּראַך פונעם לאַנד, האָבן זיי זיך לײַכט „אויסגעגרינט", זיך דערפילט „היימיש" אין דער נײַער סוויווע און גלײַך זיך געשטעלט בויען זייערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — אין יענע טרויעריקע יאָרן האָט דער פאַ־שיזם פאַרכאַפּט אין אייראָפּעיִשע לאַנד נאָכן צווייטן. אויך אין אַרגענטינע האָט זינט סעפּ־טיאַבער 1930 זיך אָנגעהויבן אַ שווערער פּאָליטישער פּעריאָד פון פאַשיסטישער דיקטאַטור, פּאָליציייִשע רעדיפעס, וואָל־שווינדלערײַען, אַ פּעריאָד, פון וועלכן מיר זײַנען נאָך אַצינד — עטלעכע און פערציק יאָר שפּעטער — ניט פּאָטער געוואָרן. און דערצו זײַנען דעמלט אָנגע־קומען מוירעדיקע עקאָנאָמישע שוועריקײַטן. די פרישע אימיגראַנטן האָבן געמוזט ביטער קעמפן פאַר זייער טאָגטעגלעכן ברויט, געטראָפן פון דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט.

דאָס געבורט פון א פּראָגרעסיווער טעאטער־גרופּע אין בוענאָס־איַירעס אין יאָר 1932 איז דעריבער געווען אן ארויסרוף קעגן די אויסערלעכע שוועריקיַיטן און א באַוויַיז פון דער קולטור־ענערגיע בא דער ארבעטנדיקער יידישער מאסע. געהייסן האָט די דאָזיקע גרופּע צוערשט „פּראָלעטבינע” און דערנאָך „אידראמסט”, ביז עס איז געוואָרן „איפט” און עס זיַינען געקומען פאָרשטעלונגען, אזעלכע ווי די „נעגער” (פון גערשן איַינבינדער), „קוילן”, „שריַי, כינע”, וועלכע האָבן גערעדט דירעקט צום אוילעם. דער אוילעם האָט זיך געפילט באהעפט מיט דער בינע. מיט דער ציַיט איז דער רעפּערטואר פון „איפט” באריַיכערט געוואָרן מיט די ווערק פון פּערעץ, לייוויק, קולבאק, שאָלעם־אלייכעם, בערגעלסאָן, האלקין, גאָלדפאַדען, סלאָווועס, און אויך מיט די שאפונגען פון אזעלכע קאָריפייען פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי שעקספּיר, זשעראָמסקי, מאקסים גאָרקי, פּריסטלי, בערטאָלד ברעכט.

די גאָר גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען פונעם „איפט” זיַינען אויסגעפאלן אין דער פינצטערער עפּאָכע פונעם צווייטן וועלט־קריג, ווען דער נאציזם האָט געזייט טויט צווישן מיליאָנען יידן. פון די טעאטער־ברעטער האָט דעמלט אראָפּגעקלונגען צום פּובליקום דער אָפּטימיזם פון שאָלעם־אלייכעמען, פּערעצן, האלקינען. אין די ציַיטן, ווען מע האָט געקאָנט פארצווייפלט ווערן, האָט דער טעאטער ווי איבערגעכאזערט צום אוילעם דעם בארימטן זאָג פון נאכמען בראצלאוור: „גוואלד, יידן, זיַיט זיך ניט מעיאעש”.

מיט דער ציַיט, אין לויף פון יאָרן, האָבן זיך אין „איפט” א סאך זאכן געביטן. אונדזער יישעוו גופע האָט זיך שטארק געענדערט און ער איז מער ניט דער זעלבער, וואָס מיט פערציק אָדער דריַיסיק אָדער אפילע צוואנציק יאָר צוריק. מיר זיַינען שוין מער ניט אן אימיגראנטישע מאסע. מיר האָבן שוין קינדער און אייניקלעך, געבוירענע אינעם לאנד. די גרעסטע מערהיַיט פונעם יישעוו איז שוין ניט קיין יידיש־ריידנדיקע, און מיר, וואָס ריידן מאמעלאָשן, געהערן צום עלטערן דאָר. בעמיילע זיַינען שוין מער ניטאָ די אמאָליקע מעגלעכקיַיטן פון א טעאטער אין יידיש. דאָס איז אזא עמעס, וואָס אלע פארשטייען, וויַיל עס איז אן אָביעקטיווער פאקט, וועלכן מע קאָן ניט אָפּלייקענען. פאר די ליבהאָבער פון יידיש איז עס א טרויעריקער פאקט. אָבער קיין אייצע דערצו איז ניטאָ. אין די פאריייניקטע שטאטן, ווו עס לעבן צען מאָל מער יידן, ווי אין ארגענטינע, פונקציאָנירט מיט גרויסע שוועריקיַיטן איין ניט סטאציאָנאר טעאטער אין יידיש.

דער „איפט” האָט דורכגעמאכט קריזיסן פון אידעאָלאָגישן כאראקטער, וועלכע זיַינען דאפקע ניט אנטשטאנען אין טעאטער, נאָר האָבן זיך גענומען פון „דרויסן”, פון דער פּאָליטישער צעשפּליטערטקיַיט פונעם יישעוו, אָדער מיט אנדערע ווערטער — פון דעם כיירעם, וועלכן די קעהילע־פארוואלטונג „דאיא” האָט מיט יאָרן צוריק פּראָקלאמירט קעגן דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער יידישער באפעלקערונג. פארשטייט זיך, אז ווען א טעאטער פארלירט אקטיאָרן און א טייל פון זיַין פּובליקום, קומט אים דערפון קיין געזונט ניט צו.

דער „איפט” ליַידט אויך פונעם אלגעמיינעם קריזיס אין טעאטער ביכלאל. ס׳איז פאר קיינעם קיין סאָד ניט, אז דער טעאטער אין ארגענטינע מאכט דורך שווערע ציַיטן. די הויצאָעס, וועלכע מע דארף אריַינלייגן אין אן אופירונג, קאָסטן מיליאָנען, און נאָך מיליאָנען דארף קאָסטן די רעקלאמע אין די ציַיטונגען, טעלעוויזיע. און שפּעטער, נאָך אלע הויצאָעס, איז מעגלעך, אז דאָס פּובליקום זאָל ניט קומען. אָט, צום ביַישפּיל, גייט אצינד אין „איפט” א גוטע פּיעסע „פוטבאָל”, אָבער ווער ווייסט וועגן איר, אז קיין פינאנציעלע מיטלען אף צו מאכן רעקלאמע זיַינען ניטאָ?

אָבער טראָץ אלע מעניעס, שטערונגען און שוועריקיַיטן, טראָץ קריזיסן און פעלערן, לעבט דער „איפט”, און ער איז אצינד א גאָר וויכטיקע קולטור־ און קונסט־אינסטיטוציע אין אונדזער הויפּטשטאָט. די פאָלקלאָר־פּראָגראמען, וואָס ווערן אין „איפט” דורכגעפירט, ברענגען א ריזיקן אוילעם, א סאך א גרעסערן, ווי דער זאל קאָן אריַינעמען.

צום באדויערן, דערגייט וויַיניק צום ברייטן אוילעם וועגן דער פארצוויַיגטער טעטיקיַיט פון „איפט”. מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק איז געגרינדעט געוואָרן באם טעאטער א קאמער־אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון כאסע ר. פּארע, וואָס האָט שוין געגעבן עטלעכע קאָנצערטן, עס פונקציאָנירט אויך א כאָר, אָנגעפירט דורך עדוארדאָ גאָמעז, א כאָר, וואָס האָט אין דער לעצטער ציַיט פּראָגרעסירט אין אזא מאָס, אז דער ארגענטינער שריַיבער־פארבאנד האָט אים פארבעטן זיך צו באטייליקן אין דער פיַיערונג לעקאָווועד דעם „טאָג פון שריַיבער” און טעאטער „סאן מארטין”.

אכוץ דעם, איז טעטיק זינט עטלעכע יאָר די קונסט־שול באם „איפט”, אין וועלכער עס לערנען זיך מער פון 150 טאלמידים. די שול פירט דורך א ציקל פון איליוסטרירטע קאָנפערענצן, „רונדע טישן”, דידאקטישע קאָנצערטן, ספּעקטאקלען. דאָס איז, אזוי צו זאָגן, די

„זײַטיקע" ארבעט פון דער שול, ווײַל איר גרונט־ארבעט באשטייט אין די פארשיידענע קונסט־לימודים, וואָס ווערן אין איר רעאליזירט.

וועגן זײַן פערציקיאָריקן יובילײ האָט דער „איפט" מיטגעטיילט די גרויסע ארגענטינער קונסט־אינסטיטוציעס. די ענטפערס זײַנען געווען אלע פּאָזיטיווע. אזעלכע אנשטאלטן, ווי דער ארגענטינער אקטיאָרן־פארבאנד, דער ארגענטינער שרײַבער־פארבאנד, די געזעלשאפט פון פלאסטישע קינסטלער, האָבן אין זייערע בריוו אויסגעדריקט זייער אנערקענונג פאר דער באדײַטונג פונעם „איפט" און זייער אָנשלוס צום יובילײ.

מע וואָלט, פארשטייט זיך, געקאָנט מער אופטאָן, עס דריקט אָבער אפן טעאטער א שווערע מאטעריעלע לאסט, וואָס נעמט זיך פון די ריזיקע שטײַערן, וועלכע מע דארף צאָלן, און אויך פון די אלגעמיינע הויצאָעס, וואָס זײַנען גוואלדיק געשטיגן צוזאמען מיט דער אינפליאציע. און די לאגע ביכלאל בא אונדז אין לאנד איז דאָך א שווערע. אָט איז אין „איפט" אומעגלעך דורכצופירן וועלכן־ס׳איז עפנטלעכן רעפעראט, אפילע וועגן אזא טעמע, ווי אנא פראנק, ווײַל די פּאָליציי דערלויבט ניט...

עס איז א גאָר באדײַטפולער פאקט דאָס, וואָס דער „איפט" האָט אויסגעהאלטן דעם שטורעם פון פיר צענדליק יאָר און איז ניט אָפּגעווישט געוואָרן פונעם אויבערפלאך פון לעבן, ווי ס׳איז געשען מיט פיל אומאָפּהענגיקע טעאטערן אין אונדזער הויפטשטאָט. זיי זײַנען אופגעקומען, האָבן אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר, האָבן אפילע געהאט אייניקע דערפּאָלגן, זײַנען אָבער, צום באדויערן, פארשוווּנדן.

דער סאָד פון „איפטס" לעבנס־קויעך איז ניט קיין מיסטעריעזער, נאָר א גאָר פּאָשעטער: דער „איפט" באזירט זיך אף א געזעלשאפטלעכן קויעך, אף זײַן מיטגלידערשאפט, אף זײַנע שטענדיקע פרײַנט, און אין דער אונטערשטער שורע — אף די פּאָלקסמענטשן, צו וועלכע ער אפעלירט קעסיידער און וועלכע פארלאָזן אים קיינמאָל ניט.

כראָניק

צוגאסט אין סאָוועטנפארבאנד

דער פראָגרעסיווער ייִדישער שרײַבער און פובליציסט פון ארגענטינע צאלעל בליץ, צוזאמען מיט זײַן פרוי, דער געזעלשאפטלעכער טוערן לייקע קאָגאָן, האָבן לעצטנס, לויט דער אײַנלאדונג פון דער נײַס־אגענטור „נאָוואָסטי", געווײַלט אין סאָוועטנפארבאנד.

די כאָשעווע געסט האָבן אין משך פון זייער דרײַוואָכיקן וויזיט באזוכט מאָסקווע, קיִעוו, אָדעס, ווילנע, קאָוונע, לענינגראד. זיי זײַנען אופגענומען געוואָרן אין די שרײַבער־פאריינען פון מאָסקווע און לענינגראד, אין דער רעדאקציע פון „איזוועסטיִא", אין דער פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי" אאַ. צאלעל בליץ און לייקע קאָגאָן האָבן באזוכט א ריי פאבריקן, קאָלווירטן, אוניווערסיטעטן, עפנטלעכע ביבליאָטעקן, זיך געטראָפן מיט ייִדן — ארבעטער, פּראָפעסאָרן, קאָלווירטניקעס, דירעקטאָרן פון אונטערנעמונגען, קונסט־טוער. צאלעל בליץ האָט אויך געהאט אן אינטערעסאנטע באגעגעניש מיטן שרײַבער באָריס פּאָליעוואָי און מיטן לעגענדארן פליִער מארעסיעוו, דעם הויפטהעלד פון פּאָליעוואָיס „א דערציילונג וועגן אן עכטן מענטשן", וועלכע צ. בליץ האָט איבערגעזעצט און ארויסגעגעבן אין שפּאניש.

א הארציקע און גאסטפרײַנטלעכע באגעגעניש האָבן די געסט פון ארגענטינע געהאט מיט ייִדישע שרײַבער און זשורנאליסטן אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד".

א וואָך פון אנטיפאשיסטישן בוך

אין פראנקפורט איז דורכגעפירט געוואָרן א „וואָך פון אנטיפאשיסטישן בוך". אף דער ביכער־אויסשטעלונג זײַנען געווען פּאָרגעשטעלט טויזנט אויסגאבעס מיט אן אנטיפאשיסטישן אינהאלט, וועלכע זײַנען דערשינען אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק און אין דער דײַטשישער פעדעראלער רעפּובליק.

עס זײַנען אויך עקספּאָנירט געוואָרן אפישן, פלאקאטן וועגן לעקציעס און דיסקוסיעס אף דער טעמע „דער קאמף קעגן דער ווידער־אופלעבונג פונעם נאציזם און פאשיזם".

■

ארן ראַסקין

ח.־נ. ביאַליק אין זײַנע בריוו און געשפּרעכן

(צום 100־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן דיכטער)

נאַכמאַנען ביאַליק האָט איבערגעלאָזט א רײַכע עפּיסטאָליאַרע ירושה, עס זײַנען אויך אָפּגעזאַמלט פיל זײַנע ארויסזאָגונגען צווישן אייגענע און פרײַנט. די דאָזיקע מאַטעריאַלן העלפן אונדז גרינטלעכער זיך צו באַקענען מיט דעם דיכטערס וועלט־אויפפאַסונג, מיט זײַנע ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען.

דײַטלעך לאָזט זיך נאָכשפּירן אין ביאַליקס בריוו די פאָרמירונג פון זײַן דיכטערישער פּערזענלעכקײַט. נאָך אין זײַנע פריִע בריוו צו יוגנט־פרײַנט איז צו זען, ווי שווער ס'האָט אויף אים געדריקט די שטיקנדיקע אַטמאָספער פון דער וואָלאָזשינער ישיבֿה, אין וועלכער ס'איז אים אויסגעקומען צו פאַרברענגען עטלעכע בעסטע יאָר פון זײַן יוגנט. די בריוו פון יענער צײַט — דאָס איז איין ווייגעשריי פון א צאַרטער, פילבאַרער נשמה, וואָס קלאָגט אויף איר עלנט, אויף דער באַרויבטער יוגנט, אויף די צעשטערטע חלומות און פאַרטיליקטע פאַרלאַנגען:

„...דאָס קליינע ענגע און אָפּגעצאַמטע וועלטל, אין וועלכן איך געפין זיך, איז מיר ניט ליב און ניט ניכע... ווײַל עס פעלט אין דעם רחבֿות, די לופט איז אין דעם צום דערשטיקן, און איך באַטראַכט מיך, ווי א פויגל מיט אָפּגעהאַקטע פליגל... די גרויסע, שיינע, לעבעדיקע וועלט, ווו ס'איז דאָ אַזוי־פיל ליכט, וואַרעמקײַט, לעבן און פרײַהײַט, האָב איך קיינמאָל ניט געקענט.

...מײַן קינדהײַט, מײַן יוגנט, מײַן יוגנט־קראַפט און פּראַכט — זיי אַלע זײַנען איין פאַרטריקנט, פאַרוועלקט בלימל. מײַנע טעג, מײַנע יאָרן, מײַנע האָפענונגען און צוקונפט־טרוימען זײַנען צעווייט געוואָרן ווי א שאָטן און אַוועק מיטן רויך... איך האָב ניט געוווּסט פון גוטס, ניט פאַרזוכט דעם טאַם פון לעבן. דעם לעבנס־פרילינג מיט אַלע זײַנע פריידן האָב איך ניט געקענט. די ליבע מיט אירע פאַרגעניגנס איז מיר פרעמד, ווײַל מײַן יוגנט־פרילינג איז אין טונקל געקומען און אין טונקל איז ער אַוועק פון מיר... אין האַרצן איז תוהו־וואָבֿוהו... א פויגל אין שטײַג... א לייב אונטערן שלאָס... אַן אומגליקלעכער טאַנטאַלוס...“[1]

אַז מע לייענט די דאָזיקע שורות פון ביאַליקס יוגנט־בריוו, שווימען אויף ניט ווילנדיק אין זכּרון באַזונדערע שטעלן פון זײַן באַרימטער פּאָעמע „המתמיד“ אָדער די באַקאַנטע פערזן פון זײַן ליד „הכניסיני תחת כנפך“:

אומרים יש בעולם נעורים,
היכן נעורי? — — —
אומרים אהבה יש בעולם,
מה זאת אהבה?[2]

פון אָדעס, וווּהין דער יונגער ביאַליק אַנטלויפט מאַמעש פון דער שטיקנדיקער לופט פון וואָלאָזשין, שרײַבט ער צו זײַן יוגנט־פרײַנט:

„...ווי גוט איז צו זײַן א פּאָעט און ווי שווער איז צו זײַן א פּאָעט!.. א רעגע פאַר דעם, ווי איך האָב זיך געזעצט דיר שרײַבן דעם בריוו, האָב איך געענדיקט לייענען פרוגס שירים...“

דער יונגער ביאַליק איז באַגײַסטערט פון י.־ל. גאָרדאָנען, פון ש. פרוגן, זייער האַשפּאָע פילט זיך אין זײַנע פריִע לידער. ער איז אָבער ניט צופרידן מיט דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער העברעיִשער ליטעראַטור פון יענער צײַט, מיט איר אָפּגעריסנקײַט פונעם לעבן און אָפּגעפרעמדטקײַט פון דעם פאָלק. דער דיכטער קריטיקירט אין זײַנע בריוו בען־אַוויגדאָרס „קאָפּיקע־ביבליאָטעק“, לאַכט אויס די

---

[1] בריוו צום יוגנט־פרײַנט פרידמאַן. אגרות ח. נ. ביאליק. 1937, כרך 1, זז. לו — מ.

[2] מע זאָגט, אַז ס'איז יוגנט אויף דער וועלט פאַראַנען, ווו איז מײַן יוגנט? מע זאָגט, ס'איז דאָ ליבע אויף דער וועלט, וואָס אַזוינס איז ליבע?

שרײַבער, וואָס מאכן נאָך פרעמדע מוסטערן און סטארען זיך קאָמפּענסירן די אָפּוועזנהײַט פון טאלאנט מיט פוסטער, טראסקענדיקער מעליצע.

„הײַנט איז מיר אין האנט אַרײַנגעפאלן די זאמלונג „הזמן", רעדאגירט פון גאָלדינען, — שרײַבט ביאליק ראווניצקין אין 1896, — איך האָב נאָך ניט באוויזן זי גרינטלעך איבערצולייענען, נאָר שוין באַם אויבערפלעכלעכן דורכבלעטערן האָב איך דערזען, אז זי איז פול מיט נארישקײַטן, און די שפראך — גאָט דערבארעם זיך! אָך קויצעץ פונעם נײַעם מין, עלעהיי „מגלה טמירין". עס זײַנען ווידער בא אונדז אופגעקומען נײַע באלע־מעליצע, וואָס אָפּערירן מיט פרעמדע ווערטער און פרעמדע אויסדרוקן, בוכשטעבלעך איבערזעצטע, אָנשטאָט די אלטע באלע־מעליצע, וואָס האָבן געמעליצעוועט מיט פסוקים... וואָס איז מיר פון דעם, צי די פוסטע פלאפלערײַ קומט פון דער ביבל צי פון א פרעמדער שפראך. אויב דער מויעך איז פוסט און דאָס הארץ איז אויסגעהוילט, וועלן גאנצע זיבעציק לעשוינעס ניט פארדעקן דעם בלויז, און פוסטע פלאפלערײַ בלײַבט פוסטע פלאפלערײַ"[1].

שוין דאָ, אין די פריִע בריוו זײַנע, אין דער ערשטער העלפט פון די נײַנציקער יאָרן, פאָרמולירט ביאליק זײַן עסטעטישן קרעדאָ. ער פאָדערט פון דער ליטעראטור, זי זאָל זײַן ענג פארבונדן מיטן לעבן, מיט דעם פאָלק, מיט דעם גײַסט פון דער צײַט. ער געפינט, אז נאטירלעכקײַט, אײַנפאכקײַט, טרײַקײַט דער נאטור, דעם לעבן זײַנען די נייטיקסטע קריטעריען פאר עכטער קונסט.

טאקע דערפאר קריטיקירט ביאליק די אזויגערופענע „קלאָג־ליטעראטור", וואָס האָט זיך אין זײַן צײַט צעבליט, באזונדערס אין דער דיכטונג. ער טאדלט די „דיכטער־קלאָגמוטערס", וועמעס „טרערן זײַנען ברודיק און מוטנע און שטארק געמישט מיט וואסער", דערפאר, וואָס זיי האָבן זיך לעגאמרע ניט דורכגעדרונגען מיט די ווירקלעכע ליידן און ווייטעקן פונעם פאָלק, און זייער געוויין איז א „קלאָג לעשעם קלאָג", און זייערע בענקשאפטן און טרוימען זײַנען פוסטע פראזעאָלאָגיע.

„וואָס זאָגט איר אף דער גראמען־מאכערײַ, וואָס איז הײַנט־צו־טאָג אויסגעבראָכן און זיך פארשטארקט אין דער העברעיִשער דיכטונג, — שרײַבט ביאליק צו ראווניצקין אין 1895, — קיין טאלאנט און קיין נײַער געדאנק, קיין שפראך־קענטעניש, קיין פונק פון גאָט, עס איז נאָר אָפּנארערײַ און שארלאטאניזם... קיין איין גאנצער, ערנסטער געדאנק, בלויז א שוועבן אף דער אויבערפלאך, אויב ניט רעכענען דעם שעקער און די פאלשקײַט, וואָס טאָרטשען ארויס פון אלע זייערע לידער... ניט דער זיפץ פון פאָלק און זײַנע בענקענישן לאָזן זיך הערן אין זייערע לידער, נאָר בלויז אן אוידעף פון ווערטער, וואָס „זינקען אין א יאם פון טרערן, זודיקע טרערן, פון בלוט און זײַלן רויך"... מיר דארפן זיפצן און בענקען אין דער מאָס און אין דעם געשטאלט, וועלכע ס'פארמאָגן דער זיפץ און די בענקעניש אין דער עצעם ווירקלעכקײַט, אינעם לעבן גופע"[2] (קורסיוו ביאליקס. — א. ר.).

בוילעט ווערט אקצענטירט דער געדאנק וועגן דער געזעלשאפטלעכער ראָל פון דער ליטעראטור, וועגן דער נייטיקײַט, זי זאָל אנטשפרעכן די פאָדערונגען פון איר צײַט און זײַן דאָס באסקאָל פון די ווירקלעכע נויטן און ליידן פון פאָלק:

„ניט דאָס געוויין און די טרערן רופן בא אונדז ארויס דעם געפיל פון ראכמאָנעס, נאָר דער אומגליק און זײַן גראד, אייכעס און מעהוס... צוויי־דרײַ פערזן אין י.־ל. גאָרדאָנס ליד „הראוני את עמי בעצם שפלותו" אאוו. זאָגן אונדז מער פון טויזנטער קינעס, וואָס עס האָבן געשריבן מיט „בלוט און זײַלן רויך" די דיכטער פון יענער צײַט. ווײַל גאָרדאָן איז געווען דער באוויינער פון זײַן דאָר (קורסיוו ביאליקס. — א. ר.)... ער האָט געשילדערט דעם אומגליק, און די טרערן זײַנען געקומען פון זיך אליין... זאָלן אונדזערע דיכטער און באקלאָגער לאָזן אונדז הערן אין זייערע לידער און קינעס דאָס באסקאָל פון די אלע זאכן, וואָס וויקלען זיך פאנאנדער פאר אונדזערע אויגן אין דער רעאלער ווירקלעכקײַט"[1].

פיל האָט בײַגעטראָגן צו דער פאָרמירונג פון ביאליקס רעאליסטישער עסטעטישער פראָגראם זײַן באקענען זיך אין די 90־ער יאָרן מיט דער רוסישער קלאסישער ליטעראטור און מיט דער רעאליסטישער און דעמאָקראטישער ליטעראטור אין ייִדיש, וועלכע לעבט איבער א גרויסן אופבלי אין די 80 — 90־ער יאָרן.

דער אינטערעס צו דער רוסישער ליטעראטור איז בא ביאליקן געווען א שטענדיקער. טאקע דאָ האָט ער געפונען עכטע מוסטערן פון רעאליסטישער דיכטונג און פראָזע, וועלכע האָבן אנטשפרעכט זײַן אידעאלער פאָרשטעלונג וועגן קונסט. אין 1896 האָט ער געשריבן מ.־י. בערדיטשעווסקין: „די רוסישע שפראך קען איך גרינטלעך. איך האָב פיל געלייענט און שטודירט, האגאם אָן א באשטימטער לערן־סיסטעם"[2]. די ערשטע יאָרן אין אָדעס האָט ביאליק, ווי עס דערציילט וועגן דעם ראווניצקי אין זײַן בוך „דור וסופריו", שטארק געליטן פון הונגער מאכמעס די קנאפע פארדינסטן אלס פריוואטער לערער, און ער פלעגט גאנצע טעג אָפּליגן אין קעלערשטוב, ווו ער האָט דאן געווינט, און ניט אופהערן צו לייענען, קעדיי זיך אָפּווענדן פונעם הונגער, וואָס האָט אים געמוטשעט. די בילדער פון נויט און פײַן, די לעבנסקאָשמארן, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק, האָבן אנטשפראָכן זײַן געמיט־צושטאנד, ער האָט זיי געלייענט, און זייער ווירקונג אף אים איז אין דער צײַט געווען זייער שטארק. אין די פראגמענטן פון זײַן אויטאָביאָגראפיע האָט ער געשריבן: „אין אָדעס האָב איך אָנגעהויבן צוביסלעך לייענען די רוסישע קלאסישע ליטעראטור, און מײַנע אויגן האָבן זיך צעלויכטן (איך האָב געלייענט גאָגאָלן, דאָסטאָיעווסקין אאוו.), א נײַע וועלט האָט זיך פאר מיר אופגעעפנט"[3].

אין דער זעלבער צײַט באקאנט זיך ביאליק מיט די קאָריפייען פון דער רוסישער קלאסישער דיכטונג. לערמאָנטאָוון ציטירט ער אין אן אייגענער איבערזעצונג (דאָס ליד «Ангел») שוין אינעם אויבנגעבראכטן בריוו פון 1891 צום יוגנט־פרײַנט פריד־

[1] אגרות ח. נ. ביאליק, כרך 1, זז. פ״ב — פ״ג.
[2] דאָרט, ז. ס״ט.

[1] דאָרט, זז. ע״א — ע״ב; [2] דאָרט, ז. צ; [3] ח. נ. ביאליק. קטעים אבטוביוגרפיים, כנסת, תש״א, ז. 16.

מאָן. גאָר גיך דערשײַנט פאַר אים אין זײַן גאַנצער גרייס און פּראַכט פּושקין.

דער מאָלער מ. גליקסבערג דערציילט:

„ווען ביאַליק איז דערגאַנגען אינעם ליד «Осень» צו דעם פּערז «Унылая пора», האָט ער האַסטיק צוגעמאַכט דאָס בוך, איז אויפגעשטאַנען און שטאַרק צערודערט אַ זאָג געטאָן: „וואָס זאָגט איר דערצו, האַ? «Унылая пора»! פּושקין איז אַ דיכטער, וואָס ווייסט צו געפינען דאָס איינציק נייטיקע לעבעדיקע וואָרט, וועלכעס עס איז שוין אוממעגלעך צו רירן פון אָרט. אַ גאָען, אַזעלכער ווערט געבאָרן איין מאָל אין טויזנט יאָר. גלייבט מיר, פּושקין וועט לעבן און לעבן, ער איז דער סאַמע מאָדערנער שרײַבער פון אַלע טקופֿעס. מאָדערניזם, נאַרישקײַטן... אַלדאָס, וואָס זיי שרײַבן, איז דאָך „סלאָוועסנאָסט” פונעם ערגסטן מין, איך קען קיין צען שורעס פון זיי ניט לייענען. ס׳איז סטאַם גראַמען־מאַכערײַ, און צײַטנווײַז, דאַפקע באַ די אַמערסטן פּייִקע, אויך שאַרלאַטאַניזם. נאָר מיך וועלן זיי ניט אָפּנאַרן. וויפל קומט מיר אויס צו אַרבעטן, ביז איך קרענק אויס אַ זאַך”[1].

און אַ צווייט מאָל:

„איך האָב מער געמעקט, ווי געשריבן... די רוסן האָבן געשלײַפט אָן אַ סאָף: פּושקין, טורגעניעוו, גאָגאָל, טאָלסטאָי. איר זאָלט אָבער ניט מיינען, אַז יעדערער איז מעכוּיעוו צו מעקן און צו פאַריכטן: סע טרעפט, אַז דאַפקע איבער דעם גייט פאַרלאָרן די פרישקײַט פון געדאַנק, דער ערשטער בליץ, און דאָס ווערק גייט לעיִבעד. בלויז אַ גרויסער טאַלאַנט קען ענדיקן די אַרבעט ביזן סאָף אָן דעם, מע זאָל דערפילן דעם שווייס”[2].

ביאַליק לאַכט אויס די מאָדערניסטישע דיכטונג פאַר איר נייגונג צו שפּראַכלעכע „טריוקן” און „קונצן”, צו פאַרנעפּלטע רייד און אויסטערלישער בילדערישקײַט און שטעלט זיי קעגן די הויכע פּאַשטעס פון די גרויסע רוסישע קלאַסיקער:

„אַן עכטער דיכטער דאַרף זיך צוהערן צו זיך אַליין, דאַרף הערן די קלאַנגען פון דער עכטער ליד, וועלכע דרינגט אַרויס פון די טיפענישן פון זײַן נעשאָמע, אָבער די דאָזיקע (געמיינט — די מאָדערניסטן, פאָרמאַליסטן אַדג.) נעמען נאָר דאָס אויסערלעכע, די שאָלעכץ, זיי ווילן מיך איבעראַשן מיט שפּראַכלעכע „קונצן”. אָבער שפּראַך איז נאָך ניט אַלץ... זיי אַנטלויפן פון דער פּאַשטעס, נאָר שרײַבן פּאָשעט דאַרף מען קענען, דערפאַר שרעקן זיי זיך פאַר איר. טאָלסטאָי האָט געקענט שרײַבן פּאָשעט”[3].

די גרינטלעכע באַקאַנטשאַפט מיט דער קלאַסישער ליטעראַטור אין ייִדיש בילדעט אַ ווײַטערדיקן עטאַפּ אין דער אויספורעמונג פון ביאַליקס רעאַליסטיש־דעמאָקראַטישער עסטעטישער פּראָגראַם.

ביאַליק האָט מיט רעכט געשריבן אין איינעם אַ בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען, אַז „ביידע זײַנען מיר אייניקלעך פון איין זיידן”. גאָר גיך איז דער דיכטער געוואָרן מענדעלעס טרײַסטער שילער ניט נאָר אין דער פּראָזע, נאָר אויך אין דער דיכטונג. אין מענדעלעס ייִדישע ווערק האָט ביאַליק געפונען דאָס אַלץ, וואָס האָט געפעלט דער העברעיִשער ליטעראַטור פון זײַן צײַט: לעבן, רעאַלקײַט, טרײַקײַט דער נאַטור, צוגעבונדנקײַט צום פאָלק. אין דעם מענדעלע־געשטאַלט האָט ביאַליקן קוידעמקאָל צוגעצויגן זײַן ערדישקײַט, זײַן ליבע צום לעבן, יענע אוילעמהאַזעדיקײַט, וואָס האָט אַזוי אויסגעפעלט אייניקע שעפער פון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

[1] ח. גליקסברג, ביאַליק יום יום, ז. 11; [2] דאָרט, ז. ז. 84—85; [3] דאָרט, ז. 11—12.



כאַיִם־נאַכמען ביאַליק
קינסטלער — ל. פּאַסטערנאַק

„ער איז געווען זייער נאַטירלעך... — האָט ביאַליק געזאָגט וועגן מענדעלען אין איינעם אַ געשפּרעך מיט גליקסבערגן, — און געניסט האָט ער פונעם לעבן צו ביסעלעך, נאָר מיט גרויס אַפּעטיט. ער האָט האַנאָע געהאַט פונעם לעבן מאַמעש ווי אַ קינד. ער האָט געסמאַקעוועט דאָס לעבן. אַלע כושים זײַנען בא אים געווען אַף דעם בעסטן אויפן אַנטוויקלט ביזן סאָף פון זײַן לעבן. דאָס איז אין דער צײַט, ווען אונדזערע שרײַבער לײַדן פון אַ כראָנישן נאַסמאַרק און זייערע כושים זײַנען פאַרשטאָפּט”[1].

טאַקע דערמיט איז צו דערקלערן ביאַליקס אָנגעשטרענגטע באַמיִונגען אין מעשעך פון אַ לאַנגער צײַט אײַנצורײדן מענדעלען, ער זאָל איבערזעצן זײַנע ווערק פון ייִדיש אין העברעיִש. דער דיכטער האָט געפילט בעכוש, אַז דאָס וועט אַרײַנגיסן בלוט, לעבן און כּיִעס אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, און ער האָט קיין טאָעס ניט געהאַט.

קוידעמקאָל האָט דער דיכטער זיך אַליין גענומען פאַר דער איבערזעצונג פון „פישקע דעם קרומען”, ער האָט זיך באַמיט איבערצוגעבן אין העברעיִש די גאַנצע זאַפטיקײַט און לעבעדיקײַט פונעם אָריגינאַל. אין אַ בריוו צו פרישמאַנען אין 1901 האָט ער געשריבן וועגן דעם דאָזיקן איניען: „ווי איר זעט, איז עס גאָר קיין איבערזעצונג אינעם אייגנטלעכן זין פון וואָרט. איך זיץ אָפּ אַף יעדן טינט־טראָפּן ביז צום זיבעטן שווייס, און נאָכדעם ווײַז איך עס דעם זיידן, און ער זעצט זיך אַוועק און אַרבעט אויך

[1] דאָרט, ז. 9.

ביז דעם זיבעטן שוויס. עס טרעפט, אז ער זוכט דאָס נייטיקע וואָרט צוויי אָדער דרײַ שאָ נאָכאנאנד. ס׳איז גאָר קיין איבערזעצונג ניט, ס׳איז מײַסע־בערייִשיס”[1]. ביאַליק האָט זיך ניט באַרויִקט, ביז עס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן אײַנצורעדן דעם זיידן אליין זיך נעמען פאַר דער איבערזעצונג פון אלע זײַנע וויכטיקסטע ווערק. דער דיכטער האָט וועגן דעם דערציילט מיט יאָרן שפּעטער אין איינעם א בריוו צו שאָלעם אשן:

„אז איך בין מיט 27 יאָר צוריק געקומען קיין אָדעס, האָב איך זיך געשטעלט א ציל צו באַוועגן מענדעלען פולשטענדיק צו איבערגיסן זײַנע בעסטע ווערק פון ייִדיש אין העברעיִש. מיר האָט זיך עס אין א גרויסער מאָס אײַנגעגעבן”[2].

אף וויפל ענערגיש ביאַליק האָט זיך גענומען צו רעאַליזירן דעם פּלאַן פון אַרויסגעבן מענדעלעס ווערק אין העברעיִש און ווי גרויס עס איז דער באַטײַט, וואָס ער האָט דעם דאָזיקן פּאָרטראַכט צוגעגעבן, קאָן מען בוילעט זען פון א גאַנצער ריי בריוו פון יענע יאָרן, ווי, צום בײַשפּיל, פונעם בריוו צו ש. לעווין אין דעקאַבער 1906: „עפּעס א קלייניקײַט „גאַנץ מענדעלע” אין העברעיִש? איצט, אין א צײַט פון יערידע פון אונדזער ליטעראַטור, איז פאַר אונדז באַזונדערס נייטיק צו שטאַרקן און פעסטיקן די ליטעראַטור מיט וואָס נאָר מעגלעך. א פולע אויסגאַבע פון מענדעלען איז א גרויסע פאַרשטאַרקונג פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור”[3].

אין זײַן אַרבעט „מנדלי ושלשת הכרכים” („מענדעלע און די דרײַ בענדער”), וואָס איז אָנגעשריבן אלס פאָרעדע צו דער העברעיִשער אויסגאַבע פון מענדעלעס ווערק אין 1912, האָט ביאַליק באַטאָנט די גוואַלדיקע באַדײַטונג פון מענדעלעס ווערק אין העברעיִש פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און דער העברעיִשער שפּראַך. בא די העברעיִשע פּראָזאַיקער ביז מענדעלען, — האָט געשריבן ביאַליק, — איז ניטאָ קיין זייכער פונעם ווירקלעכן לעבן, פון דער נאַטור, פונעם מענטשנס נעשאָמע, „זייער פּען האָט קאָל האַיאָמים געצאַפּעט בלויז דעם אויבערפלאַך, און אינעם טאָך איז זי ניט אַרײַנגעדרונגען. זייערע דערציילונגען האָבן דעריבער אויסגעזען ווי אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל פון דער וועלט, אָפּגעריסן פונעם לעבן, זיי זײַנען געשטאַנען אויסער צײַט און רוים... זייערע אויערן האָבן ניט געהערט, וואָס דאָס מויל האָט גערעדט, די „עמפּפינדונג” האָט זיך ניט באַטייליקט אין דעם, וואָס די האַנט האָט געשריבן... מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשעפּײַזט זײַן טאַלאַנט דירעקט פונעם לעבן און פון דער נאַטור, ער איז דער ערשטער שרײַבער באַל־האַכושים אין אונדזער ליטעראַטור”[4] (קורסיוו ביאַליקס. — א.ר.).

און ווײַטער:

„פּונקט אַזוי ווי מענדעלע איז געווען דער „ערשטער” אין דער קונסט און בילד אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אַזוי איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפֿן דעם העברעיִשן סטיל, א סטיל א רעאַלן און גאַנצן... מענדעלע האָט געמאַכט א סאָף צו דער קינדער־שפּיל און צו די מאַלפּישע האַווײַעס אין דער העברעיִשער שפּראַך. ער איז קימאַט געווען דער ערשטער אין דער נײַ־העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס האָט אויפגעהערט נאָכמאַכן דעם סייפער, — ער האָט נאָכגעמאַכט דער נאַטור און דעם לעבן... (קורסיוו ביאַליקס. — א. ר.). ער האָט געשאַפֿן אין דער פאָרם און געשטאַלט, וועלכע זײַנען געדרונגען פון דער אינערלעכער נאַטור און פונעם גײַסט פונעם לאָשן גופע...”[1]

די באַקאַנטשאַפט מיט שאָלעם־אליי־כעמס שאַפן האָט פאַרשטאַרקט די דעמאָקראַטישע טענדענצן אין ביאַליקס ליטעראַריש־עסטעטישער פּראָגראַם. דער דיכטער איז געווען באַגײַסטערט פון שאָלעם־אליי־כעמס מעכטיקער רעאַליסטישער קונסט, פון דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון זײַן שאַפן מיט דעם לעבן פון די ברייטע מאַסן, פון זײַן בוילעט אויסגעשפּראָכענער פאָלקסטימלעכקײַט.

ווען ביאַליק איז אין 1904 געוואָרן רעדאַקטאָר פונעם בעלעטריסטישן אָפּטייל אין „השלח”, האָט ער טייקעף פאַרבעטן אלס אוטאָר שאָלעם־אלייכעמען. ער, וואָס האָט שאַרף קריטיקירט די בעלעטריסטיק אין „השלח” טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט „קיין שום אינטערעס צו דעם לעבנס־שטראָם, וואָס פּלייצט אין אַרום”, האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטײַט פאַרן זשורנאַל שאָלעם־אלייכעמס באַטייליקונג אין אים. אין א בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען פון 14 יאַנוואַר 1904, אין וועלכן ער טיילט אים מיט, אז פּערעץ האָט צוגעזאָגט געבן אין זשורנאַל זײַנע א דראַמע אין העברעיִש, שרײַבט ביאַליק:

„צײַטנווײַז טוט מיר זייער לייד, וואָס איר שרײַבט ניט העברעיִש. עס איז דאָ בא אונדז איין שאָלעם־אלייכעם אף דער וועלט, און כ׳וואָלט זייער און זייער געוואָלט, ער זאָל האָבן א כיילעק אף אוילעמהאַבע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. און ווער האָט נאָך מער רעכט אף אוילעמהאַבע, ווי איר? ווער האָט נאָך אַזוי ווי איר מיט אַזא גרויסער מײַסטערשאַפט געשילדערט אונדזער ווירקלעך און ניט אויסגעדאַכט לעבן, אונדזער לעבן הײַנט־צו־טאָג, און ניט דאָס, וואָס איז געווען אָדער וואָס וועט נאָך זײַן אין דער צוקונפט?!”[2].

עס איז גוט באַקאַנט, וויפל מי ביאַליק האָט אָפּגעגעבן דער פּובליקאַציע פון פּערעצעס ווערק אין העברעיִש. טאַקע נאָר אַדאַנק זײַן אַקשאָנעסדיקײַט זײַנען קימאַט אלע פּערעצעס ווערק — די געשריבענע אין העברעיִש, אָדער פון אים אליין איבערזעצטע — דערשינען אין א באַזונדערער פילבענדיקער אויסגאַבע.

די גענויע באַקאַנטשאַפט מיט ביאַליקס בריוו, באַזונדערס פון די נײַנציקער יאָרן פונעם 19־טן יה. און אָנהייב 20־טן יה., לאָזט אונדז מאַכן דעם אויספיר, אז די העברעיִשע ליטעראַטור האָט פיל צו פאַרדאַנקען ביאַליקן דערמיט, וואָס זי איז אַרויס פון אירע ענגע דאַלעדאַמעס, זיך מער דערנעענטערט צום

---

[1] אגרות ח. נ. ביאליק, כרך 1, ז. קוב; [2] דאָרט, כרך ד, ז. רח; [3] דאָרט, כרך 2, ז. לו; [4] כל כתבי מנדלי מוכר ספרים, אודיסא, תרס״ב, ז. V.

[1] דאָרט, ז. VI; [2] אגרות ח. נ. ביאליק, כרך 1, ז. רג.

לעבן, טיפער זיך דורכגעדרונגען מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק, ווײַל אין איר אנטוויקלונג האָבן זיך, טאַקע אדאנק ביאַליקס איניציאַטיוו, אַקטיוו אײַנגע־שלאָסן אונדזערע דרײַ גרויסע קלאַסיקער: מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ.

ביאַליקס באַמיִונגען אַרײַנצוציִען אין דער העברעיִ־שער ליטעראַטור די גרעסטע יידישע שרײַבער־ראַע־ליסטן (מיט יאָרן שפּעטער איז צו דעם צעטל צוגע־קומען שאָלעם אַש — זע וועגן דעם ביאַליקס בריוו צו ש. אַשן אין די יאָרן 1927 — 1928), זײַנען געווען פאַרבונדן מיט איין־אייניציקן אָפּריכטיקן ווונטש און ציל: אויפצולעבן די העברעיִשע ליטעראַטור, באַ־רײַכערן זי מיט עכטער רעאַליסטישער קונסט. קיינע אַנדערע צוועקן האָט דער דיכטער ניט פאַרפאָלגט.

די שאַרפע שפּראַכן־קריג צווישן די עקסטרעמע העברעיִסטן און עקסטרעמע יידישיסטן איז ביאַליקן געווען פרעמד. ער האָט זיך באַמיט צוגיין צו דער דאָזיקער פראַגע ווי מעגלעך אָביעקטיוו. ביאַליק האָט הויך געשעצט די יידישע ליטעראַטור און אירע שע־פער. ער האָט ליב געהאַט די יידישע שפּראַך און האָט גערן געשריבן אין יידיש. אין זײַנע בריוו און אַרויסזאָגונגען אין העברעיִש האָט ער ליב געהאַט אָפּט אַרײַנצוּוואַרפן אַ יידיש ווערטל, אַ וויץ. ער האָט פאַרורטיילט די נעטיִע פון געוויסע שרײַבער־העברעיִסטן צו באַטראַכטן יידיש אַלס אַ שפּראַך פון אַ נידעריקערן גראַד.

אין אַ בריוו צו ראַוויניצקין אין 1898 האָט ביאַליק געשריבן:

„איך באַטראַכט ניט דעם זשאַרגאָן אַלס זינד אָדער שאַנד. איז דען פאַראַן אַ שפּראַך, וואָס איז זינדיק און שענדלעך? אויב ס'איז דאָ אַ כעט אָדער אַ שאַנד אינעם לאָשן, איז עס ניט מער ווי פּוסטקײַט פון גע־דאַנק אָדער אָרעמקײַט פון אינהאַלט. אָבער גוטע זאַכן ווערן אַרויסגעזאָגט און אויסגעהערט אין יעדן לאָשן און זײַנען געפעלן"[1].

אין 1899 האָט ביאַליק אָפּגעדרוקט אינעם „יוד" זײַנע לידער „נאָך איין יאָרהונדערט" און „אָפּן הויכן באַרג", דערבײַ האָט ער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ליד „אָפּן הויכן באַרג" אָנגעוויזן אין אַ בריוו צו ראַוויניצקין, אַז „די פּײַנע בענקשאַפטן פון דער קינד־הייט אין געטאָ און אינעם כיידער איז באַקוועמער אַרויסצוזאָגן אין זשאַרגאָן, אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי זײַנען אויפגעקומען, איידער אין לאָשנ־קוידעש. וויפל מאָל האָב איך געפּרוווט דערציילן וועגן זיי אין לאָשנקוידעש, האָט זיך מיר ניט אײַנ־געגעבן. אין זשאַרגאָן אָבער, פּיל איך, וועט עס מיר געלינגען"[2].

עמעס, אינעם זעלבן בריוו האָט ביאַליק אַרויסגע־זאָגט זײַן אומגלויבן אין דעם, אַז יידיש האָט אַ צו־קונפט. אים האָט זיך אין יענע יאָרן געדאַכט, אַז יידיש וועט מיט דער צײַט מוזן אונטערגיין. שפּעטער האָט ער, ווי עס איז צו זען פון זײַנע בריוו, זיך מער ניט געהאַלטן באַ די דאָזיקע סקעפּטישע פּראָג־נאָזן. ער האָט פון צײַט צו צײַט געשריבן אין יידיש און, אפילו שוין זײַענדיק אין ייִסראָעל, האָט ער ניט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט דער יידישער ליטעראַטור. בייס זײַנע נעסיִעס האָט ער געשריבן

[1] אגרות ח. נ. ביאַליק, כרך 1, ז. קטח; [2] דאָרט, ז. קכז.

זאַפּטיקע בריוו אין יידיש צו זײַן פרוי און צו פרײַנט, און אַפילע שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער האָט אויך אַרײַנגעטראָגן זײַן בײַטראָג אין דער יידי־שער ליטעראַטור. „ווייסט איר דען ניט, — האָט ער געשריבן אין 1927 צו שאָלעם אַשן, — אַז איך גע־הער אויך צו די קינדסקינדער פון אוראַם אווינו, און די „דינסט" (אַזוי איז געווען אָנגענומען צו באַצייכענען יידיש. — א. ר.) פאַרנעמט אַ בעקאָוועד־דיק אָרט אין מײַן הויז"[1].

דער דיכטער האָט הויך געשעצט די גרויסע ראָל, וואָס די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור האָבן געשפּילט פאַר דער עצעם עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטע־ראַטור.

אין אַ בריוו צו א. יאַבלאָנסקין אין 1928 יאָר האָט ביאַליק געשריבן:

„ווען אונדזער שפּראַך וואָלט פאַרבליבן נאָר אַ בוך־שפּראַך, ניט האָבנדיק באַ דער זײַט די יידישע רייד־שפּראַך, וואָלט זי פאַרשטיינערט און אויסגע־טריקנט געוואָרן, מאַכמעס עס וואָלט איר געפעלט דער לעבנס־אָטעם. אָבער ווען אין דער דערציִונג (אין כיידער, אין שול, אין דער יעשיווע) איז זי שטענדיק באַגלייט געוואָרן מיט דער רייד־שפּראַך יידיש, האָט די דאָזיקע איר צוגעטיילט פון איר לעבנס־קראַפט און טאַמימעס, און זי לאָזט זיך פון אונדז אויפאַסן מאַמעש אַלס אַ לעבעדיקע שפּראַך"[2].

אין זײַן אייגענעם שאַפן האָט ביאַליק טרײַ פאָרגע־זעצט די טראַדיציִעס פון דער רוסישער און יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. זײַנע לידער פון צאַר און צאָרן, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט טיפן סאָ־ציאַלן און נאַציאָנאַלן ווייטעק און פּראָטעסט, זײַנע פּרעכטיקע נאַטור־ און ליבע־לידער, זײַן פּראָזע, אין וועלכער ער דערשײַנט אַלס טרײַער נאָכפאָלגער פון דער מענדעלע־טראַדיציע, — די אַלע ווערק זײַנע האָבן גוואַלדיק באַרײַכערט די העברעיִשע ליטעראַ־טור, וואָס האָט אין אָנהייב 20־טן יה. אין אירע בעסטע מוסטערן געגנומען זיך פאַרפּעסטיקן אָף גע־זונטע רעאַליסטישע פּאָזיציִעס. ביאַליק איז געוואָרן איינער פון אירע באַדײַטנדיקסטע בויער און מיטשע־פער. ער האָט גענומען אָף זיך די גרויסע אַכרײַעס פאַר איר ווײַטערדיקן גוירל און האָט אומדערמידלעך נאָכגעפאָלגט נאָך יעדער נײַער דערשײַנונג אין איר, זאָרגזאַם געכאָוועט יעדע נײַע שפּראָצונג סײַ אין דער פּראָזע, סײַ אין דער דיכטונג.

מיט גרויס פרייד האָט ביאַליק אויפגענומען די נײַע פּלעיאַדע יונגע דיכטער אין דער העברעיִשער פּאָע־זיע: ש. טשערניכאָווסקין, ז. שניירן, י. פיכמאַנען אאַ. דעם גרויסן דיכטער האָט אימפּאָנירט זייער צו־געבונדנקײַט צום לעבן, צום הײַנט, זייער שפּרודל־דיקע לעבנס־פרייד, זייער פולשטענדיק באַפרײַען זיך פונעם „אָל פון יערושע", וועלכן ער אַליין האָט אַזוי ווייטעקדיק געשפּירט. וועגן די דאָזיקע יונגע, פרישע שפּעפער פון העברעיִשן ליד האָט ער געשריבן אין זײַן באַקאַנטן קריטישן עסיי „שירתנו הצעירה" („אונד־זער יונגע דיכטונג"):

„ייִנגער פון זייערע ברידער, פרײַער פון זיי, גליק־לעכער פון זיי, — פון אן אנדער זײַט, פון אן אנ־

[1] דאָרט, כרך 3, ז. רח—רט; [2] דאָרט, כרך 4, ז. פד.

דער וועלט זײַנען זיי געקומען... זייער וועג איז געוועזן אויסגעטראָטן, זייער גאנג איז געוועזן לײַכט און זיכער. זייער שטאלט איז ניט געוועזן געבויגן אונטער דעם הויקער פון „יערושע־אָל"... מיט דעם אלטן האָבן זיי לעגאמרע צעריסן... אָנשטאָט דעם האָבן זיי מיט זיך אראָפּגעבראכט נײַן מאָס פרישע לעבנס־פרייד און יוגנט־קראפט... די דאָזיקע יונגע האָבן ניט געזונגען, ווי עס איז געוועזן אָנגענומען בא ייִדן, פון אָרעמקײַט און שוואכקײַט, נאָר פארקערט, ווי בא לײַטן, פון קויעך־איבערפלוס און קראפט־שעפע. דאָס איז געוועזן „דאָס ליד פון דעם, וואָס לעבט אָף דער ערד", אליין דאָס פרייד־געשריי פון לעבנס־קראפט און לעבנס־לוסט — דאָס פרייד־געשריי פון טשערניכאָווסקין"[1].

באזונדערס הויך שעצט ביאליק ז. שנייערן. אין א בריוו צו אים אין 1906 כאראקטעריזירט ער זײַן שאפן אלס אזעלכעס, „וואָס אונדזער ליטעראטור האָט נאָך ניט געזען ביז הײַנטיקן טאָג", און ער גיט צו: „אויב פונעם אש פון דער נאציאָנאלער סרייפע פון די לעצטע יאָרן זײַנען בא אונדז ארויסגעקומען די טשערניכאָווסקיס, שנייערס און זייערס גלײַכן, — איז דאָך נאָך דאָ בא אונדז א האָפענונג"[2].

„דאָס איז א מעכטיקער דיכטער, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלײַכן בא אונדז סײַ אין דער דיכטונג און סײַ אין דער פראָזע", — האָט ביאליק געזאָגט וועגן שנייערן אין איינעם א געשפּרעך מיט גליקסבערגן[3].

פיל אָרט פארנעמען אין ביאליקס בריוו זײַנע ארויסזאָגונגען וועגן דעם אייגענעם שאפן. מיר טרעפן דאָ כאראקטעריסטיקעס פון באזונדערע ווערק, וויכטיקע דעטאלן צו דער געשיכטע פון זייער אופקום און אנטוויקלונג, וועלכע העלפן אונדז ארײַנקוקן אין זײַן שעפערישער לאבאָראטאָריע. פון די בריוו זעט מען דײַטלעך, ווי גרויס עס איז געוועזן בא ביאליקן דאָס אכרײַעס־געפיל פאר דעם אייגענעם שאפן, ווי שטרענג ער איז געוועזן צו זיך און ווי באשיידן אין דער אָפּשאצונג פון זײַנע אופטוען פאר דער ליטעראטור. זייער אָפט לאָזן זיך אין ביאליקס בריוו הערן טענער פון אומצופרידנקײַט מיט די אייגענע קענטענישן, מיט דער „טעמאטישער באגרעניצטקײַט" פון זײַן שאפן, דער דיכטער שטרעבט צו ברייטערע און גרעסערע שעפערישע האָריזאָנטן.

דאָס געפיל פון אכרײַעס פאר דער ליטעראטור שטויסט ביאליקן זיך אקטיוו צו באשעפטיקן מיט רעדאקטאָרישער און פארלעגערישער טעטיקײַט. פון 1904 ביזן סאָף פון זײַן לעבן איז ער מאמעש ביז דעם האלדז ארײַנגעטאָן אין דער דאָזיקער ארבעט, וועלכער ער גיט זיך אָפּ מיט לײַב און לעבן, האגאם ער איז קלאָר אין כעזשבן, ווי שטארק דאָס שטערט זײַן אייגענעם שאפן. אין 1906 האָט ביאליק מיט פארביטערונג און טיפער איראָניע געשריבן אין א בריוו צו בען־אמין:

„מײַן זיידע, זיכרוינע ליווראָכע, האָט מיך געגרייט פאר ראבאָנעס, בין איך געוואָרן א סויכער, בין מעגולגל געוואָרן אין א מעלאמעד, זיך פארוואנדלט אין

[1] ח. נ. ביאליק, דברי ספרות, תל־אביב, 1958, ז. קעב; [2] אגרות ח. נ. ביאליק, כרך 2, ז. כו; [3] חים גליקסברג, ביאליק יום יום, ז. 110.

א לערער, געדינט אין א קאָנטאָר, ווידער זיך גענומען צום קנעלן (דערעכאגעוו געשריבן לידער), געוואָרן א פארקויפער פון קוילן, אָנגענומען געוואָרן אלס רעדאקטאָר (דערעכאגעוו געשריבן לידער). איצט בין איך, בערעכהאשעם, אן אייגנטימער פון א דרוקערײַ און א שוטעף אין פארלאג „מוריה", — און איצט גיי און קלײַב זיך פאנאנדער און ווייס וואָס צו טאָן מיט דעם אלעמען... דו ווילסט וויסן, צי איך שרײַב, — איך שרײַב גאָרנישט"[1].

„מײַן ארבעט, מײַן טאָגטעגלעכע ארבעט, — האָט ביאליק געשריבן אין א בריוו צו י. קאהאן, — מאטערט אויס מײַן לײַב און זעל, אזוי אז עס בלײַבט מיר ניט איבער קיין ברעקל קויעך עפּעס צו טאָן פאר דער נעשאָמע. איך האָב זיך פארוואנדלט אין א צום אָל געוווינטן אייזל, וואָס פירט פון פרי ביז האלבער נאכט ציגל, ברוכשטיינער און זאמד. עס איז נאָר דאָ א פיצל טרייסט, אז די דאָזיקע מאטעריאלן ווערן פארלייגט אין א ביניען"[2].

אונטער דעם „ביניען" האָט ביאליק געמיינט זײַן גראנדיעזן אופטו פון ארויסגעבן די ווערק פון די גרויסע העברעיִשע דיכטער פון מיטלאלטער: מוישע איבן עזרע, שמועל האנאָגיד און שלוימע איבן גאבירא. ביאליק האָט עטלעכע יאָר נאָכאנאנד אומדערמידלעך געניסטערט אין פארשיידענע ביבליאָטעקן פון א ריי לענדער, וועלכע ער האָט באזוכט, קעדיי אויסצוגעפינען ווו נאָר מעגלעך די מאנוסקריפּטן אָדער זעלטענע אויסגאבעס פון זייערע ווערק. צוליב דעם צוועק האָט ער זיך אויך איבערגעשריבן מיט דעם באוווּסטן ליטעראטור־פאָרשער צינבערג אין לענינגראד, מיט דעם מיטארבעטער פון דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אפן נאָמען פון סאלטיקאָוו־שטשעדרין מאגיד. ביאליק האָט זיך ניט בארויִקט, ביז עס איז אים ניט געלונגען אין דער צווייטער העלפט פון די צוואנציקער יאָרן ארויסצוגעבן אלע ווערק פון די אויבנדערמאָנטע דיכטער, וועלכע ער האָט גרינטלעך באארבעט, קאָמענטירט און בעדערעך־קלאל באזאָרגט מיט פאָרעדעס. אין א גאנצער מענגע בריוו פון די יאָרן טרעפן מיר זײַנע באגײַסטערטע אָפּרופן וועגן די מיטלאלטערלעכע שפאניש־העברעיִשע דיכטער, וועלכע ער האָט מאמעש אפסנײַ אנטדעקט פאר זיך און פאר די לייענער.

אין 1925 האָט ער געשריבן צו ערענפרײַזן:

„איצט זײַנען מיר (געמיינט זיך און ראווניצקין. — א. ר.) פארנומען מיט צוגרייטן די לידער פון מוישע איבן עזרע. פיל פון זײַנע לידער זײַנען ווי נאָרוואָס אָנגעשריבן פון א מאָדערנעם דיכטער. וויפל שיינקײַט און וויפל קראפט! ווי אָרעם אין גײַסט מיר זײַנען, וואָס מיר האָבן ניט געוווּסט ווי צו כאָוועץ די דאָזיקע פערל און אָפּגעבן זיי דאָס געהעריקע אָרט אין אונדזערע ביבליאָטעקן און שולן"[3].

ווען נאָך אָנגעשטרענגטע באמיִונגען איז ביאליקן געלונגען אין 1926 ענדלעך ארויסצובאקומען א פאָטאָגראפירטע קאָפּיע פון שמועל האנאָגידס ווערק, האָט ער געשריבן צו ראווניצקין: „ס'איז א וווּנדערבארער אויצער, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט! א מעציע, וואָס וועט אופרודערן די וועלט! וויי צו אונדזערע געלערנטע און וויי צו אונדז, וואָס אזא

[1] אגרות ביאליק, כרך 2, זז. כ—כא; [2] דאָרט, כרך 4, ז. רטו; [3] דאָרט, כרך 3, ז. כט.

מין פערל האָט זיך אַזויפיל צײַט געוואַלגערט אין מיסט און קיינער האָט זיך ניט געזאָרגט וועגן פּאָפּולאַריזירן עס אין דער וועלט"[1].

ביאַליקן זײַנען געווען פריקרע די פאַלשע טענער, וואָס האָבן זיך אַלץ אָפטער געלאָזט הערן אין די טראַסקענדיקע רעדעס און לויב־אַרטיקלען וועגן אים. מע האָט אים ניט נאָר געלויבט אין טאָג אַרײַן, מע האָט אים גענומען צושרײַבן אַזעלכעס, וואָס ס'איז בײַ אים קיינמאָל ניט געווען, באַקרוינען אים מיט קאָלערליי הויכע טיטלען, אַזוינע ווי „דער נאָווי", „דער זינגער פון אויסלייזונג" אאַז"וו. דער דיכטער האָט זיך גאָר גיך געקאָנט איבערצײַגן, אַז זײַן פּאָפּוליאַריטעט בײַם לייענער ווערט אויסגענוצט פאַר פּאָליטישער ספּעקולאַציע. באַשטימטע בורזשואַזע, דעריקער ציִעניסטישע, קרײַזן האָבן געפּרוּווט פאַרוואַנדלען ביאַליקס שאַפן אין אַ רעקלאַמע פאַר געוויסע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. הויפּטזאַכלעך דערפאַר טאַקע האָבן דעם דיכטער אַזוי געפּײַניקט די טראַסקענדיקע דיפירַאַמבן און די פאַלשע רייד, מיט וועלכע מע האָט אויס אייגננוצן אָנגעשפּיקעוועט די רעדעס און די אַרבעטן וועגן אים.

שוין אין 1907 האָט ער געשריבן צו בען־אַמין:

„איך האָב געזוכט פאַר מײַן נעשאָמע אַ קליין ווינקעלע, אַ פּיצל ווינקל, ווו איך וואָלט געוועלטיקט אַליין און בעשאַלווע, — האָט מען בײַ מיר אַוועקגערויבט אַלע מײַנע שאָען. דער שעקער רינגלט מיך אַרום פון אויסן און פון אינעווייניק, און ס'איז מיר דערעסן דאָס לעבן"[2].

וואָס ווײַטער, איז ביאַליקס אָפּגעבראַכטקײַט קעגן דער ספּעקולאַטיווער רום־וואַקכאַנאַליע אַרום זײַן נאָמען געוואָרן אַלץ שטאַרקער. דעם בוילעטסטן אויסדרוק האָט זײַן צאָרן געפונען אינעם ליד „חלפה על פני נשמת אפך, אלהים"... („ס'האָט אַף מיר אַ שוועב געטאָן דײַן אָטעם, גאָט..."), געשריבן אין יאָר 1916. דאָ טרעפן מיר אַזוינע שאַרפע ווערטער (אין פּראָזאַישער איבערזעצונג):

„מיט וואָס וועל איך קומען צו דער הייליקײַט און וויאַזוי וועל איך ריין מאַכן מײַן טפילע? און די שפּראַך מײַנע האָט מען אינגאַנצן געשענדט, און זי איז געוואָרן אַ לאָשן פון עקל. און קיין איינציק וואָרט איז ניטאָ אין איר, וואָס מע האָט עס ניט אומריין געמאַכט באַם סאַמע וואָרצל, און קיין איין קלאַנג איז ניטאָ אין איר, איבער וועלכן עס האָבן זיך ניט איזדיעקעוועט פאַרשמוציקטע ליפּן, קיין איין געדאַנק, וואָס איז ניט פאַרשלעפּט געוואָרן צו דעם שאַנד־הויז. מײַנע זויבערע טײַבעלעך, איך האָב אין פרימאָרגן זיי אַרויסגעשיקט צום הימל, האָבן זיי זיך אומגעקערט אין אָוונט — ערשט זיי זײַנען גאָר קראָען, וואָס רײַען זיך אין מיסטן, אַ פּרעך קראַקען אין זייערע העלדזער, און נעווײלע־פלייש אין זייערע ליפּן. עס האָבן מיך אַרומגערינגלט ווערטער־פאַנפאַרן, ווי אַן איידע הורן מיך באַפאַלן. זיי גלאַנצן מיט פאַלשער באַפּוצונג, קאָקעטירן מיט פאַלשן כיין, רויטע פאַרב אַף זייערע וויִעס, פוילונג פון אויסגעלאַסנקײַט אין זייערע ביינער, און אין די פליגלען — קינדער פון זנוס, מאַמזיירים פון פּען און געדאַנק..."

פּאָלעמיש פאַרשאַרפּט קעגן זײַנע פאַלשע לויבזינגער איז אויך דאָס ליד „שחה נפשי לעפר..." („מײַן זעל איז געדריקט צו דער ערד"), געשריבן אין יאָר 1923. דער דיכטער קלאָגט זיך:

מײַן זעל איז געדריקט צו דער ערד
אונטער דער לאַסט פון אײַער ליבשאַפט... —
קיין דיכטער בין איך ניט, קיין נאָווי,
אַ האָלצהעקער בין איך.
אַ האָלצהעקער, אַ מענטש מיט אַ האַק,
וואָס טוט ערלעך זײַן מעלאָכע —
אַ סעזאָניק, געדונגען אַף סכירעס...

ענלעכע מאָטיוון געפינען מיר אויך אין אַנדערע לידער פון די צוואַנציקער יאָרן.

אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן איז ביאַליקס פאַרביטערונג קעגן דעם טאַראַראַם אַרום אים נאָך מער געשטיגן. זײַן קלאָגן זיך, אַז ער איז מיד פון די לויב־געזאַנגען, באַווײַזט זיך אין די בריוו אַלץ אָפטער. צום בײַשפּיל, אין די בריוו צו זײַן פרוי מאַניען אין 1931 בײַס זײַן נעסיִע איבער די שטעט פון פּוילן:

„בעקיצער, טאַראַראַם. האַנאָע האָב איך דערפון ניט. ס'שטייט צו מיר ניט צו. אָבער מיד ווער איך דערפון ביז צום טויט. זאָל מיר האַשעם־ייִסבאָרעך געבן קויעך דאָס איבערצוטראָגן".

„אומענדלעך באַנאַלע פּראָווינציעלע באַנקעטן, באַגעגענישן, דראָשעס אאַז"וו. איך בין פון זיי טויטמיד".

„איך ווער געקוועלט און פאַרמוטשעט מיט רעדעס און נאַרישע טהילעס־וועטישבאָכעס — איבערגעטרײבענע, געשמאַקלאָזע, ביז צו כאַלאָשעס"[1].

אַ גרינטלעכע באַקאַנטשאַפט מיט ביאַליקס בריוו און זײַנע אַרויסזאָגונגען גיט אונדז די מעגלעכקײַט באָטל צו מאַכן אייניקע אָנגענומענע לעגענדעס וועגן ביאַליקן, און קוידעמקאָל די לעגענדע וועגן אים אַלס אַ דיכטער פון ציִעניזם.

ביאַליק, וואָס האָט, ווי אַנדערע בעסטע ייִדישע שרײַבער — זײַנע מיטצײַטלער, מיט טיפן ווייטעק אויפגענומען די טראַגעדיע פון די ברייטע ייִדישע מאַסן, וועלכע האָבן געליטן פון אַ דאָפּלטן יאָך, פון סאָציִאַלער און נאַציִאָנאַלער אונטערדריקונג, — האָט אין אַ ריי לידער און פּאָעמעס מיט גרויסער געזעלשאַפטלעכער לײַדנשאַפט אויסגעדריקט זײַן פּראָטעסט קעגן דער הערשנדיקער אומגערעכטיקײַט און דעריקער קעגן די פּאָגראָמען, וועלכע ס'האָט אָרגאַניזירט די צאַרישע רעגירונג אין טכום־האַמוישעוו. ער האָט אָבער ניט געוווּסט, אַף וועלכע וועגן קען מען געפינען אַ לייזונג פאַר דער אָנגעווייטעקטער אַזויגערופענער „ייִדן־פראַגע". זײַענדיק נאַציִאָנאַליסטיש באַגרענעצט און אין אַ ריי פראַגן קאָנסערוואַטיוו געשטימט, איז דער דיכטער ניט געווען בעיעכוילעס אָנצוקניפּן זײַנע האָפענונגען אַף דער באַפרײַונג פון נאַציִאָנאַלער אונטערדריקונג מיט דער רעוואָליוציִאָנערער באַוועגונג פון זײַן צײַט. די ערשטע צײַט איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן מיט די אידייען פון „כיבאַס־ציִען", אין וועלכע ער האָט געוואָלט געפינען אַ רעטונג פאַר דער געשאַפענער לאַגע. אים האָבן אימפּאָנירט אַכאַדהאָאָמס אידעאַלן

[1] דאָרט, ז. קז; [2] דאָרט, כרך 2, ז. מז.

[1] ח. נ. ביאַליק. אגרות אל רעיתו מאניא, 1955, ז. 250, 252, 255, 256.

פונעם אַזויגערופֿענעם „גײַסטיקן" ציוניזם. ער האָט אין יענער צײַט אָנגעשריבן אַ ריי לידער, וואָס זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיט פּאַלעסטינאָפּילישע מאָטיוון, און אײניקע לידער, אין וועלכע ער האָט באַזונגען אַכאַדהאָאַמען. שפּעטער איז אים אויסגעקומען זיך צונויפֿשטויסן מיט דעם פּאָליטישן ציוניזם, נאָר קיין באַזונדער באַגײַסטערונג האָט דער לעצטער בײַ אים קיינמאָל ניט אַרויסגערופֿן. פֿאַרקערט, אין ביאַליקס לידער, און באַזונדערס אין זײַנע בריוו און אַרויסזאָגונגען, טרעפֿן מיר אַ ניט פֿאַרבאָרגענעם ווידערגעפֿיל לגבי די ציוניסטישע מאַנהיגים און זייער טעטיקײַט.

נאָך אין די נײַנציקער יאָרן האָט ער אין אַ סאַטיריש ליד „רעב זאָרעך", וואָס איז באַזירט אויף אַ פֿאָלקס־לעגענדע, אויסגעלאַכט דר. הערצלס וויזיטן צו אַ ריי פֿירשטן און מלאָכים מיט דעם ציל צו געווינען זייער שטיצע פֿאַר דער אויפֿשטעלונג פֿון אַ ייִדישער מדינה. אַ סאַטירע אויף די אידעאָלאָגן פֿונעם פּאָליטישן ציוניזם איז לויט דער מיינונג פֿון אײניקע ביאַליק־פֿאָרשער אויך דאָס אָנגעשריבענע אין די זעלבע יאָרן ליד „על לבבכם ששמם" („אויף אײַער האַרץ, וואָס איז פֿאַרוויסט").

אין 1906 האָט ביאַליק געשריבן צו בען־אַמין:

„ס'זײַנען דאָ בונדיסטן, ציוניסטן מיט זייערע פֿאַרשיידענע אָפּצווײַגונגען. נאָר זאָל אויף זיי אָנפֿאַלן אַ העליש פֿײַער פֿון הימל און זיי אַלע פֿאַרברענען אין איין טאָג. פֿוילונג, שמוץ און מיִעסקײַט! אַזעס, חוצפּה, פּרעכקײַט, וואָס מע טרעפֿט ניט אַזעלכעס בײַ קיין פֿאָלק און בײַ קיין לשון"[1].

אין 1907 איז ביאַליק בײַגעווען אויפֿן 8־טן ציוניסטישן קאָנגרעס. אַ טרעפֿלעכע קאַריקאַטור אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס האָט ער אָנגעוואָרפֿן אין זײַנע בריוו צו דער פֿרוי מאַניע, וועלכע זײַנען געשריבן אין אַ זאַפּטיקן, פֿאָלקסטימלעכן ייִדיש. אָט זײַנען אײניקע אויסצוגן פֿון די בריוו:

„...אַנדערע שלאָפֿן בײַ די רעדעס און כראָפּען צו. און מע כאַפּט זיך נאָר אויף צו די פּעטש, דאָס מיינט מען אַפּלאָדיסמענטן. אויף די אַסיפֿעס פֿון די רוסישע ציוניסטן — אין אַ באַזונדער הויז — קערן זיך וועלטן. דאָקטאָר טשלענאָוו מיט אוסישקינען זײַנען קאָנקורענטן און קריגן זיך פֿאַר דעם אויבנאָן אין דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט. יעדערער האָט זיך זײַן צד, אַרבעט מען מײַסים...

...אַ באַזונדער שלעכטן רושם האָבן געמאַכט אויף מיר די קאָנפֿערענציעס פֿון די רוסישע ציוניסטן. עפּעס איז דאָ אויסגעקומען, ווי טשלענאָוו מיט אוסישקינען שלאָגן זיך פֿאַר גבאָעס, די גאַנצע מײַסע האָט איבערגעלאָזט אַ שלעכטן נאָך־רייעך, מיט וועלכן טשלענאָוו מיט אוסישקינען זײַנען ווי די אָפּגעשמיסענע אַוועקגעפֿאָרן אַהיים...

...דער שלוס פֿון קאָנגרעס איז עפּעס ניט געווען אַזוי געהויבן. דער פּרעזידענט פֿונעם קאָנגרעס וואָלפֿסאָן האָט איבערגעלייענט מיט זײַן טעמפּיקער טוכלער שטימע פֿון אַ שטיקל פּאַפּיר עפּעס אַ רעדע, וואָס מע האָט אים אָנגעשריבן, און עס איז קאָנטיק געווען, אַז ער האָט זי נאָך ניט אײַנגעכאַזערט. מע האָט זיך צום סוף געפּרוּווט זינגען עוד לא אבדה, — איז עפּעס ניט געגאַנגען. סע האָט זיך מיר אַפֿילע ניט געגלוסט וויינען"[1].

ווען דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿונעם 14־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין האָט זיך געווענדט צו ביאַליקן מיט אַ ביטע, ער זאָל אָנשרײַבן אַ ליד לכּבֿוד דעם קאָנגרעס, האָט יענער זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן.

ביאַליק האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אינעם 15־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, מאָטיווירנדיק עס מיט דעם, וואָס ער פֿילט זיך שלעכט אין געזונט. דער דיכטער האָט ניט ליב געהאַט, ווען זײַנע אַרויסטרעטונגען לטובֿת דער העברעיִשער קולטור האָט מען זיך באַמיט אויסצונוצן אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מיטל פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין 1930־טן, זײַענדיק אין לאָנדאָן, האָט ער געשריבן צו זײַן פֿרוי:

„אויסער דעם, וועט מיר נאָך אויסקומען אַרויסטרעטן אין דער עפֿנטלעכקײַט אַ פּאָר מאָל וועגן ציוניסטישע אָנגעלעגנהײַטן. און דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב דאָס ליב. גוואַלד, ווי ווערט מען דערפֿון פּטור?"[2].

ביאַליקס אָנוועזנהײַט אויף דעם 17־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל אין 1931 האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט זײַן ווידערגעפֿיל צום ציוניזם. זײַנע אײַנדרוקן פֿונעם קאָנגרעס, מיט וועלכע ער טיילט זיך מיט זײַן פֿרוי און זײַנע פֿרײַנט, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ פֿאַרניכטנדיק־בײַסיקע סאַטירע אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג:

„...נעכטן באַנאַכט האָט זיך אָפּגעשפּילט דער הויפּט־אַקט פֿון דער טראַגיקאָמעדיע, וואָס הייסט 17־טער ציוניסטישער קאָנגרעס... איך, אייגנטלעך, האָב אויף דעם קאָנגרעס ניט וואָס צו טאָן. איך דריי מיך אַרום דאָ סתּם אַזוי, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן".

„...איך דריי זיך אַרום אויף דעם קאָנגרעס ווי אַ נעכטיקער... דער קאָנגרעס וועט, דאַכט זיך, צו אַ גרויסן תּכלעס ניט ברענגען. וועגן תּכלעס רעדט מען איבערהויפּט ניט. מע צאַנקט זיך און מע קאָכט זיך וועגן דער „שיסל". ווער זאָל זײַן בײַ דער „שיסל"? זשאַבאָטינסקי, ווייצמאַן אאַז״וו. דער אַלגעמיינער אײַנדרוק איז זייער אַ שווערער...

גדולה שנאה! ס'כאַפּט אָן אַן עקל"[3].

נאָך שאַרפֿער טאַדלט ביאַליק דעם קאָנגרעס און דעם ציוניזם, באַזונדערס די עקסטרעם־רעכטע גרופּירונג אין אים, די רעוויזיאָניסטן בראָש מיט זשאַבאָטינסקין, אין אַ בריוו צו ראַווניצקין פֿון 6. 8. 1931:

„...ס'איז אַ גרופּע ייִנגלעך מיט ליידיקע הערצער און פּוסטע מוחעס, אָבער חוצפּהדיקע בעלי־גײַוועס, אַזעלכע פֿעניעמער, פֿאַרביטערטע נפֿשעס, וואָס די גאַנצע וועלט איז פֿאַר זיי אַ מין פּלאַכלאַנד. די דאָזיקע קאָמפּאַניע יונגוואַרג, וואָס מע רופֿט זי רעוויזיאָניזם, האָט אין זיך אַרײַנגענומען קאָלוועקאָל — אַלע די, וואָס קענען נאָר פּלאַפּלען מיט דער צונג... ווער ס'האָט ניט געזען דאָס דאָזיקע עקלהאַפֿטע בילד, האָט נאָך קיינמאָל קיין נידערטרעכטיקײַט

[1] אגרות ח. נ. ביאליק, כרך 2, ז. יא.

[1] ח. נ. ביאליק. אגרות אל רעיתו מאניא, ז. 148 — 151; [2] דאָרט, ז. 224; [3] דאָרט, זז. 236 — 237, 238 — 240.

ניט געזען!.. קורץ גערעדט, עס איז געווען א קאָנגרעס פון עפּילעפּטיקער און מעשוגאָים. „גיב זיי דעם ענדציל", און אויב ניט, איז זייער לעבן קיין לעבן ניט. מיר דאכט, אז אויב זיי וועלן זיך וויַיטער אזוי פירן, וועט דער ענדציל ניט פארשפּעטיקן צו קומען. נאָך איינער אזא קאָנגרעס, און דער ענדציל איז פארטיק.

איך האָב זיך געקליבן פארלאָזן דעם קאָנגרעס און אנטלויפן פון באזעל גראָד נאָך זיַין דערעפענונג, נאָר טוורסקי האָט מיך פארהאלטן"[1].

דירעקט אונטערן איַינדרוק פון דעם אלעם, וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט אף דעם קאָנגרעס, האָט ביאליק אָנגעשריבן די ליד „ראיתיכם שוב בקצר ידכם"... („איך האָב איַיך ווידער דערזען אין איַיער אָנמעכטיקיַיט..."), וועלכע איז פול מיט אנטוישונג, פארביטערונג און טיפסטן צאָרן.

אף דעם 18־טן ציִעניסטישן קאָנגרעס (1933) איז ביאליק ניט ביַיגעווען מאכמעס א דורכגעמאכטער נירן־אָפּעראציע. עס האָט אים אָבער וויַיניק וואָס געקימערט. אים האָט נאָר פארדראָסן, וואָס ער האָט ניט געהאט די מעגלעכקיַיט זיך טרעפן מיט באזונדערע קלאל־טוער מיקויעך פינאנציִעלער הילף פאר די נויטן פון דער ליטעראטור. אין זיַינע בריוו האָט ער אָפּט אָנגעוויזן, אז דאָס איז די סיבע, פארוואָס ער פלעגט ביכלאל באזוכן די ציִעניסטישע קאָנגרעסן.

זיַין קריטישע באציִונג צום ציִעניזם דערגרייכט איר הויכפּונקט אין די לעצטע יאָרן פון זיַין לעבן. אין א בריוו צו דר. ראָטבלום פון 15 אווגוסט 1933 פירט ער אונטער א מין סאכאקל פון זיַינע אָנשויונגען און פראָגנאָזן לעגאבע דעם ציִעניזם:

„דער ציִעניזם, ווי ער איז בא היַינטיקן טאָג, איז ניט מער ווי א טויטער גוילעם אָן א נעשאָמע און אָן לעבנס־אָטעם. זיַין באוועג־קראפט איז דער היטלעריזם אין אלע זיַינע פאָרמען און די זאָאָלאָגישע שרעק. זיַינע פרעזידענטן און מאנהיגים פארמאָגן אלע פארשטאָפּטע הערצער און פארלייגטע אויערן. ס'איז ניטאָ בא זיי אפילע א פונק פון נאציִאָנאלן רועך־האקוידעש. זייער טעטיקיַיט וועט קיינמאָל ניט האָבן קיין מאמאָשעס, וויַיל זי האָט ניט קיין שום גיַיסטיקן באָדן. מיר איז ניט באקאנט קיין איין נאציִאָנאלע אופלעבונגס־באוועגונג אין דער וועלט, וואָס זאָל זיַין אזוי אויסגעהוילט פון יעטווידן קולטורעלן אינהאלט און גיַיסטיקן יעסאָד, ווי די ציִעניסטישע באוועגונג"[2].

ביאליקס קאָמפּראָמיסלאָזע טאדלונג פונעם ציִעניזם איז פארבונדן מיט זיַין דעמאָקראטישקיַיט, מיט זיַין נאָענטקיַיט צו די ברייטע מאסן פונעם פאָלק.

ביאליק איז בעטעווע געווען א פלעבייער, אָדער ווי ער אליין האָט ליב געהאט צו זאָגן, „א ייִד א פּאָשעטער, ווי איינער פון דער גאס". ער האָט קיינמאָל ניט פארגעסן די סוויווע, פון וועלכער ער איז ארויס. דער דאלעס און די נויט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער קינדהיַיט און אין דער יוגנט, די ליידן און פּיַין פון די ברייטע מאסן, וועלכע ער האָט גוט געקענט, זיַינען אים שטענדיק געשטאנען

[1] ח. נ. ביאליק. אגרות, כרך 5, זז. קסו — קסז;

[2] דאָרט, ז. רע"א.

פאר די אויגן. ווידער און ווידער פלעגט ער זיך אומקערן צו די דערינערונגען וועגן יענער ציַיט, און שוין גאָר אין די לעצטע יאָרן פון זיַין לעבן האָט ער אָנגעשריבן זיַינע ווונדערבארע פּאָעמעס וועגן דער קינדהיַיט, וועלכע זיַינען אָנגעזאָפּט מיט טיפן סאָציִאלן ווייטעק.

ביאליקן זיַינען געווען צום הארצן די פּראָסטע אמכאָ־מענטשן. ער האָט פיַינט געהאט טאכלעס־סינע די „גראָבע ביַיכער". דער דיכטער איז געווען איבערציַיגט, אז עכטע טאלאנטן ווערן געבאָרן אין די טיפענישן פונעם פאָלק, און אז נאָר דער פּראָסטער אוילעם איז מעסוגל ווירקלעך צו שעצן עכטע קונסט. די „אייבערשטע שיכטן" פונעם פאָלק זיַינען, דאָקעגן, פולשטענדיק גליַיכגילטיק לעגאבע גיַיסטיקע, קולטורעלע איניאָנים, וויַיל אפן ערשטן אָרט שטייט בא זיי די זאָרג וועגן אייגענעם ווילשטאנד.

ביאליקס ריַיכע לעבנס־דערפארונג האָט אים געלערנט, אז ער האָט וויַיניק וואָס אויסצורעכענען אין זיַין טעטיקיַיט לעטויוועס דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור אף הילף מיצאד די בורזשואזע מעצענאטן. וויפל מאָל האָט ער אין זיַינע אומדערמידלעכע באמיִונגען אופצוזאמלען מיטלען פאר זיַינע פארלעגערישע פארטראכטן זיך אָנגעשטויסן אף אן אבסאָליוטער ביטל־באציִונג מיצאד די פאָרשטייער פון די העכערע קלאסן.

אין איינעם א געשפּרעך מיט גליקסבערגן האָט ער געזאָגט:

„פאראן צווישן אונדז פארמעגלעכע ליַיט, גרויסע גווירים, וועלכע טוען ניט א קלאַפּ א פינגער אָן א פינגער לעטויוועס אונדזער ליטעראטור און קולטור... די דאָזיקע טעמפּע ליַיט זאָרגן זיך נאָר וועגן דער אכילע, קעדיי אונטערצוהאלטן דעם גוף, און יאָגן זיך נאָך אנדערע גאשמיִעסדיקע פארגעניגנס. איר וועט זיי ניט געפינען צווישן די, וועלכע באשעפטיקן זיך מיט געזעלשאפטלעכע איניאָנים, מאכמעס דער שרעק, טאָמער וועט עס זיי קאָסטן עטלעכע לירעס... נאָר דער ארבעטער־אוילעם העלפט אונדז טאָמיד לויט זיַינע מעגלעכקיַיטן בא די פארשיידענע אקציעס אין געביט פון ליטעראטור, קונסט, מוזיק, טעאטער— אלץ, וואָס מיר האָבן אונטערגענומען, שטיצט זיך דעריקער אף אים"[1].

האָט זיך ביאליק טאקע אופגעפירט לעגאבע די „גראָבע ביַיכער", ווי עס פּאסט פאר א גרויסן דיכטער — א פלעבייער. ער האָט קיינמאָל ניט געבויגן פאר זיי דעם קאָפּ. אין דער זעלבער ציַיט טרעפן מיר אין זיַינע בריוו אף יעדן טריט און שריט אויסדרוקן פון ליבע און טיפן מיטגעפיל צום פּראָסטן אוילעם, צו טאלאנטירטע שריַיבער, וואָס מאטערן זיך פון נויט און אָרעמקיַיט, פאר וועלכע ער, ביאליק, וויַיזט ארויס גרויס זאָרג און ניט איין מאָל נעמט ער אונטער פרווון זיי צו העלפן און אונטערשטיצן.

זיַיענדיק איבערציַיגט, אז די ליטעראטור דארף און מוז זיַין פארבונדן מיטן פאָלק, האָט ביאליק אלץ געטאָן, אז זיַין העברעיִשער סטיל זאָל זיַין מאקסימאל נאָענט צו דער רייד־שפּראך. צוזאמען מיט ראווניצקין האָט ער באארבעט און ארויסגעגעבן פיר בענדער „פאָלקס־לעגענדעס". א באזונדערע ליבע האָט ער ארויסגעוויזן צום ייִדישן פאָלקלאָר. ער האָט

[1] חים גליקסבערג, ביאליק יום יום, ז. 57.

מיט פרייד אופגענומען די איַינלאַדונג אָנטיילצונעמען אין דער דערעפענונג־פאַרזאַמלונג פון דער עקספּעדיציע צו זאַמלען ייִדישן פאָלקלאָר, וועלכע עס האָט אים צוגעשיקט ש. אַנ־סקי אין מאַרט 1912. „איך וועל צו איַיך קומען אַף אָדלער־פליגלען״, — האָט דער דיכטער געשריבן, וויַיל...

„אַן עקספּעדיציע צו זאַמלען ווערק פון ייִדישן פאָלקלאָר איז מיַינער אַן אַלטער כאָלעם״[1].

עס זיַינען גוט באַקאַנט ביאַליקס „משירי עם״, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר גלענצנדיקע באַאַרבעטונגען פון ייִדישע פאָלקסלידער. ביאַליק האָט זיך אין זיי באַמיט איבערצוגעבן אין העברעיִש דעם אַראָמאַט פון דער ייִדישער פאָלקסליד. מיט די „משירי עם״ האָט ביאַליק זיך ניט אופגעהערט צו באַשעפטיקן קימאַט ביזן סאָף פון זיַין לעבן, און אים האָט זיך ווירקלעך איַינגעגעבן זיי צו פאַרוואַנדלען אין עכטע פאָלקסלידער, וועלכע דאָס פאָלק האָט ליב באַקומען און געזונגען.

ביאַליקס דעמאָקראַטישקיַיט, זיַין אויסגעוויטעקטע ליבע צום פאָלק האָט גוירעם געווען דערצו, אַז ניט געקוקט אַף זיַין באַשטימטער נאַציאָנאַליסטישער באַגרענעצטקיַיט און געוויסער קאָנסערוואַטיווקיַיט פון זיַין וועלט־אַנשויונג, זיַינען די בעסטע פון זיַינע ווערק געוואָרן „אַ זעלטענע און פולקומע פאַרקערפערונג פונעם גיַיסט פון זיַין פאָלק״ (גאָרקי).

[1] אגרות ח. נ. ביאַליק, כרך 2, ז. קלג.

כראָניק

אַן אָונט, געווידמעט „סאָוועטיש היימלאַנד״

אין מאָנטעווידעאָ (אורוגוויַי) ווערט מיט אינטערעס געלייענט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״. דער קולטור־ראַט פון דער זשיטלאָווסקי־געזעלשאַפט האָט איַינגעאָרדנט אַן אָוונט, געווידמעט „סאָוועטיש היימלאַנד״, אַף וועלכן עס האָבן זיך פאַרזאַמלט הונדערטער לייענער. מיט אַ רעפעראַט וועגן די ווערק, וואָס זיַינען געדרוקט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ אין מעשך פונעם לעצטן יאָר, איז אַרויסגעטראָטן הערש לויפּער. אינעם אָוונט האָבן זיך אויך באַטייליקט די באַקאַנטע רעציטאַטאָרס פונעם קינסטלערישן וואָרט פאַני און לייבוסעוויטש, וועלכע האָבן פאָרגעלייענט אַ ריי ווערק פון סאָוועטישע ייִדישע שריַיבער.

אין אַ מיטיילונג וועגן אָוונט שריַיבט די ציַיטונג „אונדזער פריַינט״:

„סאָוועטיש היימלאַנד״ איז פאַר אונדז, ווי אַ דערפרישנדיקער קוואַל, פונוואַנען מע קען שעפּן פון אַלדאָס שעפערישסטע אַף אַלע געביטן פון די ליטעראַריש־קינסטלערישע דערגרייכונגען פון צענדליקער און צענדליקער ייִדישע שריַיבער אין ראַטנפאַרבאַנד. דערפאַר טאַקע ווערט „סאָוועטיש היימלאַנד״ דערוואַרט מיט אומגעדולד מיצאַד אירע הונדערטער לייענער באַ אונדז אין לאַנד, און ווערט הויך אָפּגעשאַצט״.

ביראָבידזשאַנער נײַס

קאָנצערטן פון פּאַוועל ליסיציאַן

דער באַוווּסטער אָפּערע־זינגער, פאָלקס־אַרטיסט פון פססר פּאַוועל ליסיציאַן איז אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין ביראָבידזשאַן. זיַין רעפּערטואַר באַשטייט פון ראָמאַנסן פון די קאָמפּאָזיטאָרן רובינשטיין און גלאַזונאָוו, מוזיקאַלע ווערק פון אַלעקסאַנדער דאָלוכאַניאַן (אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון רספסר נאַום וואַלטער).

דעם זינגערס זון — דער אַרטיסט פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע גערַאַסים ליסיציאַן — האָט זיך באַטייליקט אינעם קאָנצערט מיט קינסטלערישע פאָרלעזונגען.

פּאַוועל ליסיציאַן האָט געגעבן אַן אינטערוויו דעם קאָרעספּאָנדענט פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן״. ער האָט זיך געטיילט מיט זיַינע איַינדרוקן פון די גאַסטראָלן אין סאַכאַלין, פּרימאָריע, קאָמסאָמאָלסק, כאַבאַראָווסק, בלאַגאָוועשטשענסק, טשיטאַ, אולאַן־אודע.

פּ. ליסיציאַנען איז זייער געפעלן געוואָרן די שטאָט ביראָבידזשאַן מיט אירע ניַי־בויונגען און מיט איר שיינער אומגעגנט.

קאָנקורס פון קינסטלערישע פאָרלעזער

אינעם ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנקורס פון קינסטלערישע פאָרלעזער.

אינטערעסאַנט זיַינען געווען די אַרויסטרעטונגען פון ראָזע אַמיַיעווע, מיכאיל סאַנדלער, בעטיע גאָרשקאָווא און בראָניע זשידאָוועצקאַיאַ (ייִדישער פאָלקס־טעאַטער), וועלכע האָבן מיט גרויס געשמאַק פאָרגעלייענט ווערק פון דער ייִדישער קלאַסיק, ניַיע לידער פון די ביראָבידזשאַנער דיכטער.

די זשורי האָט געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג די אויספילער פונעם רוסישן פאָלקס־טעאַטער נינאַ קאַפּיטאָנאָווא — פאַר דער פאָרלעזונג פון ראַסול גאַמזאַטאָווס אַ ציקל לידער — און גאַלינאַ מאַלישעוואַ פאַר דער אויספילונג פון ראָבערט ראָזשדעסטווענסקיס ליד „אַ בריוו אין דריַיסיקסטן יאָרהונדערט״.

געשטאָרבן רוּוון לערנער

אין עלטער פון זיבעציק יאָר איז אין קיִעוו געשטאָרבן דער סאָוועטישער ייִדישער פילאָלאָג, קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן רוּוון לערנער.

נאָך אין די סטודענטישע יאָרן וויַיזט ר. לערנער אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס צו פראַגן פון ייִדישער געשיכטע. שוין דאַן פאַרענדיקט ער אַן אַרבעט וועגן דער שפּראַך פון כיַיקל הורוויצעס „צפנת פענח״ — אַ באַאַרבעטונג אין ייִדיש פון יאָהאַכים קאַמפּעס „אַנטדעקונג פון אַמעריקע״ (אין דיַיטש, סאָף XVIII יה.). דאָס איז לערנערס אַ וועזנטלעכער ביַיטראָג צו דער פאָרשונג פון אַלט־ייִדיש.

שפּעטער, שוין ווי אַ וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם „קאַבינעט פון ייִדישער קולטור״ באַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, פאַרווירקלעכט ער אַ גרעסערע אַרבעט וועגן אָפּשטאַם פון געניטיוו־פּאָסעסיוו אין ייִדיש.

ר. לערנער האָט ניט ווייניק געאַרבעט אַפן געביט פון דער סאָוועטיש־ייִדישער לעקסיקאָגראַפיע. ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אינעם אַרויסגעבן דעם „אַדמיניסטראַטיוו־רעכטלעכן ווערטערבוך״, די „געאָגראַפישע טערמינאָלאָגיע״, ער איז אַ מיטאַווטאָר פונעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך.

■ ■

פאַרשיידנס

פאַר די ליבהאָבער פון בוך

פון יאַנואַר 1973 יאָר וועלן די ליבהאָבער פון בוך באַקומען אַ נײַעם כוידעשלעכן זשורנאַל „אין דער ביכער־וועלט". די אויסגאַבע וועט ברייט באַלויכטן די פּראָבלעמען פונעם ביכער־וועזן בא אונדז אין לאַנד.

דער וועג פונעם בוך, אָנגעהויבן פונעם שרײַבערישן טיש ביז דער טיפּאָגראַפישער מאַשין און דערנאָך ביז דער ביכער־קראָם און ביבליאָטעק; דער אָנטייל פונעם רעדאַקטאָר און קינסטלער אינעם שאַפן דעם בוך; וויאַזוי אַריַנטירן זיך אינעם אומענדלעכן ביכער־יאַם; די טענדענצן פונעם הײַנטצײַטיקן ביכער־מאַרק — אָט די און פיל אַנדערע פראַגן וועלן שטיין אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקײַט פונעם נײַעם זשורנאַל.

דער זשורנאַל וועט באַקאַנען די לייענער מיט אויסצוגן פון נײַע, ניט פּובליקירטע ווערק פון באַרימטע שרײַבער, אינפאָרמירן זיי וועגן דער פּראַקטיק פונעם ביכער־וועזן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, דרוקן מאַטעריאַלן פון דער געשיכטע פון בוך, דערציילונגען וועגן גוירל פון זעלטענע אויסגאַבעס.

אינעם זשורנאַל וועלן זיך דרוקן שרײַבער, פאַרלעגער, קינסטלער, טוער פונעם ביכער־האַנדל, ביבליאָטעקערס, ליבהאָבער פון ביכער. דער זשורנאַל וועט איליוסטרירט ווערן מיט די בעסטע ווערק פון דער ביכער־גראַפיק, מיט פאַרביקע רעפּראָדוקציעס, מיט מײַסטערהאַפטע פאָטאָגראַפיעס.

טשאַרלי טשאַפּלין וועגן זיך

טשאַפּלין האָט באַערט מיט זײַן אָנוועזנהײַט דעם לעצטן פעסטיוואַל אין קאַן, ווו ער האָט באַקומען די אויסצייכענונג פונעם ערן־לעגיאָן. ער האָט בא דער געלעגנהײַט געגעבן אַן אינטערוויו, אין וועלכן ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט לעגאַמרע ניט בעדייע צו פאַרוקן זיך אין שאָטן. ער איז צופרידן דערפון, וואָס זײַנע פילמען ווערן באַוויזן אין דער טעלעוויזיע און פיל ברייטערע קרײַזן ווי פריִער האָבן אַ מעגלעכקײַט צו זען זיי. טשאַפּלין האָט געזאָגט: „דאַכט זיך, אַז ס'איז איבערגעטריבן, וואָס מ'זעט אין מיר אַן אינדיווידואַליסט, אַ נאַזיר און בונטאַר. די אינטעלעקטואַלן האַלטן מיך פאַר איינעם פון זיי... זיי האָבן אַ טאָעס. טאָמיד האָב איך זיך געהאַלטן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן אַקטיאָר און אַזא בין איך... כ'האָב געוואָלט פאַרווײַלן מענטשן און וויל דאָס ווײַטער טאָן. איצט שרײַב איך סצענאַרן צו צוויי פילמען, אָבער ניט פאַר זיך: איינעם — פאַרן זון, און אַ צווייטן — פאַר מײַנע צוויי טעכטער".

וועגן די נײַע שטרעמונגען אין קינאָ האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז לויט זײַן מיינונג שטייען אַ סאַך פילמען ניט אויף דער געהעריקער קינסטלערישער הייך, איבערהויפּט די, וועלכע שאָקירן דעם עולעם, באַרירנדיק פּראָבלעמען פון סעקס, נאַרקאָטיק... דאָס אַלץ איז אַן איבערגאַנגס־מאָדע...

(„אונדזער פרײַנט")

אַ ענציקלאָפּעדיע אויף יעדן טאָג

די טראַדיציע פון ארויסלאָזן געדרוקטע קאַלענדאַרן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אַסטראָנאָמישע ידיעות, א רעשימע פון היסטאָרישע דאַטעס און געשעענישן, אַלערליי נוצלעכע אייצעס אאַז"וו., איז אַנטשטאַנען אין רוסלאַנד בײַסן קיניגן פון פּיאָטער דעם ערשטן.

אין סאַך פון פאַבריקן יאָרהונדערט איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין די שטעט און דערפער דער „אַלגעמײַנער רוסישער קאַלענדאַר", וועלכן ס'האָט אַרויסגעלאָזט דער באַוווּסטער ביכער־פאַרלעגער און אויפקלערער אי. סיטין. דער קאַלענדאַר האָט אַנטהאַלטן ניט בלויז אַ מאַסע נוצלעכע ידיעות, נאָר אויך פיל ליטעראַרישן מאַטעריאַל פאַרן אַלטעגלעכן לייענען.

אין וו. אי. לעניִנס פּערזענלעכער ביבליאָטעק איז פאַראַן אַן עקזעמפּליאַר פונעם „קאַלענדאַר פאַר אַלעמען" אויפן 1908 יאָר. פאַר אָט דער אויסגאַבע, וואָס עס האָט צוגעגרייט די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט וולאַדימיר איליטש לעניִן ספּעציעל אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „דער צווישנפעלקערלעכער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין שטוטגאַרט". מיטן אַרויסלאָזן די ערשטע סאָוועטישע קאַלענדאַרן אין די 20־ער יאָרן האָט זיך פאַרנומען דער שרײַבער דמיטרי פורמאַנאָוו, וועלכער האָט געאַרבעט דעמלט אַלס רעדאַקטאָר אין איינעם פון די מאָסקווער פאַרלאַגן.

די קאַלענדאַרן, וואָס ווערן הײַנט־צו־טאָג אַרויסגעלאָזט, זײַנען אייגנאַרטיקע ענציקלאָפּעדיעס, מיט וועלכע מיליאָנען מענטשן באַנוצן זיך בוכשטעבלעך יעדן טאָג. זיי טיילן מיט די לייענער פון פאַרשיידענעם עלטער פּינקטלעכע ידיעות וועגן פראַגעס, וואָס זיי אינטערעסירט. דעריבער ווערן צוגעצויגן צום שאַפן קאַלענדאַרן די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסס"ר, אירע אינסטיטוטן, מוזייען, פאַרשיידענע אַרכיוון.

אַלס אויטאָרן פון אַרטיקלען אין די קאַלענדאַרן טרעטן אַרויס באַרימטע מענטשן פונעם לאַנד, באַקרוינטע מיט רום פאָלקנפירער, באַוווּסטע שרײַבער און זשורנאַליסטן, קונסט־טוער, באַרימטע ספּאָרטלער. אין אַ צוגענגלעכער און לאַקאָנישער פאָרם דערציילן זיי וועגן אונדזער הײַנטיקן טאָג און וועגן דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, באַקענען אונדז מיט דער נאַטור פון פאַרשיידענע לענדער און מיט די באַזונדערקײַטן פונעם לעבנס־אַרט פון זייערע פעלקער, זיי פירן דעם לייענער איבער די קאָנצערט־זאַלן, מוזייען און רוישיקע סטאַדיאָנען. די פאָטאָס פון די אַמערסטן אינטערעסאַנטע ערטער פון אונדזער היימלאַנד, באַרימטע ווערק פון מאָלער און גראַפיקער, טעקסטן און נאָטן פון פּאָפּולערע לידער — דאָס אַלץ געפינט אויך אַן אָרט אויף די זײַטלעך פון די קאַלענדאַרן.

דער אַלגעמײַנער טיראַזש פון די קאַלענדאַרן, וואָס עס לאָזט אַרויס דער פאַרלאַג פאַר פּאָליטישער ליטעראַטור, שטײַגט אַריבער פערציק מיליאָן עקזעמפּליאַרן אַ יאָר.

(לויט דער נאָטיץ פון וו. בעליקאָוו אין „איזוועסטיאַ").

קוואַדראַטע מעטער קונסט

דער אַמעריקאַנער מאָלער דזש. דעוויס איז אומגעריכט געוואָרן אַ באַרימטקייט, אָנמאָלנדיק אינגאַנצן איין בילד. עס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן פּלאַץ באַם שטאָטישן מוזיי פון פּלאַסטישער קונסט אין פילאַדעלפיע — 3500 קוואַדראַטע מעטער. דאָס בילד שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמבינאַציע פון פאַרשיידנפאַרביקע פּאַסן. אָף צו שאַפן דאָס בילד איז אַוועק 2000 ליטער פאַרב. די אייל־פאַרב האָט זיך גוט אײַנגעזאַפּט אין אַספאַלט, און דער אויטאָר האַלט, אַז דאָס בילד וועט עקזיסטירן ניט ווייניקער פון פינף יאָר. ס׳איז פאַראַן אַ האַשאָרע, אַז דעוויסעס קאָנקורענטן, וואָס זײַנען אים שטאַרק מעקאַנע, וועלן אָף אַן ענלעכן אויפן באַמאָלן דאָס פוטבאָל־פעלד אָדער דעם היגן אַעראָדראָם.

(„נאָוואָיע ווּרעמיאַ")

דער גרויסער אַרבעטגעבער

די בריטאַנישע געזעלשאַפט „פּרײַנט פון שעקספּירן" האָט פאַרעפנטלעכט סטאַטיסטישע אָנגאַבן, פון וועלכע עס איז צו זען, אַז דער גרויסער ענגלישער שרײַבער באַזאָרגט הײַנט מיט אַרבעט און מיט אַ באַשטענדיקן פאַרדינסט אַרום 800 טויזנט מענטשן אין פיל לענדער פון דער וועלט. צווישן אָט די מענטשן זײַנען פאַראַן שרײַבער, איבערזעצער, ליטעראַטור־פאָרשער, פאַרלעגער, מויכער־ספּאָרימניקעס, אַרטיסטן, רעזשיסערן, מאָלער, סקולפּטאָרן, אײַנבינדער, אַגענטן פון טוריסטישע קאָנטאָרן, פאַרקויפער פון סוווענירן און אַנד.

(זשורנאַל „נאָוואָיע ווּרעמיאַ").

אָפּערעס אונטערן פרײַען הימל

שוין דאָס 35־טע יאָר, ווי די אַרטיסטן פון דער רוימישער אָפּערע שטעלן זייערע ספּעקטאַקלען אונטערן פרײַען הימל אין די באַרימטע וואַרעמבעדער פונעם אַלט־רוימישן אימפּעראַטאָר קאַראַקאַלע. פאַראַיאָרן זומער האָבן זיי באַוויזן ווערדיס אָפּערעס „אַאיִדע" און „ריגאָלעטאָ" און פּוטשיניס „דאָס מיידל פון מײַרעוו". דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט „אַאיִדע". אַלע שטעלונגען פון דער אָפּערע גייען דורך באַ איבערגעפּולטע אַמפּיטעאַטערס. די בילעטן אָף אַזעלכע ספּעקטאַקלען זײַנען אָף אַ סאַך וועלוועלער, ווי געוויינלעך, כאָטש אין דער אָפּערע נעמען אָנטייל די אָנגעזעענסטע איטאַליענישע זינגער.

דעם דערפאָלג פון די שטעלונגען אין קאַראַקאַלעס וואַרעמבעדער האָבן אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס מיטגעווירקט די אָריגינעלע דעקאָראַציעס, וואָס זײַנען ספּעציִעל צוליב דעם געשאַפן געוואָרן. זיי זײַנען געמאַכט פון גרינגן קאָלירטן פּלאַסטיק, וואָס ווערט לײַכט מאָנטירט און גיט פּינקטלעך איבער דעם פאַרטראַכט פונעם ווערק. די קאָלאָסאַלע גרייס פונעם טעאַטער גיט אַ מעגלעכקײַט אויסנוצן אין די מאַסן־סצענעס לעבעדיקע פערד און קעמלען.

באָלדינער מעסוירעס

אין גרויס־באָלדינאָ וווינט דער עלטסטער פּושקיניסט און קאַנטקענער איוואַן וואַסיליעוויטש קירייעוו, העכער 90 יאָר אַלט. די אַלטע לײַט געדענקען, ווי לויטן פאָרשלאָג פון קירייעוון האָט אין פרילינג 1918 יאָר זיך צונויפגענומען אַ פּויערישע אַסיפע, וווּ ס׳איז באַשטימט געוואָרן אײַנהיטן פאַרן פאָלק פּושקינס באָלדינער פּאָלוואַרק.

שוין עטלעכע צענדליק יאָר זאַמלט קירייעוו דערציילונגען און מעסוירעס וועגן פּושקינען. אַ טייל פון זיי וועלן פּובליקירט ווערן אין דער זאַמלונג „מעסוירעס און לידער פון באָלדינער אַלטערטום".

וו. פּאָלאַנסקי („איזוועסטיִאַ").

אַן אַלטע טראַדיציע

דער טעאַטער פון שאָטנס „קאַראַגאָזש", איינע פון די באַליבטסטע אין טערקײַ פאָלקס־שפּילן, עקזיסטירט באַ זעקס הונדערט יאָר. לויט דער לעגענדע זײַנען די פּראָטאָטיפּן פון דער פאָלקס־שפּיל געווען דער שמיד קאַראַגאָזש און דער מולער האַדזשיוואַט, וועלכע האָבן אין פערצנטן יאָרהונדערט געאַרבעט באַ דער בויונג פון אַ מעטשעט אין דער שטאָט בורס אין קליין־אַזיע. די דאָזיקע צוויי וויצלער און כאַכאָמים האָבן מיט זייערע שמועסן געשטערט די איבעריקע אַרבעטער. דער גרויזאַמער סולטאַן האָט באַפוילן זיי טייטן. נאָך דער עקזעקוציע האָט אָבער דעם סולטאַן פאַרדראָסן דער האַרבער אורטייל און ער האָט דערלויבט, אונטער דער האַשפּאָע פון די הויפלײַט, צו גרינדן דאָס שאָטן־טעאַטערל, אין וועלכן ס׳זאָלן, ווי העלדן, זיך באַטייליקן די צוויי אומגעבראַכטע.

לויט דער טראַדיציע ווערט קאַראַגאָזש באַוויזן אַלס פּראָסטער יונג, אַן אַנאַלפאַבעט, אָבער מיט אַ שאַרפער צונג און מיט הומאָר און פּראַקטישן סייכל. זײַן הייפּעך איז האָדזשיוואַט, אַ „פּויערישער פילאָזאָף", וועלכער האַלט זיך פאַר זייער אַ געבילדעטן און קאָן געבן גוטע אייצעס די פרײַנט. פון קאָמפּליצירטע סיטואַציעס גייט קאַראַגאָזש שטענדיק אַרויס אַלס זיגער, און האָדזשיוואַט גייט טאָמיד אַרויס אַן אָפּגענאַרטער און אויסגעשפּעטער.

אין די איצטיקע באַדינגונגען, ווען דאָס טעאַטערל גייט פּאַקטיש אַראָפּ פון דער סצענע, האָבן די טערקישע אַקטיאָרן געשאַפן אַ „קאַראַגאָזש־געזעלשאַפט", וועלכע באַמיט זיך אויפלעבן דעם דאָזיקן מין אַלטע פאָלקס־קונסט. צוויי אָנגעזעענע מענטשן נעמען אָנטייל אין דעם איניען: דער דראַמאַטורג און רעזשיסער האַלכון טאַנער, דער אָנפירער פונעם קאַבאַרעט „העלפאַנד", און דער באַרימטער סאַטיריקער אַסיז נעזין, וועלכער שטייט בעראָש פון אַ „גאַסן־טעאַטער".

(„אונדזער פרײַנט")

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאלענדאר

מיט 100 יאָר צוריק, דעם 13 יאַנוואַר 1873, איז אין האָמעל, ווײַסרוסלאַנד, געבוירן געוואָרן דער ייִדישער היסטאָריקער טעוויע הייליקמאַן.

אין 1912 האָט הייליקמאַן דעביוטירט מיט א רוסישער איבערזעצונג פון י. גאָרדינס דראַמעס „מירעלע עפראָס“, „גאָט, מענטש און טײַוול“, וועלכע זײַנען אין דעם זעלבן יאָר געשטעלט געוואָרן אינעם קאָרש־טעאַטער אין מאָסקווע.

בעערעך אינמיטן פון די 20־ער יאָרן איז ער אײַנגעלאַדן געוואָרן אף אַרבעט אין ייִדישן סעקטאָר פון דער „מײַרעווקע“ (אוניווערסיטעט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן פון די מײַרעוו־לענדער אפן נאָמען פון יו. מאַרכלעווסקי). פון די לעקציעס, וועלכע ער האָט דאָרט געלייענט אין מעשעך פונעם ערשטן יאָר, האָט ער צונויפגעשטעלט א בוך און אָפּגעדרוקט עס אין 1926 אין דער מאָסקווער אָפּטיילונג פון צענטרפאַרלאַג אונטערן נאָמען „געשיכטע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פון די ייִדן אין פוילן און אין רוסלאַנד“ (דערשינען אויך אין רוסיש).

גלײַכצײַטיק מיט דער אַרבעט אין דער „מײַרעווקע“ האָט ט. הייליקמאַן, אַלס פּראָפעסאָר פון געשיכטע און פילאָסאָפיע, געלייענט לעקציעס אין ערשטן און צווייטן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעטן. אפן סמאַך פון אָט די לעקציעס האָט ער אָנגעשריבן אין רוסיש און אין ייִדיש א ריי וויסנשאַפטלעכע ווערק, צווישן זיי: „באָרוך שפּינאָזע“ (פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „רויטע וועלט“, כאַרקאָוו, 1927), „די ייִדן אין אָנהייב־פּעריאָד פון דער סיסטעם פון דער רוסישער אונטערטאַנערשאַפט“ (געדרוקט אין די „וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער“, מאָסקווע, 1929), „ייִדן אין רוסלאַנד“ (אין 24־טן באַנד פון דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע, ערשטע אויפלאַגע, 1932), קאַפּיטלען וועגן דער ייִדישער געשיכטע אין דער פילבענדיקער רוסישער אויסגאַבע „געשיכטע פון פּסםר“. אין די לעצטע כאַדאָשים פון זײַן לעבן האָט ער פאַרענדיקט די אַרבעט אפן ערשטן באַנד פון זײַן בוך „געשיכטע פון ייִדן אין פּסםר“.

טעוויע הייליקמאַן איז געשטאָרבן דעם 24 אַפּרעל 1948 אין מאָסקווע.

דעם 24־טן פון הײַנטיקן כוידעש ווערט 90 יאָר, זינט אין יאָקאָבשטאַדט (לעטלאַנד) איז געבוירן געוואָרן דער פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער באָרוך ריווקין (ב.־א. ווײַנרוב).

זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט ב. ריווקין אָנגעהויבן אין 1908 אין רוסיש. אין דרײַ יאָר אַרום, אין 1911, איז ער אַריבער צו ייִדיש. ער האָט זיך דעמלט געפונען אין לאָנדאָן. אין סאָף פון דעם זעלבן יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און אָנגענומען אוראָם רייזענס פאָרשלאָג מיטצואַרבעטן אין זײַן וואָכנבלאַט „דאָס נײַע לאַנד“. שפּעטער האָט ער אויך מיטגעאַרבעט אין די זשורנאַלן „דאָס נײַע לעבן“, „צוקונפט“, „די יונגע“, „שריפטן“, „ליטעראַטור און לעבן“, „די ייִדישע וועלט“, אין דער צײַטונג „פרײַהײַט“ און אין פיל אַנדערע ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.



ב. ריווקין איז געווען איינער פון די אַמערסטן טאַלאַנטירטע ייִדישע ליטעראַטור־קריטיקער און פּובליציסטן. שוין זײַנע ערשטע אַרויסטרעטונגען אין דער פּובליציסטיק האָבן געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק מיט זייער נײַעם טאָן, מיט זייער זאַפטיקער פאָלקס שפּראַך.

פון ב. ריווקינס גרעסערע פּובליציסטישע ווערק דאַרף מען אָפּמערקן די עסייען „אין אַן עקספּעדיציע נאָך אוראָם רייזענען“, „פינף דוירעס ייִדישע פּאָעטן אין איין קאַפּע“ און אַנד.

אין א בוכפאָרם זײַנען דערשינען ב. ריווקינס ווערק: „א גלויבן פאַר אומגלויביקע“, „ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע“, „גרונט־טענדענצן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע“, „יויסעף אָפּאַטאָשוס גאַנג“, „אונדזערע פּראָזאַיקער“ און אַנד.

ב. ריווקין האָט אויך פיל געאַרבעט אף איבערזעצן אין ייִדיש ליטעראַרישע ווערק פון רוסישע, ענגלישע שרײַבער. ער האָט אָנגעשריבן די דראַמען „אַרום א נעס“, „דער פּרינץ פון סעקאָנדעווועניו“.

באָרוך ריווקין איז געשטאָרבן דעם 10 יוני 1945 אין ניו־יאָרק.

דעם 10 יאַנוואַר 1883, מיט 90 יאָר צוריק, איז אין ניקאָלײַעווסק (סאַמאַרער גוב.) געבוירן געוואָרן דער רוסישער סאָוועטישער שרײַבער אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי.

אין 1905 האָט א. טאָלסטאָי דעביוטירט מיט לידער. אין 1910 פאַרעפנטלעכט ער אַ ציקל דערציילונגען „טראַנסוואָלגע", אין 1911 און 1912 — די ראָמאַנען „טשודאַקעס" און „דער הינקעדיקער פּאַרעץ". אין אָט די ערשטע פּראָזאַישע ווערק האָט ער געשילדערט דעם אונטערגאַנג פונעם פּריצישן אדל.

אין 1918 — 1923 האָט א. טאָלסטאָי זיך געפונען אין עמיגראַציע. אומגעקערט זיך קיין פּסער, האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער בויונג פון דער סאָציאַליסטישער קולטור. צו זײַנע וויכטיקסטע ווערק פון דער דאָזיקער צײַט געהערן דער היסטאָרישער ראָמאַן „פּיאָטער I" (1929 — 1945) און די טרילאָגיע „דאָס גיין מיטן וועג פון פּײַן", וואָס באַשטייט פון די ווערק „שוועסטער" (1920 — 1921), „דאָס אכצעטע יאָר" (1927 — 1928), „א כמורנער פרימאָרגן" (1940 — 1941). די האַנדלונג אין דער טרילאָגיע קומט פאָר אין דער צײַט פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע און פונעם בירגערקריג. אין די ראָמאַנען „דעם אינזשעניער גאַרינס היפּערבאָלאָיד" (1925 — 1926), „דאָס שוואַרצע גאָלד" („עמיגראַנטן") ווערן געשילדערט דער קאַפּיטאַליסטישער מײַרעוו און די ווײַסע עמיגראַציע. אין די דערציילונגען „בלויע שטעט" (1925), „די שלאַנג" (1928) קריטיקירט דער שרײַבער דאָס באַלעבעסלטום אין די יאָרן פונעם נעפּ.

אין 1919 — 1921 האָט א. טאָלסטאָי אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג „ניקיטעס קינדהייט", אין 1922 — 1923 — דעם וויסנשאַפטלעך-פאַנטאַסטישן ראָמאַן „אַעליטא", אין 1936 — די פאַנטאַסטישע דערציילונג „דאָס גאָלדענע שליסעלע, אָדער די פּאַסירונגען פון בוראַטינאָ".

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז א. טאָלסטאָי אַרויסגעטראָטן מיט פּאַטריאָטישער פּובליציסטיק און געשאַפן די דראַמאַטישע דילאָגיע „יאָהאַן דער גרויזאַמער".

אייניקע ווערק פון א. טאָלסטאָי זײַנען איבערגעזעצט אין ייִדיש.

אַלעקסיי טאָלסטאָי איז געשטאָרבן דעם 23 פעברואַל 1945 אין מאָסקווע.

דעם 21 יאַנוואַר ווערט 90 יאָר, זינט אין ראַסטאָוו-אַפן-דאָן איז געבוירן געוואָרן דער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר, דאָקטאָר פון קונסט-קענטענישן מיכאַיל גנעסין.

אין 1909 האָט מ. גנעסין פאַרענדיקט די פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע און איז צוגעטראָטן צו לייענען לעקציעס וועגן מוזיק אין די אַרבעטער-קרײַזלעך פון פּעטערבורג, אין די מוזיק-שולן פון ראָסטאָוו און יעקאַטערינאָדאַר. אין 1925 — 1935 איז ער געווען פּראָפעסאָר אין דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע און אינעם מאָסקווער מוזיקאַלן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויפן נאָמען פון די גנעסינס. אין 1935 — 1944 האָט ער פּעדאַגאָגישע אַרבעט געפירט אין לענינגראַד, דערנאָך אומגעקערט זיך קיין מאָסקווע.

מ. גנעסינען געהערט אייגנס פון די ערשטע גרויסע מוזיקאַלע ווערק אָף אַ רעוואָלוציאָנערער טעמע: „1905 — 1917. סימפאָנישער מאָנומענט" (1927). אין 1943 האָט ער געשאַפן דאָס ווערק „אַ סימפאָנישער מאָנומענט דער רויטער אַרמיי". ער איז דער אויטאָר פון „וואַריאַציעס אָף אַ ייִדישער פאָלקס-טעמע" (1916), „דעם אָנדענק פון אונדזערע אומגעקומענע קינדער" (1943), פון אַ ציקל זינגלידער אונטערן נאָמען „דערציילונג וועגן דעם גאָלן מאָטעלע" (1926 — 1929). ער האָט אָנגעשריבן בעערעך 50 ראָמאַנסן און



מוזיק צו פאַרשיידענע ספּעקטאַקלען, דערונטער צו גאָגאָלס קאָמעדיע „דער רעוויזאָר" (1926).

מ. גנעסין איז דער אויטאָר פונעם פונדאַמענטאַלן לערנבוך „אָנפאַנג-קורס פון פּראַקטישער קאָמפּאָזיציע" (מאָסקווע — לענינגראַד, 1941, צווייטע אויסגעבעסערטע און דערגאַנצטע אופלאַגע — 1962), פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג „וועגן דעם רוסישן סימפאָניזם" (זשורנאַל „סאָוועטסקאַיאַ מוזיקאַ", 1948, נומ. 6; 1949, נומ. 3; 1950, נומ. 1). אין 1956 איז אין מאָסקווע דערשינען זײַן בוך „געדאַנקען און דערינערונגען וועגן נ. א. רימסקי-קאָרסאַקאָוון".

מיכאַיל פאַביאַנאָוויטש גנעסין איז געשטאָרבן דעם 5 מײַ 1957 אין מאָסקווע.

צוריק מיט 85 יאָר, דעם 20 יאַנוואַר 1888, איז אין פאַלעשטי (בעסאַראַביע) געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער און ליטעראַטור-קריטיקער י.-ב. ציפּויר (ייִצכאָק שטערקמאַן).

ווען ער איז געווען נאָך אַ קינד, זײַנען זײַנע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריזש. שרײַבן האָט ער אָנגעהויבן אין 1908, דעביוטירט אין פראַנצויזיש. אין 1912 פאַרלאָזט ער פּאַריזש און באַזעצט זיך אין וואַרשע, ווו אונטער דער ווירקונג פון י.-ל. פּערעצן הייבט ער אָן שרײַבן אין ייִדיש. מיט י.-ל. פּערעצעס הילף פאַרעפנטלעכט ער זײַן מיסטעריע „די שכינע אין גאָלעס" (וואַרשע, גיטלין-פאַרלאַג, 1913). די פּיעסע איז געבויט אָף דער לעגענדע וועגן דעם פּרווו פון יוסעף דילאָ רייינאָ אַראָפּצוברענגען מאָשיעכן פאַר דער צײַט.

אין אַ בוכפאָרם זײַנען אויך אַרויס ציפּוירס דראַמאַטישע פּאָעמעס „אין באָוול" (אַ נײַע אינ-

טערפּרעטאציע פון די ביבלישע נעוווּכאדנעצאר־לעגענדעס; ווארשע, פארלאג „די צײַט“, 1922); „בא די טויערן“ (א דראמאטישע לעגענדע אף דער זעלבער טעמע, ווי „די שכינע אין גאָלעס“; ווארשע, פארלאג „אלט־יונג“, 1923). ציפּויר האָט אָנגעשריבן א ריי קינדער־פּיעסן („נאכעס פון קינדער“, „דער ליגנער“ — ביידע דערשינען אין פארלאג „אלט־יונג“ אין 1922).

י. ציפּויר איז דער אווטאָר פון די דראמעס „דער פוקס“ (וועגן דעם לעבן פון די ייִדישע עמיגראנטן אין פאריזש), „נײַע דוירעס“ (וועגן די קאָנפליקטן צווישן דעם אלטן און נײַעם דאָר), פונעם ראָמאן „דער זיווּעג“, אויך פון א בוך קריטישע ארטיקלען „יונגע ייִדישע דיכטער אין שײַן פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאפט“.

די לעצטע יאָרן האָט י. ציפּויר געוווינט אין בריסעל. בײַס דער היטלעריסטישער אָקופּאציע האָבן די עסעסאָווצעס אים דעפּאָרטירט אין איינעם פון די טויט־לאגערן, ווּ ער איז אומגעקומען.

א וועטעראן פון דער ייִדישער סאָוועטישער בינע

דער ייִדישער סאָוועטישער אקטיאָר ייִצכאָק קיפּער איז אלט געוואָרן 75 יאָר. פון זיי האָט ער 35 יאָר אָפּגעגעבן דעם טעאטער.

אלעקסייען אין דער „אָפּטימיסטישער טראגעדיע“, האָצמאכן אין גאָלדפאדענס „די קישעפמאכערן“, מוישע־מענדלען אין שאָלעם־אלייכעמס „סטעמפּעניו“, מאָטיען אין מארקישעס „אָוואדיס“, דעם אַפּטייקער אָמע אין פלאָבערס „מאדאם באָווארי“, גרעגוארן פון גאָרדינס „קרייצער־סאָנאטע“ און נאָך און נאָך רײַכע טעאטראלע געשטאלטן האָט י. קיפּער געשאפן אף דער ייִדישער בינע. א גרויסן שוישפּילערישן דערפאָלג דערגרייכט ער אין דער ראָל פון יעקל באדכן אין „פריילעכס“.

אָט וואָס מיר לייענען וועגן קיפּערס יעקל באדכן אין פינפטן באנד פון דער „געשיכטע פון סאָוועטישן דראמאטישן טעאטער“, אין אָפּטייל „ייִדישער טעאטער“: „די פאָרשטעלונג „פריילעכס“ (רעזשי עפראַים לויטער, קאָמפּאָזיטאָר לייב פולווער), געלייזט אין שטייגערישע אינטאָנאציעס, האָט פארמאָגט ראָמאנטישע דערהויבנקײַט. צומבעסטן האָט זיך דאָרט אויסגעצייכנט דער אקטיאָר י. קיפּער אין דער ראָל פון יעקלען“. ל. קוויטקאָ (וואָס האָט צו יענער צײַט געוווילט אין טאשקענט. — מ. ג.) האָט געשריבן אין טאשקענטער „פראוודא וואָסטאָקא“ דעם 12 יאנוואר 1947: „אין געשטאלט, וואָס קיפּער האָט געשאפן, האָבן זיך, ווי אין א פּריזמע, קאָנצענטרירט אלע שטריכן פון פאָלק: מונטערקײַט, לעבנסליבע, גלויבן אין ליכטיקער צוקונפט, ניט געקוקט אף אלע ניסיוינעס“.

אין מעשעך פון 11 יאָר האָט י. קיפּער געארבעט אין טאשקענטער רעפּובליקאנישן ליאלקעטעאטער אלס אקטיאָר פון ערשטער קאטעגאָריע.

די לעצטע יאָרן איז קיפּער אף פענסיע, פירט אָן מיט אייניקע דראמאטישע קרײַזלעך אין טאשקענט און איז געזעלשאפטלעך

אקטיוו אין דער וועטעראנען־סעקציע בא דער „אוזבעקישער טעאטער־געזעלשאפט“.

זײַנע פרײַנט און פארערער ווינטשן דעם באַל־יוּוויל געזונט און אריכאס־יאָמים.

מענדל גאָלדמאן

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ВНИМАНИЮ ЧИТАТЕЛЕЙ

«Беседы» по еврейскому языку, печатавшиеся в номерах нашего журнала за годы 1969—1971, по сути, представляли собой первую ступень элементарного курса языка идиш.

Начиная с этого номера будет печататься своего рода **практикум** по еврейскому языку, имеющий своей целью: во-первых, закрепление и дальнейшее расширение навыков в чтении и правильном осмысливании еврейских литературных текстов; во-вторых, развитие устной и письменной еврейской речи читателя, самостоятельно изучающего идиш, посредством **тематических** материалов, диалогов, вопросов и ответов, а также соответствующих упражнений; в-третьих, углубление теоретических познаний читателей в области еврейской грамматики, лексики и особенно фразеологии. Попутно будут даваться необходимые сведения и по еврейской орфографии.

Тема I. Где мы живем и работаем?

Прочтите и устно переведите на русский язык:

טעקסט נומ. 1.

דער זיידע דערציילט וועגן זיך

איך בין שוין איצט א טיפער זאָקן. מײַנע זין, טעכטער, זייערע קינדער און אייניקלעך לעבן אין פארשיידענע שטעט פון אונדזער ריזיקן לאנד. איין טאָכטער מײַנע, די סאמע עלטסטע, וווינט אין דער הויפטשטאָט פונעם ראטנפארבאנד — אין מאָסקווע. מײַן אלטיטשקע איז מיר אָפגעשטאָרבן באלד נאָך דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, און איך, אן אלמען, וווין איצט אינײנעם מיט דער דאָזיקער טאָכטער מײַנער און מיט דער פאמיליע פונעם איינציקן זון אירן — דעם עלטסטן פון מײַנע אייניקלעך.

אין אונדזער דרײַצימערדיקער ווױנונג זײַנען מיר זעקס פארשוין: איך, די טאָכטער מיט איר מאן (מיט מײַן איידעם), זייער זון מיט זײַן יונגער פרוי און זייער אייניקל (מײַן אור־אייניקל) — א שילער פונעם צווייטן קלאס.

די טאָכטער איז היפש יאָרן געווען א ביבליִאָטעקערן; איצט איז זי שוין א פענסיִאָנערקע. דער איידעם ארבעט נאָך; ער איז הויפט־בוכהאלטער אין א לעדער־פאבריק. מײַן אייניקל, זייער זון, איז א טאקסי־שאָפער; זײַן פרוי, זייער שנור, איז א לערערן אין די ייִנגערע קלאסן פון א מיטלשול. טאקע אין דער דאָזיקער שול איז א שילער מײַן אור־אייניקל, דער צווייטקלאסניק.

איך גופע האָב אָפגעארבעט גאנצע פערציק יאָר אין ניי־ווארשטאטן, פריִער ווי א צושנײַדער; שפעטער, די לעצטע אכט יאָר, בין איך געווען א דירעקטאָר פון א מאָדע־אטעליע. איצט בין איך א פענסיִאָנער.

איך און מײַן טאָכטער פירן די באלעבאטישקײַט פון דער גאנצער פאמיליע.

Слова и словосочетания:

1) **זאָקן** מ (זקיינים); 2) **ריזיקער**; 3) **הויפטשטאָט** וו (הויפטשטעט); 4) **ראטנפארבאנד**; 5) **די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע**; 6) **אלמען** מ ־ס; 7) **זעקס פארשוין**; 8) **היפש יאָרן**; 9) **לעדער־פאבריק** וו ־ן; 10) **איך גופע**; 11) **ניי־ווארשטאט** מ ־ן; 12) **צושנײַדער** מ ־; 13) **באלעבאטישקײַט** וו.

Их перевод:

1) Старик; 2) гигантский, огромный (**ריז** — великан); 3) столица; 4) Советский Союз; 5) Великая Отечественная война; 6) вдовец; 7) шесть человек (**פארשוין** — персона, лицо, особа); 8) многие годы, долгое время (**היפש** — порядочно); 9) кожевенная фабрика (**לעדער** — кожа); 10) сам я; 11) пошивочная мастерская; 12) закройщик; 13) хозяйство (**באלעבאָס** — хозяин, **באלעבאטים** — хозяева).

Упражнения.

1) Вместо вопросительного знака выпишите правильную форму единственного или множественного числа по данным образцам:

а) שוך (туфля) — שיך; שנור (невестка) — ?; קו — ?; הונט — ?; ? — זין; ? — ברידער; ? — פיס.

б) טאָג — טעג; ? — טעכטער; ? — שטעט; קאָפּ — ?; פאָדעם (нить) — ?; פראָסט (мороз) — ?; נאָגל (ноготь) — ?; נאָמען — ?;

в) קינד — קינדער; בילד (картина) — ?; באָרד — ?; וואָרעם (червь) — ?; האנטעך (полотенце) — ?; טישטעך (скатерть) — ?; ביין (кость) — ?; ? — קליידער; קערן (зерно) — ?; ברעט — ?

г) בלאט (лист) — בלעטער; לאנד — ?; דאך — ?; האלדז — ?; פלאץ (площадь) — ?; הארץ — ?; פאס (бочка) — ?

д) גאס — גאסן; פאבריק — ?; העפט (тетрадь) — ?; צווײַג (ветвь) — ?; שנור (шнур) — ?; שול — ?

е) אידיי — אידייען; פרוי — ?; אטעליע — ?; ביוראָ — ?

2) Образуйте формы сравнительной и превосходной степени — по образцу:

קלוגער — קליגערער — דער (סאמע) קליגסטער; געזונטער — ? — ?; קורצער — ? — ?; יונגער — ייִנגערער — ?

Переведите устно на русский язык:

דער זיידע דערציילט וועגן זיך (העמשעך)[1]

טעקסט נום. 2.

בין איך איצט, הייסט עס, א מאָסקווער אײַנוווינער. איך בין אָבער ניט קיין הי־געבוי־רענער.

ביזן עלטער פון נײַנצן יאָר האָב איך געלעבט אין א קליין שטעטל באַם דאָרעם־בוג, אין פּאָדאָליע, אין דער איצטיקער ווינניצער געגנט. יאַנאָוו — אזא איז געווען דער נאָמען פון מײַן היימשטעטל. דאָרט האָבן געלעבט מײַנע עלטערן, זיידעס און עלטערזיידעס אין מעשעך פון לאַנגע דוירעס. דאָס איז געווען א טיפּיש שטעטל פונעם אמאָליקן טכום־האַמויי־שעוו. אכט קינדער זײַנען מיר געווען באַם טאַטן דעם קירזשנער — פינף זין און דרײַ טעכ־טער, עלטער איינס פונעם אנדערן אף אָנדערהאַלבן — צוויי יאָר. דעם טאַטנס פּאַרדינסטן האָבן קוים געקלעקט אפן טרוקענעם שטיקל ברויט פאַר אזא היפּש געזינדל.

איך בין געווען דער בכאָר אין דער פאַמיליע. קוים אויסגעלערנט זיך אין דער שטעטל־שער טאַלמעד־טוירע ווי־ניט־איז לייענען און שרײַבן, האָב איך געמוזט גיין פאַר א לערן־ייִנגל צו א שנײַדער. ס'איז אָבער מיר ניט אויסגעקומען לאַנג זיך האַלטן בא מײַן באַלעבאָס: ס'האָט אויסגעבראָכן די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, און בא אונדז אין שטעטל, פּונקט ווי אין גאַנץ אוקראַיִנע, האָט געפלאַקערט דער בירגערקריג. אין מעשעך פון צוויי יאָר (1918—1919) האָט זיך בא אונדז פיל מאָל געביטן די מאַכט. א שטיק צײַט האָבן באַלעבאַטעוועט די פּעטליוראָווצעס און פאַרשיידנסטע אַטאַמאַנען. זיי האָבן געמאַכט בלוטיקע פּאָגראָמען. ס'איז אומגעקומען מײַן פאָטער און באַלד נאָך אים מײַן ייִנגער זיבעצניאָריק ברידערל, און דעמלט בין איך פרײַוויליק ארײַנגעטראָטן אין די רייען פון דער רויטער ארמיי.

ערשט אין 1924 יאָר בין איך דעמאָביליזירט געוואָרן, געאַרבעט שנײַדערײַ אין פאַרשיי־דענע געגנטלעכע צענטערס, צוזאַמען מיט מײַן אַלטיטשקער אופגעצויגן און געבראַכט צו לײַט פיר זין און דרײַ טעכטער, און שוין ווי א פּענסיאָנער האָב איך זיך באַזעצט אין מאָס־קווע אין דער ווױנונג פון מײַן טאָכטער.

[1] Продолжение.

(Слова и их перевод — в следующем номере)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.
Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк
Корректор И. Гегерман

Подписано к печати 14/XII 1972 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 1877.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
Главполиграфпрома Государственного Комитета Совета Министров СССР
по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 1

1 9 7 3

В НОМЕРЕ:

Публицистика. Наша родина — Советский Союз (письма, выдержки из статей и репортажей о положении евреев, выехавших в Израиль).

М. Лифшиц. Автобиографическая поэма.

Х. Меламуд. Горе и радость (роман).

Ш. Персов. Пути-дороги (пьеса).

Стихи И. Боруховича, Г. Релеса, Х. Бейдера, Х. Вайнермана.

О. Туманов. Три новеллы.

Б. Гальперин. Моя родословная.

М. Поляновский. Встречи с интересными людьми.

Слово наших аргентинских друзей. Статьи и стихи Ц. Блица, И. Гольдберга, М. Зокина.

Литературная критика. Вопросы искусства. Библиография.

А. Раскин. Х.-Н. Бялик в его письмах и беседах.

Разное, хроника, заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.